STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00771

VOS ARBETORINS DERTSEYLN

Permanent preservation of this book was made possible
by Jerome R. & Joan Jakubovitz
in honor of
the Gantse Mishpokhe

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פיאָנערין־פרויען־אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע / אַרבעטאָרינס־ראַט ביי דער
אַלגעמיינער אידישער אַרבעטער אָרגאַניזאַציע אין ארץ־ישראל

וואָס אַרבעטאָרינס דערציילן

א ארץ־ישראל בוך

צוזאמענגעשטעלט פון

רחל כצנעלסאָן־רובאַשאָוו

THE WOMAN WORKER SPEAKS

Collected writings of Jewish Women Workers in Palestine

PUBLISHED BY THE PIONEER WOMEN'S ORGANIZATION / 1133 BRODWAY, NEW-YORK, N. Y.

תל־אביב 1931

All rights reserved by
Pioneer Women's Organization, New-York N. Y.

Printed in Eretz-Israel 1931

Printed in Palestine

דפוס קואופרטיבי «אחדות» בע״מ – תל־אביב, ארץ־ישראל

אינהאלט:

רחל כצנעלסאן־רובאשאוו / פארווארט . . . . I—III

I אין אנהויב

מאניע שוחט / דער קאלעקטיוו 3
תחיה ליבערזאן / די ערשטע יארן 10
שפרה בצר / אין סעדזשערא 13
חיה שרה חנקין / די אידישע וואך 15
אסתר בעקער / באזעצט מרחביה 20
צפורה זייד / מיט די שומרים אין גליל 25
דבורה דיין / מיין עליה אין ארץ ישראל 33
ד. אברהמית / ווען איך בין געקומען 38
רבקה דנית / מיט א קבוצה פון פאסטוכער 43
יהודית איידלמאן / פון יהודה קיין שומרון 46
ב. ב. / ווי איך בין געווארן אן ארבעטארין 52

II מיטן כלל

יעל גארדאן / „די קבוצה פון צוואנציק" 79
חנה טשיזשיק / אין גירוש 83
פרידא / אין די טעג פון חאסאן־בעק 89
נחמה זיצער / א מעת־לעת 93
ח. כ. / מיט א. ד. גארדאן 100
ר. כ. / א ווארט צו די לעגיאנערן 101
יהודית בראנטמאן / הינטערן פראנט 104
יוכבד בת־רחל / א פארשטערטער יום־טוב 107
ד. א. / אין דעם ארבעטער־קלוב 109
מלכה / דער שטרייק אין עכו 111
כרמלה / דער שטרייק אין זכרון־יעקב 114
רבקה / אין קאמף פאר ארבעט אין פתח־תקוה 117
שרה / דער חורבן פון דער חבורה ביי חיפה 119

III ביי דער ארבעט

רחל ינאית / שטאפלען 127
ליליא באסעוויטש / אין דער קבוצה 135
שושנה רעכטהאנט־יפה / די פרוי אין מושב־עובדים 139
ד. ד. / אין נהלל 145
מרים שלימאוויטש / דער משק הפועלות אין נחלת־יהודה 147
טובה יפה / די טאבאק־קבוצה 151
צפורה אברונין / אויף א נייעם פלאץ 158
מ. ש. / ווי אזוי זיינען אויסגעוואקסן די חבורות? 160
רבקה ברויזמאן / די חבורת הפועלות אין פתח־תקוה 163
טובה יפה / ווי אזוי איך האב זיך אויסגעלערנט שלייפן שטיינער . . . 166
תחיה / ביי דער בוי־ארבעט 167
חנה / די „זעלבשטענדיגע" פרוי 171
צפורה בר־דרומא / „די פרוי פון א חבר" 173

IV מיטן קינד

גינא ריכטער / די פראבלעמען פון געמיינזאמער קינדער ערציהונג . . 179
עווא טאבענקין / דאס קינד און די געמיינזאמע ערציהונג 186
פרומקע / די ערציערין אין קיבוץ 190
א. ט. / דער קינדער־אנשטאלט און דער עלטערן־צימער 193
חסיה / א שמועס פון מאמעס 194
רחל קרן־צבי / די ארבעטנדע מוטער אין דער קאלאניע 196
נעמי טריסקער / דער ערשטער קינדערהיים אין תל־אביב 198
ג. מ. / פרעמדע מאמעס 199

V אוועקגעגאנגענע

ר. / שושנה באָגען 205
שושנה באגען / נאטיצן 208
ר. כ. / צו די ווערטער פון שושנה 223

חיה און אליעזר / דבורה דראכלער 224
צפורה זייד / דבורה 228

צפורה / שרה טשיזשיק 233
שרה טשיזשיק / פון טאג־בוך און בריוו 235

יעל גארדאן / פעסי אברמזאן 242
רחל / מיט פעסי אברמזאן 246
פעסי אברמזאן / בריוו 247

י. בן־צבי / שרה לישאנסקי 260
א שוועסטער / ערינערונגען 263
זלמן / שרה׳ם שטעטל 274
ר. כּ. / וועגן שרה לישאנסקים בריוו 279

לא־נוחם / רחל זיסלע 281
בתיה / רחלים טויט 286
עווא טאבענקין / די ליכטיגע 286
רחל זיסלע־לעווקאוויטש / בריוו 288

VI אין דער ליטעראטור

פארבאמערקונג 299
רחל / לידער:
נעכטיגע טעג; אפשר איז די גאנצע זאך א ליגן; אין גארטן;
נעם מיין האנט; קראנקערהייט; בייטאג און ביינאכט; עקרה;
מיין לאנד 301
דבורה באראָן / די גניזה 309
רחל כּצנעלסאָן / פון שפראך צו שפראך 319

VII פאר זיך

פון בריוו און טאגביכער: I—XVI 333

רחל ינאית / די פיאנערין־פרויען־ארגאניזאציע אין אמעריקע 366
רחל בלאוושטיין 371

בילדער

כפר גלעדי 33
דגניה אינם ערשטן גרינדונגס יאר 37
אווינקל אין היינטיגער דגניה 105
עין־חרוד׳ער קינדערהיים אין שטאל 121
דער ערשטער טאג אויף אייגענעם באדן 129
אויף א הויף אין נהלל 145
ביי די קי 149
ביים שפאנען 161
ביי שאסיי־ארבעט 169
קינדער אין ים כנרת 185
עין־חרוד׳ער קינדער 193
אינם קינדערהיים פון תל־אביב 196
אינם קינדערהיים פון חדרה 197
שושנה באגען 205
דבורה דראכלער 225
שרה טשיזשיק 233
פעסי אברמזאן 243
שרה לישאנסקי 261
רחל זיסלע־לעווקאוויטש 281
רחל בלאושטיין 371

* * *

זייט יאָרן פילט די אַרבעטאָרין אין ארץ ישראל אַ באַדערפעניש אין אַ שריפטלאכן אויסדרוק פון איר לעבן און שאַפן. און אַז דער ראַט פון דער אַרבעטאָרין־באַוועגונג – די מועצת הפועלות – האָט געפאַסט אין יאָר 1928 דעם באַשלוס אַרויסצוגעבן דעם קאָלעקטיוון בוך „דִבְרֵי פּוֹעֲלוֹת", האָט ער דערביי געהאַט פאַרשידענע כּוָנות: טיפער דערקענען און ריכטיגער אָפּשאַצן דאָס לעבן פון דער אַרבעטנדער פרוי אין ארץ ישראל; פאַרהיטן, עס זאָלן ניט פאַרלאָרן ווערן זכרונות וועגן די היסטאָרישע איבערלעבונגען פונם ישוב; דערנענטערן אונזער יוגנט־באַוועגונג אין ארץ ישראל און אין אויסלאַנד צו יענעם פּרק פון דער ארץ־ישראל׳דיגער אַרבעטער־געשיכטע, וואָס הייסט די צווייטע און די דריטע עליה (1904–1924). מיר האָבן אויך געגלויבט, אַז אַ זאַמלונג פון טרייע לעבנס־דאָקומענטן, געשריבן דורך דער פרוי אַליין, וועט קלאָרער מאַכן פאַר יעדערער פון אונז אירע אייגענע פּראָבלעמען.

פאַר די אַלע צילן איז נויטיג געווען ניט דער אַבסטראַקטער אַרטיקל וואָס באַהאַנדלט די פרויען־פראַגע, נאָר די פּערזענלאַכע ערפאַרונג פונם לעבעדיגן מענטשן. קרוב צו זעכציק חבר׳טעס, וואָס אַרבעטן כמעט אַלע ביי דער לאַנדווירטשאַפט – אין די קבוצות, קיבוצים און מושבי עובדים, אין די משקי פועלות און חבורות הפועלות – האָבן אָנטייל גענומען אינם בוך.

די גיכע פאַרשפּרייטונג פונם ספר „דברי פועלות" און די אויפנאַמע וואָס דער בוך האָט באַקומען, האָט עדות געזאָגט אַז דער וועג פון זיין צוזאַמענשטעלונג איז געווען אַ ריכטיגער.

די פּיאָנערין־פרויען־אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע, וואָס אַרבעט אינם איינגסטן קאָנטאַקט מיט דער מועצת הפועלות אין א״י, האָט גלייך נאָכן ערשיינען פון „דברי פועלות" באַשלאָסן אַרויסצוגעבן עס אין אידיש.

אַרויסגעבנדיג דעם בוך פון דער ארץ־ישראל׳דיגער אַרבעטער־פרוי אין אידיש, איז די פּיאָנערין־פרויען־אָרגאַניזאַציע געווען אויסן צו עפענען פאַר אירע חבר׳טעס און פאַר דער גאַנצער אידישער לעזער־וועלט דעם

עכטן מקור פאַר אַ טיפערער, אינערלאַכערער פאַרשטענדעניש פון דער ארץ־ישראל׳דיגער אַרבעטאָרין און פונם ארץ ישראל׳דיגן לעבן בכלל. און זי האָט ניט געשפּאָרט קיין מי און אָנשטרענגונג ביז דער בוך „וואָס אַרבעטאָרינס דערציילן" איז פאַרטיג געוואָרן.

דער פאַרשידנאַרטיגער מאַטעריאַל פונם ספר איז געאָרדנט לויט די הויפּט־פּראָבלעמען.

אין דער אָפּטיילונג „אין אָנהויב" דערציילן די חבר׳טעס וועגן דעם ערשטן יאָרצענדליג פון דער צווייטער עליה (1904—1914) — וועגן די פריידן אוןליידן פון דער ניט־געוואוינטער פיזישער אַרבעט, וועגן דעם טיפן אייַנדרוק וואָס עס האָבן געמאַכט די נייע לעבנספאָרמען, די נייע נאַטור, די ניי־געפונענע היימלאַנד, וועגן דער באַזונדער שווערער מלחמה פון דער פרוי פאַר דער מעגלאַכקייט אָנטייל צונעמען אין דער שאַפונגס־אַרבעט.

אין „מיטן כלל" קומט צום אויסדרוק די ארץ־ישראל׳דיגע פאַרבונדנקייט צווישן יחיד און געזעלשאַפט, די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער אַרבעטאָרין אין דער באַוועגונג, די מסירת נפש אירע, די זעלבסטפאַרשטענדלאַכקייט פונם קרבן, דער מוט וואָס ענטפּלעקט זיך בשעת אַן ערנסטער געפאַר פאַרן כלל.

די אָפּטיילונג „ביי דער אַרבעט" איז געווידמעט דער פרויען־אַרבעט און אירע ווירטשאַפטלאַכע און געזעלשאַפטלאַכע דערגרייכונגען און באַדערפעניש: דעם קאַמף פון דער אַרבעטאָרין פאַר אַ פּלאַץ אין דער פּראָדוקציע, דער עראָבערונג פון נייע פאַכן, דער שאַפונג פון אייגענע פרויען־ווירטשאַפטן — די משקי פועלות און די חבורות הפועלות. די אָנגעווייטאָגטע פראַגע פון דער אַרבעטנדער פאַמיליע — פונם אַרבעטערס פרוי און פון דער אַרבעטנדער מוטער, ווערט באַרירט אויסער אין „ביי דער אַרבעט" אויך אין די אָפּטיילונגען — „מיטן קינד" און „פאַר זיך".

דער ערציהונגס־אַרבעט איז געווידמעט די אָפּטיילונג „מיטן קינד". מיר זיינען ניט אויסן געווען צו באַהאַנדלען די ערציהונגס־פראַגן בכלל, מיר האָבן אָבער געוואָלט קודם כל געבען אַן אויסדרוק פאַר די פּראָבלעמען פון דער וויכטיגסטער ערשיינונג אין דער ארץ־ישראל׳דיגער אַרבעטער־קולטור — פאַר דער קאָלעקטיווער קינדער־ערציהונג אין די קבוצות און קיבוצים. אויך דאָ איז אַלץ געשריבן דורך די באַטייליגטע אַליין — דורך מוטערס און ערציערינס.

אַריינגעמענדיג אין דער אידישער אויסגאַבע די אָפּטיילונג „אין דער ליטעראַטור" האָבן מיר ניט נאָר אויסן געווען צו געבן אַ רייכערן באַגריף

איבער דער גייסטיגער שאַפונג פון דער פרוי; אַזוי ווי צוגעבנדיג אַ סך נייעם ביאָגראַפישן מאַטעריאַל צו דער אָפּטיילונג „אַוועקגעגאַנגענע", האָבן מיר ניט נאָר געוואָלט באַערן דעם אָנדענקען פון געפאַלענע חבר'טעס. אונזער ציל איז אויך געווען — אויפצושטעלן בולט'ער די אָרגאַנישע פאַרבינדונג צווישן דעם וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין ארץ־ישראל און צווישן דעם פריערדיגן לעבן פון די זעלבע מענטשן, צושטערן די פאַרשפּרייטע ניט־ריכטיגע באַציהונג צו דעם ארץ־ישראל'דיגן לעבן ווי צו אַן עקזאָטישער ערשיינונג און פּרובן אויפדעקן די געבענטשטע קוואַלן אין דער אידישער און אין דער אייראָפּעאישער קולטור, וואָס די נייע ארץ־ישראל'דיגע קולטור ציט פון זיי איר יניקה.

און אין אַ געוויסן זין ווי אַ סימוואָל פון הֶמְשֵך, פון קולטורעלער צוזאַמענגעבונדקייט — איז געווען שוין די עֶצֶם איבערזעצונג אויף אידיש: אַזוי ווי מען וואָלט דאָ אומגעקערט אַ חוב איינעם, וועמען מען איז אַ סך שולדיג.

אויף פאַרשידענע וועגן זיינען געזאַמלט געוואָרן די אינטימע שורות פון בריוו און טאָגביכער וואָס זיינען אַריין אין דער אָפּטיילונג „פאַר זיך".

די ערשטע פיר אָפּטיילונגען און די לעצטע, „פאַר זיך" — זיינען איבערזעצט דורך מיר, אַחוץ „ווי אַזוי איך בין געוואָרן אַן אַרבעטאָרין" וואָס האָט איבערזעצט די שריפטשטעלערין רחל פייגענבערג, און אייניגע פּרקים אין דער צווייטער און דריטער אָפּטיילונג, וואָס האָט איבערזעצט ח' ערעס.

די אָפּטיילונגען „אין דער ליטעראַטור" און „די אַוועקגעגאַנגענע" זיינען איבערזעצט דורך ז. רובאַשאָוו, וואָס האָט זיך אויך באַטייליגט מיט מיר צוזאַמען אין דער רעדאַקציע פונם בוך.

רחל כצנעלסאָן־רובאַשאָוו

אין אָנהויב

דער קאָלעקטיוו

(פון מיינע ערינערונגען)

אַז איך בין געקומען צום ערשטן מאָל פון בערלין קיין ארץ־ישראל — דעם צווייטן יאַנואַר 1904 (טבת תרס״ד) — בין איך נאָך ניט געווען קיין ציוניסטין. קיין בערלין בין איך געשיקט געוואָרן פון אַ סאָציאַליסטיש־טעראָריסטישע גרופּע וואָס האָט זיך אָרגאַניזירט אין רוסלאַנד אין יאָר 1903 מיטן צוועק אָפּצורייניגן פון וועג דעם צאַרישן מיניסטער פאָן־פּלעווע. דאָס געלט דערצו האָב איך געקראָגן ביי אַ רייכן אידן אין דייטשלאַנד. כדי צו פאַרדעקן מיינע אמת׳ע פּלענער, בין איך אין בערלין אָנגעקומען אַלס שילערין אין דער האַנדלס־אָקאַדעמיע. אַ האַלבן טאָג האָב איך זיך געלערנט און אַ האַלבן טאָג זיך אָפּגעגעבן מיט דער אַרבעט, צוליב וועלכער איך בין געקומען.

מיין ברודער, נחום ווילבושעוויטש, איז אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל אין 1903־טן יאָר. ער איז דענסטמאָל געווען אַ יונגער אינזשעניער וואָס האָט געחָלומט און געבויט אינדוסטרי־פּלענער פאַר ארץ־ישראל און האָט שוין אפילו געצייכנט די קאַרטע פון אינדוסטרי־צענטרען וועלכע דאַרפן מיט דער צייט באַשאַפן ווערן אין לאַנד.

איך בין אלט געווען פיר און צוואַנציק יאָר און ער — דריי און צוואַנציק.

איינמאָל, בעת מיר האָבן איבערגעלעבט אַ שווערן קריזיס אין אונזער בערלינער אַרבעט, איז אונז צו הילף געקומען מיין ברודער נחום. כדי צו ראַטעווען אונז האָט ער געמוזט ברייננגען אַ גרויסן גייסטיגן קרבן און אַלס דאַנק דערפאַר האָב איך אים צוגעזאָגט, אַז אין יעדן מאָמענט ווען ער וועט מיך אַרויסרופן וועל איך צו אים קומען.

דערווייל זיינען מיינע ביידע חברים — די ס.־ר.׳ן ניקאָליי און סערגיי — געזעסן אין פּעטערבורג און געזוכט מעגלאַכקייטן ווי אזוי אויסצופירן זייער טעראָריסטישן פּלאַן.

פלוצלינג באַקום איך אַ טעלעגראַמע פון נחום'ען פון ארץ־ישראל, אז ס'האָט אים געטראָפן אַ גרויסער אומגליק און אַז ער רופט מיך צו זיך.

בין איך געקומען צו אים קיין ארץ־ישראל. ערשט זייענדיק דאָ האָב איך זיך דערוואוסט אז ס'האָט זיך מיט אים גאָרנישט געטראָפן און אַז ער האָט עס געשיקט די טעלעגראַמע מיט אַ כּיוון כּדי צו צונעמען מיך פון בערלין — פון מיין געפערלאַכער ארבעט. כ'האָב געוואָלט גלייך פאָרן צוריק, איז אָבער מיין שיף שוין אַוועק פון יפו. אין צוויי חדשים ארום האָב איך באַקומען אַ ידיעה אַז ניקאָלייען און סערגייען האָט מעןביידן געכאַפּט און זיי ביידן געשאָסן. אַ פאַרשטיינערטע בין איך געבליבן פון דעם אומגליק. מיט יאָרן שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דאָס האָט זיי געמסרט דער באַרימטער פּראָוואָקאַטאָר אַזעף.

כּדי צו פאַרטרייבן מיין טרויער האָט מיין ברודער מיך איינגעלאַדן מאַכן צוזאַמען מיט אים רייטנדיק אַ נסיעה איבערן לאַנד צוליב וויסנשאַפטלאַכע צוועקן. כ'האָב גלייך מסכּים געווען, ווייל איך האָב שוין סיי ווי פאַרלאָרן די האָפנונג אומצוקערן זיך צו מיין פריערדיגער אַרבעט.

אונזער וועג־ווייזער איז געווען מענדל חנקין, יהושע חנקינס ברודער. מיט אונז צוזאַמען איז געפאָרן נאָך אַ מיידל — זוועניגראָדסקי, זי האָט געבראַכט פון רוסלאַנד די קישינעווער יתומים און האָט געהאָלפן בעלקינדן איינאָרדנען פאַר זיי די יתומים־שולע אין ארץ־ישראל. זי איז געווען אַ שיינע, ענערגישע מיידל און האָט ניט געוואוסט, וואָס הייסט מורא האָבן.

מיר פלעגן רייטן צען שעה אַ טאָג און בייטן אויפן וועג די פערד. אזוי האָבן מיר דורכגעשניטן דעם גאנצן אַראַבישן ישוב — פון דן ביז באר־שבע, און האָבן אויך באַזוכט דעם עבר הירדן. דער שפּאַציר אונזערער האָט געדויערט זעקס וואָכן. דערנסטמאָל האָב איך זיך צוגעבונדן צום לאַנד מיט אַ שטאַרקער, אומגעווינלאַכער ליבע, אַ ליבע וואָס פילט אָן דאָס האַרץ, דעם מוח און אַלע געפילן פונם מענטשן. און אָט די ליבע איז ביי מיר געבליבן אויפן גאַנצן לעבן, אַזוי ווי ס'וואָלט באַנייט געוואָרן צווישן מיר מיטן לאַנד דער אַלטער בונד פון צוויי טויזנט יאָר.

העברעאיש האָב איך געקענט נאָך פון קינדוייס. מיינע ברידער זיינען געווען ציוניסטן. ביז פופצן יאָר האָב איך געלערנט די שפּראַך, תנ"ך און תלמוד, כ'האָב אויך געלייענט העברעאישע ביכער. און הגם כ'האָב זיך שפּעטער דערווייטערט פון דעם — פונדעסטוועגן, ווען כ'בין געקומען קיין ארץ־ישראל האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז כ'קען די שפּראַך.

פרילינג 1904 האָב איך זיך באַקענט מיט יחזקאל חנקינס קבוצה אין רחובות. דעמאָלט האָב איך באַשלאָסן קלאָר מאַכן זיך אַליין, וואָס באַטייט דאָס נייע לאַנד פאַר מיר. מיין פּלאַן איז געווען — ארומפאָרן איבער די אידישע קאָלאָניעס און דורכפירן דאָרטן אַווירטשאַפטלאַכע סטאַטיסטיק. אַ יאָר צייט בין איך געווען פאַרנומען מיט מיין פאָרשונגס־ארבעט. איך האָב אויסגעאַרבעט פראַגע־בויגנס וועגן דער לאגע פון די קאָלאָניסטן־ווירטשאַפטן, וועגן זייערע הכנסות און זייערע אַראַבישע אַרבעטער. אַלס אויסנאַם האָב איך געפונען איינצעלנע קאָלאָניסטן, יחידי סגולה, וואָס האָבן אַליין געפירט די סטאַטיסטיק פון זייער ווירטשאַפט. אויף אַזאַ אופן האָב איך זיך באַקאַנט מיט דער ערשטער עליה, און דער סך־הכל וואָס כ׳האָב אונ־טערגעפירט אונטער מיין אַרבעט איז געווען: מיינע חברים — די אַרבעטער — זיינען משוגע. דאָ וועט קיינמאָל אין לעבן ניט באַשאַפן ווערן קיין אידישער לאַנדווירטשאַפטלאַכער פּראָלעטאַריאַט!

די אידישע אַרבעטער האָבן דאַן געאַרבעט אין פּתח־תקוה ווי די אַראַ־בער — פאַר פינף פּיאַסטער אַ טאָג. זיי האָבן געהאַלטן אַז אַלס ציוניסטן טאָרן זיי גאָר ניט פאַרלאַנגען קיין גרעסערן לוין. אין אַ קליין צימערל האָבן זיי געלעבט זאַלבעאַכט, און געשלאָפן איז מען אויף דער ערד. ווען כ׳האָב זיי געזאָגט אַז זיי דאַרפן פאָדערן פון דער קאָלאָניע וואוינונגען און הייזער פאַר זייערע געזעלשאַפטלאַכע אַנשטאַלטן — האָבן זיי מיר געענטפערט, אַז דאָס איז פילאַנטראָפּיע... זיי האָבן ניט געוואָלט אָננעמען קיין שום גע־זעלשאַפטלאַכע הילף, ווייל „דאָס איז נאָר אַ נייע פאָרם פון חלוקה״.

די פּתח־תקוה׳ער אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן צו לעבן אין אַ קאָמונע אויס נויט, ווייל זיי האָבן קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט. זייער קאָמונע איז שוין געווען די צווייטע אין לאַנד — די ערשטע איז געווען חנקינס קאָ־מונע אין רחובות.

איך אליין האָב שוין געפּרובט אַ מאָל לעבן אין אַ קאָמונע — אין מינסק. די מינסקער בעלי־בתים און אינטעליגענץ האָבן אונז מחרים געווען. מיר האָבן געוואָלט אָרגאַניזירן די אַרבעטער אָן דער הילף פון דער אינטעליגענץ און האָבן געשאַפן אַן אַרבעטער־קאָמונע. געלעבט האָבן מיר קאַרג און אָרעם, דער גאַנצער ביודזשעט אונזערער איז באַשטאַנען פון דריי ביז פינף קאָפּיקעס אַ טאָג אויף אַ מענטשן. דאָס פאַרדינסט האָבן אַלע אַריינגעטראָגן אין דער קאָמונאַלער קאַסע. לעבנדיג אין דער קאָמונע האָב איך פאַרשטאַנען אַז זי גיט דעם פּראָלעטאַריאַט די מיטלען פאַר זיין קאַמף.

דאָס לעבן אין דער מינסקער קאָמונע האָט מיך צוגעגרייט צום קאָלעקטיוון לעבן אין ארץ־ישראל.

קומענדיג אין לאַנד האָב איך געטראָפן נאָך די חברים פון „פּוֹעֲלֵי־צִיוֹן". ערשט אין אַ יאָר אַרום האָט זיך פון זיי אָפּגעשפּאָלטן דער „הַפּוֹעֵל הַצָעִיר" — אליעזר שוחט׳ס גרופּע. אַריינגיין אין דער פּאַרטיי האָב איך ניט געוואָלט. איך האָב געהאַלטן די פּועלי־ציון פאַר רעכטע און פאַר אוטאָפּיסטן, און ביי זיי אין די אויגן איז מיין פּאָרשלאַג צו גרינדן אַ ק אָ ל אָ נ י ז אַ ט אָ ־ ר י ש ן קאָלעקטיוו געווען אַן אפּיקורסות וואָס שטימט ניט מיטן מאַרקסיס־טישן שטאַנדפּונקט.

איך האָב באַשלאָסן צו גרינדן אַ שטאָטישן קאָאָפּעראַטיוו, ווייל איך בין געוואוינט געווען צו דער שטאָטישער ארבעט; אין רוסלאַנד האָב איך געלערנט סטאָלעריי אין מיין ברודערס — גדליה ווילבושעוויטשעס — פאַבריק. איך האָב געקראָגן אַן הלואה צו גרינדן אַ סטאָליער־קאָאָפּעראַטיוו אין יָפוֹ און האָב אויסגעאַרבעט זיינע תּקנות לויט די תּקנות פון די רוסישע „אַר־טעלן", וועלכע האָבן אויך געהאַט אין זיך קאָמוניסטישע יסודות. דריי חדשים האָט עקזיסטירט דער יפו׳ער קאָאָפּעראַטיוו. אַז איך בין אָבער אַוועקגעפאָרן אין גָלִיל זיינען דאָרט אויסגעבראָכן סכסוכים און ער איז זיך צעפאַלן.

אין יאָר 1905 האָט מיר יהושע חַנקין דערציילט וועגן דער מעג־לאַכקייט צו קויפן דעם עֵמֶק יִזְרְעֶאל. איך האָב געזען אַז נאָר דורך אַזאַ קניה וועט אין ארץ־ישראל באַשאַפן ווערן אַן אַרבעטער לאַנדווירטשאַפט און האָב געוואָלט העלפן חַנקינען אויסצופירן זיין פּלאַן. איך האָב אים אויך פאָרגעלייגט מיין פּלאַן וועגן קאָלעקטיוויסטישער קאָלאָניזאַציע. דערוויייל איז די עמיגראַציע קיין ארץ־ישראל אַלץ געוואַקסן.

דאַן האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן קיין פּאַריז און זוכן אַ וועג ווי אַזוי צו ווירקן אויף יק״א, זי זאָל פאַר דער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע קויפן באָדן אין עמק. איך האָב אויך געוואָלט אויספאָרשן אין פּאַריז די פראַגע פון קאָלעקטיוויסטישער קאָלאָניזאַציע — ווי אַזוי מען מאַכט דאָס אַנדערש־וואו. אין פּאַריז האָב איך געהאַט אַ קָרוב (איוואַן ווילבושעוויטש) וואָס האָט רעדאַגירט די רעגירונגס־צייטונג וועגן די טראָפּישע קאָלאָניעס פון פראַנק־רייך. מיט זיין הילף איז מיר געגעבן געוואָרן די מעגלאַכקייט צו באַקענען זיך מיט די מאַטעריאַלן פונם רעגירונגס־דעפּאַרטאַמענט פאַר קאָלאָניזאַציע פון אַלזשיר און טוניס.

ס׳איז מיר קלאָר געוואָרן אַז דאָס וואָס איך פאַרלאַנג עקזיסטירט נאָך

אין ערגעץ ניט• פֿאַרקערט, די וויסנשאַפֿטס־לייט לאַכן אויס דעם ייִצם געדאַנק פֿון קאָלעקטיוויזם און דערווייזן מיט אותות ומופֿתים אַז אַלע פּרובן פֿון קאָמוניסטישער קאָלאָניזאַציע האָבן זיך נאָך אין ערגעץ ניט איינגעגעבן.

אַ חבֿר פֿון רוסלאַנד איז געקומען צו מיר קיין פּאַריז און געפֿאָדערט איך זאָל קריגן געלט פֿאַר דער אידישער זעלבשוץ. איך האָב אים געהאָלפֿן אַריבערפֿירן געווער קיין רוסלאַנד און האָב אָנגעזאַמלט צוויי הונדערט טויזנט פֿראַנק פֿאַר דער זעלבשוץ. דערפֿון האָט באַראָן ראָטשילד געגעבן 50 טויזנט.

אומלעגאַל בין איך געקומען קיין רוסלאַנד.

בשעת׳ן פּאָגראָם אין שעדלעץ האָב איך אַנטייל גענומען אין דער שעדלעצער זעלבשוץ. דאַן האָט זיך אָרגאַניזירט אַ נאַציאָנאַלע גרופּע אויף נוֹקם זיין זיך אָן די פֿירער פֿון רוסישן אַנטיסעמיטיזם. איינער פֿון אונזערע חבֿרים איז געווען פּנחס דאַשעווסקי, וואָס האָט געשאָסן אין קרושעוואַנען. מען האָט אַרעסטירט די גאַנצע גרופּע, חוץ דאַשעווסקין. ווי ס׳ווייזט אויס האָט אונז אַזעף אַנטדעקט דורך צוויי ס.־ר.׳ן וואָס האָבן געאַרבעט מיט אונז צוזאַמען. מיך האָט מען געזוכט אין פּעטערבורג. דאָרטן פֿלעג איך בייטן טאָג־טעגלאַך די דירות און אַלע נאַכט פֿלעגט די פּאָליציי מאַכן אַן „אָביסק״ אין דער דירה וואו איך האָב גענעכטיגט מיט אַ נאַכט פֿריער. מיין נאָמען האָט די פּאָליציי ניט געוואוסט.

דריי חדשים האָב איך געאַרבעט אין דער „גרופּע פֿון נקָמה״. די איינציגע אידישע פּאַרטיי וואָס האָט אונז געשטיצט איז געווען די טעריטאָריאַליסטישע (ס. ס.). שפּעטער, סוף 1906, האָב איך זיך אומגעקערט קיין ארץ־ישראל דורך קאָנסטאַנטינאָפּל.

צו מיינע חבֿרים אין לאַנד בין איך געקומען ווייטער מיט מיין אַלטער אידעע פֿון קאָלעקטיוו: איך האָב געוואָלט פֿאָרן קיין אַמעריקע כּדי צו שאַפֿן מיטלען פֿאַר אַ קאָלעקטיוויסטישער קאָלאָניזאַציע אין עֵבֶר הַיַרְדֵן — אין חוֹרָן. איך האָב אויך געפּלאַנט צו באַזוכן די אַמעריקאַנער קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניעס.

אין אָנהויב 1907 בין איך אַוועק געפֿאָרן קיין אַמעריקע און האָב דאָרטן פֿאַרבראַכט קרוב צו אַ האַלב יאָר. דאָרטן האָב איך זיך באַקאַנט מיט ד״ר מאַגנעס און מיט הענריעטע סאָלד. איך האָב באַזוכט צפֿון־ און דרום־אַמעריקע, בין געווען אין די קאָלעקטיוויסטישע קאָלאָניעס און האָב מיט מיינע אייגענע אויגן געזען אַז אַ קאָמוניסטישע קאָלאָניזאַציע קען מַצליח

זיין. דערצו איז נאָר נייטיק אַז אָנשטאָט זייער רעליגיעזן אידעאַליזם זאָל ביי אונז הערשן דער סאָציאַליסטישער.

אויגוסט 1907 האָב איך זיך צוריקגעקערט דורך פּאַריז קיין ארץ־ישראל, מיט איין איינציגן צוועק: פּאַרווירקלאַכן דעם ווירטשאַפטלאַכן קאָ־לעקטיוויזם. אין ארץ ישראל איז דער געדאַנק ווייפער געוואָרן. אין די קאָ־לאָניעס פון אונטערשטן גליל האָבן די אידישע אַרבעטער געפירט אַ לעבן פון נע־ונד׳ניקעס, זיי האָבן געוואוינט אין שטאַלן. אייניגע האָבן זיך שוין מיַאש געווען פון דעם גאַנצן געדאַנק וועגן „כּבוש העֲבוֹדָה״; ווערן קאָלאָ־ניסטן האָבן זיי ניט געוואָלט, ווייל זיי זיינען געווען סאָציאַליסטן; און קאָנקורירן מיטן ביליגן אַראַבישן אַרבעטער איז געווען אוממעגלאַך, ווייל ווי לאַנג קאָן עס אַ מענטש אַרבעטן פאַר פינף פּיאַסטער אַ טאָג? איז קיין אַנדער ברירה ניט געווען ווי צו שאַפן אַן אייגענע אַרבעטער־ווירטשאַפט. איך פון מיין זייט האָב קיינמאָל ניט געהאַלטן פון „כּבוש עֲבוֹדָה״ דורך צופּאַסן זיך צו דעם נידעריגן אַרבעטס־לוין פונם אַראַבער. דער נאַציאָנאַל־פאָנד האָט דאַן אָנגעהויבן צו קויפן באָדן; די אידעע פון נאַציאָנאַלן באָדן איז מיר שטענדיג געווען נאָנט און טייער. אין איר האָב איך געזען דעם יסוד פאַר דער קאָלעקטיוויסטישער קאָלאָניזאַציע. אליעזר שוחט איז דאַן געווען געגן מיין פּלאַן, הגם ער איז געווען פאַר קאָלעקטיוויזם. ער האָט געטענה׳ט: „מיר טאָרן ניט נעמען אויף זיך אַזאַ גרויסע אחריות; אויב אונזער קאָלעקטיוויסטישער פּלאַן וועט זיך ניט איינגעבן, וועלן מיר אָנווערן דעם גלויבן אין דער עצם אידעע. קודם כל מוז מען לערנען ווערן אַ לאַנד־אַרבעטער״.

אין דער פערמע פון יק״אַ אין סעדזשערא האָבן געאַרבעט חברים אונטער דער אָנפירונג פון אַגראָנאָם קרויזע. די פערמע פלעגט יעדעס יאָר ברייִנגען דעפיציטן. האָב איך געזאָגט: גיט אונז די מעגלאַכקייט צו אַר־בעטן אויף אונזער אייגענער פאַראַנטוואָרטונג און איר וועט זען אַז מיר וועלן אַרויס אָן אַ דעפיציט.

איך בין אַוועק אַרבעטן אין סעדזשעראַ. אַ האַלבן טאָג האָב איך גע־פירט די ביכער פון דער פערמע און אַ האַלבן טאָג געאַרבעט ביי די בהמות. כ׳האָב פאַרגעלייגט קרויזען ער זאָל אָנהויבן נעמען פרויען צו דער אַרבעט. די ערשטע אַרבעטאָרינס אין סעדזשעראַ זיינען געווען די דריי שוועסטער שטורמאַן: שרה (קריגסער), שפרה (בֶּצֶר) און אסתר (בעקער). זיי זענען געווען זייער יונג און האָבן געאַרבעט מיטן אַקער ווי אמת׳ע פויערן.

אַז מיר האָבן געהאַלטן ביים שאַפן דעם קאָלעקטיוו זיינען מיר גע־ווען זאַלבע־אַכצנט, וואָס האָבן זיך אַלע צונויפגעקליבן ביסלאַכווייס אין סעד־זשעראַ. לויטן קאָנטראַקט מיטן אַגראָנאָם קרויזע האָבן מיר איבערגענומען דעם אָקערבוי און די מילך־ווירטשאַפט צו די זעלבע באַדינגונגען וואָס אַן אַראַבישער פאַכטער – דער „חַרָת״. די פערמע האָט אונז געגעבן דעם גאַנצן טויטן און לעבעדיגן אינווענטאַר, די אַרבעטס־כּלים און די זריעה. און דער־פאַר האָבן מיר איר געדאַרפט אומקערן אַ פינפטל פון גערעטעניש. מען האָט אונז געגעבן דירות, הגם זייער שלעכטע, און מען האָט אונז געליען אַ סומע געלט צום לעבן. ווען ס׳פלעגט אויספעלן אַרבעט פאַר אַלעמען אין פעלד אדער ביי די בהמות, פלעגט די פאַרוואַלטונג אונז באַשעפטיגן ביי אירע פלאַנצונגען.

מיר האָבן געאַרבעט אינגאַנצן זעלבשטענדיג, לגמרי אויף אונזער אייגענער אַחריות. אויך דאָס אָרגאַניזירן און פאַנאַנדערטיילן די אַרבעט איז געווען אונזער זאַך. נאָר בשעת מען פלעגט באַשטימען די אַרבעט אויף אַ גאַנצע וואָך, פלעגן מיר זיך באַראַטן מיט קרויזען ווי מיט אַ פאַכמאַן, וואָס דאַרף אונז אָפּהיטן פון פעלערן. מיר האָבן פון אים פאַרלאַנגט ער זאָל אונז לייענען לאַנדווירטשאַפטלאַכע לעקציעס, און ווער ס׳איז נאָר דאַן געווען אין סעדזשעראַ, דער געדיינקט געוויס יענע פאָרטראַגן וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער קלאָרקייט און פּראַקטישקייט.

די אַרבעטער פון דער פערמע האָבן ניט געהאַט קיין אייגענע קיך, און האָבן געגעסן אין אַ פּריוואַטער אַכסניה. דער קאָלעקטיוו האָט איינגע־אָרדנט אַ קאָמונאַלע קיך. שפּעטער האָבן שוין אויך אַנדערע אַרבעטער געגעסן מיט אונז.

אונזער נאָמען איז געווען „דער קאָלעקטיוו״.

די פערמע־אַרבעטער האָבן זיך צו אונז זייער גוט באַצויגן, זיי האָבן אָבער קיין אֱמונה ניט געהאַט אין אונזער וועג און האָבן ניט געוואָלט גלויבן אז מיר וועלן אַרויס אָן אַ דעפיציט.

דער סעדזשערער קאָלעקטיוו האָט עקזיסטירט אָנדערטהאַלבן יאָר. ער האָט פאַרענדיגט זיין אַרבעט מיט הַצלָחה, האָט אָפּגעצאָלט דער פערמע דאָס „פינפטל״ און דאָס גאַנצע געלט וואָס ער האָט באַקומען פאַראויס אַלס הַלוָאה, און האָט באַוויזן קלאָר, אַז אַ קאָלעקטיווע ווירטשאַפט קאָן געלינגען.

כפר־גלעדי מאַניע שוחט

די ערשטע יאָרן

קומענדיג קיין פּתח־תּקוה, אין יאָר 1905, האָב איך שוין דערוויסט דאָרטן אידישע אַרבעטער. צווישן זיי זענען געווען אינגאַנצן פיר מיידלאַך; צוויי נייטאָרינס, איינע אַ זאָקנמאַכערקע און איינע, וואָס האָט באַקומען געלט פון אירע עלטערן. סעזאָן־צייט פלעגן ביידע נייטאָרינס גיין פּאַקן מאַראַנצן. מיר האָט זיך אָבער דווקא געוואָלט לאַנד־אַרבעט. אויפן דריטן טאָג נאָך מיין קומען אין פּתח־תּקוה בין איך אַוועק אַרבעטן מיטן פּיאָש פּאַר אַ בישליק אַ טאָג — אין גיסינס וויינגאָרטן האָב איך פאַרשאָטן די גריבער אַרום די בוימער.

פון דער אַרבעט פלעג איך זיך אומקערן אין דער קאָלאָניע אָן געצייג און אַ חודש צייט פלעג איך גיין פון וויינגאָרטן אַ היים איבער די הויפן, כדי קיינער זאָל ניט באַמערקן, אַז איך אַרבעט צוזאַמען מיט בחורים. אפילו די אַרבעטער אַליין זיינען ניט גאָר מסכים געווען מיט מיין דרך — די חברים מיינע האָבן מורא געהאַט אַז דער פּיאָש וועט מיר שאַדן צום געזונט. זייער עצה איז געווען, אַז איך זאָל גיין צוזאַמען מיט די איבעריגע מיידלאַך אַרבעטן ביי די מאַראַנצן. איך האָב מיר אָבער ווייטער געאַרבעט מיטן פּיאָש.

דער חבר ס. פלעגט מיר צוגעבן אַ סך מוט. ער איז געווען דער לערער אין דער קאָלאָניע און מיט אַ כּיוון פלעגט ער אָפּלייגן זיינע שטונדן אויף אין אָוונט כדי צו קומען צו מיר אין וויינגאָרטן און פאַרבייטן מיך ביי דער אַרבעט. און בשעת אַלע אַרבעטער פלעגן רוען נאָר איין שעה אין טאָג, פלעג איך רוען בייטאָג גאַנצע דריי שעה. ער האָט גערעדט וועגן מיר מיט מיין בעל הבית, און יענער האָט אים פאַרזיכערט, אַז מיט דער צייט וועל איך זיין אַ גוטע אַרבעטאָרין.

אין צוויי וואָכן אַרום האָט מיר דער בעל הבית געגעבן אַן הוספה — אַ האַלבן פּיאַסטער אַ טאָג. מיין לוין איז שוין דערגאַנגען קרוב צו 4 פּיאַס־טער. איך האָב זיך דערויף זייער געחידושט און איינמאָל האָב איך אים אַ פרעג געטאָן: פאַרוואָס העכערט איר מיר מיין לוין, ווייל איך בין אַ אידיש־קינד אָדער ווייל איך בין דאָס מיט אַן אמת ווערט? האָט ער מיר געענטפערט, אַז מיין אַרבעט איז נאָך ווערט אַ סך מער.

און פונדעסטוועגן האָט מיך געפּייניגט אַ ספק, צי גיי איך מיט אַ ריכטיגן וועג? אָפט פלעג איך נאָך הערן ווי די אַרבעטער ריידן צווישן

זיך: „זי וועט דאָס זיין אַן אַרבעטאָרין!" כ'האָב געזוכט אַ מענטשן וואָס זאָל מיר געבן זיין הַסְכָּמה אויפן וועג, וועלכן כ'האָב מיר אויסגעקליבן, וואָס זאָל מיר צוגעבן גלויבן אין מיינע אייגענע כּוחות.

אינאיינעם מיט אונז האָט דעמאָלט געאַרבעט אַ חבר, וואָס איז געווען אַ סך עלטער פון אונז אַלעמען*). ער איז געווען שטענדיק מונטער און פריילאַך, פלעגט פאַרפאַסן אידישע לידלאַך, האָט זיי אַליין געזונגען און מיר אַלע האָבן אים צוגעהאָלפן. דער אַלטער האָט זיך מיר איינגעבאַקן אין האַרצן, אָבער ס'האָט מיר געפעלט מוט צוגיין צו אים. איינמאָל, זעענדיג אַז איך זיך אַ פאַרמאַטערטע, האָט ער זיך אָנגערופן פאַרבייגייענדיג: „וואָס טרויערסטו? האָסט חֲרָטה? קוק נאָר אויף מיר – איך בין שוין אַן אַלטער איד און איך בין שטענדיג צופרידן". און איידער איך האָב נאָך באַוויזן צו זאָגן אַ וואָרט, איז ער שוין אַוועק געגאַנגען.

מיטן פּיאָש האָב איך געאַרבעט אַ חודש צייט, און שפּעטער האָט מיך אַ חבר אַריינגעפירט אין דער קְטִיף־אַרבעט (רייסן מאַראַנצן). צוויי טעג האָב איך געאַרבעט אומזיסט. אַז מיין ערשטער קאָרב איז פול געוואָרן, האָט זיך גלייך באַוויזן דער מַשגיח און האָט איבערגעקוקט די פֵּירות, אַ מאַראַנץ נאָך אַ מאַראַנץ. ער האָט געפונען דריי מאַראַנצן וואָס די שער האָט זיי באַרירט ביים אָפּשניידן. מיין האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט – כ'האָב מורא געהאַט אַז אָט שיקט ער מיך אַ היים. אינם צווייטן קאָרב איז געווען מער ניט ווי איין באַשעדיגטער מאַראַנץ, און ווייטער זענען שוין אַלע פֵּירות געווען ריינע. כ'האָב געענדיגט מיין אַרבעט, און דער אויפפּאַסער האָט שוין אַליין מיך געשיקט אין אַן אַנדער פַּרְדֵס. ביז כ'האָב באַקומען אַ שֵם פון אַ גוטער מאַראַנצן־פּליקערין און ס'איז מיר שוין גרינג געווען צו באַקומען אַרבעט.

דערווייל איז אָבער אַריבער די צייט פונם קטיף, און איך בין אַוועק אין ביוראָ בעטן אַן אַנדער אַרבעט. ענטפערט מען מיר, אַז אין דער גאַנצער קאָלאָניע זיינען דאָ נאָר צוויי קאָלאָניסטן וואָס זיינען מַסכּים צו נעמען מיידלאַך, און ביי זיי איז איצטער גראָד ניטאָ קיין אַרבעט.

בין איך געקומען אַ היים אַ אומעטיגע און אַ נידערגעשלאָגענע; טאָמער איז פּאָרט מיין וועג קיין וועג ניט? טאָמער איז פּאָרט גערעכט יענער באַרימטער חובב־ציון וואָס האָט מיר פאַר מיין אַוועקפאָרן געשריבן צוויי בריוו, איך זאָל זיך ניט דערוועגן קומען קיין ארץ־ישראל, „ווייל איך וועל דאָרטן אויסגיין פון הונגער און קיינעם קיין נוצן ניט ברייגנען"?

*) א. ד. גאָרדאָן.

דאַן איז דער אַלטער געקומען צו מיר, אין מיין צימער. דערצייל איך אים אַז כ׳גיי שוין אַרום דריי טעג אָן אַרבעט און איך ווייס ניט ווען וועט דאָס נעמען אַ סוף. האָט ער מיך פּאַרבעטן צו זיך אין זיין קליין צימערל, האָט לאַנג מיט מיר געשמועסט און האָט מיר צוגעגעבן מוט. אין עטלאַכע טעג אַרום האָב איך געקראָגן אַרבעט, טאַקע צוזאַמען מיט דעם אַלטן. דעמאָלט איז ער געוואָרן מיין רבי אין אַרבעטן.

איך האָב זיך שוין ניט באַגנוגנט מיט סתם אַרבעטן — מיר האָט זיך געוואָלט אויסלערנען די פּאַראַנטוואָרטלאַכע אַרבעט פון גרעפן בוימער. האָט מיר מיינער אַ חבר באַוויזן אַ וועג. ער האָט מיר געהייסן אויפהערן אויף אַ פּאָר טעג צו אַרבעטן מיטן פּיאָש און אָנשטאָט דעם צו ברייגגען אים מיטאָג־צייט דאָס עסן אין פּרדס. דענסטמאָל איז דער בעל־הבית ניטאָ אין פּרדס און ער וועט מיר באַווייזן ווי מען גרעפט. איך האָב אים געפאָלגט. און אין צוויי טעג אַרום האָט מיין חבר דערציילט דעם בעל־הבית, אַז איך בין אַ גאַנצע קענערין אין גרעפן און אַז איך האָב אין דעם שוין געאַרבעט אין אַן אַנדער פּרדס. דער פּרדסן האָט מסכּים געווען איך זאָל אַרבעטן אויף אַ פּרוב און אַזוי האָב איך זיך דערשלאָגן צום גרעפן.

נאָכדעם ווי איך האָב שוין אָנדערטהאַלבן יאָר געאַרבעט, האָט מען מיר דערציילט, אַז ס׳איז געקומען איין לאַנדאַרבעטאַרן קיין רחובות — מִרְיָם זאַווין, און זי אַרבעט אויך מיטן פּיאָש, און אין יאָר 1907 זיינען געקומען נאָך עטלאַכע אַרבעטאָרינס פון רוסלאַנד און זיינען אַוועק קיין גָליל, אין דער פערמע פון סעדזשעראַ.

אין פֶּתח־תִקוה האָב איך געאַרבעט דריי יאָר, ביז 1908. מיט אַ האַלב יאָר פריער זיינען אידישע אַרבעטער אַריין אין דער כִּנֶרֶת׳ער פערמע. די חברים פון כִּנֶרֶת האָבן געבעטן זייער לייטער, ער זאָל מיך צונעמען צו לאַנד־אַרבעט, און ניט דוקא צו דער קיך ווי ס׳איז דער שטייגער געווען לגַבֵּי פרויען. ביזן סוף יאָר האָב איך געאַרבעט אין כנרת גלייך מיט אַלע חברים; פריער געריימט די שטיינער פונם באָדן און נאָכדעם געטאָן אַלע אַרבעטן ביים שניידן און ביים דרעשן. קיין הייזער זיינען ניט געווען. זומער זיינען מיר געשלאָפן אין דרויסן, און ווינטער האָב איך מיט מיין חבר׳טע, וואָס האָט געאַרבעט אין קיך, זאַלבעצווייט גענעכטיגט אין שפּייכלער. איבערפאַלן פון שכנים האָבן דענסטמאָל אין כנרת ניט אויסגעפעלט.

און אין אָנהויב פונם נייעם יאָר בין איך מיט מיין חבר׳טע אַריינגע־טראָטן אין דער קליינער קבוצה, וואָס האָט אויף אייגענער אַחֵריות אָנגע־

הויבן צו אַרבעטן אין אום־דזשוני. ערשט דאָרט האָב איך דערפילט אַז איך בין אַן אמת׳ע אַרבעטאָרין. דאָס יאָר אין אום־דזשוני האָט אונז געבראַכט פּראָפיט, און פונדעסטוועגן איז זיך די קבוצה פאַנאַנדערגעגאַנגען צוליב פאַרשידענע סיבות. אָנשטאָט איר איז געקומען קיין אום־דזשוני אַ צווייטע קבוצה. דערווייל האָב איך אָבער געמוזט אויף עטלאַכע חדשים פאַרלאָזן די אַרבעט — איך בין קראַנק געוואָרן אויפן געלן פיבער. אַז כ׳בין געזונט געוואָרן האָב איך זיך אויך אָנגעשלאָסן אָן דער נייער קבוצה — די וואָס האָט באַשאַפן דאָס היינטיקע דגַנְיָה.

נהלל **תְחִיָה ליבערזאָן**

אין סעדזשערא

די פערמע סעדזשעראַ איז איצטער פאַרלאָזן; אַמאָל אָבער האָט זי פאַרנומען גאָר אַ פיינעם אָרט אינם לעבן פון דער ארץ־ישראל׳דיקער אַר־בעטערשאַפט: אַז די ערשטע אַרבעטאָרין איז געקומען קיין גָלִיל האָט זי אין סעדזשעראַ געפונען אַרבעט; אין סעדזשעראַ האָט זיך אנגעהויבן די אידישע וואַך און דאָרטן האָט זיך געגרינדעט דער „הַשוֹמֵר״; אין סעדזשעראַ איז אויך געמאַכט געוואָרן דער ערשטער פּרוב צו אָרגאַניזירן די ארץ־ישראל־דיקע אַרבעטערשאַפט. „הַחוֹרֵש״ (דער אַקערבויער) האָט געהייסן די קליינע לאַנד־אַרבעטער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז דענסטמאָל געשאַפן געוואָרן.

דערפאַר אָבער איז גרויס געווען די צאָל פון קָרבָּנות וואָס מיר האָבן געלאָזן אין סעדזשערא פאַר דער קורצער צייט, ווען זי איז געווען דער מיטלפונקט פון דער גָליל׳ער אַרבעטערשאַפט.

קיין סעדזשעראַ בין איך געקומען אין יאָר 1907, און געטראָפן האָב איך דאָרטן נאָר פיר אייראָפעישע אַרבעטער, די איבעריקע אַרבעטער זיינען געווען אידן פון קורדעסטאַן.

פאַרלאָזנדיק די שטאָט האָב איך ניט אָנגעהויבן צו וויסן וואָס וועל איך טאָן אין דאָרף. ווי אַלע שטאָטישע מיידלאַך האָב איך ניט געהאַט קיין שום באַגריף וועגן לאַנד־אַרבעט. דעמאָלט פאַרשטייט זיך איז נאָך ניט געווען קיין „הֶחָלוּץ״, וואו די יוגנט גרייט זיך שוין אין חוץ־לָאָרֶץ צו דעם ארץ־ישראל׳דיגן לעבן.

ה׳ קרויזע, דער פאַרוואַלטער פון דער סעדזשערער פערמע (איצטער זייט יאָרן דער פאַרוואַלטער פון דער לאַנדווירטשאַפטלאַכער שולע אין מִקְוֵה־יִשְׂרָאֵל), האָט שוין דענסטמאָל געהאַט אַ וואַרימע באַציהונג צו אידישער אַרבעט בכלל און אויך צו דער ארבעט פון דער אידישער פרוי. ער האָט געגעבן אַרבעטער די מעגלאַכקייט אויסצולערנען זיך אין דער פערמע יעדן פאַך, וואָס זיי האָבן נאָר געוואָלט.

דעם ערשטן טאָג האָב איך געזיפּט געִרשטן — אויפן אַראַבישן שטיי־גער. מיין חבר ביי דער אַרבעט איז געווען אַ קורדער. כ׳האָב אָפּגעאַרבעט אַזוי אַ ביסל צייט און האָב ניט געפילט קיין שום באַפרידיגונג. כ׳האָב געוואָלט אַן אַרבעט אַן אַנדערע — אַ לעבעדיגערע. קרויזע פון זיין זייט האָט מיר ניט געשטערט. ווי אָבער טרעט מען צו צו אַן אַרבעט, אַז מען קען גאָרנישט? פונדעסטוועגן האָב איך באַשלאָסן אויסצוקלייבן די מילך־ווירטשאַפט.

פאַר דער מילכיקעריי האָב איך אויסגערייניגט און אָפּגעקאַלכט דאָס קליינע קעמערל אין שפייכלער. די כּלים צו דער אַרבעט זיינען געווען זייער פרימיטיווע. די סטאַדע פון דער פערמע — ציגן מיט שעפּסן — האָט זיך אַ גאַנצן טאָג געפּאַשעט אין וואַלד. אַ שטומער אַראַבער איז געווען דער פּאַסטוך. צוויי מאָל אין טאָג פלעגט ער מיר ברייגנען פון וואַלד די מילך אויף צו מאַכן קעז. דערביי פלעגט ער מיר שטומערהייט געבן די ערקלע־רונגען: פלעגט ער ווייזן אויף זיין שוואַרצן מאַנטל, איז עס געווען אַ סימן אַז די מילך איז פון ציגן; פלעגט ער ווייזן אויף זיין ווייסער קעפּיע, האָט עס געהייסן, אַז די מילך איז פון שעפּסן.

אָבער ווי מאַכט מען קעז?

בין איך אַוועק צו די קאָלאָניסטקעס און זיי האָבן מיך אויסגעלערנט. אַזוי בין איך געוואָרן אַן אַרבעטאָרין אין אַ מילכיקעריי.

שפּעטער אַביסל זיינען געקומען קיין סעדזשערע מיינע צוויי יינגערע שוועסטער מיט זייערע צוויי חבר׳טעס. פון די ניי־אָנגעקומענע מיידלאַך האָט איינע איבערגענומען די אַרבעטער־קיך און די אַנדערע דריי האָבן גע־וואָלט דַוקא אַקערן מיט אָקסן, גלייך מיט די חברים. שפּעטער האָבן זיי פאַרלאָזן די מענער־אַרבעט. ס׳איז אָבער געווען דעמאָלט אַ גוטע, יונגע צייט!

נאָכדעם איז קיין סעדזשערע געקומען מאַניע שוחט און ס׳איז באַשאַפן געוואָרן דער ערשטער אַרבעטער־קאָלעקטיוו אין ארץ־ישראל. אזוי צו ביסלאַך האָט דער סעדזשערער מִדְבָּר געקראָגן אַ פּנים פון אַ יִשוּב.

בַּהֲלֵל — שפרה בֶּצֶר

די אידישע וואַך

דאָס איז געווען מיט צוואַנציק יאָר צוריק אין דער גליל׳ער קאָלאָניע כּפר־תּבור (מֶסְחָה). נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען מיטן וַעַד פון דער קאָ־לאָניע, האָט דער „הַשּׁוֹמֵר״ אָנגענומען די וואַך מיטן תּנאי, אַז די קאָלאָניע זאָל אויך אַריינפירן אידישע אַרבעט.

כּל זמן אין דער קאָלאָניע זיינען נאָר געווען אַראַבישע אַרבעטער, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט זייערע געזינדן געוואוינט אין די קאָלאָניסטישע הויפן, האָבן געקענט אין דער קאָלאָניע יעדן ווינקל און האָבן אַליין געהאַט אַ גרויסן חלק אין די אָפטע גנבות, איז אוממעגלאַך געווען אויסצו־היטן זיך. די קאָלאָניסטן האָבן עס גוט געוואוסט, און פונדעסטוועגן איז זיי געווען ניט לייכט מַסכּים צו זיין אויף אידישע אַרבעט. אָבער סוף כּל סוף איז מען דורכגעקומען; מען האָט געחתמעט דעם קאָנטראַקט און צוזאַמען מיט דער אידישער וואַך איז אַריין אין מֶסחה דער אידישער אַרבעטער.

לויטן קאָנטראַקט האָבן די וועכטער מיט די אַרבעטער געדאַרפט קומען אויף זייערע פּאָסטנס אין משך פון חודש אלול. די שומרים האָט מען אָפּגעגעבן דאָס לעצטע הויז אין דאָרף, וואָס שטייט גלייך ביים אַריינפאָר, אויפן גרעניץ פונם אידישן באָדן. און די אַרבעטער האָבן זיך איינגעאָרדנט יעדערער ביי זיין קאָלאָניסט; יעדער אַרבעטער האָט באַקומען קעסט און אַ פּלאַץ אויף צו נעכטיגן און האָט געזאָלט אין מֶשך פון אַ יאָר צייט אויסלערנען זיך די פעלד־אַרבעט.

דער ערשטער אָוונט. די פּאַטרולן זיינען צושטעלט. מען האָט זיך צונויפגערעדט וועגן די סיגנאַלן, וואָס מ׳וועט געבן איינער דעם צווייטן מיטן פייפל און וועגן די כּללים פון דער וואַך ביי דער נאַכט. איינע פון די חבר׳טעס, ש., האָט דאַן ערקלערט איר פריינד, אַז זי וויל ניט אַרבעטן אין קיך, זי האָט ליב די פינסטערניש און די שטילקייט פון דער נאַכט, זי האָט ליב דאָס געווער און דעם פערד און זי וויל גיין אויף דער וואַך. דער בָּחור האָט זיך אויף איר פאַרלאָזן — ער האָט געקראָגן פאַר איר גע־ווער, האָט איר געגעבן אַן „אַבאַיע״ (אַראַבישער מאַנטל) און אַ פייפל. זיי האָבן קיינעם גאָרנישט ניט דערציילט, און אַז די נאַכט איז צוגעפאַלן און זיי זיינען ביידע אַרויס אויף דער וואַך, האָבן זיי צווישן זיך צוטיילט דעם „קרייז״ — די אידישע קאָלאָניעס אין גליל זיינען דעמאָלט געווען אַרומגע־

רינגלט מיט אַ געמויערטער וואַנט — ער האָט זיך גענומען די מזרח־זייט פון וואַנט און זי די מערב־זייט.

געענדיגט דעם ערשטן קרייז פלעגן זיך אַלע שומרים באַגעגענען. יעדער האָט דערציילט איינצלהייטן פון זיין וואַך. האָט אויך ש. דערציילט וועגן איר גאַנג. די בחורים איז די זאַך זייער געפעלן געוואָרן. נאָר איי־נער פון די שומרים האָט זיך איינגעשפאַרט — „און פונדעסטוועגן בין איך געגן דעם, אַז אַ פרוי זאָל מיט אונז וועכטעווען כּסדר. לאָמיר ניט פאַרגעסן אַז מיר זיינען דאָ דאָס ערשטע יאָר און מיר ווילן זיך נאָך דאַרפן באַגעגענען מיט די אַראַבער, וואָס האָבן דאָ געוועכטעוועט איידער מיר זענען אַהער געקומען". די איבעריגע חברים האָבן געשוויגן. ש. איז געבליבן וועכטעווען אויף ווייטער, נאָר מען האָט אָפּגערעדט, אַז די זאַך מוז בלייבן בסוד און חוץ די שומרים טאָר עס קיינער ניט וויסן. כּך הוה.

אויף דער קאָלאָניע האָט זיך אָנגעטאָן אַ נייע הויט. ס׳האָט זיך אָנ־געהויבן אַ נייער לעבן, מיט לידער, מיט פרייד און מיט טענץ. אויך די קאָלאָניסטישע קינדער — דאָס הייפל יונגוואַרג — איז ביסלאַכווייס צוגעשטאַנען צו אונז. נאָך אַ לאַנגן, לאַנגן דרעמל האָט זיך די קאָלאָניע אַזוי ווי אויפ־געכאַפּט און יענע קאָלאָניסטן וואָס האָבן געקעמפט פאַר דער אידישער וואַך האָבן זיך געפילט ווי זיגער.

די שומרים פלעגן שטיין אויף דער וואַך פון אָנהויב אָוונט ביז זעקס אינדערפרי. אַ גאַנצע נאַכט איז מען געווען אָנגעשטריינגט און מען האָט זיך איינגעהערט צו יעטוועדן ריר, צום לייכטעסטן גערויש וואָס דער־טראָגט זיך פון דערווייטן. און שטענדיג איז מען געווען גרייט, די נערוון גע־שפאַנט. ביים ערשטן אַרומגיין די וואַנט האָט מען געפּרובט אַלע שלעסער און אַלע פאָרטקעס פון די הויפן, נאָך דעם האָט מען אַרומגעקרייזט די וואַנט צום צווייטן און צום דריטן מאָל.

איינמאָל ביינאַכט ווען די שומרים האָבן געמאַכט די צווייטע „הקפה", האָט אימיצער פון זיי באַמערקט אַז איין שטאַל איז אָפן. ער האָט אָנגעלאָדן די ביקס און איז אַריין אין הויף. צוויי אַראַבער וואָס האָבן געפירט מיט זיך אַ פּאָר בהמות, זיינען אים פלוצלינג אויסגעוואַקסן פאַר די אויגן. דער וועכטער האָט אויסגעשאָסן דריי מאָל און די אַראַבער זיינען אַנטלאָפן.

אַזעלכע איבערפאַלן האָבן זיך איבערגעחזרט פאַרן ווינטער אַ סך מאָל. און איינמאָל האָט זיך די אַראַבער טאַקע איינגעגעבן צוצוגנב׳ענען אַ פּאָר פערדות. האָט דער „השומר" אָנגעהויבן צו פאָדערן פון די קאָלאָניסטן אַז

די אַראַבישע לוין אַרבעטער, וואָס וואוינען ניט אין מְסִחָה גוּפָא נאָר אין די אַרומיגע דערפער. זאָלן אין אָוונט פאַרלאָזן די קאָלאָניע. די קאָלאָניסטן האָבן מַסכּים געווען.

דאָס ערשטע יאָר פונם „השומר" אין מְסחה איז אַדורך בשָלום, און מען האָט אונטערגעשריבן דעם קאָנטראַקט אויפן צווייטן יאָר. דערווייל האָט דער „השומר" אָנגענומען די וואַך אויך אין דער דערבייאיגער קאָלאָניע יַבנאֵל. ש.׳ס פריינד איז אַוועק אַהין וועכטערן.

איינמאָל ביינאַכט האָט ש. ניט געקענט איינשלאָפן. ס׳האָט זי געפּיי־ניגט אַ שווער געפיל פון אומרו און מיט געשפּאַנטע נערוון האָט זי גע־וואַרט אויף דעם פרימאָרגן.

אינדערפרי איז אָנגעקומען אַ ידיעה אַז אין יַבְנאֵל איז ביינאַכט פּאָרגעקומען אַ צוזאַמענשטויס מיט אַראַבער, אַז אַן אַראַבער איז דער־הרג׳עט און איר פריינד איז שווער פאַרוואונדעט. ש. האָט אָנגעזאָטלט איר שקאַפּע, האָט אָנגעטאָן אויף זיך דאָס געווער און די אַבאַיע, און האָט זיך געלאָזן אין וועג. זי האָט אַזוי ווי פאַרגעסן, אַז ביז יַבנאֵל איז אַ מהלך פון פינף־זעקס שעה, אַז דער וועג איז אַ געפערלאַכער און אַז צווישן ביידע קאָלאָניעס איז ניטאָ קיין איינציגער אידישער ישוב. זי רייט און רייט און טראַכט נאָר איינס: וועט זי נאָך טרעפן איר פריינד ביים לעבן? אויפן וועג באַגעגנט זי אַ סך אַראַבער. זיי טשעפּן איר ניט, זיי פרעגן נאָר איינער דעם צווייטן: איז דאָס ניט קיין פרוי? זי הערט עס און פאָרט ווייטער.

ס׳איז געבליבן נאָר איין שעה ביז יבנאל, און דער אידישער ישוב זעט זיך שוין פון ווייטן. ערשט ס׳קומט איר אַנטקעגן אַן אַראַבישער רייטער, שיין אָנגעטאָן, אויף אַ פאַרפּוצטן פערד. ער דערנענטערט זיך צו איר און פרעגט:

— וואוהין רייטסטו? ווילסט איך זאָל דיך באַגלייטן?

— ניין.

ווערט ער אין כעס און זאָגט:

— ווילסט זיך קריגן מיט מיר?

און ווען ער האָט זיך ווידער געפּרובט צו דערנענטערן, אַזוי אַז זיין פערד האָט באַרירט איר פערד און זיי האָבן זיך באַגעגנט פָּנים אֶל פָּנים — האָט זי אים פלוצלינג אַ צי געטאָן פון זאָטל און ער איז גע־פאַלן אויף דער ערד. ש. האָט אַ שמיץ געטאָן איר פערד מיט דער בייטש

און איז אַנטלאָפן. ער האָט זיך אויפגעהויבן און האָט זיך געפּרובט נאָכ־יאָגן. אָבער זי איז שוין געווען אויפן גרעניץ פונם אידישן ישוב.

אין יַבְנְאֵל האָט מען זיך גערייכט אויף אַן אָנפאַל און מען האָט גערופן צו הילף די נאָענטע אידישע ישובים. ס׳האָבן זיך אָפּגערופן אַ סך בחורים פון „הַשׁוֹמֵר״ און מיט זיי צוזאַמען איז געקומען צו הילף אויך ש. רייטנדיג אויף איר פערד, מיטן געווער און מיטן קוילן־גאַרטל. די קאָלאָניס־טישע טעכטער האָבן זי אָנגעקוקט און האָבן זייערע אויגן ניט געגלויבט. זיי זיינען צוגעגאַנגען צו איר און זיינען נשתומם געוואָרן. צום ערשטן מאָל האָבן זיי געזען אַ פרוי אין אַזאַ אומגעוויינלאַכער געשטאַלט. אין יענער נאַכט האָט ש. גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל אינם זעלבשוץ פון דער קאָלאָניע.

די קאָלאָניע איז בכלל געווען קליין און איז נישט געווען בכוח צו טראָגן די גרויסע קהל׳שע הוצאות. סוף כל סוף האָט יק״אַ צוגעקויפט נאָך ערד כדי צו פאַרגרעסערן די צאָל קאָלאָניסטן. די „קושאַנעס״ זיינען שוין געווען געחתמעט, מען האָט אָבער ניט געקענט אַרויסגיין אַקערן דעם געקויפטן באָדן אָן אַ באַוואָפנטן כוח. די רעגירונג האָט פאַרבאָטן צו באַ־נוצן געווער און אַליין האָט זי זיך ניט געאיילט צו געבן הילף. יעדער נייער שטיקל באָדן איז דאַן אָנגעקומען מיט גרויס מי און קרבנות.

אַ לאַנגע צייט האָבן געקאָסן רעגנס און מען האָט ניט געקאָנט אַקערן, און ווען ס׳האָט אויפגעהערט צו רעגענען זיינען אָנגעקומען צוואַנציק אַר־בעטער מיט צען פּאָר פְּרָדוֹת און מיט וועגענער פול מיט אַקערס און אַר־בעטס־געצייג. זיי זיינען אַריין צו די שומרים אין הויף און געשטאַנען גרייט צו דער אַרבעט. באַגינען, איידער ס׳איז נאָך ליכטיג געוואָרן, זיינען די אַרבעטער אַרויס אויפן פעלד און אַוועק מיטן אַקער איינער נאָכן צווייטן אין איין לאַנגער שורה. ס׳איז אַ פרייד געווען אָנצוזען די אמת׳ע אידישע אַרבעט! אַ טייל בחורים גייען נאָכן אַקער, אַנדערע שטייען גרייט צו באַגעגענען די אַראַבער, אויב זיי וועלן קומען שטערן אַקערן, און דריי רייטנ־דיגע וועכטער קרייזן אַרום די גרעניצן פונם באָדן.

אַז ס׳איז שוין געוואָרן גרויסער טאָג, און די אַקערער זיינען שוין ווייט פאַרגאַנגען, איז זיי אַנטקעגן אַרויס דאָס גאַנצע אַראַבישע דאָרף. מען האָט געזען ווי פון דערווייטנס גייט און דערנענטערט זיך אַ שווערע מַחנה מענטשן. אַלט און יונג, קינד און קייט גייען מלחמה האַלטן מיט די אידישע אַקערער. זיי גייען און גייען און זיינען נאָך אַלץ ווייט, און אָט בלייבן זיי

שטיין. איינער טיילט זיך אויס און גייט אַנטקעגן די וועכטער. מ׳זעט פון ווייטנס ווי ס׳פירט זיך צווישן זיי אַ לאַנגער שמועס און דער איינער קערט זיך אום צוריק צו זיין מחנה.

מיר, פרויען, שטייען אין הויף. פונם הויף זעט מען דאָס גאַנצע פעלד. מען זעט ווי די אַראַבער דערנענטערן זיך צום צווייטן מאָל, ווי זיי בלייבן ווידער שטיין און פירן פון דאָסניי אונטערהאַנדלונגען מיט אונזערע רייטער. און די אידישע אַקערס טוען די גאַנצע צייט זייערס — זיי ציען און ציען דעם תֶּלֶם*) אַלץ ווייטער.

די אַראַבער האָבן זיך אומגעקערט אין דאָרף, און דעם גאַנצן טאָג האָבן די בחורים געאַקערט אָן אָפּרו און אָן עסן.

די אַקערער זיינען נאָר וואָס געקומען פון פעלד, זיי האָבן נאָך ניט באַוויזן אויסצושפּאַנען די פְּרֵדות און אָפּגעבן זיי עסן, — ערשט אַ לויפער קומט צו פליען און זאָגט אָן, אַז די אַראַבער זיינען אָנגעפאַלן אויף די קאָלאָניסטן בעת זיי זיינען געגאַנגען פון פעלד אַהיים. מיר האָבן זיך נאָך ניט אַרומגעקוקט — ערשט אַ נייע ידיעה: די קאָלאָניע איז אַרומגערינגלט פון ביידע זייטן.

אַלע בחורים זיינען גלייך אַרויס צום אָרט פונם איבערפאַל. דאָרט האָט מען געפונען די קאָלאָניסטן נאַקעטע — די אַראַבער האָבן זיי אויס־געטאָן די קליידער. נאָר מער קיין שלעכטס האָבן זיי ניט באַוויזן צו טאָן.

ש. איז געבליבן אין הויף. זי האָט אויסגעשפּאַנט די פרדות, האָט זיי אָפּגעגעבן עסן און האָט באַוואַכט דעם הויף. אונזערע איבעריגע פרויען האָבן אָנגעטאָן דאָס געווער און זיינען אַרויס צום אָרט פונם איבערפאַל. שפּעטער זיינען אַלע צוריקגעקומען בשלום אַ היים.

צוויי וואָכן איז די קאָלאָניע געווען באַלאַגערט, ביז די רעגירונג האָט סוף כל סוף צוגעשיקט הילף און האָט ערלויבט צו באַנוצן זיך מיט געווער. פון דעמאָלט אָן איז די אַרבעט געגאַנגען רואיגער און זיכערער.

עין־חרוד — חיה־שרה חנקין

---

*) דער גראָבן וואָס עס לאָזט הינטער זיך דער אַקער.

באַזוכט מֶרְחַבְיָה

מיט אַ שטיקל צייט צוריק בין איך געפאָרן דורך שְכֶם קיין נַהֲלָל. שוין יאָרן לאַנג איז מיר ניט אויסגעקומען צו פאָרן מיט דעם וועג. פון שכֶם ביז זשענין האָט זיך ווייניג־וואָס איבערגעאַנדערשט. נישט מער — אָנשטאָט דעם אַמאָליגן שלעכטן וועג צווישן שטיינער און פעלזן איז איצטער דורכגעלייגט אַ גוטער שאָסיי און אָנשטאָט צו פאָרן קיין עפולָה אַ מֵעַת־לְעֵת פאָרט מען איצט פיר שעה. דעם עֵמֶק אָבער האָב איך ניט דערקאָנט. אַ סך זִכרוֹנוֹת פון אַ מאָל האָבן זיך אין מיר דערוועקט קוקנדיג אויפן עֵמֶק, ווי אַזוי ער איז עס אינגאַנצן פאַרזייט געוואָרן מיט אידישע ישובים, וואָס ניט אַלע פון זיי ווייס איך אפילו מיטן נאָמען. פאַר די אויגן איז מיר אויסגעוואָקסן דער אַמאָליקער עֵמֶק, ווי איך האָב אים געקאָנט, און זיין איין־און־איינציגער אידישער ישוב — מֶרְחַבְיָה.

אין יאָר 1909 האָט יהושע חַנקין געקויפט ביי רייכע עפענדיס דעם באָדן פון פולה; פעלאַכן האָבן באַאַרבעט דעם באָדן „אויף אַ פינפטל״, ד. ה. דער עפענדי פלעגט זיי געבן זריעה און כלים און פלעגט באַקומען דער־פאַר ⅘ פונם גערעטעניש, דעם פעלאַך — דעם פאַכטער — פלעגט בלייבן נאָר איין פינפטל.

דעם נייעם ישוב וואָס האָט געזאָלט אויפגעבויט ווערן אין פולה האָבן אידן אַ נאָמען געגעבן: מֶרְחַבְיָה — ווייל דער עמק איז אַזוי ברייט און אָפן פון אַלע זייטן.

איידער מען האָט נאָך אַרויסגענומען די קושאַנעס אויפן באָדן, האָט חַנקין שוין פאָרגעשלאָגן דער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין גָלִיל — דעם „הַחוֹרֵש״ — צוזאַמענשטעלן אַ קבוצה וואָס זאָל גיין קיין מרחביה. די קבוצה האָט זיך גלייך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן און נאָר ווייניג גליקלאַכע האָבן זוכה געווען אין איר אַריינצוגיין, ווייל לויטן שֶטַח פונם באָדן און לויטן ביודזשעט האָט מרחביה געקענט אַריינעמען סך־הכל 30 אַרבעטער. נאָך אַ סך אסיפות און ויכוחים האָט מען אויסגעקליבן די מענטשן וואָס האָבן אויף זיך גענו־מען צו באַאַרבעטן דעם נייעם אידישן פונקט און דורכלייגן אַ וועג פאַרן שפעטערדיגן, שטענדיגן ישוב. צווישן די חברים זיינען אויך אויסגע־ווילט געוואָרן פיר חבר׳טעס.

די חברים פונם „השומר" האָבן שוין דערפילט אַזאַ אויפגאַבע אין אַ סך גליל׳ער קאָלאָניעס, און די מרחביה׳ער קבוצה איז אויך צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן דאָס רוב פון שומרים. די 30 אויסגעקליבענע חברים זיינען געווען צוזייט איבערן גאַנצן גָליל — געאַרבעט אָדער געוועכטעוועט. אין אַ שטיקל צייט אַרום האָבן זיי זיך אַלע צונויפגעקליבן אין כִּנֶרֶת, וואָס איז דענסטמאָל געווען דער צענטער פון גליל, — כדי פון דאָרט אַוועקצוגיין צוזאַמען קיין מרחביה. ס׳איז אָבער אַזוי גרינג ניט אָנגעקומען.

די פעלאַכן, נאָכדעם ווי זיי האָבן באַקומען אַ גרויסע סומע אָפּטרעטגעלט פאַר זייער חזקה, האָבן פאָרט ניט געוואָלט פאַרלאָזן דעם פלאַץ. און אויף אַזאַ אופן האָט מען ניט געקענט אָנהויבן מיט דער אַרבעט. פינף חברים אונזערע זיינען דערווייל אָפּגעפאָרן קיין דַמֶשֶׂק צו קויפן אַרבעטס־פּי און כלים; די עופות האָב איך געדאַרפט קויפן. אין אַ וואָך אַרום האָבן זיך אומגעקערט די חברים פון דמשק און געבראַכט פון כָּל טוב: וועגענער אָנגעלאָדענע מיט געשפאַן, זאָטלען, זיפן, עמערס, ראָגזשעס, דרעש־שליטנס און כלים פון כָּל הַמִינִים.

אין דער כנרת׳ער פערמע, וואו מיר האָבן זיך אויפגעהאַלטן ווי שכנים אויף אַ ווילע אָדער ווי אורחים אויף לאַנג, האָט מען אונז שיין אויפגענומען, הגם מען האָט אַליין געלעבט אין גרויס איינגעשאַפּט. ס׳האָבן געגעסן דריי טישן איינער נאָכן אַנדערן און געשלאָפן זיינען מיר אויף שטרוי — אין הויף און אויף די בוידעמער. ס׳איז אָבער אַלץ געווען כְּדַאי, ווייל מען האָט געהאָפט אויף מרחביה.

אַזוי האָט זיך געצויגן אַ וואָך נאָך אַ וואָך. מען זיצט צוגעבונדענע צום פלאַץ און טאָג אויף טאָג קוקט מען אויס די אויגן אויף אַ באַפעל צו גיין. עטלאַכע חברים אונזערע האָבן געאַרבעט אין דער כִּנֶרֶת׳ער פערמע, אַנדערע זיינען געווען פאַרנומען מיט אונזער אייגענער „ווירטשאַפט".

סוף כל סוף זיינען די כנרת׳ער חברים מיד געוואָרן פון אַזאַ לאַנגער הַכְנָסַת־אורחים. פאַר אַ צוגאָב האָט מען נאָך אַראָפּגעבראַכט אין הויף אונזערע פְּרֵדות, און די כנרת׳ער פרֵדות איז איינג געוואָרן דער שטאַל. מענטשן ליידן — איז מֵילא, אָבער פרדות... און אַז מיר איז נִמאָס געוואָרן צו וואַרטן אין יַבְנְאֵל איינע אַליין מיט מיינע עופות און איך בין מיט זיי אויך אַראָפּגעקומען קיין כנרת, האָבן מיר דאַן קלאָר דערפילט, אַז מען טאָר אַזוי ניט אויסנוצן חבר׳שע פריינדלאַכקייט. מיר האָבן זיך אַרויסגעקליבן פון הויף און אָנגעהויבן לעבן „פאַר זיך" אויפן ברעג פון יַם כִּנֶרֶת. נאָר

די פַּרדֵות זיינען ווייטער געבליבן אין הויף, מען זאָל זיי ניט גַנב׳ענען. געקאָכט האָבן מיר אויף צוויי שטיינער אונטער אַ דערנער־בוים. דאָרטן האָבן מיר אויך געגעסן און געוואַשן וועש, און מיט אַ אומענדלאַכער געדולד האָט מען געוואַרט — ביז נאָך דריי חדשים וואַלגערן זיך אין דרויסן און אין שטאַלן איז געקומען די ישועה.

אַזאַ טאָג געדיינקט מען אייביג. אַ וואָך פאַר דעם איז צו אונז געקומען חנקין און האָט געהייסן אַז דריי פון אונז וועלכע האָבן געקענט גוט ריידן אַראַביש זאָלן גיין קיין מְרחַבְיָה און איינאָרדנען מיט גוטן, אַז די אַראַבער זאָלן אונז לאָזן אַרויף אויפן געקויפטן פּלאַץ. אונזערע מענטשן האָבן זיך ניט געוואָלט קריגן און ניט געוואָלט אַז די רעגירונג זאָל זיך אַריינמישן. סוף וואָך איז געקומען אַ באַפעל צו גרייטן זיך אין וועג אַריין. מיר האָבן ניט געמאַכט קיין שְהִיות און אויף מאָרגן צען אינדער־פרי זיינען מיר געווען גרייט אַרויסצופאָרן פון כנרת מיט אונזער גאַנצן האַק און פּאַק.

אין דער גאַנצער געגנט אַרום איז געווען אַ יום־טוב שטימונג. אַלע כנרת׳ער אַרבעטער זיינען אַרויס באַגלייטן אונז און בענטשן אויפן וועג. צו זיי זיינען צוגעשטאַנען אַ סך קאָלאָניסטן פון די דערבייאיגע קאָלאָניעס, און אַ גרויסער הָמון פוסגייער און רייטער האָט אַרומגערינגלט די וועגע־נער. די גאַנצע פּראָצעסיע האָט זיך געצויגן מיט פרייד און געזאַנג באַרג־אַרויף ביז פּוריָה און דאָרטן האָט מען זיך מיט אונז צוזעגנט מיט בְּרָכות, מיט לידער און מיט שיסעריי פון ביקסן, ווי דער שטייגער איז געווען.

פאַרנאַכט זיינען מיר אָנגעקומען קיין מְרחַביה. דאָרטן האָבן אונז באַגעגנט די דריי ערשטע חברים, וועלכע זיינען געקומען פאַר אונז.

וואוינען האָבן מיר באַדאַרפט אין פאַרלאָזענע, האַלב־חָרוב׳ע אַראַבי־שע „חושעס״, וואָס זיינען פול געווען מיט פליי.

פריער פאַר אַלץ האָט מען געדאַרפט פאַרזאָרגן אַ פּלאַץ פאַר די פּרדות און אָנהויבן זייען, ווייל צוליבן לאַנגן וואַרטן האָבן מיר זיך זייער פאַרשפּעטיגט מיט דער אַרבעט. פאַרן נייעם יִשוב האָבן מיר אויסגעקליבן אַ הויף, וואו ס׳האָבן זיך געפונען דריי „חושעס״ — איינע אַ גרויסע, 4 מעטער אויף 6, און צוויי קליינע. אין דער גרויסער חושע האָבן מיר געמאַכט דאָס „עס־צימער״ און די קיך. קיין מעבל איז ניט געווען. דער בריק אין דער חושע איז פון איין זייט געווען מיט אַ האַלבן מעטער העכער ווי פון דער צווייטער זייט; די העכערע העלפט האָבן מיר ערקלערט פאַר אַ טיש,

און אין דער נידעריגערער האָבן מיר געמאַכט די קיך. אַרום די ווענט זיינען געווען ליימענע קאַריטעס, וואו אַראַבער פאַרשיטן דאָס עסן פאַר די פי. דאָרטן האָבן מיר געמאַכט אונזערע קיך־אַלמערס. אָנשטאָט אַ פּליטע האָבן מיר געקאָכט אויף שטיינער אין דרויסן. אין די צוויי קלענערע חושעס האָבן מיר געהאַלטן דאָס עסנוואַרג און די עופות.

די חבר׳טעס האָבן גלייך פאַרשטאַנען וואָס זיי האָבן צו טאָן אויפן נייעם פּלאַץ, און צו טאָן איז געווען גענוג. דער גאַנצער עול איז געלעגן אויף אונז צווייען, ווייל די איבעריגע צוויי חבר׳טעס האָבן געוואַרט אויף א קינד און האָבן אונז ווייניג וואָס געקענט העלפן. אין דער ווירטשאַפט איז אויך געווען אַ סך אַרבעט, און די חברים האָבן קיין צייט ניט געהאַט אונז עפּעס העלפן. און פונדעסטוועגן האָט זיך אונז נאָך געוואָלט פאַרפוצן די „שיינע" דירה. דערהויפּט איז אונז ניט געפעלן געווען די ראָגזשע אויפן פּאָדלאָגע אָנשטאָט אַ טיש, הגם דאָס עסן ביי אַזאַ „טיש" פלעגט צוגיין ביי אונז זייער פריילאַך, ווייל נאָר געציילטע חברים האָבן געקענט זיצן ווי אַראַבער מיט אונטערגעבויגענע פיס, די איבעריגע אָבער האָבן זיך בשום אופן ניט געקענט אויסלערנען די תורה. אַנדערע פלעגן שטיין נעבן טיש אויף די קני און אַנדערע פלעגן גאָר עסן ליגנדיג. אונזערע חושעס פלעגן מיר אויסקאַלכן און פאַרפוצן מיט בלומען. ביז מיר זיינען סוף כל סוף געוואָרן מיט לייטן גלייך: מיר האָבן צעלייגט ברעטער אויף דיישקעס, איז דאָס געווען דער טיש, און אַרום „טיש" צעשטעלט גאַזע־קעסטלאַך, איבערגעדעקט זיי ווייטער מיט ברעטער און ס׳זיינען געוואָרן בענק. אין חיפה האָבן מיר געקויפט אַ ווייסע צעראַטע און אונזער עס־צימער האָט שוין באַקומען אַ פּנים ווי ס׳האָבן יאָרן־לאַנג געהאט אַלע עס־צימערן אין די קבוצות.

די צווייטע פראַגע איז געווען די פראַגע פון ברויט. די קבוצה האָט נאָך ניט געהאַט קיין אייגענעם אויוון. ברויט האָט מען אונז צוגעשיקט פון חיפה, אַלע טאָג פרישן, ווייל חיפה האָט נאָך דעמאָלט ניט פאַרמאָגט קיין בעקעריי וואָס זאָל קאָנען פאַר אונז אָפּבאַקן פאַר אַ מאָל ברויט אויף עטלאַכע טעג. דער ברויט זייערער איז געווען היילער טייג, און מיר האָבן געמוזט אָנהויבן באַקן אינדערהיים. ס׳איז אָבער שווער אויסצומאָלן זיך מיט וואָס פאַר אַ יסורים איז דער ברויט אונז אָנגעקומען. ווער פון אייך ווייס וואָס הייסט אַ „טאַבון"? — דאס איז אַן אַראַבישער אויוון, וואָס אַ גאַנצע נאַכט רויכערט דאָס און אינדערפרי באַקט מען אינם צוגליטן אַש די דינינקע אַראַבישע

פלעצלאַך — „פּתּוֹת״. די מייסטע טאַבונעס אין דאָרף זיינען געווען צובראָכן; נאָר פיר טאַבונעס ניט ווייט פון אונזער קיך זיינען געווען גאַנץ, און אין יעדן טאַבון פלעגן אַריין נאָר זעקס לעבלאַך ברויט.

האָבן מיר געפּרובט צו באַקן אין אַ טאַבון. אָפּוואַרטן ביז עס וועט אויפהערן צו רויכערן האָבן מיר ניט געקענט, ווייל מען האָט געמוזט באַ־ווייזן צו באַקן פאַרן טאָג צוויי מאָל; האָט מען געדאַרפט זעצן דעם ברויט בעת דער טאַבון איז נאָך געווען פול מיט רויך און מיט הייסן אַש. נאָך יעדן לעבל ברויט האָבן מיר זיך אַרויסגעכאַפּט פון טאַבון פריי אַן אָטעם צו טאָן, ווייל אינווייניג האָט מען געקאָנט דערשטיקט ווערן. געפינען גיך די טיר אויף אַרויסצולויפן האָט מען אויך ניט געקענט, ווייל אין טאַבון איז געווען פינסטער פון די וואָלקנס רויך, און ניט איין מאָל פלעג איך זיך אָנשטויסן אָן אַ וואַנט און פאַרוואונדן זיך די קאָפּ. צוויי חדשים האָט עס געדויערט ביז די חברים זיינען אַ ביסל פאַרטיג געוואָרן מיטן זייען און האָבן צייט געהאַט אויפצובויען אַן אויוון מיט אַ פּליטע.

די ערשטע חדשים איז די צאָל עסער אין אונזער קיך געווען זייער גרויס. די חברים פון דער קבוצה האָבן ניט באַוויזן אַליין צו פאַראַקערן און פאַרזייען דעם באָדן און האָבן געמוזט נעמען צו הילף מענטשן פון די קאָלאָניעס. צום טיש פלעגן זיך זעצן קרוב צו 50 מענטשן, אויסער די טוריסטן וואָס פלעגן קומען צו גאַסט. צווישן איין מאָלצייט און דער צווייטער פלעגן מיר נאָך געפינען צייט אויף צו וואַשן די חברים׳ס וועש. אין אַ צייט אַרום איז צו אונז געקומען נאָך אַן אַרבעטאָרין און אַ פעלדשערין און ס׳איז אַ ביסל גרינגער געוואָרן.

די נייע געגנט. דער ברייטער אָפענער עמק, האָט זיך מיר איינגעבאַקן אין האַרצן. אָפט פלעגט זיך וועלן אַרויסגיין פון הויף און פון קיך אין דעם פרייען פעלד אַריין און אָנשליסן זיך אָן דער שורה חברים, וואָס פירן דורך דעם ערשטן אַקער איבערן עמק. ס׳האָט זיך מיר געדוכט: קיין גרעסערער גליק ווי דער איז גאָר אין דער וועלט ניטאָ.

משק הפועלות אין שכונת־ברוכוב אסתר בעקער

מיט די שוֹמרִים אין גָליל

בײַ דער וועכטער אָרגאַניזאַציע „הַשוֹמֵר" איז געווען אַ דין, אַז יעדער חבר מוז וואַנדערן פון אָרט צו אָרט – לויט ווי ס'וועט פאָדערן די וואַך. אין מֶשֶך פון איין יאָר האָט מען געקענט אומבײַטן מִי יוֹדֵעַ וויפיל פלעצער און לסוף אומקערן זיך צוריק אויפן זעלביגן אָרט פון וואַנען מען האָט אָנגעהויבן. איידער מ'האָט נאָך באַוויזן אײַנלעבן זיך אויפן נײַעם פלאַץ, איז שוין געקומען די צײַט אויפצוהויבן זיך און וואַנדערן ווײַטער. אין פלוג איז עס גאָר געווען אַ גרינגער לעבן: זעקס גאַזע קעסטלאַך און פיר ברעטער – דאָס איז געווען די גאַנצע מעבל, און קיין דַאגה וועגן דִירה האָט מען אויך ניט געהאַט. די קאָלאָניע פלעגט פאַרזאָרגן דעם וועכטער מיט אַ „דירה" – דאָס רוֹב אַ קליין חֶדֶר'ל, אַ קיך פון אַ קאָלאָניסט, וואָס דער וַעַד פון דער קאָלאָניע האָט געדונגען פאַרן וועכטער. אין צימער האָבן געקענט אַרײַן מער ניט ווי צוויי בעטן מיט אַ טיש. און אַזוי ווי דער פאָטער פלעגט פאַרברענגען די נעכט אויף דער וואַך, האָט דער זון געקענט שלאָפן אויף זײַן אָרט. קיין פלאַץ פאַרן צווייטן קינד איז שוין ניט געווען. זײַן בעטל פלעגט שטיין אין דרויסן און אויף דער נאַכט פלעגט מען עס קוים אַרײַנשטופן אין צימער.

די מוטער האָט קיינמאָל ניט געוואוסט פון אַ רואיגער נאַכט. יעדער פייף, יעדער שאָס פלעגט זי אויפוועקן פון שלאָף. דורך פאָראויס אָפּגערעדטע סיגנאַלן האָט זי באַקומען ידִיעוֹת פון דערווייטנס ווי עס האַלט.

דער וועכטער פלעגט קריגן זײַן געהאַלט ניט אין מזומן נאָר אין עסנוואַרג. יעדער קאָלאָניסט האָט געדאַרפט געבן פאַרן וועכטער אַ געוויסע מאָס ווייץ. פלעגן זיך געפינען קאָלאָניסטן וואָס האָבן ניט געהאַלטן וואָרט, – איז ביז דער וַעַד האָט זיך אַרײַנגעמישט און געפּוֹעלט אַז זיי זאָלן אַרײַנטראָגן זייער ווייץ, האָט דעם וועכטערס פאַמיליע געמוזט אַ ביסל צוהונגערן. אין אונזער קאָלאָניע – אין מֶסְחָה – האָט אין דער שלעכטער צײַט אויסגעהאָלפן די שומרִים דער לערער עַנְתֶּבִּי. ער האָט אונז אָפּגעגעבן דאָס שטיקל באָדן בײַ דער שול וואָס די שול־קינדער האָבן ניט באַאַרבעט. די פרויען אונזערע האָבן אויפן באָדן געמאַכט אַ גאָרטן, – און וואָס מענטשן האָבן אונז ניט דערגעבן, האָט אונז אומגעקערט בשֶפע די ערד. ס'איז געווען אַ גערעטעניש אויף גרינס. מיר אַליין האָבן געגעסן פון גאָרטן צו זאַט און האָבן נאָך געהאַט צו פאַרקויפן.

מְסחָה איז געווען אונזער לעצטע וואַך נאָך אַ לאַנגן נְע־וְנָד לעבן. דער „הַשוֹמֵר" האָט זיינס אָפּגעטאָן: יעדער פּלאַץ וואו ער האָט ביז איצטער געוועכטעוועט איז שוין פאַרבליבן טריי דער אידישער וואַך. בלייבן פּראָפּעסיאָנעלע וועכטער האָבן מיר ניט געוואָלט, אַזוי אַז די פאַמיליעס גִלְעָדִי, זייד, גָד־קוראַקין און נאָך פיר בָּחוּרים — אַלע שומרים וואָס האָבן דאַן געוועכטעוועט אין מסחה — האָבן באַשלאָסן אַוועקלאָזן זיך קיין גָלִיל הָעֶלְיוֹן און אויפבויען דאָרטן אַן אייגענע ווירטשאַפט.

נאָכדעם ווי ישראל גִלְעָדִי האָט זיך אומגעקערט פון גליל, האָט מען אונז מוֹדִיעַ געווען, אַז ער האָט אָפּגעשמועסט מיט קאַלוואַריסקין, (דעם פאָרשטייער פון יק״אַ אין אויבערשטן גליל בְמֶשך פון צענדליקער יאָרן), האָט אָנגעזען דעם באָדן, האָט באַקומען פון יק״אַ אַ קליינעם ביודזשעט און מען קאָן שוין צוטרעטן צו דער אַרבעט. אין חודש תִשְרִי תרע״ז זיינען אויפגעשטאַנען די מענער, גענומען די שקאַפעס — אונזער איינציגן לעבעדיגן פאַרמעגן — און זענען אַוועק קיין גָליל. די פרויען מיט די קינדער זיינען געבליבן וואַרטן ביז די מענער וועלן געפינען פאַר אונז דִירוֹת.

אין צוויי וואָכן אַרום איז אָנגעקומען אַ יְדִיעָה, אַז די דִירות אונ־זערע וועלן זיין אין דער קאָלאָניע מְטולה, וואָס געפינט זיך ניט ווייט פון אונזער באָדן, און אַז אַ מְטולה׳ער קאָלאָניסט וועט קומען קיין טְבֶריה נעמען אונז מיט די קינדער. אַז מיר זיינען געקומען קיין טבֶריה האָט שוין אויף אונז געוואַרט דער וואָגן. ביז ראש־פִּנה איז נאָך געווען עפּעס אַ סִימן פון אַ שאָסיי. ווייטער אָבער האָט זיך דער וואָגן קוים געשלעפּט און איז אָפּט איינגעזונקען אין בלאָטע, ווייל ס׳האָט זיך שוין אָנגעהויבן דער ווינטער מיט די רעגנס.

אונטערוועגס, אין מיטן דער „חוּלָה" (די גרויסע ווילדע, פּרוכטבאַרע זומפּ אין צָפון פון מֵי־מֵרוֹם) פאַלט פּלוצלינג אַריין מיין צוויי־יאָריג קינד אין קאָנוואולסיע און קיינער פון אונז ווייס ניט, וואָס מען טוט אין אַזאַ פאַל און ווי אַזוי מען ראַטעוועט אָפּ דאָס קינד. אין מטולה איז פאַראַן אַ דאָקטאָר, אין ראש־פִּנָה אויך. מיר זיינען אָבער אין מיטן וועג. וואו־הין קערט מען זיך? פאָרן צוריק קיין ראש־פנה איז אוממעגלאַך, ווייל מיר פירן מיט זיך תְבוּאָה. מיר שטעלן אָפּ דעם וואָגן און הויבן אָן רייבן דאָס קינד ביז בלוט. אַנדערע זאָגן ווידער פאַרקערט, אַז מען טאָר גאָר ניט רייבן און אַז מען מוז לאָזן דאָס קינד צו רו.

גייט צו אַן אַראַבער, אַ בעדואינער פון דער „חולה", און זאָגט צו

אונז: „וואָס טוט איר? האָט איר גאָט אין האַרצן? דאָס קינד איז דאָך טויט. טשעפּעט אים ניט". ס'האָבן זיך צונויפגעקליבן נאָך אַראַבער און אַלע אין איין קול: דאָס קינד איז טויט. און ביז מטולה איז נאָך אַ לאַנגער וועג און אויפן גאַנצן וועג איז ניטאָ קיין איינציגער אידישער ישוב.

ווי מיר רייבן אַזוי דאָס קינד, לאָזן עס אָפּ און רייבן עס ווייטער, – באַווייזט זיך פון ווייטן אַ וואָגן, וואָס פאָרט אַראָפּ פון די מטולה'ער בערג און איילט אונז אַנטקעגן. אָט קומט די ישועה – קלער איך מיר. איך גיב איבער די פּרויען אין די הענט מיין דריי־וואָכיג עופה'לע און וואַרף זיך גלייך אָפּשטעלן די פרעמדע פערד, זאָל זיין וואָס ס'וועט זיין. דער וואָגן איז געבליבן שטיין. פרעגן מיר וואו איז נאָענטער צו אַ דאָקטאָר, ווייזט זיך אַרויס אַז מטולה איז נאָענטער. אין וואָגן איז געזעסן אַ גר, אַ געזונטער, שטאַרקער פויער מיט אַ זון. בעט איך אים – ער זאָל אויסקלייבן דעם בעסטן פערד וואָס אים געפעלט, זאָל נעמען דאָס קראַנקע קינד מיט זיך און זאָל איילן מיט אַלע כּוחות קיין מטולה. אַז ער האָט זיך געפּרובט אַרויסדרייען פון מיר, האָב איך אים געגעבן אָנדערטהאַלבן פונט – דאָס גאַנצע געלט וואָס מיר האָבן געהאַט ביי זיך – און האָב אים נאָך צוגעזאָגט מוסיף זיין אין מטולה. ער האָט מסכּים געווען.

דעם גר מיטן קראַנקן קינד האָב איך געשיקט פאָראויס און אים באַפוילן ניט אומקוקן זיך אויף צוריק, און באַלד טאַקע איז ער נעלם געוואָרן פון מיינע אויגן. איך האָב געריטן הינטער אים. מיין פערד איז געווען הויט און ביינער, און איך בין געזעסן אויף אים רייטנדיג ווי אויף אַ שאַרף פון אַ האַק.

אַלע מוטער־געפילן האָבן זיך אין מיר אויפגעוועקט. אויף יעדן בוים פון דערווייטן האָב איך געמיינט אַז דאָס איז דער רייטער, דער אויסלייזער, וואָס אָן אים וועגדט זיך עס צו ראַטעווען מיין קינד. איך וויל פאַרקירצן דעם וועג. מיין פערד עקשנט זיך איין – ער איז געוואוינט צו פאָרן ריכטיג. איך טרייב אים אָבער ערגעץ אָן אַ זייט און צווינג אים מיט גוואַלד צו פאָלגן. דער פערד האָט זיך אונטערגעגעבן און מיר טראָגן זיך ווייטער, ביז מיר זענען דערגאַנגען צו אַ טיפן גראָבן. דער פערד האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט קלוג אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ, ווי איינער זאָגט: „זעסט, וואוהין דו האָסט מיך פאַרפירט? איצטער דאַרף מען זיך אומקערן צוריק". האָב איך געגעבן דעם פערד די ברירה און מיר זיינען אַוועק צוריק מיטן זעלבן וועג – ביז מיר זיינען אַרויף אויפן ריכטיגן שטעגל. מיר איז געווען

פינסטער אין די אויגן, די האָר האָבן זיך מיר געשטעלט קאַפּויר. איך האָב זיך אָבער איינגעעַקשנ׳ט ניט אַראָפּצופאַלן ביי זיך. איך האָב אָנגעהויבן פילן ביי מיר אַז דאָס קינד איז געשטאָרבן — ס׳טרעפן זיך דאָך אַ זעלכע אומגליקן.

...איך עפן די אויגן, ערשט איך שטיי אין דעם אַראַבישן דאָרף חַלְסָה. פרעג איך — צי איז דאָ דורכגעפאָרן אַ רייטער מיט אַ קינד אויף די הענט?

— יאָ, ס׳איז טאַקע דורכגעפאָרן אַזאַ רייטער.

— לעבט דאָס קינד?

— מיר ווייסן ניט, מיר האָבן עס נאָר געזען ביים רייטער אונטערן אָרעם.

— און וואו איז דער וועג קיין מטולה?

— דוגרי (גלייך).

פאָר איך ווייטער איינע אַליין. פון שפּיץ באַרג, צווישן די עקאַליפּ־טוס־בוימער שיינט אַרויס אַ רויטער דאַך. דאָס האַרץ אין מיר ציטערט אויף — אָט איז מטולה. יאָ, מען זעט די שטיינערנע הייזער. איך גיב אַ שפּרונג אַראָפּ פון פערד און לויף אַריין אין ערשטן הויף. אויף דער ערד זיצט אַ גרופּע אַראַבער. כ׳האָב זיך אפילו ניט אומגעקוקט און פרעג גלייך:

— וואוהין איז אַריין דער רייטער מיטן קינד?

זיי שטעלן אויף מיר אויס גרויסע אויגן און ענטפערן פאַרחידושט:

— ס׳איז דאָ ניט געווען קיין רייטער.

— און וואו וואוינען דאָ אידן?

— אידן? ס׳איז דאָ ניטאָ קיין אידן.

בין איך נִשְתּוֹמֵם געוואָרן און פרעג: — איז וואו בין איך?

ענטפערט מען מיר — אין תַּלְחָה.

— ווי באַלד אַזוי, טאָ ווי איז מטולה?

באַווייזט מען מיר אויף די בערג — „דוגרי״.

מיין געדולד האַלט ביים פּלאַצן און די נסיעה אין די בערג מאַטערט אויס. פלוצלינג באַגעגן איך אויפן וועג די חברים אונזערע, די מְסחה׳ער וועכטער. פרעג איך זיך וועגן רייטער און וועגן קינד. יאָ — זאָגן זיי — דאָס קינד לעבט. גלויב איך קוים וואָס מען זאָגט מיר — איך האָב דאָך געוואוסט, ווי ס׳האָט געהאַלטן מיטן קינד. פאָדערט איך, מען זאָל מיר זאָגן דעם אמת. די חברים פאַרזיכערן מיר אָבער אַז דאָס קינד לעבט. פרעג איך זיי — וואָס טוט איר דאָ? — ענטפערן זיי מיר:

— מיר באַהאַלטן זיך אויס פון דער רעגירונג, זי זוכט „פאַראַר״ *) און פערד.

*) אַנטלאָפענע פון סאָלדאַטן.

— אויב אַזוי, טאָ נעמט ביי מיר צו מיין פערד — זאָג איך צו זיי — זאָל ער דאָ בלייבן ביי אייך ביז וואָס־ווען.

ווי אַ פייל פון בויגן האָב איך זיך געלאָזט לויפן אויפן מטולה׳ער באַרג. ווי פליגלען וואָלטן מיך געטראָגן. עד היום געדיינק איך ניט מיט וואָס פאַר אַ וועג איך בין געקומען. אין מטולה פרעג איך וואו וואוינט די דאָקטאָרשע — באַווייזט מען מיר. גיי איך אַריין אין צימער און די דאָקטאָרשע דערקענט מיך גלייך און זאָגט: „ס׳איז דיין קינד, פייגעלע?״ דאָס איז געווען פרוי בן־עמי, די טאָכטער פון באַרימטן שרייבער, וואָס מיט איר אינאיינעם האָבן מיר געאַרבעט אין זכרון יעקבֿ׳ער שפּיטאָל (ביי ד״ר הלל יפה). פרעג איך זי:

— לעבט דאָס קינד?

— לעבט, — ענטפערט זי — און האָט שוין געזאָגט „טאַטע״, נאָר ער דאַרף רו. ער איז שטאַרק מיד און האָט גרויסע היץ.

— און וואו איז דער „טאַטע?״ — האָט זיך ביי מיר אַרויסגעריסן.

— דעם טאַטן האָט מען פון נעכטן צוגענומען פאַר אַ סאָלדאַט, און אָפּגעפירט קיין זשדיידאַ (די קרייז שטאָט פון מטולה) — — —

פאַרנאַכט איז אָנגעקומען אונזער וואָגן. דריי טעג האָב איך געוואוינט ביי פרוי בן־עמי, ביז מיין קינד איז בעסער געוואָרן.

אין מטולה האָבן מיר געלעבט אַ יאָר צייט. דאָס עסן און קליידונג איז ביי אונז געווען בשותפות׳דיגע; די דירות אונזערע זיינען אָבער געווען ווייט איינע פון די אַנדערע און דעריבער האָבן מיר ניט געקענט פירן קיין בשותפות׳ע קיך, און דאָס האָט אונז זייער געשטערט ביי דער אַרבעט.

דער באָדן אונזערער איז געווען אין חמרה,ביים טייך חצבני, צוויי שעה ווייט פון מטולה. די חתונה־געהאַטע האָבן באַאַרבעט דעם באָדן פון חמרה, און די בחורים האָבן געוועכטעוועט ביי די מטולה׳ער קאָלאָניסטן. אין אָוונט פלעגן די וועכטער אָנטאָן די שיך פון די „פויערים״ און אַרויס אויף דער וואַך, און פאַרטאָג, אַז די „פויערים״ האָבן געדאַרפט אויפשטיין צו דער אַרבעט, האָבן די וועכטער זיי צוריקגעגעבן די שיך און זיינען געגאַנגען שלאָפן. אַ גאַנצן ווינטער האָבן די פיס ניט פאַרזוכט דעם טעם פון אַ טרוקענעם שוך.

כדי צו קומען באַצייטנס צו אונזער באָדן און עפּעס אָפּטאָן פאַרן טאָג, האָט מען געדאַרפט אַרויס פון דערהיים באַגינען און צוריקקערן זיך מיט די שטערן. די פרוי מיט די קינדער פלעגן בלייבן אַ גאַנצן טאָג אַליין.

קריגן עפּעס צו קויפן איז ניט געווען וואו און ניט געווען פאַר וואָס.

אַז מען פלעגט ברענגען דאָס זעקעלע ווייץ אַ היים, פלעגט די פרוי עס איבערקלייבן, אַרויפלייגן דעם זעקל אויפן רוקן און אַוועקלאָזן זיך דערמיט צו דער מיל. דאָרטן האָט זי געוואַרט דריי שעה נאָכאַנאַנד, ביז די פּאָר־צייטיגע מיל־שטיינער האָבן פּאַוואָלינקע צומאָלן די ווייץ, און איז געגאַנגען צוריק אַ היים מיטן זעקל מעל. ערשט דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן אַ סְדרה קריגן האָלץ אויף איינצוהייצן דעם אויוון – מען האָט געדאַרפט גיין אין פעלד און קלייבן דערנער.

קיין וואַסער איז אין מטולה ניט געווען. וואַשן פלעגט מען גיין מיט די באַלייעס באַרג אַראָפּ צום וואַדי חַרַר, און אויף צוריקוועגס האָט מען געטראָגן אויפן קאָפּ פולע באַלייעס מיט נאַסע וועש. עס האָט זיך געדוכט אַז דער האַלז זינקט אַריין אין די אַקסלען. די שווערע אַרבעט האָט צוגענומען אַ סך אומזיסטע כּוחות און געמאַכט אַ תֵּל פונם געזונט.

אַז מיר האָבן זוכה געווען צו דעם ערשטן שניט איז ביי אונז געבליבן אַרויסצוגיין צו דער אַרבעט „מיט קינד און קייט". מיר האָבן געקראָגן אַ צעלט און זיינען אַראָפּגעקומען מיט דער גאַנצער חֶברה אויף אונזער פעלד. די קינדער האָט מען איבערגעלאָזן אין צעלט. איין מאַמע איז געבליבן אויפפּאַסן אויף זיי און די איבעריגע דריי פרויען זיינען אַרויס מיט די מענער צום שניט.

פון די פליגעלאַך און מאָסקיטן האָט מען געהאַט גאָר אַ שיינעם קַבָּלת־פָּנים. זיסער פאַר אַלץ איז זיי געווען, ווי ס'ווייזט אויס, דאָס בלוט פון אונזערע קליינע קינדערלאַך. פאַרן טאָג פלעגן די קינדער אַ ביסל אָפּלעבן און אין אָוונט פלעגן מיר זיי ברענגען אַ היים ווידער אָנגעשוואָלענע און פול מיט וואונדן.

קראַנקייטן האָבן אונז ניט אויסגעפּעלט. דערוויילע איז די דאָקטאָרשע אַוועק פון מטולה און קיין אַנדערע אויף איר פּלאַץ איז ניט געקומען. האָבן מיר געמוזט אָנקומען צום דאָקטאָר פון אַראַביש־קריסטלאַכן דאָרף דאַרמאַמעס, וואָס די מטולה'ער קאָלאָניסטן האָבן פון אים שטאַרק געהאַלטן. זיין שטייגער איז געווען אויסצוהערן אַ חולה נאָר שְׁכּור'ערהייט, און צאָלן האָט מען אים געמוזט אַ פריער, מיט מזומָנים און מיט ווייַן. דערצו איז ער נאָך געווען אַליין דער אַפּטייקער און נאָך זיין „וויזיט" פלעגט מען דאַרפן פאָרן צו אים אין דאָרף אָפּנעמען די רפואות.

מיט אונז צוזאַמען האָט געלעבט יָפָה קוראַקינאַ־גַד, אַ טאָכטער פון

אַ גרים־פאַמיליע אין סעדזשערא, וואָס איז ערצויגן געוואָרן אין דעם באַוואוסטן סעדזשערער קאָלעקטיוו. יָפה׳ס קינד איז קראַנק געוואָרן. ביים בעט פונם קראַנקן קינד האָבן זיך לויט דער רייע געביטן די מאַמעס. ביי־טאָג פלעגט זי אַליין אַרומגיין אַרום קינד און אין אָוונט פלעגט איינע פון אונז קומען איר העלפן און בלייבן ביי איר ביז פאַרטאָג. איינמאָל אין אָוונט אַז איך בין אַריין צו איר אין צימער, האָב איך זי געטראָפן זייער אַ פאַר־מאַטערטע און אָפּגעשוואַכטע. כ׳האָב זי געבעטן זיך צולייגן אָפּרוען, האָט זי ניט געוואָלט. אינדערפרי, אַז איך בין געקומען צו זיך אַ היים, האָב איך גיך אַוועקגעשיקט אַ חבר קיין דאַרמאַמעס נאָך רפואות, ווייל דאָס קינד איז געווען געפערלאַך.

איך קום צוריק מיט די רפואות און גיי אַריין צו יָפה׳ן אין צימער. ערשט אויפן בעט האַלב ליגנדיג, האַלב זיצנדיג דרעמלט יָפה און ביי איר אויפן שויס שלאָפט דאָס קינד. הויב איך זיי אָן צו וועקן. די מוטער האָב איך נאָך אויפגעוועקט מיט גרויס מי. דאָס קינד אָבער האָב איך שוין ניט געקענט דערוועקן. אַז זי האָט אויפגעעפנט די אויגן און דערזען דאָס טויטע קינד, האָט זי זיך שרעקלאַך פאַנאַנדערגעווײנט: „פאַרוואָס האָסטו מיך אויפגעוועקט? הלואי וואָלט איך געווען איינגעשלאָפן מיט אים צוזאַמען!״ ניט אומזיסט האָט זי געבעטן אויף זיך דעם טויט — דאָס איז געווען דאָס צווייטע קינד וואָס איז איר אַוועקגעשטאָרבן צוליב דעם שטענדיגן נע־וְנד־לעבן.

פון מטולה זיינען מיר אַריבער אויף אונזער שטענדיגן פּלאַץ, וואָס מיר האָבן שפּעטער אַ נאָמען געגעבן כּפר־גִלְעָדי. מיר האָבן אויפגעבויט אַ באַראַק אויף צו וואוינען, איין איינציגן באַראַק, און אים איבערגעצוימט מיט אַ ווענטל פון ראָגזשעס. איין העלפט האָבן מיר צעטיילט אויף פינף צימערן און אין דער צווייטער העלפט איז געווען די קיך, דאָס עס־צימער, אַ ווינקל פאַר די זיבן קינדערלאַך און נאָך אַ ווינקל פאַר אונזער ביסל געזעלשאַפט־לאַכקייט. צו איינע פון די ווענט האָבן מיר צוגעבויט אַ שטאַל און צום שטאַל דעם הינערשטייג. אָנשטאָט אַ באַלקן האָבן מיר אויפגעהאַנגען אונטערן דאַך גרויסע קאַסטנס און דאָס איז געווען אונזער תּבואה־שפּייכלער.

זומער־צייט האָט מען געקענט לעבן אין צעלטן פון ראָגזשעס — איז דעמאָלט טאַקע גרינגער געווען.

איין פרוי האָט געהאָדעוועט די קינדער, די צווייטע האָט געאַרבעט אין דער בשותּפות׳דיגער קיך און איך האָב געהאַט מיינע אַ באַזונדערע אַרבעט. איך בין געווען אַ ספּעציאַליסטקע אויף וואַשן ווייך. כדי צו וואַשן

אונזער חמרער ווייך האָט מען געמוזט האָבן אַ סך געניטקייט, ווייל זי איז געווען אויסגעמישט מיט רויטע ערד (חמרה = ליימבאָדן) און מען האָט געדאַרפט האָבן אַ גאַנצן טייך וואַסער זי צו דערוואַשן. אָן אַראַבער האָט מיך אויסגעלערנט, אַז אויב מע מישט צו צו דער ווייך נאָך מער ערד און מען שיט זי אַריין אין אַ קעסל מיט וואַסער, צעלייגט זיך עס אין קעסל אויף דריי שיכטן: ערד, „טאַראַדאַן" (קערנדלאַך פון אַ ווילדער גראָז) און ריינע ווייך.

דער וואָגן וואָס פאָרט אַרויס אין דערפרי אין פעלד אַריין פלעגט מיך פאַרנעמען מיט מיין גאַנצן קלאַפּער־געצייג און מיט די ווייך. דעם גאַנצן טאָג פלעג איך אָפּזיצן אויפן ברעג פונם טייכל טאַיון און פלעג וואַשן און טריקענען די ריינע ווייך אויף ראָגזשעס, און אין אָוונט, פלעגט מיך דער וואָגן ווייטער פאַרנעמען מיט אַלע מיינע פּעקלאַך.

די קינדער פלעגן מיר ברייגנען דאָס עסן צום טייך. דערפאַר אָבער פלעגן זיי קריגן כּשר באַצאָלט — זיי פלעגן באָדן זיך אינם קלאָרן וואַסער און אַרומלויפן נאַקעטע אויפן ברעג טייך. איינמאָל איז פאַרבייגעפאָרן אַ קאַראַוואַן קעמלען. די קינדער זיינען אַרויס פון וואַסער און גענומען וואַרפן מיט שטיינער און פאַרטרייבן די קעמלען. האָבן זיך די אַראַבער געחידושט: פון וואַנען קומען אַהער קינדער? און גאָר ווייסע? אין יענעם מאָמענט איז שווער געווען צו טרעפן, ווער זיינען עס דאָ די ווילדע — די בעדואינער אָדער אונזערע קליינוואַרג.

אַז די אַראַבער האָבן זיך גענומען איינקוקן האָבן זיי באַמערקט, אַז פון ווייטן, פון שפּיץ באַרג, זעט זיך אַרויס אַ דאַך, און אונטן ביים טייך, דאָרטן וואו מע טרינקט אָן די בהמות, זיצט אַ פרוי איינע אַליין און וואַשט ווייך. זיינען זיי נשתּומם געוואָרן און האָבן זיך געפרעגט, — ווי האָב איך דאָס ניט קיין מורא צו זיצן איינע אַליין אין מיטן וועג?

— „אָט זיינען דאָך מיינע סאָלדאַטן, וואָס זיינען אָנגעפאַלן אויף אייך" — האָב איך זיי געענטפערט.

די אַראַבער האָבן זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

וואַשן וועש און באַקן ברויט איז אויך געווען מיין מלאָכה. די חבר'טע יפה האָט שוין אונז ניט געקענט אַסך העלפן. זי איז געלעגן קראַנק און האָט זיך אויסגעגעסן דאָס האַרץ, וואָס אַנדערע דאַרפן טאָן אַרום איר. מיר האָבן אָבער ניט זוכה געווען זיך לאַנג מיט איר אָפּצוגעבן. אין עטלאַכע חדשים אַרום איז זי געשטאָרבן.

שיך אַבּריק צפורה וייד



כפר־גלעדי

מיין עֲלִיָה אין ארץ־ישׂראל

און דַוקא דעמאָלט, ווען ס׳האָט זיך מיר געדאַכט אַז עס עפענען זיך פאַר מיר ברייט די טויערן פון לעבן, – דוקא דעמאָלט האָבן זיך ביי מיר אויפגעוועקט ספֵקות: צי איז דאָס דער ריכטיגער וועג מיינער?

איך אַרבעט אין „זעמסטוואָ״, אין רוסלאַנד. אויף מיר וואַרט אַ וויכטיגע אויפגאַבע: צו אַרבעטן פאַרן פאָלק. פאַר יענעם פאָלק, וואָס אים האָב איך געקענט, פאַר אים געזאַמלט כּוחות און בילדונג און אין זיין שפּראַך געלעבט און געטראַכט.

אַן איין און איינציגע אידישע בין איך אין דאָרף – און אפילו איין מאָמענט פאַרגעס איך עס ניט, אויף איין מאָמענט פאַרלאָזט מיך ניט דאָס געפיל, אַז אין דער סביבה וואָס איז מיר אַזוי נאָענט בין איך אַ פרעמדע.

און די ספֵקות לאָזן ניט רוען: אין די רוישנדיגע גאַסן פון דער גרויסער שטאָט, אין די קאָרידאָרן פון אוניווערזיטעט, אין די באַלויכטענע זאַלן פונם טעאַטער, ביי מיין אַרבעטס־טיש וואָס איך האָב אַזוי ליב געקראָגן, – אומעטום באַגלייט מיך איין געדאַנק – צי איז דאָס דער וועג?

...דאַכט זיך אַז איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן יענע נאַכט. ס׳איז אַ פריילאַכער טומל אין מיין איינגן סטודענטן־צימערל. מיינע חברים ריידן, דעבאַטירן, לאַכן. נאָר איך געפין מיר קיין אָרט ניט. איך פיל ווי איינס נאָכן אַנדערן רייסן זיך איבער די פעדים וואָס פאַרבינדן אונז צוזאַמען. איך הער זיך מער ניט צו צו דעם וואָס זיי ריידן צווישן זיך. אין דער שטאָטיגער נאַכט־שטילקייט דערקען איך דאָס יאָמערן פונם וואָלף אינם באָטאַנישן גאָרטן און איניינעם מיט אים וויינט אין מיר דאָס האַרץ. ס׳איז אַ טָעות, אַ ביטערער טעות איז מיין לעבן! דאָס פאָלק וועמען איך וויל אָפּגעבן מיינע קרעפטן איז ניט מיינער, אַ פרעמדע בין איך אים. און דאָס אַנדערע פאָלק, דאָס אייגענע – אים קען איך גאָר ניט. כ׳קען ניט זיין לעבן און זיין שפּראַך. דער קרעמער? דער שניידער? ער איז עס ניט. איך קען טרעגער, וואָס לאָדן שיפן אין פּאָרט, פּויערים וואָס שמאַכטן פון שווערער אַרבעט און נויט, אויסגעמאָגערטע קינדער און פרויען, וואָס שטראָמען אַרויס פון די פאַבריקן אין אָוונט, נאָכן גלאָק. דאָס זיינען מאַסן. אָבער וואו זיינען די מאַסן פון מיין פאָלק? איך מוז נאָך אַ מאָל אָנהויבן. פון סאַמע אָנהויב.

דער טומל אין מיין צימער ווערט שטילער, די געסט צוגייען זיך. זיי וואונדערן זיך פאַר וואָס איך שווייג היינט אַזוי פאַרטרויערט, אַזוי אַנדערש ווי אַלע מאָל. אין דרויסן איז אַ שטערנדיגע נאַכט. שטיל. און נאָך קלאָרער הערט זיך דאָס וויינען פונם וואָלף אין באָטאַנישן גאָרטן. ס׳כאַפּט מיך אַרום אַן אומעט. ניין, עס טאָר אַזוי ווייטער ניט זיין.

איך האָב איינגעפּאַקט מיינע זאַכן און מיט דער ערשטער שיף בין איך אַוועקגעפאָרן אַהיים צו מיינע עלטערן אויפן דאָרף.

וואַרעמע טעג אין אָנהויב האַרבסט. ס׳איז אַזוי מאָדנע צו זיין איצט אין דער היים און ניט אין דער גרויסער שטאָט. די פאַמיליע קוקט אויף מיר מיט חשד. איך וואַנדער אַרום אויפן ברעג פונם דניעפּר און ס׳גלעט מיך די ליבע, האַרבסטיגע וואַרימקייט. אין די רעגנדיגע טעג גריבל איך זיך אין דעם פאָטערס אַלמער ספרים *). דאָרט שטייען פּאָליצעס ביכער אויף אַ אומפאַרשטענדלאַכער שפּראַך, און ס׳איז מיר קלאָר אַז אין זיי איז עס באַהאַלטן דער שליסל צו מיין לעבן. און צו ביסלאַך ווערט אין מיר רייף דער געדאַנק: מ׳דאַרף לערנען די שפּראַך פונם פאָלק, אַנדערש וועל איך קיינמאָל דאָס פאָלק ניט קענען. און ווייטער וואַנדער איך אַרום אויפן ברעג פון דניעפּר. די זון וואַרימט שוין מער ניט. ס׳בלאָזט אַ קאַלטער ווינט, אַ שניי פאַלט און ס׳ווערט אַנדרעמעלט דאָס גאַנצע לעבן אין דאָרף. און איך ווייס נאָך אַלץ ניט, וואָס אייגנטלאַך דאַרף מען אָנהויבן צו טאָן.

ס׳איז שוין נאָכן ערשטן יאַנואַר. דאָס נייע יאָר. אַלץ איז באַדעקט מיט אַ טיפן שניי. מיין פאַמיליע איז אַוועקגעפאָרן אין דאָס שכנישע דאָרף און איך זיץ אַליין און בלעטער אין דעם פאָטערס בריוו. איך ווייס אַז דאָס רוב בריוו זיינען פון ארץ־ישראל און וועגן ארץ ישראל, כ׳פאַרשטיי אָבער ניט וואָס אין זיי איז געשריבן... פּלוצלינג פאַלט מיר אַריין אין האַנט אַ רוסישער בריוו — פון וולאַדימיר טיאָמקין. מיין פאָטער האָט מיר שוין געוויס דערציילט אַ מאָל וועגן דעם בריוו, נאָר דעמאָלט איז דאָס אַלץ געווען אַזוי ווייט און פרעמד. איצט אָבער פאַלט יעדעס וואָרט אויף אַ דורכגעאַקערטן באָדן. מיין אויפרעגונג ביים לייענען ווערט אַלץ גרעסער. ווי אַ בליץ שיינט אויף דער באַשלוס: דאָרטן זיינען די אַרבעטער פון מיין פאָלק, — איך וועל גיין אַהין און זיין איינע פון זיי. עס מעלדן זיך

*) דער פאטער — ר׳ יחיאל זאב זאטולאווסקי, איז געווען א פארשער פון אידישער געשיכטע אין אוקראינע און איז געשטארבן אין נהלל. (רעד.)

אויך אַנדערע געדאַנקען, אָבער איך פאַרטרייב זיי און לויף צו מיין אַלטן פריינד, פאַר וועמען איך בין שטענדיג, נאָך פון קינדווייס אָן געוואוינט געווען אויסצוגיסן מיין האַרץ — איך לויף צום דניעפּר. ער איז געשמידט אין קייטן פון אייז, נאָר אונטערן אייז רוישט און וויגט זיך דאָס לעבן. איך בין איינע אַליין אין דעם ברייטן ווייטן דרויסן, כ׳האָב זיך ניט פאַר וועמען צו שעמען און איך שריי אויס הויך אויפן קול: איך פאָר קיין ארץ־ישראל!

עס כּעס׳ט זיך דער ווינטערדיגער יַם. אַ נאַסער נעפּל האָט איינגעוויקלט די וועלט. די מענטשן אַרום קאָרטשען זיך פון קעלט און אין מיר יובלט אַלץ. איך שטיי אויפן דעק פון שיף און ס׳אַרט מיר ניט דער פראָסט און די פינסטערקייט. כ׳האָב ניט געקענט דאָס לאַנד וואוהין איך פאָר — כ׳האָב דאָרט קיין איין איינציגן לעבעדיגן מענטשן ניט געהאַט. איך ווייס נאָר אַז מענטשן אַרבעטן דאָרטן שווער פאַר זייער פאָלק און אַז איך געהער צו זיי. ס׳איז נאָך לאַנג דער וועג, איך דאַרף נאָך אַ סך לערנען, אָבער ווי הויבט מען אָן פון בּרֵאשית בּעֵת דאָס האַרץ דורשט נאָך לעבן און אַרבעט?

אויפן שיף זיינען געווען אויסער מיר נאָר צוויי־דריי זקֵנים, וואָס זיינען געפאָרן אויסלעבן זייערע עלטערע יאָרן אינם הייליגן לאַנד, און אַ פרוי מיט אַ קינד. דאָס יינגעלע האָט געקענט זינגען העברעאישע לידער און ער האָט באַלד דערפילט אַז זיינע לידער זיינען מיר צום האַרצן. פלעגן מיר ביידע זיך פאַרקלייבן אין אַ באַהאַלטן ווינקל און מיט צוגעשלאָסענע אויגן האָב איך זיך איינגעהערט צו דער ליבער, דינינקער שטימעלע פונם קינד.

מיר איז געווען אַלץ איינס וואו אַראָפּצוגיין פון שיף. בין איך אַראָפּ אין חיפה צוזאַמען מיט דער מוטער פונם קינד און צוזאַמען מיט איר בין איך אַוועק אין אַ האָטעל. איך האָב באַשלאָסן צו פאַרלאָזן זיך אויף גאָטס־באַראָט. ס׳וועט זיך שוין געוויס אימיצער געפינען, וואָס וועט זיך פאַראינטערעסירן מיט מיר, וואָס וועט מיך פרעגן, ווער איך בין און וואָס איך וויל אין ארץ־ישראל. און אויב דער מענטש וועט מאַכן אַ גוטן איינדרוק, וועט דאָס ביי מיר זיין אַ סימן, אז איך האָב געפונען דעם ריכטיגן וועג.

כ׳בין שטיל געזעסן ביים טיש און צוגעהערט זיך צו דעם שמועס אַרום מיר. ערשט אַ יונגער מענטש מיט אַ לאַנגער באָרד, וואָס האָט אים געמאַכט אַ סך עלטער, איז צוגעגאנגען צו מיר, די הענט אין די קעשענעס און דער קאָפּ אַ ביסל אָן אַ זייט. און איידער ער האָט נאָך אויפגעעפנט דאָס מויל, האָבן שוין גערעדט צו מיר זיינע קלוגע, שמייכלענדיגע אויגן. און איך האָב זיך פאַרלאָזן אויפן קלוגן בליק פון די לאַכנדיגע אויגן.

אויף מאָרגן, באַגינען האָב איך שוין אַראָפּגעוואָרפן פון זיך מיינע שווערע ווינטערדיגע בגדים און אין אַ זומערדיג קליידל, פול מיט האָפנונג, האָב איך זיך אַוועקגעלאָזן פאָרן מיט ב. קיין מֶרְחַבְיָה.

זעכצן יאָר זיינען אַוועק פון יענעם טאָג. וואָס איז דאַן געווען פרעמד און אומבאַגרייפלאַך — איז איצטער נאָענט און קלאָר. אילוזיעס זיינען געבוירן געוואָרן און פאַרשוואונדן. געווען האָפנונגען וואָס האָבן אָפּגענאַרט און געווען האָפנונגען וואָס זיינען פאַרווירקלאַכט געוואָרן; מענטשן האָבן זיך דערנענטערט און דערווייטערט; אייביק אָבער וועלן פאַר מיר לויכטן יענע אויגן וואָס האָבן אין אַ שעה פון עלנט און איינזאַמקייט אַריינגעקוקט אין מיר מיט אַזוי פיל ברודער־ליבע.

איך בין אין דְגַנְיָה. היינט, דאָס ערשטע מאָל אויף מיין אייגענע אחריות — באַק איך אַן איווּן ברויט. „ברויט פאַר פופציק מענטשן" — חַזר איך מיר אַליין איין און אָט וואַקס איך אויס אין מיינע אייגענע אויגן און אָט פאַל איך ביי זיך אינגאַנצן אַראָפּ און פאַרשטיי ניט ווי אַזוי אַזאַ קליין־וויקסיגע ווי איך האָט גאָר אַ העָזה צו פאַרמעסטן זיך אויף אַ מורא׳דיג־גרויסן איווּן ברויט. די תּורה פון באַקן ווייס איך שוין אויף אויסווייניג. מ., די געניטע אַרבעטאָרין, האָט מיר שטאַרק אָנגעזאָגט, איך זאָל קנעטן לאַנג און דאָס וואַסער אינם טייג זאָל איך ניט אַריינטאָן מיט אַ מאָל נאָר צוגיסן צו ביסלאַך.

מ. גייט אַרויס פון דער בעקעריי. איך בלייב אַליין און נעם זיך צו דער עֲבוֹדַת הַקוֹדֶש. ס׳גייט דורך אַ ביסל צייט. ס׳ציטערן שוין די הענט פון מידקייט און די פינגער ווילן ניט פאָלגן. איך שטריינג אָן אַלע כּוחות — און פון מעל ווערט נאָך אַלץ קיין טייג ניט. איך דערגיס שוין אַליין אויף אייגענע אחריות נאָך וואַסער — ווערט פון דעם עפּעס אַ מין קלעפּעדיגע מאַסע. וויל איך אַרויסשלעפּן די האַנט, שלעפּט זיך דער טייג נאָך.

דגניה אינם גרינדונגס־יאר (1910)

כ׳נעם פֿאַנאַנדער די פֿינגער און נעם זײ צוריק צונויף, איך דרײ די הענט אַהין און אַהער און כ׳קען זײ ניט אַרויסבאַקומען. דער טײג לאָזט ניט. דער רוקן טוט װײ, דער דורשט מאַטערט, די לעסטיגע פֿליגן קלעפּן זיך אײַן אינם פֿאַרשװיצטן שטערן, קריכן אין די אויגן אַרײַן, אין מויל. „ברויט פֿאַר פּופּציק מענטשן״ — חזר איך מיר אַלײן אײַן און קנעט װײַטער מיט איבערמענטשלאַכער אָנשטרענגונג. כ׳קען שוין מער ניט שטײן אויף די פֿיס און איך הויב זײ אָן בײַטן: איך שטײ אויף אײן פֿוס ביז די צװײטע רוט אָפּ. כ׳װויל קלערן װעגן עפּעס אַנדערש, נאָר אין קאָפּ בײַ מיר איז פֿאַרבליבן אײן און אײנציקער געדאַנק: „װי דערגיסט מען אַ ביסעלע װאַסער״... מ. גײט פֿאַרבײַ און קוקט אויף מיר מיט רַחמָנות.

נאָר אָט הויבן זיך אָן באַװײַזן די גוטע סימָנים: דער טײג װערט אַלץ װײכער און גלאַטער, די הענט באַװעגן זיך פֿרײַער. איך דערגיס נאָך װאַסער, איך טרינק אַלײן און װיש מיר אַרום דעם שװײס פֿונם פָּנים. איצטער איז אַ מְחַיה צו אַרבעטן! אַ שטײן איז אַראָפּגעפֿאַלן פֿון האַרצן, װי כ׳װאָלט נאָך אַ לאַנגן װינטער אַ װאַרף געטאָן פֿון זיך דעם שװערן מאַנטל און אַ לאָז געטאָן זיך לויפֿן איבער די גרינע לאָנקעס.

נאָך גאָר ניט לאַנג — אין די פּאַרטראַג־זאַלן, אין ביבליאָטעק און מוזעאום, אינם הױ־האַ פֿון דער גרויסער שטאָט, — פֿלעגט מיך פֿלוצלינג אָנכאַפּן אַ סָפֵק — װער דאַרף אין דער אמת׳ן האָבן מײַן גאַנצע אַרבעט, װער נויטיגט זיך עס אין איר? קען מען דען ניט אויסקומען אָן מיר און אָן מײַנסגלײַכן? און אין אַזױנע מינוטן פֿלעגט מיך באַהערשן אַן אַפּאַטיע צו אַלץ. כ׳האָב קײנעם ניט געװאָלט זען, כ׳האָב גאָרנישט געװאָלט טאָן. און איצטער? — די חברים מײַנע אַקערן און זײען און שנײַדן דעם שניט פֿון אונזערע פֿעלדער, ניט װײַט פֿון דאַנען מאָלט די מיל אונזער װײץ; קומט דאָס מעל אין מײַנע הענט אַרײַן און איך באַק דערפֿון ברויט. איז דאָס ניט דער קװאַל פֿון אַלע קװאַלן? װער קען צװײפֿלען אין דער נויטיקײט פֿון ברויט?

נהלל דבורה דִין

ווען איך בין געקומען

נאָך אַ זעקס־וואָכיגער נסיעה אין אַ פראַכט־שיף זיינען מיר ענדלאַך געקומען צום געגאַרטן ברעג פון דער שטאָט יפו. אַראַבישע טרעגער האָבן אונז אַרומגערינגלט. יעדער פון זיי האָט אונז אין אַ ניט־פאַרשטענדלאַכער שפּראַך פאָרגעלייגט זיין באַדינונג.

איך האָב געוואוסט אַז אַ סך פון זיי זיינען קראַנק אויף אָנשטעקיגע חולאַתן, האָב איך מורא געהאַט פאַר די טרעגער און האָב זיי ניט ערלויבט צורירן זיך צו מיינע זאַכן. איך האָב צוגעדריקט צו זיך מיינע קליינינקע קינדערלאַך און האָב זיך ניט גערירט פון אָרט. די ווייניגע רייזנדע פלעגן פאַרביילויפן, איינאָרדנען זייערע ענינים און — ניט ווערן. די טרעגער, זייענדיג זיכער אַז איך בין ניט גאָר אין גאַנצן ביים זינען, האָבן זיך מיאש געווען פון אַזאַ משוגה׳דיגע פּאַסאַזשירקע. זייער אויסזען האָט ביי מיר אַרויסגערופן פאַרצווייפלונג.

אַ ביסל שפּעטער, ווען אַלע ניי־געקומענע זיינען זיך פאַנאַנדערגע־גאַנגען, האָב איך דערזען פאַר זיך איינעם אַן אייראָפּייער שטייט ניט ווייט פון מיר און באַטראַכט מיך פון קאָפּ ביז די פיס. אַ „גואל״. איך האָב מיך אַ קער געטאָן צו אים און געפרעגט, צי איז אים באַקאַנט אַ האָטעל פון איינעם ס. און ווי אַזוי קומט מען אַהין. ניט ענטפערנדיג אויף מיין פראַגע האָט דער אייראָפּייער אַ רוף געטאָן דעם העכסטן און מוראָ־דיגסטן פון אַלע טרעגער און האָט אים עפּעס אַ זאָג געטאָן אין אַ שפּראַך וואָס איז מיר פרעמד געווען. יענער האָט גלייך אַ כאַפּ געטאָן מיינע פּעקלאַך און פאַרלאָדן זיי אויף זיין חבר׳ס פּלייצעס.

דער אַראַבער, באַלאָדן מיט מיינע זאַכן, האָט גיך געשפּאַנט פאָראויס. דער הויכער טרעגער, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פירער פון אַ גזלנים־באַנדע, האָט אַוועקגעזעצט מיין זעקס־יאָריגן יינגעלע אויף זיין אַקסל, מיין דריי־יאָריג מיידעלע אויפן רוקן, דאָס פּיצעלע קינד געלאָזן אויף מאַמעס באַראָט — און זיך געלאָזן אין וועג אַריין. איך האָב זיך קוים צוגעפּאַסט צו זיין ברייטן שפּאַן און נאָכגעגאַנגען נאָך אים, גרייט צו יעדן קאַמף.

אין אַ צוואַנציק מינוט אַרום האָבן מיר געקלעטערט אויפן צווייטן שטאָק וואו ס. האָט געוואוינט. גאַנצע פיר טעג האָב איך זיך גייסטיג און פיזיש אָפּגערוט אין הויז פון דער דאָזיגער פאַמיליע, וועלכע איך וועל קיינמאָל

ניט פֿאַרגעסן. נאָכדעם בין איך געפֿאָרן אין ירושלים זיך זען מיט ברענערן. ער איז דאַן געווען מײַן אײנציקער פֿרײַנד און באַקאַנטער אין גאַנצן לאַנד. איך האָב אים געטראָפֿן קראַנק. ווי ער האָט זיך ניט געפֿרײט מיט די קינדערלאַך וואָס זײַנען געקומען לעבן אין לאַנד, און ווי ער האָט מיר ניט געוואָלט אויסהעלפֿן, האָט ער אָבער גאָר ניט געקענט אויפֿטאָן — ער איז געלעגן אין בעט. און דאַן איז גראָד געווען די צײַט פֿון רײַסן מאַנדלען. בין איך אַוועקגעפֿאָרן אין פּתח־תּקוה אַרבעטן און גענומען מיט זיך די דרײַ קלײניטשקע. קײן מזל־ברכה האָבן מיר אָבער ניט געהאַט אין אונזער אַרבעט. דער קלענערער איז שטאַרק צוגעבונדן צו דער מוטער און וויל בשום אופֿן ניט אָפּלאָזן מיך אויף אַ רגע; דאָס טעכטערל שלעפּט מיך גײן אַהין וואו עס געפֿינען זיך איר בעטעלע און וואַנעלע. אונזער דירה אין פּתח־תּקוה מיט איר ערדישער פּאָדלאָגע האָט בײַ איר כּלל ניט אויסגענומען, און זי פֿלעגט האַלטן אין אײן װײנען. נאָר דער עלטערער ייִנגעלע, דער זעקס יאָריגער, פֿלעגט מיר אַ ביסל מיטהעלפֿן.

— מאַמע — פֿלעגט ער זאָגן — גײ צו די קינדער. כ׳וועל אַלײן אַרבעטן.

פֿאַר אַנדערטהאַלבן טעג האָבן מיר אָנגערײסן אײן פֿח מאַנדלען.

ס׳זענען אַוועק אַפֿאַר וואָכן פֿונם נײַעם שווערן לעבן. ס׳איז געקומען ברענער. ווי נאָר ער איז אַראָפּ פֿון בעט, איז זײַן ערשטע אַרבעט געווען אויסהעלפֿן זײַנע באַקאַנטע. ער האָט גענומען אַ בריוו בײַם דאָקטאָר ב. צום שפּיטאָל אין חדרה, וואוהין ער האָט מיך רעקאָמענדירט אַלס אַ הילף־שוועסטער. איך האָב זיך געמוזט אומקערן אין יפֿו כּדי אַרויסצופֿאָרן פֿון דאָרט אויף מײַן „באַשטענדיקן" אַרבעטס־פּלאַץ. ווי איך האָב זיך נאָר אַ ביסל צוגעגרײט אין וועג, זײַנען מיר קראַנק געוואָרן מײַנע קינדער.

— שרעקט אײַך ניט — האָט מיך געטרײסט די אַלטיטשקע ס. — דאָס איז נאָר אַ קדחת. ס׳וועט דורכגײן. זײ וועלן זיך צוגעוואוינען.

דער קלײניטשקער האָט זיך געראַנגלט און געגרעדט פֿון היץ. די גרעסערע האָבן באַקומען חרדה (אַ הויט קראַנקײט) און קראַנק געוואָרן אויף די אויגן. איך האָב מער ניט געקענט בלײַבן אין האָטעל. די פֿאַמיליע ס. האָט פֿאַר מיר געדונגען אַ צימער אויף די זאַמדן.

ניט אַזוי לײַכט זײַנען די קינדער פּטור געוואָרן פֿון די קראַנקײטן. דאָקטאָר חיסין האָט זיך זײער פֿיל באַמיט זײ זאָלן געזונט ווערן. אײן פֿרימאָרגן, ווען בײַם קלענסטן איז געווען דער קריזיס, האָב איך שוין געמײנט

אַז ער איז פאַרביי. איך בין גלייך געלאָפן צו חיסינען.

— דאָקטאָר! טוט אַלץ וואָס איר קענט! אפשר וועט איר אים אָפּראַטעווען!

דער דאָקטאָר האָט זיך אין מיר איינגעקוקט אָן ווערטער, האָט אַריינגעלייגט אייניגע מכשירים זיינע אין קעשענע, אַריינגעשטופּט די לולקע אין מויל און מיר האָבן זיך געלאָזט גיין. און ווי משונה׳דיג איז עס: מיר האָבן געבלאָנדזשעט און ניט געפונען דעם וועג. דריטהאַלבן שעה האָבן מיר זיך אַרומגעדרייט און ניט געקענט אויפזוכן די דירה וואָס איך האָב ערשט מיט אַ פּאָר טעג פריער געדונגען. איך האָב ניט געקענט אונטערשיידן צווישן די זאַמדיקע בערג וואָס הינטער איינעם פון זיי ליגט מסוכן־קראַנק מיין קליין קינד. פאַרצווייפלטע האָבן מיר געשפּרייזט איבער דעם דעמאָלטיגן זאַמדיגן תּל־אביב, וואָס האָט דאַן פאַרמאָגט מער ניט ווי דריי־פיר גאַסן.

— אָבער ווי הייסט דער בעל־הבית? — האָט דער דאָקטאָר געפרעגט ברוגז׳דיג.

אַ צושראָקענע און בלאַסע האָב איך אויף אים אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן אָנערקענענדיג מיין שולד.

— איך ווייס ניט... איך געדענק ניט... עפּעס אַזאַ מאָדנער נאָמען.

אויך ער, דאָקטאָר חיסין, געפינט זיך צווישן די יעניגע וועלכע איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן. ניט פיל זיינען עס געווען אַזוינע וואָס מיט זייער וואַרימער באַציהונג און שיינעם אויפנעמען האָבן זיי מיר געגעבן מוט און כּוח גובר צו זיין אַלע צרות אין דער נייער וויסטער לאַנד. ווען איך האָב אים געבעטן אויסוואַרטן מיטן באַצאָלן פאַר זיין אַרבעט ביז ס׳וועט מיר גראַמער ווערן, האָט ער געענטפערט:

— ס׳מאַכט ניט אויס! זאָלן זיי אויסוואַקסן, די קליינוואַרג, זיי וועלן ווערן מענטשן און דאָס וועט זיין מיין געצאָלט...

ווי נאָר די קינדער זיינען געזונט געוואָרן בין איך געפאָרן קיין חדרה צו דער אַרבעט וואָס דאָקטאָר ב. האָט פאַר מיר צוגעגרייט. פאַרנאַכט, נאָך אַ גאַנצן טאָג אַרומפאָרן אין דער ברענענדיגער זון, זיינען מיר פאַרשטויבטע און אויסגעמאַטערטע אָנגעקומען קיין חדרה. מיר האָט פאַרכאַפּט דער אָטעם פון גרויס שׂמחה. דאָס איז דאָך געווען מיין חלום! נאָך זייענדיג אין פּאַריז איז מיר נמאס געוואָרן דער שטאָטיגער לעבנס־שטייגער, און איך האָב באַשלאָסן אַרויסראַטעווען מיינע קינדער פון דאָזיגן קעסל,

וואָס איז אויסגעמישט מיט מאַמע־בלוט און מאַמע־טרערן, און ערציִען זיי ווייט־ווייט פון יענעם אָרט וואו אַליך קאָן נאָר פאַרדאַרבן אַ יונגע נשמה. און דאָ — עקאַליפּטוס־בוימער, ווייטע זאַמדן, אָפענע הימלען, רואיגער דאָרף!

די ווייבער פון קאָלאָניע האָבן דערהערט דעם געקלאַנג פון דילי־זשאַנס־גלעקלאַך, זיינען זיי אַרויסגעלאָפן אין דרויסן און האָבן מיך אַרומ־רינגלט. נאָך איידער איך האָב זיך דערוואוסט וואו מ׳קען ערגעץ איבערנעכטיגן האָט מיין טעכטערל אָנגעכאַפּט דער קאָקליוש, מיט וועלכן זי האָט זיך אָנגעשטעקט נאָך אין גלות. די מאַמעס האָבן אויסגעפונען אַז מען טאָר ניט אַריינגעמען אַ קראַנקן קינד אין אַ שטוב וואו עס געפינען זיך געזונטע קינדער.

— ס׳איז טאַקע גאָר קיין חכמה ניט ברענגען קראַנקע קיין חדרה, דאָרט וואו געזונטע פאַלן פון די פיס...

ביסלאַכווייס זיינען זיך די ווייבער פאַנאַנדערגעגאַנגען. ס׳איז געוואָרן נאַכט. די לופט איז געווען שווער און אָנגעגליט. זעלטן ווען האָט אַ בלאָז געטאָן אַ לייכט, גלעטנדיג ווינטל.

איינע פון די פרויען, די אַלטיטשקע ב., האָט מיר פאָרגעלייגט אַריינ־קלייבן זיך אין אַ דערבייאיג פּוסט שטיבל. דאָס איז געווען א חורבה אָן פענסטער און אָן טירן, פול מיט שטיינער און זאַמד.

כ׳האָב אַ ביסל ריינגעמאַכט דעם שמוץ פון דער חורבה און פון אַלע קוישן און טשעמאָדאַנעס האָב איך אויפגעשטעלט אַ מין ווענטל, וואָס האָט אונז ווי באַהאַלטן פון די אָנגעברוגז׳טע ניט־געקאַלכטע ווענט. אויף די ווענט פלעגן פאַרביילויפן ווי אין געיעג לאַנגעקיגע קאַמעליאָנען, אויס־געהונגערטע מייזלאַך, שטוב־הייעריקן וואס האָבן זיך דאָ באַהאַלטן פון זונענשיין; וואַנצן זענען אַראָפּגעשפרונגען פון באַלקן און גלייך באַפאַלן זייערע קרבנות; אַ כאָפּטע מוראַשקעס האָט דערשמעקט ערגעץ אַ ביסל אויסגעגאָסענע מילך און געווימלט אַרום ווייסן פלעק. אַלערליי קריכנדיגע ווערימלאַך וואָס האָבן ביז אַהער געשטעקט אין זייערע שפּאַרונעס זיינען אַרויסגעקראָכן פון דער באַהעלטעניש. יעדע האָט געוואָרפן אַ קוק אויף די אומגעבעטענע געסט, וועלכע זיינען יעצט, אָנטרינקנדיג זיך מיט דער מילך פון חדרה׳ער קי, געשלאָפן אויף זייערע געלעגערס, אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע פון דער חורבה.

מיינע שכנות, די חדרה׳ער ווייבער, האָט זייער אינטערעסירט צו וויסן ווער איך בין און פון וואַנען איך שטאַם. איך האָב פאַרהאַנגען די טיר

מיט אַ לייַלאַך און פֿאַרשטעלט דעם וועג פֿאַר די נייַגעריקע אויגן. דאָס ליכט־פּלעמל פֿלעגט ציטערן און לעשן זיך אַלע ווײַלע, און איך בין געזעסן און געפּלאַנט פּלענער וועגן אַן אַרבעט וואָס זאָל מיר געבן צום לעבן און צום ערציען די קינדער.

יענעם אָוונט האָבן מיך באַזוכט געסט. צווישן זיי ב., זיין פרוי און די אָרטיקע פעלדשערין. די פעלדשערין האָט איבערגעגעבן דעם בריוו פון ירושלים׳ער דאָקטאָר און האָט געשטוינט: דער שפּיטאָל איז נאָך גאָר אפילו אויף דער וועלט ניט געווען, אפילו קיין געביידע האָט מען נאָך ניט אויסגעבויט, און קיין דאָקטאָר איז נאָך ניט באַשטימט. זי אַליין נאָר גייט עס אַרום פון שטוב צו שטוב היילן קראַנקע אויגן און טיילן כינין. ערנסטע קראַנקע שיקט מען אין שטאָט אַריין. פאַרשטייט זיך אַז קיין העלפערין דאַרף זי נישט.

די געסט האָבן מיך אָן שום צערעמאָניעס געפרעגט אייניקע פראַגן אויף וועלכע איך האָב ניט זייער גערן געוואָלט ענטפערן, און זיינען זיך אַוועק געגאַנגען.

אויף מאָרגן זיינען זיי ווידער געקומען און מיר פאַרגעלייגט אַרבעטן אין אַרבעטער־קיך.

ביז היינטיקן טאָג בין איך דאַנקבאַר דעם דאָזיגן אָרט וואו איך האָב זיך צוערשט צוגעפּאַסט צו די שווערע אַרבעטס־באַדינגונגען אין לאַנד.

די ערשטע צייט איז געווען ניט אַזוי לייכט. די קינדער האָבן געשטערט. און ניט דווקא ווייל זיי פלעגן זיך מיר נאָכשלעפּן אומעטום. פאַרקערט, זיי פלעגן אַנטלויפן און אַרומבלאָנדזשען איבער די הויפן און איך פלעג זיי דאַרפן אַרומזוכן. אַ גוטער צופאַל איז מיר אָבער צו הילף געקומען: ניט ווייט פון קיך איז געווען אַן אַלטער הינער־שטאַל, אַ פאַרלאָזענער און אָן אַ דאַך. דאָרט פלעגן מיינע קינדער פאַרברענגען דעם גאַנצן טאָג. צווישן די שמוציקע ווענט פונם דאָזיגן שטאַל האָבן מיינע קינדערלאַך געפונען זייער קינדער־גאָרטן און אויך זייער ערשטע שולע.

תל־אביב ד. אַברהמית

מיט אַ קְבוּצָה פון פאַסטוכער

ס'איז געווען אינם ערשטן יאָר פון דער גרויסער מִלְחָמָה, אין דער צייט פון אַ שווערן קריזיס אין ארץ־ישראל. צוליב די שווערקייט פון די פאַרבינדונגען איז די הִסְתַּדְּרוּת געווען צעטיילט אין צוויי ראַיאָנען מיט צוויי באַזונדערע קאָמיטעטן — אין יְהוּדָה און אין גָלִיל. אַחוץ די פיר קבוצות — דְגַנְיָה, כִּנֶּרֶת, מֶרְחַבְיָה און תֵּל־עֲדָשׁ, וועלכע זיינען געזעסן אויפן באָדן פון נאַציאָנאַל פאָנד און זיינען געווען זיכער מיט אַרבעט און ברויט, — האָבן זיך נאָך געפונען אין גליל ביז הונדערט אַרבעטסלאָזע. דערהויפּט איז שווער געווען צו געפינען אַרבעט פאַר מיידלאַך. דער אַרבעטער קאָמיטעט האָט געפּסק'נט, אַז יעדערער וואָס האָט אין יהודה עלטערן אָדער קרובים, ביי וועמען ער קען זיך אויפהאַלטן אַ שטיקל צייט, איז מְחוּיָב צו פאַרלאָזן דעם גָלִיל. און פאַר די איבעריגע, וואָס האָבן קיין אַנדער בְּרֵירָה ניט געהאַט, האָט זיך אָפּגעפונען אַן אַרבעט — צו טריקענען די יַרְדֵן'ער זומפּן און אָפּ־צוראַמען די שטיינער פון די כנרת'ער בערג. די זומפּן זענען טאַקע געווען אַ סַכָּנָה פאַרן געזונט אין דעם גאַנצן געגנט, פונדעסטוועגן האָט מען געהאַלטן, אַז אויסטריקענען זיי איז אַן איבעריגע אַרבעט, ס'הייסט אומזיסט אויסברייינגען געלד פון נאַציאָנאַלפאָנד, און די אַרבעטער וואָס זיינען געווען באַשעפטיגט ביי די זומפּן זיינען געווען ביי זיך שטאַרק אַראָפּגעפאַלן.

אין גָלִיל האָט מען געוואוסט אַז איך האָב אַ שוועסטער, וועלכע איז אימשטאַנד מיך אויסצוהאַלטן. איך האָב אָבער ביי מיר באַשלאָסן בעסער הונגערן איידער אַוועק פון כנרת.

דעם ערשטן טאָג בין איך געגאַנגען ראַמען שטיינער פונם באָדן צוזאַמען מיט נאָך חֲבֵרִים, אַלע אומבאַקאַנטע. מען האָט געאַרבעט זאַלבע־דריט מיט צוויי קוישן אויף צונויפנעמען די שטיינער. מיט מיר אין איין גרופּע האָט געאַרבעט א. ד. גאָרדאָן. איך האָב אים דענסטמאָל נאָך ניט געקענט און אַפילו זיין נאָמען ניט געהערט. אויף צוריקוועגס בין איך געווען זייער פאַרמאַטערט. ס'האָט מיך געפּייניגט די כנרת'ער היץ — ס'איז געווען אין תַּמוּז — און די אַרבעט צו וועלכער כ'בין גאָר ניט געווען געוואוינט. גאָרדאָן האָט דאָס דערקענט אין מיין פָּנִים און האָט מיך אַ פרעג געטאָן — וואָס איז מיט מיר? — כ'האָב אייגנטלאַך אַליין ניט געוואוסט פאַר וואָס, נאָר פונם ערשטן מאָמענט אָן האָב איך דערפילט צו אים עפּעס אַ

שטאַרקע נאָענטקייט. איך האָב נאָך ניט געזען אַן אַלטן מאַן וואָס זאָל זיך אַזוי חַבֵר׳ן מיט יונגוואַרג. איך האָב אים דערציילט, אז כ׳האָב גרויס עַגְמַת־נֶפֶש, טאָמער וועל איך גאָר ניט אימשטאַנד זיין צו אַרבעטן, ווייל אַלע אֵיבָרים טוען מיר ווי פון מידקייט.

ער האָט אָנגעהויבן צו לאַכן און האָט מיר געזאָגט: „איך בין שוין אַן אַלטער איד און בין זיך ניט מְיָאֵש און דו, אַזאַ יונגע און שטאַרקע, און שוין ביזטו פאַרצווייפלט... וואַרט אויס, איך וועל דיך אויסלערנען ווי מען פאַרמאַטערט זיך ניט״.

אין דריי חָדשים אַרום האָט די הִסתַּדרות אָנגענומען די אַרבעט אויפן טְבֶרְיָה׳ער שאָסיי. די רעגירונג האָט דענסטמאָל געפאָדערט פון די גליל׳ער קאָלאָניסטן צוגרייטן חָצָץ (צוהאַקטע שטיינער) אויף צו ברוקירן די וועגן, האָבן די קאָלאָניסטן איבערגעגעבן די אַרבעט דער הסתדרות. ס׳איז געווען אַן אַקאָרד־אַרבעט און די ערשטע קבוצה איז אַרויס אָפּצואַרבעטן אַ וואָך צייט אויף אַ פּראָבע, כְּדֵי צו קענען באַשטימען די פּרייזן. האָב איך אָנגעהויבן בעטן מען זאָל מיך אויך מיט־נעמען. האָט אָבער דער אַרבעטער קאָמיטעט ניט מַסְכִּים געווען: ערשטנס, אַ צו שווערע אַרבעט פאַר מיידלאַך און צווייטנס — פּאַסט ניט, אַז אידישע טעכטער זאָלן שטיין און אַרבעטן אין מיט׳ן וועג. האָב איך זיך אָבער איינגע׳עַקְשְנ׳ט און די ערשטע קבוצה וואָס איז אַרויס צו דער אַרבעט האָט אַריינגענומען מיך מיט נאָך אַ חבר׳טע. מיר האָבן די וואָך געשמאַק געאַרבעט און גוט פאַרדינט. די בחורים האָבן אונז געבעטן בלייבן אויף ווייטער. דער קאָמיטעט אָבער האָט בְּשום אופן ניט געוואָלט דערלאָזן, אַז מיידלאַך זאָלן אַרבעטן אויף די וועגן; איינער אַ חבר האָט אַפילו גע׳פסק׳ענט, אַז ס׳איז אַ נאַציאָנאַלע זינד. פונדעסטוועגן זיינען שוין געווען אין מֶשֶך פונם ערשטן חודֶש אַ היפשע צאָל אַרבעטאָרינס אויפן שאָסיי.

אַז מען איז פאַרטי׳ג געוואָרן מיטן שאָסיי, בין איך אַוועק צו דער קבוצה פון פאַסטוכער, וואָס האָט געפאַשעט די בְּהֵמות אין די גלילער קאָלאָניעס. די אידעע זייערע איז געווען צו פאַשען אין די קאָלאָניעס ביז זיי וועלן זיך אויסלערנען די אַרבעט און נאָכדעם לעבן ווי בעדואינער — זיין נָע וְנָד איבער די פעלדער, מיט אייגענע שאָף און רינדער. דער רַעְיוֹן האָט ביי מיר שטאַרק אויסגענומען און כ׳בין אַריין אין זייער קבוצה. מיר האָבן געאַרבעט זאַלבעדריט: צוויי פאַסטוכער און איך — מ׳שטיינס געזאָגט, די „בעל־הבית׳טע״.

געלעבט האָבן מיר אין אַ צימער אָן שויבן און אָן אַ טיר. קיין קעראָסין איז ניט געווען. דעם לאָמפּ אָנצינדן האָט מען, אַגב, סיי ווי ניט געקענט צוליב די צוג־ווינטן, וואָס האָבן שפּאַצירט פּראַנק און פריי איבער אונזער „צימער״. די שְׂכִירוּת פון די פּאַסטוכער האָט ניט געקלעקט צום לעבן און דערצו האָט מען זיי געצאָלט ניט מיט מְזוּמָן נאָר מיט פּראָדוקטן, און געצאָלט האָט מען נאָר איינעם. די שכירות פונם צווייטן פּאַסטוך האָבן די קאָלאָניסטן פאַרהאַלטן פאַר אַ מַשְׁכּוֹן, טאָמער מאַכט זיך אַ אומגליק מיט די בהמות.

ס׳איז אַוועק אַ האַלבער ווינטער. מען האָט געהונגערט. אַפילו ברויט איז ניט אַלעמאָל געווען. מיינע חברים פלעגן אַרויס מיט די בהמות אויף אַ גאַנצן טאָג אין די בערג, און מיט־זיך פלעגן זיי נעמען בלויז אַ טרוקן שטיקל ברויט. אינדערפרי פלעג איך זיי אָנטרינקען מיט טיי אָן צוקער, — אַבי זיי זאָלן זיך אַביסל דערוואַרעמען. כ׳פלעג אויפשטיין באַגינען, אויפקאָכן דאָס וואַסער און פלעג אַרויס צונויפקלייבן די סטאַדע, זיי זאָלן זיך ניט צושיטן אויף די פּאַרזייטע פעלדער, ווייל די קאָלאָניסטן פלעגן אַרויסטרייבן זייערע בהמות פאַרפרי.

איין מאָל האָט זיך געמאַכט אַז ס׳איז קיין ברויט אויך ניט געווען, און די חברים מיינע זיינען אַוועק פאַשען אָן ברויט. מיין גאַנצן לעבן וועל איך ניט פאַרגעסן יענעם טאָג. ס׳האָט געגאָסן אַ שלאַקס־רעגן און זיי זיינען אַרויס זוכן פּאַשע אויפן שפּיץ באַרג. אַז זיי האָבן זיך אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן פונם באַרג, זיינען דריי בהמות אַראָפּגעפאַלן אין אַ טיפע גרוב און דער׳הרג׳עט געוואָרן. הונגעריקע, פאַרצאָרנטע און נאַסע זיינען זיי געקומען „אַהיים״, אין אונזער שיינעם צימער, און אין שטוב איז ניט געווען אַפילו קיין שטיקל ברויט. איך בין ניט אויפגעשטאַנען פון בעט. זיי האָבן ביי מיר גאָרנישט ניט געפרעגט, איך ביי זיי אויך ניט — מיר האָבן געזען וואו מיר האַלטן אָן ווערטער.

איינער פון זיי איז אַוועק צו אַ קאָלאָניסט, האָט געבראַכט אַ פרישן לעבל ברויט, ערשט פון אויוון אַרויס, און האָט אים צובראָכן אויף דריי. דעם ברויט האָבן מיר אַיינגעשלונגען הייסערהייט.

דאָס יאָר האָט זיך געענדיגט מיט אַ פּראָצעס: לאָ דַי, וואָס מיר האָבן ניט אָפּגענומען אונזערע שכירות, האָט מען נאָך פון אונז געמאָנט געלט, און מען האָט אונז אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט.

רבקה דָנִית

עין־חרוד

פון יְהוּדָה קיין שוֹמרוֹן

א

— זייט מוֹחל, גאָטליב, איר זייט עס אין וַעַד־הַפּוֹעֲלִים? מען האָט מיר געזאָגט אַז וועגן אַרבעט דאַרף מען זיך ווענדן צו אייך. כ׳וויל מאָרגן אָנהויבן אַרבעטן.

— פאַר פרייליגס איז קיין אַרבעט ניטאָ.

— ניט „פאַר פרייליגס״ נאָר אַבי וואָסער אַרבעט! אין דער קאָלאָניע איז דאָ אַרבעט — חברים האָבן מיר געשריבן און אויף דעם סְמַך טאַקע בין איך אַהער געקומען.

— כ׳ווייס ניט. די קאָלאָניסטן נעמען ניט קיין מיידלאַך.

— איר האָט אַ טָעוּת, איך דאַרף ניט דַוקא קיין מיידלשע אַרבעט. גיט מיר וואָסער אַרבעט עס איז. וואָס האָט איר מוֹרָא? זייט זיכער אַז כ׳וועל זי מאַכן גוט. כ׳האָב שוין געפּרובט אַרבעטן. יעדנפאַלס וועט איר מיך קענען קאָנטראָלירן און שפּעטער אַרויסטראָגן אייער מיינונג. און ווייטער, האָט איר דאָך מִסְתָּמָא אַ באַשטימטע מאָס אַרבעט, וואָס יעדער אַרבעטער מוז אַרויסגעבן פאַרן טאָג; אַז כ׳וועל מאַכן ווייניגער, וועט איר אַראָפּרעכענען פון מיין לוין.

— כ׳וועל זען. מאָרגן וועל איך אייך געבן אַ תְּשוּבָה.

אין אַ האַלב יאָר אַרום — איידער די רעגנס הויבן זיך אָן, זאָגט צו מיר גאָטליב:

— איר ווייסט, אַלע אַרבעטן מיטן פּיאָש זיינען שוין געענדיגט. איצט איז די צייט צו עפענען „טעלער״ (קיילאַכדיגע גריבער אַרום די ביימער אויף איינצוזאַפּן דאָס רעגען־וואַסער). אויב איר ווילט — הויבט אָן נאָך שַבּת.

זונטאָג האָבן מיר אָנגעהויבן. דער הימל איז גרוי, די לופט — פייכט, דער רעגן הייבט איבערן קאָפּ. מ׳דאַרף זען וואָס גיכער עפענען די „טעלער״. אין איין ווייגאָרטן אַרבעט מען זאַלבע־אַכטצענט. די אַרבעט טוט זיך מיט אַ סֵדר, מיט אַ ערנסטן שווייגן און שיינעם ריטמוס. אין טאַקט באַוועגן זיך די פּיאָשן — אַרויף און אַראָפּ. דער רעגן — אַזוי ווי ער וואָלט געוואַרט ביז מיר וועלן פאַרטיג ווערן. מיר זיינען שוין אַריבער אויף דער צווייטער העלפט פונם וויינגאָרטן. עס זעט זיך שוין דאָס ניט באַאַרבעטע שטיקל פעלד

וואָס נאָכן ווייַנגאָרטן – מיט זייַנע ווילדע דערנער און גראָזן. די לופּט אָבער קען שוין מער ניט אַייַנהאַלטן אין זיך די פֿייכטקייט. ס'פֿאַלן אַראָפּ די ערשטע טראָפּנס – און אין עטלאָכע מינוט אַרום ווערט דער גאַנצער חָלָל אַרום אונדז איין שטראָם וואַסער. מיט אַ געלויף קערן מיר זיך אום אין דער קאָלאָניע אַריין, נאַסע און מְלֵא שִׂמְחָה.

שבת אין דער פרי. אַ גוס רעגן. אין דער אַרבעטער קיך, אין דעם קליינעם הילצערנעם באַראַק, שטייען די אַרבעטער בײַ די פענסטער, קוקן אין דרויסן, זעען צו ווי עס בלעזלען זיך פֿון רעגן די טייכלאַך וואַסער, און – פֿאַרטראַכטן זיך. דאָס רעגנוואַסער קומט אַריין דורך די פענסטער און געלע וואַסער־שנירלאַך שלענגלען זיך און רינען אַראָפּ איבער די ווייסע ווענט. דער רעגן קען נאָך אַראָפּשווייַנקען די ערד אַרום די לעצטע בוימער וואָס שטייען אין עק ווייַנגאָרטן, באַרג אַראָפּ. דער קאָלאָניסט אַליין וואוינט אין דער שְׁכֵנִישער קאָלאָניע. און ביז דער רעגן וועט אַביסל שטילער ווערן און ער וועט קענען קומען אַהער, וועלן די בוימער שוין זייַן אַרויסגעריסן אינאיינעם מיט די וואָרצלען. אין אַיילעניש כאַפּ איך אַרויף דעם רעגנמאַנטל (ווי גוט און קלוג איז די מאַמע, וואָס האָט פֿאַרשטאַנען צו פֿאַרזאָרגן איר טאָכטער מיט אַ רעגענמאַנטל אויפן וועג!), נעם דעם פּיאָש און לויף געשווינד אין ווייַנגאָרטן. ערשט דער רעגן האָט טאַקע אַראָפּגעשווייַנקט די ערד פֿון אַ גאַנצער שורה בוימער. פלינק שאַר איך צונויף די ערד און באַפעסטיק זי גוט, גוט אַרום די בוימער; דער רעגן פּלייצט און שמייסט און לאָזט ניט אַרבעטן, און די ערד קלעפּט זיך צום פּיאָש. אין צוויי שָׁעה אַרום איז די זאַך אָפּגעטאָן און די בוימער שטייען פעסט.

ווינטער אין קיך. מען דאַרף אויפראַמען פֿון די טישן און צווואַשן דאָס געפעס פונם פרישטיק – טיי מיט ראָזינקעס אָנשטאָט צוקער און אַ סאַלאַט פֿון מאַראַנצן מיט גרינע ציבעלעס און בוימל, צו צוויי מאַראַנצן אויף אַ מענטשן. ס'איז מִלְחָמָה צייַט, קיין עקספּאָרט איז ניטאָ, און פֿאַר עטלאָכע פּרוטות קען מען אייַנקויפֿן מאַראַנצן פֿאַר אַ גאַנצע אַר־בעטער־קיך. מען דאַרף איבערקלייַבן און אויסוואַשן די אַרבעס מיט די לינזן און זיי איינווייקן אין וואַסער, ביז די חברים וועלן קומען צוריק פֿון די ווייַנגערטנער. ביז נייַן אינדערפֿרי דאַרף מען אָנטראָגן אינזשיל (אַ ווילדע גראָז), אויסשפּרייטן אים אַרום דעם שָׁכֵן'ס אויוון פֿון צָפֿון זייט. ביז

איבערמאָרגן וועט זיך דער אינזשיל אַביסל אויסטריקענען אויפן ווינט און מ׳וועט קענען איינהייצן און באַקן ברויט; און ביז דעמאָלט וועט אפשר קלעקן דאָס ברויט וואָס איז דאָ. איצט דאַרף מען צושטעלן דאָס עסן אויף דער „פּליטע" וואָס איז געמאַכט פון אַלטע בלעכן. פאַרנאַכט איז פאַרטיג די וועטשערע — פלעצלאַך אָפּגעבאַקטע אין אויוון צוזאַמען מיטן ברויט, איינגעטונקט עטוואָס אין בוימל און צוגעריכט מיט אַסך קנאָבל, און אַ זופּ פון לינזן.

פרילינג. מען פאַרשיט די גריבער אַרום די בוימער. אין וויינגאָרטן אַרבעטן פירען: אַ תּימנער, אַ גאַליציאַנער און צוויי רוסן. מען פעשירט דעם וויינגאָרטן אין דער ברייט, פינף און צוואַנציק בוימער אין אַ שורה; מען פעשירט אָפּ צוויי שורות און מען רוט זיך אָפּ פינף מינוט. צווישן די פיר אידן האָט זיך ניט געפונען קיין אין געמיינזאַמע שפּראַך: דער תימנער רעדט אַראַביש און פאַרשטייט העברעאיש; דער גאַליציאַנער פאַרשטייט העברעאיש, אַראַביש און אידיש; דער רוס — רוסיש.

לְכַתְּחִילָה האָבן די בחורים געוואָלט העלפן דער מיידל ענדיגן אירע שורות. באַלד אָבער שטעלט זיך אַרויס, אַז ביי די לעצטע פינף בוימער אין דער שורה דאַרף מען אויסהעלפן דַוְקא דעם רוסישן בחור, ווייל ער שטייט אָפּ. אויף צוריקוועגס פון דער אַרבעט וויל אַ חבר טראָגן דער חבר׳טעס פּיאָש. און גלייך ווי ער וויל זיך אָנשלאָגן העלפן איר, דערמאָנט ער זיך אַז אייגענטליך גייענדיג נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט אַהיים פילט מען גאָר ניט דעם פּיאָש אויפן אַקסל, — און ער לאָזט אַראָפּ די אויסגעצויגענע האַנט.

ב

„פאַר ניט קיין שוֹמְרוֹן — האָסטו אין מיר אַריינגעטענה׳ט — צו וואָס דאַרפסטו עס? ס׳פעלט דיר דען אויס אַרבעט אין פּתח־תקוה? אייער גאַנצע קבוצה אַרבעט דאָך יעדן טאָג. און ווייסט — דער קאָלאָניסט פּ. איז געווען אין וַעַד־הַפּוֹעֲלִים און האָט פאָרגעלעגט נעמען דיך פאַר אַ שטענדיגע אַר־בעטאָרין אין זיין פַּרְדֵס. דו וועסט ביי אים אכטונג געבן אויף דער „איי־דעלער מְלָאכָה" און וועסט קריגן פאַר אַ מְשָׂרת איינעם פון זיינע יונגע אַראַבערלאַך".

אַזוי האָסטו געטענה׳ט, און דער ווילדער מ. האָט צוגעברומט: „אַוודאי, רייד, רייד צו איר, און זי, ווי איר שטיגער איז, וועט שוין טאָן פונקט פאַרקערט".

אָנשטאָט צו אַרבעטן „סוכרע״ (צוואַנגס־אַרבעט) אין בְּאֵר־שֶׁבַע און אין אַנדערע פּלעצער, וואָס זײַנען געווען ווײַט פֿונעם אידישן יִשוּב און דערצו נאָך אָנגעשטעקט מיט אַלערלײ קראַנקײטן, — זײַנען אַ סך אַרבעטער אַוועק קײן שוֹמרוֹן האַקן עקאַליפּטוס־בוימער פֿאַר דער רעגירונג. די אַרבעט האָט געגעבן קוים צום עסן און די „וואָסיקע״ (די באַפֿרײַאונג פֿון מיליטער־דינסט). און אַז מען האָט געפֿאָדערט אַרבעטאָרינס פֿאַר די אַרבעטער־קיכן אין שוֹמרוֹן, האָב איך זיך אָפּגערופֿן און אַוועקגעפֿאָרן קײן שומרוֹן. ס׳וועט זיך שוין געפֿינען אָן מיר ווער עס זאָל באַאַרבעטן די פּתח־תּקוה׳ער פַּרְדֵסים.

דרײַ מײדלאַך און עטלאַכע בחורים זײַנען מיר אַרויס פֿון פּתח־תּקוה אויף די וועגענער וואָס פֿירן תְּבוּאָה פֿון גָליל קײן יהודה. אַז מיר זײַנען אָנגעקומען קײן תֵּל־כֶּרֶם, וואו ס׳שײדן זיך די וועגן קײן שומרון און קײן גליל, האָבן די וועגענער זיך גענומען אָן אַ זײַט, און מיר זײַנען געבליבן אין תּל־כּרם זוכן ווי אַזוי פֿאָרט מען ווײַטער. די באַן האָט באַדינט נאָר די מיליטער און האָט ניט אָנגענומען קײן ציווילע פּאָרער.

מען וואַרט און וואַרט אויף אַ וואָגן — און גאָרנישט. גײט מען אַוועק צו פֿוס מיט די פּעקלאַך אויפֿן פּלײצע. און די פּעקלאַך זײַנען ברײטער פֿאַר אונז און כּמְעַט אַזוי הויך ווי מיר. דאָרט איז אײַנגעפּאַקט דאָס בעטגעוואַנט, אַביסל וועש, עטלאַכע קלײדער און ביכער פֿון וועלכע ס׳האָט זיך ניט געוואָלט שײדן. דער פּעקל איז היפּש שווער. און דער עִיקָר — זיצט ער ניט גוט אויפֿן רוקן.

מען קען דערטרונקען ווערן אינם זאַמד. קוים וואָס מיר בײַטן די פֿיס. סוֹף כּל סוֹף טרעפֿן מיר אָן אַ וואָגן וואָס פֿירט אויסגעהאַקטע בוימער. ס׳ערשטע — די פּעקלאַך אויפֿן וואָגן, און נאָך זײ — מיר. ס׳איז אונז ליכטיג געוואָרן אין די אויגן. אין צוויי שעה אַרום זײַנען מיר שוין געווען אין חֲדֵרָה.

אינם אַרבעטער־הײם באַקאַנטע פּנימער. מרים ק. וואַשט וועש אין אַ גרויסער באַלײע. איך קוק אויף איר און בין מְקַנֵא, ווי אַזוי זי וואַשט עס אַזוי רואיג, געניט און אָן האָרעוואַניע. ווי קומט דאָס צו איר? ווען האָט זי עס באַוויזן אויסצולערנען זיך די גאַנצע תּוֹרָה? און איך — מיט וויפֿיל יִסוּרים איז מיר דערמאָלט אָנגעקומען דאָס וואַשן וועש!

— אויף דער וועראַנדע פֿונם אַרבעטער־הײם ווײַטער אַ באַקאַנט פָּנים — א., ער איז דאָ אַ שטיקל קאָכלעפֿל.

— דער מֶרְכָּז האָט אײַך געשיקט? ווער דאַרף דען דאָ נײַע אַרבעטער? ווער האָט זיי געבעטן?

דאָס איז געווען דער קַבָּלַת־פָּנִים.

ס׳איז שוין געוואָרן פאַרנאַכט. מײַנע חבר׳טעס וואָס זײַנען געקומען מיט מיר אינאײנעם זײַנען געווען פאַרמאַטערט און האָבן זיך צוגעלייגט אָפּרוען. איך האָב געטראָפן אַ בחור וואָס האָט זיך אומגעקערט פון חֶדֶרה קיין חֶפְצִי־בָּה און כ׳בין אַוועק מיט אים — טאָמער וועל איך דאָרט קריגן אַרבעט. דער וועג פון חדרה קיין חפצי־בה איז אַ זאַמדיגער מִדְבָּר. דאָ האָב איך צום ערשטן מאָל דערזען דעם דזשאַמוס (בּויוואָל). עס איז שוין געווען אָוונט ווען מיר זײַנען אָנגעקומען קיין חפצי־בה. פּלוצלינג האָב איך דערשפּירט אַ שטאַרקן קאָפּ־ווייטאָג. איך האָב געזוכט וואו אָנצושפּאַרן זיך. ס׳זײַנען צו מיר צוגעגאַנגען עטלאַכע חפצי־בה׳ער און געבעטן איך זאָל עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן. איך האָב געוואָלט בלויז אָנשפּאַרן זיך. דערווייל האָט מען פון מיר פאַרלאַנגט איך זאָל גאָר אויטמעסטן די היץ. אויף מאָרגן אינדערפרי האָט מען מיר דערציילט אַז כ׳האָב געהאַט קָרוֹב צו אײן און פערציק.

דאָס איז געווען מײַן ערשטער פיבער. זיך פאַרקנסט מיט ארץ־ישראל.

אַז איך בין געקומען קיין חדרה, האָב איך דערוויסט אין אײן צימער אײן חברטע ליגנדיג אויף דער ערד מיט אַ קאָמפּרעס אויפן קאָפּ, און אין צווייטן צימער די צווייטע אין דער זעלבער לאַגע. אַפּנים — אַזאַ שטייגער איז עס דאָ.

מיר האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן, ווער אין די פּרדסים פון דער אֲגוּדַת־נְטָעִים אין אַטָה און ווער אין חפצי־בה. געאַרבעט האָט מען פאַרן פיבער און נאָכן פיבער. דערווײַלע איז מען אָבער געקומען פון כּרכור און געבראַכט אַזאַ באַפעל פון שרה לישאַנסקי *) — זי איז דעמאָלט געווען קראַנקן־שוועסטער אין כּרכור: — „צווישן די פיר אַרבעטאָרינס וואָס זײַנען געקומען פון יהודה איז דאָ אײנע וואָס הייסט יְהוּדִית, צווײ צעפּ האָט זי. איז אויב זי וועט ניט וועלן גיין מיט גוטן, טאָ ברײַנגט זי אַהער פאַר די צעפּ. זי אַליין האָט קיין צײַט ניט צו קומען קיין חדרה ווײַל זי האָט אַסך קראַנקע!" כ׳האָב געפאָלגט און בין געפאָרן. און ווי איך בין געקומען — גלײַך אין קיך אַרײַן. פון דאַנען וועט שוין ניט גרינג זײַן אַ ריר צו טאָן זיך: ס׳איז ניטאָ קיין אַנדער מיידל וואָס זאָל פאַרבײַטן.

מען שטייט אויף דרײַ בײַנאַכט, ווען דער מאַשיניסט הויבט אָן צו

---

*) זע ווייטער, אין דער אפטיילונג „געשטאלטן". (רעד.)

באַוועגן די דרעש־מאַשין, און זי לאָזט אַרויס איר ערשטן פּײַף אין דער פֿרימאָרגן־שטילקייט. ס׳איז נאָך אַ בלאַס ליכט אין דרויסן, מען גייט אַרײַן אין קיך. די קיך – אַן אַראַבישע חושע. הינטער דער חושע – אַן אַלטער ברונעם. אַנטקעגן – דער גאָרטן.

ווייטער געאַרבעט און געפּיבערט. צען אינדערפֿרי הויבן די גלידער אָן צו ציטערן, דער קאָפּ טוט ווײ און ס׳פֿאַלט אַלץ פֿון די הענט. איך טו זיך אָן אַ כּוח און אַרבעט. צוועלף ווערט מיר נאָך ערגער. כ׳לייג זיך אויפֿן באַנק בײַ דער וואַנט פֿון קיך, ברעך אָפּ און ס׳ווערט בעסער. דאַן אַרבעט איך ווײַטער.

אין אַ קורצער צײַט אַרום האָב איך פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון אַ סקאָרפּיאָן.

מיר זײַנען פֿאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט און געוואַרט אויף די וועגענער, וואָס האָבן געדאַרפֿט אָנקומען פֿון גליל. די „בעלי־עגלות״ אונזערע וועלן ניט בלײַבן נעכטיקן אינם וויסטן ואַדי־ערה, און וועלן קומען הונגעריקע אַהיים. „חברה״ בלײַבט מיט אונז וואַרטן. מען צוזעצט זיך אַרום דער חושע, מען פֿאַרברענגט און מען זינגט אונטער.

ד. רופֿט זיך אָן צו מיר:

– יהודית, קום אַהער, דאָ איז אַ ריין פּלאַץ. זעץ זיך!

איך גיי צו, זעץ זיך אַוועק – און שפּרינג אויף! אַזוי ווי כ׳וואָלט אַרויפֿגעטראָטן אויף אַ פֿײַערדיקע קויל – אַזוי ברענט מיר דער גרויסער פֿינגער פֿונם רעכטן פֿוס.

– ד. האָט שוין איינמאָל אַ מזל. זעצט זיך נעבן אים אַ מיידל, כאַפּט זי אַ ביס פֿון אַ סקאָרפּיאָן! – חכמ׳עט מען זיך איבער אים.

און ד. נעבעך איז צוטומלט און שיר וואָס ער צעוויינט זיך ניט:

– ווי אַזוי איז דאָס געשען!?

די פֿוס ברענט ווי אין העלישן פֿײַער. איך האָב קענטיק אָנגעטראָטן אויפֿן סקאָרפּיאָן און ער האָט אויסגעגאָסן אויף מיר זײַן גאַנצן גיפֿט. מניה וביה און שרה אַרבעט שוין איבער מײַן פֿוס – און דווקא מיט קאָכיק וואַסער. און דער נײַער ווייטאָג מאַכט פֿאַרגעסן דעם ערשטן.

אַ צוגאָב צום ווייטאָג שטערט נאָך מיר אימיצער אין דרויסן, שרײַט און ליאַרעמט אַזוי מורא׳דיק!

„וואָס איז דאָרטן געשען?״

אויף מאָרגן האָט מען מיר דערציילט, אַז דאָס האָב איך עס אַליין

אַזוי געשריען, ביז דריי ביינאַכט. איך האָב געלייקנט שטיין און ביין — איך בין דאָך אַזאַ געדולדיגע.

און דער ווייטאָג איז דורכגעגאַנגען.

עס דריקט אויף דער נְשָׁמָה די שרעקלאַכע נאַקעטקייט פון אונזער געגנט. אַרום און אַרום, — די גאַנצע גרויסע ווייטעניש אויף וויפיל ס׳קען נאָר כאַפּן דאָס אויג, — איז נאַקעט, ניטאָ איין בוים אַפילו. איך בּיינק אַזוי נאָך אַ בוים, און אין האַרצן וועקט זיך אַ ליבע צו יהודה: צום שאָטן פון אַ וועלדל, צו די גרינע צווייגן אין אַ ווייַנגאָרטן, צו אַ פּרדס מיט מאַראַנצן־בוימער! אויפן גרעניץ פון כרכּור׳ער באָדן ציט זיך, נעבּאַך, איין שיטערע שורה עקאַליפּטוסן, און איך פיל אַזוי שטאַרק איר פאַריָתוֹמ׳טקייט, אַז ס׳ווילט זיך מיר אַ כאַפּ טאָן דעם פיאָש, אויפגראָבן דעם באָדן, אויפּעפּענען אים, פאַרפלאַנצן אים און פאַרדעקן מיט גרינס. די זון אַליין וואָלט זיך דאָך געפרייט ווען זי האָט דאָ וועמען צו האָדעווען און אויף וועמען אויסצוגיסן איר וואַרימקייט.

עין־חרוד יהודית איידלמאַן

ווי איך בין געוואָרן אַן אַרבעטאָרין

א

— חֶמְדָה, וואָס וועט עס זיין? איך בין שוין דאָ צוויי טעג און איך האָב נאָך ניט געזען דעם אַרבעטער־קלוב.

— וואָס זאָל איך טאָן? זעסט דאָך אַז איך האָב קיין צייט ניט — האָט זי געענטפערט.

— נו, וועל איך גיין אַליין. ווען איך וואָלט דאָ ניט געהאַט קיין שוועסטער, וואָלט איך ניט געגאַנגען אין אַרבעטער קלוב? חמדה, איך גיי.

נעבן קלוב זיינען געשטאַנען אַ חֶברה אַרבעטער. ווען זיי האָבן מיך דערזען, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן סוד׳ען: „ווער איז עס די? זע נאָר וואָס פאַר אַ חֵנ׳ען זיך. זע נאָר, ווי זי האַלט דאָס קעפּל. האַלט זיך ווייזט אויס פאַר אַ שיינהייט״. איך בין צוגעגאַנגען און כ׳האָב געזאָגט: „און אַז סתּם אַ שיינע, לוינט אייך ניט?״ צוויי פריילאַכע בחורים האָבן זיך ווידער אָפּגערופן אין דעם זעלבן טאָן: „אפילו די קלייד אייערע זאָגט עֵדות אַז איר זייט

ניט קיין אַרבעטאָרין" נאָר איך האָב אויך געענטפערט אויף זייער שטייגער: „צו וואָס טויג אייך מיין קלייד, לאָזט מיך בעסער זאָגן אייך אַ גוט מאָרגן. לאָמיר זיך באַקענען, וועט איר זען, אַז איך האָב אַ האַנט פון אַן אַרבעטאָרין" — און איך האָב אויסגעצויגן די האַנט.

זיי האָבן אויסגעשאָסן מיט אַ פריינדלאַכן געלעכטער און געזאָגט אַלע אין איין קול:

— יאָ, יאָ. ס'איז אַ האַנט פון אַן אַרבעטאָרין, אַ גרויסע האַנט. ווי אַלט זייט איר?

און איך האַלט זיך נאָך אַלץ ביי מיין לייכטן טאָן:

— פאַראַן ביי מיר אַ חבר'טע, האָט זי שוין חתונה געהאַט.

— אַזוי? נו, און איר?

— און איך? אויב איר וועט זיין פיינע בחורים, וועל איך אויך חתונה האָבן.

איך האָב זיך אָבער פאַרשעמט וואָס כ'האָב זיך פאַרפלאָנטערט אין אַזאַ טעמע און בין אַריין אין קלוב.

אין זאַל איז מיר עפּעס ניט היימלאַך געוואָרן פונם איינדרוק וואָס דער קלוב האָט אויף מיר געמאַכט. דער טינק איז געפאַלן פון אַלע ווענט. די טישן זיינען קליינע, אָן אַ טישטוך. אייניגע אַרבעטער זיינען געזעסן נעבן אַ טיש און האָבן געגעסן זופּ. איז צוגעגאַנגען דער בָחור וואָס טיילט אויס דאָס עסן און האָט זיך אָנגערופן צו איינעם פון זיי:

— הער נאָר, חֶברה־מאַן, פאַרוואָס עפּעס האָסטו מיר געגעבן נאָר איין קוויטעלע און גענומען האָסטו צוויי טעלער זופּ? גיב גלייך נאָך אַ קוויטעלע, איך האָב ניט קיין צייט.

איך האָב עס ניט פאַרשטאַנען. צוליב וואָס דאַרף מען עס האָבן אַ קווי־טעלע? צי שטעלט מען ניט אַוועק די זופּ אויפן טיש יעדער זאָל נעמען וויפיל ער וויל?

— ניין, דאָ פירט זיך ניט אַזוי — האָט מען מיר ערקלערט — דאָ באַצאָלט מען פאַר יעדן טעלער באַזונדער. און וואו האָט איר עס געזען, מ'זאָל עסן אין אַ קיך אָן אַ חֶשבּוֹן?

— איך האָב מיר ניט פאָרגעשטעלט, אַז מען דאַרף וויסן, וויפיל יעדערער האָט אויפגעגעסן.

איך בין טרויעריג געוואָרן. נאָר אָט זיינען צו מיר צוגעגאַנגען די צוויי פריילאַכע בחורים:

— נו, געפעלט אייך עפּעס אונזער קלוב? — און ניט וואַרטנדיג אויף מיין ענטפער, האָבן זיי צוגעגעבן:

— איר האָט זיך אַוודאי פאָרגעשטעלט אַ גרויסן זאַל מיט אַ סך בילדער, אַלע אין גאָלדענע ראַמען. ניט אַזוי?

— מאָלט אייך, איך האָב ניט געטראַכט פון קיין גאָלדענע ראַמען, נאָר דאָס פּשוט׳קייט האָב איך זיך גאָר אַנדערש פאָרגעשטעלט.

— ווי אַזוי, למָשל?

— ווי אַזוי האָב איך זיך עס פאָרגעשטעלט? אַ גרויסער צימער. די טישן זיינען לאַנגע. איך האָב ניט ליב קיין קליינע טישלאַך. דאָס דערמאָנט מיר אָן אַ שענק. אין אַ גרויסן טיש פילט זיך אָבער חבר׳שאַפט פון אַ היימישער געזעלשאַפט. אַ גרויסער טיש איז עפּעס יום־טוב׳דיגער. ער פאַראייניגט אַלעמען. אויף די טישן, פאַרשטייט זיך, האָבן געדאַרפט זיין ווייסע טיש־טיכער, און אויף די ווענט — בילדער פון די ערשטע חלוצים, וואָס האָבן זיך פאַרנומען דאָ מיט ערד־אַרבעט.

— וואָס עפּעס דוקא ערד־אַרבעט?

— אַנדערע אַרבעטן זיינען דאָך פאַראַן אין יעדער שטאָט און ס׳איז אין זיי גאָר קיין חידוש ניטאָ.

— נו, און וועגן וואָס האָט איר נאָך געטראַכט?

— איך האָב נאָך געטראַכט וועגן בלומען־טעפּ אין די ווינקלען, און איך וועל אייך זאָגן דעם אמת — איך האָב מיר פאָרגעשטעלט אַז דאָס עסן דערלאַנגען מיידלאַך אָנגעטאָן אין ווייסע פאַרטיכער.

— נו, אַדרבא. קומט אַרבעטן צו אונז אין קיך און פירט איין דאָ אַזאַ אָרדנונג.

— ניין, איך וועל אין קיין קיך ניט אַרבעטן. איך וויל גיין אין דאָרף. דאָרטן וועל איך זיך לערנען אַרבעטן. איך וויל אַריין אין אַ קבוצה.

— אין אַ קבוצה וועט מען אייך ניט אַריינעמען. אין א קבוצה נעמט מען ניט אַריין אַזעלכע יונגע מיידלאַך ווי איר. און איר קענט דאָך ניט ריידן קיין העברעאיש. דאָס איז אַ חלום, מיין ליבע.

— ס׳איז שוין דוקא ניט קיין חלום. מיין ברודער האָט באַקאַנטע אין אַ קבוצה, וואו מען וועט מיך געוויס אַריינעמען.

— ווער איז ער עס, אייער ברודער? האָט איר דאָ אַ ברודער?

— יאָ. איך האָב אַ ברודער מיט אַ שוועסטער.

— ווער זיינען זיי?

— מעגלאַך, אַז איר קענט זיי. דאָס זיינען עֶזְרָא און חֶמְדָה.

— וואָס, חמדה איז אייער שוועסטער? איר זייט כּמעט ניט ענלאַך איינע צו דער אַנדערער. נאָר אויב אייער ברודער וועט אָנשרייבן, וועט מען אייך צונעמען. אָבער וויסן זאָלט איר אַז דאָס איז אַ פּראָטעקציע.

— ניין, ניין. דאָס איז ניט קיין פּראָטעקציע. מיין ברודער האָט מיר געזאָגט אַז מען קען אים דאָרטן און מען וועט מיך צונעמען. איך האָף אַז אין גיכן וועל איך אָנהויבן אַרבעטן.

— נאָך וואָס טויג אייך אַ קבוצה? איר האָט נאָך צייט דערצו. קומט בעסער צו אונז. גראָד פעלט אונז איצט אַ מיידל אין קיך.

— ניין. איך וועל נאָך אויסוואַרטן. אויב מען וועט מיך אַרייננעמען אין אַ קבוצה, וועל איך בעסער גיין אַהין. אַלנפאַלס וועלן מיר נאָך זען.

ווען איך האָב זיך געזעגנט און בין אַוועק פון קלוב, זיינען גלייך נאָך מיר אַרויס אין גאַס אויך די צוויי בחורים. פון וויטן האָב איך געהערט ווי זיי ריידן וועגן מיר. מיין אויער האָט אויפגעכאַפּט איינציגע ווערטער וועגן שיין און ניט שיין. „אינטערעסאַנט, וועט זי זיין אַן אַרבעטאָרין אָדער זי וועט ניט זיין?...״

ב

אין קלוב בין איך מער ניט געגאַנגען. קיין רעפעראַטן האָב איך ניט פאַרשטאַנען, זינגען האָב איך ניט געקענט, און טאַנצן? — איך ווייס ניט וואָס מיט מיר איז געוואָרן. מען האָט דאָך מיר אַ מאָל גערופן די טענ־צערין. נאָר איך האָב שוין ניט געטאַנצט פון לאַנג. דאָרטן אין דער היים, ווען איך האָב ניט געטאַנצט אויף מיין חבר׳טעס חתונה, האָבן זיך אַלע געוואונדערט. אָבער שוין דאָרטן האָב איך געפילט אַז איך נויטיג זיך אין אַנדערע באַוועגונגען, און ניט אינם שפּרינגען לויטן טאַקט פון דער מוזיק.

די צוויי בחורים פלעג איך תָּמיד באַגעגענען אין גאַס. זיי פלעגן צוגלעטן יעדעס מאָל די ווילד־צעשויבערטע קרויזן זייערע און גריסן זיך מיט מיר, זאָגנדיג „שָלום״, נאָר מער האָבן זיי שוין מיט מיר ניט גערעדט. דערווייל זיינען אַוועק צוויי וואָכן און קיין ענטפער פון דער קבוצה איז נאָך אַלץ ניטאָ. וואָס וועט עס זיין מיט מיר? — טראַכט איך. ביז וואַנען וועל איך אַזוי וואַרטן אויף אַ תּשובה? איז עס ניט קיין סימן, אַז מען דאַרף מיך דאָרטן ניט? ווען די סִבּה איז אַן אַנדערע, וואָלט מען דאָך

גלייך געענטפערט. און אויב מען וועט ענטפערן — אפשר איז עס באמת אַ פּראָטעקציע? ווייל מיין ברודער האָט געבעטן, איז זיי ניט אַנגענעם אָפּצו־זאָגן? אפשר זאָל איך טאַקע גיין אַרבעטן אין קלוב?

נאָר ווי אַזוי קען איך אַרבעטן אין קלוב? ווי אַזוי וועל איך קענען זאָגן: — „גיב אַ קוויטעלע"? ניין, ניין. איך וועל עס ניט קענען. און מיין ברודער מיט מיין שוועסטער אַרט גאָר ניט פּאַר מיר. שוין צוויי וואָכן אַז איך בין דאָ און איך אַרבעט נאָך ניט. אַז איך רייד מיט זיי וועגן דעם, לאַכן זיי פון מיר: „שאַדט ניט. וועסט נאָך אַרבעטן". ווען וועט עס זיין?

ס׳איז אַריינגעקומען דער ברודער.

— וואָס איז געשען? וואָס איז דיר? וואָס וויינסטו? זאָג שוין!

— דו פרעגסט וואָס איך וויין? שוין צוויי וואָכן אַז איך בין דאָ און איך אַרבעט נאָך ניט — און איר שווייגט, פּונקט ווי איך וואָלט געקומען סתם זיצן דאָ.

— דאָס איז גאָר? — זאָגט מיין ברודער — און איך האָב געמיינט, אַז ווער ווייסט וואָס ס׳האָט זיך מיט דיר געטראָפן. אויב ס׳ווילט זיך דיר אַזוי שטאַרק אַרבעטן, איז גוט. איך האָב דאָך שוין באַקומען אַ תשובה פון דער קבוצה. זיי בעטן, דו זאָלסט קומען.

— אַנו, לייען וואָס שרייבן זיי.

— זיי שרייבן, אַז אַזוי ווי זייערס אַ מיידל איז קראַנק געוואָרן און זיי זיינען אין קיך געבליבן אָן אַ מענטשן, בעטן זיי אַז דו זאָלסט גלייך קומען צופאָרן. דאָס הייסט אַז מאָרגן דריי אַ זייגער נאָכמיטאָג וועלן זיי זיין נעבן דער באַן און וועלן דאָרט וואַרטן אויף דיר.

— דאָס מיידל איז קראַנק געוואָרן? און וואָס וועל איך טאָן דאָרט? איך קען דאָך ניט קאָכן... פונדעסטוועגן וועל איך פאָרן.

איך האָב די גאַנצע נאַכט קיין אויג ניט צוגעמאַכט. פינף אַ זייגער פאַרטאָג בין איך שוין געווען אָנגעטאָן צום פאָרן. ס׳האָט זיך אויפגעכאַפּט מיין שוועסטער חמדה און פרעגט מיך: — וואָס איז? וואָס ביזטו אויפגע־שטאַנען אַזוי פרי?

— איך וויל איבערפּאַקן מיינע זאַכן. איך שעם זיך צו קומען אַהין מיט אַזוי פיל באַגאַזש. ווי אַ כלה מיט חתונה־קליידער. כ׳וועל אַרויס־נעמען מיינע יום־טוב־קליידלאַך און וועש וועל איך מיטנעמען נאָר אַ ביסל.

און איך האָב גלייך גענומען איבערפּאַקן מיינע זאַכן. מיין שוועסטער האָט זיך דערוויל אָנגעטאָן און געזאָגט צו מיר: — הער נאָר, אֱמוּנָה, איך גיי אין מאַרק אַריין. דו זאָלסט דאָ ניט פאַרבינדן דעם קויש ביז איך וועל קומען. כ׳וועל צובייטן געלד, וועל איך דיר געבן עפּעס אויפן וועג, זאָלסט האָבן ביי זיך אַן אייגענעם גראָשן ווען דו וועסט באַדאַרפן.

— אויף וואָס וועל איך עס דאַרפן? איך וועל דאָרט האַלטן ביי זיך געלט? וואָס לאַכסטו פון מיר? מיינסט מיט אַן אֱמֶת, אַז איך פאַרשטיי ניט וואָס איז אַזוינס אַ קבוצה? איך ווייס דען ניט, אַז אין אַ קבוצה איז ניטאָ קיין „מיינס״?

— מאָל דיר, אַז אויך אין אַ קבוצה איז פאַראַן „מיינס״ און „ניט־מיינס״ — האָט געענטפערט מיין שוועסטער, — נאָר מיט דיר איז מיר שווער אויסצוטענה׳ען זיך.

איך האָב אין איילעניש פאַרבונדן דעם קויש און מיין בעטגעוואַנט פאַרפּאַקט אין אַ באַזונדער פּעקל. מיין שוועסטער פרעגט מיך פאַרחידושט:

— נאָך וואָס טויג דיר דאָס פּעקל באַזונדער?

— דאָס פּרוב איך צי איך וועל קענען דערטראָגן מיינע זאַכן צו דער באַן.

— וואָס דאַרפסטו עס טראָגן? איך האָב דאָך באַשטעלט אַ טרעגער.

— האָסט באַשטעלט אַ טרעגער — גוט. וועט ער נעמען דעם קויש און איך דעם פּאַק. איך וועל ניט גיין נאָך אים ווי אַ פּריצ׳טע.

— אָ, שוין ווידער אַ נייס! — זאָגט מיין שוועסטער. — אַלע טוען אַזוי, און זיי ניט בעסער פון אַנדערע.

— אַלע טוען אַזוי, נאָר איך וועל אַזוי ניט טאָן, און ערגער מיך ניט...

דאָ האָט זיך אַריינגעמישט מיין ברודער:

— ערגער זי ניט. דו זעסט דאָך אַז זי איז פון דעם מין וואָס לערנט ערשט דעם אַלֶף־בֵּית פון סאָציאַליזם. נאָר איך מיין אַז אין לעבן זיינען זיי וויכטיגער פון יענע, וואָס ווייסן מאַרקסן אויף אויסווייניג. וואָרים צוזאַמען מיטן אַלף־בית הויבן זיי אָן גלייך צו טראָגן דעם שווערן פּאַק אויף זייערע פּלייצעס.

ס׳איז עלף אַ זייגער. מען באַגלייט מיך צו דער באַן. מ׳איז זיך מְיַשֵׁב, אויב מען קען מיך לאָזן פאָרן אַליין. לויט עזרא׳ס מיינונג איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבן, ווייל ביי דער באַן וועט מען וואַרטן אויף מיר. און

בכלל איז בעסער, אַז מיינע ערשטע טריט זאָלן זיין זעלבשטענדיגע. ס'הערט זיך דער דריטער קלונג. מיר האָבן זיך צוזעגנט און איך האָב זיך אָנגעשפּאַרט אויפן פענסטער, קיינער זאָל ניט זען מיינע טרערן. איך טראַכט: זיי האָב איך גאָרנישט געזאָגט, נאָר וואָס וועט זיין ווען ביי דער באַן וועט קיינער ניט קומען מיך באַגעגענען?

ג

אין באַן איז צו מיר צוגעקומען אַ פרוי און האָט זיך אָנגערופן:

– כ'האָב דערזען אַ אידיש קינד, בין איך צוגעגאַנגען. דאָרטן אין ווינקל זיצן בלויז אַראַבער. וואוהין פאָרט איר?

איך האָב געשווינד אָפּגעווישט די טרערן און האָב געענטפערט:

– אין אַ קבוצה.

– וואָס איז דאָס אַזוינס אַ קבוצה?

– אַ קבוצה? דאָס איז אַ חֶבְרָה פון אַזעלכע מענטשן וואָס אַרבעטן אַלע גלייך און לעבן אַלע צוזאַמען.

– וואָס הייסט מען לעבט אַלע צוזאַמען?

– זיי האָבן אַ קיך און אַלע עסן זיי צוזאַמען און לעבן צוזאַמען.

– עסן און אַרבעטן צוזאַמען – דאָס הייסט לעבן צוזאַמען?

איך האָב געזען אַז אונז ביידן איז נאָך ניט קלאָר וואָס עס איז אַזוינס אַ קבוצה.

– און פאַרוואָס פאָרסטו עפּעס אַרבעטן? האָסטו ניט, חלילה, קיין טאַטע־מאַמע?

– איך האָב עלטערן.

די פרוי האָט א ווײַלע געשוויגן און דערנאָך האָט זי זיך ווידער אָפּגערופן:

– ביזט, ווייזט אַויס, ניט קיין פּשוט מיידל. האָסט אַוודאי געלערנט אין אַ שולע. פאַרוואָס זאָלסטו ניט זיין קיין לערערין, אָדער אַ קראַנקן־שוועסטער?

– איך וויל אַרבעטן.

– אַרבעטן? זאָל דיר גאָט העלפן. דו ביסט פון רוסלאַנד? יאָ, איך האָב געהערט אין יפו פון מיין טאָכטער אַז עס קומען אַהער אידן פון רוסלאַנד און אויף די זאַמדן בויען זיי זיך הייזער. פאַראַן אויך אַזעלכע וואָס טוען אויס זייערע שיינע קליידער, אָנשטאָט אַ היטל טוט מען זיך אָן אַ קעפּיע

אויפן קאָפּ און מען גייט אַרבעטן די ערד. זאָל זיי גאָט העלפן. אפשר וועט דורך דעם קלענער ווערן דער יָקרות.

כ׳האָב זיך דערמאָנט, ווי אַזוי איך בין אַוועקגעפאָרן פון דער היים, ווי אַזוי כ׳האָב זיך געזעגנט מיט דער מאַמען. איבערהויפּט געדענקט זיך מיר וואָס די מאַמע האָט געזאָגט. און וואָס האָט זי געזאָגט, די מאַמע? — „פאָר געזונט, טייער קינד מיינס, אַרבעט! אַרבעטן דאַרף מען. נאָר נעם ניט אויף זיך מער ווי דיינע יונגע כּוחות קענען עס פאַרטראָגן און זיי ניט מבטל דאָס, פון וואָס די וועלט האַלט״.

צו מיין מאַמעס רייד האָב איך מיר שטענדיג צוגעהערט. אָבער וואָס האָט זי געמיינט מיט די ווערטער: „דו זאָלסט ניט מבטל זיין דאָס פון וואָס די וועלט האַלט״? דאָס האָב איך ניט פאַרשטאַנען. די וועלט האַלט פון אַ סך זאַכן. אויך געלט איז ביי זיי אַ וויכטיגער ענין. ווען איך נעם די עטלאַכע מַטְבֵּעוֹת, וואָס חמדה האָט מיר געוואָלט מיטגעבן, וואָלט איך איצט גאָרניט געדאגה׳ט. אויב קיינער באַגעגנט מיך ניט ביי דער באַן, וואָלט איך געפאָרן אינאיינעם מיט דער פרוי גלייך קיין ירושלים, און פון דאָרטן וואָלט איך געשריבן עזרא׳ן, ער זאָל קומען מיך נעמען אַהיים. אָבער וואָס וועל איך איצט טאָן אָן אַ גראָשן?

מען קוקט איבער די בילעטן. מיין בילעט האָט מען צוגענומען. איך פאָר שוין די לעצטע סטאַנציע. דאָס האַרץ הויבט מיר אָן צו קלאַפּן, נאָר איך שטאַרק זיך צו זיין רואיג, איך ברייננג אין אָרדנונג מיינע צוויי צעפּ און גלייך מיר אויס מיין גאַרטל אויפן קלייד. איך שטיי ביים פענסטער און קוק, אָפשר וועל איך אימיצן דערזען, נאָר מען זעט קיינעם ניט. דער גאַנצער וועג איז ווי אַ וויסטער מִדבר. אין עטלאַכע מינוט אַרום דערזעט מען אַ קליין שטיבל מיט אַ פּאָר עקאַליפּטוס־בוימער ביי דער זייט. נעבן שטיבל שטייען אייניגע אַראַבער. איך הויב זיך אָן גוט איינקוקן און דערזע צווישן זיי אַ הויכן, אַ שוואַרצן בחור אין אַ ווייס העמדל, אַרומגעגאַרטלט מיט אַ רימענעם שנור און אין דער האַנט האַלט ער אַ בייטש.

— ס׳איז דאָ פאַראַן אַ איד! — האָב איך אויסגעשריען מיט פרייד.

דער צוג איז נאָר שטיין געבליבן, און דער בחור איז שוין נעבן מיר.

— דאָס זייט איר אמונה?

— יאָ.

— און איך בין אַברהם, אַ חבר פון דער קבוצה. איך בין געקומען אייך באַגעגענען.

— זייער אַנגעגנעם.

— האָט איר אַסך זאַכן? קען איך זיי נעמען?

— וואָס עפּעס נאָר איר אַליין? איך וועל אַייך העלפן.

— ניין, ניין. מען דאַרף ניט. איר וועט אַייך שמוציג מאַכן די קלייד. נעמט איר די בייטש און איך וועל נעמען דעם קויש. דערנאָך וועל איך אַריינקומען נעמען דאָס פּעקל.

— מען דאַרף ניט. דאָס פּעקל וועל איך אַליין נעמען.

דער בחור האָט זיך צעלאַכט און האָט מיך מער ניט איבערגעשפּאַרט. ער האָט אַוועקגעשטעלט מיינע זאַכן אין דערמיט פון וואָגן און געזאָגט דערביי: דאַכט זיך, מיר וועלן זיך ניט איבערקערן. מיט גרויס מי בין איך אַרויף אויפן וואָגן, ווייל די קלייד איז געווען צו שמאָל. דער בחור האָט זיך געפילט שולדיג וואָס ער ווייס ניט ווי אַזוי צו העלפן מיר, און ער האָט מיך געפרעגט מיט צַעַר: — האָט איר צוריסן די קלייד?

פאָרנדיג האָבן מיר כּמְעַט ווי גאָר ניט גערעדט. ער איז געווען אינגאַנצן אַריינגעטאָן אין דעם ווי אַזוי פאָרזיכטיג צו קערעווען די פְּרֵדוֹת.

דערביי האָט ער זיך איינגעקוקט אין יעדן שטיין וואָס איז געלעגן אויפן וועג, און פאַר יעדער גריבל האָט ער מיך געוואָרנט אָנצוהאַלטן זיך שטייף ביים וואָגן, איך זאָל ניט אַראָפפאַלן.

ד

פאַמעלאַך זייַנען מיר אַריינגעפאָרן אין הויף אַריין. דאָ איז קיינער ניט געווען, און אַברהם האָט זיך אָפּגערופן: איינגיכן וועט שוין ביי אונז זיין גרינגער צו גנב׳ענען בייטאָג איידער ביינאַכט, ווייל ביינאַכט היט מען פונדעסטוועגן און בייטאָג זעט מען קיין לעבעדיגן מענטשן נישט אין די אויגן. מען קען אַרויסטראָגן אַלצדינג וואָס ס׳איז דאָ אין הויף. און ער האָט צוגעגעבן, ווי ער וואָלט גערעדט אַליין צו זיך: — שַחַר, דער „שוֹמֵר־ישראל׳ניק״, זיצט אַוודאי די גאַנצע צייט נעבן חסידה׳ן...

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך געווענדעט צו מיר: — נו, געקומען און זיך ניט איבערגעקערט. — זיין פּנים האָט געשטראַלט פון פרייד.

אין שטוב בין איך אַריין מיט אַ קלאַפּנדיג האַרץ. דער ערשטער וואָס האָט אונז באַגעגענט איז געווען שַחַר. ער איז געשטאַנען מיט אַ בוך אין האַנט און האָט געפרעגט ערשטוינט: — ווען זייט איר דאָס אַריינגעפאָרן אין הויף? איך האָב גאָרניט געהערט דעם וואָגן סקריפּען. — און גלייך האָט

ער זיך פֿאַרגעשטעלט פֿאַר מיר: — איך בין אַ חבר פֿון דער קבוצה, און איך הייס שחר. — ער האָט זיך אין מיר אַיינגעקוקט עטלאַכע מאָל מיט זיינע וואַסערדיגע אויגן, וועלכע האָבן קיין קאָליר ניט געהאַט, און האָט זיך אָנגערופֿן:

— איר זייט אַודאי מיד פֿון וועג? פֿון אַזאַ וועג קען מען מיד ווערן ווי עס דאַרף צו זיין.

— איך בין גאָרניט מיד — האָב איך געענטפֿערט שטיל — ס'איז מיר דוקא געווען זייער אַנגענעם צו פֿאָרן.

— אַפֿילו אַנגענעם? — און ווענדנדיג זיך צו אַברהמ'ען — איר האָט זיך ניט איבערגעקערט?

— וואָס איז? ס'האָט שוין דען געטראָפֿן איך זאָל זיך איבערקערן? אָבער דו, שחר, ביזט שוין איינמאָל אַ שומר... מען פֿאָרט אַריין אין הויף און קיינער הערט ניט.

— קיינער הערט ניט! — האָט שחר איבערגעחזרט מיט כּעס — איך האָב געדאַרפֿט איבערבינדן חסידה'ן דעם קאָמפּרעס, בין איך געזעסן נעבן איר אַ ווײַלע.

— זאָל זיין אַזוי. נאָר הער, שחר, וואו איז דאָס מעסטל? ווען וועט מען שוין אויסלערנען דעם עולם ניט אַוועקצונעמען פֿונם גערשטן דאָס מעסטל? איך האָב נאָך די פֿרֵדות קיין עסן ניט געגעבן. שחר, אפשר וועסטו גיין אָנקאָרמענען די בּהֵמות? איך בין דאָך היינט נאָך „אַ קעכין” און דאַרף צוגרייטן וועטשערע.

— ניין, איך קאָן ניט איצט, — האָט געענטפֿערט שחר—מען קען חסידה'ן ניט איבערלאָזן אַליין. — און ער האָט מיך גערופֿן איך זאָל גיין נאָך אים—איך וועל גיין ווייזן חסידה'ן די נייע חבר'טע אונזערע.

מיר זיינען אַריינגעקומען צו חסידה'ן. ער האָט געפֿרעגט, אויב מען דאַרף איבערבייטן דעם קאָמפּרעס. דערנאָך האָט ער צוגעגעבן: — זע נאָר, איך האָב דיר געבראַכט אונזער נייע חבר'טע.

חסידה האָט אויפֿגעעפֿענט די אויגן און ניט גריסנדיג זיך האָט זי געזאָגט: — אָ, אָ, צו יונג. לאַנג זייט איר אין יפֿו?

— צוויי וואָכן — האָב איך געענטפֿערט.

— אויב אַזוי, טאָ פֿאַרוואָס האָט איר זיך דאַרטן ניט אָפּגעשוירן די צעפּ? דאָ וועט פֿון זיי גלייך ווערן אַ תֵּל.

— צו וואָס אָפּשערן? ביי מיין שוועסטער זיינען די האָר נאָך לענגער פֿון מיינע און ס'האָט זיי גאָרניט געשאַדט.

— אייער שוועסטער אַרבעט ניט אין פעלד. און אויב איר ווילט יאָ אַרבעטן מוזט איר זיך גלייך אָפּשערן די האָר, אַניט וועט ביי אייך גאָר־ניט בלייבן פון זיי.

— אַוודאי וויל איך אַרבעטן. גוט, אויב מען וועט דאַרפן אָפּשערן, וועל איך אָפּשערן.

— און גיט נאָר אַ קוק, די קלייד איז דאָך ביי אייך צוריסן. אין אַזאַ שמאָל קליידל פּאָרט מען עס צו דער אַרבעט?

— דאָס איז אַ קלייניקייט — האָב איך געענטפערט מיט אַ געדריקטער שטימע — איך האָב אַנדערע קליידער.

מיטן האַנט האָט זי אַ וואונק געטאָן צו שַׁחר׳ן, ער זאָל איר איבער־בייטן דעם קאָמפּרעס, און זי האָט פאַרמאַכט די אויגן.

איך בין אַוועק פון דעם דאָזיגן קַבָּלַת־פָּנִים מיט זייער אַ שווער געפיל.

איך וועל מיר גיין צו אברהמ׳ען — האָב איך געטראַכט — מיט אים איז עפּעס בעסער. און איך בין אַריין אין קיך.

ער האָט זיך גלייך אָנגערופן צו מיר: — קומט אַריין, קומט אַריין. זעט, וואָס פאַר אַ קעכין איך בין. און איר קענט קאָכן?

— ניין.

— ס׳שאַדט ניט. איך וועל אַייך אויסלערנען קאָכן. איך וועל אייך אויסלערנען העברעאיש ריידן אויך.

— מיט אַן אֱמֶת?

— און רייטן אויף אַ פערד קענט איר?

— ניין. איך האָב אין מיין לעבן ניט געריטן אויף קיין פערד.

— נו, דאָ וועט איר זיך אויסלערנען. מיר וועלן אַמאָל רייטן אינאיינעם אין פעלד.

— אפשר קען איך אייך עפּעס העלפן דאָ ביים גרייטן די וועטשערע?

— ניין, מען דאַרף ניט. איך ענדיג באַלד. אויב איר ווילט, ווישט אויס דאָס גלעזל פון לאָמפּ. פון זינט חסידה איז קראַנק האָט מען ניט געריינינגט דאָס גלעזל.

ער האָט מיר געגעבן אַ שמאַטע, און איך האָב ניט באַמערקט, אַז דאָרט איז פאַראַן אַ קנעפּל. האָב איך אָנגעהויבן ווישן, און האָב צובראָכן דאָס גלעזל...

— וואָס, איר האָט צובראָכן דאָס גלעזל? נו, וואָס וועט זיין אַצינד? וואָס וועלן מיר טאָן?

איך האָב ניט געוואוסט ווי גרויס ס'איז דאָס אומגליק וואָס האָט דורך מיר געטראָפן, נאָר לויט דעם טאָן פון זיינע רייד האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך האָב אָפּגעטאָן זייער אַ שרעקלאַכע זאַך, און איך בין שטיין געבליבן ווי אַ פאַרגליווערטע. ער האָט פונדעסטוועגן געפּרובט מיך טרייסטן: — נו, מֵילָא, מאָרגן וועלן מיר זען קריגן אַ גלעזל. נאָר איר ווייסט ניט וואָס איז אַזוינס אין אַ דאָרף אַ גלעזל פון אַ לאָמפּ. טרעפט זיך אַמאָל אַז מיר זיצן אַ גאַנצע וואָך אין דער פינסטער ביז מ'קריגט ערגעץ אַזאַ אַנטיקל. און דערווייַלע קען מען גאָרנישט טאָן, מען קען אַפילו ניט איבער־לייענען די צייטונג.

פאַרנאַכט האָט מען אָנגעהויבן אָנקומען פונם פעלד. דער ערשטער איז געקומען אַהרן. ער איז גלייך אַריין אין קיך און האָט געפרעגט:

— נו, וואָס הערט זיך? געקומען דאָס מיידל?

— יאָ. געקומען.

— און פאַרוואָס איז פינסטער? פאַרוואָס צינדסטו נישט אָן דעם לאָמפּ?

— נישטאָ וואָס אָנצוצינדן. זי האָט שוין באַוויזן צוברעכן דאָס גלעזל.

— זי האָט צובראָכן? אוי, דאָס איז ניט גוט... זאָג נאָר — אַ שיינע, אַ שיינע כאָטש?

— אַי, לאָז אָפּ, איך ווייס ניט...

אהרן איז אַוועק אין איילעניש און אין אַ ווייַלע אַרום איז ער אַריינ־געלאָפן מיטן פאַרוויכערטן לאַמטערן פון שטאַל. אַוועקשטעלנדיג אויפן טיש דעם לאַמטערן, האָט ער געוואָרפן אַ בליק אויף מיר. דערביי האָט ער אַ שמייכל געטאָן און האָט געזאָגט צו אברהם'ען: — האָסט ניט וואָס צו זיין ברוגז.

דערווייל קומט אָן אַפּטייקער און רעדט צו זיך אַליין: — ווער האָט עס גענומען אין קיך אַריין דעם לאַמטערן? וואָס איז דאָס אַזוינס? אַ נייער איינפאַל גאָר. איך האָב זיך שיר אַן אויג ניט אַרויסגענומען אין שטאַל.

נאָר אהרן לויפט אים אַנטקעגן:

— שאַ. דאָס האָב איך גענומען. איך האָב געוואָלט זען די נייע חבר'טע, און ס'איז ניטאָ קיין לאָמפּ, האָב איך גענומען פון שטאַל דעם לאַמטערן.

— נו, האָט זיך כאָטש געלוינט?

— איך האָב זי אפילו גוט ניט געזען, נאָר איך רעכן, אַז עס האָט זיך געלוינט.

ה

אויף מאָרגן איז אַברהם געבליבן אין שטוב, ווייזן מיר די אַרבעט וואָס איך האָב צו טאָן אין קיך. ער האָט מיר באַוויזן, וואו יעדער כּלי געפינט זיך, און האָט ערקלערט דעם סֵדֶר פון דער אַרבעט. דערנאָך האָט ער מיך געפרעגט, אויב איך קען שניידן ציבעלעס אויף קליינע שטיקלאַך. איך האָב געזאָגט, אַז יאָ. אויב אַזוי, וועט ער פאָרן ברענגען צוויי פעסלאַך וואַסער, און איך זאָל גוט אַכטונג געבן אויפן בוימל. ווען ער וועט זיך נאָר דערוואַרעמען, זאָל איך אים גלייך אַראָפּנעמען פונם פייער, נאָר מען דאַרף זיין זייער פאָרזיכטיג, ווייל דערביי דאַרף מען אַריינוואַרפן די ציבעלעס אינם בוימל און אַכטונג געבן זיי זאָלן ניט פאַרברענט ווערן. ער איז אַוועקגעפאָרן און איך בין געבליבן אין קיך. ווען דער בוימל איז געוואָרן הייס, האָב איך אים אַראָפּגענומען פונם פייער, און האָב גלייך אַריינגעוואָרפן די ציבעלעס, נאָר אין דער רֶגע איז אַ העלפט בוימל אויס־געלאָפן פונם טעפּל. איך בין געווען ממש פאַרצווייפלט. אויף דער נאַכט האָבן שוין אַלע געוואוסט, וואָס איך האָב דאָ אָפּגעטאָן פאַרן טאָג. ווען מען האָט געפרעגט אברהם׳ען, אויב ער דענקט מאָרגן אויך לערנען מיך קאָכן, האָט ער געענטפערט מיט כַּעַס: — וואָס, איר האָט קיין געדולד ניט? און איר זייט עס אַלע געבוירן געוואָרן אַרבעטער? אייך איז עס אַלצדינג אַזוי גרינג אָנגעקומען?

אויפן צווייטן טאָג איז שוין אַלץ געגאַנגען כּשוּרָה. פון פרימאָרגן אָן האָב איך געאַרבעט; כ׳האָב געשיילט ציבעלעס, דערנאָך געוואַשן דאָס שענקל פונם ברויט און געטאָן נאָך פיל אַנדערע אַרבעט, נאַטירלאַך אַלץ לויט אברהם׳ס תּוֹרה. און ער איז געווען אַזאַ צופרידענער: — נו, היינט איז שוין נישטאָ וואָס מורא צו האָבן. אַלץ גייט גוט. איצט שטעל איך אַוועק אויפן פּליטע די מילך, און איר זאָלט ניט אָפּטרעטן פון דעם. ווי ס׳וועט זיך אויפהויבן דער שוים זאָלט איר גלייך אַראָפּנעמען די מילך פונם פייער. ניטאָ אין דעם קיין גרויסע תּוֹרה. איך מוז ווייטער פאָרן נאָך וואַסער, אַנדערש וועט צום מיטאָג ניט זיין קיין טיי.

— גוט. איך וועל היטן.

איך שטיי נעבן דער מילך און ריר זיך ניט פון אָרט. מיט אַ מאָל רופט מיך חסידה: — אֱמוּנָה, אֱמוּנה, דערלאַנג מיר גיך אַ גלאָז וואַסער

מיר איז ניט גוט. – איך לויף געשווינד צו חסידה׳ן דערלאַנגען איר וואַסער. – און הויב מיר אויף אַ ביסל די קישן. – איך גלייך איר אויס די קישן און פרעג: – אַזוי איז גוט? – נאָר זי גיט זיך אַ קרים: – אָ, וואָס איז דאָס? די מילך שטייט אויף דער פּליטע, ווי אַזוי זשע האָסטו עס איבערגעלאָזט די מילך? – איך לויף אין קיך אַריין, נאָר ס׳איז שוין געווען צו שפּעט. די מילך האָט זיך שוין צעגאָסן איבער דער פּליטע און איבער דער פּאָדלאָגע. ס׳איז אין מיר אָפּגעשטאָרבן דאָס האַרץ. וואָס וועט זיין איצט? מיט וואָס וועט מען עסן די קאַשע? מענטשן וועלן בלייבן הונגעריק, און אַלע צרות קומען צוליב מיר. נאָר וואָס האָב איך געקענט טאָן? ניט געבן דער קראַנקער אַ גלאָז וואַסער?

אברהם איז געקומען און זיין פּנים איז בלאַס געוואָרן: – אוי, היינט ווידער אַמאָל!

גלייך האָט ער אלץ צורעכט געמאַכט, צוגעלייגט קוילן און האָט אָנגעשאָטן זאַלץ אויף דער פּליטע. דערביי האָט ער אַ זאָג געטאָן:

– איר וואָלט כאָטש אַרויפשיטן אַביסל זאַלץ. דער טשאַד איז דאָך שרעקלאַך.

– וואוהין שיטן זאַלץ?

– מען שיט אָן זאַלץ אויף דער פּליטע, ס׳זאָל ניט זיין קיין טשאַד.

איך האָב אייך פאַרגעסן דאָס אָנצוזאָגן. כ׳האָב זיך דען גערעכט אויף אַזאַ אומגליק?

ער האָט צוגעשטעלט טיי און איז אַוועק צו חסידה׳ן. איך האָב אויסגעווישט אין קיך די פּאָדלאָגע, און כ׳האָב זיך גענומען אויסקערן דעם צימער.

– מאַך־צו די טיר! – שרייט צו מיר חסידה – פונם רויך און פונם שטויב קען מען דערשטיקט ווערן!

און ס׳קומט אַריין אברהם:

– ווי אַזוי זשע באַשפּריצט איר ניט די פּאָדלאָגע פאַרן קערן? איר זייט עפּעס גאָר ניט ענלאַך אויף קיין מיידל. אויסקערן אַ שטוב דאַרף מען אייך אויך לערנען!?

– קערן קען איך דוקא. אָבער אַביסל וואַסער האָב איך מורא געהאַט צו נעמען. איר ברענגט דאָך וואַסער אין פעסלאַך. אפשר וועט שפּעטער ניט סטאַיען. און פרעגן ביי אייך האָב איך ניט געקאָנט. איר האָט אַזאַ בייזן פּנים.

– איר מיינט, מען קען זיין אַנדערש?

— איך בין ניט שולדיג — האָב איך געזאָגט שטיל — חסידה׳ן איז ניט גוט געוואָרן, בין איך געלאָפן דערלאַנגען איר אַ גלאָז וואַסער...

ו

אין אָוונט בין איך מיט מיין אַרבעט ווידער געווען ביי אַלעמען אין די מיילער. און אַז מען האָט געפרעגט אַברהם׳ן:

— נו, און מאָרגן וועסטו זי ווייטער לערנען?

האָט ער געענטפערט אַ צעקאָכטער:

— וואָס ווילט איר פון מיר? איך בין עס מער פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר אייך אַלעמען? איך האָב זי דען אַראָפּגעבראַכט אַהער?

און שַחַר האָט צוגעגעבן:

— איך האָב גערעדט מיט חסידה׳ן, האָט זי געזאָגט, מען זאָל זי אין קיך מער ניט לאָזן אַרבעטן, ווייל מיר האָבן קיין כּוח ניט צו ליידן די היזקות וואָס זי מאַכט אָן. אַגבֿ, דאַרף מען איצט טאַקע וואַשן וועש. חסידה איז קראַנק, און האָט שוין מער ניט וואָס צו בייטן און אונז פעלט אויך אַ ריינער בֶּגֶד צו דער אַרבעט.

מען פרעגט מיך אויב איך קען וואַשן וועש און איך ענטפער מיט פרייד — יאָ! גוט וואָס מען וועט מיר ענדלאַך געבן אַן אַרבעט, וועלכע איך קען.

אויף מאָרגן בין איך אויפגעשטאַנען באַגינען און האָב שוין געפונען גרייט צוויי פעסלאַך וואַסער, וואָס אברהם האָט געבראַכט צופירן. ער האָט מיר געוויזן די דריי שטיינער וואו מען שטעלט אַרויף דעם קעסל און אַ קופּע דערנער אויף צעפירן פייער. לויט אברהם׳ס עֵצה האָב איך אַריינגעטאָן אַ סך סאָדע און האָב אָפּגעריבן די וועש אין הייסע וואַסער. נאָר אַז ס׳איז געקומען צו די טונקעלע זאַכן, האָב איך מער ניט געקענט רייבן, ווייל פון די הענט איז מיר אַראָפּגעגאַנגען די גאַנצע הויט. איך האָב ניט געקענט וואַשן און ניט געקענט אויסדרייען. פון באַליידיגונג און ווייטאָג, וואָס עס גייט מיר אַזוי שלעכט מיט דער אַרבעט, האָב איך אָנגעהויבן וויינען. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן גייט עס מיר אַלץ אַזוי ניט מַזלדיג. אין דער רֶגע איז צוגעקומען אברהם. איך האָב אים געוויזן מיינע הענט וואָס טוען מיר אַזוי וויי, אַז איך קען מיט די פינגער קיין זאַך ניט אָנרירן.

— אַן אמתע אַרבעטאָרין. ניטאָ וואָס צו רעדן — האָט אברהם

געשמייכלט — לאָזט די וועש אין אַ באַלייע מיט וואַסער, איר וועט שוין מאָרגן ענדיגן.

איך האָב אַראָפּגענומען די וועש, וואָס איז שוין געווען טרוקן און בין אַריין צו חסידה׳ן אין צימער. דאָרטן איז געזעסן די פעלדשערין. אַריינ־גייענדיג האָב איך געהערט, ווי זי זאָגט צו חסידה׳ן:

— איצט, ווען ס׳איז ביי אייך דאָ נאָך אַ מיידל, וועט אייך שוין זיין גרינגער.

— מילא. דאָס מיידל וועט מיר שוין קיין גרויסע העלפערין ניט זיין — האָט חסידה געענטפערט — מיר האָבן מיט איר ניט געטראָפן. אמת, זי וויל אַרבעטן, זי איז אָבער ניט פייאיג דערצו. און פאַר אַ קבוצה איז זי נאָך צו קינדעריש.

די פעלדשערין האָט מיך געבעטן, איך זאָל צונויפנייען צוויי האַנ־טיכער און מאַכן פאַר חסידה׳ן אַ קאָמפּרעס.

— איך קען ניט נייען — האָב איך געענטפערט — מיינע הענט זיינען אין וואונדן און כ׳קען זיי נישט אויסגלייכן.

— אַנו, ווייזט אייערע הענט, פאַרוואָס זיינען זיי עפּעס אין וואונדן?

— פונם וועש וואַשן.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף מיינע הענט און איז געבליבן זיצן אַ דערשראָקענע.

— איר טאָרט זיי נישט נעצן עטלאַכע טעג, ביז וואַנען זיי וועלן זיך אויסהיילן.

— ווי אַזוי זאָל איך זיי ניט נעצן, אז די וועש ווייקט זיך נאָך אין דער באַלייע.

חסידה האָט אַ שמייכל געטאָן:

— אָט דאָס איז מיין העלפערין. און עפּעס איז זי גלאַט אַ מאָדנע. ביי אונזער ערשטער באַגעגעניש האָט זי מיר דערציילט, אַז זי האָט אַ סך קליידער און אַז איר שוועסטער האָט נאָך לענגערע צעפּ פון איר.

און דערנאָך האָט זי צוגעגעבן:

— ס׳וועט נאָך, ווייזט אויס, פיל צייט אַוועקגיין, ביז אין לאַנד וועט קומען דער פּאַסיגער עלעמענט...

ז

די דריי טעג וואָס איך בין געזעסן אָן אַרבעט, האָב איך זייער געליטן. דערווייל האָט חסידה אָנגעהויבן אַרומגיין און אין שטוב האָט זיך גלייך דערפילט אַ בעסערע שטימונג. מ׳האָט געדאַרפט באַקן ברויט. רופט זיך אָן חסידה צו מיר — אויב מיינע הענט וועלן זיך אויסהיילן, וועט זי מיר געבן קנעטן דאָס ברויט און זי וועט אַכטונג געבן. אויך וועט זי שוין אַליין קאָכן, ווייל איצט ווען מען זייט איז דאָך ניט מעגלאַך אברהם זאָל זיצן אין שטוב. אינדערפרי האָט זיך געפילט אַן אַרבעטס־שטימונג. אַלע זיינען אויפגעשטאַנען באַגינען.

— אֱמוּנָה, זיי גרייט, היינט דאַרפסטו פאַרקנעטן דאָס ברויט. ווי אַזוי זיינען דיינע הענט? וועסט קענען קנעטן?

— יאָ — האָב איך געזאָגט אַנטשלאָסן. איך האָב זיך פאַרבונדן דעם קאָפּ מיט אַ ווייס טיכל, פון מיין קאָרב האָב איך אַרויסגענומען אַ ווייסן געפּרעסטן פאַרטוך, וועלכן איך האָב דאָ אין לאַנד נאָך ניט גענוצט און כ׳האָב זיך צוגעגרייט, ווי צום באַקן שְׁמוּרָה־מַצוֹת אויף פֶּסַח.

— חסידה, איך בין גרייט!

— אַהאַ! — האָט זי געזאָגט — איינגאַנצן אַ ווייסע. ווי צו אַן אָפּעראַציע.

זי האָט מיר געגעבן מעל מיט וואַסער און האָט מיר געהייסן קנעטן. דאָס האַרץ האָט מיר געקלאַפּט טאַקע באמת, ווי ביי אַן אָפּעראַציע, נאָר געפילט האָב איך זיך ווי אַ כֹּהן ביי דער עֲבוֹדָה. פון צייט צו צייט האָט זיך דאָס טייג צוגעקלעפּט צו די הענט, איבערלאָזנדיג צייכנס פון בלוט אויף מיין פריש פאַרהיילטער הויט. שטילערהייט האָב איך די שטיקלאַך טייג מיט די בלוט־צייכנס געוואָרפן אויף דער עוּד. און חסידה גיט באַפעלן פונדערווייטן:

— וואָס איז דאָרטן? פליגן? זע אַז קיין פליגן זאָלן כאָטש ניט זיין אין ברויט.

דאָס טייג האָב איך לאַנג געקנאָטן און לויט חסידה׳ס „גענוג" האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז גוט.

— אמונה, איצט דאַרף מען איינהייצן דעם אויוון.

— איך האָב מוֹרא, טאָמער וועל איך קאַליע מאַכן.

— ניטאָ וואָס מוֹרא צו האָבן. איך וועל אַכטונג געבן.

אָ, וויפל זיכערקייט איז געווען אין דעם „איך וועל אַכטונג געבן". דאָס ברויט האָט זיך איינגעגעבן אויסגעצייכנט.

און איך האָב בײַ זיך געטראַכט: ווער פון מײַנע חבר׳טעס בײַ אונז אין שטעטל ווייס עס, וואָס הייסט גליק? ווער פון זיי האָט עס אַמאָל אַזאַ גוטן טאָג געהאַט?

אַלץ וואָס חסידה טוט, געראָט איר. ביז מען איז געקומען פון פעלד, איז שוין געווען אַלץ פיקס און פאַרטיג. אַלע פרעגן זיך וואָס זי מאַכט. ס׳פילט זיך אַן אַלגעמיינע אַכטונג צו איר. אויף מאָרגן איז קראַנק געוואָרן אַהרן און ס׳איז ניט געווען ווער ס׳זאָל זײַען נאָכן אַקער. אַברהם לייגט פאָר, מען זאָל מיך נעמען אין פעלד אַריין. אַלע לאַכן. נאָר אַפּנים אַז קיין אַנדער עֵצָה קענען זיי זיך נישט געבן, און זיי באַשליסן צו נעמען מיך אין פעלד. איך האָב קיין שום באַגריף ניט, וואָס איך דאַרף דאָרטן טאָן, נאָר איך בין צופרידן. איך פאָר אין פעלד. יעדער איינציגער פון די בחורים מאַכט מיר פרײַ אַ פלאַץ נעבן זיך: „קום, זעץ זיך דאָ, פעלאַכקע״. און איך האָב זיך אויסגעקליבן אַ פלאַץ נעבן דעם אָנטרייבער. דעם גאַנצן טאָג בין איך ניט מיד געוואָרן נאָכצולויפן נאָכן אַקער און זײַען. און אַרום מיר זאָגן אַלע אין איין קול: „זייער גוט״! — פאַרנאַכט בין איך געקומען פון פעלד רײַטנדיג. די האָר האָבן זיך מיר צעלאָזט, נאָר מיך האָט עס ניט געאַרט. מיר איז גוט — און שוין! אויף דער טראַסע זײַנען געשטאַנען חסידה מיט דער פעלדשערין, וואָס איז געקומען געוואָר ווערן אהרנען. איך בין צוגעפאָרן גלײַך צו דער טראַסע און בין אַראָפּגעשפרונגען פונם פערד. איך האָב געוואָלט אַרומנעמען חסידה׳ן און דערציילן איר ווי גוט עס איז מיר, נאָר איר קאַלטער בליק האָט מיט איינמאָל אָפּגעקילט מײַן באַגייסטערטע שטימונג.

די פעלדשערין:

— וואָס פאַר אַ בליענדע יוגנט, וואָס פאַר אַ געזונטקייט!

און חסידה ענטפערט:

— אַ מיידעלע, ווי אַלע מיידלאַך. אין פעלד אינאיינעם מיט די בחורים האָט זי גאָר אַן אַנדער פנים. און דער עול פון דער קיך פאַלט ווידער אויף מיר אַליין. ניין, דאָס איז פאַר מיר ניט קיין חבר׳טע.

איך האָב געהערט אירע רייד, איך האָב זיי זייער גוט פאַרשטאַנען, און האָב געפרעגט זיך אַליין: וואָס באַטײַט אַזאַ באַציהונג? וואָס דאַרף איך לערנען דערפון? צי האָב איך רעכט אויף ווייטער צו בלײַבן דאָ? זי רופט מיך מיידעלע, איך אָבער וויל זײַן אַן ארבעטאָרין. איך מוז באַשליסן וואָס צו טאָן.

יענעם אויפדערנאַכט בין איך אין עס־צימער ניט אַריינגעקומען און האָב ניט געגעסן קיין אָוונט־ברויט. און אויף אַלעמענס פראַגן: „וואו איז די פעלאַכקע?״ האָט מען געענטפערט „זי ליגט אין בעט, זי איז מיד״. „נאַטירלאַך, נאָך אַזאַ אַרבעט אויף דער זון״ — האָבן די בחורים געזאָגט. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך ניט צוגעמאַכט קיין אויג, און כ׳האָב פאַר קיין אופן ניט געקאָנט באַשליסן, וואָס צו טאָן. פאָרן קיין יפו — האָב איך זיך געשעמט. מען וועט זאָגן: „שוין געקומען די אַרבעטאָרין צוריק״. און וואו וועל איך טאקע אַרבעטן? נאָר בלייבן דאָ איז אַוודאי ניט גוט. מען וויל דאָך מיך ניט. איך האָב דען ניט געהערט?

ח

מיטן מאָרגנדיקן צוג איז געקומען אַ גאַסט. אין עס־צימער האָט מען זיך זייער געפרייט מיט אים — דער סעקרעטאַר קאָטיק איז געקומען!

— נו, וואָס הערט זיך עפּעס נייס?

— וואַרט אויס. איך וועל אייך נאָך דערציילן. נאָר וואו איז אייער נייע חבר׳טע, עזרא׳ס שוועסטער? איך האָב איר געבראַכט אַ בריוו פונם ברודער.

איך בין גלייך אַרויסגעקומען. ער האָט מיר געגעבן דעם בריוו און געזאָגט: — אויב איר וועט וועלן, וועט איר קענען דורך מיר שיקן אַן ענטפער, ווייל מאָרגן צוועלף אַזייגער פאָר איך קיין ירושלים.

און איך האָב געהערט ווי די בחורים זאָגן: — אומעטיג די פעלאַכקע אונזערע.

עזרא האָט געבעטן אַנטשולדיגן אים, וואָס ער האָט ניט געשריבן. ער איז אָפּגעפאָרן פלוצלינג. מען האָט אים אַריבערגעפירט קיין ירושלים, און ער האָט דערויף קיין חרטה ניט. ער האָט זיך דאָ איינגעאָרדנט ניט שלעכט, האָט אַ גוטן צימער. אויב איך וועל וועלן, קאָן איך קומען צו אים אויף אַ שטיקל צייט. אויב איך דאַרף געלט, קען איך נעמען ביי קאָטיקן. ער איז זיינער אַ גוטער באַקאַנטער. צוויי מאָל האָב איך איבערגעלייענט דעם בריוו: הייסט עס, עזרא איז אין ירושלים, און געלט קען איך נעמען ביי זיין חבר. ווי גוט דאָס איז! איך קען פאַרלאָזן די קבוצה און ניט פאָרן קיין יפו. פאַרשטייט זיך, אַז איצט האָב איך שוין ניט וואָס איבערצוקלערן. מאָרגן צוועלף אַזייגער פאָר איך. געראַטעוועט, ממש געראַטעוועט! ביים פרישטיק בין איך צוגעגאַנגען צו קאָטיקן און מיט אַ שעמעוודיג שטיל קול האָב

איך אים געזאָגט, אַז עזרא בעט איך זאָל קומען און געלט קען איך נעמען ביי אים.

— געוויס, געוויס, כ׳בעט אייך — האָט קאָטיק געענטפערט מיט אַ חֵנ׳עוודיגן שמייכל. נאָר איך האָב צוגעגעבן:

— אויב עס וועט אייך ניט שווער זיין, וואָלט איך געפאָרן מיט אייך צוזאַמען.

— אַך, איך בעט אייך זייער. ווען איר פאַרלאַנגט, בין איך אינגאַנצן אייערער, עזרא׳ס קליין שוועסטערל!

אַרום זיינען אַלע געבליבן ערשטוינט, און פון אַלע זייטן האָט מען מיך געפרעגט: — וואָס, איר פאָרט אַוועק? צו וואָס רופט ער אייך? און ווען וועט איר קומען צוריק? — איך האָב ניט געענטפערט, נאָר חסידה איז געווען צופרידן.

— נו, וואָס האָב איך אייך געזאָגט? אַ קינד. וויפיל איז זי דאָ געווען און שוין איילט זי זיך קיין ירושלים. איר וועט זי נאָך רופן פעלאַכקע, יאָ? — און מיטאַמאָל האָט זי אַ זאָג געטאָן זייער ערנסט: — אַ שאָד נאָר, וואָס זי איז נעכטן געפאָרן אין פעלד. מיין צימער איז נאָך ניט אויפגע־ראַמט פון זינט איך בין קראַנק געוואָרן.

— מ׳קען עס נאָך באַווייזן — האָב איך געענטפערט — ער פאָרט דאָך ערשט מאָרגן צוועלף אַזייגער. און אויב ס׳איז ניטאָ קיין אַנדער אַרבעט, וועל איך זיך גלייך נעמען צום ראַמען.

חסידה האָט זיך דערפרייט. גלייך האָבן מיר אַלץ אַרויסגעטראָגן פון איר צימער. זי האָט צוגעגרייט קאַלך, און צו מיר האָט זי זיך געווענדעט זייער פריינדלאַך:

— דו וועסט מיר אויסקאַלכן דעם צימער, וועט זיין אַן אָנדענק פון דיר אַז דו ביזט דאָ געוועזן.

— פאַרוואָס עפּעס אַן אָנדענק? — האָט זיך אַריינגעמישט אברהם — וויפיל וועט זי פאַרברענגען אין ירושלים?

קיינער האָט אים ניט געענטפערט. אברהם איז געוואָרן טרויעריג. איך האָב זיך אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט און האָב כּמְעַט פאַרגעסן אָן מיין פאָרן. כ׳האָב זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע כּוחות אַז די ליניע ביים קאַלכן זאָל בלייבן אַ גלייכע, אַז די שויבן פון די פענסטער זאָלן זיך ניט פאַרשפּריצן און אויף דער פּאָדלאָגע זאָלן ניט זיין קיין קאַלך־פלעקן. איך האָב געענדיגט רייניגן דעם צימער. דערנאָך האָב איך אויסגעוואַשן אַלע

פּאָדלאָגעס. פאַרנאַכט האָב איך געהאָלפן חסידה׳ן אַריינטראָגן אירע זאַכן צוריק אין צימער אַריין. זי איז געשטאַנען אַ ווײַלע אויפן שוועל און האָט אַזאָג געטאָן: „אַזוי׳ ריין!״ און טראַכטנדיג וועגן עפּעס האָט זי צוגעגעבן: אֶפשר וואָלסט דו טאַקע באמת געקומען צוריק? ס׳איז דען דיר דאָ שלעכט געווען?

אין אָוונט האָבן זיך אויפגעקליבן די חברים אין אַ ווינקל און האָבן גערעדט צווישן זיך, אַז מען האָט זיך דאָ מיט מיר ניט אָפּגעגעבן ווי געהעריג איז, און אַז מען דאַרף זען ווירקן אויף מיר, איך זאָל ניט פאָרן; אָדער חסידה זאָל מיט מיר איבערריידן, איך זאָל פאָרן צו גאַסט און באַלד קומען צוריק.

אינדערפרי איז צוגעגאַנגען צו מיר חסידה און האָט מיר געזאָגט:

— זע נאָר, איך האָב זיך נעכטן גאָרניט געפרעגט, ווען דו וועסט קומען צוריק. מען איז נעכטן אַ גאַנצן טאָג געווען אַזוי פאַרנומען, אַז מען האָט אפילו קיין צייט ניט געהאַט צו ריידן וועגן דעם.

— איך וועל צוריק ניט קומען! — האָב איך געענטפערט קורץ.

— פאַרוואָס וועסטו ניט קומען? ס׳איז דיר צו שווער די אַרבעט? ס׳מאַכט ניט אויס. קום צופאָרן, קום. אמת, דו ביסט נאָך צו יונג, נאָר איך וועל דיך אַלץ אויסלערנען און ס׳וועט זיין גוט. דו וועסט זען. הער נאָר, אמונה; פאַראַן ביי מיר אַ האַלב פונט. טראַכט איך די גאַנצע צייט צו קויפן עפּעס אַ שיינעם שטאָף אויף אַ קלייד. איצט, אַז דו פאָרסט, וועסט עס מיר קויפן. דו ביסט דאָך אַ מֵבין אויף קליידער.

זי איז אַריינגעגאַנגען מיט מיר אין צימער און האָט געעפנט דעם קאָרב. פון אונטער די ביכער האָט זי אַרויסגעשלעפּט אַ ברוין קליידל, אַ ירושה נאָך פון די גימנאַזיסטישע יאָרן — און ווי גרויס איז געווען איר שרעק, ווען זי האָט דערזען אַז די קעשענע פונם קלייד אינ־איינעם מיטן האַלבן פונט האָבן מייז אויפגעגעסן. נאָר איך האָב אין דער רֶגע איר ניט מיטגעפילט. איך האָב געהאַט אין איר אַ נְקָמָה. אין אַ קבוצה באַהאַלט מען געלט?! איז עס מעגלאַך אַזוינס צו טאָן אין אַ קבוצה?...

ט

קאָטיק קלאַפּט אין טיר: — מיין קליין פריילין, מיר דאַרפן זיך איילן, ווייל ביזן באַן מוז מען גיין צו פוס. היינט איז זריעה־צייט און קיין פֿרדות וועט מען אונז ניט געבן. זייט גרייט.

דעם גאַנצן וועג האָט זיך קאָטיק באַמיט צו ווײַלן מיך. ס׳האָט אים ניט געאַרט וואָס איך קאָן ניט העברעאיש. ער האָט גערעדט רוסיש און אידיש און האָט זיך דערבײַ געחכמ׳עט אָן אַ סוף. נאָר איך האָב קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט, איך בין געווען פאַרנומען מיט מײַנע געדאַנקען: וואָס וועל איך זאָגן עזרא׳ן, און וואו וועל איך איצט אַרבעטן?

ביי מיין ברודערס טיר האָבן מיר אָנגעקלאַפּט אייניגע מאָל און מען האָט אונז ניט געענטפערט. מיר האָבן גערעכנט אַז ער איז ניטאָ אין שטוב. נאָר מיט אַמאָל האָט זיך געעפנט די טיר און ס׳איז אַרויסגעגאַנגען דער ברודער:

— לאַנג האָט איר געקלאַפּט? איך האָב געשריבן בריוו און כ׳האָב ניט געהערט קלאַפּן. אָ, אמונה איז געקומען. אַ גאַסט! קראַנק, חָלילה, אָדער פָּשוט ביזט געקומען זען ירושלים?

איך האָב געשוויגן. ס׳האָבן זיך מיר אַ גאָס געטאָן טרערן פון די אויגן. איך האָב געזוכט אַ ווינקל וואו צו באַהאַלטן זיך, נאָר זיין „גוטער" צימער איז געווען זייער קליין און איך האָב זיך ניט געקענט אין אים אויסבאַהאַלטן.

אויף מאָרגן אינדערפרי איז עזרא אַוועקגעגאַנגען און האָט צוגעזאָגט צו קומען צו מיטאָג. אַזוי ווי ער איז אַרויס פון צימער, האָב איך זיך אַוועקגעזעצט שרייבן, און איך האָב ניט געפילט, ווי אַזוי ס׳איז אַוועק די צייט. עזרא איז מיט אַ מאָל אַרייַנגעקומען און האָט געפרעגט:

— דו שרייבסט דער מאַמען אַ בריוו?

— ניין, ניט צו דער מאַמען, נאָר צו דיר, — האָב איך אים געענטפערט — די טרערן לאָזן מיר ניט ריידן מיט דיר, האָב איך דעריבער באַשלאָסן דערציילן אויפן פּאַפּיר אַלצדינג וואָס ס׳איז מיט מיר פּאָרגעקומען — און איך האָב אים דערלאַנגט, וואָס איך האָב אָנגעשריבן.

עזרא האָט עס איבערגעלייענט. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו מיר און האָט מיך געבעטן: — זאָג מיר צו, אַז דו וועסט מער ניט שרייבן. דאָס שרייבן עלטערט דעם מענטשן און וואַרפט אויף אים אָן אַ מָרָה שחוֹרָה, און דו ביזט אַ יונג מיידל. פאַרנעם זיך ניט מיט אַזעלכע זאַכן. זע בעסער קענען באַקן ברויט און מעלקן קי. דאָס איז אונז אַ סך וויכטיגער אין ארץ־ישראל.

י

אַ וואָך צייט האָבן מיר כּמעט ווי ניט גערעדט. עזרא האָט מיר אויס־געקליבן עטלאַכע ביכער צום לייענען, און אַליין האָט ער געטאָן זיין אַרבעט.

איין מאָל האָבן מיר זיךביידע אַוועקגעזעצט אַ ביסל דורכריידן:

— נו, איצט דערצייל, ווער פון די חברים אין דער קבוצה געפעלט דיר?

— כּמעט קיינער ניט. אברהם נאָר איז אַ וואוילער בחור. ער האָט מיר אַלצדינג געהאָלפן.

— אַזוי, אברהם איז דער וואוילער? — האָט מיין ברודער געפרעגט — האָסט אין זיך אַ סך תּמימות, מיין קליין שוועסטערל. דו ביזט פּשוט אַ יונג מיידל און ניט גאָר קיין מיאוסע, און דעריבער איז אים געווען אַנגענעם צו העלפן דיר.

— ווי אַזוי רעדסטו דאָס מיט מיר? דו דערמאָנסט מיר אַן אַלטע לערערין, וועלכע האָט מורא צו זאָגן אַ גוט וואָרט אירע שילערינס, טאָמער וועלן זיי זיך איבערנעמען.

— בכן, וואָס האָב איך דען אַזוינס געזאָגט?

— וואָס האָסטו געזאָגט? „ניט גאָר קיין מיאוסע".

— נו, יאָ. וואָס זשע, דו ביזט שיין? נאָר די אויגן זיינען ביי דיר ווי ביי אַ קלוגער, נאָר מיין ניט, חָלילה, אַז דו ביזט אַ חָכמָה!

מיר האָבן ביידע אויסגעשאָסן אַ געלעכטער.

און איינמאָל, ווען מיר זיינען געקומען פון אַ רעפעראַט, איז צוגע־גאַנגען צו מיר מיין ברודער, האָט מיר אַוועקגעלייגט די האַנט אויפן אַקסל און האָט געזאָגט:

— איצט זאָג דעם אמת, וועגן וואָס האָסטו געטראַכט? טראַכסט אַוודאַי, ווען דו וואָלסט אַזוי קענען שטיין אויף דער בינע און האַלטן אַ רעפעראַט. ניט אַזוי?

— הויבט זיך גאָר ניט אָן. האָסט אין מיר אַ גרויסן טָעות. איך טראַכט גאָר, ווען וועל איך קענען באַקן ברויט און מעלקן קי. נאָר דאָס אינטערעסירט מיך. און אין דעם דאַרפסטו מיר העלפן. מער קען איך אַזוי ניט זיצן. האָסט מיר איינמאָל דערציילט, אַז אין דער לערן־פּערמע איז פאַראַן ביי דיר אַ באַקאַנטער און אויב דו וועסט אים אָנשרייבן, וועט ער מיך צונעמען. טו עס איצטער.

— ווי איך זע, האָב איך אויף דיר אַ גאַנץ קליינע הַשפָּעָה. גוט, איך וועל אָנשרייבן מיין חבר. נאָר דו זע, מאַך זיך אַ בעסערע שטימונג;

דו זאָלסט האָבן געדולד אויסוואַרטן אויף אַ תשובֿה. דאָס מאָל וועל איך שוין דיך ניט לאָזן פּאָרן גלאַט אין דער וועלט אַריין.

נאָר מיין שטימונג האָט זיך ניט פאַרבעסערט. יעדן טאָג האָב איך געוואַרט אויף אַן ענטפער. אין איין שיינעם פרימאָרגן איז געקומען קאַטיק. ער קלאַפּט אין טיר: — איך בין ווידער דאָ! — ער עפענט די טיר און רופט אויס: — איך האָב אייך געבראַכט אַ בריוו, אָבער זיין אינהאַלט ווייס איך פון פריער. איר פאָרט אין דאָרף מעלקען קי. איך בין געווען אויף דער זיצונג, ווען מען האָט אייך צוגענומען, און דער באַגלייטער, נאַטירלאַך, וועל איך זיין, ווייל אין אַ פּאָר טעג אַרום פאָר איך אַהין. אָבער איר דאַרפט מיר צוזאָגן, אַז דער וועג וועט אונז איצט זיין אַ פריילאַכערער ווי דעמאָלט.

דעם לעצטן פרימאָרגן, איידער איך בין אָפּגעפאָרן, האָב איך איבערגעגעבן מיין ברודער דאָס העפט, וואָס איך האָב אָנגעשריבן זייענדיג ביי אים אין הויז. מיין ברודער האָט עס געלעזן מיט גרויס אינטערעס. דערנאָך האָט ער מיר געזאָגט: — באמת, איך ווייס ניט ווי אַזוי צו האַלטן זיך מיט דיר. אויב ריידן מיט דיר, ווי מיט אַ קליינער — האָב איך מוֹרָא, טאָמער וועסטו זיך באַליידיגן; און אויב ווי מיט אַ גרויסער — וועסטו מיך ניט פאַרשטיין. נאָר איצט וועל איך מיט דיר ריידן ווי מיט אַ גרויסער. אין דיין שרייבן פעלט שפּראַך און סטיל. דאָס געשריבענע איז ניט מעגלאַך צו פאַרשטיין, און פונדעסטוועגן איז פאָרט פאַראַן אין דעם עפּעס. ווען דו וואָלסט ניט וועלן זיין אַן אַרבעטאָרין, וואָלט אפשר געלוינט צו פּטר׳ן צייט דערויף. נאָר פאַר אַן אַרבעטס־מענטשן איז עס ניט כְּדַאי.

— אויב דו רעדסט מיט מיר ווי מיט אַ גרויסער, וועל איך דיר ענטפערן ווי אַ גרויסע. ביזט מיט אַ כּיוון מְבַטֵל מיין שרייבן. ווייז מיר איין זאַך וואָס איז ניט פאַרשטענדלאַך.

מיין ברודער האָט ווידער אַריינגעקוקט אינעם העפט און האָט געלייענט:

— צום ביישפּיל דאָס: „חתונה האָבן און זיין גליקלאַך קען מען אויך צו 17 יאָר, אַזוי ווי מיין חבר׳טע. נאָר אַ גליקלאַכע חבר׳טע אין אַ קבוצה קען זיין נאָר אַ דערוואַקסענער מענטש״.

— אָט דאָס האָסטו ניט פאַרשטאַנען? — איך האָב אַרויסגעצויגן דאָס העפט פון זיין האַנט און כ׳האָב עס צעריסן אויף שטיקלאַך.

מיין ברודער איז געשטאַנען אַ בלאַסער:

— וואָס האָסטו געטאָן?

— וואָס האָב איך געטאָן? איך האָב דיר געוואָלט ווייזן אַז מיין שרייבן האָט ביי מיר קיין שום ווערט ניט. און גלויב מיר, איך וועל ניט פאַרלירן קיין איין שעה פון מיין אַרבעט צוליבן שרייבן. נאָר דיין ביטול איז געווען איבעריג.

קאָטיק האָט זיך אַריינגעריסן אין צימער אָן אַ קלאַפּ אין טיר:

— כ׳בין געלאָפן ווי אַ משוגענער. מיר דאַרפן זיך איילן צום באַן. שוין שפּעט.

— יאָ, איך גיי. זיי געזונט, ברודער!

— פאָר געזונט, שוועסטער!

— און אַזוי בלייבט דאָס — מעלקן קי! — האָט ער געזאָגט.

— יאָ, יאָ, מעלקן קי. הַלְוַאי זאָל איך נאָר מַצְלִיחַ זיין.

עין־חרוד ב. ב.

מיטן כלל

„די קבוצה פון צוואַנציק"

ס׳איז געווען אַ שווערער יאָר — דער דריטער יאָר פון דער וועלט־מלחמה. אונזער גאַנצער ישוב איז געשטאַנען אין געפאַר חָרוב צו ווערן. די אַרבעטסלאָזע חברים האָט מען באַשעפטיגט ביי די עפנטלאַכע אַרבעטן, דאָרטן האָבן זיי געהאָרעוועט שווער פאַר אַ נידעריגן לוין. אָבער בשעת די מענער האָבן לכָל הפּחות געהאַט אויף אַ האַלב הונגעריגן לעבן, איז פאַר די פרויען אינגאַנצן קיין אָרט ניט געווען. די לאַגע זייערע איז געווען אַ פאַרצווייפלטע, זיי פלעגן אַרומוואַנדערן פון איין אַרבעטער־קיך צו דער צווייטער, פון קאָלאָניע צו קאָלאָניע, פון קבוצה צו קבוצה און האָבן געזוכט אַרבעט. נאָר קיין אַרבעט איז ניט געווען און עסן אומזיסטן ברויט האָבן זיי ניט געוואָלט. פלעגן זיי אַרומגיין איבערן גליל הונגעריגע און איבעריגע.

ביז ס׳איז געפאַלן דער ערשטער קָרבן. די יונגע אַרבעטסלאָזע מִרים גרינבלאַט, אַ שטילע מיידל מיט אַ טיפער נשמה, האָט זיך גענומען דאָס לעבן. דער אומגליק האָט אַלעמען אויפגערודערט. די אונטערהאַנדלונגען מיט אַלערליי אינסטאַנצן וועגן דער ברענענדיגער פראַגע פון די אַרבעטסלאָזע חבר׳טעס האָבן זיך שוין געצויגן פון לאַנג, נאָר אָן אַ מַמָשות׳דיגן רעזולטאַט. איצטער אָבער האָבן אַלע דערפילט, אַז ס׳קען אַזוי ווייטער ניט גיין, אַז מען מוז גלייך עפּעס אָנהויבן טאָן.

דאַן האָט יוסף בוסעל *) פאַרגעלייגט, אַז אַלע אַרבעטסלאָזע חבר׳טעס אין גָליל זאָלן זיך אָרגאַניזירן אין איין קבוצה. די כִּנֶרֶת׳ער קבוצה פון איר זייט און די לערן־פערמע פון חנה מייזל האָבן צוגעזאָגט געבן 20 דונאַם באָדן אויף אַ גאָרטן פאַר די אַרבעטסלאָזע. נאָר דער עיקר האָט די נייע קבוצה געדאַרפט לעבן פון זייטיגע פאַרדינסטן: עטלאַכע חבר׳טעס האָבן געזאָלט אַרבעטן אין דער קיך ביי די „עפנטלאַכע" אַרבעטער וועלכע האָבן געטריקנט די כנרת׳ער זומפּן; מ׳האָט געהאָפט אויף די לאַנדווירטשאַפטלאַכע סעזאָן־

*) איינער פון די גרינדער פון דְגַנְיָה און אַ טרעגער פון קאָלעקטיוויסטישן געדאַנק אין דער ארץ־ישראל׳דיגער אַרבעטערשאַפט, דערטרונקען אין יַם כִּנֶרֶת ג׳ אָב תרע״ט.

אַרבעטן אין די שכנישע קבוצות — כּנרת און דגניה, און אויסער דעם האָבן אַ פּאָר חבר׳טעס געקענט נייען און האָבן געהאָפט צו קריגן אַרבעט אין זייער פאַך. לויט בוסעל׳ס פאָרשלאַג האָט דאָס ביוראָ פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין יפו געגעבן דער „אַרבעטסלאָזער" קבוצה אַ הלואה פון 60 פונט אויף צו קויפן אַרבעטס־געצייג און אויף דורכלעבן זיך די ערשטע צייט.

מיר אַלע האָבן אָנגענומען בוסעל׳ס פּלאַן מיט גרויס פרייד און חנה מייזל האָט צוגעזאָגט צו קומען צו הילף די אַרבעטסלאָזע חבר׳טעס מיט איר לאַנדווירטשאַפטלאַכער דערפאַרונג; זי האָט נאָר געשטעלט איין תּנאי, אַז דער ועד פון די אַרבעטאָרינס אין גליל זאָל אַריינשיקן אין דער קבוצה צוויי געניטע פאַראַנטוואָרטלאַכע חבר׳טעס, וועלכע זאָלן אָנפירן מיטן געזעל־שאַפטלעכן לעבן און מיט דער אַרבעט פון דער קבוצה. אָבער געניטע חבר׳טעס וואָס זאָלן זיך קענען אָפּגעבן אַזאַ אַרבעט זיינען גראָד ניט געווען. בלית ברירה האָב איך באַשלאָסן, נאָך אַ אינערלאַכן קאַמף, צו נעמען די אַרבעט אויף זיך; און הגם כ׳האָב געוואוסט וואָס פאַר אַ גרויסע אַחריות עס פאַלט אויף מיר, האָב איך דאָך געמוזט אַזוי טאָן, ווייל די לאַגע איז געווען אַ פאַרצווייפלטע און קיין אַנדער אויסוועג איז ניט געווען.

דאָס רוב אַרבעטסלאָזע חבר׳טעס זיינען געווען פרעמד איינע דער צווייטער; זיי זיינען באַקענט געוואָרן ערשט דאַן ווען זיי האָבן זיך באַגעגנט ווי מיטגלידער פון איין קבוצה. דאָס זיינען געווען מענטשן פון פאַרשידענעם עלטער, פון פאַרשידענע לעבנס־געוואוינהייטן און אַנטוויקלונגס־שטופן: אַ פילפאַרביגער מענטשן מאַטעריאַל, וואָס נאָר דער בשותּפות׳דיגער גורל פון אַרבעטסלאָזיקייט האָט זיי פאַרבונדן צוזאַמען. אויף אונזער ערשטער פאַרזאַמלונג האָבן מיר גערעדט וועגן דער שווערער אויפגאַבע, וואָס מיר נעמען איצט אויף זיך. אין מיינע רייד האָב איך געוואָלט אויסדריקן דעם גרויסן פּחד וואָס כ׳האָב דאַן געפילט: צי וועלן אונז סטאַיען כּוחות אויף צו טראָגן דעם שווערן יאָך און צי וועט אונזער לעבן אַלס קבוצה האָבן אַ קיום? אַ סך פון די נייע חבר׳טעס האָבן צוגעזאָגט זייער הילף און מיר האָבן אויסגעקליבן דעם ועד פון דער קבוצה. אין ועד זיינען אַריין דריי: שושנה באָגען, חנה כּצנעלסאָן און איך.

די ערשטע פראַגע איז געווען — וואו וועלן מיר וואוינען? ס׳איז אַוועק אַ טאָג נאָך אַ טאָג אין יסורים און אומזיסטע זוכעניש פון אַ דירה. פון קיין געצלטן האָבן נאָך אונזערע אַרבעטער דאַן ניט געוואוסט — געצלטן

האָט מען אַריינגעבראַכט ערשט נאָך דער מלחמה, אין דער צייט פון דער דריטער עליה — און נייע הייזער האָט מען ניט געבויט, ווייל בוי־מאַטעריאַל איז געווען זייער טייער.

סוף כל סוף האָט זיך אָפּגעזוכט אין דער כנרת׳ער קבוצה אַ צימער, אין שכנות מיטן פערד־שטאַל. די פענסטער פונם צימער זיינען אַרויס אַנטקעגן גורן און דורכפאָר־וועג, און מיר האָבן זיך דאָרטן אָנגעגעסן צוזאַמט מיט שטויב און שטאַל־לופט. אַ צווייטן צימער, אַ קלענערן, האָבן מיר געדונגען אונטן, אויפן ברעג פון ים כנרת. דעם גרויסן צימער אונזערן האָבן מיר צעטיילט מיט אַ פאָרהאַנג אויף צוויייען. איין טייל האָבן מיר געמאַכט פאַר אַן עס־צימער און אַרבעטס־צימער. דאָ האָבן מיר געהאַלטן אויך דעם גרויסן קאַסטן מיט וועיץ, וואָס די קבוצה האָט אַיינגעהאַנדעלט דורכן „משביר". און אויף יענעם זייט פאָרהאַנג זיינען עס געשטאַנען די פערצן אָריגינעלע בעטלאַך: יעדע בעטל איז באַשטאַנען פון דריי גאַזע־קעסטלאַך באַדעקט מיט ברעטער און מיט אַ ראָגזשע. די בעטן זיינען געשטאַנען אַזוי נאָענט איינע צו דער אַנדערער אַז מיר האָבן זיך אַלעמאָל אָנגעשטויסן מיט די עלנבויגנס. נעבן גרויסן צימער האָט זיך געפונען אַ קליין קאַמערל, ניט קיין געטינקעוועטע, אָן פענסטער און אָן אַ פאָדלאָגע. מיר האָבן עס ריין געמאַכט, אַריינגעשטעלט אַ פּליטע — און ס׳איז געוואָרן אַ קיך.

און אַז מען האָט שוין אָנגעהויבן צו באַאַרבעטן דעם גאָרטן, האָט עס געהייסן, אַז די קבוצה עקזיסטירט. אונזער וַעַד האָט יעדן אָוונט איינגעטיילט די אַרבעט, געפירט די חשבונות און האָט באַזאָרגט אַלע איבעריקע אָנגעלעגנהייטן פון דער קבוצה.

אַ טייל פון די חבר׳טעס האָט זיך געמוזט פאַרנעמען מיט שווע־רער און אָפטמאָל זייער ניט אַנגענעמער אַרבעט, אַנדערע ווידער פלעגן קענען אָפטמאָל טאָן עפּעס גרינגערס, דאָס ליבסטע איז פאָרט געווען צו אַרבעטן אין אונזער אייגענעם גאָרטן. אָבער דער גאָרטן איז געווען קליין און נאָר אַ פאָר גליקלאַכע חבר׳טעס האָבן זוכה געווען אים צו באַאַרבעטן.

און זאָל אויך דאָס פאַרצייכנט ווערן: די חבר׳טעס וואָס זיינען אייגנטלאַך פריער געווען גאָר פרעמד איינע דער צווייטער, האָבן פונדעסטוועגן אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקן אַחריות־געפיל און האָבן שטרענג געפאָלגט זייער וַעַד אַפילו דאַן ווען זיי האָבן ניט מסכים געווען מיט זיינע פאַראָרדנונגען און האָבן פּראָטעסטירט קעגן זיי אויף די אַסיפות פון דער קבוצה. די

בעזעלשאַפטלאַכע דיסציפּלין האָט ביי אונז געהערשט ניט מיט געוואַלד נאָר
אַדאַנק דעם געזונטן פאַראַנטוואָרטלאַכקייטס־געפיל.

ערשט נאָך דער מלחמה איז אַנטשטאַנען אין ארץ־ישראל דער קיבוץ,
וואָס נעמט אַריין מענטשן, וועלכע זיינען אָפּט פרעמד איינער דעם צווייטן;
פריער אָבער האָבן עקזיסטירט נאָר די קליינע קבוצות וועלכע פלעגן
אַריינגעמען נייע חברים זייער פאָרזיכטיג און נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת.
דעריבער איז טאַקע אונזער פרייע צופעליגע קבוצה געווען דאַן אַ אייגנ־
אַרטיגע ערשיינונג, און דוקא זי האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר שיינעם
חבר׳שן צוזאַמענלעבן.

דער עסן אונזערער איז געווען אַן אָרעמער ווייל מיר האָבן באַשטימט
אַ געוויסע סומע אויף דער הוצאָה און מער האָבן מיר ניט געטאָרט אויס־
געבן. ווערן בעלי־חובות האָבן מיר אויף קיין פאַל ניט געוואָלט. און אַז
ס׳איז געקומען דער כנרת׳ער זומער ווי אַ צוגאָב צו דער שווערער אַרבעט —
האָט מען אָנגעהויבן שטאַרק פיבערן. די געזונטע פלעגן זיך בייטן ביי
אַלע אַרבעטן, דערהויפּט ביי דער שווערער אַרבעט; און די שוואַכע, וואָס
האָבן ניט געקענט אַרבעטן מיט אַלעמען צוגלייך — זיי פלעגן מיר צוזען
און היילן מיט דער קליינער הילף פון קופּת־חולים.

אין די ווינטערדיגע אָוונטן פלעגן מיר אָפּעסן ביים ליכט פון אַ
קנויטל, איינגעטונקט אין בוימל; נאָכדעם פלעגן מיר אויף צוויי שעה
אָנצינדן אונזער איינציגן נאַפט־לאָמפּ און ביי זיין העלן שיין צוגרייטן
לעקציעס. אין דעם הויף אונזערן האָבן דאַן געלעבט דריי גרופּעס: די
כנרת׳ער קבוצה, די לערן־פערמע פון חנה מייזל און מיר. אונזער
הויף איז געווען אַ מיטל־פּונקט פון גייסטיגן לעבן. אינדערוואָכן זיינען
געווען וויסנשאַפטלאַכע קורסן און אַ קורס פאַר שפּראַך, און שבת האָט
מען געלערנט תנ״ך, ס׳האָט געזונגען אַ שיינער אַרבעטער־כאָר און מען
האָט געפירט אינטערעסאַנטע חבר׳שע שמועסן אַרום דעם טיש פון דער
כנרת׳ער קבוצה. און אומעטום האָבן אָנטייל גענומען אונזערע חבר׳טעס.
אונזער איינגער פריילאַכער צימער האָט צו זיך צוגעצויגן אַלע שכנים פון
אַרום. אָבער נעענטער פאַר אַלעמען זיינען אונז געווען די „זומפּ־אַרבעטער״ —
די וואָס האָבן געטריקנט די ירדנ׳ער בלאָטעס. זיי האָבן אין אונז געפילט
זייער־גלייכן. פריער זיינען מיר אַלע געווען אַרבעטסלאָזע, און איצטער
האָבן זיי זיך געפרייט און געגרויסט מיט אונזער געראָטענער קבוצה.

אַרבעט האָט אונז ניט געפעלט. מיר פלעגן נעמען אַלץ וואָס האָט

זיך געמאַכט. מיר האָבן נאָר געדאגה׳ט ווי אַזוי אויסצוצאָלן וואָס גיכער די הלוָאה, וואָס מען האָט אונז געגעבן. דער גאָרטן האָט זיך איינגעגעבן און קונים האָבן נישט געפעלט. און אַז ס׳פלעגט איבערבלייבן גרינס, פלעגן מיר דינגען צוויי אייזעלאַך, אָנלאָדן אויף זיי דאָס ביסל גרינס, און פלעגן אַרויף אויפן באַרג, קיין פּוריָה. דאָרטן פלעגן מיר פאַרקויפן אונזער גוטס צו די עטלאַכע אַמעריקאַנער פאַמיליעס, צו די פּרויען פון די אָנגע־שטעלטע און צו די פערמע־אַרבעטער. באַפרידיגטע און פריילאַכע פלעגן מיר זיך איילן צוריק „אַהיים" אין כנרת, צו אונזער ליבן ווינקל ביים שטאָל. אַדאַנק די זייטיגע פאַרדינסטן און דער גערעטעניש אויף גרינס — האָבן מיר אויסגעצאָלט כמעט דעם גאַנצן חוב. און אויב מיר זיינען נאָך עפּעס געבליבן שולדיג, איז עס נאָר צוליב דעם אומבאַרחמנות׳דיגן עושר (צענטל־שטייער) וואָס די רעגירונג האָט אויף אונז אַרויפגעלייגט.

אין אונזער קבוצה איז ניט געווען קיין מוז צו פאַרבלייבן דווקא אַ גאַנצן יאָר. פלעגט נאָר אַ חבר׳טע געפינען אַרבעט ערגעץ אַנדערש וואו, פלעגט זי מעגן באַלד אַוועקגיין, און אויף איר פּלאַץ פלעגט קומען אַן אַנדערע. אַזוי האָט די קאָמונע פון אַרבעטסלאָזע פאַרענדיגט איר יאָר אין כנרת. די מייסטע חבר׳טעס האָבן געפונען אַ שטענדיגע אַרבעט, און איך מיט נאָך פינפן זיינען אַריבער אין מְרחביָה און האָבן דאָרטן געגרינדעט אַ נייע אַרבעטאָרינס־קבוצה, שוין ניט פון אַרבעטסלאָזע.

דגניה א׳ יָעל גאָרדאָן

אין גירוש

צוויי ביינאַכט. אין אַרבעטער־קלוב אין פּתח־תקוה איז אַן אַסיפה. מען וועקט אונז אַלעמען — די חברים פון דער קבוצה „אַחוָה" — צו גיין אין קלוב. מען וועט ריידן וועגן די אַרויסגעטריבענע וואָס זיינען ערשט אָנגעקומען קיין פּתח־תקוה. חאַסאַן בעק, דער טערקישער קאָמענדאַנט, האָט זיי פאַרטריבן פון יפו און פון תל־אביב כּדי צו דערווייטערן אידן פונם פראָנט (ערב פסח תרע״ז — 1917).

חברים פון אַלע עקן לאַנד האָבן זיך דאַן אויסבאַהאַלטן אין אונזער קבוצה פון דער טערקישער רעגירונג און פון אירע אָבלאַוועס אויף די „פאַראַרן". אין גאַנצן הויז איז ניט געווען קיין איין רואיג ווינקל און איך

בין געווען זייער מיד פון טומל און פון שווערער אַרבעט. און די שרעק־לאַכע סצענעס פונם גירוש האָבן מיך אינגאַנצן צובראָכן. פונדעסטוועגן בין איך אויפגעשטאַנען און אַוועק צוזאַמען מיט די חברים צו דער אַסיפה. ס'האָבן זיך צונויפגעקליבן אַ סך אַרבעטער. ברענער איז אויך געקומען. מען האָט גערעדט וועגן דער שווערער לאַגע פונם גאַנצן אידישן יִשוב, און דער עִיקר — וועגן די מוראדיגע ליידן פון די פּאַרטריבענע וואָס די אַכזריות'זדיגע האַנט האָט אַרויסגעריסן פון זייער היים און פאַרוואָגלט זיי אין דער פרעמד, הונגעריגע און נאַקעטע.

אויף דער אַסיפה האָט מען באַשלאָסן, אַז מיר, אַרבעטער, טאָרן זיך ניט באַגנוגענען דערמיט, וואָס מיר וועלן העלפן די עמיגראַנטן כָּל זְמַן זיי האַלטן זיך אויף אין פתח־תקוה; מיר מוזן זיי באַגלייטן ביז זיי וועלן זיך ערגעץ וואו דערשלאָגן צו אַ ברעג.

דערווײַלע איז די לאַגע פונם ישוב ערגער געוואָרן פון טאָג צו טאָג. די ליידן זיינען געוואָרן שווערער, די אַרעסטן האָבן זיך פאַרמערט. מ'האָט אַרעסטירט די אָנפירנדע חברים פון די פּוֹעֲלֵי־צִיוֹן און אַ סך פון די „שומרים". די רעגירונג האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע וואָס באַהאַלטן זיך אויס פון מיליטער זאָלן זיך מעלדן. טאָמער ניט, וועלן קומען די גרעסטע רעפּרעסיעס. עטלאַכע פתח־תקוה'ער אַרבעטער — עסטרייכישע בירגער — האָבן דענסטמאָל אַיינגעשמועסט זיך אליין און זייערע חברים, אַז די טערקן וועלן קיין עסטרייכער ניט טשעפּען, ווייל עסטרייך איז דאָך עפּעס זייערע אַ ברודער־מְלוּכה; זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען און האָבן זיך אַליין איבערגעגעבן דער רעגירונג אין די הענט כּדי דורך דעם אויסצולייזן די איבעריגע חברים פון חשד. דריי פון זיי זיינען געשטאָרבן אין דער דַמֶשק'ער תְּפִיסָה. נאָך דער מִלחמה, אַז ס'איז אויסגעוואַקסן אַ נייער אַרבעטער ישוב נעבן פתח־תקוה, האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן גִבְעַת־הַשְלֹשָה — „דער באַרג פון די דריי", — אויפן נאָמען פון די דריי גאַליצישע חברים וואָס זיינען געפאַלן אַ קָרבן פאַרן כּלל...

אין פתח־תקוה זיינען טאָג־טעגלאַך צוגעקומען נייע פאַרטריבענע. די גאַסן זיינען פול געווען מיט די אומגליקלאַכע און צווישן זיי איז אַרומגע־גאַנגען אַן אַלטער סְפרדישער איד און האָט מיט אַ הייזעריגן, פאַרטרויערטן קול אויסגערופן: „ס'איז אַ גְזֵרָה פון גאָט, מען מוז פאָלגן דעם מַלְכוּת! אין מֶשך פון פיר און צוואַנציק שעה זאָלט איר אַוועקגיין קיין גליל! און ווער עס וועט ניט פאָלגן וועט באַשטראָפט ווערן!" (אַזאַ מִנְהָג איז עס געווען אין טערקיי אַז אַן „אויסרופער" פלעגט אָנזאָגן דעם פאָלק די נייע באַפעלן און געזעצן).

אויף יענער ביינאַכטיגער אַסיפה אינם אַרבעטער־קלוב אין פתח־תקוה, האָב איך בײַ זיך באַשלאָסן אַוועקצוגיין אינאיינעם מיט די עמיגראַנטן קיין גליל און דאָרטן אויפן אָרט אַרבעטן צווישן זייערע יונגע מיידלאַך, אויף וועלכע די געפאַר האָט געלויערט פון אַלע זייטן.

איך האָב דענסטמאָל געהאַט אויף זיך שווערע און פאַראַנטוואָרטלאַכע אַרבעטן אין דער פּועלי־ציון פּאַרטיי, און אָפּט, ניט וויסנדיק אַפילו ווי געפערלאַך מיין שליחות איז, פלעג איך פאַרבינדן איין פּונקט מיטן צווייטן און איבערגעבן די נויטיגע ידיעות פון חבר צו חבר. נאָר ווי נויטיק ס׳איז ניט געווען מיין אַרבעט אין יהודה, האָט זי מיך פונדעסטוועגן ניט געקענט אָפּהאַלטן פון פאָרן קיין גליל.

דער שטראָם פון די יהודה׳ער עמיגראַנטן האָט זיך געצויגן קיין טבֿריה. אין די גליל׳ער קאָלאָניעס זיינען געבליבן נאר ווייניגע.

ביי די עמיגראַנטן אין טבריה איז דער הונגער געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. אַנשטעקיגע קראַנקייטן האָבן חרוב געמאַכט גאַנצע פאַמיליעס. ס׳איז באַשאַפן געוואָרן אַ הילפס־קאָמיטעט. זיין פאָרזיצנדער איז געווען מ. דיזנגאָף, שפּעטער דער מער פון תל־אָביב. דיזנגאָף איז אַוועקגעפאָרן קיין דמשק כּדי פון דאָרטן אויפהאַלטן די פאַרבינדונגען צווישן דעם ישוב און דער איבעריגער אידישער וועלט. קיין דמשק איז אָנגעקומען דאָס געלט, וואָס אידן האָבן געשיקט פאַר ארץ־ישראל. דער פאַרשטאַרבענער יוסף בוסעל איז אַריין אין הילפס־קאָמיטעט אַלס פאָרשטייער פון דער אַרבעטערשאַפט, און פונם ערשטן מאָמענט אָן איז אויף אים געפאַלן דער גאַנצער שווערער יאָך פון איינאָרדנען עמיגראַנטן אויף אַ נייעם פּלאַץ.

ס׳איז שלעכט געווען אַלע פאַרטריבענע, אָבער צען מאָל ערגער איז געווען די מיידלאַך. זיי האָבן געמוזט הונגערן, ליידיג גיין, לעבן אָן אַ טעם און אָן אַן אינהאַלט. אין טבריה האָבן זיך אויפגעהאַלטן אַ סך מיליטער, מייסטנס דייטשן, וועלכע האָבן דאַן געהערשט איבער ארץ־ישראל. געלט און לעבנסמיטל האָט ביי זיי ניט געפעלט און זנות האָט פאַרפלייצט די הונגעריגע שטאָט. ס׳זיינען פאָרגעקומען מוֹרא׳דיגע סצענעס אפילו אין די פרומסטע פאַמיליעס. די גרעסטע צאָל קרבנות האָט געבראַכט די ספרדישע קהלה.

קומענדיג קיין טבֿריה און דערזעענדיג אַלץ מיט אייגענע אויגן — האָב איך באַשלאָסן גלייך אָרגאַניזירן אַן אַרבעטאָרינס־קבוצה פון יונגע עמיגראַנטקעס. איך האָב אויסגעאַרבעט דעם פּלאַן, פעסטגעשטעלט דעם ביודזשעט און בין געקומען מיט אַ פאַרטיגן פאָרשלאַג צו יוסף און חיותה

בוסעל.ביידע זיינען זיי מיר געקומען צו הילף. צו מיר זיינען צוגעשטאַנען נאָך צוויי געניטע חבר׳טעס: רחל ראָזנפעלד און נחמה זיצער. בוסעל האָט פאַר אונז געקראָגן אַ הלוָאה פון הונדערט פראַנק אויף צו באַצאָלן פאַכט־געלט פאַרן באָדן און אויף צו אַקערן דעם גאָרטן.

דער קלאַנג וועגן דער קבוצה האָט זיך גיך פאַרשפרייט און צענדליגער יונגע מיידלאַך פון די אַרויסגעטריבענע פאַמיליעס האָבן געוואָלט אין איר אַריינטרעטן. נאָר די צאָל פלעצער איז געווען באַגרעניצט און די רשימה איז גלייך פאַרפולט געוואָרן.

בוסעל האָט געפּועל׳ט ביים וַעד, אַז אָנשטאָט „אַ ראָטל מעל אַ וואָך אויף אַ מענטשן", וואָס דער קאָמיטעט פלעגט טיילן אין שטאָט, — זאָל מען די חבר׳טעס פון דער קבוצה געבן אַ הלואה אויף דריי חדשים, מיטן תּנאַי אַז זיי זאָלן אויסצאָלן דעם חוֹב נאָכדעם ווי דער גאָרטן וועט אָנהויבן אַריינטראָגן.

מען האָט זיך געשטעלט אַקערן דעם באָדן. אָבער וואו קריגט מען זריעה?

אין אַ גוס־רעגן האָב איך זיך צופוס אַראָפּגעלאָזט פון טבריה קיין כּנֶרת. אין גָליל האָט מען געוואוסט אַז איך בין צווישן די „גליקלאַכע" וואָס זיינען געבליבן אין „ענגלאַנד". אַזוי האָט מען זיך דענסטמאָל געוויצלט אין גָליל, ווייל די ענגלענדער האָבן איינגענומען יהודה שוין אין סוף 1917 בעת גליל איז נאָך געבליבן ביי די טערקן מיט די דייטשן ביז סוף 1918. חברים און סתּם באַקאַנטע האָבן מיך באַגעגנט אין כּנרת און זיך געחידוש׳ט: ניט שוין זשע האָב איך פאַרלאָזן אַלע גליקן פון יהודה און בין געקומען אַהער קיין גליל, אין די רעכטע צָרוֹת און נויט?

אין כּנרת בין איך אַוועק צו מאיר רוטבערג, וועלכער איז געווען דער איניציאַטאָר און דער ערשטער אַרבעטער אין דעם נייעם קאָנסום־קאָאָפּע־ראַטיוו פון דער הסתּדרות, וואָס מען האָט אַ נאָמען געגעבן „המַשבּיר".

איך האָב אים פאַרגעלייגט, אַז דער „המשביר" זאָל באָרגן די דריי חבר׳טעס פון דער הסתּדרות, וואָס אַרבעטן מיט די עמיגראַנטקעס, זריעה פאַרן גאָרטן און ווייץ אויף ברויט. דאָס מיליטער וואָס האָט זיך געפונען אין לאַנד האָט פאַרברויכט פיל גרינס, דער מאַרק איז געווען אַ געזיכער־טער, און ס׳איז קלאָר געווען, אַז בעת אונזערע גרינס וועט צייטיג ווערן, וועלן מיר קענען אויסצאָלן דעם „המַשביר" זיין הַלְוָאה בכָבוֹד.

צוריק קיין טבֶריה בין איך געקומען מיט זריעה און ווייץ; און מיט גרויס חֵשֶק האָבן מיר זיך גענומען צו דער אַרבעט. מען האָט געזעצט

קרויט, געזייט ציבעלעס, קאַרטאָפּל און אוגערקעס. אַלץ האָט זיך צוגענומען, אַלץ איז שיין אויפגעגאַנגען.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז אונזער קבוצה געוואָרן דאָס קולטור־ווינקל פון גאַנץ טבריה. די לערער־עמיגראַנטן האָבן געהאַלטן רעפעראַטן אין אונזער קבוצה, און די טבריה׳ער אידן האָבן געקראָגן גרויס דֶרֶך־אֶרֶץ פאַר אונזערע מיידלאַך, וואָס פלעגן אינדערפרי און אין אָוונט דורכגיין די טבריה׳ער גאַסן מיט די פּיאָשן אויפ׳ן אַקסל.

די הַלוואה וואָס יעדערע פון אונז האָט באַקומען – פון הילפס־קאָמיטעט און פון דעם „המשביר״ – האָט אָבער ניט געקלעקט ביז מען וועט אָנהויבן לייזן פאַר גרינס. און דַוקא אַז ס׳איז געקומען די שווערע אַרבעט – דאָס פּעשירן – איז די נויט אין דער קבוצה געוואָרן זייער גרויס. צווישן די חבר׳טעס זיינען נאָך געווען אַזעלכע וואָס האָבן געמוזט טיילן דעם ביסן מיט זייער פאַמיליע. און ניט איינמאָל האָב איך געזען בשעת׳ן פּעשירן, ווי אַ חבר׳טע איז אַרויס פון דער שורה, האָט אַרויסגעריסן אַ ביסל גראָז פון פעלד און געשטילט דעם הונגער. ס׳איז אוממעגלאַך געווען אַריבערצוטראָגן די צָרות!

דאָס גרינס האָט אָנגעהויבן צייטיק ווערן און מען האָט געמוזט ביי־נאַכט היטן דעם גאָרטן פון גַנָבים. ס׳איז געבליבן ביי אונז מיר זאָלן היטן אַליין. אויף מיר איז אויסגעפאַלן דער גורל צו זיין די ערשטע וועכטערין.

דאָס איז געווען שבת־צו־נאַכט. איך האָב אַרומגערינגלט דעם גאַנצן גאָרטן און האָב שוין געהאַלטן ביים סוף. ערשט כ׳האָב זיך אָנגעשטויסן אויף עפּעס אַ שוואַרצן סלופּ: אַן אַראַבער, איינגעוויקלט אין אַ שוואַרצער „אַבאַיע״ האָט זיך אויפגעהויבן פון די שורות מיט ציבעלעס. איך האָב אַזוי ווילד אַ געשריי געטאָן, אַז אויף מיר אַליין איז אָנגעפאַלן אַן אֵימה.

דער גאָרטן איז געווען אויסן שטאָט, און קיינער איז מיר ניט געקומען צו הילף. איך האָב אָפּגעוועכטעוועט אַליין ביז אינדערפרי. אויף מאָרגן האָבן מיר באַשלאָסן אָנהויבן צו וועכטעווען זאַלבעצווייט. מער פאַר אַלץ האָבן מיר געציטערט פאַר די ציבעלעס, וואָס זיינען געווען זייער געראָטן. אַז מיר האָבן אָנגעהויבן לייזן געלט פאַר גרינס, איז דאָס לעבן אין דער קבוצה געוואָרן אַ ביסל גרינגער. און אַז ס׳איז געקומען די צייט צו היטן די קאַרטאָפּל, האָבן מיר שוין געדונגען אַ שומר. אין עטלאַכע נעכט אַרום האָבן מיר אים אָבער געמוזט מְשַלֵחַ זיין, ווייל די גַנָבים האָבן געגַנב׳עט מיט אים ווי אָן אים, און ביי אונז איז געבליבן אַז מיר וועלן שוין בעסער וועכטעווען אַליין.

כ׳געדענק אַ פרייטאָג־צו־נאַכטס. איך מיט נאָך צוויי חבר׳טעס זיינען אַרויס אויף דער וואַך. מיר האָבן אויסגעשפּרייט אַ ראָגזשע אין מיטן גאָרטן, אַנידערגעזעצט זיך און שטיל געשמועסט. פון צייט צו צייט פלעגן מיר אויפשטיין און אַרומרינגלען דעם גאָרטן. די ערשטע האַלבע נאַכט איז אַדורך בשלום. אָבער נאָך האַלבע נאַכט האָט זיך אָנגעהויבן הערן אַ געררודער: גאַנצע מַחנוֹת טערקישע סאָלדאַטן זיינען געגאַנגען איבערן וועג וואָס נעבן אונזער גאָרטן.

ס׳איז געווען עֶרֶב פסח. ווי ס׳ווייזט אויס האָט מען אויפן פראָנט געמאַכט הֲכָנוֹת צו אַ נייעם אָנפאַל. איך האָב מיר תֵּכֶף פאָרגעשטעלט, ווי דאָס הונגעריגע טערקישע מיליטער רייסט זיך עס אַריין אין גאָרטן, זוכן עפּעס עסן און... געפינט אונז. איך האָב געהייטן די חבר׳טעס זיצן שטיל, כּדי די סאָלדאַטן זאָלן ניט דערפילן, אַז מיר זיינען דאָ. איך האָב ניט געוואָלט אַרויסווייזן מיין שרעק, אָבער דאָס האַרץ האָט מיר געציטערט. יעדן מאָמענט האָב איך געוואַרט אַז דאָס מיליטער וועט זיך צו אונז אַריינרייסן.

ערשט באַגינען, ווען די אַראַבישע וועכטער אין די שכנישע גערטענער האָבן אָנגעהויבן צו פאַרלאָזן די וואַך, האָבן מיר זיך אויפגעהויבן און זיינען אַוועק אַהיים, מידע און צובראָכענע.

ס׳איז געקומען די צייט פון פּדיון. גרויסע מיליטער־אויטאָמאָבילן האָבן אָנגעהויבן צו אונז פאַרפאָרן טאָג־טעגלאַך נאָך גרינס. אין גאָרטן איז געווען אַ מַזל־בְּרָכָה, די פּרייזן זיינען געווען פעסטע, און מיר האָבן שיין געלייזט. דענסטמאָל האָבן מיר באַשלאָסן אָנהייבן אויסצוצאָלן די הלואה דעם הילפס־קאָמיטעט אין טבריה.

יענער טאָג איז ביי אונז געווען אַ יום־טוב, אַ טאָג פון נִצָּחוֹן! אַלע חבר׳טעס האָבן זיך צונויפגעקליבן אין קליינעם צימערל, אין אַ טיי־פּושקעלע האָבן מיר אַריינגעלייגט דאָס געלט — אונזער ערשטע צאָלונג — און האָבן געוואָרפן גורל צווישן זיך, ווער זאָל גיין אַוועקטראָגן דאָס געלט אין קאָמיטעט אַריין. דער גורל איז געפאַלן אויף דער חבר׳טע חסידה. זי האָט אָנגעטאָן איר שבת׳דיק קלייד און איז טאַנצנדיג אַרויס פון שטוב.

מיר האָבן אויסגעצאָלט אַלע אונזערע חובות און נאָך פאַרדינט געלט; יעדע חבר׳טע האָט באַקומען הוֹסָפה — אַ פראַנק אויף אַן אַרבעטס־טאָג. און אַפילו דעם שומר, וואָס האָט ביי אונז געוועכטעוועט עטלאַכע נעכט, האָבן מיר אַוועקגעשיקט די הוספה וואָס איז אויסגעקומען אויף זיין חֵלֶק.

חנה משיזשיק

חבורת־הצפון אין תל־אביב.

אין די טעג פון חאַסאַן־בעק*)

ס׳איז געווען אין מיטן חֶשוָן, אין יאָר תּרע״ח (1917) אין כִּנֶרֶת. די טעג זיינען נאָך געשטאַנען הייסע און די נעכט באַצויבערנדע, כנרת׳ער האַרבסט־נעכט. אַלע מאָל פלעגן אָנקומען נייע ידיעות וועגן די צָרוֹת וואָס די טערקן טוען אָן אין ירושלים, אין יהודה און שומרון. פאַרפאָלגונגען אויף די „פאַראַרס״ זיינען געווען אין טערקיי אַ געוויינלעכע זאַך. אונזערע בחורים זיינען אַוועק אַרבעטן „סוכרע״ ביים טערקישן מיליטער — פירן וועגענער מיט מַשָׂא פון באֵר שֶבַע ביז מטולה. אָנהויב חֶשוָן האָט זיך פאַרשפרייט אַ קלאַנג, אַז די טערקן זוכן געווער, אַז זיי דערנענטערן זיך צום גליל, אַז זיי זיינען שוין געווען און האָבן געזוכט אין מֶרחַביה, אין תֵּל־עָדָש. דערהויפּט זוכן זיי די חברים פונם „הַשוֹמֵר״. וועגן דער שפּיאָנאַזש־מַעשה און וועגן דעם, אַז מ׳האָט געבראַכט ענגליש געווער האָב איך נאָך גאָרנישט געוואוסט.

זומער צייט פלעגן זיין אָפטע אָנפאַלן. מיר, מיידלאַך, האָבן גע־נעכטיגט אויפן דאַך און פלעגן זיך אָפט אויפכאַפּן אין מיטן נאַכט הערנדיג שיסערייען. די בחורים פלעגן דאַן אויף שָעה׳ן לאַנג אַוועק אין די בערג פאַרטרייבן די אָנפאַלער.

די טערקן זיינען געקומען אויך צו אונז, קיין כנרת — מ׳האָט זיי גערופן „די קאָמיסיע״. געקומען זיינען זיי אינדערפרי. איך געדענק דעם ערשטן קלאַנג — מ׳האָט אַרויסגערופן אַלע מענער אויף אַ פאַרהער אין דער קאָ־לאָניע. קראַנקע האָבן אויך געמוזט גיין. מ׳האָט געמיינט — זיי וועלן קומען צוריק, אָבער ס׳איז אַוועק אַ צייט, און זיי זיינען ניטאָ. האָט מען אָנגע־הויבן הערן, אַז מען שלאָגט זיי אַכזריות׳דיג און אַז מען שמייסט מיטן קאַנטשיק די מיידלאַך וואָס טראָגן עסן צו די אַרעסטירטע. די אַרעסטירטע זיינען געזעסן אַלע צונויפגעקאָרטשעט אויפן בריק. כ׳האָב דערזען צווישן זיי אויך יוסף באַראַץ — דעם איינציגן אַרעסטירטן פון דגַניה.

*) חאַסאַן בעק, אַן אַראַבער פון אַלעפּאָ, מיליטער דאָקטאָר ביי די טערקן, האָט אָנגעפירט מיט דער מיליטערישער קאָמיסיע וואָס האָט זיך ספּעציעל געשאַפן אויסצופאָרשן דעם שפּיאָנאַזש לטובת ענגלאַנד וואָס האָט זיך דעמאָלט אַנטדעקט צווישן אידן. די אויספאָרשונג האָט זיך געפירט מיט שרעקלאכן ווילקיר אין זִכרוֹן־יעקב, תּל־עדש, כנרת א. א. דער גאַנצער אידישער ישוב אין גליל אָאָט פאַר האסאן־בעק געציטערט אֵימַת מָוֶת. מיטן אָקופּירן סיריען האָבן אים די ענגלענדער אַרעסטירט און פאַרשיקט קיין מִצְרַיִם, וואו ער איז דערנאָך געשטאָרבן. (רעד.)

יעדעס מאָל ווען כ׳פלעג פאַרבייגיין, פלעגן די וועכטער טשעפּען זיך און באַליידיגן. אָבער איך האָב זיך באהערשט און האָב זיי אין געזיכט ניט געשפּייט. כ׳האָב געוואוסט אַז אין זייערע הענט ליגט דער גורל פון אַלע אונזערע מענטשן. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן מיר זיך ווי צוגעוואוינט צו דער לאַגע. ווען אומקערן זיך צו די נאַרמאַלע צייטן האָט מען גאָרניט געקענט טראַכטן. די מיידלאַך האָבן איבערגענומען די זאָרג פאַר דער ווירט־שאַפט, האָבן געאַרבעט אין שפּייכלער, ביי די בהמות, האָבן געענטפערט די סאָלדאַטן וואָס האָבן פאַרלאַנגט עסן און האָבער. איך געדענק איין מאָמענט, אין די ערשטע טעג: כ׳האָב גערייניגט דעם שטאַל, הינטערן פענ־סטער האָט מ. געפּאַשעט די בהמות אויפן פעלד. מ׳האָט אים נאָך ניט געהאַט אַרעסטירט. כדי ניט אַרויסצורופן קיין חשד האָט ער אָן ווערטער צו מיר בלויז אַ וואונק געטאָן. איז געווען אינם וואונק אַזוי פיל כוח, האָפנונג און מוט...

די טערקישע באַאַמטע האָבן געשלאָגן אונזערע בחורים און האָבן געסטראַשעט אַז זיי וועלן אויפאַקערן די גאַנצע ערד און וועלן געפינען דאָס געווער. און באמת האָבן זיי גאָרנישט ניט געטאָן. אפילו קיין פּאַטרול האָבן זיי ניט געשטעלט אינם הויף פון דער קבוצה.

נאָר איינמאָל, אין דער צווייטער נאַכט, אַרום צוועלף אַ זייגער, האָבן מיר דערהערט ווי ס׳קלאַפּן רעדער פון אַ וואָגן הינטער די פענסטער פון אונזער צימער. דער שרעק איז געווען מורא׳דיג. ס׳איז דאָך קיין איין מאַנסבל ניט געווען אין הויף, אַלץ פרויען און קינדער. באַלד איז אָבער ווידער שטיל געוואָרן. האָט מען שוין גאָר פרי אין אָוונט געמוזט אָנהויבן אַרבעטן.

די בחורים האָבן מיר איבערגעגעבן די פּרטים, וואו דאָס געווער ליגט, און שער*) האָט מיר נאָך ערקלערט דעם חילוק צווישן טער־קישע און ענגלישע ביקסן. כ׳האָב פאַרשטאַנען פון זיינע רייד, אַז קודם כל מוז מען זען פּטור ווערן פון דער ענגלישער סחורה, הגם כ׳האָב נאָך אַלץ ניט געוואוסט, פאַרוואָס זיינען די ענגלישע געפערלאַכער. איך האָב עטלאַכע מאָל דורכגעזוכט דעם בוידעם פון שטאַל ביז כ׳האָב ענדלאַך געפונען הינטער אַ גרויסן באַרג פון היי גאַנצע פּעקלאַך מיט ענגלישע ביקסן, דזשיפּטן און פולע זעקלאַך מיט קוילן. ביינאַכט, ווי ס׳איז נאָר אַריבער דער שרעק פונם וואָגן, האָבן מיר אָנגעהויבן אַרבעטן. צוויי זעקלאַך קוילן האָבן

*) אהרן שער, אַ חבר פון כּנֶרֶת׳ער קבוצה, געפאַלן אין תּל־חי.

מיר באַהאַלטן אין די קלאָזעט־קאַסטנס. דאָס איז געווען דער איינ־ציגער אָרט, וואו מיר זיינען זיכער געווען, אַז מען וועט ניט זוכן. אַז כ׳האָב אַראָפּגעלאָזן די זעקלאַך, האָבן די מיידלאַך וואָס האָבן געהאַלטן וואַך, ווידער דערהערט אַ סקריפּ פון אַ וואָגן הינטערן פענסטער, אָבער ס׳האָט באַלד אויפגעהערט. מען האָט געמוזט אַרבעטן ווייטער. ס׳איז געבליבן, אַז די ביקסן וועלן מיר אַריינוואַרפן אין יַם כִּנֶרֶת. ביים שיין פון דער לְבָנָה האָבן מיר, דריי מיידלאַך, אָנגעלאָדן די ביקסן אויף די פּלייצעס און אַרויס מיט די טרעפּ צום ים כנרת. מיר זיינען געגאַנגען מיטן ברעג, ביז אַן אָרט וואו דאָס וואַסער איז טיף, דאָרט האָבן מיר אַראָפּגעלאָזן די ביקסן און אַוועק צוריק אָנלאָדן נייע. אַזוי זיינען מיר געגאַנגען הין און צוריק עטלאַכע מאָל. איינע פון אונז איז געווען אַ מאַמע פון אַ קליין קינד. ווי גליקלאַך זיינען מיר געווען, ווען די זאַך איז געלונגען! אַרום האָט מען קיין לעבעדיגן נֶפֶש ניט געזען. די טערקישע זעלנער זיינען אַזוי ווי אין דר׳ערד אַריין. און אַ נייע פרישקייט איז געווען אין דער לופט, אין יַם און אין האַרצן ביי אונז. אויף מאָרגן אינדערפרי האָט מען מיך גערופן צו די אַרעסטירטע. שער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ קראַנקן, און אויפהויבנדיג זיך פון געלעגער האָט ער זיך כּלוֹמֶרשט געוואַקלט פון שוואַכקייט. כ׳האָב זיך דערשראָקן. האָט מען מיר געזאָגט, אַז דאָס מאַכט ער זיך נאָר אַזוי, כּדי איך זאָל אים דערלאַנגען צו טרינקען. אַז כ׳האָב אים דערלאַנגט, האָט ער מיר שטיל געזאָגט אַז דריי דזשיפּטן און דריי זעקלאַך קוילן דאַרפן הייַנט אין אָוונט זיין נעבן טייטלבוים, צופוס פונם קעראַק־באַרג. איך האָב ניט געוואוסט צוליב וואָס, אָבער איך האָב געפילט אַז איך מוז עס טאָן. מיט שווערער מי האָב איך איינגערעדט די צווייטע חבר׳טע זי זאָל מיר העלפן. איך געדענק מיט וואָס פאַר אַ כּוֹח איך האָב איר ערקלערט, אַז אָן דעם ווענדט זיך דאָס לעבן פון אַלע אונזערע בחורים און אונזער לעבן אויך, ביז זי האָט מַסכּים געווען. ציטערנדיג אֵימת־מָוֶת – האָט זי מַסכּים געווען. ווי איך וואָלט איר פאַרהיפּנאָטיזירט מיט מיין ריידן. מיר האָבן זיך איינגעוויקלט אין פאַטשיילעס, באַהאַלטן הינטער זיי די ביקסן און אַוועק כּלוֹמרשט זוכן אַ שוואַרצע בְּהֵמה, וואָס האָט ערגעץ פאַרבלאָנדזשעט. גייענדיג האָבן מיר די גאַנצע צייט געשריען: „שחוֹרָה!", „שחוֹרָה!" („שוואַרצע!" „שוואַרצע!") און האָבן זיך דורכגערעדט צווישן אונז, וואָס די בהמה ענטפערט ניט. אַזוי זיינען מיר געגאַנגען אַ פּאָר מאָל, ביז אַלע דריי ביקסן און זעקלאַך קוילן זיינען געווען הינטערן טייטלבוים נעבן קעראַק. באַגעגנט האָבן מיר קיינעם ניט. קומענדיג

אַ היים האָב איך זיך אַריינגעוואָרפן אין בעט און אַ קראַמף האָט מיך אַרומגענומען. ביז אינדערפרי האָב איך אָפּגעציטערט. ס'איז געווען אַ פיבער וואָס איז געקומען פון נערוון־ערשיטערונג.

יענע טעג האָב איך גאָרנישט געקענט עסן. איך פלעג צוגיין צום טיש, נעמען אַ ביטערע מאַסלינע אין מויל, פלעגט זי מיר בלייבן שטעקן אין האַלז. די מיידלאַך האָבן דאַן זייער שווער געאַרבעט. דער יאָך פון דער גאַנצער ווירטשאַפט איז געלעגן אויף זיי. איך האָב זיי גאָרניט געהאָלפן. אֶפשר האָב איך ניט געקענט, און אפשר האָט מען מיך מיט אַ כיוון באַזייטיגט פון דער אַרבעט, ווייל כ'בין געווען נויטיג אַנדערש־וואו. ביי אָט די אַלע „אַרבעטן" האָב איך קיינמאָל ניט געוואוסט, ניט די סִבּוֹת און ניט דעם ציל. מ'האָט מיר נאָר געזאָגט אַז מ'דאַרף עס מאַכן, האָב איך ניט גערוט ביז כ'האָב עס געמאַכט.

אויף מאָרגן, נאָך „יענער נאַכט" האָט מען מיר דערציילט, אַז שער, אַ. ז. און פּ. האָבן זיך בשעת די פאַליקעס „מוֹדה" געווען אַז זיי דריי זיינען עס די פאַסטוכער פון כּנרת, און זיי האָבן באַהאַלטן דאָס געווער הינטערן טייטלבוים צופוסן פונם קעראַק. זיי האָבן געגלויבט אַז דורך דעם וואָס זיי וועלן עס נעמען אויף זיך, וועלן זיי ראַטעווען די קאָלאָניע. ווי מיר דוכט זיך, האָב איך געזען דורכן פענסטער ווי אַ קאָנוואָי האָט זיי אַלעמען דריי געפירט מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, מיט די געפונענע ביקסן אויפן אַקסל.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען באַפרייט בן־ציון'ען. דענסטמאָל האָט זיך ווי אומגעקערט צו אונז דער ערשטער שטראַל פון האָפנונג. אין יענער נאַכט האָבן מיר — צוזאַמען מיט בן־ציון'ען און מיכאֵלי (אַ ליבער יינגל, וואָס איז שפּעטער פאַרוואונדעט געוואָרן אין גליל־העליון און געשטאָרבן אין שרעקלאַכע יסורים אינם טבֶריה'ר שפּיטאָל) — אַרויסגעטראָגן דאָט גאַנצע געווער. חֶברה האָט עס באַהאַלטן אין דעם וואַדי, וואָס שניידט דורך אונזער פעלד. איך און בן־ציון זיינען יענע נאַכט געווען משונה'דיג פריילאַך, ווי מענטשן וואָס האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט פון טויט און לויפן ראַטעווען זייערע חברים.

אין עטלאַכע טעג אַרום האָט מען די איבעריגע בחורים אַוועקגעפירט קיין טבריה, אין געפענגעניש. איך בין נאָכגעפאָרן נאָך זיי, האָב געוואוינט אין אַן אַכסניה און האָב זיי יעדן טאָג געטראָגן עסן. דאָס האַרץ האָט דענסטמאָל געציטערט די גאַנצע צייט, טאָמער גיט מען זיי דאָס עסן ניט אָפּ, טאָמער האָט מען וועמען אַוועקגעפירט אַנדערש־וואו, טאָמער האָט מען איינעם געהאַנגען. דער עִיקר האָט מען מוֹרא געהאַט פאַרן לעבן פון די דריי: שער,

אַ. ז. און פ. קיין שום ידיעה האָט מען פון זיי ניט געהאַט. אַמאָל נאָר פלעג איך זען דורכן צוים אַ שאָטן פון אַ באַקאַנט געזיכט.

איך האָב געפּרובט טרעפן זיך מיט די פרויען פון די אַרעסטירטע קאָלאָניסטן וואָס ריידן פראַנצויזיש, — טאָמער וועלן זיי מיר העלפן, אָבער ס'איז געווען אומזיסט. יענע שווערע טעג האָבן טאַקע דערנענטערט נאָענטע, אָבער ווייטע האָבן זיי נאָך מער דערווייטערט.

איינמאָל, אַז איך האָב זיך אומגעקערט אין מיין אַכסניה, וואַרטנדיק אויף דער שלעכטער בשורה אַז מען שיקט אונזערע מענטשן קיין נַצֶרֶת — האָבן מיר די בעלי־הבתּים אָנגעזאָגט, אַז ס'זיינען דאָ געווען שער און א. ז. און זיינען שוין אָפּגעפאָרן קיין כנרת. אין אַ שעה אַרום איז מען געקומען פון כנרת נעמען מיך אַ היים. די שׂמחה איז געווען גרויס, ווייל מיר האָבן זיך גאָרניט געריכט צו זען זיך מיט זיי נאָך אַ מאָל. אויף מאָרגן האָב איך זיך אומגעקערט קיין טבֶריה. ערשט אַז מען האָט אַלע אַרעסטירטע אָפּגעפירט קיין נצרת, בין איך געקומען אַהיים, קיין כנרת.

הֶרצליה — פרידא

אַ מְעֵת־לְעֵת

נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט אין קיך, אַ מידע, און אַ הונגעריגע דערצו, האָב איך זיך געלייגט שלאָפן. מיין „צימער" איז אין אַ קליין הייזל אויפן ברעג פון ים כּנֶרֶת. דאָס גאַנצע הויז איז בסך הכּל אַן עס־צימער, אַ קיך און אַ קליין צימערל — אַ שפּייכלער פאַר עסנוואַרג.

אָט אין דעם שפּייכלער האָב איך פאַרכאַפּט אַ העלפט און „איינגע־אָרדנט" מיין שלאָף צימער: צוויי ברעטער אויסגעלייגט אויף פיר נאַפט־בלעכן. איך קען אָבער אַ צייט לאַנג ניט איינשלאָפן. די מייז לאָזן ניט צורו. זיי שפּרינגען, זיי קוויטשען און רייסן זיך אַרום איינע מיט די אַנדערע אין די ליידיגע בלעך פון אַרבעס און לינדזן.

איך ליג און טראַכט: וואָס וועט זיין מאָרגן? ס'איז אין שטוב ניטאָ מער ווי אַ לעק אויפן דעק. וואָס קאָכט מען? מען קען נאָך אפשר צונויפשאַרן אַ גלאָז, אָנדערטהאַלבן לינדזן. גוט, לאָמיר זאָגן, איך האָב

שוין אַ זופּ פּאָר צוואַנציק מענטשן. נו, און אויף אַ צווייטן געריכט? זיי קומען דאָך פון דער אַרבעט טויט הונגעריגע. היינט וואָס גיט מען צו טיי? צוקער האָבן מיר שוין לאַנג פאַרגעסן ווי ער זעט אויס. פון ראָזינקעס איז קיין זכר ניט געבליבן, דער יקרות איז גרויס און קיין געלט איז ניטאָ. שוין צייט איינשלאָפן... איך דעק זיך איבער מיטן ליילאַך איבערן קאָפּ, אַ מורא, אַז די מייז זאָלן זיך ניט נעמען רייצן מיט מיינע צוויי לאַנגע צעפּ. כ'האָב פעסט באַשלאָסן: איינשלאָפן.

פלוצלינג, מען קלאַפּט אין פענסטער.

— ווער איז דאָרט? — פרעג איך פון שלאָף.

— איך בין עס!

איך דערקען חבר א.׳ס שטימע.

— וואָס איז געשען? — פרעג איך — איך שלאָף דאָך שוין.

— מאַך אויף דעם פענסטער און נעם צו!

קוים וואָס איך הויב אויף דעם קאָפּ צום פענסטער און דערזע: אַ ביקס, אַ גאַרטל קוילן און אַ קליין זעקעלע צעשאָטענע קוילן.

— וואָס זאָל איך מיט דעם טאָן?

— נעם אַריין און באַהאַלט אין אַ זיכערן אָרט.

איך עפן די פענסטער און טו וואָס מען הייסט.

ער גיט נאָך צו:

— ווער ווייס וואָס מאָרגן וועט מיט אונז אַלעמען זיין. אָקאָרשט אָפּגעהאַלטן אַ פאַרזאַמלונג. עס טאָגט שוין באַלד. באַשלאָסן — קיין וואָרט ניט אַרויסריידן.

— גוט — זאָג איך — טאָ שווייג. שלום!—און איך פאַרשליס דעם פענסטער.

אויפן האַרצן איז אומרואיג. איין געדאַנק יאָגט דעם צווייטן. אַוודאי זיינען זיי געדעכט: מען דאַרף גאָרנישט דערציילן, אָבער ווי ס'שיינט, רוקט זיך שוין אָן אויף אונז די ריכטיגע צרה. וואָס קומט דאָ פאָר? איך הויב ניט אָן צו פאַרשטיין... עפּעס איז מיר לעצטנס ניט גלאַטיג דאָס האַלטן און באַנעמען זיך פון די חברים און זייער גאַנצער אַרט אַרבעט. מילא, אַ סוד, זאָל זיין אַ סוד. איך דעק זיך נאָך אַמאָל איבער מיטן ליילאַך און פרוביר פאָרט איינשלאָפן. עס וואַרט דאָך מאָרגן אויף מיר ווידער אַ טאָג פון שווערער אַרבעט, און אָן פראָדוקטן דערצו. שלאָפן, שלאָפן...

איך דרעמל איין. מען קלאַפּט ווייטער אין פענסטער:

— נחמה, דו שלאָפסט נאָך? נחמה?

— שטיי אויף! מען האָט אַרעסטירט די פּאָסטוכער — זי רופט אָן מיינע צוויי חברים מיט די נעמען — און אויך אַלע קאָלאָניסטן. אַלעמען האָט מען אַרעסטירט...

איך עפן ווידער אויף די פענסטער, כאַפּ אַ קוק אין דרויסן — ס׳איז שוין באַגינען. די זון צעשטראַלט זיך איבערן ים כנרת. פּונקט ווי נעכטן, אייערנעכטן. דאָס בילד שטייט נאָך מיר פאַר די אויגן. אָבער אָסור אויב איך פאַרשטיי, וואָס עס וויל פון מיר די ספרד׳קע.

— אַלע זיינען אַרעסטירט! — שרייט זי אויס. איך גיב אַ קוק, — פון אַלע זייטן פּאָליציי. האַרט ביי מיין טיר שטייט אויך אַ פּאָליציי־מאַן. ס׳איז שוין מיר אַלץ קלאָר געוואָרן מיט איין מאָל. איך רוף זיך אָן מיט „כּעַס״ צו דער ספרד׳קע:

— הער זיך איין, איך קען ניט ריידן קיין אַראַביש. זאָג אים, אַז דאָ שלאָפן מיידלאַך (בלְשון רַבים). זאָל ער זיך אָפּטראָגן פון דאַנען!

זי גיט אים איבער און ער רוקט זיך טאַקע אָפּ פון טיר און בלייבט שטיין נעבן הויז.

איך מאַך זיך שנעל פאַרטיג און פּאַק אַריין אין בעט דעם גאַנצן פאַרמעגן וואָס מען האָט מיר אָנפאַרטרויט ביינאַכט. אויסגעלייגט אַלץ, פּונקט ווי אַ מענטש וואָלט געשלאָפן אין בעט, און איבערגעדעקט מיטן ליילאַך. איך שאַר זיך אַרויס אין דרויסן אַ קוק טאָן, וואָס האָט דאָ פּאַסירט.

איך קום אַרויף אין קאָלאָניע. די מיידלאַך דרייען זיך אַרום פאַרטאָן אין דער אַרבעט און ריידן קיין וואָרט ניט. אויפן הויף אין קבוצה — בלויז מיידלאַך. די מענער האָט די פּאָליציי פאַרהאַלטן. איך באַגעגן צפּורה׳ן, דעם חבר א.׳ס אַ קרובה און זי שושקעט מיר פון דערווייטנס: — גיי ניט צו צו מיר. די פּאָליציי קוקט. דו ווייסט? — דערציילט זי מיר מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער און ציטערט — ביי חבר א. אין שטוב איז פול און פיל מיט „יענער״ סחורה. מען מוז תיכף אַלץ אויסראַמען, נאָך איידער מען וועט קומען זוכן. דו נעמסט עס אויף זיך?

מיר האָבן זיך פאַרשטאַנען אויפן וואונק, און זיינען זיך פאַנאַנדער־געגאַנגען. מיר האָבן געוואוסט אַז באַלד טרעפן מיר זיך ביי חבר א. און שטוב.

איך לאָז זיך אַראָפּ אונטן. אַרום הויז אַ פּאָליציי־קייט. איך קוק זיך ניט אום און גיי גלייך אַריין אין שטוב. דעם חבר א.׳ס עלטערן זיינען צעטרודערט ביז גאָר. איך באַרואיג זיי. זיי אַליין ווייסן ניט וואָס עס

געפינט זיך ביי זיי אין שטוב, אָבער זיי פילן שוין גאַנץ גוט, ווי עס רוקט זיך אָן דער אומגליק. אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז אַריין צפּורה. ס׳איז געוואָרן אַביסל גרינגער אויפן האַרצן.

מיר האָבן זיך באַלד גענומען צו דער אַרבעט, איינגעפּאַקט קערב מיט די טרֵיפה׳נע זאַכן — פון אויבן פאַרלייגט מיט ברויט און טאָמאַטן. איך בין אַרויס די ערשטע און געגעבן צו וויסן צפּורה׳ן, אַז איך גיי אַרבעטן צו חנה מייזל אין גאָרטן.

חנה מייזלס גאָרטן איז אַרומגעצוימט מיט שטעכיגע דראָט און געלער אַקאַציע. די אַקאַציע איז געווען געדיכט איבערגעפלאָכטן, אַזוי אַז עס איז אומ־מעגלאַך דורכצורייסן זיך צווישן די דערנער און פאַרקירצן דעם וועג. איך האָב געמוזט גיין אַרום און אַרום און אַריין דורכן טויער. איבערן גאַנצן גרינעם פעלד, וואָס איז געלעגן ווי צושניטן אין גלייכע קעסטעלאַך, האָט זיך אויסגעשאָטן אַ מַחנה מיידלאַך אין ווייסן.

אויך דאָ, אויפן פעלד — אַ פּאָליצייאישע קיים.

— חֲברה! חברה! — רוף איך אויפן קול — גייט עסן!...

חברה האָט זיך אַ לאָז געטאָן, מיך אַרומגערינגלט און איך האָב שנעל אויסגעליידיגט דעם קאָרב. איך האָב זיך כּלומרשט גענומען פאַר׳ן פּיאָש און באַלד אַוועק צוריק. אַזוי האָב איך דורכגעשמוגלט אַ קאָרב נאָך אַ קאָרב. ערשט בשעת איך בין אַרויס מיט דעם לעצטן קאָרב און אין שטוב איז שוין געווען „ריין״ האָב איך הינטער זיך דערהערט די גלעקלאַך פון אַ קאַרעט — די רעגירונגס קאָמיסיע איז עס אָנגעקומען זוכן געווער און איז צוגעפאָרן גלייך צום הויז פון דו׳ א.

ס׳איז טאַקע גוט. די שטוב איז ריין. אָבער דער לעצטער קאָרב איז נאָך ביי מיר אין האַנט! נעמען לויפן — וועט מען מיך גלייך אָפּשטעלן. גיין פּאַמעלאַך וועט מען מיך סוף כּל סוף אָניאָגן! איך לאָז אַרונטער דעם פּיאָש פון אַקסל, שטעל געוויינלאַכע טריט און זינג זיך צו: „עורו אַחִים, אַל תָּנוּמוּ, לַעֲבוֹדַתְכֶם עורו, קומו״ און אַזוי בין איך צוגעקומען צום פעלד, וואו אַלץ האָט מען שוין דערווייל געבראַכט אין אָרדנונג.

פאַר היינט גענוג.

ערשט מיט אַ מאָל גיט אין מיר אַ פלאַם אויף דער געדאַנק: איך דערמאָן זיך אָן דעם אוצר וואָס ליגט ביי מיר אין צימער.

דערווײַלע איז שוין מיטאָג צייט. איך האָב נאָך ניט פאַרזוכט וואָס אַ האָר איז ווערט און מיד, אויסגעמאַטערט בין איך. די קאָמיסיע איז ביי

חָבר אַ. אין שטוב, דאָס צווייטע הויז פון מיין צימער.

– יעדע מינוט איז טייער – זאָג איך זיך אַליין – לאָמיר אָקאָרשט אַריינכאַפּן זיך אין צימער און זען וואָס קען מען דאָ צוטראַכטן.

איך גיי און קלער בִשעַת מַעֲשֶׂה: פּאָליציי האָט אונז טאַקע אַרומגעכאַפּט אין אַ קייט און פאַרשלאָסן דעם וועג, ניט אַריין און ניט אַרויסצוגיין. ס׳איז אַן אמת, מיר זיינען ביי זיי אין די הענט, אָבער אין שֵׂכֶל וועלן מיר זיך נאָך פאַרמעסטן! קיין וואָרט וועלן זיי פון אונז ניט הערן און אונזערע פּאָזיציעס וועלן מיר דאָך אָפּהיטן!

אָבער ווי היט מען זיי אָפּ? די בחורים זיינען שוין אַרעסטירט. און וואָס קענען מיר מיידלאַך אַליין אויפטאָן? וואו נעמט מען כּוֹח?

איך גיי גלייך אין מיין צימער אַריין. די פּאָליציי־לַייט קוקן מיך אָן און זאָגן איינער צום צווייטן:

„הָדִי שאַטרה, כָּל יום בשתָריל!” (אַ מיידל אַ בְּרִיה, אַ גאַנצן טאָג אַרבעט זי!). איך שווייג. איך בין, הייסט עס, נאָך אויסער יעדן חשד.

איך נעם אַרויס אַ פּאָר טאָמאַטעס און אַ שטיקל ברויט צום עסן. פאַלט מיר פלוצלינג איין אַ געדאַנק: איך וועל צוגרייטן דעם אויוון, כּלוֹמֶרשט צו באַקן ברויט, דעם ביקס מיט דעם גאַנצן געפערלאַכן האָב און גוטס קען מען אַריינטאָן צווישן די שייטלאַך האָלץ און ווי נאָר די קאָמיסיע וועט זיך פאַרקערעווען צו מיר, וועל איך איינהייצן דעם אויוון.

געזאָגט און געטאָן.

די קוילן האָב איך אַריינגעלייגט אין עמער און אַוועק ברייננען וואַסער, דעם ברוינינג האָב איך אָנגעלאָדן מיט דריי קוילן, אָנגעטאָן אים אויף מיר און ביי זיך האָב איך אָפּגעמאַכט: איין קויל יענעם, וועלכער וועט מיך אָנרירן און צוויי פאַר מיר.

די קאָמיסיע האָט שוין פאַרלאָזן חבר א.ס שטוב און האָט גאָר צו מיר ניט אַריינגעקוקט. זי האָט זיך צוריקגעקערט קיין טבֶריה און דערביי געמאָלדן, אַז די נאַכט וועט קומען חאַסאַן בעק בכבודו וּבְעַצמוֹ, אָט יענער באַוואוסטער מערדער, וועלכער פלעגט זיך ניט פאַרלאָזן אויף די פּאָליציסטן און פלעגט אַליין, מיט די אייגענע הענט, פייניקן און שמייסן זיינע קָרבָּנוֹת.

איך האָב דערווייל געקענט אַפּאָר מינוט איבערכאַפּן דעם אָטעם. ווי אַ דערהַרג׳עטע האָב איך זיך צוגעזעצט אויפן שוועל. ס׳איז שוין נאָך אַלעמען... איך דערמאָן זיך אָבער גלייך, אַז א. ווייס נאָך ניט, אַז מען

האָט אויפגעראַמט זיין שטוב. מען דאַרף אים געבן צו וויסן, וועט ער ווערן רואיגער. איך קום אַרויף אין קאָלאָניע. די פּאָליציי האָט אַלע אַרעסטירטע פאַרשפּאַרט אין אַ קליין צימערל ביי אַ קאָלאָניסט.

איך גיי אַריין אין הויף, קלאַפּ אָן אין פענסטער און בעט מען זאָל צורופן דעם חבר א.

ער קומט צו.

— שָלום!

— שָלום! די שטוב איז ריין. די געסט האָבן גאָרניט געפונען. זיי זיינען שוין אַוועק — דערצייל איך אים קורץ און איך פרעג אים שוין הויך אויפן קול: — וואָס זאָל איך איצטער טאָן, יאַ כאַוואַדזשאַ (אויף אַראַביש: „הער״)?

— איצטער — ענטפערט ער מיר — קום נאָך אַ מאָל און ברענג מיר אַ קריגל וואַסער. מיר זיינען אַלע זייער דורשטיג. ברענג אָבער אַ גרויסן קרוג.

— גוט, איך פאַרשטיי, יאַ כאַוואַדזשאַ — האָב איך געענטפערט און בין אַוועק. איך בין אַריין צו אַ קאָלאָניסטקע און געליען אַ גרויסן קרוג, אָנגעפילט אים מיט וואַסער, מיטגענומען אַ גלאָז און אַריין אין תּפיסה־הויף. אינווייניג האָט די פּאָליציי ניט צוגעלאָזט. איך האָב אַ קלאַפּ געטאָן אין פענסטער און איבערגעגעבן דעם קרוג. אַריבער אַ פּאָר מינוט, חבר א. דערלאַנגט מיר צוריק דעם קרוג. ער איז היפּשלאַך שווער געוואָרן.

איך בין אַרויס אויפן פעלד און אויסגעליידיגט אים.

איך קער זיך אום צוריק זען וואָס הערט זיך ביי די אַרעסטירטע. בלייך ווי קאַלך רופט זיך אָפּ מיין חבר א. דורכן פענסטער: — פ. האָט באַקומען „פאַליקעס״ (מיט אַ שטעקן איבער די הוילע פּיאַטעס), מען האָט אים לאַנג געפּייניגט. שוין אַריבער אַ שעה זינט מען האָט אים געשלאָגן און ער קען נאָך אַ וואָרט ניט אויסריידן. ס׳איז שוין בעסער דער טויט. אָבער דו זיי שטאַרק. איצטער וועט מען זיך נעמען צו אייך. ווייזט וואָס איר קענט!

די בחורים האָבן באַשלאָסן: אויב זיי וועלן נאָר דערהערן אַ געשריי פון אַ מיידל וועלן זיי צעגעמען די תּפיסה און קומען אונז צו הילף, וואָס דאָס זאָל זיי ניט קאָסטן. עס איז שוין אָוונט. מיר אַלע — ווי איין אויפגע־שפּיצטער אויער. אָט, אָט פאָרן זיי שוין. דער מערדער קומט אָן און ווי איז דאַן צו אונז... קיין געווער וועט ער ניט געפינען. ניטאָ קיין געווער. זיין בלוט וועט עס אָבער ניט שטילן. פּונקט פאַרקערט. ערשט רעכט

איצטער וועט ער אויפקאָכן און זיך נעמען פּייניגן די קרבּנות — ער וועט שוין זיינס געפינען. אונז שטייט פּאָר אַ שרעקלאַכע נאַכט.

איז בײַ אונז געבליבן: צונויפנעמען אַלע פרויען אין איין אָרט, ביי חנה מייזל אויפן צווייטן שטאָק, און פאַרטיידיגן אונזער כּבֿוד. איך האָב זיך באַוואָפנט און ווי עס שיינט האָבן דאָס זעלבע געטאָן אַלע מיידלאַך, הגם קיינע האָט ניט איבערגערעדט מכּוח דעם אַ וואָרט.

חנה'ס הויז, הויך אויפגעהויבן איבער די שיינע בוימער־ און בלומען־טעראַסן האָט אַראָפּגעקוקט צום ים כּנרת צו. אונטן, אין ערשטן שטאָק, איז געווען דער גרויסער עס־צימער און די קיך, אויבן – דער שלאָף־צימער און אַ גרויסע ווערענדע צום ים, וואָס איז תּמיד באַגאָסן מיט לבֿנה־שיין, פון מולד אָן ביז צו דער לעצטער לבֿנה נאַכט. אין אַזאַ העלער נאַכט האָט מען מיך איינמאָל אַרויפגעבראַכט אויף אָט דער ווערענדע, בשעת איך בין געלעגן אין שטאַרקער היץ, אין מיין ערשטן פיבער. איצטער בין איך ווידער דאָ, איך מיט נאָך דריי חבֿר'טעס מיינע. אָרום איז העל. מיר ליגן און הערן זיך איין. ניין, קיינער איז נאָך ניט געקומען.

ביינאַכט. מיר בייטן זיך אויף דער וואַך און גייען אַלע מאָל אַראָפּ געוואָר ווערן, וואָס הערט זיך מיט די אַרעסטירטע. אונטערוועגס טרעפן מיר אָן נאָך חבֿר'טעס. יעדע גייט אין איר שליחות און ווייס איר אַרבעט און פּלאַץ. איינע פרעגט ניט דער צווייטער וואָס און ווען. אין יענער נאַכט האָט מען געשלאָגן און געפּייניגט עטלאַכע כּנרת'ער קאָלאָניסטן. מען האָט געפּאָדערס אַרויסגעבן ווער עס האָט געוווער. איך האָב געהערט די געוואַלדן. ווי שרעקלאַך זיי האָבן אָפּגעקלונגען אין דער נאַכט־שטילקייט!

איך גיי צו צו די אַרעסטירטע חבֿרים. אין צימער איז חושך. אַלע זיצן אויף דר'ערד: ס'איז איינג, ניטאָ קיין פּלאַץ אויף צו ליגן. מען זיצט און מען זינגט אַזוי שטיל און דורכגענומען דאָס ליד:

Бурны, как волны
все дни нашей жизни.
что день, то короче
к могиле наш путь. *)

מיין האַרץ איז מיר איינגעפאַלן. אין דער קאָלאָניע איז פינסטער. קיינער צינדט קיין פייער ניט אָן. מיר וואַרטן געשפּאַנט אויף דעם גרויסן

*) שטורמיש, ווי כוואַליעס, לויפן די טעג.
יעדן טאָג קירצער צום קבֿר דער וועג.

אומגליק. ס'איז שוין באַוואוסט, אַז די אַרעסטירטע פירט מען אָפּ אין דַמֶשֶק און דאָרט וועט מען זיי מִשפּט'ן.

אַ גאַנצע נאַכט האָבן די חבר'טעס געטאָן זייער אַרבעט, פול מיט אַחריות און געפאַר. אַרום אונז פּאָליציי און שפּיאָנען. דער צוֹרר אַליין האָט זיך ניט באַוויזן, אָבער די אַרעסטירטע האָט מען געשלאָגן כּסֵדֶר. איינער האָט טאַקע ניט געקענט מער אויסהאַלטן פון ווייטאָג און ניט ווילנדיג האָט זיך אים אַרויסגעכאַפּט, אַז די מיידלאַך ווייסן וואו דאָס געווער איז.

אויף מאָרגן האָט מען מיר און צפּורה'ן אָנגעזאָגט, מיר זאָלן זיך גלייך אָפּטראָגן. באַגינען האָבן מיר פאַרלאָזן כּנרת און אַרויף קיין פּוֹריה.

תל־אביב נחמה ויצער

מיט א. ד. גאָרדאָנען

עס איז געווען אין די טעג פון חאַסאַן בעק, אין כִּנֶרֶת. ביי אַ קאָלאָ־ניסט אין שטוב האָט מען צונויפגעטריבן אַלע „פּאָליטישע" אַרעסטירטע. דער צימער איז פול געפּאַקט. ס'איז ניטאָ קיין אָרט וואו אַ ריר צו טאָן מיט אַ האַנט. און אינם צווייטן צימער — שמייסט מען. פון צייט צו צייט ווערט אַ נייער „אַרעסטאַנט" אַריינגעפירט אין יענעם חדר. מ'האָט שוין געשלאָגן מ. ר. און א. ז. זיי האָבן באַקומען די „פּאַליקעס" און געשוויגן. איצט הערן זיך געשרייען הינטערן וואַנט. דאָס שלאָגט מען ח. מ... אַלע חברים שווייגן. מ'האַלט איין דעם אָטעם. אַלע פילן אַז אָט אָט — און אַלץ וועט ווערן אויס. איצט ווערט דער גורל פונם ישוב גע'חַתמ'עט. אַ שוואַרצער יֵאוּש אין אַלעמענס אויגן.

צווישן די אַרעסטאַנטן געפינט זיך אויך א. ד. גאָרדאָן. איז ער אַרעסטירט געוואָרן אָדער ער איז אַליין געקומען אַהער? אַפּנים אַז מ'וועט אים אויך באַלד נעמען אַהין. זיי קלייבן דאָך דַוקא אויס די עלטערע און די בכבוֹד'יגסטע.

פלוצלינג הויבט זיך דער „אַלטער" אויף, שטרעקט אויס די הענט ווי צום טאַנצן, גיט אַ קנאַק מיט די פינגער, הויבט אָן דורכצולייגן אַ וועג אין דער איינגשאַפּט, און ער צעזינגט זיך אויף אַ קוֹל:

„און אַז מען צאַפּט פון מיר דאָס בלוט אַרויס,
מען מוטשעט מיך פאַמיילאַך
לאַך איך מיר גוט פון מיינע שׂונאים אויס
און זינג מיר גאָר אַ פריילאַכס״...

ווי צוגעשמידט זיינען געוואָרן אַלע יונגע אויגן צום זינגענדיגן „אַלטן״. אַ שוידער איז אַדורך איבער אונז אַלעמען.

ח. כּ.

ירושלים

אַ וואָרט צו די לעגיאָנערן

(ביים שלוס פון דער געזעגנונגס־קאָנפערענץ, וואס די לאנדווירטשאפטלאכע ארבעטער ארגאניזאציע האט געמאכט פאר די ארץ־ישראל׳דיגע פרייוויליגע, איידער זיי זיינען אוועק אינם אידישן לעגיאן, תמוז 1918).

צוערשט איז די איינציגע זאַך, צוליב וועלכער איך האָב זיך ניט געקענט באַציען מיט אַכטונג צו דעם לעגיאָן, געווען די פראַגע פון מאָרד. איך האָב מיר אָבער געענטפערט — ווער קען עס דען באַווייזן אַז משה רבנו אָדער גאַריבאַלדי, וואָס האָבן פאַרגאָסן טייכן בלוט, זיינען געווען ווייניגער מאָראַליש ווי איינער וואָס איז אַ געגנער פון מלחמות? מיר דוכט זיך אַז די געגנערשאַפט צו מלחמה נעמט זיך פון קולטור, פון הומאַניטעט אָבער ניט דוקא פון מאָראַל. און איצט זע איך אַז די אֶמת׳ע זינד ליגט אין דעם פרעמדן גייסט וואָס איז אַריין געקומען צו אונז זייט ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די לעגיאָן־באַוועגונג.

אויף דער אַרבעטאָרינס־קאָנפערענץ האָט אַ חבר געזאָגט: „אונזערע קבָרים וועלן ווייזן דעם וועג צו אַרבעט און צום לעבן פאַר די וואָס וועלן קומען נאָך אונז״. און ס׳האָבן זיך געפונען אויף דער קאָנפערענץ חבר׳טעס וואָס האָבן אים געפּאַטשט בראַוואָ. אַזאַ באַציהונג צום טויט — ווי פאַר־דריסט עס, וואָס זי האָט זיך באַוויזן ביי אונז. דאָרטן, וואו מען פּאַטשט בראַוואָ צום טויט — הויבט זיך שטענדיג אָן דאָס מיאוסע אין לעבן.

און איך פרעג זיך אַליין — האָט דען איינמאָל אימיצער געהאַט די העָזה צו זאָגן אַן ארץ־ישראל׳דיגן אַרבעטער: „אַז דו וועסט גיין נאָכן אַקער, אָדער אַז דו וועסט בויינאַכט אַרויס אויף דער וואַך, זאָלסטו געדענקען — טאָמער

קומט איינער און פאַלט אויף דיר אָן און הרג׳עט דיר, וועט דיין נאָמען פאַראייביגט ווערן אינם ,יזכור׳, און דאָס יזכור־בוך וועט איבערגעזעצט ווערן אין אַלע לשונות און מ׳וועט אים לעזן אין יעדער אידישער שטוב״. פאַרוואָס זשע וואַגט מען עס איצטער צו זאָגן אַן אַרבעטער: „אויב מיר וועלן פאַלן אין מלחמה, וועט מען אויפשטעלן אַ מאַרמאָרנע מַצבה אויפן באַרג ציון און אויף איר וועלן אויף אייביג בלייבן אויסגעקריצט אונזערע נעמען״? פאַר וואָס פאַרשלינגט דער ארץ־ישראל׳דיגער אַרבעטער די דאָזיגע פרעמדע ווערטער, אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען זיינע אייגענע? איז עס דען ניט אַ נייע מין אַסימילאַציע? איך ווייס אַז אין דער גרויסער וועלט האָבן אַזעלכע ווערטער אַ שטאַרקע השפּעה. געגעראַלן באַנוצן זיך מיט זיי שטענדיג, אָבער וואָס פאַר אַ שייכות האָבן אַזעלכע דיבורים צו אונז?

מיר דוכט זיך אַז פאַרהערלאַכן דעם טויט קענען נאָר מענטשן, וואָס שיצן זייער לעבן מיט כָּל־המעגלאַכקייטן. אָבער מיר, וואָס מיר האָבן מַפקיר געווען אונזער לעבן...

אַזאַ באַציהונג צום טויט פּאַסט פאַר שטאָטישע מענטשן, וואָס זיינען ווייט פון נאַטור. אָבער צי דען קען אַ לאַנד־אַרבעטער שטיין און פּאַטשן בראַוואָ צוזעענדיג ווי אַ היישעריק קומט אָן און עסט אויף די תבואה וואָס ער האָט געזייט? און אַז מיר אַלע זיינען דאָ אויפגעהאָדעוועט געוואָרן צום לעבן און איצט גייען מיר אַנטקעגן טויט — ווי קען מען דאָ פּאַטשן בראַוואָ?

ווען האָבן מיר געמאַכט פּאַראַדע לְוַיות נאָך אונזערע טויטע? אַז דגניָה האָט געבראַכט איר געהרג׳עטן חבר צו קבורה *), האָט זי אַפילו די חברים פון כנרת ניט גערופן. און אויפן קבר פון יוסף זאַלצמאַן האָט א. ד. גאָרדאָן אָפּגעזאָגט דעם קַדיש, און מיר האָבן אומזיסט געוואַרט טאָמער וועט זיך געפינען איינער וואָס וועט זאָגן אַ וואָרט.

פאַרהערלאַכן דעם טויט איז אויך ניט קיין אידישע מִדָה. לויט דער ריינער, אידישער אויפפאַסונג, — לויט דער אויפפאַסונג פון אידישע ערד־אַרבעטער וואָס האָבן באַשאַפן דעם תנ״ך — איז דער טויט בלויז אַן אומגליק און מער גאָרנישט.

ס׳איז מיר איצט זייער שווער צו דערמאָנען דעם נאָמען פון זשאַבאָטינסקי׳ן. ער איז אונז טייער, ווייל אַזוי ווי מיר, האָט אויך ער זיך אַליין ניי־באַשאַפן. ער איז אונז נאָענט ווייל ער האָט פאַרלאָזן די פרעמדע ליטעראַטור, האָט זיך אויסגעלערנט העברעאיש און האָט די גלייכע באַציהונג צו פּאָעזיע ווי

*) משה באַרסקי.

מיר. אָבער ער איז אונז פרעמד צוליב זיין באַציהונג צו אַרבעט, צוליב זיין ניט פאַרשטיין דעם גרויסן פּאָזיטיוון ווערט וואָס ווערט באַשאַפן דורך אַרבעט.

און ס׳איז דעריבער שווער אויב אַזאַ ווי ער ברייינגט אַריין צו אונז אָט דעם פרעמדן גייסט. ס׳איז אפילו שווער צו ריידן וועגן דעם.

מיט עטלאַכע טעג צוריק איז אין יפו געווען אַ מיטינג. זשאַבאָטינסקי האָט דאָרטן אין זיין רעדע דערציילט, אַז בעת מ׳האָט אים אין מיליטער באַליידיגט אויף אַן אומגערעכטן אופן, האָט ער נאָר געענטפערט: Yes, Sir!. און אַז איך בין געגאַנגען פון מיטינג צוריק האָב איך אין גאַס געהערט ווי ייִנגלאַך האָבן מיט בלינדער התלהבות איבערגע׳חזר׳ט Yes, Sir!. כ׳האָב געפילט ווי די דאָזיגע ווערטער טריפן אַריין סם אין אונזער לעבן.

האָט מען דען אַזוי געדאַרפט ריידן צו אַ באַוואוסטזיניגן מענטשן איידער ער גייט אין לעגיאָן? האָט מען דען ניט געדאַרפט אים זאָגן פונקט פאַר־קערט: דו גייסט אין לעגיאָן צו טאָן זאַכן וואָס זיינען געגן דיין באַוואוסטזיין, וואָס וועלן דערנידעריגן דיין נשמה, און דו וועסט וויסן אַז דאָס איז אַ זינד, אָבער נעמען זאָלסטו עס אויף זיך, צוזאַמען מיט דער גאַנצער רייכקייט און מיט אַלע יסורים, וואָס עס וועט דיר ברייינגען.

Yes! איז פינסטערניש. און פון פינסטערניש קען קיין ליכט ניט אַרויסקומען.

און עס איז דאָך פאַראַן וואָס ס׳זאָל באַגייסטערן דעם אידישן אַרבעטער בעת ער גייט אין לעגיאָן:

מיר וועלן גיין עראָבערן מענשן, כדי ברייינגען זיי די באַפרייענדע אַרבעט, וואָס לערנט אונז פאַראַנטוואָרטונג, פליכט־באַוואוסטזיין און טאָ־לעראַנץ, וואָס ברייינגט דעם מענטשן תּופס צו זיין די געזעצן פון שׂכר און פון שטראָף, וואָס טראָגט אַריין דעם קלאָרן פאַרשטאַנד אָנשטאָט דעם בלינדן אינסטינקט.

און מיר וועלן גיין שאַפן די העברעאישע שפראַך, וואָס וועט זיך איינוואָרצלען אין די הערצער און אין די מיילער פון אונזער פאָלק, אַזוי ווי זי איז עס ווערט.

און מיר וועלן גיין שאַפן דאָס פאַראייניגטע ארץ־ישראל.

איר גייט איצט קיין גליל. ווייסט איר פון דער אידישער געשיכטע אַז דער גליל האָט נאָך ביז איצט ניט איינגענומען דעם ריכטיגן אָרט אינם לעבן פון אונזער פאָלק? אַז די נביאים זיינען געוועזן פון יהודה און פון שומרון, אַז אויך דאַן, ווען אידן זיינען געזעסן אין ארץ־ישראל, איז גליל

געוועז „גליל הגוים״ און אידן זיינען געוועז דארטן א מינדערהייט און האבן געליטן פון דער ניט אידישער מערהייט?

נאך איצט, גייענדיג ביי די ברעגן פון מגדל, שוועבן פאר אונזערע אויגן איבערן ים כנרת די שאטנס פון ישו און זיינע תלמידים, די אידישע פישער, וואס האבן געבראכט די עוואנגעליע פאר די פעלקער. פארן אידישן פאלק האט דער גליל זיין גאנץ ווארט נאך ניט געזאגט. ער האט עס ערשט אנגעהויבן צו זאגן.

כנרת — היים פון דער נשמה. אפט קענען מיר ניט ארויסריידן דיין נאמען ניט צוגעבנדיג טיף אין הארצן: „הייליגע כנרת״.

ווער האט עס אויסגעברייט די הייליקייט איבערן כנרת? אפשר דער ים און דער ירדן? אפשר דער „אלטער״ וואס האט דארטן געלעבט, אפשר דאס אידיש מיידל וואס האט זיך דארטן אוועקגעשטעלט צום ערשטן מאל אין א גארטן און האט אנגעהויבן פלאנצן און זייען? דער גליל שווייגט נאך. ער וועט נאך אבער אונז זאגן זיין ווארט.

ביי אונז ווערט איצט א נייע ארגאניזאציע געשאפן — די הסתדרות, וואס איז געקומען אויף דער וועלט צוזאמען מיטן אידישן לעגיאן. זי וועט קעמפן פאר ארבעט, פאר דער שפראך און פארן לאנד, — פאר דער ארבעט, וואס ערציט, פאר דער שפראך וואס פאראייניגט, פארן גליל פון דער צוקונפט.

ר. כ.

הינטערן פראנט

ס׳איז געוועז אינם שווערן יאר פון תל־חי, בשעת ס׳זיינען געפאלן יוסף טרומפעלדאר און זיינע חברים. מיין מזל איז עס געוועז אנצוהויבן ארבעטן דוקא אין דעם יאר, הגם ניט אינם רעכטן פייער — אינם אויבערשטן גליל — נאר הינטערן פראנט, אין דגניה.

דוכט זיך אז מען האט שוין פארגעסן וואס דגניה האט אויפגעטאן אין יענעם יאר. איך אבער וועל עס געדענקען כל זמן איך וועל לעבן. ס׳איז געוועז דענסטמאל אזא מין צייט, ווען א מענטש מוז לערנען צו ליידן און זיך מוסר־נפש זיין פארן כלל.

דגניה איז געוועז דער לעצטער אידישער ישוב אויפן מזרח־גרעניץ פונם לאנד, ניט ווייט האבן שוין געוואוינט די בעדואינער פון עבר־הירדן. און

א ווינקל אין הייַנטיגער דגניה

אויב ס׳האָט זיך זיי אַמאָל פּאַרגלוסט אָנצופּאַלן און ראַבעווען, האָבןביידע דגניה׳ס געמוזט זיין אויפן ערשטן פּייער. דגניה ב׳ איז נאָך דעמאָלט געווען אַ „הַכְשָׁרָה־קבוצה" — אַ קבוצה וואָס באַוואָרנט ערשט אַ נייעם אידישן באַזיץ און גרייט צו דעם באָדן פאַר אַ שטענדיקער פאָרם פון ווירטשאַפט. די חברים פון דגניה ב׳ האָבן נאָך געוואוינט אין אַ צונויפגעקלאַפּטן הילצערנעם באַראַק, וואָס האָט בשעת אַן איבערפאַל ניט געקענט האָבן קיין שום מַמָשות. הינטער דגניה ב׳ איז געשטאַנען דגניה א׳ מיט אירע צוויי גרויסע געמויערטע הייזער און מיט די שטיינערנע שטאַלן און שפּייכלערס,— דעריבער האָט דגניה א׳ געדינט ווי דער ערשטער אידישער פאָסטן אויפן מזרח־גרעניץ פון ארץ־ישראל. דערצו נאָך איז דגניה געווען חדשים־לאַנג דער דורכגאַנגס־פונקט פאַר די חברים וואָס זיינען געגאַנגען פון גאַנץ ארץ־ישראל צום אויבערשטן גליל כדי צו העלפן תל־חי און כפר־גלעדי.

דאָס לאַנד האָט ערשט פריי אויפגעאָטעמט נאָך די ליידן און נויט פון די מלחמה־יאָרן. די דגניה׳ער חברים האָבן געוואָלט מאַכן אַן עק צו אַלע צופעליגע אומאָרדנונגען אין דער קבוצה, וואָס האָבן געמוזט זיין אין דער צייט פון מלחמה, און אָנהויבן אַ נייעם ווירטשאַפטלאַכן און געזעלשאַפטלאַכן לעבן. לויטן נייעם פּלאַן האָבן אין דגניה געדאַרפט בלייבן ניט מער ווי עלף פאַמיליעס, אַן ערך ביז דרייסיק מענטשן. און די קבוצה האָט שוין אָנגעהויבן צופּאַסן איר לעבן צום נייעם פּלאַן. זיינען געקומען די תל־חי׳ער געשעענישן און האָבן אַלץ איבערגעקערט.

אַ סך פון אונזערע חברים זיינען אויך אַוועק קיין גליל; און אַז זיי פלעגן קומען אַהיים, פלעגן זיי אונז דערציילן וואָס פאַר אַ שווערע צייט עס לעבן איבער די קבוצות פון תל־חי און כפר גלעדי.

און דערווייל האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די ביידע דגניה׳ס וועט ניט אויסמיידן אַ בעדואינישער איבערפאַל. מיר האָבן געאַרבעט, האָבן געלעבט אויפן געוויינלאַכן שטייגער, ס׳האָט אונז אָבער געפעלט די אינערלאַכע רואיקייט. ביז אין איין שיינעם פרימאָרגן האָבן זיך אויפן האָריזאָנט באַוויזן שוואַרצע פּינטלאַך. דאָס זיינען געווען בעדואינישע רייטער, און ווי דאָס האַרץ האָט אונז געזאָגט, האָבן זיי זיך צוערשט אַ לאָז געטאָן אויפן הילצערנעם באַראַק פון דגניה ב׳. און הגם אַרום דעם באַראַק זיינען געווען צוגעגרייט שוץ־גראָבנס, פונדעסטוועגן האָבן די חברים ניט געטאָרט דאָרטן בלייבן, — זיי האָבן געמוזט ראַטעווען זיך קיין דגניה א׳. פון דערווייטנס

האָבן מיר געזען ווי די חברים ציגדן אַליין אונטער זייער באַראַק, איידער זיי פאַרלאָזן דעם פּלאַץ.

אין דגניה א׳ איז דער זיכערסטער פּונקט געווען אויפן צווייטן שטאָק פונעם גרויסן הויז. דאָרטן איז געווען דער מיטלפּונקט פון אונזער זעלבּ־שוץ, דאָרטן האָבן מיר געהאַלטן אונזערע קינדער און די קינדער פון דגניה ב׳. בייגאַכט האָט זיך קיינער ניט אויסגעטאָן. דאָס הויז, די קיך און דער שטאַל זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין סטראַטעגישע פּונקטן — יעדער פּונקט מיט זיין פאַראַנטוואָרטלאַכן חָבֵר.

איך מיט נאָך אַ חבר׳טע האָבן זיך געדאַרפט געפינען אינם צווייטן הויז, וואו ס׳איז געווען דער עס־צימער, די קיך און די בעקעריי. מיר האָבן ביי זיך געהאַט אַ קליין אַפּטייקל מיט די נויטיגסטע רפואות און האָבן געהאַלטן וואַך אין דער בעקעריי. אין אונזער בּנין איז דער וויכטיגסטער פּונקט געווען די קיך. דער עס־צימער האָט אַ סך פענסטער וואָס גייען אַרויס אין אַלע דריי זייטן, און אין אַן ערנסטן פאַל האָט נאָר די קיך געקאָנט דינען ווי אַ באַזיס פאַר דער זעלבשוץ.

איך געדענק ניט וויפיל נעכט מיר האָבן פאַרבראַכט אין דער בעקעריי, איך געדענק נאָר, אַז פון מוֹרָא־האָבן זיינען מיר געווען ווייט; אַז אין דער לופט איז בכלל ניט געווען קיין שום געפיל פון פּחַד. נאָר איין פרוי וואָס איז געקומען פון חוץ־לָאָרֶץ אַ קורצע צייט פאַר די געשעענישן, האָט פאַרלאָזן דגניה. ביי די אַלע איבעריגע פרויען איז גאָר אויפן זינען ניט אַרויפגעקומען דער רַעיוֹן אַוועקצופאָרן אָדער אַוועקצושיקן זייערע קליינע קינדער.

אַזוי האָבן מיר געלעבט אַ צייט. ביסלאַכווייס האָט אַלץ אַרום אונז אָנגעהויבן רואיגער ווערן. פּאָסטן פון אינדישע סאָלדאַטן זיינען צעשטעלט געוואָרן אין דער גאַנצער געגנט. מיר האָבן זיך דאָך עפּעס געפונען אונטער ענגלאַנד׳ס שוץ און האָבן געדאַרפט מער אָדער ווייניגער זיין זיכער מיטן לעבן!

בעת אין דגניה׳ער געגנט איז שוין שטיל געוואָרן האָט מען אין אויבערשטן גליל געהאַלטן נאָך גאָר פון פאָרנט. און דגניה איז געוואָרן אַ דורכגאַנג־סטאַנציע אויפן וועג צו תל־חי און כפר־גלעדי. פון צייט צו צייט פלעגט קומען קיין דגניה אַ גרופּע פון צענדליגער מענשן און פלעגט בלייבן ביי אונז, — ביז מען האָט זיי געקאָנט אויסריכטן אין וועג.

דענסטמאָל האָבן די חבר׳טעס געטראָגן אויף זיך גאָר ניט קיין גרינגן יאָך; מיר האָבן געדאַרפט קאָכן ניט וויסנדיג קיינמאָל וויפיל מענשן עס

וועלן זיך זעצן צום טיש; און אין דעם מוֹרא׳דיגן טומל וואָס עס האָבן אַריינגעבראַכט צענדליגער פרעמדע מענשן, האָבן מיר געדאַרפט אַרומגיין אַרום קראַנקע, וואַשן און נייען.

פון אָט די אַלע דורכגייער איז קיינער ניט געבליבן אין דגניה אָן עסן און אָן נאַכטלעגער. און קיינעם האָט ניט אויסגעפעלט די חבר׳שע זאָרג, אויב ער איז אונטערוועגס קראַנק געוואָרן.

נהלל יהודית בראָנטמאַן

אַ פאַרשטערטער יוֹם טוֹב

ס׳איז געווען אין אָנהויב פון דער דריטער עֲלִיָה. די אַרבעט אין אונזער ווירטשאַפט האָט געהאַלטן אין רעכטן ברען: מען האָט געריסן אַרבעס. יעדן טאָג פלעגט מען אַרויס צו דער אַרבעט באַגינען, האַלב פיר דעם זייגער, און עֶרֶב דעם טאָג פון ערשטן מאַי האָבן מיר זיך אויפגעהויבן ווען ס׳איז נאָך געווען פינסטער. די חברים וואָס האָבן געוואָלט „האַלטן דעם ערשטן מאַי״ האָבן באַשלאָסן צו אַרבעטן ביז זיבן אינדערפרי, און נאָך זיבן — יום־טוב.

ס׳האָט אַלץ געשוויגן אַרום, ווען אַ גרופּע מיידלאַך און בחורים זיינען אַרויס אויפן פעלד זינגענדיג דעם אינטערנאַציאָנאַל.

איך האָב דענסטמאָל ערשט אָנגעהויבן צו אַרבעטן און ס׳איז מיר שווער געווען צוגעוואוינען זיך צו די יַרְדֵנ׳ער היצן, צום חַמְסִין־ווינט, צו נייע מענטשן און צו אַ פרעמדער געגנט צווישן וויסטע בערג.

איך האָב באַשלאָסן מיט אַלע כוחות זען צופּאַסן זיך צום נייעם לעבן און אפילו אַראָפּשלינגען אויב חברים באַנעמען זיך אַמאָל ניט אַזוי ווי איך וואָלט וועלן. אָבער אַז איך האָב פאַרגעשלאָגן צו פייערן דעם ערשטן מאַי און לכבוד דעם טאָג צו מאַכן אַ זאַמלונג פאַר אַרבעטסלאָזע, און חֶברה האָט אַ לאַך געטאָן, — האָט עס מיר מוֹרא׳דיג באַליידיגט.

עֶרֶב יום־טוֹב האָב איך ניט געוואָלט אָפּשטיין פון אַנדערע ביי דער אַרבעט, הַגַם ערשט מיט אַ טאָג פריער האָב איך זיך אָפּגעבריט און די וואונד האָט מיר נאָך זייער וויי געטאָן. אַלע האָבן געאַרבעט אָנגעשטרענגט, איינגעבויגן אין דרייען, — ס׳האָט אונז עפּעס געטריבן. ביי יעדן ריר האָב איך געפילט די וואונד, און דאָך האָב איך געשוויגן.

איבער אונזערע קעפ האָט שוין געגליט די זון פון עֵמֶק הַיַרְדֵן. אימיצער האָט אויסגערופן, אַז ס'איז שוין זיבן דער זייגער און מען דאַרף ווארפן די אַרבעט. נאָר געציילטע חברים און חבר'טעס האָבן פאַרלאָזן דאָס פעלד. די איבעריגע האָבן אונז באַגלייט מיט אַ שמייכל.

מיר קומען אַהיים — ערשט דער יום־טוב איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ תַּעֲנִית. די קיך — פוסט און וויסט. דער חבר וואָס האָט געזאָלט צוגרייטן דאָס עסן, איז געווען גראָד אַ געגנער פון ערשטן מאַי, און איז אַוועק צו דער אַרבעט. די חברים זיינען געווען זיכער, אַז די חבר'טעס וואָס אַרבעטן אין קיך וועלן ניט וואַגן צו שטרייקן, אָבער אַז די „וואָכעדיגע" חברים זיינען געקומען אַהיים און האָבן דערזען דעם פוסטן אויוון — האָט זיך אין זיי אָנגעצונדן אַן אמת'ער כַּעַס.

און די „יום־טוב'דיגע" האָבן זיך דערוויילע צונויפגעקליבן אין אַ חושע, זיך צונויפגענומען אין אַ פריילאַכן ראָד און אַוועק טאַנצן אַ הָאָרֶא. אין האַרצן אָבער האָט געקאָכט.

דער אָוונט אין שטוב איז געווען אַ וויסטער, אַ פינסטערער. זיינען מיר אַוועק פון דער היים, האָבן זיך צעשאָטן אויפן ברעג פון דעם יַרדן און האָבן געפייערט פאַר זיך ביז שפעט אין דער נאַכט.

אויף מאָרגן זיינען מיר אויפגעשטאַנען פאַרפרי. ביי דער אַרבעט האָט זיך ווייטער אָנגעהויבן דאָס נעכטיגע חוזק־מאַכן; און מער פאַר אַלעמען איז מען דערגאַנגען די יאָרן די מיידלאַך.

און מיטאָג ווידער דאָס אייגענע. מיין חבר'טע, וואָס איז אויך געווען צווישן די שטרייקנדע, האָט גראָד דערלאַנגט צום טיש. איז איינער אויפ־געשפרונגען און האָט איר אויפגעוואָרפן אַז צוליב איר האָט מען נעכטן געמוזט הונגערן אַ גאַנצן טאָג. און דער גאַנצער טיש האָט זיינע טַעֲנוֹת אונטערגעכאַפּט.

אַ געפיל פון פאַרביטערטקייט, פון כַּעַס, פון ווייטאָג און פון בִּזָּיוֹן האָט מיר פאַרפלייצט דאָס גאַנצע האַרץ. כ'האָב ניט געוואוסט, וואָס איז מיט מיר. און אין דריי טעג אַרום האָבן מיר ביידע — איך מיט מיין חבר'טע — פאַרלאָזן די קבוצה ג. — מיין ערשטן פלאַץ אין ארץ ישראל.

עין־חרוד יוֹכֶבֶד בַּת־רָחֵל

אין דעם אַרבעטער־קלוב

דער ערשטער בְּרוּך־הַבָּא וואָס כ׳האָב געהאַט אין ארץ־ישׂראל, איז געווען אַ דריי חדשים׳דיגע אַבסאָלוטע אַרבעטסלאָזיקייט. נאָכדעם בין איך געוואָרן אַ קעכין אינם אַרבעטער־קלוב אין יפוֹ (תּל־אָביב האָט נאָך דענסטמאָל ניט עקזיסטירט). אין הויף פון קלוב האָט זיך געפונען משטיינסגעזאָגט אַ צימער, אַ האַלב־איינגעפאַלענע חורבה, און אין זכות פון דעם, וואָס איך בין געווען אַ מאַמע פון קינדער, האָט מען מיר אָפּגעגעבן אָט דעם צימער.

אין חוץ־לָאָרֶץ האָב איך געהערט צו אַ פּאַרטיי, וואָס האָט געקענט נאָר צוויי פעלקער: די אַרבעטער און זייערע אונטערדריקער. מיינע פּאַרטיי־חברים האָבן מיר צוגעשיקט קיין ארץ־ישׂראל ליטעראַטור אויפן אַדרעס וואָס איך האָב זיי אָנגעוויזן. ס׳איז געווען ברענער׳ס אַדרעס. אַז דאָס פּעקל פלעגט אָנקומען, פלעגט עס ברענער אַריינברענגען צו מיר ניט זאָגנדיג אַ וואָרט. און באַלד האָט זיך ביי מיר אָנגעקליבן אַ היפּשע צאָל אַנאַר־כיסטישע פּראָפּאַגאַנדע־העפטן: דער „אַלֶף־בֵּית פון אַנאַרכיזם״, „דער ליגן פון רעליגיאָן״ א. אַ. וו.

אָפּלעבנדיג עטלאַכע חדשים אין ארץ־ישׂראל האָב איך זיך געמוטשעט ערנסט פאַרטראַכטן וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע, און די האַנט האָט זיך ביי מיר ניט געהויבן צו פאַרשפּרייטן יענע פּאַרטיי־ליטעראַטור, וואָס איז מיר ביז איצטער געווען אַזוי טייער: „דאָ איז דערויף קיין אָרט ניט״... און דאָס האַרץ האָט זיך אונטערגעגעבן.

די פיין־פאַרפּאַקטע איינגעבונדענע העפטן זיינען געלעגן אויפן קאָרב און האָבן געוואַרט. די ליטעראַטור האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. כ׳האָב קיין מוט ניט געהאַט צו שרייבן די חברים זיי זאָלן אויפהערן שיקן, און אַחוץ דעם איז פּשוט קיין צייט ניט געווען צו שרייבן, ווייל כ׳בין ניט געוואוינט געווען צו דער שווערער קיך־אַרבעט און דערצו האָבן מיינע קינדער פיל געקרענקט.

אַמאָל איז ברענער געקומען פון קאָלאָניע צו אונז אין שטאָט און איז אַריין צו מיר. ס׳האָט אים זייער הַנָאה געטאָן וואָס איך פיל זיך גוט, ניט קוקנדיג אויפן שווערן לעבן. שפּעטער האָט ער אַ פרעג געטאָן, וואַרפנדיג אַ בליק אויף די פּעקלאַך:

— וואָס טוט איר מיט די ביכלאַך?

— דערווײַלע גאָרנישט.

— מ׳וועט אײַך ווײַטער שיקן?

— כ׳ווייס ניט: כ׳האָב נאָך אפילו ניט געשריבן אַז כ׳האָב די ערשטע ערהאַלטן.

— איר קלערט זיי צו פאַרשפּרייטן?

כ׳האָב ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן... ברענער האָט מיך פאַרשטאַנען און האָט זיך אָנגערופן מיט אַ שמייכל:

— טאָ שרײַבט, זיי זאָלן אײַך אויפהערן שיקן.

— און וואָס וועט זײַן מיט די? — האָב איך אים אַ פרעג געטאָן.

— די דאַרף מען לייענען — האָט ער זיך אָנגערופן מיטן פריערדיגן טאָן, האַלב לאַכנדיג.

— מען וועט דאָך מיך אַרויסטרײַבן דערפאַר פון ארץ־ישראל!

— נאַרעשקייטן...

ס׳איז געווען שפּעט אין אָוונט. נאָכדעם ווי ברענער איז אַוועק, האָב איך פאַנאַנדערגעבונדן עטלאַכע פּעקלאַך און צעלייגט די העפטן אויפן טיש אין לעזע־צימער פונם קלוב.

אויף מאָרגן האָט דער גאַנצער קלוב געקאָכט מיט די „אומגערופענע געסט״.

„אויפזוכן וואו דער חֶבְרָה׳מאַן באַהאַלט זיך, כאַפּן אים, אַרײַנלייגן אין אים וויפיל ער איז ווערט, און אַרויסטרײַבן אים פון ארץ־ישראל!״ — אַזוי האָבן געפּסקנ׳ט אַ סך פון אַנשֵי שלוֹמֵנוּ און דערווײַלע שטילינקערהייט געשטופּט די ביכלאַך אין די קעשענעס.

ברענער איז געזעסן ביים לאַנגן טיש און האָט שווייגנדיג געקוקט אויפן אַלטן האַלפּערן *), וואָס האָט געשריען פאַכנדיג מיט אַ העפט אין דער האַנט:

„נישקָשֶה, ער וועט נאָך אויך זײַן אונזערער! ער איז געקומען אַהער אַן אַנאַרכיסט, און ביי אונז וועט ער אַרײַן אין שפּאַן!״

תל־אביב — ד. א.

---

*) מיכאל האלפּערן — איינער פון די זעלטנסטע פּערזענלאכקייטן אין דער ארץ־ישראל׳דיגער ארבעטער־באוועגונג. געקומען אין לאנד אין 1886, האט אנטייל גענומען אין דער ערשטער ארבעטער־ארגאניזאציע „אגודת־הפּועלים״ וואס האט זיך דאן געגרינדעט אין ראשון־לציון. יארן לאנג געווען טעטיג אין דער פּועלי ציון באוועגונג. האט פופצן יאר געארבעט און געוועכטעוועט אין יהודה און אין גליל. געשטארבן אין יאר 1919. זיין קבר געפינט זיך אין באראכאוו וועלדל אין מַחֲנַיִם. (רעד.)

דער שטרייק אין עכּו

געווען זיינען מיר נייע חלוצות אין ארץ־ישראל. און איידער מיר האָבן נאָך באַוויזן אַרומקוקן זיך אינם ארץ־ישראל׳דיגן לעבן — האָבן מיר שוין געקראָגן אַרבעט אין דער אַלטער פעסטונגס־שטאָט עכּו.

ס׳איז אונז בייגעשטאַנען דער זכות, וואָס מיר זיינען געווען נייע אין לאַנד און האָבן נאָך ניט באַוויזן אַריינצוטרעטן אין דער הסתּדרות. איז עס געווען אַ גרויסע מעלה אין די אויגן פון די בעלי־בתּים פון דער שוועבל־פאַבריק „נור״ אין עכּו. וואָס האָבן געזוכט דוקא ניט אָרגאַניזירטע אַרבעטאָרינס.

די אַרבעטס־באַדינגונגען אויף דער פאַבריק זיינען געווען שוידערלאַכע; אַ סך אַרבעטאָרינס האָבן באַקומען פון פינף ביז צען פּיאַסטער אַ טאָג; דער סאַניטאַרער צושטאַנד איז געווען אַ מוֹרא׳דיג שלעכטער. קיין אידישער דאָקטאָר איז ניט געווען, און באַנוצן זיך מיט דער הילף פון קופּת־חולים האָט מען ניט געקענט, ווייל די בעלי־בתּים האָבן ניט אָנערקענט די קופּת־חולים. צווישן די אַראַבישע אַרבעטער זיינען געווען זעקס—אַכט־יאָריגע קינדער וואָס זיינען געשטאַנען דוקא ביי די מסוכּנ׳סטע שוועבל־אַרבעטן.

קיין געניטע חברים וואָס זאָלן אונז קענען ווייזן אַ וועג צו אָרגאַניזירן־זיך, זיינען צווישן אונז ניט געווען. פונם צענטער פון דער הסתדרות זיינען מיר געווען אָפּגעריסן; דערפאַר אָבער האָט אונז אַ אינ־ווייניגסטע נאָענטקייט פאַרבונדן איינער מיטן צווייטן און איין ציל האָט אונז באַלויכטן דעם וועג: אויפצובויען אין דער פאַרוואָרפענער שטאָט עכּו אַ נייעם אידישן ישוב, שאַפן דאָרטן פאַרן אַרבעטער אַ מענטשלאַכן לעבן און אַריינברייננגען אַ נייעם גייסט צווישן די אַראַבישע אַרבעטער פון דער פאַבריק. אין דער אַלטער ראָמאַנטישער פעסטונג האָט זיך דאַן פאַנאַנ־דערגעפלאַקערט אַ נייע מלחמה, — קייטן האָבן געקלונגען אויף געשמידטע הענט, און אַרבעטער־בלוט איז פאַרגאָסן געוואָרן.

אונזער שטרייק האָט אויסגעבראָכן דעם 16־טן פעבּרואַר 1927. די אַרבעטער האָבן פאַרלאַנגט: אויסצובעסערן די סאַניטאַרע לאַגע, אָנשטעלן ביי דער פאַבריק אַ אידישן דאָקטאָר, איינפירן אַ געוויסן לוין פאַר די קראַנקייטס־טעג, מוסיף זיין 50% אויפן לוין פאַר די וואָס באַקומען פון פינף ביז צען פּיאַסטער אַ טאָג און 25% — פאַר די וואָס באַקומען פון צען ביז צוואַנציק פּיאַסטער, און צונעמען די קינדער פון די געפערלאַכע אַרבעטן. ס׳האָבן

געשטרייקט זעכציק אידן און פערציק אַראַבער. דער שטרייק האָט געדויערט פיר חדשים מיט צוועלף טעג.

איין מאָמענט פונם דאָזיגן שטרייק וויל איך דאָ פאַרצייכענען.

ביי דער פאַבריק זיינען געשטאַנען אונזערע פּאָסטנס, וואָס האָבן ניט אַריינגעלאָזן קיין שטרייק־ברעכער. איינמאָל פרייטאָג, אַז דער לעצטער פּאָסטן האָט שוין געהאַלטן ביי פאַרלאָזן דעם פאַבריק־טויער, באַקומען מיר — אַ גרופּע חברים וואָס איז ניט לאַנג אַוועק פון דאָרטן — אַ פּלוצלינגע ידיעה, אַז מיר דאַרפן גלייך אומקערן זיך צו דער פאַבריק. מען איז שוין געוואוינט געווען ביי אונז צו אַזעלכע ידיעות און ניט טראַכטנדיג קיין סך, האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג. מיר האָבן באַשלאָסן צו לויפן מיט פאַרשידענע גאַסן, כּדי די שטאָטישע אַראַבער זאָלן ניט דערפילן אַז ס׳איז עפּעס אַ מהומה. מיר קומען אויפן פּלאַץ — ערשט ס׳איז אַן אֶמֶת׳ע שלאַכט: פּאָליציסטן אויף פערד און אַ גרויסער המון אַרום. אין איין מאָמענט האָבן מיר זיך אַלע צוזאַמענגענומען און זיך אויסגעשטעלט אין אַ „קייט". דער פאַבריק־אויפזעער האָט אַלץ אריינגעטענה׳ט מיט די אַראַבישע אַרבעטער, זיי זאָלן העלפן דער פּאָליציי. און די פּאָליציי האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט: דעם גאַנצן המון, אויסער די פאַבריק־אַרבעטער, האָט מען צעטריבן פון פּלאַץ; די אַרבעטער האָט מען איינגעשמידט אין קייטן און אַוועקגעפירט אין טורמע. אויפן פּלאַץ האָט מען איבערגעלאָזן נאָר די אַרבעטאָרינס אַליין און מען איז געשטאַנען און געוואַרט אויף דער „ישועה" — אויף די אירלענדישע פּאָליציי וואָס די בעלי־הבתּים האָבן אַרויסגערופן.

מיר זיינען געווען זייער מיד און האָבן זיך צעזעצט אויף דער ערד אָפּרוען. פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ גערויש פון אויטאָמאָבילן. אויף גיך זיינען מיר אויפגעשפּרונגען פון דער ערד. די אירלענדישע פּאָליציי־אָפיצירן זיינען צוגעגאַנגען צום בעל־הבית און געפרעגט, וואָס דאַרפן זיי דאָ טאָן? יענער האָט געענטפערט, אַז מיר זיינען אים שוין נמאס געוואָרן, און ער פאַרלאַנגט מען זאָל אונז פון דאַנען צונעמען.

ס׳האָט זיך דערהערט אַ פייף און די סאָלדאַטן האָבן זיך באַלד גענומען צו דער אַרבעט. זיי האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אונז, אַ שליידער געטאָן אונז צום באָדן און אָנגעהויבן שלאָגן אונז מַכּוֹת־רֶצַח. פון אונזער אַרבעטס־פּלאַץ איז געוואָרן אַ שלאַכט־פעלד, אויף דער ערד אַרום זיינען געווען סימָנים פון בלוט. און אַז זיי זיינען פאַרטיג געוואָרן, האָבן זיי

גענומען שטופן אונז אין די אויטאָמאָבילן. אויפן אָרט זיינען געבליבן נאָר עטלאַכע חבר'טעס — די געחלש'טע.

מען האָט אונז אַוועקגעפירט אין געפענגעניש. דאָרטן האָבן מיר זיך געטראָפן מיט די פריער אַרעסטירטע חברים. אַז זיי האָבן אונז דערזען — מיט צעשויבערטע האָר, מיט בלוט־פלעקן אויף די קליידער, — זיינען זיי געבליבן ווי פאַרשטיינערטע. איינער אַ חבר האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן און האָט אָנגעהויבן צו שילטן די רעגירונג. איז צוגעגאַנגען אַן ענגלישער פּאָליציסט און האָט אים אַראָפּגעלאָזן אַ פּאַטש. די מיידלאַך האָבן אויפגעהויבן אַ געשריי און האָבן זיך געלאָזן לויפן איינשטעלן זיך פאַרן חבר. אויף אונזערע קולות זיינען אַריין די אָפיצערן און געהייסן מיר זאָלן פאַרלאָזן דעם צימער. אַזוי האָט מען אונז צעשיידט פון די חברים.

מען האָט אונז באַוויזן אַ נידעריג אייזערן טירל און ווי מיר זיינען אַריין, האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער קלאַפּ פון יענער זייט טיר — מיר זיינען געוועזן איינגעשלאָסן. מיר האָבן געקוקט איינע אויף דער צווייטער און זיך אַליין ניט דערקענט. און אויפן ביטערן האַרצן האָבן מיר זיך גענומען זינגען דעם שיינעם, מונטערן „פישער־מאַרש" פון „אוהל"*).

זיינען אַריין די פּאָליציסטן און האָבן אונז איבערגעפירט אין אַ לאַנגן קאָרידאָר מיט פינסטערע קעמערלאַך. מיר אַלע זיינען אַריין אין אַ קעמערל און האָבן געוואַרט — וואָס וועט מען דאָ מיט אונז טאָן? די פּאָליציי־לייט האָבן זיך אַרומגעדרייט און נייגעריג אויף אונז געקוקט. אַ טשיקאַווע זאַך — אידישע מיידלאַך אין געפענגעניש!

אין קעמערל איז צו ביסלאַך געוואָרן פינסטער. ס'ווייזט אויס אַז פון יענער זייט וואַנט איז פאַרגאַנגען די זון. ס'זיינען געקומען חברים, געבראַכט אונז עסן און דערציילט, אַז דער אידישער ישוב אין עכו מאַכט אַ פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג. זיי האַלטן אין מיטן דערציילן, ערשט אַ קלינגענדיגער פּאַטש האָט איבערגעריסן זייערע רייד. די חברים זיינען נֶעלָם געוואָרן, און נאָר זייערע קולות האָבן זיך צו אונז דערטראָגן פון דרויסן. שווייגנדיגע האָבן מיר זיך אויסגעזעצט אויף דער פּאָדלאָגע, אַרום דער לאַמטערנע.

חבורת הפועלות אין רמת־גן

מלכה

---

*) דער אידישער ארבעטער־טעאטער אין ארץ־ישראל. (רעד.)

דער שטרייק אין זכרון־יעקב

ס׳איז צוויי אַ זייגער בייטאָג. פון באַגינען אָן שטייען די אַרבעטאָרינס ביים טויער פון פּרדס און לאָזן ניט אַריינגיין די שטרייק־ברעכער — די אַראַבקעס מיט די תּימנ׳ער וואָס די פּיק״א־געזעלשאַפט האָט היינט אַראָפּגעבראַכט. ס׳איז נעכטן אינם אַרבעטער־קלוב באַשלאָסן געוואָרן צו ערקלערן אַ פּראָטעסט־שטרייק קעגן פּיק״א, ווייל זי האָט פאַרקלענערט דעם לוין פון די אַרבעטאָרינס — פון פופצן אויף צען פּיאַסטער אַ טאָג.

שוין צוויי מאָל האָבן מיר אָפּגעשטויסן די היגע פּאָליציי פון טויער. און ערשט האָט מען אונז אָנגעזאָגט, אַז מיט דער חיפה׳ער באַן דאַרפן אָנקומען ענגלישע זשאַנדאַרמע

— לאָמיר אַוועקגיין איידער זיי וועלן קומען! זיי וועלן סיי ווי אונז צעטרייבן. ס׳איז דריי אַ זייגער. לאָמיר אָנהויבן צו גיין אַהיים, כּלומרשט נאָך דער אַרבעט. און מאָרגן וועלן מיר אומקערן זיך אַהער פאַרפרי.

אָבער די קעגנערשע שטימען האָבן גובר געווען:

— ניין! ניין! מיר בלייבן! מיטן גוטן ווילן וועלן מיר פון דאַנען ניט אַוועק. ס׳וועלן זיך דאָך גלייך אַריינרייסן די שטרייק־ברעכער. לאָמיר בלייבן!

דער שטרייק־קאָמיטעט האָט אַ זיצונג. אַרבעטאָרינס לויפן פונם קאָמיטעט צו דער גרופּע חבר׳טעס ביים טויער און צוריק. מען וואַרט אויפן באַשלוס פונם קאָמיטעט.

— בלייבן, בלייבן! דאָס איז דער באַשלוס.

די ענגלענדער מיטן אָפיצער בראש זיינען אָנגעקומען פון חיפה. דער שמועס מיטן אָפיצער איז געווען אַן אומזיסטער. ער האָט געפּרובט ריידן מיט די אַרבעטאָרינס וואָס האָבן געהיט דעם טויער און מיט די אַרבעטער, וועלכע זיינען געשטאַנען אַביסל פון דערווייטן (לויט׳ן דין האָבן זיי, ווי זייטיגע מענטשן, ניט געטאָרט זיך אַריינמישן און זיינען געשטאַנען בלויז ווי „צוקוקער״).

מען האָט אונז געגעבן פופצן מינוט צייט אויף מיישב זיין זיך. די צייט איז דורכגעגאַנגען און די שורות זשאַנדאַרמען, וואָס זיינען ביז איצטער געשטאַנען ווי הילצערנע גולמ׳ס, האָבן זיך אָנגעהויבן רוקן נעענטער. און נאָכדעם... נאָכדעם האָבן די סאָלדאַטן געשלאָגן די אַרבעטער מיט די שטילן

פון די ביקסן און מיר אַלע האָבן געשריען. מיר אַלע, די גאַנצע מאַסע, זיינען געוואָרן ווי איין גוף. און ווער זיינען דאָס אונזערע שלאָגער? — בריטישע סאָלדאַטן אין ארץ־ישראל, וואָס פּיק״א האָט זיי גערופן שלאָגן אידישע אַרבעטאָרינס, ווייל זיי קעמפן פאַרן שטיקל ברויט. די ערשטע שורות פון די אַרבעטאָרינס האָבן זיך געצויגן פונם טויער פאָראויס צו די חברים, וואָס זיינען געקומען אונז העלפן. די לעצטע שורות האָבן געשלעפּט אויף צוריק, באַשיצן דעם טויער.

ווי לאַנג קען זיך האַלטן אַ גרופּע מענטשן אָן געווער קעגן ענגלישע סאָלדאַטן? די גרופּע האָט אַ ציטער געגעבן און אָנגעהויבן אָפּ־טרעטן צוריק. און די שטילן פון די ביקסן האָבן זיי נאָכגעיאָגט, נאָכגעיאָגט און געשלאָגן אָן רַחמָנות.

מיר גרייטן זיך. איצטער איז דערגאַנגען די רייע צו אונז.

— איך האָב מורא — ציטערט איינע.

— אויב דו האָסט מורא, טאָ גיי גלייך אַוועק! אָט די מינוט זאָלסטו אַוועקגיין! מען זאָל אויף דיר ניט זאָגן, אַז דו האָסט זיך דערשראָקן פאַר ענגלישע סאָלדאַטן און ביסט אַנטלאָפן.

— ווי אַזוי רעדסטו דאָס? בעסער גיב מיר צו מוט!

ס׳איז צוגעגאַנגען דער אָפיצער:

— איר וועט טאָן גלייכער, אויב איר וועט איבערגעבן די גאַנצע זאַך דעם נְצִיב הָעֶליוֹן.

— מיר וועלן פון טויער ניט אָפּטרעטן — ענטפערט מען פון דער גרופּע אַרבעטאָרינס.

ניט קוקנדיג אויף אונזער אַנטשלאָסענעם טאָן, גיט מען אונז נאָך פינף מינוט איבערצוקלערן. דער אָפיצער שטייט אַנטקעגן און וואַרט, און מיר וואַרטן אויך.

צי וועלן סטאַיען כּוחות אויף אַיינצושטיין? צי זיינען ניטאָ צווישן אונז שוואַכע און שרעקעדיגע? מיר אַלע שטרייקן דאָס ערשטע מאָל אין לעבן, און צום ערשטן מאָל באַגעגענען מיר זיך אויף אַזאַ אופן מיט דער פּאָליציי. ניט דעם טויער פון פּרדס באַשיצן מיר, און ניט נאָר אונזער שטיקל ברויט, — מיר באַשיצן אונזער שטאָלץ. הַלוַאי זאָלן שוין דורכלויפן די פינף מינוט! מיט פיבער דריקט איין האַנט די צווייטע. די שורות ווערן געדיכטער און רוקן זיך נעענטער צום טויער. די ציוויליזירטע ענגלענדער גייען קעגן פרויען אָן ביקסן, אויף די ליפּן שפּילט ביי זיי אַ פריילאַך־

שמייכל — אַ טשיקאַווע מעשׂה! די פריילאַכקייט זייערע פאַרדריסט אַזוי און ברענגט אונז נאָך מער אַרויס פון געדולד. זיי ווילן עפענען דעם טויער, נאָר די שורות אונזערע זיינען פעסט געשלאָסן. פאַלן זיי אַרויף אויף די פרויען, שלעפן זיי, ווילן צעררייסן זייער קייט. אויב איינעם גיט זיך ניט איין, קומען אים צו הילף אַנדערע.

ס׳איז דערגאַנגען צו מיר. איך בין געבליבן הענגען אין דער לופטן, צווישן די ענגלענדער און די חבר׳טעס. צוויי סאָלדאַטן קענען מיך ניט בייקומען. איז צוגעגאַנגען אַ דריטער. אין האַרצן ביי מיר איז נאָר איין וואונש — ניט אָפּצורייסן זיך פון די הינטערשטע שורות, איין געפיל — שׂנאָה צו די בלוי־גרינע אויגן און צו דעם בלוי־גרינעם מונדיר.

סוף כּל סוף האָבן זיי מיך אַ וואָרף געטאָן ווייט פון טויער, אונטער דער וואַך פון דער אָרטיגער פּאָליציי. בין איך אויפגעשטאַנען און ווייטער געלאָפן צום טויער. כאַפּט מען ווייטער און מען שליידערט. ניט בעסער פון די סאָלדאַטן איז זייער אָפיצער. ער העלפט שטויסן און שלאָגן. איין קולטור־ניוואָ ביי זיי אַלעמען. פון הינטער די קוסטעס קוקן אויף אונז די חברים: די הענט געשמידט, געבונדן איינער צום צווייטן ווי אַ לאַנגע קייט. און בשעת׳ן ראַנגלען זיך שיקסטו זיי דיין וואַרעמע בּרָכה — איין איינציגער האַרציגער שטראַל אין אַ יַם פון שׂנאה און צאָרן.

...ביז זיי האָבן אויפגעעפנט דעם טויער. די אַרעסטירטע האָט מען אַוועקגעטריבן קיין זִכרון. זיי זיינען געגאַנגען באַרג־אַרויף, געבונדענערהייט. נאָך זיי האָבן זיך געשלעפּט די אַרבעטאָרינס, און די סאָלדאַטן האָבן געשטופּט פון הינטן. אין די גאַסן פון דער קאָלאָניע זיינען מיר געלאָפן און געשריען: „באַפרייאונג!“, אונזערע הענט האָבן מיר צובלוטיגט קלאַפּנדיג אין די ווענט פון דער צייטווייליגער טורמע, וואו עס זיינען געזעסן פאַר־שפּאַרט אונזערע חברים; דאָס ביוראָ פון פיק״א האָבן מיר איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ, און האָבן זיך באַרואיגט ערשט נאָכדעם ווי מען האָט די חברים באַפרייט.

באַרואיגט... דאָס געפיל פון דענסטמאָל לעבט אָבער אין האַרצן ביז אויף היינטיגן טאָג.

כנרת, קבוץ „השומר־הצעיר“ פון ס.ס.ס.ר. כּרמלה

אין קאַמף פאַר אַרבעט אין פֶּתַח־תִּקְוָה

היינט איז דער ערשטער טאָג וואָס מיר זיצן דאָ איינגעשפּאַרט *).

איך געדענק נאָך גוט, ווי אַזוי מען האָט אונז געהויבן געבונדענערהייט אין אויטאָמאָביל אַריין. מיט אַ פּאָר אָפּגעריסענע ווערטער איילנדיק צוזעגנט זיך מיט די חברים, וואָס זיינען געבליבן אויפן „שלאַכט־פעלד“, — און אויס. אַלץ איז נֶעלם געוואָרן.

ס׳טוט ווי אַ זייט, דער קאָפּ איז צעשויבערט, דאָס פּנים פּלאַמט, און אין די אויגן שטייען טרערן, טרערן פון כּעס.

וואוהין וועט אונז ברענגען דער אויטאָמאָביל—אין קאָלאָניע אָדער קיין יפו? יאָ, מיר פאָרן אַרויס אויפן יפו׳ער שליאַך. די הענט זיינען ניט געוואוינט צו קייטן און מיר פאַרגעסן זיך און פּרובן אַלע ווילע אַ ריר טאָן מיט אַ האַנט. ס׳לאַכט זיך מיט טרערן. מיר גריסן יעדן פאַרבייפאָרנדיגן אויטאָמאָביל און יעדע גרופּע אַרבעטער וואָס קומט אונז אַנטקעגן מיטן קלאַנג פון אונזערע געשמידטע הענט.

סתם דורכגייער קוקן אונז אָן דערשראָקענע — זיי פאַרשטייען ניט. אַרבעטער גריסן אונז צוריק. מיר פאָרן דורך תּל־אביב. באַקאַנטע לויפן נאָכן אויטאָ און פרעגן: וואוהין? איינער פון אונז וויצלט זיך: צום יַם שפּאַצירן! און טאַקע — מיר פאָרן אַריין אין די יפו׳ער געסלאַך, און אַז דער אויטאָ קערעוועט זיך אויס, ליגט דער גאַנצער יַם אויסגעשפּרייט פאַר אונזערע אויגן.

דער אויטאָ פאָרט אַריין אין פּאָליציי־הויף. ס׳עפנט זיך אַ קעמערל און מען שטופּט אַהין אַריין אונזערע מיידלאַך. מיר ווייזט זיך אויס, אַז די טיר פירט גאָר אין דרויסן, אַז מען וויל פון אונז פּשוט פּטור ווערן, אַרויסלאָזן פריי. וויל איך גיין אַהין וואוהין מען פירט די חברים. דער פּאָליציסט אָבער שטופּט מיט געוואַלד צוריק. די טיר פאַרשליסט זיך און מיר בלייבן אינווייניג. ס׳באַגעגנט אונז די וועכטערין. דער הויף איז אַרומ־

---

*) ווינטער 1927 האט די פּתח־תּקוה׳ער ארבעטערשאפט זיך פארצווייפלט געראנגלט פאר דאס רעכט פונם אידישן ארבעטער אויפן קטיף — מאראנצן רייסן. אין משך פון דעם שטרייק איז פארגע־קומען א צוזאמענשטויס צווישן די ארבעטער און דער פאליציי, און א גרופּע ארבעטער זיינען ארעס־טירט געווארן און ברוטאל באהאנדלט. דער צווישענפאל האט אויפגערודערט די גאנצע אידישע עפנטלאכע מיינונג. (רעד.)

גערינגלט מיט הויכע געמויערטע ווענט. אויף אַ ראָגזשע בײַ דער וואַנט זיצט אַ תּימנ׳קע און דרייַ אַראַבקעס. אין וואַנט איז איינגעמויערט אַ נידעריג טירל וואָס פירט אין תּפיסה. די וועכטערין און די אַרעסטאַנטקעס זייַנען זייער טשיקאַווע צו וויסן פאַר וועלכע זינד זיצן מיר דאָ. מיר ענטפערן אויפגערעגט — אַרבעטן האָבן מיר געוואָלט, און מיר באַווייזן די בלוט־פלעקן אויף אונזערע קליידער. מיר פרעגן זיך פאַנאַנדער בייַ דער תּימנ׳קע וועגן די אַראַבקעס און דערוויסן זיך אַז זיי זיצן פאַר אַ גנֵבה.

מיר זיצן אויף די ראָגזשעס צובראָכענע, אַלע גלידער — צעווייטאָגטע, דער קאָפּ ברענט ווי אין פייער. אָבער דאָס האַרץ איז וואַך. ס׳קימען אַריין די פּאָליציסטן, פאַרשרייבן אונזערע נעמען און גייען אַוועק. וואָס האָבן זיי זיך וואָס צו איילן?

ס׳ווערט פינסטער. מיר גייען אַריין אין תּפיסה. אַן אויסגעקאַלכט צימערל, די פּאָדלאָגע פון באַלאַטעס, אַ קליין עלעקטריש לעמפּל — אַ דירה אַ טייערע! פון ראָגזשעס מיט קאָלדרעס בעטן מיר זיך אויס אַ געלעגער און פאַרמאַטערטע ווי נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט, לייגן מיר זיך איינע נעבן דער צווייטער. די וועכטערין ברייַנגט דאָס עסן פאַר די אַרעסטאַנטקעס: אַ קאַשע אין אַ בלעכענעם טעלער און אַ שוואַרצן לעבל ברויט. אונז ברייַנגט זי ווייס ברויט, אייער, מאַראַנצן.

— פון וואַנען איז דאָס?

— די חברים האָבן געשיקט — זאָגט די וועכטערין.

ווער? די הסתּדרות? דערויף האָבן מיר זיך גאָרניט געריכט. ס׳איז אונז גאָר אַרויס פון זינען, אַז אַ גאַנצע וועלט איז פאַרבונדן מיט אונז און מיט אַלץ וואָס מיר לעבן איבער.

אינדערפרי האָבן מיר זיך אויפגעכאַפּט — ערשט מען איז אין טורמע. ניט קוקנדיג אויפן פאַרבאָט, האָבן מיר געקראָגן צייטונגען. די וועכטערין איז אַרויס אויף אַ ווײַלע און מיר זייַנען אָנגעפאַלן אויף די צייטונגען, ווי דורשטיגע אויף וואַסער. מיר שלינגען די שורות און קענען זיך פון זיי ניט אָפּרייסן. די אויגן שפּרינגען פון איין וואָרט אויפן צווייטן, דער קאָפּ שווינדלט און די הענט ציטערן. ס׳איז גאָר קיין געדולד ניטאָ איבערצולייענען אַ זאַך ביזן סוף.

מיט אונז איז די גאַנצע אַרבעטערשאַפט, דאָס גאַנצע לאַנד. עפּעס האָבן מיר דאָך אויפגעטאָן. און אויב דערווייל זעט מען נאָך ניט דעם נוצן, איז אָבער פאַראַן די האָפנונג. סוף כּל סוף האָבן מיר אויפגערודערט דעם

ישוב. ס׳איז אַלץ כְּדַאי געווען. שוין יאָרן־לאַנג ווי איך האָב ניט איבער־געלעבט אַזעלכע גליקלאַכע מינוטן ווי דענסטמאָל. אויס איינזאַמקייט.

מען האָט מיר אַריינגעבראַכט אַ קאַרטל פון דער היים. ווען זיי וואָלטן דאָרטן געוואוסט וואו איך לייען זייער בריוו! איין שוועסטער איז פאַרשיקט אין סיביר, פאַר „קאָנטער־רעוואָלוציע״, און איך בין דאָ אַרעסטירט ווייל איך בין שוין „צופיל רעוואָלוציאָנער״. און די דריטע — שרייבט דער טאַטע, — „איז איינע אַליין צווישן גויים״. איך האָב געלייענט דעם בריוו און פאַר זיך געחַזר׳ט די ווערטער:

„זיין אַ אידישע טאָכטער — הייסט זיין אַ געטרייע צווישן ווייטע, און אַ פרעמדע — צווישן אייגענע״.

חֲבוּרַת־הַפּוֹעֲלוֹת אין פתח־תקוה רבקה

דער חוּרְבּן פון דער חֲבוּרָה ביי חֵיפָה

(אין די געשעענישן פון אב, 1929)

ערשט פרייטאָג אָוונט, ווען עס זיינען אָנגעקומען די חברים פון יָגוּר־„נֶשֶׁר״ (די גרויסע צעמענט פאַבריק ביי חֵיפָה) צו באַוואַכן אונזער ווירטשאַפט, האָבן מיר זיך דערוואוסט וואָס קומט פאָר אין ירושלים.

די נאַכט איז אַדורך רואיג. די זון האָט זיך באַוויזן צומאָרגנס און ס׳איז געוואָרן ווי לייכטער אויפן האַרצן. די חברים האָבן זיך צוריקגעקערט אין „נשר״ און מיר זיינען אַרויס צו דער אַרבעט.

אין עטלאַכע שָׁעה אַרום האָט מען אונזער וועכטער, דעם חבר אֶלִיעֶזֶר הורוויץ אַרויסגערופן קיין חיפה, אין אַרבעטער־ראַט, און אים ערקלערט, אַז מיר דאַרפן פאַרלאָזן דעם פּלאַץ, ווייל ס׳איז אַ סְבָרָא, אַז די אָנפאַלן וועלן זיך אַריבערוואַרפן איבערן גאַנצן לאַנד. און ווייל אונזער פּלאַץ ליגט ווייט פון שטאָט, פאַרשלאָסן אין די בערג, אין שְׁכֵנוּת מיט אַן אַראַבישן דאָרף, וואָס איז איינער פון די געפערלאַכע, וועט מען אים שווער קענען באַשיצן. נאָך אַ לאַנגן יִשוּב הַדַעַת האָבן מיר זיך אָפּגעזאָגט צו פאַרלאָזן דעם פּלאַץ, ווייל מיר האָבן גאַנץ גוט געוואוסט: ווי נאָר מיר לאָזן אים איבער, וועט אַלץ חָרוּב ווערן.

מיר האָבן עס געגעבן צו פאַרשטיין די חברים פון „נשר", וועלכע זיינען אויך די צווייטע נאַכט געקומען צו אונז האַלטן וואַך. זיי האָבן אָבער אויסגעהערט און פאַרלאַנגט, מיר זאָלן אויפגעבן דעם געדאַנק, ווייל אין גאַנצן לאַנד איז די לאַגע זייער אַן ערנסטע און זיי וועט זיין אוממעגלאַך מיט ליידיגע הענט צו פאַרטיידיקן אונזער חבורה.

זונטאָג פרי ווידער דאָס זעלבע: פון חיפה פאָדערט מען, מיר זאָלן פאַרלאָזן די חֲבוּרָה און מיר האַלטן זיך ביי אונזערס: שיקט הילף, מיר זאָלן דעם פלאַץ באַשיצן בשעת אַן איבערפאַל. דערווייל נעמען מיר זיך צו דער אַרבעט, הגם מיר זיינען שוין גאָר ניט רואיג. אויפן שאָסיי איז לעבעדיג: עס לויפן כּסֵדר אַרום אַראַבישע אויטאָמאָבילן. מען זאָגט, אַז ביינאַכט גרייט מען זיך אין חיפה אויף אַן אָנפאַל.

פינף פאַרנאַכט ווייזן זיך צוויי אויטאָמאָבילן פון „נשר" און די חברים ריידן שוין מיט אונז גאַנץ פעסט: „חבר'טעס, מיר זיינען געקומען נאָך אייך. מען מוז פאַרלאָזן דעם פלאַץ. די לאַגע איז געפערלאַך", מיר פאַרשטייען, אַז ס'איז אומזיסט דאָס אַמפערן זיך. מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ נעמען מיר זיך פּאַקן און אָנלאָדן די אויטאָמאָבילן. מיר גייען אַריין אין שטאַל נאָך די קי. איך קוק אָן די חבר'טע, וואָס אַרבעט אין שטאַל, מיר טרעפן זיך מיט די אויגן און לאָזןביידע אַראָפּ די קעפּ.

ווי איין געדאַנק וואָלט אונז באַהערשט: „אָט האָסטו דיר! אַזוי פיל כּוחות און מי אַריינגעלייגט אין אונזער ווירטשאַפט און איצט וועט אַלץ אַוועק מיטן רויך".

געכאַפּט די עוֹפוֹת, איבערגעבונדן זיי און מיט גרויס מאַטערניש אַריינ־געשטופּט אין אויטאָמאָביל. מיטגענומען אויך אַ פּאָר פּעקלאַך — די קליידער אונזערע. די חברים האָבן געהאַלטן אין איין טרייבן אונז. עס ווערט שוין טונקל און אין קאָפּ שווינדלט פון דעם אומגעריכטן אומגליק און פון דעם הינערשן געפּילדער. מיר האָבן זיך אַריינגעשטופּט אין אויטאָמאָביל. מיר רירן זיך שוין. ווייזט זיך מיט אַמאָל אַרויס, אַז דער וועכטער וויל בשום אוֹפן ניט פאַרלאָזן דעם פלאַץ: „עס איז מיין פליכט — טענה'ט ער — אָפּהיטן די ווירטשאַפט, זי זאָל ניט חָרוב ווערן". עס העלפן ניט קיין שום טענות. ווילן מיר שוין אויך אַראָפּ פון אויטאָמאָביל. „מיר וועלן אים ניט איבערלאָזן אַליין", ערקלערן מיר די חברים. דערהערט אַזוינע דבוּרים, גיבן זיי אַ וואונק צום שאָפער און דער אויטאָמאָביל גיט זיך בליץ־שנעל אַ לאָז און מיר קענען שוין ניט אַראָפּשפּרינגען.



עין־חרוד׳ער קינדערהיים אריבערגעפירט אין געמויערטן שטאַל אין די אומרואיקע טעג פון אויגוסט 1929

ס׳איז געווען איינמאָל אַ נאַכט! באַגינען כאַפּן מיר זיך אַרויף אויף דעם ערשטן אויטאָמאָביל, וואָס איז דורכגעפאָרן „נשר״ און מיר קערן זיך אום צוריק צו אונזער חבֿורה. נאָך פון דערווייטנס האָבן מיר אים דערזען, דעם וועכטער, ווי ער שטייט ביים שוועל פון עס־צימער. ווי אַ שטיין איז אַראָפּ פון האַרצן.

פון חיפה האָבן מיר קיין שום ידיעות ניט, ווייל קיין אידישע אויטאָ־מאָבילן זעט מען שוין מער ניט. צוריק קיין „נשר״ קענען מיר זיך שוין דעריבער אויך ניט אומקערן.

מיר שפּאַנען זיך איין אין דער אַרבעט, ווי געוויינלאַך. אַ זייגער אַכט אינדערפרי באַמערקן מיר אַ דרייסיג־פערציג אַראַבער און אַראַבקעס פאַרקערעווען זיך צו אונז, באַוואָפנט מיט גראָבע שטעקנס. ביים פאַרקאַן בלייבן זיי שטיין אַ ווײַלע און לאָזן זיך צום טויער. זיי זיינען אָבער עפּעס ווי צוטומלטע: מיר הערן געשרייען, קריגערייען, און זעען ווי די אַראַבקעס רייסן זיי אַוועק פון טויער. זיי רוקן זיך טאַקע אָפּ פון פאַרקאַן, שטעלן זיך אָפּ ניט ווייט, שרייען און ווייזן אויף אונז מיט די פינגער. עס קומען באַלד אָן דריי אויטאָמאָבילן אַראַבער. מען שמועסט זיך דורך מיט די אַראַבער ביים פאַרקאַן, איין אויטאָמאָביל פאַרנעמט זיך צום אַראַבישן דאָרף, דער צווייטער אויף חיפה און דער דריטער בלייבט שטיין.

איצטער האָט שוין אויך דער וועכטער אונזערער אַיינגעזען, אַז מיר האַלטן שלעכט און אַז מען וואָלט באַדאַרפט אָפּציען קיין חיפה. אָט אָט רייסן זיי זיך אַריין אַהער. ס׳איז שוין אָבער געווען צו שפּעט: ניטאָ קיין שום מעגלאַכקייט אַנטלויפן פון דאַנען. אַרויסגיין אויפן שאָסיי וואָלט געווען פונקט דאָס זעלבע ווי אַריינוואַרפן זיך מיטן אייגענעם ווילן צום לייב אין מויל אַריין. און פונקט ווי נעכטן שפּאַרט זיך אַיין ווידער דער וועכטער און ערקלערט: „איך בין שולדיג, וואָס איר האָט זיך צוריק־געקערט. וועל איך ברייננגען אַן אויטאָמאָביל פון ,נשר׳ און אַריבערפירן אייך״. וויפיל מיר האָבן זיך ביי אים ניט געבעטן, ער זאָל אויפהערן צו שפּילן מיטן לעבן, האָט ער זיינס אויסגעפירט: אַוועקגעזעצט זיך אויפן ראָווער און איז באַלד פאַרשוואונדן פון די אויגן. מיר האָבן אים נאָכגעקוקט, זיכערע, אַז מער וועלן מיר אים ניט זען אַ לעבעדיגן. די אַראַבער האָבן דערזען ווי דער וועכטער איז אָפּגעפאָרן, האָבן זיי צו אונז גענומען שרייען און אייגרעדן: „טראָגט זיך איר אויך אָפּ פון דאַנען, מען וועט דאָך אייך צעשניידן אויף שטיקער״.

אַן אֵימה האָט אונז אָנגענומען. מיר האָבן זיך פאַרשלאָסן אין עס־צימער — די איינציגע געמויערטע געביידע אויפן פּלאַץ. אַלע זיינען מיר געווען בלייך ווי קאַלך. ביי יעדערער האָב איך געלייענט אין די אויגן: „מיט וואָס וועלן מיר זיך פאַרטיידיגן? ווי אַזוי?"

אָט אַזוי האָבן מיר אַ צוואַנציק מינוט איבערגעלעבט דעם טויט־שרעק. אונז האָט זיך אָבער געדאַכט, אַז שָעה׳ן, לאַנגע שָעה׳ן זיינען אַדורך זינט דער וועכטער איז אַוועק, ביז... ביז עס האָט זיך דערהערט אַ בשורה־פייף. דאָס זיינען אָנגעקומען אין אַן אויטאָמאָביל די חברים פון „נֶשֶר".

מיר זיצן שוין און פאָרן. אָט זיינען מיר שוין האַרט ביים דאָרף. וועלן מיר גאָרניט קענען פאַרבייפאָרן דעם שייכס הויז? דאָס גאַנצע דאָרף איז אויף די פיס און דער שייך אַליין זיצט אויפן פערד און האַלט פאַרן עולם אַ רעדע. אונטן אויפן כְּביש וואַרט אונז שוין אָפּ דאָס יונגוואַרג מיט שטיינער אין די הענט. דער אויטאָמאָביל פליט און — טראַ־ר־ראַ־ך! נאָך אים פליען שוין די שטיינער. מיר זיינען אָבער אַדורך בשָלום. אין נֶשֶר האָט מען אונז אויפגענומען, פונקט ווי מיר וואָלטן געקומען פון יענער וועלט.

איבערן דאָרף קרייזן צוויי אַעראָפּלאַנען און שיסן אין דער לופטן, כּדי צו פאַרטרייבן די אַראַבער.

אין נֶשר פאַרשטאַרקט מען די וואַך. די פרויען און קינדער נעכטיגן אין פאַבריק. אויפגערעגטע, בייסן מיר זיך איין מיט די אויגן אַהין, וואו אונז דוכט זיך יעדעס מאָל, אַז עס ברענט אונזערווירטשאַפט.

אויף די נאַכט איז אַדורך. אָבער אַ זייגער עלף אינדערפרי גיט בֶּאֱמֶת אַ שפּאַר אַרויס אַ רויך צום הימל. מיר קריכן אַרויף אויפן פאַבריק־דאַך און דערזעען ווי עס ברענט די קופּע היי, וואָס איז צונויפּ־געשאַרט ביי אונז אויפן הויף. אָט אָט כאַפּן זיך שוין אָן די באַראַקעס אונזערע. ניין, דערווייל אַן אומזיסטער שרעק. די היי האָט אויסגעברענט און מיר פרובן זיך שוין באַרואיגן. אֶפשר וועלן מיר מיט דעם אָפּקומען.

ערשט אַ זייגער צוועלף ביינאַכט האָט אַ העליש פייער אַרומגעכאַפּט פון דערווייטנס דעם הימל: עס ברענען שוין די באַראַקן...

מיר בעטן זיך ביי די חברים: „קומט, לאָמיר פרובן לעשן, אפשר וועלן מיר נאָך עפּעס אַרויסראַטעווען".

מיר באַקומען אָבער די זעלבע תשובה וואָס פריער: „ניטאָ קיין געווער, און מען דאַרף פריער פאַר אַלץ אָפּהיטן „נשר"...

ווי פאַרשטיינערטע קענען מיר ניט אָפּרייסן די אויגן פון די ווייטע פלאַמען.

וואָס פאַר אַ קוואַל! שטיי און קוק הילפלאָז ווי עס ברענט אַלץ וואָס דו האָסט געשאַפן מיט אַזוי פיל ליבע, מי און קרבנות!

אַן אויטאָמאָביל רוישט. ענגלענדער זיינען אָנגעקומען. זיי דערציילן געגנוי וואו און וואָס ברענט, אָבער צוקומען אַהין קען מען ניט.

גאַנץ פרי בעטן מיר די פיר ענגלענדער, וואָס מען האָט אַראָפּגעשיקט צו פאַרטיידיקן „נשר", זיי זאָלן מיט אונז צופאָרן צו דער פאַרברענטער ווירטשאַפט אונזערער. זיי זיינען מסכים. מיר קומען אָן. אַ טויטע שטילקייט פאַלט אויף אונז, ווען מיר בלייבן שטיין אויפן פלאַץ וואָס איז דריי יאָר געווען אונזער היים. פון באַראַק – קיין זכר ניט, בלויז די צובראָכענע אייזערנע בעטן שטאַרצן אַרויס דאָ און דאָרט. די שפּייכלערס זיינען ליידיג, עס וואַלגערן זיך שטיקער פון די צובראָכענע אינקובאַטאָרן. מיר וואַרפן אַ בליק אויף דער משתּלה – דאָ גרינט און בליט, ווי תּמיד. מיר האָבן פריי אָפּגעאָטעמט. די רויבער האָבן משמעות ניט פאַרשטאַנען, אַז די משתּלה איז אונז נאָך וויכטיגער איידער די באַראַקן.

די סאָלדאַטן איילן אונז אונטער. מען מוז פאָלגן. ווי שווער עס איז אָפּצורייסן זיך פון דאַנען!

מיר זיצן אין אויטאָמאָביל און מאַכן שוין פּלענער ווי קומט מען צוריק כּדי נעמען זיך באַוואַסערן די יונגע ביימלאַך.

שרה

חבורת הפועלות ביי חיפה.

בײַ דער אַרבעט

שטאַפלען

הגם די אַרבעטאָרין איז פון תּמיד אָן, במשך פון די גאַנצע פינף און צוואַנציק יאָר לעבן אין לאַנד, געווען ענג פאַרבונדן מיט דער אַלגעמיינער אַרבעטער באַוועגונג, פונדעסטוועגן פאַרמאָגט זי אויך אירע אייגענע און אייגנאַרטיגע וועגן.

נאָך גאָר אין אָנהויב, בשעת דער אַרבעטער האָט ערשט גענומען שטעלן פעסט אַ פוס אויפן באָדן, אין יענע טעג פון די ערשטע קבוצות אין סעדזשערא, דגניה, כּנרת און מרחביה — בעת אַלע חברים זיינען נאָך געווען ווי פאַרפלייצט מיטן געפיל פון דעם אָפּגעהאַלטענעם נצחון, האָבן זיך שוין דאַן עטלאַכע חבר׳טעס אויסגעטיילט אין אַ באַזונדערער קבוצה פון אַרבעטאָרינס. אַ קבוצה אַ וואַנדערנדע, אָן באָדן, אָן אַ פלאַן און אָן אַ ביודזשעט.

ווי אַזוי איז דאָס געשען?

ווייל אין עצם ברען פון אַרויפגיין און איינוואָרצלען זיך אין באָדן זיינען די חבר׳טעס פאַרבליבן אָפּגעריסן פון אים און ווידער צוגעשמידט צו דער שטוב־אַרבעט און צו דער קיך. איבעראַשט זיינען זיי שטיין געבליבן און אָנגעקוקט, ווי עס רייסט זיך זייער געמיינזאַמער אַרבעטס־פראָנט מיט די חברים. און עטלאַכע זיינען נאָך דאַן, אין זייער רעכטער יוגנט — אַוועק פאַראייניגטערהייט זוכן נייע וועגן, ווי אויסצובויען זיך אַ זעלבּ־שטענדיגע אַרבעט.

מיט וואָס פאַר אַ לייכטקייט עס האָבן גענומען אַרויסוואַקסן די „קבוצות הפּועלות״! אויפן ברעג פון ים כּנרת, אין מיטן עמק און אויף די זאַמדן פון יהודה. און ווען די קבוצה איז בלויז אויף איין יאָר צייט און דער באָדן איז אַ געדונגענער — איז וועמען אַרט עס? דער עיקר איז דאָך געווען ניט די ווירטשאַפט, נאָר די קבוצה אַליין. און ס׳איז כּלל ניט אַזוי שווער אויפהויבן ווילד־באָדן און באַאַרבעטן אים, אויב די חבר׳טע קען נאָר דורך דעם שטילן איר דורשט צו ערד און ווערן איר שותּף ביים שאַפן.

אַרום האָט מען זיך געווינטשן: ווייניגע האָבן געגלויבט, אַז אונזער אויפטו וועט מצליח זיין, אָבער אינעווייניג ביי אונז האָט געהערשט אַ דבקות, וואָס האָט אונז אַלעמען צונויפגעגאָסן אין איין גוס. אוודאי איז איצטער פאַר יעדן קלאָר, אַז דער צייטווייליגער קבוצה האָט געפעלט ווירטשאַפט־לאַכער זין, אָבער דאַן איז זי געווען פאַרשטענדלאַך. און זי איז אַרויס בשלום פון דער שווערער מלחמה־תקופה.

האַרט ביים סוף פון דער מלחמה איז געשען דער גרויסער אויפטו. ס'איז צייטיג געוואָרן דער חלום פון אַ אידישן גדוד. איז די חבר'טע שוין אין ברען פון דער פרייוויליגע־באַוועגונג. וואָס איר האָט אויסגעפעלט אין דער קבוצה, האָט זי געפרובט מיט נאָך מער עקשנות זוכן און אויסדריקן אין דער לעגיאָן־באַוועגונג. עס דערלאָזט ניט די האַרץ שרייבן וועגן יענע קרבן־גרויסע טעג. איז די חבר'טע באמת מיליטעריש באַפליגלט געוואָרן — אָדער זי האָט עס בלויז נאָכגעמאַכט דעם חבר? ניין, מיר אַלע, חברים ווי חבר'טעס, אַלע זיינען מיר פאַרכאַפּט געוואָרן פון גרויסן דראַנג צולייגן אַליין אַ האַנט צו אונזער באַפרייאונגס קאַמף. עס האָבן אויפגעשטורמט מעכטיגע פאַרלאַנגען, אויפגעשטורמט און טיף אַראָפּגעזונקען צוריק. אַנטוישטע זיינען מיר פאַרבליבן אויסער דעם פראָנט, ווייל אַזוי האָט געהייסן דער באַפעל פון אויבן. אין די הונדערטער האָבן די חבר'טעס זיך אָנגעגעבן אין לעגיאָן, צוזאַמען מיט די חברים. אָבער פון דער „מחנה" זיינען מיר אַרויס פאַראייניזאַמטע, מיט אַן עלנד געפיל. פאַרן חבר זיינען עס געווען טעג פון דערהויבונג און די חבר'טע איז פאַרבליבן אַן אָפּגעשטויסענע. זאָל אויך דאָס פאַרצייכנט ווערן ווי אַ באַזונדער שטופע אין דער געשיכטע פון דער אַרבעטאָרינס־באַוועגונג.

אויפן שוועל פון דער נייער תקופה, דעם ערשטן יאָר נאָך דער מלחמה, איז געוואָרן אויס מיט די מיידלשע קבוצות. מיט איין מאָל, פונקט, ווי זיי וואָלטן אַלע איינגעשלונגען געוואָרן. און די חבר'טע האָט זיך אפילו ניט איינגעשטעלט פאַר איר קבוצה. גלייך ווי זי וואָלט זיך איבערצייגט, אַז טאַקע אין דער דאָזיגער פאָרם האָט די קבוצה קיין זין ניט.

איך דערמאָן זיך, ווי מיר האָבן זיך צונויפגעטראָפן אין פתח־תקוה, אין דער קבוצת הפועלות. עס איז שוין אייגנטלאַך ניט געווען קיין קבוצה, נאָר אַן איבערגעבליבענער רעשטל. שפּעט ביינאַכט האָבן מיר זיך מידע צונויפגעזאַמלט, ביי אַ קליין לעמפּל, אין דעם צובראָכענעם באַראַק פון דער קבוצה. אַלע אַרומגעכאַפּט פון טיפן יאוש: קיין באָדן ניטאָ,

דער ערשטער טאג אויף אייגענעם באדן משק הפועלות אין ירושלים

אויסזיכטן אויף ווייטער אויך ניט. איז עס שוין נאָך אַלעמען?... ניט מער ווי צוויי יאָר זיינען אַדורך פון דאַן, און אין דער זעלבער פּתח־תקוה, אין דער זעלבער קבוצה האָבן מיר זיך ווידער צונויפגעזאַמלט. אָבער ווי? היינטיגס מאָל אין דעם איינגעאָרדענטן צימער, אינם נייעם צריף אויפן א י י ־ ג ע נ ע ם ב אָ ד ן.

ווייל נאָכן ערשטן יאָר־צענדליג פון דער אַרבעטאָרינס־באַוועגונג, ווען עס איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן דער קאַפּיטל פון דער וואַנדער־קבוצה, איז געלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פאַר דער סטאַבּילער קאָלעקטיוו־ווירטשאַפט פון דער אַרבעטאָרין, פאַרן מֶשֶק הַפּוֹעֲלוֹת. פון נָע וָנָד זיין — פעסט צום באָדן, פון צייטווייליגן דאָ און דאָרט — צו בעל־הבית׳ישקייט און פלאַנמעסיקייט.

עס אָרגאַניזירט זיך דער מֶשֶק הפּוֹעֲלוֹת אין פּתח־תקוה, עס ווערט איינגעאָרדנט די מַשתֵּלה אין ירושלים און די קאָלעקטיוון אין נַחלַת־יהודה און שכוּנַת בּאָרָכאָוו.

די אַרבעטער־לאַנדווירטשאַפט איז דאַן אַרויס אויף איר ברייטן וועג. דער עֵמֶק איז געווען שוין געקויפט (1921), עס וואַקסן אַרויס די נייע ווירטשאַפטס־פאָרמען: די גרויסע קבוצה, דער מוֹשב עוֹבדים — און איבעראַל קומט די אַרבעטאָרין און פאַרנעמט איר אָנגעזעענעם פלאַץ.

אַלץ איינס — צי דורך דעם קאַמף אויפן אָרט גופא, צי אונטערן דרוק פון די מְשקי הפּוֹעֲלוֹת, צי טאַקע די נויטן פון דער ווירטשאַפט האָבן דערצו געטריבן, — אַזוי צי אַזוי, ברייטער זיינען אָבער געוואָרן די געביטן פאַר דער אַרבעטער־פרוי און רייכער, פילפאַרביגער דער פאַרנעם פון איר אַרבעט. זי האָט געשלאָגן וואָרצלען אין דעם גאָרטן, אַזוי גוט ווי אין דער מילך־ווירטשאַפט, ביי עוֹפוֹת־צוכט ווי ביי בוימער־פלאַנצן. אין קיך און אין וועשעריי האָבן זיך שוין אָנגעהויבן ווייזן און קומען צו הילף אויך חברים. אַריינגעדרונגען אין לעבן פון מֶשֶק — האָט די אַרבעטאָרין ערשט רעכט איינגעזען, ווי עס פעלט איר נאָך פּראַקטישע קענטעניש און זעלבּ־שטענדיגע צוגרייטונג.

אַ נייע קאָמפּליצירטע פראַגע איז אַרויפגעשוואומען: די פראַגע פון מוטער און קינד אין די אַרבעטער־קאָלעקטיוון. די מוטער האָט גענומען אָנגעשטרענגט זוכן, ווי אַזוי בינדט מען צונויף די זאָרג פאַרן קינד מיט דער מעגלאַכקייט צו פאַרבלייבן ביי פּראָדוקטיווער אַרבעט אין דער ווירטשאַפט. אַ נייע פּרשה הויבט זיך אָן: דער דראַנג צו נייע לעבנס־שאַפונגען אין

דער קינדער־ערציהונג. און אויב מיר זיינען היינט פיל רייכער געוואָרן מיט ווערטן, וואָס זיינען נוגע דעם קינד — איז עס טאַקע אין אַ גאַר גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען איר — דער אַרבעטאָרין אין לאַנדווירטשאַפט.

ס׳זיינען אָנגעקומען נייע טעג, ווען מַחנות האָבן זיך צעשפּרייט איבער וועגן און שטעגן — ביי שאַסיי אַרבעט; און אין די מחנות — די חבר׳טע, אָפטמאָל אַדורכגעדרונגענע מיט ליידן און ספקות.

די אַרבעטערשאַפט איז וואָס אַ מאָל מער זיך צעוואַקסן און אינאיינעם מיט איר איז געוואַקסן די צאָל פון די אַרבעטער־פרויען. דאָס רוב איז נאָך די אַרבעטאָרין אַלץ פאַרנומען אין דער אייגענער אַרבעטער־ווירטשאַפט און ביי לוין־אַרבעט אין דאָרף. די מוטער אין דער אַרבעטער־ווירטשאַפט און די מיידל אין משק־הפּועלות האָבן נאָך אַלץ מער געמיינזאַמעס צווישן זיך איידער די מוטער אין דאָרף און די מוטער אין שטאָט — די לאַנד־ווירטשאַפט בינדט צונויף. און ווען נאָר מיר קומען זיך צוזאַמען, באַקומט די פראַגע פון מוטער און קינד די זעלבע חשיבות, ווי די פראַגע פון אַרבעט און עליה.

עס איז גאָר קיין צופעליקייט ניט, וואָס זי פּירערינס אין די מְשְקֵי הפּועלות זיינען אויך די הויפּט־טרעגערינס פון דער אַרבעטאָרין־באַוועגונג. דער מֶשֶק גייט אין יענער תּקופה אַלץ מער באַרג־אַרויף, ער פונדעוועט זיך איין און פאַרנעמט שוין דעם אויבנאָן אין דער באַוועגונג.

די כַּוָנָה ביים משק הפּועלות איז אַ קלאָרע: צוגרייטן די חבר׳טע פאַרן אַלגעמיינעם מֶשֶק. אָבער לכתחילה האָט דער פרויען מֶשֶק געהאַט נאָך אַ מיין: דינען אַ שול פאַרן לעבן. אין מֶשֶק האָט געווירקט ערציעריש דאָס פאַרטיילן געמיינזאַם די אַרבעט; אַ גרויסע ערציערישע באַדייטונג האָט געהאַט די גאַנצע סביבה פון חבר׳טעס, וועלכע טראָגן די אַחריות פאַרן גורל פונם משק. און דער משק דאַרף זיך קענען אַליין אויסהאַלטן, מען מוז זיך אָפּגעבן מיט די אַלע דאגות און פּראָבלעמען פון דער ווירטשאַפט; און אויף אַזאַ אופן איז פאַרהאַרטעוועט געוואָרן דער כאַראַקטער פון דער חבר׳טע און זי האָט אויסגעאַרבעט אין זיך די נויטיגע זעלבשטענדיקייט און איניציאַטיוו. ניט איינמאָל טאַקע האָבן מיר אָנגעקוקט פאַרוואונדערט אַ חבר׳טע, וואָס האָט דורכגעמאַכט בלויז איר ערשטן יאָר אין משק — און אָט העלפט זי שוין אָנפירן מיט דער ווירטשאַפט און פאַרשטייט אויסגע־צייכנט אויך פאַרוויקלטע ווירטשאַפטלאַכע ענינים.

ס'איז געווען אַ פרייד צו אַרבעטן אין משק. די שָעה'ן האָבן זיך גאָר ווי ניט אָנגעזען אין דעם לאַנגן אַרבעטס־טאָג. מיט לייב און לעבן איז מען געווען פאַרטאָן אין דער אַרבעט, ווער שמועסט שוין, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער אַרבעט אין מַשתֵּלה — אונזער פּיאָנער־שאַפונג אין לאַנד.

אין דער אַלטער אייראָפּע און אין דער נייער אַמעריקע, וואָס פאַר־מאָגן אַזעלכע פּרעכטיגע לאַנדווירטשאַפטלאַכע אַנשטאַלטן, אפילו אין קאַלי־פאָרניע מיט אירע מַשתֵּלוֹת, וואָס ציילן שתִילים אין די מיליאָנען — אומעטום פירט אָן דער מאַן. דער דירעקטאָר, דער גערטנער, דער אַרבעטער — זיי זיינען עס די שעפער און די פאַראַנטוואָרטלאַכע טוער. די אַרבעטאָרין זעט מען כּמעט ווי ניט אָן. דאָ און דאָרט פלעג איך אָנטרעפן אויף געציילטע לוין־אַרבעטאָרינס אין די מינדערווערטיגע צווייגן אָדער אין ביוראָ, קורץ — ביי מעכאַנישער אַרבעט, וואָס פאַרטעמפּט דעם מענטשן. אָבער אין דער אַרבעט ממש? קיין משתלות געשאַפן פון דער פרוי האָב איך אין ערגעץ ניט געזען.

מיט אונזערע אייגענע הענט האָבן מיר אויסגעכאָוועט אויף אונזער באָדן צענדליגער און הונדערטער טויזנטער שתִילים, און ווי אַן איינ־טימער בונד איז געשלאָסן געוואָרן צווישן אונזערע באַלעבטע ווינקעלאַך אין די וויסט־נאַקעטע אַרומיגע בערג. מיר האָבן זיך געפילט ווי דירעקטע שותפים צום גרויסן אויפטו פון באַוואַלדן דאָס לאַנד.

אָבער ניט בלויז אין דער וואַלד־קולטור האָבן מיר אונזער חֵלֶק, מיר האָבן אויך אויפגעטאָן עפּעס אין גערטנעריי, אין עוֹפוֹת־צוכט און אין מילך־ווירטשאַפט. אֶמֶת, די אַלע צווייגן זיינען ביי אונז נאָך ניט איינגעפונדעוועט. דאָ פעלט אַ ראַסאָוועע קו, דאָרט איז נאָך די שטאַל גופא ניט פאַרטיג, עס פעלן בִנְיָנִים, עס איז אַ דוֹחק אין באָדן, ניט אומעטום איז שוין אַראָפּ די דאגה פון וואַסער און כּמעט איבעראַל פעלן אונז וואוינונגען פאַר די חבר'טעס. אונזער פּלאָג איז, וואָס די ווירטשאַפט האָט נאָך ניט באַוויזן זיך צו שטעלן אַליין אויף די אייגענע פיס.

און דערווייל האָבן זיך אָנגערוקט די שווערע קריזיס־יאָרן פון 1926—27. אַרבעטסלאָזיקייט, הונגער און ליידן איבעראַל, ווער רעדט שוין ביי אונז אַרבעטאָרינס. דער מֶשֶק הפּוֹעֲלוֹת האָט אויך פאַרזוכט פונם ביטערן בעכער. אַזוי פיל חבר'טעס קלאַפּן אין טיר און ס'איז ניטאָ קיין מעגלאַכקייט זיי צו ענטפערן. דער מֶשֶק איז נאָך קליין און זיין אויפנאַמס־כּוֹח איז

באַגרעניצט. אין די מְשַקֵי פּוֹעֲלוֹת — אַ צוויי הונדערט חבר׳טעס, וואָס ליידן ניט קיין הונגער און זיינען פאַרטאָן אין אַ לעבעדיגער אַרבעט, און אין דרויסן — אַ צוויי טויזנט הונגעריגע חבר׳טעס, וואָס דרייען זיך אַרום אָן אַ שטאָך אַרבעט. און עס פאַלן שוין ביטערע ווערטער צווישן די אַרבעטאָרינס, אַז דער משק הפּועלות, דער „יַחסן״, נעמט אויף כלומרשט נאָר „אויסדערוויילטע״.

באַלד זיינען אָבער אויך אָט די ליידן געוואָרן אַ שאַפנדע קראַפט. פון משק איז אויסגעוואַקסן די חֶ ב וּ רָ ה — די חבר׳טעס אין די מְשַקֵי הפּועלות האָבן אויסגעטראָגן דעם געדאַנק און אים פאַרווירקלאַכט אין לעבן.

און דער משק אַליין איז נאָך געווען יונג, ער פאָדערט זיינס. אָט נעמט די מַשְתֵּלָה אַליין — וויפיל אַ שטייגער דאַרף מען עס כּוֹחוֹת אַריינ־לייגן ביז מען שאַפט זי יאָר איין, יאָר אויס פון דאָסניי. די זאָרג פאַר וואַסער, דאָס טרייסלען זיך איבער יעדן בוים און פאַרזייטן געוויקס; היינט די דאגות און דאָס אָפּקומעניש ביז מען פאַרקויפט די שתִילים. דער משק נעמט צו די אַרבעטאָרין אינגאַנצן — דעם גוף און די נשָמה. פילט מען זיך אָבער צוגעפּאַסט צום משק — ווערט מען דאַן צוגעבונדן צו אים מיט לייב און לעבן.

זייער שווער אָבער רופט זיך אָפּ אויפן משק־הפּועלות דאָס, וואָס אין אים מוזן זיך בייטן די חבר׳טעס. ביז די נייע חבר׳טע גייט אַריין אין שפּאַן און ביז די חבר׳טעס אין משק לעבן זיך מיט איר איין — וויפיל צייט און כּוֹחוֹת נעמט עס אַוועק! און אָט זיינען שוין די צוויי יאָר פאַרביי, די חבר׳טעס האָבן דעם „קורס״ געענדיגט און די אָנפירערין פון משק מוז אָנהויבן פון בְּרֵאשִית, מיט נייע מענטשן. ס׳איז גאָר ניט קיין לייכטע אַרבעט! אַקערט טאַקע די צייט אויס טיפע קנייטשן אויף די פּנימער פון די פירערינס אין די משקי הפּוֹעֲלוֹת.

און ס׳ענדערט זיך ווידער די ארץ־ישראל׳דיגע ווירקלאַכקייט. עס קומען אויף אין דער שטאָט וואַרשטאַטן און פאַבריקן. אין די הונדערטער און טויזנטער פלייצן אַרבעטאָרינס אין שטאָט אַריין און ווערן לוין־אַרבעטאָרינס אין פאַבריק און אין דער פּריוואַטער הויז־ווירטשאַפט. אין דערזעלבער צייט, אין די יאָרן 1926—28, בלייבט דאָס לאַנד פאַרשלאָסן פאַר דער אידישער איינוואַנדערונג.

אָקאָרשט האָבן הונדערטער געקלאַפּט אין די טירן פון משק — און אויף איינמאָל בלייבט דער משק פאַר׳יָתוֹמ׳ט און עס פעלן אין אים אויס

אַרבעטס־הענט. און די חבר׳טעס, וואָס זייער גאַנצער לעבן איז אין משק, פילן זיך דערשלאָגן· עס מוז עפּעס געטאָן ווערן! און ס׳ווערט קלאָר: מען מוז פאַריכטן פון אינעווייניק. דער משק דאַרף געבן אַ סך: ער איז דאָך אַן הכשרה־משק, אַ פלאַץ צום לערנען. מוזן אַלע ווירטשאַפטס־צווייגן זיינע ווערן מוסטער־צווייגן, פאַרפעסטיגט און ענטוויקלט. עס זיינען נאָך דאָ פּראָבלעמען פון אָפּזאַץ־מאַרק, פונם אייגענעם לעבנס־שטייגער, פון נויטיגע אויסבעסערונגען, פּראַקטישע און טעאָרעטישע, אין דער אינסטרוקטאָרן־אַרבעט. אָבער דאָס אַלץ זיינען מער אויסערלאַכע ווירקונגען אין פאַרגלייך מיט דעם וויכטיגסטן פאַקטאָר — די אַרבעטאָרין גופא. פון איר באַציהונג און פאַרהאַלטן־זיך הענגט אָפּ דער גורל פון משק. מען קען ניט און מען טאָר ניט זען אין דעם משק הפּועלות אַן אינסטיטוציע, וואוהין מען קומט אַריין אויף גרייטן און וואָס דאַרף בלויז דינען אויף באַקומען אַ פאַך אין האַנט. דער משק הפּועלות, וואָס איז אויסן צו געבן אַ לאַנדווירטשאַפטלאַכע ערציהונג דער אַרבעטאָרין, פאָדערט קודם כּל אַז די אַרבעטאָרין זאָל זיך זעלבשטענדיג ערציען, זי זאָל ווערן טיף באַהערשט פון דראַנג צו לאַנד־אַרבעט און זאָל באמת וועלן פאַרבינדן איר קיום מיטן באָדן.

אויף די משקי הפּועלות האָט נאַטירלאַך געהאַט אַ השפּעה אויך די לאַגע אין דער גאַנצער באַוועגונג.

מיר, די חבר׳טעס, האָבן דאָס רוב זיך ליב צו גרויסן מיט דעם, וואָס אפילו אונזערע געשוואָרענע כּלל־טוערינס זיינען אַריין אין דער פיזישער אַרבעט און איר פאַרשלונגען געוואָרן. באַלד ווי זיי גייען אַרויף אויפן באָדן וואַרפן זיי אַוועק זייער כּלל־טוערײ, גיבן זיך איבער דער אַרבעט — און אָט זיינען זיי שוין צעזייט און צעשפּרייט איבער די קאָלעקטיוון אין עמק, ביים ירדן און כּנרת, אין די משקי הפּועלות און וואו נאָר אַן אַרבעטס־פּונקט. פאַראַן ביי אונז אַזעלכע, וואָס האַלטן עס פאַר אַ מעלה, פאַר אַ באַווייז, ווי די חבר׳טע שטייגט איבער דעם חבר. און אֶפשר פאַרקערט גאָר? צי קומט עס ניט אָמאָל פון פּאַסיווקייט, פון ווייניג מוט און פון אַ שוואַכן חוש פאַר געזעלשאַפטלאַכער אַרבעט?

אַנדערש, מיט וואָס ערקלערט מען עס, וואָס מיר האָבן נאָך פאָרט אַזוי ווייניג אויפגעטאָן צווישן די אַרבעטאָרינס אין שטאָט?

הונדערטער און טויזנטער אַרבעטאָרינס פונם אַלטן ישוב, פון וועלכע קאַטעגאָריעס איר ווילט נאָר און אין כּל׳ערליי עלטער, רייסן זיך צום וואַרשטאַט און פאַבריק, צו נאָדל־אַרבעט, צו וועבעריי און שטריקעריי און

צו הויז־אַרבעט — און אַלעמענס אַרבעטס־פּרייזן זיינען קלאָגעדיגע. הייַנט וויפיל פון זיי זיינען איבערהויפּט נאָך ניט אָרגאַניזירט אין דער הסתּדרות?

די אונטערשטע קעלער־שטאָקן אין די פאַרוואָרפענע געסלאַך אין די שטעט זיינען פול געפּאַקט מיט אַרבעטער־פאַמיליעס. אין ירושלים — אין איר צום מייסטן — וואַלגערן זיך די אַרבעטער דער עיקר אין די שכונות פון די מזרח־עֵדות. עס ליידט די גאַנצע מִשפּחה און דאָפּלט קומט אויס צו ליידן דער אַרבעטנדער מוטער. און דאָס קינד — דאָס שטאָטישע אַרבעטער קינד — ווי נויטיג דאַרף עס האָבן די קאָלעקטיווע ערציהונג! און ווער נאָך אַזוי שטאַרק ווי אָט די מוטער וואָלט באַדאַרפט זיך ווינשן אַן אַרבעטער שכונה, אויפן פרייעם פעלד, אויסערן שטאָט, דאָרט וואו עס בעט זיך אַ שטיקל באָדן, ער זאָל ווערן באַאַרבעט? טאָ פאַר וואָס הערט מען ניט און פאַר וואָס זעט מען ניט צווישן די אַרבעטער־פּרוּיען אַ באַוועגונג פאַר שטאָטישע אַרבעטער־שכונות?

אויך ביי דער לוין־אַרבעט אין דער קאָלאָניע, — ווי שווער עס קומט ניט אָן דעם אַרבעטער זיין אַרבעטס־פּלאַץ, ווי ווייט ער איז נאָך ניט זיכער מיט אים — פונדעסטוועגן איז ער שוין אַריינגעדרונגען אין אַלע לאַנדווירטשאַפטלאַכע צווייגן — אין די פּלאַנטאַציעס און ביים אַקערבוי; אָבער די אַרבעטאָרין האַלט נאָך אַלץ אין איין קעמפן פאַר איר אַרבעטס טאָג אין קאָלאָניע — אין פּרדס און אין כֶּרם, ביים לעבעדיגן בוים — און ניט דוקא ביים שניידן די טרוקענע צווייגן און ביים רייסן מאַראַנצן. און נאָר געציילטע האָבן די זכיה צו נעמען דעם זעלבן פּרייז ווי דער מאַן.

און אין די אַרבעטער ווירטשאַפטן — הֵן אין דער קבוצה, הן אין מושב עובדים — מאַטערן ספקות: ס'פעלט נאָך דער חבר'טע דאָס געפיל פון באַפרידיגונג.

אין ביידע פאָרמען פון דער אַרבעטער־ווירטשאַפט זעט זיך נאָך ניט געענוג אָן די חבר'טע אין דעם ווירטשאַפטלאַכן, קולטורעלן און גייסטיגן לעבן.

דער וועג איז נאָך אַ לאַנגער, און פונדעסטוועגן, — ביי אונזער גאַנצן ווילן אַרומצונעמען אַלע ענינים וואָס האָבן אַ שייכות צו דער אַרבעטאָרין אין שטאָט און אין דאָרף, בלייבט און מוז בלייבן די אָריענטיר־ליניע אויף לאַנדווירטשאַפט — די גרונד־ליניע און דער תּוך פון דער אַרבעטאָרינס־באַוועגונג אין לאַנד.

אַוועקנעמען די לאַנדווירטשאַפט — הייסט אַוועקנעמען דעם לעבעדיגסטן אינהאַלט פון דער גאַנצער ארץ־ישראל׳דיגער אַרבעטער באַוועגונג; אַוועק־נעמען דעם משק הפּועלות ביי די חבר׳טעס — הייסט אויסליידיגן די אַרבעטאָרינס־באַוועגונג אין לאַנד פון איר אייגנאַרטיגער הויפּט־אַרבעט.

רחל ינאית

משק הפּועלות אין ירושלים

אין דער קבוצה

אַמאָל האָט אונזערס אַ קינד, צוהערנדיג זיך ווי די גרויסע מוסר׳ן שטענדיג דאָס קליינוואַרג, אַז זיי זיינען „שלעכטע קינדער״, עזות׳דיג אַ פרעג געטאָן זיין ערציערין: „זאָג, וואו זיינען פאַראַן גוטע קינדער, וואו?״ און ווען איך זע ווי ביי אונז האַלט מען אין איין זוכן חסרונות אויף דער קבוצה און אויף אונזער גאַנצן אַרט לעבן, דערמאָן איך זיך אין דעם קינדס פראַגע, און ס׳ווילט זיך מיר פרעגן ווי ער: וואו זיינען עס די „גוטע״?

תּמיד קריטיקירן מיר זיך אַליין און ס׳איז גאָר קיין שיעור ניטאָ צו אונזערע פאָדערונגען פונם פּרט און פונם כּלל: גלייך, ביי היינטיגן טאָג, ווילן מיר שוין זען אין דער קבוצה די צוקונפטיגע מענטשלאַכע געזעלשאַפט. פונם פּרט פאַרלאַנגען מיר ער זאָל זיין אַ גוטער אַרבעטער, אַ דיסציפּלינירטער, אַן איבערגעגעבענער, אַ פאַראַנטוואָרטלאַכער און אַ צו־געלאָזענער צו די חברים, און פון דער קבוצה — זי זאָל באַפרידיגן אַלע מאַטעריעלע און גייסטיגע באַדערפענישן פונם פּרט.

שוין־זשע ווייסן מיר ניט, אַז די עקזיסטירנדע אָרדנונג און די קאָנקורענץ ערציט די מענטשן אַזוי, אַז זיי מוזן ווערן שונאים איינער דעם צווייטן? מיר אַלע — די וואָס לעבן אין אַ קבוצה — זיינען אַוועק פאַראויס, דורכדעם וואָס מיר פאַרווירקלאַכן די צוקונפט אין אונזער אייגענעם לעבן. מען קען אָבער ניט פריי ווערן מיט איין מאָל פון דער גאַנצער ירושה, מען קען זיך ניט באַפרייען לחלוטין פון דער ערציהונג וואָס מען האָט באַקומען און ווערן אַנדערע מענטשן. און די אַלע חברים וואָס זיינען זיך מְיַאֵש — קומט ביי זיי דער יֵאוּש... פון צופיל אידעאַליזם.

פאַרוואָס אָבער קענען מיר ניט אויסגעפינען און ווי געהעריג אָפּשאַצן דאָס גוטע אין אונזער לעבן? פאַרוואָס שווייגן מיר וועגן די מַעלות

בשעת מיר ריידן אַזוי פיל וועגן די חסרונות? ס׳איז דאָ געגוג ליכטיגע זייטן אין אונזער אייגענעם לעבן — ווער רעדט נאָך אינם לעבן פון אונזערע קינדער! מיר זיינען גאָר ניט אַזוי שלעכט ווי מען קען מיינען ווען מען זאָל זיך נאָר וועלן צוהערן צו אונזער שטענדיגער זעלבסט־קריטיק.

יונגע זיינען מיר געקומען אין לאַנד. דאָס לעבן האָבן מיר ניט פאַרשטאַנען, מיר האָבן ניט געקענט דעם אַנדערוואָכעדיגן מענטשן. חברים פלעגן זיך טרעפן נאָר אין אַ יום־טוב־שטימונג: קומענדיג צו גאַסט איינער צום צווייטן, שפּאַצירנדיג צוזאַמען אָדער אַרבעטנדיג אין די יוגנט־באַוועגונגען. אַלע זיינען דאַן געווען פריינד און איינער האָט געדאגה׳ט פאַרן צווייטן. און וואָס איז דער וואונדער, אַז אונז האָט זיך געדוכט אַז אַלע מענטשן זיינען גוטע?

גאָר אַנדערש איז עס אינם קבוצה־לעבן. דאָ טרעפן מיר זיך איינער מיטן צווייטן פון דער נאָענט (כ׳וועל אָבער ניט זאָגן, אַז מיר קענען נאָענט איינער דעם צווייטן). און ס׳מוזן זיך אַרויסווייזן אויך די מענטשלאַכע חסרונות, וואָס פאַרשטעלן אָפט אפילו די גרעסטע מַעלות.

און ס׳איז פאַראַן נאָך אַ באַזונדער מאָמענט אינם לעבן פון דער קבוצה. „גוט זיין" — הייסט ביי אונז אַז יעדערער זאָל טריי און פאַראַנטוואָרטלאַך ערפילן זיין אַרבעט. איינעם ברענגט דערצו זיין גוט האַרץ; דעם צווייטן — זיין שטאַרקער געפיל פון אַחריות. דער רעזולטאַט איז אָבער איןביידע פאַלן דערזעלבער. אויף אַזעלכע חברים זאָגט מען ביי אונז: „אַ גוטער אַרבעטער", „אַ גוטע אַרבעטאָרין", אָדער מען זאָגט בכלל גאָרנישט, ווייל גוטע אַרבעטער זיינען זיי דאָך מחויב צו זיין.

דער באַגריף „העלפן" עקזיסטירט ביי אונז כּמעט ניט, ווייל מיר אַרבעטן דאָך דעם גאַנצן טאָג אינאיינעם, דאָס הייסט — מיר העלפן איינער דעם צווייטן. און מיר באַמערקן גאָר ניט, ווען פאַר אונזערע אויגן שפּילט זיך אָפּ אפילו אַ גרויסער, אַן אויסערגעוויינלאַכער אַקט פון קעגנזייטיגער הילף.

כ׳וועל ברייגנען אַ מָשָל. ס׳איז באַקאַנט ווי גרויס ס׳איז דאָס ליידן פון אַ מוטער, ווען ס׳פעלט איר אויס מילך פאַר איר קינד. אין אַזעלכע פאַלן פירט זיך ביי אונז, אַז איין מוטער העלפט דער צווייטער, און די פרוי וואָס זויגט איר חבר׳טעס קינד טוט עס מיט אַ טיפער איבערגעגעבנקייט. זאָל זי עס אָבער פּרובן טאָן אומגערן, אָדער גאָר וועלן זיך אַרויסדרייען פון ערפילן איר חוב — קיינמאָל וועט מען איר ניט מוחל זיין די זינד! אַמאָל האָט ביי אונז אַ פרוי פאַרגעסן אָנצוזויגן דער

חבר׳טעס קינד; און אַז זי האָט זיך דערמאָנט, איז זי געלאָפן אין רעגן און אין בלאָטע דעם גאַנצן לאַנגן וועג צוריק אין קינדערהיים. ווען אַזאַ פאַל וועט מען ביי אונז ניט ריידן, ווייל ערשטנס איז דאָך דאָס אַזוי נאַטירלאַך, און צווייטנס מאַכן מיר איבערהויפּט קיין וועזן ניט פון אַ גוטער מאָראַלישער האַנדלונג.

דער אַקערבויער אונזערער, ווען ער שטייט אויף ווינטער, זריִעה־צייט, פיר פאַרטאָג און קומט אַהיים ערשט שפּעט אין אָוונט, — איז ער דען ווייניגער איבערגעגעבן ווי דער וואָס אַרבעט אויף זיין אייגענעם פעלד? און די חבר׳טע אין קיבוץ וואָס קאָכט פאַר צענדליגער און הונדער־טער חברים, — צי טוט זי עס מיט ווייניגער טרייקייט און זאָרג, ווי אַ פרוי וואָס קאָכט נאָר פאַר איר אייגענער פאַמיליע? און באַוואונדערן מיר דען ניט אַליין ווי די חבר׳טעס, וואָס אַרבעטן אין אונזערע קינדער־היימען, ציטערן איבער די קינדער? צי דערהויבט ניט דאָס אַלץ דעם מענטשן אין קיבוץ וואָס איז ביז איצטער אויפגעהאָדעוועט געוואָרן נאָר אויף די באַגריפן פון „תּכלית״ פאַר זיך און פאַר זיין פאַמיליע? און דער חבר דער כּלל־טוער אונזערער, וואָס איז פאַרזאָרגט און פאַרהאָוועט בייטאָג און ביינאַכט — צי האָט ער כאָטש פון אונז אַכטונג און כּבוד? און ווען ער האָט ניט — טראָגט ער דען ניט ווייטער זיין יאָך?

אַמאָל קלאָגן מיר זיך אַז ס׳פעלט אונז פריינדלאַכקייט. אַז מיר גייען ניט למשל געוואָר ווערן אַ קראַנקן חבר. אין דער׳אמת׳ן אָבער איז מען נאָך דער אַרבעט אַזוי מיד, אַז מען האָט ניט קיין מעגלאַכקייט צו פאַר־ברייגגען מיט גוטע פריינד. אויסער דעם זיינען מיר אַ גאַנצן טאָג צווישן מענטשן און אין אָוונט ווילט זיך בלייבן אַ ביסל אַליין, אָפּרוען און עפּעס לייענען.

דעם מענטשנס טיפּישער חסרון איז זיין פרייע באַציהונג צו אַ קהל׳שן פאַרמעגן. ווי שווער קומט עס אָן דער אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט — למשל דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, אָדער דער רעגירונג — אָפּצוהיטן זייער גוטס! דער מענטש איז פון דער נאַטור אַן אויסברייגגער פון קהל׳שן אייגנס — אפילו דאַן ווען אים אַליין קומט דערפון קיין שום טובה ניט אַרויס. אין דער צייט פון דער מלחמה האָבן אין רוסלאַנד אויסגעפּעלט עלעקטרישע ליכט־מעסטער. פלעגן די איינוואוינער ניט אויסלעשן פאַרן שלאָף די לאָמפּן, — אַ דאגה, זאָל עס ברענען אַ גאַנצע נאַכט! אָט דער בלינדער צושטערונגס־אינסטינקט לעבט אין יעדן מענטשן. קען מען עס דען זאָגן אויף אונז און קען מען דען

פאַרגלייכן די לאַגע איצט מיט דער לאַגע וואָס איז געווען מיט עטלאַכע יאָר צוריק אפילו אין אונזערע קיבוצים?

ס׳זיינען ביי אונז דאָ אַזעלכע וואָס באַשולדיגן אונזערע קינדער אין טרוקנקייט, אין פאָרמאַליזם — „ס׳פעלט די קינדער אונזער אַמאָליגע ווייכ־האַרציקייט״, און מיר פאַרגעסן אינגאַנצן זייערע גרויסע מַעלות, וואָס האָבן לַחלוטין געפעלט ביי אונז: זייער געוואוינטקייט צו אַרבעט, זייער היטן דיסציפלין לגַבֵּי דעם קאָלעקטיוו, זייער פאַראַנטוואָרטלאַכקייטס־געפיל ביים ערפילן אַן אויפגאַבע, זייער שטאַרקע ליבע צו דער נאַטור — אויפריכ־טיגע ליבע, הַגַם אָן אַמאָליגער סענטימענטאַליטעט!

מיר ווייסן אפילו ניט ווי גליקלאַך מיר זיינען מיט אונזערע קינדער. ווי אָפט הערן מיר: „די קינדער זיינען עַזוּת־פּנים׳ער!“ — צי אונטערשיידן מיר אָבער צווישן גייסטיגער פרייהייט, דרייסטקייט און קראַפט און צווישן חוצפּה? צי זיינען ניט אונזערע באַגריפן אַביסל קאָנסערוואַטיוו?

אַנדערע ווילן זוכן חֶסרוֹנוֹת אפילו אין די גוטע זייטן פון אונזער בשותּפות׳דיגער קינדער־ערציהונג. זיי וואַרפן אונז אויף, אַז מיר פאַר־נעמען זיך צופיל מיט די קינדער. דאָס קאָלעקטיוו לעבן גיט די עלטערן די מעגלאַכקייט אָפּצוגעבן זיך אַ געוויסע צייט אין טאָג נאָר מיט זייערע קינדער. דאָס קינד פילט דאַן, אַז די עלטערן זיינען פאַרנומען נאָר מיט אים, אַז ער „שטערט“ זיי ניט — איז דאָס ווייטער שלעכט!

ס׳פאַרשטייט זיך, אַז מען קען ניט זאָגן אַז אין דער קבוצה איז אַלץ גוט. איינס אָבער איז קלאָר: שולדיג אין דעם איז ניט די קבוצה ווי אַ פאָרם פון לעבן, נאָר גאָר זייטיגע סיבות — שולדיג איז אונזער אָרעמקייט און אונזער מידקייט. מיר זיינען אָרעם, מיר זיינען ניט אימשטאַנד צו באַפרידיגן די מינימאַלסטע באַדערפעניש פון אַ פּרט — און דאָס איז דער מָקוֹר פון אונזער אומצופרידנקייט.

מיר שטרעבן דערצו אַז יעדערן זאָל אָנקומען לויט זיינע באַדערפעניש. ווייל אָבער ס׳פעלן אונז די מיטלען, קומט אָפט אַרויס די גלייכקייט אַ ריין פאָרמעלע. דאָס עסן, לְמָשל, צעטיילן מיר אויף גלייכע חֲלָקים. די מיידל און דער בחור, דער חבר וואָס אַרבעט שווער און דער חבר וואָס טוט אַ גרינגע אַרבעט — אַלע באַקומען זיי גלייך. און ווען וועלן מיר זיך באַפרייען פון אַזאַ פאָרמעלער גלייכקייט? — ווען מיר וועלן פּטור ווערן פון אונזער אָרעמקייט.

אונזער אָרעמקייט מאַכט דעם פּרט נידערגעשלאָגן, זי רויבט ביי אים די מעגלאַכקייט צו באַפרידיגן זיינע פּערזענלאַכע באַדערפענישן לויט

זיין אייגענעם טַעַם און פאַרשטאַנד. די שווערע אַרבעט, די אייביגע פאַרמאַטערטקייט, די ברענענדיגע היץ, דאָס קאַרגע עסן, דאָס לעבן אין צעלטן און באַראַקן, די אוממעגלאַכקייט איינמאָל אַ יאָר אויסצורוען זיך ווי געהעריג איז, אַביסל אָפּפרישן זיך און זען די וועלט — דאָ ליגט די סיבה פון די שווערע שטימונגען און פון דער פאַרביטערטקייט.

אָבער ניט אייביג וועלן מיר אַזוי לעבן. ס׳וועט קומען אַן אַנדער צייט. הייזער וועלן אויפגעבויט ווערן, די ווירטשאַפט וועט אויפשטייגן, ס׳וועט ווערן גרינגער צו אַרבעטן, און ממילא — גרינגער צו לעבן.

און לאָמיר זיין פאָרזיכטיג מיט אונזער קריטיק. דאָס לעבן אונזערס איז צו שווער און צו קאָמפּליצירט. אַ סך פעלערן דאַרפן אויסגעמיטן ווערן, מען דאַרף אויפדעקן די שאָטנס — מען דאַרף אָבער קענען זען דאָס גוטע און מען דאַרף עס וויסן צו שעצן.

ליליא באַסעוויטש

עין־חרוד

די פרוי אין מושב עובדים

זיבן יאָר זיינען ערשט דורכגעגאַנגען זינט אַ טייל פון די ארץ־ישראל׳דיגע לאַנד־אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן צו לעבן אין יענער פאָרם פון אינדיווידועל קאָאָפּעראַטיוון דאָרף וועלכער הייסט מושב עובדים (1921). דעריבער איז נאָך שווער צו געבן אַ קלאָרע תשובה אויף דער פראַגע — וואָס איז אַזוינס דער מושב פאַר דער פרוי? נאָר עפּעס קען מען שוין דערציילן אַפילו איצט.

ס׳גייט די פרוי צוזאַמען מיט איר מאַן אין מושב עובדים. און ווי פון זיך אַליין ווערט צווישן זיי צעטיילט די אַרבעט: דער מאַן אַרבעט אין פעלד, וויים פון דער היים, און פירט אָן מיט דער גאַנצער ווירטשאַפט, און זי אַרבעט אין שטוב און אַרום שטוב. ניט תמיד איז אַזאַ איינטיילונג פּינקטלאַך — ווען די חבר׳טע איז ניט צוגעבונדן צו קיין קליינע קינדער, אַרבעט זי אָפט אינאיינעם מיט איר מאַן אין פעלד, און פאַרקערט — אָפט אַרבעט דער חבר אויך אין גאָרטן און אין הינער־הויף. נאָר דאָס רוב געהערט די הויז־ווירטשאַפט צו דער פרוי, און די פרוי באַשטימט דעם פּלאַן און די ריכטונג. איך מיין אַז אַזאַ איינטיילונג פון אַרבעט איז נאַטירלאַך

און ריכטיג. ביטער איז נאָר דאַן, ווען סיי דער מאַן און סיי די פרוי אַרבעטן איבער די כּוחות און די ווירטשאַפט איז ניט אימשטאַנד צו מפרנס זיין די פאַמיליע. די פראַגע אָבער — ווי מאַכט מען עס, אַז די לאַנדווירטשאַפט אין ארץ־ישראל זאָל אַריינברענגען וואָס מער רווחים און זאָל פאַרלאַנגען פון מענטשן וואָס ווייניגער קרבנות — איז אַ פּאָלקס־פראַגע און ניט קיין פרויען־פראַגע.

כּל זמן די פרוי אינם מושב איז נאָך אַ מאַמע פון קליינע קינדער קען זי אין דער ווירטשאַפט ווייניג וואָס אויפטאָן. זי קען העכסטנס באַזאָרגן דאָס ביסל עופות און אַ קליינעם גאָרטן אין הויף. און פונדעסטוועגן — אַפילו דאַן ווען איך האָב קיין צייט ניט צו אַרבעטן, פיל איך אַ באַדערפעניש צו זען דעם גאָרטן יעדן טאָג. איך מוז אַקוק טאָן צי ס׳שפראָצט שוין אַרויס פון דער ערד דאָס גרינס וואָס כ׳האָב ניט לאַנג פאַרזייט, צי האָבן זיך צוגענומען די יונגע פלאַנצן.

כּדי אַרומצונעמען אַ גרויסע ווירטשאַפט און קלאָר ווערן אין אַלע אירע פּראָבלעמען, דאַרף אַ פרוי זיין זייער באַגאַבט. אָבער אַ מיטלמעסיגע פרוי קען זיך אויך פילן היימיש אין איר קליינער פאַמיליען־ווירטשאַפט. און פאַר מיר איז דער עיקר — וואָס דער מושב גיט דער פרוי די מעגלאַכקייט צו פילן זיך אַלס פרייער מענטש און צו שאַפן איר לעבן לויט איר אייגענעם ווילן. און נאָך מער — דער מושב צווינגט די פרוי צו זיין זעלבשטענדיג. ער שטעלט זי אַוועק פּנים אל פּנים מיטן האַרטן לעבן און קיינער באַשיצט זי ניט פון דער באַגעגעניש מיט דער שווערער ווירקלאַכקייט.

ס׳איז אמת, אַז די פרוי אין מושב באַצאָלט טייער פאַר איר זעלבּ־שטענדיקייט. זי טראָגט אויף זיך אַ גרויסן יאָך פון לעבן און אַרבעט. מען טאָר אָבער ניט פאַרבייטן די באַגריפן: טראָגן אַ יאָך הייסט נאָך ניט זיין אונטערגעוואָרפן, און באַקוועמלאַכקייט איז נאָך ניט פרייהייט.

דער מקור פון אונזערע ליידן ליגט דערין וואָס ס׳פעלט נאָך דערווײַלע די נויטיגע פּראָפּאָרציע צווישן אונזער אַרבעט און אונזער פאַרדינסט. ניט קוקנדיג אויף דעם וואָס מיר האָבן זיך איינגעשפּאַנט איבער די כּוחות — און אפשר טאַקע צוליב דעם, ווייל מיר האָבן זיך איינגעשפּאַנט איבער די כּוחות, — זיינען מיר פאָרט ניט אימשטאַנד צו באַפרידיגן אונזערע נויטיגסטע באַדערפענישן. געוויס זיינען דערין שולדיג אויך די באַזונדערע באַדינגונגען אין וועלכע ס׳האָט זיך געפונען און ס׳געפינט זיך נאָך איצט אונזער לאַנד, און אפשר פעלט אונז פּשוט געניטקייט און ערפאַרונג.

ווייל מיר זיינען נאָך דער ערשטער דור פון אידישע לאַנד־אַרבעטער. וואָלטן מיר געקענט אַרבעטן צו אַכט אָדער צען שעה אַ טאָג אַזוי ווי די שטאָטיגע חברים, וואָלט דאַן דאָס לעבן פון דער פרוי אין מושב גאָר ניט געווען אַזוי שווער.

אין דער אֶמת׳ן אָבער איז ניט ביי אַלע פרויען אין מושב די זעלבע לאַגע. ווען די קינדער וואַקסן נאָר אונטער און הויבן אָן צו באַזוכן די שולע, קען שוין די פרוי טאָן רואיג איר באַשטימטע און איינגעאָרדנטע אַרבעט. אין הויז הערשט דאַן דאָס שטילע פאַמיליען־לעבן און מען קען זאָגן אָן אַ גוזמה, אַז ס׳זיינען שוין דאָ אייניצלנע הייזער אין מושב, וואָס אַ קינסטלער קען פון זיי מאָלן די אידישע דאָרף־אידיליע. אָבער וואו די פרוי דאַרף נאָך האָדעווען קליינע קינדער — דאָרטן איז שווער. ביינאַכט שלאָפט זי זיך ניט אויס און בייטאָג האָט זי ניט קיין פרייע מינוט. און שטענדיג איילט זי זיך. זי שטייט אויף פאַרטאָג און ווייס ניט צו וואָס כאַפּן זיך פריער: צי געבן עסן די קינדער אָדער די עוֹפוֹת. דאָס רוֹב פאַמיליעס האָבן ניט די מעגלאַכקייט אָנצוגרייטן אויף אַ לענגערע צייט לעבנסמיטל פאַר דאָס הויזגעזינד און שפּייז פאַר די עוֹפוֹת מיט די קי. מוז מען כּמעט אַלע צוויי טעג גיין אין מַחְסָן *), און דאָרטן אַוועקשטעלן זיך אין דער שורה און וואַרטן אויף די פּראָדוקטן. און אַמאָל דאַרף מען נאָך גיין מיטן קינד אין קוּפּת־חוֹלים צו דעם דאָקטאָר און דאָרטן ווידער שטיין אין דער רייע און וואַרטן.

און די צייט רוט ניט. ס׳קומט מיטאָג־צייט און דאָס עסן איז נאָך ניט פאַרטיג. און אויב דער מאַן בלייבט מיטאָג־צייט אין פעלד, דאַרף די פרוי אַליין אויסמעלקן די קי און אַליין אַוועקטראָגן די מילך אין דער קאָאָפּעראַטיווער מילכיקעריי. ווען גוֹבר זיין דאָס מוטער־געפיל — ווען די קי בלייבן ניט קיין געמאָלקענע, דער גאָרטן ניט קיין געיעטער און די ווירטשאַפט ווען ליידן היזק. און אויב די טרייקייט צו דער ווירט־שאַפט וועט גוֹבר זיין — וועלן ליידן די קינדער.

בעֵת מיר האָבן ערשט אָנגעהויבן צו לעבן אין מוֹשב, האָבן פיל חבר׳טעס געטראַכט אַז ס׳וועט אונז זיין אַ סך גרינגער, אויב מיר וועלן אונזערע קלענערע קינדער ערציען צוזאַמען. איצט אָבער, אַז מיר האָבן שוין אָפּגעלעבט אין מוֹשב זיבן יאָר, ווייסן מיר אַז די בשותפות׳ע קינדער־

---

*) די קאָאפּעראַטיווע קלייט וואָס קויפט צונויף ביי די חברים פון מושב זייערע לאַנד־פּראָדוקטן און פאַרקויפט זיי די נויטיגע סחורות. (רעד.)

ערציהונג איז פאַר אונז אַן אוממעגלאַכע זאַך. אין די קבוצות אַרבעטן אין די קינדער־היימען חבר'טעס פון דער קבוצה, – און ביי אונז וועלן עס דאַרפן זיין געדונגענע פאַך־מענטשן, ווייל ס'לייגט זיך דאָך ניט אויפן זינען, אַז חבר'טעס פון מושב וועלן פאַרלאָזן זייער אייגענע ווירטשאַפט און וועלן אַוועקגיין אַרבעטן אין קינדער־היים. דאָס געהאַלט פון די ערציערינס אין אַ קבוצה באַשטייט ערשטנס פון פּראָדוקטן, וואָס ווערן מייסטנס באַשאַפן אין דער קבוצה גופא, און צווייטנס פון אַ ביסל מזומן געלט אויף די איבעריגע הוצאות. דאָס געהאַלט פון די ערציערינס אין אַ מושב וועט באַשטיין נאָר פון מזומן געלט לויט דער סקאַלע וואָס איז איינגעפירט אין דער הסתדרות. און אויף אַזאַ אופן וואָלט די חבר'טע פונם מושב אַרויפגענומען אויף זיך אַ גרויסן עול פון אַ נייער הוצאה, – און וואָס וועט איר דאַן נוצן דאָס באַפרייען זיך פונם האָדעוועַן אירע קליינע קינדער?

נאָך איינס טאָרן מיר ניט פאַרגעסן: די ערשטע יאָרן, כּל זמן די ווירטשאַפט האַלט ערשט אין וואַקסן, פעלט נאָך דער פרוי די ריכטיגע פּראָדוקטיווע אַרבעט. כּל זמן די באַוואַסערונג איז נאָך ניט דורכגעפירט און די הינערשטייגן זיינען נאָך ניט אויפגעבויט – האָרעוועט די פרוי טאַקע אַ סך, אָבער פאַרדינען פאַרדינט זי גאָר ווייניג. און ווען ס'גייען דורך יאָרן, די ווירטשאַפט וואַקסט זיך צוביסלאַך פאַנאַנדער און די פרוי פּאַסט זיך צו צום נייעם לעבן – דאַן ווייזט זיך גאָר אַרויס אַז די קהל'שע הוצאות זיינען זייער גרויס, און די מייסטע חברים זיינען בעלי־חובות דעם וַעד פאַר שטייערן. אויב אַזוי – ווי קען מען גאָר חלומ'ען איינצופירן אין מושב די בשותפות'ע קינדער ערציהונג וואָס דאַרף קאָסטן אַזוי טייער? און אויסער דעם זיינען פילע פון אונזערע חבר'טעס קעגן דער געמיינזאַמער קינדער־ערציהונג צוליב פּרינציפּיעלע מאָטיוון.

די פרוי אינם מושב טוט איר אַרבעט ביי אויסערגעוויינלאַך שווערע באַדינגונגען. קיינעם וועט למשל ניט אַרויף אויפן זינען, אַז דער מאַן זאָל אַקערן זיין פעלד אָן אַן אַקער אָדער פאַרנעמען זיך מיט מילך־ווירטשאַפט בעת ער האָט ניט קיין שטאַל; אָבער אַז אַ פרוי קען האָדעווען הינער אָן אַ שטייג און אָן אַ הינער־הויף – דאָס לייגט זיך יאָ אויפן זינען. וויפיל צייט און כּוחות פּטר'ט אָפּט די פרוי אויף ניט פּראָדוקטיווע אַרבעט: זי גייט אַרויס אָנהאָדעווען אירע הינער און דאַרף זיי צוערשט זוכן אין אַלע שכנישע הויפן; זי זייט און פלאַנצט אין אַ ניט־פאַרצוימטן גאָרטן, קומען אַרויף אויף די בייטן קי מיט הינער און פון איר גאַנצער

אַרבעט בלייבט גאָרנישט; זי וואַשט אירע וועש אויף דער ברענענדיגער זון אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ און אָן פּאַסיגע כּלים; זי באַקט איר ברויט אין אַ פּרימיטיוון אויוון. פון וויפיל איבעריגע אומזיסטעליידן וואָלט זיך געקענט באַפרייען די פרוי, ווען מיר אַלע וואָלטן פאַרשטאַנען, אַז די ווירטשאַפט פון דער פרוי דאַרף זיין איינגעאָרדנט פונקט אַזוי גוט ווי די ווירטשאַפט פונם מאַן?

וואָס ווערט אָבער פון אונזער פרוי ביי איצטיגע באַדינגונגען? — שטענדיג איז זי פאַרהאַוועט, תּמיד טראָגט זי דעם יאָך פון דער שווערער פּראַצע, זי האָט ניט קיין צייט הנאה האָבן פון אַ בוך, אָפט לייענט זי אַפילו ניט איבער די אַרבעטער־צייטונג. אַן אמת איז אַז דער חבר אין מושב האָט אויך קיין צייט ניט אַוועקזעצן זיך פלוצלינג איבער אַ בוך, ער טראָגט אויך דעם עול פון דער אַרבעט בייטאָג און ביינאַכט. די מענער אָבער האָבן פיל געלערנט אין זייערע יונגע יאָרן, און די פריערדיגע תּורה שפּייזט זיי אויך שפּעטער, די מייסטע חברים אונזערע קענען פון קינדוויייז אָן די העברעאישע שפּראַך און די ליטעראַטור, און קומענדיג קיין ארץ־ישראל פילן זיי זיך גלייך היימיש אין דער נייער קולטור.

און ווי האַלט דאָס מיט דער חבר׳טע? — ניט נאָר די עם־הארצות שטערט דער פרוי צוצופּאַסן זיך צום ארץ־ישראל׳דיגן לעבן — זי איז נאָך דערצו אַ מאַמע פון קליינע קינדער. זי איז ניט נאָר „פאַרנומען״ מיט אירע קינדער — זי איז מיטן גאַנצן לעבן אַריינגעטאָן אין זיי, און נאָר אין זיי. דער מאַן אָבער, ווי טריי ער זאָל ניט זיין צו די קינדער און צו דער ווירטשאַפט — אין דעם מאָמענט וואָס ער רייסט זיך פון זיי אָפּ איז ער אַ באַפרייטער מענטש, ער גייט גלייך אַריבער צו אַנדערע אינטערעסן — געזעלשאַפטלאַכע אָדער קולטורעלע, און ער באַהערשט זיי פונקט ווי ס׳וואָלט גאָר קיינמאָל ניט געלעגן אויף אים קיין שווערער יאָך.

און אין דעם זין איז דוכט זיך ניטאָ קיין גרויסער אונטערשיד צווישן דער פרוי אינם מושב און אין דער קבוצה. צי די פרוי אַליין האָדעוועט אירע קינדער אָדער זי גיט זיי איבער אין די הענט פון דער ערציערין, — זי בלייבט סיי ווי פרוי און מוטער. נאָר אַמאָל דוכט זיך מיר, אַז ווען די פרוי וואָלט אַריין אין פאַמיליען־לעבן מיט אַ גרעסערן גייסטיגן פאַרמעגן, וואָלט זי אויך שפּעטער, אַלס מוטער, אַזוי ניט דערוויטערט געוואָרן פון דער אַרומיגער וועלט.

איך וויל נאָך באַרירן די פראַגע וועגן קעגנזייטיגער הילף צווישן די פרויען פון מושב. צוקוקנדיג זיך צו אונזער לעבן, האָב איך געזען, אַז מייסטנס ווערן ביי אונז אָפּגעשוואַכט יענע חבר׳טעס וואָס האָבן קליינע קינדער. און ווען אַזאַ פרוי מוז אויף אַ לענגערע צייט אַוועקגיין אין שפּיטאָל אָדער אין אַ ערהוילונגס־היים, שטעלט זיך די פראַגע: ווער וועט זיך אָפּגעבן מיט אירע קליינע קינדער? אונזער קעגנזייטיגע הילף באַשטייט געוויינלאַך אין דעם, אַז ווען אַ פרוי איז קראַנק קומט צו איר אַלע טאָג אַן אַנדער חבר׳טע אַכטונג געבן אויף אירע קינדער. אין פאַל פון אַ לענגערער קראַנקייט קאָן אָבער אַזאַ מין הילף ניט קומען מער אין באַ־טראַכט. מוז די קאָמיסיע פאַר קעגנזייטיגע הילף דינגען אויף איר חשבון אַ פרעמדן מענטשן. דאָס אָבער איז אויך ניט דער ריכטיגער אויסוועג, ווייל ערשטנס ליידן דערביי אָפט די קינדער, און צווייטנס — ווילן מיר זיך ניט באַנוצן מיט געדונגענער אַרבעט.

פאַר אַזעלכע פאַלן וואָלט גוט געווען אַ בשותפות׳דיגער קינדער־היים. אַזאַ קינדער־היים האָט געדאַרפט אויסגעבויט ווערן ביים צענטראַלן אַרבעטער שפּיטאָל אין עמק, און די קאָמיסיעס פאַר קעגנזייטיגע הילף וואָס עקזיסטירן אין אַלע מושבים דאַרפן געבן צושטייער אויף אויסצוהאַלטן דעם אַנשטאַלט. זאָל די מועצת־הפּועלות זיך פאַרנעמען מיט דער פראַגע זאָל זי אויסאַרבעטן דעם פּלאַן פאַר אַזאַ קינדערהיים און פאָרלייגן דעם פּלאַן אַלע פאַראינטערעסירטע קרייזן.

ס׳וועלן דורכגיין עטלאַכע יאָר, די קינדער אונזערע וועלן אונטערוואַקסן, די ווירטשאַפט וועט זיך שטעלן אויף די אייגענע פיס, — און דאַן וועט ווערן גרינגער דאָס לעבן.

פון אונזערע זין און טעכטער וועט אויסוואַקסן די אידישע פאַמיליע, וואָס וועט זיין טיף איינגעוואָרצלט אינם אייגענעם באָדן. און דאַן וועלן אַליין פון זיך פאַרענטפערט ווערן די אַלע שווערע פראַגן וואָס איצט באַמיען מיר זיך אומזיסט צו געפינען אויף זיי די ריכטיגע תשובה.

נהלל   שושנה רעכטהאַנט־יָפה

אויף א הויף אין נַהלל

אין נַהֲלַל

אַז איך קוק זיך אַרום אויפֿן נאָענטן עָבר, אויף די זיבן דורכגעלעבטע נַהֲלַל׳ער יאָרן, זע איך, אַז קיין שום אויסערגעוויינלאַכע זאַך האָט בײַ אונז ניט פּאַסירט — מער ניט, ווי דעם מענטשנס האַנט האָט דאָ עפּעס באַשאַפֿן. איך געדענק, ווי אויפֿן ברעג פֿון אונזער טײַך זײַנען אַ זעמדעלע צו אַ זעמדעלע אויסגעוואַקסן בערג. אַזוי איז אויסגעוואַקסן אין מײַן אייגענעם לעבן, פֿון קערנדלאַך שווערער לאַנגזאַמער אַרבעט, אַ ווירטשאַפֿט מיט איר אייגענער געשטאַלט און אינהאַלט, איז אויסגעוואַקסן אַ פֿאַמיליע מיט איר אייגענער טראַדיציע. מעגלאַך אַז אַ מענטש איז מגזם בשעת ער דערציילט פֿון זײַן עָבר, אָבער מיר איז קלאָר אַז פֿאַר די גאַנצע יאָרן אין נהלל האָב איך אויף איין מינוט ניט פֿאַרגעסן, אַז איך בין אַ בעל־הבית׳טע פֿון אַ ווירט־שאַפֿט, אַ פֿרוי און אַ מוטער פֿון קינדער.

גאַנץ נַהֲלַל האַלט זיך אויף דער פֿאַמיליע — דאָס איז איר אינער־לאַכער מהות. אֶפֿשר זעט עס אויס משונה׳דיג וואָס מענטשן בויען אַ נײַעם בנין אויף אַ פֿונדאַמענט, וואָס וואַקלט זיך שוין, און פֿונדעסטוועגן שלינגט ניט איין דאָס נהלל׳ער לעבן די פּערזענלאַכקייט פֿון דער פֿרוי, נאָר פֿאַרקערט — ער מאַכט זי בולט׳ער, ער רוקט זי אַרויס.

די פֿאָרם פֿון אונזער דאָרף איז אַ צענטער און אַרום אים אַ קרײַז, און אָט די פֿאָרם איז ווי אַ סימוואָל פֿון אונזער גאַנצן לעבן. אין צענטער שפּיגלט זיך אָפּ דאָס געזעלשאַפֿטלאַכע לעבן. דאָרטן קלײַבן זיך אסיפֿות, עס זיצן קאָמיסיעס, דאָרטן באַשטעטיגט מען תּקנות און מען זוכט אַ לעזונג פֿאַר פּראָבלעמען. אַ באַזונדער קאָמיסיע איז בײַ אונז געזעסן בײַטאָג און בײַנאַכט און האָט אויסגעאַרבעט דעם פּלאַן פֿאַרן נײַעם לעבן אין אַ אידישן דאָרף. און אין אָט דער גאַנצער אָנגעשטרענגטער אַרבעט האָט זיך ניט געפֿילט קיין אָנטייל פֿון דער פֿרוי.

די פֿאַמיליעס האָבן דאַן געלעבט אין הילצערנע באַראַקן, וואָס האָבן אַלע געהאַט איין פּנים. פֿון איין באַראַק ביזן צווייטן — אַ צוואַנציק מעטער, און אין יעדן באַראַק האָט געוואוינט אַ פֿאַמיליע מיט פּיצלאַך קינדער. דאָס איז געווען די שווערסטע צײַט אינם לעבן פֿון אונזער פֿרוי. די מענער האָבן געאַרבעט צוזאַמען, אינאײנעם געאַקערט די פֿעלדער, וואָס זײַנען נאָך דאַן ניט צעטיילט געוואָרן צווישן די חברים, און אינאײנעם דורכגעפֿירט די

גראַנדיעזע אַרבעט פון אויסטריקענען די זומפּן אין דער גאַנצער נהלל׳ער געגנט.

קיין קי האָט מען נאָך ניט געקויפט. דער גאָרטן איז אַן אַ צוים און אָן וואַסער; מען טיילט די פּראָדוקטן לויטן צאָל פון די נפשות און קוים וואָס עס קלעקט צום לעבן. מען ציטערט איבער אַ טראָפּן נאַפט און אייל. ביז די פרוי קריגט אַלץ וואָס זי דאַרף, ביז זי גיט אָפּ די קינדער עסן, ביז זי קלייבט אָן טרוקענע צווייגן אויף אָנצוװאַרעמען װאַסער, ביז זי וואַשט אַרום די קינדער און לייגט זיי שלאָפן, ביז זי פאַרשטעקט אַלע לעכער און שפּאַלטן אין די טירן און ווענט — און שוין איז פאַרגאַנגען דער שווערער אַרבעטס־טאָג.

און שפּעטער, ליגנדיג אין בעט פלעג איך טראַכטן — „מאָרגן ווייטער דאָס זעלבע״. און איין געדאַנק האָט ניט געלאָזן רוען: וועלכער כּוח צווינגט מיך צו שטיין טאָג־טעגלאַך אויף דער וואַך פון מיינע קליינינקע פּריוואַטע אינטערעסן? וואו איז דער פּאָדים וואָס האַלט מיך צוגעבונדן? און צי וועט ער זיך גאָר ניט איבעררייסן אַ מאָל, דער פּאָדים?

יענע צייט האָט ניט לאַנג געדויערט, אָבער זי געדענקט זיך, אַזוי ווי ס׳געדענקט זיך אַן אונערטרעגלאַכער חמסין־טאָג אינם הייסן עמק הירדן.

די ערשטע פּראָדוקטיווע פרויען־אַרבעט אין נהלל איז געווען דאָס האָדעווען גענז. פּאַר וואָס דווקא גענז — געדענק איך שוין ניט, נאָר מיר האָבן זיך אַלע אָנגעכאַפּט אָן דעם מיט גרויס התלהבות, הגם קיין סך נחת פון דער אַרבעט האָט מען ניט געהאַט, איך — געוויס ניט. גענז האָבן ליב פרייהייט, אומאָרדנונג, געזעלשאַפט. אַריינטרייבן זיי יעדן אָוונט אַהיים, און נעמען זיך אָפּטיילן „מיינע״ פון „פרעמדע״ — איז גאָר ניט קיין גרינגע און קיין אַנגענעמע מלאכה. אָבער אַן אַנדערסמאָל אַז כ׳פלעג אַרויסגיין אין אָוונט אויפן הויף און דערזען די ווייסע פלעקן אויפן טונקעלן פאָן פון דער נאַכט און דערהערן ווי זיי שרייען זיך איבער צווישן זיך מיט גאָרגל־דיגע שטימען, — האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך הער דעם ערשטן גרוס פון דער יונגער ניי־געבוירענער ווירטשאַפט און אַ וואַרעמע האָפנונג פלעגט פאַרפלייצן דאָס גאַנצע האַרץ.

אַזוי איז דורכגעלאָפן די ערשטע צייט אָן באַפרידיגונג און אָן נייער שאַפונג. ביז ס׳איז אָנגעקומען דאָס ערשטע געלט אויף צו בויען די ווירט־שאַפט. מען האָט געקויפט קי, הגם אַראַבישע, וואָס פאַרגיסן ניט מיט מילך,

אָבער פאָרט קי — זיי בעטן עסן, מען הערט זייער מעקען אין שטאַל און ס׳באַווייזט זיך אַמאָל מילך אין טעפּל.

מען האָט אָנגעהויבן פלאַנצן סעדער און וויינגערטנער, האָדעווען הינער און ענדיקעס, זייען און באַוואַסערן גרינס. אַלץ אַרום האָט געקאָכט, געלעבט, אַלץ האָט פאַרלאַנגט הענט און קאָפּ. די אַרבעט האָט איינגעשלונגען אַלע געדאַנקען, אַלע פאַרלאַנגען.

ס׳זיינען געקומען יאָרן פון וואַקסן! ס׳וואַקסן די קינדער, ס׳וואַקסט די צאָל פון די קעפּ אינם שטאַל, ס׳ווערט אַלץ מער הינער אין שטייג, ס׳ציען זיך אין דער הויך די שפּיצן בוימער אין סאָד, און ווייט שפּרייטן זיך פאַנאַנדער די צווייגן פון וויינשטאָק אין כּרם.

די אֶמֶת׳ע שאַפנדיקע אַרבעט האָט אויפגעעפנט פאַר דער פרוי איר גרויסע פרייע וועלט.

נהלל ד. ד.

דער מֶשֶק הַפּוֹעֲלוֹת אין נַחֲלַת־יְהוּדָה

אונז, די חלוצות פון דער דריטער עליה (1923־1919) איז שווער געווען צו באַגרייפן די אַרבעטאָרינס־באַוועגונג אין ארץ־ישראל. מיר זיינען אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אויף דער רוסישער רעוואָליציע, אין דער צייט ווען די פרוי האָט איינגענומען וויכטיגע עקאָנאָמישע און קולטורעלע פּאָזיציעס; און אונז האָט זיך געדוכט, אַז ס׳איז שוין אויף אייביג איינגעפאַלן די וואַנט וואָס צושיידט צווישן דער פרויען־און דער מענער־אַרבעט. דעריבער איז פאַר מיר געווען אַזוי אומגעריכט צו טרעפן אין ארץ־ישראל אַ באַזונדערע אַרבעטאָרינס־אָרגאַניזאַציע מיט באַזונדערע פרויען־ווירטשאַפטן. אויב די אַלע אַרבעטס־צווייגן, וואָס זיינען דאָ אין די מִשקֵי־הפּוֹעֲלוֹת, געפינען זיך אויך אין די אַלגעמיינע ווירטשאַפטן, איז צוליב וואָס דאַרף מען אַ מֶשֶק פאַר זיך? אין אַ קורצע צייט אַרום האָט מיך אָבער די ארץ־ישראל׳דיגע ווירקלאַכקייט אויסגעלערנט צוגיין צו דער פרויען־פראַגע גאָר אויף אַן אַנדער אופן.

קומענדיג אין לאַנד בין איך אַוועק אַרבעטן אין איינע פון די גָליל׳ער קבוצות. ווי גרויס איז געווען מיין אַנטוישונג, אַז כ׳האָב דאָרטן דערזען ווי באַשרענקט איז דער פלאַץ, וואָס די חבר׳טע פאַרנעמט אין איר קבוצה און ווי קליין איז איר הַשפָּעָה אויף דער בשותּפות׳דיגער ווירטשאַפט. און

ס׳האָט זיך ביי מיר אויפגעוועקט אַ סָפֵק — ווער ווייס, אויב די חבר׳טע אין דער קבוצה פאַרדינט גאָר אויף איר אייגענעם קיום, און צי טראָגט זי אַריין אין דער קבוצה דאָס וואָס זי קאָסט איר? און צי איז פאַר מיר ניט מער כּדאַי אומקערן זיך צו מיין פריערדיגער אַרבעט, ווערן צוריק אַ לערערין? דאַן וועל איך זיכער זיין, אַז מיין אַרבעט איז פּראָדוקטיוו און כ׳וועל ניט פילן קיין שום נַפְקָא־מִינָה צווישן מיר און דעם חבר. מען האָט מיר פאַרגעלייגט אַריבערגיין אַלס לערערין אין אַ גרויסע קבוצה, וואו ס׳איז דאָ אַ קינדער־שול. איך האָב צוגעזאָגט געבן אַ תשובה און בין דערווייל אַוועקגעפאָרן אין תל־אביב.

אויפן וועג בין איך פאַרפאָרן אינם מֶשֶק הַפּוֹעֲלוֹת אין נַחֲלַת־יְהוּדָה. די אַרבעט פון די חבר׳טעס האָט אויף מיר געמאַכט אַ גוואַלדיגן רוֹשֶם. זיי האָבן אַלץ געטאָן אַליין אָן קיין שום הילף און האָבן דערפילט אַלע פאַראַנטוואָרטלאַכע אויפגאַבן ניט ערגער ווי די חברים טוען עס אין די אַלגעמיינע ווירטשאַפטן. האָב איך באַשלאָסן נאָך אַ מאָל צו פּרובן מיט דער לאַנד־אַרבעט. די חבר׳טע חַנָה טשיזשיק, וואָס האָט דאַן אָנגעפירט מיטן משק אין נחלת־יהודה, האָט מיר פאָרגעשלאָגן אַ האַלבן טאָג צו אַרבעטן און אין אָוונט לערנען די חבר׳טעס העברעאיש. איך האָב מַסְכִּים געווען.

מיר האָבן געאַרבעט אין שווערע באַדינגונגען. דער משק האָט באַקומען וואַסער פון דער קאָלאָניע נחלת־יהודה. קיין אייגענע ציסטערנע און קיין וואַסער־טרויבן האָבן מיר ניט געהאַט. איך מיט נאָך אַ חבר׳טע האָבן פון באַגינען ביז שפּעט אין דער נאַכט געשלעפּט בלעכן וואַסער פון די פּעסער צו די בייטן און אַ באַזונדערן מענטשן האָט מען גענדאַרפט האָבן, כּדי לויפן אַלע ווײַלע צום וַעַד פון דער קאָלאָניע און טַענה׳ן און קריגן זיך מיט זיי פאַר די וואַסער. ווי ס׳איז נאָר געווען עפּעס אַ סִכְסוּך צווישן וַעַד און אונזער משק — גלייך הערן זיי אונז אויף צו געבן וואַסער. זאָלן די יונגינקע בוימעלאַך אויסגיין פון דורשט און טריקעניש! און די חבר׳טעס לויפן אַרום אָן קעפּ. ס׳פלעגן זיך טרעפן טעג אַז מען האָט געמוזט פירן וואַסער פון ראשון־לְצִיוֹן, כּדי צו באַגיסן די מַשְתֵּלָה און אָנטרינקען די בהמות מיט די עופות. דער זומער איז ביי אונז תמיד געווען אַ ביטערער, און נאָר ווינטער, אין דער רעגנס־צייט, פלעגן מיר פריי אָפּאָטעמען.

און וויפיל צָרוֹת מיר האָבן ניט געהאַט אויסצושטיין, איז אונזער אַרבעט פאָרט געווען פול מיט לעבן און אינהאַלט. די קאָלאָניסטן פון אַרום פלעגן קומען זען „די אַרבעט פון די חלוצות״ און האָבן אונז געלויבט אין

ביי די קי — משק הפועלות אין נחלת־יהודה

טאָג אַריין. ס׳איז אַ פרייד געווען צו קוקן אויף אונזער מַשתֵּלה, און דער מֶשֶק האָט זיך באַלד ערוואָרבן אַ נאָמען פון אַ מוסטער־ווירטשאַפט. די חבר׳טעס האָבן געגלויבט אין זיך און אין דעם וועג וואָס זיי לייגן דורך פאַר דער אַרבעטער־פרוי.

איך פלעג אַרבעטן אַ גאַנצן טאָג און אין אָוונט פלעג איך לערנען מיט די מיידלאַך. די אַרבעט און דאָס לערנען זיינען ביי אונז געווען איינס: בעת מיר האָבן אין אָוונט געלערנט די שפּראַך פון דער ארץ־ישראל׳דיגער אַרבעטער־ליטעראַטור, האָבן מיר געפילט דעם אָפּקלאַנג פון דעם וואָס מיר האָבן אַליין איבערגעלעבט בייטאָג, ביי דער אַרבעט.

ווינטער האָבן מיר פאַרקויפט די מַשתֵּלה און דער באַלאַנס האָט באַוויזן אַז דער מֶשֶק ברענגט פּראָפיט. אויב אַזוי, איז דאָך דער עיקר דערגרייכט — די חבר׳טעס אין מֶשֶק קענען לעבן פון זייער אייגענער אַרבעט!

אויסער וואַסער האָט דעם מֶשֶק געפעלט נאָך באָדן. מיר האָבן געהאַט פינף און צוואַנציק דונאַם פונם נאַציאָנאַל־פאָנד; אויף אונזער גרעניץ אָבער זיינען געלעגן נאָך זעכציק דונאַם, וואָס דער נאַציאָנאַל־פאָנד האָט זיי געזאָלט קויפן און איבערגעבן דעם מֶשֶק. דערווייל פלעגן מיר צודינגען באָדן ביי אַראַבער אָדער ביי ראשון־לציון׳ער קאָלאָניסטן. דערציילן ווי אַזוי ס׳איז געקויפט געוואָרן דער באָדן פאַרן מֶשֶק אין נַחלַת־יהודה איז אַ לאַנגע מַעשה, וואָס האָט כּמְעַט איר גלייכן ניט אין דער ארץ־ישראל׳דיגער אַרבעטער־געשיכטע.

אין קורצן איז די זאַך געווען אַזוי. זייט ס׳איז געגרינדעט געוואָרן די אַרבעטאָרינס־קבוצה אין נחלת־יהודה (1922) האָט מען ניט אויפגעהערט צו פירן אונטערהאַנדלונגען וועגן קויפן די זעכציק דונאַם, וואָס האָבן גע־פעלט דעם מֶשֶק. דערווייל איז די עקאָנאָמישע לאַגע פון דער קאָלאָניע נחלת־יהודה געוואָרן אַלץ ערגער; דאָס האָט געבראַכט צו פיל אינערלאַכע סִכסוכים און קריגערייען צווישן די קאָלאָניסטן, און זייער פאַרביטערונג פלעגן זיי אָפּט אויסלאָזן צו אונז.

אַז מיר האָבן דערזען אַז די מַשתֵּלה, וואָס אויף איר האָט זיך געהאַלטן די גאַנצע ווירטשאַפט, איז אין געפאַר — האָבן מיר אַוועקגעשיקט צוויי חבר׳טעס קיין ירושלים, צום מֶרכָּז חַקלָאי (צענטראַלע פון דער לאַנד־אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע) און צו דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, מיט דער פאָדערונג מען זאָל אונז גלייך אויפבויען אַ באַזונדער ציסטערנע. דאָס מאָל האָבן מיר אויסגעפירט. דאָס רוב פלעגן מיר אָנפילן די אייזערנע ציסטערנע אין אָוונט, ווען די קאָלאָניע באַוואַסערט ניט, און דאָס וואַסער פלעגט אונז סטאַיען אויף צוויי־דריי טעג. ס׳איז אונז גרינגער געוואָרן.

אָבער די גרונד־פּראַגע, די פראַגע פון באָדן, איז נאָך ניט געלעזט געוואָרן און די אונטערהאַנדלונגען זיינען געוואָרן פון טאָג צו טאָג אַלץ שווערער, ביז די בעלי־הבתים פון באָדן האָבן פאַרדאָפּלט דעם פּרייז. אָבער אַזוי טייער צו צאָלן איז ניט מַסכּים געווען דער קֶרֶן־הַקַיֶמֶת. געגנוג כּוחות און מי האָבן מיר אַוועקגעלייגט, ביז דער מַשָׂא־וּמַתָּן האָט זיך געענדיגט און מען האָט אָפּגעקויפט דעם באָדן. מיר האָבן די אויגן אויסגעקוקט אויפן זומער, בעת מען וועט שוין קענען דורכגיין די ערד מיטן טיפן אַקער און אויפן געקויפטן באָדן מאַכן דעם גאָרטן און אַ טייל פון דער מַשתֵּלה, פאַר־פלאַנצן אַ פַּרדֵס מיט אַ וויינגאָרטן און פאַרזייען גראָז פאַר די קי און עוֹפוֹת.

ס'איז אָבער דערפאַר אַזוי גרינג געוואָרן צו אַרבעטן נאָך דעם ווי מען האָט געקויפט דעם נייעם באָדן — אַזוי ווי פליגלען וואָלטן אונז אויסגע־וואַקסן! מיר האָבן גאָרניט געפילט אַז מיר אַרבעטן אין מֶשֶק נאָר צייטווייליג, אַז ס'וועט קומען אַ טאָג ווען יעדערע פון אונז וועט אַוועק פון דאַנען אויף איר שטענדיגן פּלאַץ. ביי אונז איז די אַרבעט געווען דער עִיקר און אין פאַרגלייך מיטן עיקר — מיטן היינט — האָט קיין מַמָשות ניט געהאַט ניט דער נעכטן און ניט דער מאָרגן. ביי מיר איז נאָך דערצו געווען אַן אומבאַשטימטער געפיל, אַז אין דער אַלגעמיינער ווירטשאַפט וועט מיך איינשלינגען דער גרויסער מעכאַניזם מיט דער פעסטער טראַדיציע, און ס'וועט ביי מיר פאַרלוירן ווערן די פרייד פון זעלבשטענדיגער אַרבעט.

עס האָט שוין געדאַרפט קומען דער טראַקטאָר צו אַקערן אונזער נייעם באָדן — מיר האָבן שוין געחַתמ'עט אויפן קאָנטראַקט — זיינען זיך מיַשֵב עטלאַכע קאָלאָניסטן און שמועסן איין זייערע איבעריגע חברים, מען זאָל אונז ניט לאָזן אַקערן, ווייל זיי פעלט אויך אויס באָדן און וועגן דעם דַאגה'ט קיינער ניט. וועלן זיי ניט לאָזן אַקערן, ביז מען וועט זיי ניט קויפן קיין באָדן! דער טראַקטאָר איז געקומען. די קאָלאָניסטן זיינען אים אַרויס אַנטקעגן און האָבן אים ניט געלאָזן אַ ריר טאָן פונם אָרט. מען האָט געפּרובט מיט זיי ריידן מיט גוטן און מיט בייזן, נאָר ס'האָט גאָרנישט ניט געהאָלפן. דער טראַקטאָר איז אומזיסט אָפּגעשטאַנען עטלאַכע טעג אין פעלד און האָט זיך אומגעקערט מיט גאָרנישט. ביי אונז אין שטוב איז געוואָרן אַ טרויער ווי ביי אַן אָבֵל — צובראָכן אַלע האָפנונגען!

אין אַ יאָר אַרום האָט מען צוגעקערט דעם באָדן און אַ חֵלֶק אָפּגעגעבן דער קאָלאָניע — און ערשט דעמאָלט האָט מען אָנגעהויבן צו פאַרווירקלאַכן דעם גאַנצן פּלאַן פונם מֶשֶק.

עין־חרוד

מִרְיָם שלימאָוויטש

די טאַבאַק־קבוצה

אַז די תּל־אביבֿ׳ער בוי־קבוצה פֿון אַרבעטאָרינס, וואָס האָט זיך אַ נאָמען געגעבן „דבֿוֹרה״, האָט געענדיקט בויען דאָס הויז פֿונעם חבֿר מ., האָבן די חבֿר׳טעס אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַ תּכלית פֿאַר זייער קבוצה. ס׳איז זיי שווער געווען אָפּצוטרעטן פֿון דער לעצטער פּאָזיציע אין דער בוי־אַרבעט, וואו ס׳האָבן זיך נאָך געהאַלטן אַרבעטאָרינס. די בוי־אַרבעט איז אָבער געוואָרן אַלץ ווייניקער און דער פֿאַרלאַנג נאָך לאַנדווירטשאַפֿט איז אַלץ געוואַקסן אין האַרצן. און אַז ס׳איז דערגאַנגען צו אונדז דער פּלאַן צו גרינדן אַן אַרבעטאָרינס־קבוצה אויף צופּלאַנצן טאַבאַק אין כּפֿר־תּבֿור (מֶסחה) האָבן מיר זיך אָנגעשלאָגן דעם מֶרכּז חַקלָאִי. אין עטלאַכע טעג אַרום האָט מען אונדז אויסגעריכט קיין כּפֿר־תּבֿור.

אַ וועג האָבן מיר געהאַט — אַ פֿאַרפּלאָנטערטן. די חבֿר׳טעס זיינען צוזייט און צושפּרייט געוואָרן אויף שִׁבעה דְרָכִים און ערשט נאָך גרויס מי און וואָגלעניש, זיינען מיר אָנגעקומען — ווער צו פֿוס און ווער מיטן פֿור — אין כִּסלֵו תּרפּ״ד (סוף 1923) — קיין כּפֿר־תּבֿור.

דער פּלאַן פֿונעם מרכּז חקלאי איז געווען — צו שאַפֿן אין כּפֿר־תּבֿור אַן אַרבעטאָרינס־קבוצה לויטן מוסטער פֿון די מִשקי פּוֹעלוֹת אין יהודה: גרינס, מילכווירטשאַפֿט און הינער, מיט דעם חִילוק נאָר וואָס דער הויפּט־צווייג זאָל זיין ניט די בוים־פּלאַנצונגען ווי אין די משקי פּוֹעלוֹת אין יהודה, — נאָר טאַבאַק. לויטן פּלאַן האָבן געדאַרפֿט זיין אין אונדזער קבוצה צוואַנציק חבֿר׳טעס. און אַזוי ווי דאָס צוגרייטן פֿון דער מַשתֵּלה פֿאַרן נייעם טאַבאַק הויבט זיך ערשט אָן אין פֿרילינג, דאַרפֿן מיר דערווייל אַרבעטן ביי די קאָ־לאָניסטן — בינדן זייער טאַבאַק פֿון פֿאַראַיאָרן. אַזוי האָט דער מֶרכּז חַקלָאִי אָפּגעמאַכט מיט דער פֿאַראייניקונג פֿון די גָליל׳ער קאָלאָניסטן. די דירה אונדזערע וועט זיין אין אַ גרויסן הילצערנעם באַראַק, דער באַראַק — אַזוי האָט מען אונדז צוגעזאָגט — געפֿינט זיך שוין אויפֿן פּלאַץ און מען דאַרף אים נאָר אויפֿשטעלן. באָדן האָט מען געדונגען ביי אַ קאָלאָניסט, מיט דער אַרבעט ביים טאַבאַק וועט אָנפֿירן איינער פֿון די געניטע היגע אַרבעטער. די איבעריקע פּרָטים וועלן קלאָר ווערן אויפֿן אָרט.

דער אָנהויב אונדזערער איז שוין גלייך געווען ניט קיין גוטער. פֿון בינדן טאַבאַק ביי די קאָלאָניסטן איז גאָר קיין רייד ניט געווען. די

אַרבעטער וואָס זיינען פון לאַנג געווען אין כּפר־תּבֿור האָבן זיך אויך קוים געקאָנט דערשלאָגן צו דער אַרבעט. דער באַראַק וואָס „וואַרט אויף אונז" — איז אויפן הימל אַ יריד. און דאָ הויבן זיך אָן די רעגנס. קיין פּאַסענדער פּלאַץ פאַר דער ווירטשאַפט איז נאָך אויך ניטאָ: דער באָדן וואָס איז געדונגען געוואָרן ליגט צו ווייט פון דער קאָלאָניע, און אין דער קאָלאָניע גופא איז ניטאָ קיין ליידיגער אָרט. מיר האָבן גלייך דערפילט אַז דער גאַנצער פּלאַן איז אַ חלום. צו וואָס זשע האָט מען אונז אַהער אַראָפּגעבראַכט ?..

די חברים פונם מרכּז חקלאי זיינען צו אונז געקומען און האָבן באַשטימט די פּרטים פונם ווירטשאַפטס־פּלאַן און די קוועלן פון אונזער ביודזשעט. ס'איז אַסיגנירט געוואָרן געלט אויף צו קויפן בהמות און היינער. פאַר די חבר'טעס אַליין האָט מען באַשטימט אַ סכום — נאָר כּדי דאָס לעבן צו דערהאַלטן: אַנדערטהאַלבן פונט אַ חודש אויף אַ מענטשן. דער ביודזשעט האָט זיך געזאָלט צוזאַמענשטעלן פון אַנאַדערויף אויפן חשבון פון אונזער צוקונפטיגן טאַבאַק, פון פופציק פונט אַ הלוואה אויף אויפצושטעלן די באַראַקעס, און צו צוועלף פונט אויף יעדער חבר'טע האָט אַסיגנירט די ציוניסטישע עקזעקוטיווע.

אַזוי בערך האָט אויסגעזען דער פאָרשלאַג. דאָס לעבן האָט אָבער געגעבן אונזער קבוצה גאָר אַן אַנדער פּנים.

לויטן פּלאַן האָבן מיר דאָך געדאַרפט די ווינטער־חדשים לעבן פון בינדן טאַבאַק אין דער קאָלאָניע. אַז ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט אַז בלויז עטלאַכע פון אונז וועלן זיין פאַרנומען ביים טאַבאַק, האָבן מיר געמוזט אָנהויבן זוכן אַרבעט ערגעץ אַנדערש. האָבן עס אָבער נישט געוואָלט ליידן יענע אַרבעטער, וועלכע זיינען שוין פון פריער געזעסן אין דער קאָלאָניע און זיינען אויך געווען אַרבעטסלאָזן. די באַציהונגען צווישן אונז זיינען געוואָרן גאָר ניט קיין גלאַטע: ביי זיי אין די אויגן האָבן מיר געגאָלטן פאַר פאַרדאגה'טע — עפּעס זאָרגט דאָך פאַר אונז דער מרכּז חקלאי און גיט אונז אויף דער הוצאה; זיי אָבער זיינען אָנגעוויזן נאָר אויף זיך אַליין און אויף זייער לוין־אַרבעט. דער סוף איז געווען אַז פון די ווינטער חדשים זיינען מיר אַרויס מיט אַ גרויסן חוב.

ערבֿ פּסח זיינען פיר חבר'טעס אונזערע אַריבער קיין טבֿריה — באַקן מצה. מיר האָבן געמיינט, אַז דורך דעם וועלן מיר אַרויסשלאָגן דעם שאָדן פונם ווינטער. דער דאָזיגער חלום איז אָבער אויך בטל געוואָרן. וואָלטן מיר

כאָטש געקאָנט פּטור ווערן פון דעם ביטערן מצה־באַקן און קומען צוריק קיין כּפר־תּבֿור! האָט אָבער די פֿאַראַנטוואָרטונג פֿאַר דער גאַנצער אַרבעט געטראָגן דאָס אַרבעטער־ביוראָ פון טבריה, און מיר האָבן דעריבער געמוזט אויסהאַלטן ביזן סוף!

אָט דאָס זיינען געווען אונזערע זייטיגע פּרנסות! מיר האָבן געמוזט שטענדיג אַרבעטן רעקאָרד־אַרבעט לויט נידעריגע פּרייזן. און אונזער טאָג־לוין איז אויך געווען געגוג קליין. דערווייליע אָבער איז די אייגענע ווירטשאַפט אויך ניט געשטאַנען און געוואַרט: זי האָט פֿאַרלאַנגט מען זאָל זיך מיט איר אָפּגעבן דווקא דעמאָלט, ווען מען האָט געקאָנט קריגן זייטיגע אַרבעט.

די גאַנצע צייט און ענערגיע אונזערע האָט איינגעשלונגען די משתּלה פון טאַבאַק. זי איז עס אָבער ווערט געווען. ס׳איז געווען די שענסטע משתּלה אין דער קאָלאָניע. זי איז רייף געוואָרן צו דער צייט און די געזונטע פלאַנצעלאַך האָבן זיך צוגענומען שיין אין פעלד. די קאָלאָניסטן האָבן נביאות געזאָגט אַז מיר וועלן „נתעשר״ ווערן. מבֿינים האָבן זיך געריכט אַז די פלאַנצעלאַך וועלן סטאַיען אויף הונדערט דונאַם באָדן, — אָבער קיין נחת האָבן מיר אפילו פון אָט דער שיינער משתּלה אויך ניט דערלעבט. זי האָט אונז אָבגענאַרט: זי האָט ניט געקלעקט אַפילו פֿאַר פופציק דונאַם. אָנשטאָט צו שיטן די זריעה מיטן האַנט, האָבן מיר געזייט שורות׳וויִיז, און צוויי דריטל באָדן איז אַוועק אין ניוועץ.

דעם ווינטער־גאָרטן איז לכתּחילה ניט באַשערט געווען קיין מזל — ווי ס׳איז דער שטייגער מיט אַ גאָרטן, וועלכן מען באַאַרבעט עקסטענסיוו, אויף אַ באָדן וואָס איז באַשטימט פֿאַר תּבֿואה. דערצו האָבן מיר נאָך פֿאַר־שפּעטיגט דעם סעזאָן. אַז די רעגנס זיינען שוין געקומען האָבן מיר נאָך ניט געקראָגן קיין זריעה פון קרויט און בלומענקרויט; די עטלאַכע בייטן מיט מערן, רעטאַך און רעדיסקעס זיינען ניט אויפגעגאַנגען, און ווען די קאַרטאָפל זיינען צייטיג געוואָרן, האָט מען זיי צו־גנבֿ׳עט.

פונם גאָרטן זיינען מיר אַרויס מיט גרויס שאָדן. ניט נאָר וואָס מיר האָבן ניט אומגעקערט די הוצאות פונם אַקערן (וועגן אונזער אייגענער אַרבעט איז שוין אָפּגערעדט) — נאָר מיר האָבן נאָך קוים־קוים אַריינגעבראַכט דאָס באַרע געלט, וואָס עס האָט אָפּגעקאָסט דאָס מיסט און די זריעה.

פונדעסטוועגן האָט די אַרבעט אינם גאָרטן געהאַט אַ טעם. אין די

שווערסטע טעג זיינען די בוריקעס מיט די טאָמאַטעס אויך געווען אַ הילף; און אין גאָרטן האָט מען אויך געלערנט עפּעס, דערהויפּט די וואָס זיינען ביז איצטער געווען גאָר ווייט פון ערד־אַרבעט.

מיט די באַראַקעס האָבן מיר די גאַנצע צייט געהאַט וואָס צו טאָן. מיר האָבן געפּלאַנעוועט אַראָפּברייינגען זיי איידער ס׳וועלן זיך אָנהויבן די גרויסע רעגנס און אויפשטעלן זיי דווקא בשעת ס׳וועט רעגענען, און ס׳וועט זיין דעריבער געגנוג ליידיגע צייט. דער פּלאַן אונזערער איז אָבער מקוים געוואָרן פונקט קאַפּויר: די באַראַקעס האָט מען געקויפט אין דער דער־בייאיגער אַראַבישער שטאָט דזשענין ערשט אין מיטן ווינטער; ברייינגען זיי אין דער רעגנס־צייט האָט געקאָסט טייער און געבויט האָט מען זיי דווקא אין אָנהויב פרילינג, ווען ס׳איז גראָד געווען אַ סך אַרבעט ביי די קאָלאָניסטן. קוים מיט צרות האָבן מיר באַוויזן אַוועקצושטעלן די באַראַקעס אויפן קהל׳שן פּלאַץ פון דער קאָלאָניע, איידער מ׳האָט אָנגעהויבן פּלאַנצן דעם טאַבאַק. די חבר׳טעס אַליין האָבן געלייגט דעם פונדאַמענט און האָבן געמאַכט די אינווייניגסטע בוי־אַרבעט.

פון דער צענטראַלער וואַסערטרויב אין כפר תבור האָבן מיר דורכגע־פירט רערן צו אונזערע באַראַקעס, אָבער נחת פון זיי האָבן מיר געהאַט נאָר אַ קורצע צייט, ווייל דער מאָטאָר פון דער קאָלאָניע האָט גראָד אויפגעהערט צו אַרבעטן.

פון די רעשטלאַך געהילץ וואָס זיינען אונז פאַרבליבן, האָבן מיר שפּעטער אויפגעבויט נאָך צוויי בנינים: אַ הינערשטייג פאַר די יונגע הינדעלאַך וואָס האָבן זיך דערוויל ביי אונז אויסגעפּיקט, און אַ שטאַל פאַר די בהמות. בכלל האָט אונזער קבוצה וואָס איז דאָך עפּעס אַמאָל געווען נאָענט צו דער בוי־אַרבעט, ניט אויפגעהערט צו בויען ביז צו איר לעצטן טאָג.

מיט די הינער האָבן מיר געהאַט מער הצלחה. האָדעווען הינער און הינדעלאַך איז ניט פון די גרינגע מלאכות, בפרט נאָך, ווען די הינער זיינען געבליבן אין אַ פרעמדן הויף און מיר האָבן פאַר זיי געצאָלט „דירה־געלט״. אָבער אין די הינער איז אַריין אַ מזל־ברכה: פון צען הינער זיינען מיר געבענטשט געוואָרן מיט זיבעציק הינדעלאַך. אייער האָבן מיר גראָד ווייניג וואָס געגעסן: צוערשט האָט מען זיי געלייגט אונטער די הינער, שפּעטער האָט מען זיי געדאַרפט געבן צו עסן די קליינע הינדעלאַך, און נאָכדעם האָבן די הינער זיך אויפגעהערט צו לייגן. נאָר ווען ניט דאָס ביסל אייער, וואָס מיר האָבן יאָ געהאַט פאַר זיך, און ווען ניט די

הינדעלאַך, — ווער ווייס וואָס ס׳וואָלט געוואָרן פון אונזערע חבר׳טעס, וועלכע האָבן זומער־צייט זיך געשמאַק אַ נעם געטאָן צום קרענקען.

קויפן קי פאַר דער קבוצה האָבן מיר אָנפאַרטרויט איינעם אַ קאָלאָניסט, אַ מבֿין. ער האָט ניט געקראָגן קיין קי אין אונזער געגנט און איז אַוועקגעפאָרן קיין גולן — אין עבֿר הירדן צו די בעדואינער, און פון דאָרטן האָט ער אונז אַראָפּגעבראַכט צוויי בהמות מיט צוויי קעלבער. דאָס זיינען געווען בהמות — שיינע, געזונטע און ווילדע, ווי דאָס לאַנד פון וואַנען זיי זיינען אָנגעקומען. איינע פון זיי האָט געהאַט אַ קאָפּ פון אַן אָגער און נאָר דער קוק אירער האָט שוין אָנגעוואָרפן אַן אימה.

די קי האָט מען געבראַכט איידער די באַראַקעס זיינען פאַרטיג געווען. מען האָט זיי דעריבער אויך געמוזט האַלטן אויף אַ פרעמדן הויף. אַרומגיין אַרום די ווילדע בריות איז געווען שווער, ניט אַלעמאָל האָבן זיי זיך געלאָזן מעלקן. ערשט אין אַ חודש אַרום האָבן זיי זיך אַ ביסל באַרואיגט. איז געוואָרן אויס פּאַשע, דער מאַאיס איז נאָך ניט צייטיג געוואָרן און אַן אַנדער עסן איז שווער געווען צו קריגן. און אַז ס׳איז קראַנק געוואָרן די חבר׳טע וואָס איז אַרום זיי אַרומגעגאַנגען און אַן אַנדער האַנט האָט זיי אָנגעהויבן מעלקן,-איז פון די בהמות עוואָרן אַ תל. זיי האָבן אויפגעהערט צו געבן מילך און זיינען געוואָרן אַזוי ווילד, אַז ס׳איז געווען סכּנת נפשות צוצוגיין צו זיי.

ביז ס׳האָט זיך שיר ניט געטראָפן אַן אומגליק: די חבר׳טע וואָס איז אַריין אין שטאַל מעלקן איז געפאַנגען געוואָרן צווישן דיביידע קי און האָט זיך בשום אופן ניט געקענט אַרויסרייסן פונם איינגן שטאַל. און די בהמות האָבן זיך אָן איר נוקם געווען פאַר זייער אָפּקומעניש פאַר דער גאַנצער צייט. איצטער איז שוין קיין ברירה ניט געווען. די ווילדע בהמה מיט איר קאַלב האָט מען פאַרקויפט דעם קאָלאָניסט, וואָס האָט זיי פריער געבראַכט פאַר אונזערטוועגן; די צווייטע בהמה, וואָס מיר האָבן באַלד נאָך דער מעשה אויפגעהערט צו מעלקן, איז געשטאַנען אין הויף ווי אַ פינפטע ראָד צום וואָגן. „די פינפטע ראָד" האָט אָבער געוואָלט עסן, און ערשט סוף יאָר זיינען מיר פון איר פּטור געוואָרן.

אַז די קבוצה איז בטל געוואָרן און יעדע פון אונז איז זיך אַוועק מיט איר וועג, איז אויך אַוועקגעגאַנגען דאָס ביקל „חיים־יענקל", — דאָס שיינע באַשעפעניש, וואָס איז אונז אַלעמען געווען איינגעבאַקן אין האַרצן.

ער איז אַוועק מיטן וועג וואָס פירט צו די גַנָבים פון שֵבֶט „זְבָחים", און האָט זיך שוין מער ניט אומגעקערט.

ווי געזאָגט, איז די הויפּט־אַרבעט אונזערע געווען דער טאַבאַק — ער האָט עס געדאַרפט אומקערן אונז דעם שאָדן פון אַלע איבעריגע גליקלאַכע „פּרנָסות".

מיר האָבן זיך געסטאַרעט אַרויסצוגעבן גוטע אַרבעט: געזאָרגט דערפאַר ס׳זאָל זיין גוטע זריעָה, מען זאָל ריכטיג פלאַנצן, און דער עיקר — ריכטיג רייסן און ריכטיג טריקענען די בלעטער.

ביים בלעטער־רייסן האָט מען געאַרבעט שווער און אָנגעשטרענגט, די חבר׳טעס פלעגן פאַרבלייבן אין פעלד פון באַגינען ביז פינסטער. דאָס עסן איז געווען שלעכט. צו דער אַרבעט פלעגט מען אַרויס אָן טיי, און ערשט צען דעם זייגער, — כּמעט נאָך אַ גאַנצן אַרבעטס־טאָג — האָט מען געגעסן אָנבייסן. די כּוחות זיינען אַלץ שוואַכער געוואָרן, אויפן פעלד זיינען וואָס ווייטער אַרויס אַלץ ווייניגער אַרבעטאָרינס, און די מאָס אַרבעט וואָס מען פלעגט אַרויסגעבן פאַרן טאָג האָט געהאַלטן אין איין פאַלן.

סוף זומער האָט זיך ביי אונז פאַרשפּרייט אַ נייע מין קרענק — סתּם „שוואַכקייט". מענטשן גייען אַרום מיט קליינע וואַרעמקייט, קוים וואָס מען האַלט זיך אויף די פיס, דער קאָפּ טוט ווי׳. שיקן אַזוינע חולאים אין שפּיטאָל האָט מען ניט געקענט, און ס׳האָבן געקלונגען ווי אַ שפּאָט דעם דאָקטאָרס עֵצות: „גוט עסן, אייער, מילך א. אַ. וו"...

צוליב די שלעכטע קעסט האָבן אונזערע קראַנקע ניט געקענט געזונט ווערן. אין אֶלול איז שוין שווער געווען צו געפינען אַ מיידל וואָס זאָל אימשטאַנד זיין צו אַרבעטן אין קיך. ווי איינע פלעגט נאָר פּרובן, פלעגט זי זיך באַלד אַנידערלייגן. די באַראַקעס אונזערע האָבן אויסגעזען ווי אַ שפּיטאָל.

ווען מיר זיינען געקומען קיין כּפר־תָּבור, זיינען אַלע געווען זיכער, אַז מיר וועלן דאָ מאַכן טייערע געשעפטן, און די קרעמער מיט די קאָלאָניסטן האָבן חֵשֶק געהאַט אונז צו באָרגן. אין עטלאַכע חדשים אַרום האָבן זיך די חובות געלאָזט פילן: מיר האָבן אונז דאָס קאַרגסטע עסן ניט פאַרגונען און יעדע איבעריגע פּרוטָה איז אַוועק צו די קרעמער פאַר חובות. פון יעדער אָנווייזונג, וואָס מיר האָבן באַקומען צו דעם בשותּפות׳דיגן שפּייכלער פון די גָליל׳ער קאָלאָניעס, האָט מען אַראָפּגערעכנט אויפן חֶשבּוֹן פון די שולדן. און אַז די קבוצה האָט אַלץ אָנגעהויבן איינקויפן גלייך אין טְבֶריָה, האָט מען געמוזט צאָלן חובות מיט די געקויפטע פּראָדוקטן.

ווי אַ צוגאָב צו אונזער גאַנצער לאַגע, האָט אונז נאָך געדריקט דאָס געפיל, אַז די מאָנער אונזערע זיינען טאַקע גערעכט.

און די קליינע חובות האָבן געפּייניגט מער פאַר די גרויסע. ס'זיינען געווען זאַכן, וואָס מען האָט זיך בשום אופן ניט געקענט באַגיין אָן זיי: מילך פאַר די קראַנקע, ווייץ, שטרוי פאַר די בהמות, פּאָדים א.אַ.וו. און דאָס אַלץ האָבן מיר געמוזט קויפן ניט פאַר מזומן געלט, נאָר אויף באָרג. דער שאָדן איז געווען אַ דאָפּלטער: בשעת'ן קויפן און בשעת'ן צאָלן. דאָס אויסבייטן איין פּראָדוקט אויף אַ צווייטן איז ביי אונז געוואָרן גאָר אַ גאַנצע פאַך־אַרבעט. ס'האָבן זיך אויסגעבילדעט חבר'טעס, וואָס זיינען געוואָרן אַזוי געניט אין דעם עסק, אַז אָן זיי האָט זיך די גאַנצע מאַשין ניט געקענט רירן פון אָרט. און מי און קאָפּ אויף די אַלע קאָמבינאַציעס האָבן מיר אַוועקגעגעבן אָן אַ שיעור — ס'דוכט זיך, אַז נאָר צוליב אַ נויט פון אַ קבוצה קען מען אַזוינס טאָן. די טאָג טעגלאַכע שווערע מלחמה פאַרן לעבן האָט אָבער טיף באַליידיגט די אידעע, צוליב וועלכער מיר זיינען אַוועק אין דאָרף.

באַשרייבנדיג די געשיכטע פון אונזער קבוצה האָב איך דאָ נאָך גאָרניט דערמאָנט די אַלע אויסערגעוויינלאַכע מדות, וואָס אונזערע חבר'טעס האָבן אַרויסגעוויזן בשעת אונזער שווערן צוזאַמענלעבן. די אַחריות פאַר דער אַרבעט האָבן געטראָגן אַלע. אונז אַלעמען האָט פאַרבונדן די ליבע צו דער אַרבעט, און אין די שווערסטע טעג איז דאָס געווען אונזער אַלעמענס פאַרמעגן, אונזער בשותפות'דיגע שפּראַך. אַלע אינאיינעם האָבן מיר הייליג אָפּגעהיט דאָס אייגנס פון דער קבוצה, ס'זאָל קיין קלייניקייט ניט גיין לאיבוד. און איינע מיט דער צווייטער האָט זיך חבר'יש גערעכנט ביים איינטיילן די אַרבעט, און דער עיקר — די גאַנצע צייט האָט מען פון קיינעם ניט געהערט קלאָגן זיך אויפן שווערן לעבן. אַז ס'פלעגן אָנקומען נייע חבר'טעס האָבן די אַלטע זיי גלייך אַריינגעפירט אין דער אַרבעט, און אין אַ קורצער צייט אַרום איז מער קיין חילוק ניט געווען צווישן אַלטע און נייע.

מיר זיינען אָבער פאַרוואָרפן געוואָרן אין אַ פּלאַץ, וואו ס'איז ניט געווען קיין אַרבעטערשאַפט, וואו ס'האָט געפעלט אַלץ וואָס ס'איז נויטיג פאַר אַ קולטור־לעבן. די וואָס זיינען אימשטאַנד געווען צו העלפן זייערע חבר'טעס אויפן קולטורעלן געביט זיינען געווען פאַרנומען מיט דער ווירטשאַפט. אויסשרייבן אַ צייטונג אָדער קויפן אַ בוך האָבן מיר זיך ניט געקענט פאַרגינען, און דאָס האָרעווען אָן אַ שיעור, אָן אַ באַשטימטער צייט,

האָט ניט דערלאָזן צו קאָנצענטרירן זיך אויף אַ גייסטיגער אַרבעט. אַ פּאָר מאָל האָט מען זיך אָנגענומען מיט כּוחות און געפּרובט עפּעס אָנהויבן טאָן, ס׳איז אָבער געווען נאָר אַן אומזיסטע אָנשטרענגונג.

ערשט נאָך דעם ווי ס׳איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן דער פּסק־דין אַז די קבוצה מוז בּטל ווערן, — ערשט דעמאָלט האָט מען זיך גענומען פאַרטיפן אין אַ בוך. עטלאַכע חבר׳טעס האָבן אָנגעהויבן לייענען גאָרדאָנען: ס׳האָט זיך געוואָלט, אויב ניט געפינען אַן עצה ווי אַזוי אויפהערןליידן, איז לכל הפּחות פאַרשטיין ריכטיג דעם טעם צוליב וואָס מען ליידט.

טובה יפה

דגניה ב׳

אויף אַ נייעם פּלאַץ

אַ קבוצה חבר׳טעס איז געקומען קיין בּן־שמן כּדי צו שאַפן דאָרט אַ נייעם משק־פּועלות. דער קרן־הקימת אָבער האָט איבערגעגעבן דעם באָדן, וואָס איז באַשטימט געווען פאַר אונז — דעם „יוגנט־דאָרף״ *). די קבוצה האָט דאַן באַשלאָסן אַריבערטראָגן דעם משק פון יהודה קיין עמק, אין דער געגנט פון דער שטאָט עפולה. מיר האָבן נאָך ניט אָפּגעשלאָסן אונזערע ענינים אין בן־שמן, און מען האָט שוין געמוזט איילן אָנצוהויבן די אַרבעט אין עפולה, כּדי ניט אָנווערן דעם סעזאָן.

אין עמק איז שוין געווען פרילינג. דער גאַנצער באָדן אונזערער איז אַן אָפּענער, פרייער שטח. און אונז האָט זיך גלייך געוואָלט אים אויספאָרשן לויט די ווילדע געוויקסן וואָס האָבן אים באַדעקט. מיר פלעגן נעמען די ערד אין האַנט, צורייבן זי אויף קליינע ברעקלאַך און האָבן געפילט דערביי, אַז מיר זיינען אויך צווישן יענע ווייניגע גליקלאַכע וואָס האָבן זוכה געווען היי־יאָר צו אַן אייגענעם שטיקל באָדן.

מיר זיינען געווען זאַלבעפינפט אין דער קבוצה, אַלע גוט פאַר׳חבר׳ט צווישן זיך. באַזעצט האָבן מיר זיך אין אַ פּועמדן באַראַק אויסערן שטאָט. מען האָט געמוזט צואיילן זיך מיט דער אַרבעט — באַמיסטיגן די ערד, אַקערן, זייען די זומערדיגע תּבואות און צוגרייטן דעם גאָרטן פאַר די פרילינגס־גרינס. די צייט איז געווען קורץ און צו טאָן — אַ סך. און מען האָט

*) דער גרויסער ערציערישער אנשטאלט, געגרינדעט אין בן־שמן דורך ח׳ ד״ר לעמאַן. (רעד.)

געאַרבעט אָנגעשטרענגט און לויט אַ באַשטימטן פּלאַן. כ׳געדענק אַז מיר זיינען אַזוי פאַרטאָן געווען אין באַמיסטיגן די ערד, אַז אָנשטאָט אַן „אַרבעטס־טאָג״ האָט מען ביי אונז געזאָגט: „זעקס וועגענער מיסט״. דאָס איז געווען אונזער מאָס פון צייט.

ס׳זיינען צו אונז צוגעקומען נאָך דריי חבר׳טעס און מיר האָבן געוואוינט נאָך אַלץ אין דעמזעלבן באַראַק. די איינגעשאַפט און די אומבאַקוועמ־לאַכקייט איז געווען ניט צו דערהאַלטן. נאָר אונזער באַציהונג צו זיך אַליין איז געווען ווי צו מענטשן וואָס האָבן צו ערפילן אַ וויכטיגע אויפגאַבע אין לעבן, און וואָס צוליב דעם מוזן זיי זיך לערנען ליידן. דערפאַר האָט אונז געגעבן אַזוי פיל באַפרידיגונג דער געפיל אַז ס׳איז אונז שווער, אַזוי ווי ס׳איז אַמאָל שווער געווען די ערשטע חבר׳טעס אין לאַנד.

צו ביסלאַך האָבן מיר אויפגעשטעלט אַ באַראַק אויף אונזער אייגענעם באָדן. ס׳שטייט אונזער הייזל אויף אַן איינזאַמען אָרט, אויפן וועג וואָס פירט צו דער אַראַבישער שטאָט דזשענין. מיר זיינען אין רעכטן מיטן עמק. און אַמאָל ביינאַכט כאַפּט דיך אַרום אַזאַ שווערער געפיל – ווען ס׳טרעפט זיך עפּעס, ווי אַזוי וועסטו זיך באַשיצן? ביינאַכט אויף דער וואַך – בעת מען האָט געדאַרפט אַ מאָל פאַרביטן אונזער שומר – האָב איך קיינמאָל ניט געוואוסט פון קיין שרעק, דערפאַר אָבער האָט מיך אין אַזוינע מאָמענטן שטענדיג באַגלייט דאָס דריקנדע באַוואוסטזיין פון הילפלאָזיקייט.

און מער פאַר אַלץ האָט געמאַטערט די איינזאַמקייט. מיר זיינען געווען ווייט פון שטאָט און ווייט פון דאָס רעשטל אַרבעטער וואָס זיינען נאָך אין איר פאַרבליבן, ווי אַ זכר פון יענע גוטע טעג, ווען עפּולה האָט געהאַלטן אין איין שטייגן און ס׳האָבן זיך געצויגן צו איר גאַנצע קיבוצים און איינצלנע אַרבעטער. די חבר׳טעס אין משק זיינען ניט געווען קיין איינ־געשלאָסענע גרופּע, וואָס וויל זיך אָפּצוימען פון אַנדערע און לעבן מיט אירע אייגענע אינטערעסן. פאַרקערט, מיר זיינען אַלע געווען יונג און דאָרשטיג נאָך נייע מענטשן און נאָך נייע איינדרוקן. ווען ס׳פלעגט זיך נאָר אימיצער באַווייזן, נאָך גאָר פון דערווייטנס, אויפן וועג וואָס פירט פאַרביי דעם משק, האָט זיך גלייך געדוכט – טאָמער צו אונז? די אָנגעשטרענגטע שטימונג וואָס איז געווען כּמעט ביי אַלעמען, האָט קלאָר באַוויזן ווי שווער עס איז די איינזאַמקייט און ווי ווייניג עס באַפרידיגט אונז די געזעלשאַפט אין וועלכער מיר לעבן.

די זעקס וואָכעדיגע טעג איז געווען גוט. אָבער אין אָוונט און שבת

פלעגט די גוטע אַרבעטס־שטימונג פאַרשווינדן און די איינזאַמקייט האָט זיך געפילט שטאַרקער און דריקנדער.

אונזער באַציהונג צו דער אַרבעט איז געווען אַזאַ, אַז ס׳איז שווער געווען צו גלויבן אַז מיר זיינען געקומען אַהער נאָר אויף אַ קורצע צייט, כּדי צו לערנען די אַרבעט. מיר האָבן שטענדיג געטראַכט וועגן שפּעטער, וועגן דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג פון מֶשֶק. וואו דו האָסט זיך אַקער געטאָן האָסטו געזען די פרוכט פון דיין אַרבעט. דו האָסט געפילט אַז דו בויסט אַ פּלאַץ, בויסט אים לויט אַ קלאָרן, אויסגעאַרבעטן פּלאַן.

ס׳איז געווען אַ שווערע צייט אין אונזער מֶשֶק. ס׳האָט געפעלט וואַסער פאַר דער באַוואַסערונג, און דאָס האָט געשטערט די ענטוויקלונג פון דער יונגערווירטשאַפט. האָט זיך יעדע חבר׳טע געמאַכט אַזאַ חֶשבּון — צו וואָס איז זי אַהער געקומען, ווען לערנען די אַרבעט קען זי דאָ ניט, און דאָס לעבן נאָענט צו דער שטאָט איז אַזוי ניט צום האַרצן? ס׳האָט זיך אונז פּשוט געבענקט צוריק אין דעם דאָרפישן בן־שמן.

איצט איז אָבער אַלץ אַנדערש: די אַלייעס מיט בוימער זיינען שוין צוזעצט, דער ווייגאָרטן פאַרפלאַנצט. מיט גאוָה שטייט הויך די ציסטערנע פאַר וואַסער, און אין שטיג קוויטשען די יונגע הינדעלאַך.

ס׳איז באַשאַפן געוואָרן נאָך אַ ישוב.

משק־הפּועלות אין עפולה צפּורה אַברונין

ווי אַזוי זיינען אויסגעוואַקסן די חֲבורות?

אין יאָר 1925 האָט זיך אָנגעהויבן דער שווערער קריזיס אין לאַנד, און דער אידישער אַרבעטאָרין איז אויסגעקומען צו פירן אַ ביטערן קאַמף פאַרן לעבן. אין די שטאָטישע אַרבעטער־ראַטן האָט מען נאָך דאַן ניט פאַרשטאַנען, אַז פאַר דער אַרבעטאָרין דאַרף מען זאָרגן אויף אַ באַזונ־דער אופן; און אַפילו די פאַראַנטוואָרטלאַכע חברים האָבן געמיינט אַז צו דער אַרבעטסלאָזיקייט פון פרויען קען מען גאָר קיין תּרופה ניט געפינען.

צווישן די שטאָטישע אַרבעטסלאָזע חבר׳טעס האָט געהערשט פאַר־צווייפלונג. אַלע וועגן צו אַרבעט זיינען געוואָרן פאַרשלאָסן. אַפילו איבער־געגעבענע חלוצות וואָס האָבן זיך יאָרן לאַנג געגרייט צו דער אַרבעט אין

ביים שפּאַנען

לאַנד – האָבן אָנגעהויבן אַרונטער פאַלן אונטער דער ווירקונג פון די פאַר־ביסענע שונאים פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און פון דער הסתדרות. די קאָמוניסטישע „פראַקציע״ האָט אויסגענוצט דעם יאוש און אויף די אַרבעטאָרינס־פאַרזאַמלונגען אין די שטעט האָט דענסטמאָל געהערשט אַ פאַרביטערטע שטימונג קעגן דער הסתדרות „וואָס איז מפקיר די אַרבעטאָרינס״.

די פּאָר משקי־פּועלות וואָס האָבן דאַן עקזיסטירט האָבן געקענט אַריינגעמען נאָר עטלאַכע צענדליג חבר׳טעס; און די וואָס זיינען אַריינגעטראָטן אין די קיבוצים זיינען אויך דאָרטן אַרומגעגאַנגען אַרבעטסלאָז. ווען די אַרבעטער האָבן ערשט אָנגעהויבן צו פילן אַז ס׳קומט אָן אַ קריזיס, האָבן די אַרבעטאָרינס שוין לאַנג געליטן. די מועצת הפּועלות האָט געפּרובט אַריינפירן חבר׳טעס אינם בוי־פאַך, נאָר דער פּרוב האָט קיין ממשות ניט געהאַט. איינע נאָך דער אַנדערער האָבן די חבר׳טעס פאַרלאָזן זייער נייעם פאַך און פאַרבליבן זיינען נאָר געציילטע, איינגע׳עקשנ׳טע. די לאַגע איז געוואָרן אַלץ ערגער. די צענטראַלע אַרבעטאָרינס־קאָמיסיע ביי דעם ועד־הפּועל פון דער הסתדרות האָט אומזיסט געזוכט אַן אויסוועג.

דעמאָלט – ס׳איז געווען ווינטער 1926 – איז געקומען דער פאָרשלאַג פון דער חבר׳טע חנה טשיזשיק צו אָרגאַניזירן אַרבעטאָרינס־חבורות (אַרטעלן) אין די שטעט און אין די קאָלאָניעס. די חבורות האָבן באַדאַרפט שאַפן אַן אַרבעטס־פּלאַץ פאַר פיל חבר׳טעס בשעת די משקי־הפּועלות האָבן געמוזט באַגרעניצן זייער צאָל חבר׳טעס לויט די באַדערפענישן פון דער ווירטשאַפט. יעדע חבורה האָט געדאַרפט געבויט ווערן אויף צוויי יסודות: אויף אַ קליינער אינטענסיווער ווירטשאַפט ביי דער חבורה גופא און אויף לוין־אַרבעט אין דער אַרומיגער פּריוואַטער לאַנדווירטשאַפט, אויף די שאָסייען, אין די פאַבריקן א. א. וו. די חבר׳טעס וואָס וועלן אַרבעטן אויף פאַרשידענע פּלעצער, וועלן אין אָוונט קומען צוריק צו דער חבורה. די אַרבעטאָרין וועט מער ניט זיין איינזאַם – די אָרגאַניזירטע חבורה וועט איר געבן אַ היים און וועט קעמפן פאַר איר רעכט אויף אַרבעט. די חבורה האָט געזאָלט אומבייטן דאָס גאַנצע לעבן פון דער איינצלנער אַרבעטאָרין און אַריינפירן זי אין אַ נייער קאָלעקטיווער סביבה. די אייגענע ווירטשאַפט וועט געבן דער חבורה אַ פעסטן כאַראַקטער, זי וועט צובינדן די חבר׳טעס צום פּלאַץ און וועט זיי דערנעענטערן צווישן זיך.

דער נייער פאָרשלאַג איז פאָרגעלייגט געוואָרן דער צענטראַלער אַרבעטאָרינס־קאָמיסיע, און ווייל ער איז געקומען צו דער ריכטיגער צייט איז

ער טאַקע גלייך אָנגענומען געוואָרן. דער אַרבעטס־דעפּאַרטאַמענט פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע האָט פון זיין זייט באַשטימט אַ געוויסע סומע געלט פאַר דער גרינדונג פון די חבורות.

אין דער קריזיס־צייט האָבן דאָס רוב אַרבעטסלאָזע חברים און אויך פיל פון די אַרבעטסלאָזע חבר׳טעס באַקומען די אונטערשטיצונג, דעם באַרימטן „סיוע״. אָבער די אַרבעטאָרינס־באַוועגונג האָט גובֿר געווען אויף איר אינווייניגסטער צוברעכנקייט און די דעמאָראַליזירנדע ווירקונג פונם פאַרשאָלטענעם סיוע. הונדערטער אַרבעטסלאָזע חבר׳טעס זיינען אַוועק אין די חבורות; און די מייסטע חבר׳טעס פון דער מועצת הפּועלות האָבן אויף זיך גענומען די אָנפירונג מיט די נייע אַרבעטס־קאָלעקטיוון. אַגבֿ, איז אין דער זעלבער צייט געמאַכט געוואָרן נאָך אַ וויכטיגע אָנשטרענגונג אויף צו פאַרלייכטערן די לאַגע פון די חבר׳טעס: אַדאַנק די באַמיהונגען פונם אַרבעטער־ראַט אין תּל־אָביב, זיינען אַ סך חבר׳טעס אַריינגעטראָטן אין די תּל־אָביב׳ער פאַבריקן.

צוערשט זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן די ביידע תּל־אָביב׳ער חבורות — אין צפון זייט פון שטאָט און אין צענטער — וואָס האָבן אַריינגענומען קרוב צו זעכציק חבר׳טעס. און אָן אַ גוזמא קען מען זאָגן, אַז ביי היינטיגן טאָג זיינען די דאָזיקע ביידע חבורות דאָס שענסטע וואָס עס פאַרמאָגט די תּל־אָביב׳ער אַרבעטערשאַפט. זיי האָבן באַוויזן פאַר אַ קורצער צייט צו שאַפן אַ מוסטער־פורמע און מיט זייער עצם עקזיסטענץ ווירקן זיי אויף דער שטאָטישער אַרבעטאָרין.

אין פרילינג 1926 איז פאָרגעקומען די דריטע אַרבעטאָרינס־קאָנפערענץ וואָס האָט אונטערשטיצט דעם לאָזונג פון חבורות. די מועצת הפּועלות האָט פאָרגעשלאָגן דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע איר פּלאַן צו אָרגאַניזירן חבורות אין פאַרשידענע טיילן פון לאַנד, און איידער דער פּלאַן איז נאָך באַשטעטיגט געוואָרן זיינען שוין אויסגעוואַקסן די חבורות פון זיך אַליין. די מועצת הפּועלות האָט גאָר קיין צייט ניט געהאַט צו קאָנצענטרירן די גאַנצע איניציאַטיווע וואָס איז מיטאַמאָל דערוועקט געוואָרן ביי די חבר׳טעס. און דער ביודזשעט פונם אַרבעטס־דעפּאַרטאַמענט האָט גאָרניט געקענט סטאַיען פאַר אַזוי פיל חבורות; דערצו נאָך האָט מען אויסגעגעבן אַ טייל פונם ביודזשעט אויף שטיצע פאַר די אַרבעטסלאָזע.

די חבורות אָבער האָבן געהאַט מזל: אין דעם קריטישן מאָמענט האָט די ניי־געגרינדעטע ליגע פאַר די חלוצות אין אַמעריקע פאָרגעלייגט דער

מועצת הפּועלות די נויטיגע סומען אויף צו אָרגאַניזירן דיווירטשאַפט אין די חבורות.

די נייע חבורות זיינען אַריינגעדרונגען אין אַזעלכע אַרבעטס־פּלעצער, וואָס זיינען ביז איצט געווען לחלוטין פאַרשלאָסן פאַר דער חבר׳טע; זיי האָבן פאַרנומען אַ בכבוד׳יגן פּלאַץ אינם לעבן פון דער הסתדרות און האָבן באַשאַפן אַ ניי ווינקל פון אַרבעטער־קולטור. צענדליגער חבר׳טעס האָבן דאָ געלערנט לאַנדווירטשאַפט און האָבן שפּעטער געהאָלפן צו פאַרשפּרייטן די לאַנדווירטשאַפט־קולטור אומעטום וואוהין זיי זיינען נאָר געקומען.

עין־חרוד מ. ש.

די חֲבוּרַת הַפּוֹעֲלוֹת אין פֶּתַח־תִּקְוָה

מיר האָבן געגרינדעט אונזער קבוצה אין חודש אֱלול תרפ״ו (1926), אין יענע שווערע טעג, ווען די אַלגעמיינע אַרבעטסלאָזיקייט, וואָס הערשט דאָס רוב אין דער קאָלאָניע זומערצייט, האָט געהאַלטן ביים סוף און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די ווינטערדיגע אַרבעטסלאָזיקייט פון די אַרבעטאָרינס.

בעת מיר האָבן באַשלאָסן צו גרינדן די חֲבוּרָה האָט אונז קיינער ניט צוגעזאָגט קיין הילף אויף צו בויען די ווירטשאַפט. ערגעץ אין אַ קבוצה האָבן מיר געקריגן דריי אַלטע צעלטן. און די אַרבעטער וואָס זיינען פאַרבייגעגאַנגען האָבן אָנגעקוקט מיט פאַרוואונדערטע אויגן, ווי אַזוי מיר שטעלן אויף אַליין די צעלטן אויפן שמאָלן פּלאַץ וואָס אַנטקעגן דעם אַרבעטער־קלוב אין פּתח־תקוה.

אויף מאָרגן זיינען מיר אַרויס צו דער אַרבעט. לעבנסמיטל האָט מען אונז צוגעזאָגט צו געבן אויף באָרג, ביז מיר וועלן באַקומען דעם אַרבעטסלוין. מיר האָבן אָנגעהויבן זאַלבעפינפט און אין אַ פּאָר וואָכן אַרום זיינען צו אונז צוגעשטאַנען נאָך זיבן. דאָס זיינען געווען בלויז יונגע חבר׳טעס, ערשט אָנגעקומענע אין לאַנד. מען איז געגאַנגען צו דער חבורה, ווייל מען האָט געליטן פון אַרבעטסלאָזיקייט; וואָס איז אַזוינס אַ חֶבוּרַת פּוֹעֲלוֹת און ווי אַזוי מען לעבט בִּכְלָל אין ארץ־ישראל — האָבן זיי נאָך קלאָר ניט פאַרשטאַנען. מען האָט ערשט נעכטן פאַרלאָזן טאַטע־מאַמע; דער קערפּער האָט זיך נאָך שווער געראַנגלט מיט דער פיזישער אַרבעט, און

אין אָוונט איז מען געזעסן אין די צעלטן טרויעריגע און שטילער־הייט געבענקט אַ היים.

דערווײַלע האָט זיך דער ווינטער צוגערוקט אַלץ נעענטער און די ספֵקות זיינען געוואַקסן; צי וועט די חבורה אין דער אֱמֶת׳ען באַשאַפן ווערן און וועט זי טאַקע האָבן אַ קיום? צי וועלן די חבר׳טעס קענען אויסהאַלטן דאָס שווערע לעבן? צי וועלן מיר באַקומען אייגענעם באָדן, ווי די איבעריגע קבוצות אין דער קאָלאָניע? און צי וועלן מיר באַווייזן אויפצובויען אַ באַראַק איידער ס׳וועלן זיך אָנהויבן די רעגנס?

מער פאַר אַלץ האָבן מיר געטרוימט וועגן אייגענעם באָדן, ווייל דערמיט איז געווען פאַרבונדן די שאַפונג פון אַ קליינערווירטשאַפט. הַגם ס׳איז אונז קלאָר געווען אַז מיר זיינען אַ חבורה און ניט קיין מֶשֶק פּוֹעלוֹת, ד׳ ה. אַז מיר זיינען אָנגעוויזן אויף לוין־אַרבעט מער ווי אויף אייגענער ווירטשאַפט — פונדעסטוועגן האָבן מיר אַלע געגאַרט צו זען דאָס ערשטע גרינע גרעזל אויף אונזער ערד. מיט גרויס מי האָט דער מֶרְכַּז חַקְלָאִי געקריגן פאַר אונז באָדן אין דער קאָלאָניע און מיר זיינען אַריבער אויפן נייעם פּלאַץ. פון טאָג צו טאָג איז געוואַקסן די צאָל פון אונזערע חבר׳טעס און יעדעס מאָל האָבן מיר צוגעשטעלט אַ נייעם צעלט. ביז ס׳האָט זיך אָנגערוקט דער ווינטער.

מיר האָבן מוֹרא געהאַט פאַרן ערשטן רעגן, ווייל די צעלטן זיינען געשטאַנען אויף אַ הויכן אָרט און זיינען ניט באַשיצט געווען פון ווינט. דער ערשטער רעגן איז געקומען פּלוצלינג און אין די צעלטן איז געוואָרן שִׂמְחָה וְשָׂשׂוֹן. יעדער נייער שטראָם וואַסער וואָס האָט אַ פלייץ געטאָן אויף די צעלטן האָט אַרויסגערופן ביי דער יוגנט אַ נייעם שטראָם פרייד. אויף מאָרגן נאָכן רעגן האָבן מיר איבערגעגראָבן דעם באָדן, וואו ס׳האָט געדאַרפט פאַרפלאַנצט ווערן אונזער גאָרטן.

שווער איז געווען די מלחמה פאַר אַרבעט, וואָס מיר האָבן געהאַט אויסצושטיין. די חבר׳טעס פון די קבוצים און די איינצלנע אַרבעטאָרינס וואָס זיי׳נען געווען אין דער קאָלאָניע, האָבן זיך דאָס רוֹב באַגנוגנט מיט ניט וויכטיגע אַרבעטן, פון וועלכע מען האָט געהאַלטן, אַז זיי פּאַסן פאַר אַ פרוי. די חבורת הפּוֹעלוֹת איז געווען די ערשטע אין דער קאָלאָניע וואָס האָט אויפ־געהערט צו פאָדערן נאָר „פרויען־אַרבעט". די חבורה האָט גענומען אויף זיך אַלץ, אויף וויפיל די כּוֹחוֹת פון די חבר׳טעס האָבן נאָר ערלויבט. און

נאָך אונז זײַנען שוין געגאַנגען די איבעריגע אַרבעטאָרינס אין דער קאָלאָניע. די חבורה האָט געקראָגן אַ שֵם בײַ די קאָלאָניסטן.

פאַרנאַכט פלעגן די חבר׳טעס קומען אַ היים פאַרמאַטערטע נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט, וועלכן ס׳איז נאָך דערצו ניט אַזוי גרינג אָנגעקומען צו קריגן. אַרום דעם שמאָלן טיש מיט דער אָרימער וועטשערע האָט זיך שטענדיג געפירט אַ לעבעדיגער חבר׳שער שמועס. ס׳איז געווען וואָס צו דערציילן. און נאָכן עסן פלעגט מען אַוועק אין קאָלאָניע אויף אַ פאַרזאַמלונג אָדער הערן אַ פאָרלעזונג. אָפט פלעגן פאָרקומען רעפעראַטן בײַ אונז אין דער חבורה. די חבורה איז אומעטום געווען קענטיג, און אויב זי האָט אַמאָל ערגעץ אויסגעפעלט, האָט מען עס גלײַך באַמערקט.

דעם באַראַק פאַר דער קיך און פאַרן עס־צימער האָבן מיר געענדיגט בויען שוין אין די רעכטע רעגנס. קיין אײגענעם אינקובאַטאָר האָבן מיר ניט געהאַט און פאַרלירן אומזיסט אַ יאָר איז געווען אַ שאָד — האָבן מיר דאָס ערשטע מאָל אויסגעפירט אונזערע הינדעלאַך אינם אינקובאַטאָר פון דער חבורת הַצָפוֹן אין תל־אָביב. און אַז מען האָט געבראַכט די יונגע הינדעלאַך האָט מען זיך געמוזט אַ ביסל אײַנג מאַכן און אָפּצוימען פאַר זיי אַ טייל פונם באַראַק. די חבר׳טעס אַליין האָבן נאָך אַלץ געוואוינט אין צעלטן. נאָך די הינדעלאַך האָבן מיר אַראָפּגעבראַכט בינשטאָקן און פאַרפירט בינען.

אין דרויסן האָט געבושעוועט דער ווינטער. אַלע טאָג וואַרפט אײַן דער ווינט אַ נײַעם צעלט. און אַלע טאָג קומען צו נײַע מיידלאַך וואָס ווילן אַרבעטן אין דער חבורה. אַרבעט איז דאָ, ס׳פעלט נאָר פּלאַץ פאַר נײַע מענטשן. און די חבורה האַלט אין איין וואַקסן און יעדע נײַע חבר׳טע נעמט זיך אָן מיטן אַלגעמיינעם גייסט — מיט מוט און מיט ווילן צו באַהערשן די אַרבעט.

צוליב די טאָג־טעגלאַכע ליידן און פריידן האָבן מיר ניט באַמערקט, אַז ס׳איז דורכגעגאַנגען דער ערשטער ווינטער און מיר זיצן נאָך אַלץ אין אונזערע צעלטן. דערווײַלע איז די גאַנצע ווירטשאַפט — דער הינערהויף, די מַשְתֵלה, די בינשטאָקן — שטאַרק אויסגעוואַקסן. די יונגע חבר׳טעס האָבן זיך שיין אײַנגעלעבט צווישן זיך און האָבן זיך צוגעבונדן צו דער אַרבעטער־שאַפט און צו אירע אידעאַלן. און אַז ס׳איז דורכגעגאַנגען דאָס ערשטע יאָר האָט מען שוין געקענט זאָגן מיט אַ רואיג האַרץ, אַז ס׳האָט זיך אונז אײַנגעגעבן צו שאַפן אַ נײַע אַרבעטער־ווירטשאַפט.

רִבְקָה ברויזמאַן

חבורת הפועלות אין פתח־תקוה

ווי אַזוי איך האָב זיך אויסגעלערנט שלייפן שטיינער

אָנגעהויבן צו אַרבעטן האָב איך אין אַ לערן־קבוצה, און די קבוצה האָט געאַרבעט ביים סוֹלֶל־בּוֹנֶה. מיר האָבן אָבער נאָך ניט באַוויזן אַריינאַרבעטן זיך אין פאַך, און שוין איז געוואָרן אויס אַרבעט.

די חברים מיינע וואָס האָבן אָנגעהויבן אינאיינעם מיט מיר זיינען אַרויס זוכן אַנדערע פּלעצער און איך בין געבליבן מיט מיין נייער אַרבעטס־לאָזיקייט און מיט מיינע אַלטע חובות פון דער לערן־צייט.

האָב איך זיך אַרומגעדרייט אַזוי עטלאַכע טעג און האָב באַשלאָסן צו פּרובן דעם מַזָל — אַרויס אויפן גאַס מיט מיין „קלאַפּערגעצייג" צו דער צייט ווען מען גייט אויף אַרבעט.

גיי איך און באַגעגן אַ ספרד'ישן איד, אַ באַקאַנטן שלייפער. האָט ער מיך דערזען מיט די כֵּלִים און פרעגט: וואוהין? — דערצייל איך אים, און פרעג אים וואו אַרבעט ער היינט און צי דאַרף מען דאָרט ניט האָבן נאָך אַ שלייפער. און געזאָגט האָב איך אים אַזוי: וויסטו וואָס, דו באַווייז מיר נאָר דעם פּלאַץ וואו דו אַרבעטסט און איך וועל זיך מיר אַוועקזעצן און אָנהויבן שלייפן. אַז דער בעל־הבית וועט קומען און וועט פרעגן — ווער איך בין און ווי אַזוי איך זיך דאָ — זאָלסטו גאָרניט דאגה'ן; איך וועל שוין וויסן וואָס צו ענטפערן.

כַּךְ הָוָה. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ פּלאַץ וואָס ס'האָט מיר אָנגעוויזן דער ספרד'ישער אַרבעטער און האָב אָנגעהויבן שלייפן. האָב איך אַרומגעשליפן איין שטיין — און שיין אַרומגעשליפט. ערשט דער בעל־הבית איז דאָ. זעט ער פון דערווייטנס אַ מיידל שלייפט, גייט ער צו און פרעגט: ווער האָט מיך אַהער געבראַכט און ווי אַזוי האָב איך עס זיך ניט אָנגעפרעגט ביי אים? — ענטפער איך: כ'קען שלייפן, בין איך געקומען און האָב אייך ניט דערוויסט. קלער איך מיר — אָנשטאָט צו שטיין און וואַרטן, לאָמיר בעסער שלייפן אַ שטיין.

מיין „איינפאַל" איז מיר בייגעשטאַנען. דאָס איז געווען דער אָנהויב, דער ערשטער פּרוב מיינער אויפן פּריוואַטן אַרבעטס־מאַרק. און אַז אויף דעם פּלאַץ איז מער קיין אַרבעט ניט געווען, בין איך אַוועק „גליק מיט אַלעמען" אויף אַ צווייטן פּלאַץ, און אַזוי פון אָרט צו אָרט.

איצטער אַרבעט איך אין בֵּית־הַכֶּרֶם. און ווי קום איך אַהער?

ס׳איז געווען אַן אסיפה פונם שליפער־פאַריין, די ערשטע אסיפה צו וועלכער עס זיינען געקומען אַ חוץ די שלייפער וואָס אַרבעטן ביים „סוֹלֵל־בּוֹנֶה" אויך די שלייפער פונם פריוואַטן אַרבעטס־מאַרק. צו יענער צייט האָט זיך געענדיגט מיין אַרבעט. גיי איך צו צו די חברים פון מיין לערן־קבוצה און דערצייל זיי מיין לאַגע. זאָגן זיי צו מיר: אַזאַ ווי דו פּאַסט פּאַר בית־הכרם! בין איך געקומען און זיך געשטעלט צו דער אַרבעט. קומט דער אויפפּאַסער. שטייט אים ניט אָן צו פרעגן ביי מיר. פרעגט ער ביי זיי, ביי די אַרבעטער: ווער האָט דאָס זי אַהער געבראַכט? ענטפערן אים ניט די אַרבעטער, און הויבן אָן צו שרייען: ס׳איז ניט זיין דאגה, זאָל ער נאָר זען צי איך אַרבעט גוט צי ניט. בין איך געבליבן.

און וואָס פאַרדין איך? דאָס איז טאַקע אַ פראַגע. די אַרבעטער וואָס זעען מיך ביי דער אַרבעט קענען זיך גאָר ניט אָפּלויבן. ממש אַ „מוּעָלֶם" (אַראַביש — אַ מייסטער). און פונדעסטוועגן פאַרדין איך אַ העלפט אָדער דאָס דריטל פון דעם וואָס ס׳פאַרדינען מיינע מְבִינוּת־זאָגער. ווען כ׳וואָלט געאַרבעט ביים „סולל־בונה", וואָלט מיר געווען ניט שלעכט. אויפן פריוואַטן מאַרק זיינען אָבער די פרייזן שטאַרק געפאַלן, די אַרבעטס־באַדינגונגען זיינען שווערע און דער אַרבעטס־טאָג — אַ לאַנגער.

פונדעסטוועגן איז פאַרט אַ גליק וואָס איך האָב אַ פאַך אין דער האַנט.

טוֹבה יָפָה

דגניה ב׳

ביי דער בוי־אַרבעט

תֵּל־אָביב האָט געהאַלטן אין רעכטן וואַקסן. צום ערשטן מאָל זיינען טויזנטער אידישע אַרבעטער אַריין אין דער בוי־אַרבעט און האָבן זי באַהערשט. די אידישע אַרבעטאָרין האָט זיך אויך דורכגעשלאָגן אַ וועג צו בוי־אַרבעט, ס׳איז איר אָבער אָנגעקומען ניט אַזוי גרינג.

די חברים זיינען געווען קעגן דער פרוי אין דער בוי־אַרבעט, און סִבּוֹת דערצו זיינען געווען אַ סך. מען האָט געזאָגט אַז די אַרבעט איז ניט לויט די כּוֹחוֹת פון דער פרוי, אַנדערע האָבן ווידער מוֹרָא געהאַט, אַז אויב אַ קבוצה פון בוי־אַרבעטער וועט אַריינגעמען צו זיך אַ חבר׳טע, וועט זי

אַרויסגעבן ווייניגער אַרבעט — און דורכדעם וועט פאַלן דער לוין פון די חברים. די חבר׳טעס אַליין האָבן געהאַט געניג גלויבן אין זייערע אייגענע כּוחות. פונדעסטוועגן האָבן עטלאַכע אַרבעטאָרינס גענומען אויף זיך אַריין אין דעם פאַך. אַ צייט לאַנג האָט זיך געפירט דער קאַמף פאַר דאָס רעכט פון דער פרוי אויף בוי־אַרבעט, ביז דער אַרבעטער־ראַט האָט באַשלאָסן אַז יעדע בוי־קבוצה אין תּל־אביב איז מחויב אַריינצונעמען צוויי אַרבעטאָרינס.

מיך האָט מען אויך געשיקט אין איינע פון די קבוצות. איך האָב געוואוסט אַז ניט מיט זייער גוטן ווילן האָבן די חברים מסכּים געווען מיך אַריינצונעמען, נאָר ווייל אַזוי האָט באַשלאָסן דער אַרבעטער־ראַט. און די גאַנצע מלחמה פאַר אונזער רעכט אויף אַרבעט איז געווען פאַר מיר אַזאַ ווילדע זאַך. און פאַר זיך האָב איך געטראַכט: צי האָבן אין דער אמת׳ן די חברים אַזוי גיך פאַרגעסן די צייטן, בעת זיי האָבן אויך ניט געקענט אַרבעטן און די אַרבעט זייערע פלעגט ברייינגען דעפיציטן? און צווישן מענער זיינען דאָך אויך פאַראַן אַלערליי: שטאַרקע און מיטעלע און גאָר שוואַכע. ווי אַזוי זשע באַציט מען זיך לכתחילה שלעכט צו דער אַרבעט פון דער חבר׳טע?

כ׳האָב זיך דערמאָנט אָן דער צייט איידער מיר זיינען געקומען קיין ארץ־ישראל, ווען כ׳פלעג אין „החלוץ״ אַרבעטן אומעטום צוזאַמען מיט די חברים. און איך בין זיכער געווען, אַז אין ארץ ישראל וועל איך אויך קענען מיט דער צייט אויסגלייכן זיך מיט זיי. כ׳האָב אָבער ניט געקענט פאַרטראָגן די איראָנישע באַציהונג פון אויבן אַראָפּ, דעם קוק פון אַ שטאַרקערן אויף אַ שוואַכערן. נאָר די חבר׳טעס פון דער מועצת הפּועלות האָבן מיך איבערגערעדט; זיי האָבן מיר דערוויזן, אַז דוקא ווייל דער שטאָטישער אַרבעטער באַציט זיך אַזוי צו דער אַרבעטאָרין, דערפאַר זיינען מיר מחויב אויסצונוצן דעם באַשלוס פונם אַרבעטער־ראַט, אַריינצוגיין טאַקע אין די בוי־קבוצות און דורך אונזער אַרבעט שאַפן נייע באַציהונגען.

אָן חשק בין איך געגאַנגען צום צעלט וואו ס׳איז געזעסן דער ועד פון דער קבוצה. פון דאָסניי האָט זיך אין מיר אויפגעוועקט דער ספק, נאָר כ׳האָב זיך באַהערשט און בין אַריין. דער צעלט איז געווען פול מיט מענטשן; אַלע האָבן גערעדט און געטומלט, און אַז כ׳בין אַריין האָט מען אויף מיר אויסגעשטעלט פאַרוואונדערטע אויגן. איינער האָט זיך אפילו געפּרובט אַ ווויצל־טאָן אויפן חשבון פון „אונזערע סופראַזשיסטקעס״. נאָר דער חבר



בײַ שאָסײ־אַרבעט

וואָס פּירט אָן מיט דער אַרבעט, האָט מיך פריינדלאַך אויפגענומען; ער האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין אין וואָס מיין אַרבעט וועט באַשטיין און האָט מיר געזאָגט ווען צו קומען. כ׳בין אַרויס פון צעלט מיט נייעם מוט.

כ׳האָב זיך געריכט אויפן מאָרגנדיקן טאָג. כ׳האָב געוואוסט אַז די ערשטע טעג זיינען די שווערסטע. אין יעדער געזעלשאַפט זיינען דאָ אַזוינע, וואָס האָבן ליב אָפּצולאַכן פון אַ „נייעם" מענטשן, און אויב דער „נייער" ווייס ניט ווי אַזוי אַוועקצושטעלן זיך – איז מען אים מבטל. דערצו האָב איך נאָך קלאָר געוואוסט די גרויסע נפקא־מינה צווישן דער לאַנד־אַרבעט אין „החלוץ" אָדער צווישן דער שוואַרצער בוי־אַרבעט, וואָס כ׳האָב ביז איצט געטאָן און צווישן בעטאָן־אַרבעט, וואָס האָט אויף מיר געוואַרט מאָרגן.

כ׳בין אויפגעשטאַנען פאַרפרי און פינף דעם זייגער בין איך שוין געווען אויפן אַרבעטס־פּלאַץ. דער אָנפירער האָט אָנגעוויזן יעדערן זיין אָרט. מיך האָט ער אַוועקגעשטעלט ביים צעמענט.

עטלאַכע אַרבעטער האָבן געקייקלט אַ פאַס מיט צעמענט. אויפן בוי־פּלאַץ האָבן זיי זי אויסגעשאָטן אויף אַ קופּע מיט זאַמד און שטיינדלאַך. איך האָב געגאָסן וואַסער פון אויבן און די אַרבעטער האָבן אויסגעמישט דעם צעמענט מיטן זאַמד און מיט די וואַסער. די פאַרטיגע מאַסע האָט מען גענומען מיט עמער אָדער אויף נאָסילקעס און מען האָט זי געבראַכט אויפן בוי־פּלאַץ.

צוערשט האָט זיך נאָך געפילט די מידקייט פון נעכטן. די ערשטע באַוועגונגען זיינען געווען פוילע, לאַנגזאַמע און שווערע. נאָר צוביסלאַך איז די אַרבעט אַוועק לעבעדיגער. ס׳האָט מיך באַצויבערט דער ריטמוס פון די באַוועגונגען בשעת דער בוי־אַרבעט. איינער פון די אַרבעטער האָט זיך צעזונגען, די איבעריגע האָבן אים אונטערגעהאַלטן און דאָס ליד האָט געקלונגען אין טאַקט מיט די באַוועגונגען. ס׳איז געוואָרן אַזוי גוט און לייכט צו אַרבעטן.

אין פאַרגלייך מיט דער אַרבעט פון אַנדערע חברים איז מיינע געווען אַ צו גרינגע און איך האָב דערפילט אַז דאָס באַליידיגט מיך.

– אָט דאָס וועט עס זיין מיין אַרבעט אַ גאַנצן טאָג? – האָב איך זיך געפרעגט.

– און ווי זשע אַנדערש? – האָט מיר געענטפערט אַ חבר אויף מיט אַ פראַגע – ס׳איז דען פאַראַן ביי אונז אַן אַנדער אַרבעט פאַר אַ מיידל?

– און ווער האָט געגאָסן וואַסער איידער איך בין געקומען צו אייך?

– די חברים פלעגן זיך בייטן.

דערויף האָב איך געענטפערט, אַז איך וויל זיך אויך בייטן, איך וויל ניט אַ גאַנצן טאָג גיסן וואַסער!

איך האָב זיך געביטן מיט אַ חבר וואָס האָט ביז איצטער געטראָגן דעם צעמענט. דער חבר וואָס האָט אָנגעלייגט דעם צעמענט אויף די ברעטער האָט געזאָגט:

— נישקשה, זאָל זי דאָס אויפהויבן אַ פּאָר מאָל — זי וועט אַליין בעטן עפּעס גרינגערס.

איך מוז זיך מודה זיין, אַז די מַשָׂא איז געווען אַ שווערע, כ׳האָב זי אָבער גוט געהאַלטן און האָב זי געטראָגן מיט אַזעלכע זיכערע טריט, אַזוי ווי ס׳וואָלט געווען פאַר מיר גאָר אַ געוויינלאַכע זאַך. איך האָב געפילט אַז צענדליגער אויגן קוקן זיך אין מיר איין און גיבן אַכטונג אויף מיין יעדן ריר, און אַז מען וועט מיך אויסלאַכן ווי נאָר מ׳וועט דערפילן אַ ניט זיכערן שריט.

שפּעטער אַביסל האָב איך באַמערקט, אַז דער חבר וואָס פילט אָן די נאָסילקעס, לייגט מיר אַרויף מער צעמענט ווי אַלעמען. כ׳האָב פאַרשטאַנען זיין מיין און כ׳האָב געשוויגן. נאָר איין מאָל, אַז ער האָט שוין צופיל איבערגעכאַפּט די מאָס, האָב איך זיך אין אים גוט איינגעקוקט און אַ שמייכל געטאָן. ער איז אַ ביסל צוטומלט געוואָרן. דער חבר וואָס האָט צוזאַמען מיט מיר געטראָגן די נאָסילקע האָט זיך די גאַנצע צייט געקלאָגט, אַז זי איז מאָדנע שווער. ער האָט זיך געוואונדערט, ווי אַזוי איך קאָן גאָר אויפ־הויבן אַזאַ מַשָׂא, און איז געווען מָלֵא כַּעַס אויפן אַרבעטער וואָס האָט אָנגעלייגט דעם צעמענט. איך אָבער האָב אים געבעטן, ער זאָל דער־ווילע גאָרנישט זאָגן און זאָל אָפּוואַרטן, ביז יענער וועט דאַרפן דאָס צווייטע מאָל אָנפילן די נאָסילקע. כַּךְ הֲוָה — ער האָט שוין אָנגעלייגט אַ סך ווייניגער. און די חברים האָבן אויף אים גוט אָנגעשריען פאַר אַזעלכע מַעֲשִׂים.

די זעלביגע געשיכטע האָט זיך איבערגעחַזֶרט נאָך אַ מאָל בעֵת מען האָט אָנגעפילט דעם פונדאַמענט. אויף אַזאַ אופן האָבן אַ פּאָר חברים מיט מיר מִלְחָמָה געהאַלטן דעם גאַנצן טאָג, ביז כ׳האָב זיי געצוואונגען צו ענדערן זייער באַציהונג. אויף מאָרגן האָבן זיי זיך אַליין מודה געווען אַז אָנשטאָט צו שפּאָטן און אויסלאַכן האָבן זיי גאָר געקראָגן פאַר מיר דֶרֶךְ־אֶרֶץ.

אַזוי האָב איך מיר ערוואָרבן אַ נאָמען פון אַ גוטער אַרבעטאָרין

און מען האָט זיך מיט מיר אָנגעהויבן רעכענען ווי מיט אַ אָנפירנדן חבר. און בשעת די וואַלן צום ערשטן בוי־אַרבעטער־ראַט האָט מען אַרויסגעשטעלט מיין קאַנדידאַטור.

איך דערצייל דאָס אַלץ כדי צוצוגעבן אַ קליינעם פרט צו דער געשיכטע, ווי אַזוי די ארץ־ישראל׳דיגע אַרבעטאָרין האָט מלחמה געהאַלטן פאַר איר רעכט אויף אַרבעט אין אַ נייעם פאַך.

תחיה

די „זעלבשטענדיגע" פרוי

די אַרבעטנדע פרוי שטרעבט צו אַרבעטן און צו פאַרדינען זעלבשטענדיג, גלייך מיטן מאַן, און כדי דאָס צו פאַרווירקלאַכן נעמט זי אַריין אין הויז איינע פון אירע חבר׳טעס אַלס העלפערין אין דער שטוב־ווירטשאַפט. גלייך ווייזט זיך אַרויס אַ מין קעגנזאַץ צווישן צוויי „קלאַסן", אַזוי אַז ס׳ווערט אָפטמאָל אוממעגלאַך אויסצומיידן קליינלאַכע קאָנפליקטן. איך קער זיך אום אַ היים אַ פאַרמאַטערטע נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט און איך געפין מיין וואוינונג ניט גוט אויפגערוימט. ס׳פאַרדריסט מיר — ס׳איז דאָך מיין העלפערינס פליכט צו האַלטן זויבער מיין הויז! אָבער די העלפערין איז דאָך פאָרט מיינע אַ חבר׳טע און איז געקומען קיין ארץ־ישראל אַודאי ניט צוליב ווישן שטויב אין מיינע צימערן. זי האָט זיך געוויס אַרויסגעריסן פון דערהיים נאָך אַ שווערן קאַמף מיט דער אייגענער פאַמיליע, ווייל ס׳האָט זי ניט באַפרידיגט דאָס היימישע לעבן און די היימישע אַרבעט, און איצט טוט זי עס אין אַ פרעמד הויז...

און איך, איר אַרבעטסגעבערין? אַז איך קער זיך אום זעקס אין אָוונט אַ היים, הויבט זיך פאַר מיר ערשט אָן אַ נייער אַרבעטס־טאָג, ווייל די העלפערין קען ניט אָפטאָן אַלץ פאַר אירע אַכט אַרבעטס־שעה. און ווען איך קריג שוין יאָ די פרייע מינוט, בין איך טויט־מיד און וויל מער קיין זאַך ניט אויסער שלאָפן. און אויב אַזוי — איז וואָס פאַר אַ זין האָט אונזער גאַנצער קאַמף פאַר אַ באַגרעניצטן אַרבעטס־טאָג?

און איך זע ניט קיין שום אַנדער ענטפער פאַר אונז — פאַר די שטאָטישע אַרבעטנדע פרויען, — אויסער די צוויי וועגן, וואָס ביידע פאַרפירן

אונז ווייט פון ציל: אָדער פאַרלאָזן אונזער פאַך־אַרבעט און ווערן אַן היימישע בעל־הבית׳טע, וואָס דער מאַן איז זי מפרנס, אָדער זיין גלייכ־צייטיג אי אַן אַרבעטאָרין אי אַן אַרבעטסגעבערין...

און דאָ שטעלט זיך ווידער אַ נייע פראַגע. מיר, די ארץ־ישראל׳דיגע אַרבעטאָרינס, זעען אין דער אַרבעט דעם עיקר פונם לעבן, ווייל דורך דער אַרבעט ווילן מיר באַנייען אונזער פערזענלאַכקייט. אָבער ווען איך פרעג ביי זיך אַליין: וואָס איז מיין אינערלאַכע באַציהונג צו מיין אייגענער אַרבעט? פאַרוואָס בין איך געווען אַזוי אומגליקלאַך, ווען מיין מאַן איז אַרומגעגאַנגען אָן אַרבעט? צי וואָלט איך אַזוי געליטן ווען דאָס וואָלט געווען פאַרקערט — ווען ע ר זאָל אַרבעטן און א י ך זאָל זיין אַרבעטסלאָז? ניין, די פרוי איז פאַרצווייפלט ווען איר מאַן פאַרדינט ניט, ניט נאָר צוליב עקאָנאָמישע מאָטיוון. איר שלעכטע באַציהונג צו דעם מאַנס „ליידיג־גיין״ ווערט ניט בעסער אויך דאַן, ווען זי אַליין פאַרדינט גענוג פאַר דער גאַנצער פאַמיליע.

מעגלאַך אַז אַזאַ באַציהונג צו אייגענער אַרבעט שטאַמט ביי אונז פון דעם אינסטינקטיוון באַוואוסטזיין, אַז ס׳מוז קומען דער טאָג, ווען מיר וועלן פאַרלאָזן די אַרבעט צוליב׳ן קינד. און דערפאַר — הגם מיר ווילן זיך אין דעם ניט מודה זיין — לעבט אין אונז אַן אַנדערע, אַ לייכטערע באַציהונג צו אונזער אייגענער אַרבעט; און אָט די באַציהונג רויבט ביי אונז אַוועק דאָס וויכ־טיגסטע אין לעבן — דעם דרך־ארץ פאַר זיך אַליין און דעם גלויבן אין אייגענע כּוחות. און מיר וועלן קיינמאָל ניט וויסן דעם טעם פון האַרמאָ־נישער אַרבעט, כּל זמן ס׳וועט אונז פעלן דער אינווייניגסטער באַפעל — צו מפרנס זיין זיך אַליין!

און אויב עס טרעפט זיך אונז אַ נס און די פרוי גלויבט שוין יאָ אין אירע אייגענע כּוחות — דאַן פאַלט זי אונטערן דאָפּלטן יאָך פון אַרבעט — אויסערן הויז און אין דער פאַמיליע.

און אין מיר בונטעוועט זיך אַלץ קעגן דעם שווערן, אומערטרעגלאַכן עול, וואָס אַזאַ פרוי שלעפּט אויף זיך אַרויף. ניט שוין־זשע מוז עס אַזוי זיין, אַז כּדי איך זאָל קענען טאָן מיין פרייע אַרבעט, מוז מיין חבר׳טע נעמען אויף זיך דעם יאָך פון מ י י ן ווירטשאַפט, וואָס איך אַליין וויל אים ניט טראָגן?

חנה

תל־אביב

„די פרוי פון א חבר"

די וועגן זיינען זיך צוגאַנגען. דאָרטן, אין רוסישן גָלות זיינען די חברים און די חבר׳טעס געווען גלייכע שותּפים אין דער באַוועגונג. צוזאַמען האָבן מיר געאַרבעט און צוזאַמען געליטן אין די טורמעס און אין די וויסטע לענדער, וואוהין מען האָט אונז פאַרשיקט. אָבער ווי מען האָט נאָר געקראָגן די ערשטע סערטיפיקאַטן — האָט מען אונז גלייך צעטיילט אויף צוויי קאַטעגאָריעס: חברים און חבר׳טעס.

די ערשטע בשורה וואָס האָט זיך צו אונז דערטראָגן פון דער ארץ־ישראל׳דיגער ווירקלאַכקייט האָט שוין געבראַכט דאָס געפיל פון ניט־גלייכקייט. און אַז מיר זיינען געקומען צוזאַמען מיט די חברים אין לאַנד, האָט מען אונז ווידער איינגעטיילט אין צוויי מַחנות; פון איין זייט, די וואָס דאַרפן בויען דאָס לאַנד, פון דער צווייטער — די וואָס וועלן זאָרגן פאַר די „בויער", פאַר זייער טאָג־טעגלאַכן לעבן. און תָּמִיד הערן מיר דעם זעלבן נוסח: „די און די אַרבעט וועט באַשעפטיגן אַזוי פיל און אַזוי פיל חברים, און אַרום די חברים וועלן געפינען אַרבעט אַזוי פיל און אַזוי פיל חבר׳טעס".

דאָרטן, אין גָלות, האָבן מיר זיך צוזאַמען געגרייט צו דעם ארץ־ישראל׳דיגן לעבן, אין דער שולע און אין דער באַוועגונג — און דאָ האָבן זיך די חבר׳טעס צונויפגענומען אַרום דער באַזונדערער אַרבעטאָרינס־באַוועגונג. אין גלות האָבן מיר זיך געפילט ווי געזעלשאַפטלאַך רייפע מענטשן — דאָ האָבן מיר געמוזט אָנהויבן פון דאַסניי מיט דער אייגענער ערציהונג.

מיר האָבן כּמעט ניט געפונען קיין שום פאַרבינדונג צווישן דער אַרבעטער־מיידל וואָס פילט זיך ווי אַ זעלבשטענדיגער מיטגליד אין דער הסתּדרות און צווישן דער חתונה־געהאַטער אַרבעטאָרין. דאָס זיינען ניט קיין צוויי איינג־צוזאַמענגעבונדענע פּעריאָדן אינם לעבן פון דער זעלבער פרוי, — נאָר צוויי פאַרשידענע וועלטן. און דאָ איז דער מקוֹר פון דער גאַנצער ניט־נאַטירלאַכקייט אין דער אַרבעטאָרינס־באַוועגונג און פון אַלע אינעווייניגסטע סתּירוֹת אין דער נשָמָה פון אונזער חבר׳טע.

ווען אַ חבר קלייבט זיך אויס אַ פאַך, בינדט ער זיך צו אויפן גאַנצן לעבן צו זיין פּראָפעסיאָנעלן פאַריין; די חבר׳טע אָבער פילט אַליין — און אַנדערע גיבן עס איר אויך גוט צו פילן, — אַז זי איז נאָר אַ צייטווייליגער

גאַסט אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. און ווען זי האָט חתונה און הויבט אָן צו אַרבעטן אין איר אייגענער פאַמיליע, איז זי אַפילו ניט זוכה אָנצורופן זיך מיטן נאָמען „הויז־אַרבעטאָרין, וואָס עקספּלואַטירט ניט דעם צווייטנס אַרבעט*)", כּדי אַריינגענומען צו ווערן אונטער אַן אייגענער רובריק ווי אַ אוממיטלבאַרער מיטגליד אין דער הסתּדרות. זי ווערט אַריינגענומען אין דער הסתּדרות מיטן טיטול „דעם חבר׳ס פרוי"...

די חבר׳טעס וואָס אַרבעטן אין זייערע פאַמיליעס האָבן אפילו על פּי דין דאָס רעכט אויף אַן אייגענער מיטגלידס־קאַרטע אין דער הסתּדרות; נאָר אַזוי ווי די פליכט צו צאָלן די הסתּדרות־שטייערן איז חל נאָר אויף דעם וואָס איז מפרנס די פאַמיליע — האָבן נאָר ווייניג חבר׳טעס אויסגענוצט זייער רעכט און די מייסטע זיינען געבליבן איינגעשריבן אין די ביכלאַך פון זייערע מענער אַלס „פרויען פון חברים".

דער נאָמען „אַ פרוי פון אַ חבר" פּאַסט אפשר פאַר אַזעלכע פרויען וואָס קומען צו דער אַרבעטער־באַוועגונג אײַנם זכות פון זייער מאַן, אָבער פאַר וואָס קומט אַזאַ נאָמען יענע חבר׳טעס, וואָס זיינען יאָרן־לאַנג אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אין דער טראַדיציע פון דער ארץ־ישראל׳דיגער אַרבעטער־באַוועגונג און וואָס האָבן יאָרן־לאַנג ערפילט אַלע אירע פליכטן?

און ווער פון אונז האָט ניט געזען, ווי „דעם אַרבעטערס־פרוי" אַר־בעט אין פרעמדע הייזער אָדער וואַשט פרעמדע וועש, בשעת אירע קינדער וואַלגערן זיך אין גאַס אָדער ס׳גיט אויף זיי אַכטונג איר אַרבעטסלאָזער מאַן? און ווער קען ניט יענע עלנדע פרויען, וואָס ניט האָבנדיג קיין שום ממשות׳דיגע הילף פון דער הסתּדרות, טראָגן זיי אויף זיך דעם גאַנצן יאָך פון קליינע קינדער און פון כראָניש־קראַנקן מאַן? זיינען אָט די אַלע פרויען אויך ניט ווערט אַריינצוגיין אין דער הסתּדרות אַלס „חבר׳טעס" און ניט אַלס „פרויען פון חברים"?

אָט דער איבערגאַנג פון דער חבר׳טע צו דעם „חבר׳ס פרוי" ווירקט אויף אונזער גאַנצן געזעלשאַפטלאַכן לעבן. אפילו צו דער אַרבעטאָרינס־קאָנפערענץ ווילן די חתונה־געהאַטע חבר׳טעס לויט אַ באַזונדערער „פּראָ־פעסיאָנעלער" רשימה — דער רשימה פון „אַרבעטאָרער־פרויען".

מיר פאַרגעסן אָפט, אַז דעם „חבר׳ס פרוי" איז אַ מאַמע, וואָס דאַרף ערציען דעם יונגן דור אין דער טראַדיציע פון דער הסתּדרות. די אַרבעטאָרינס

*) לויט די סטאַטוטן פון דער הסתּדרות, קען ווערן מיטגליד נאָר דער, וואָס לעבט פון זיין אייגענער — פיזישער אדער גייסטיגער — ארבעט, ניט עקספּלואטירנדיג דעם צווייטנס ארבעט. (רעד.)

באַוועגונג האָט געזינדיגט דערמיט, וואָס זי האָט דווקא אָט די קאַטעגאָריע חבר׳טעס ניט פאַרזאָרגט מיט געזעלשאַפטלאַכע „מצוות״, מיט פליכטן לגבי דער גאַנצער באַוועגונג. ווען דאָס וואָלט באַצייטנס געטאָן געוואָרן, וואָלטן מיר איצטער ניט געשטאַנען פאַרן פאַקט, וואָס לאָ דַי די אַרבעטאָרין איז נאָר אַ צייטווייליגע חבר׳טע אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, איז זי נאָך אַ צייטווייליגע חבר׳טע אין דער אַרבעטאָרינס־באַוועגונג; מיר וואָלטן אויך ניט געדאַרפט אַזוי אָפט צוזען, ווי די פירונג אין דעם חבר׳ס הויז ווערט ביסלאַכווייז דערווייטערט פונם גייסט פון דער הסתדרות.

דעם „חבר׳ס פּרוי״ באַגעגנט מען ווייניג אין געזעלשאַפטלאַכן לעבן, אפילו דאָרטן וואו ס׳רעדט זיך וועגן אירע פּערזענלאַכע פּראַגן, ווי אויף די עלטערן־פאַרזאַמלונגען אין דער שולע, וואו ס׳לערנען זיך אירע קינדער; אינם פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין, צו וועלכן עס געהערט איר מאַן; אויף די אַסיפות פון דער אַרבעטער־שכונה, וואו איר פאַמיליע איז אַ מיטגליד, — הגם שפּע־טער וועט זי עס דאַרפן מקיים זיין אַלע באַשלוסן וואָס וועלן דאָרטן אָנגענומען ווערן. די אַרבעטאָרין־מוטער איז אַזוי פאַרטאָן אין פאַרהאַ־וועט אין אירע טאָג־טעגלאַכע זאָרגן, אַז זי דערווייטערט זיך פון איר איי־גענער געזעלשאַפט און בלייבט אַן איינזאַמע און אַן אָפּגעריסענע פון גאָר דער וועלט.

איז דען גאָר קיין תרופה ניטאָ, וואָס זאָל אונז העלפן? אין די מושבי־עובדים איז איינגעפירט אַ קעגנזייטיגע הילף ניט נאָר צווישן מענער, נאָר אויך צווישן פרויען. און הגם די אַרבעטערשאַפט אין שטאָט איז צעוואָרפן אין פאַרשידענע ראַיאָנען און זי איז אויך גייסטיג שוואַכער פאַראייניגט ווי די חברים אין אַ מושב־עובדים — פונדעסטוועגן איז מעגלאַך איינצופירן קעגנזייטיגע הילף אויך צווישן די שטאָטישע חבר׳טעס. מיר דאַרפן האָבן גוטע קינדערהיימען, געמיינזאַמע קיכן, שפּיל־פּלע־צער פאַר קינדער וואָס זיינען אָפן עטלאַכע שעה אין טאָג אפילו יום־טוב און שבת, און אַ באַזונדערע קראַנקן־קאַסע אויף צו פאַרבייטן די קראַנקע מוטער אין הויז און ביי די קינדער. איצטער, אַז אַ חבר׳טע ווערט אָפּגע־שוואַכט, מוז זי אָדער אַרבעטן ווייטער, ביז זי פאַלט איינגאַנצן און לאָזט איבער אירע קינדער אויף הפקר, אָדער זי מוז זיך באַנוצן מיט „ביליגער״ הילף. דאָס אַלץ וואָלט מעגלאַך געווען אויסצומיידן, ווען דער פאָדים וואָס פאַרבינדט די אַרבעטענדע מוטער מיט איר אייגענעם קלאַס

וואָלט זיך ניט איבערגעריסן, ווען די אַרבעטאָרינס־אָרגאַניזאַציע וואָלט זיך ניט באַצויגן צו אונז ווי צו אַ פאַרלאָרענעם טייל פון דער באַוועגונג, ווען אונזערע פראַגן וואָלטן געווען אַלעמענס פראַגן.

דער וועג פון דער אַרבעטנדער מוטער איז ניט קיין דורכגעטראָטע־נער און ניט קיין לייכטער. ער מאַטערט אויס דעם מענטשן און לאָזט איבער אָנגעווייטאָגטע שפּורן אין דער נשמה. און ניט ווייניק אומזיסטע ליידן פאַרשאַפט אונז די געזעלשאַפט צוליב איר אומגערעכטער באַציהונג צו אונז.

צפּורה בר־דרומא

תל־אביב

מיטן קינד

די פּראָבלעמען פון געמיינזאַמער קינדער־ערציהונג

איך וויל דאָ אַוועקשטעלן די פראַגע פון אונזער געמיינזאַמער קינדער־ערציהונג, אַזוי ווי איך זע זי אין לעבן — אין מיין אייגענער אַרבעט.

צוערשט — וואָס פאַר אַ סיבּות האָבן געצוואונגען די קבוצה און דעם קיבוץ צו שאַפן די געמיינזאַמע קינדער־ערציהונג?

די אידעע אַליין נעמט זיך ביי אונז פונם ווילן צו פאַרטיפן דעם בונד צווישן די מענטשן וואָס לעבן אין איין קיבוץ. צוליב דעם זיינען מיר גרייט אָפּצוגעבן דאָס טייערסטע און דאָס נאָענטסטע אין די הענט פונם קאָלעקטיוו. דאָס איז דער ערשטער מקור פון דער בשותּפות׳דיגער קינדער־ערציהונג. מיר ווייסן אויך אַז די ווייטערדיגע ענטוויקלונג פונם קיבוץ איז שטאַרק פאַרבונדן מיטן גייסט אין וועלכן ס׳וועלן ערצויגן ווערן אונזערע קינדער. אויסער דעם, שטרעבן מיר צו באַפרייען די פרוי אין דער געזעלשאַפט און אין דער פאַמיליע.

די געמיינזאַמע קינדער־ערציהונג אין ארץ־ישראל האָט שוין אַן עבר, און ביסלאַכווייז איז געשאַפן געוואָרן אַ געוויסער שטייגער אין דער ערציהונג. אינם טאָג־טעגלאַכן לעבן איז מען צו מיד און פאַרהאָרעוועט און מען קען זיך דעריבער ניט אַריינטיפן אין דער עצם פראַגע, — הגם דאָס קלאָר מאַכן פון די פּראָבלעמען וואָלט אונז געקענט צוגעבן אַ סך פרישע כּוחות פאַר דער אַרבעט. איצט האָט יעדע קבוצה, יעדער קיבוץ געפונען זיין אייגענעם אויסוועג, זיין אייגענע תשובה אויף דער קינדער־פראַגע. אָבער דאָס געמיינזאַמע וואָרט אין דער געמיינזאַמער פּראָבלעם איז נאָך דערווייל ניט געזאָגט געוואָרן.

צי קען מען שוין היינט אונטערפירן דעם סך־הכּל אונטער דער געמיינזאַמער קינדער־ערציהונג און זען וואָס זי האָט אונז געגעבן? צי אין דער׳אמת׳ן פילט זיך די קבוצה פאַר אַ בעל־הבית איבער אירע קינדער?

צי זיינען שוין די עלטערן פּטור פון צו זאָרגן דווקא פאַר זייערע אייגענע קינדער? און וואָס איז מיט דער באַפרייאונג פון דער פרוי?

ס׳איז ניט גרינג צו ענטפערן אויף די צוויי ערשטע פראַגן. פון דרויסן ווייזט זיך אפשר אויס, אַז די קבוצה פילט שוין ביי היינטיקן טאָג אַז די קינדער געהערן טאַקע איר. אינם לעבן אָבער האַלט עס נאָך ווייט. אַן אמת — דער קיבוץ טוט אַלץ וואָס ער קען כּדי צו פאַרזאָרגן זיינע קינדער עס זאָל זיי גאָרנישט פעלן, ניט מאַטעריעל און ניט גייסטיג. פאַר אונז אָבער איז וויכטיג די באַציהונג פון דעם גאַנצן קאָלעקטיוו און פונם איינצלנעם חבר צו די קינדער און זייער געפיל פון אַחריות לגבּי יעדן ניי־געבוירענעם קינד.

די פראַגע שטייט ניט אין אַלע קבוצות גלייך. די אַלגעמיינע באַציהונג צום קינד, די גרייטקייט צו טראָגן די זאָרגן פון דער קינדער־ערציהונג — הענגט אָפּ פונם גאַנצן אינווייניגסטן מצב אין דער קבוצה, פון דעם, ווי אַזוי אירע מענטשן לעבן צווישן זיך. און פונקט ווי מיר זיינען נאָך עד היום ניט דערגאַנגען אין אונזערע קיבוצים צו אַן אַבסאָלוט־ריכטיגן צוזאַמענלעבן צווישן די חברים — אַזוי פעלט נאָך אונז דאָס אַבסאָלוטע געפיל, אַז די קינדער געהערן דעם גאַנצן קיבוץ.

און די עלטערן אין קיבוץ? ניט גאָר מיט אַ גרינגער האַרץ גיט אָפּ אונזערע אַ מוטער איר ניי־געבוירענעם קינד אין דעם קינדערהיים, הגם אונז ווייזט עס אויס צו זיין אַזוי פּשוט און זעלבסטפאַרשטענדלאַך.

ס׳איז דאָ אַ סך צו ריידן וועגן דעם, ווי אַזוי עס ווירקט בּכלל די קאָלעקטיווע פאָרם פונם לעבן אויף דער פאַמיליע. איצט וויל איך זיך אָבער אָפּשטעלן נאָר אויף דעם, אַז דאָס קינד וואַקסט ביי אונז אויסער דעם עלטערן־הויז. אין אונזער אַרט לעבן איז בכלל ניט גרינג צו שאַפן די איינגע צונויפגעבונדנקייט צווישן עלטערן און קינד. ביי אַן אַרבעטער, וואָס האָט אַזאַ לאַנגן אַרבעטס־טאָג ווי ביי אונז, בלייבט שוין ניט קיין סך פרייע צייט פאַר די קינדער, און דערהויפּט נאָך ווען די קינדער געפינען זיך אין באַזונדערע היימען און די היימען האָבן זייערע סדרים און געזעצן. ניט אַלע מאָל ווען די עלטערן זיינען פריי קענען זיי אַריינגיין צו זייערע קינדער, ווייל ניט אַלע מאָל קען מען דאָרטן שטערן די אָרדנונג. אין אַ פאַמיליע וואָס לעבט פאַר זיך שאַפט די מוטער די לעבעדיגע פאַרבינדונג צווישן פאָטער און קינד, ווייל זי האָדע־וועט עס.

ביי אונז אָבער גייט דאָס קינד אַריין אין דער קינדערשער געזעל־שאַפט און לעבט מיט אירע אינטערעסן. און פונדעסטוועגן בענקען ביי אונז די קינדער אַזוי שטאַרק נאָך די עלטערן און גאַרן אַזוי נאָך יעדער באַגעגעניש מיט זיי. דאָס קינד ליידט ווען די עלטערן קומען ניט צו דער צייט און אָפט זיינען די באַציהונגען פון ביידע צְדָדִים געשפּאַנט און נערוועז.

די ריכטיגע לעזונג פון דער פראַגע וועגן דער שטעלונג פון דער פאַמיליע אין קיבוץ און וועגן די באַציהונגען צווישן קיבוץ און די קינדער, ווענדט זיך דער עיקר אָן צווי סיבות: צי וועט זיך איינגעבן דעם קאָלעק־טיוו צו שאַפן אַזעלכע מענטשלאַכע באַציהונגען, אַז די עלטערן זאָלן אים קענען אָפּגעבן זייערע קינדער מיט אַ פאָלשטענדיג רואיג האַרץ; און אויב יענע חברים, וואָס האָבן אַליין ניט קיין קינדער, וועלן אימשטאַנד זיין צו טראָגן מיט אַלעמען גלייך דעם עוֹל פון דער קינדער־ערציהונג מיט אַלע אירע פריידן און זאָרגן.

נאָר איינס האָבן מיר זיכער דערגרייכט מיט דער געמיינזאַמער קינדער־ערציהונג — דאָס איז די באַפרייאונג פון דער פרוי אינם קיבוץ; און אויף דעם מעגן מיר זיך פריידן. איצט זעען מיר קלאָר, אַז נאָר די געמיינזאַמע ערציהונג גיט דער פרוי די מעגלאַכקייט צו זיין אַ פרייער מענטש אין דער געזעל־שאַפט. ווען מען נעמט אַראָפּ פון דער פרוי כּמעט דעם גאַנצן יאָך פונם ציטערן איבערן קינד און פונם זאָרגן פאַר זיין פיזישער און גייסטיגער ענט־וויקלונג, און ווען די פרוי איז דערביי זיכער אַז דעם קינד וועט גאָרנישט ניט פעלן, — נאָר דאַן קען זי זיך אינגאַנצן איבערגעבן דער אַרבעט, וואָס זי ווילט זיך אַליין אויס און וואָס איז איר ליב. אָט די מעגלאַכ־קייט צו ווילן זיך די אַרבעט שאַפט דער פרוי אַ גלייכע שטעלונג אין דער פאַמיליע און גרייט צו דעם באָדן פאַר פרייע, ניט קיין געצוואונגענע באַציהונגען צווישן מאַן און פרוי.

פון דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פּ ר אַ ק ט י ש ע פראַגן, וואָס זיינען פאַר־בונדן מיטן לעבן אינם קינדערהיים, איז די וויכטיגסטע — די שטעלונג פון היים אין דער געזעלשאַפט פון דערוואַקסענע. צי שאַפן מיר אַן אָפּגעזונדערטע קינדער־וועלטל, אָדער צי ווילן מיר אַז די קינדער זאָלן זיין פאַרבונדן מיט דער וועלט אין וועלכער מיר לעבן? אין דער קליינער קבוצה עקזיס־טירט אֶפשר בִּכלָל ניט אַזאַ פּראָבלעם, ווייל דאָרטן איז די צאָל פון די קינדער ניט קיין גרויסע און דער גאַנצער הויף מיט דער ווירטשאַפט איז ביים קינד

שטענדיק פאַר די אויגן; דעריבער איז אין אַ קלענער קבוצה אויך תּמיד גרינג צוצוגיין צום קינד. דאָרטן אָבער וואו ס׳זיינען פאַראַן אַ סך קינדער, וואו דער ישוב איז צעוואָרפן און גרויס — דאָרט קען זיין אַ געפאַר, אַז מען וועט מוזן איינשליסן דאָס קינד אין די ד׳ אַמות פונם קינדערהיים. דאָס אָבער טאָר ניט זיין — אויב מיר ווילן אַז דאָס קינד זאָל בלייבן פאַרבונדן מיטן קיבוץ, מיט דער ווירטשאַפט, מיט דער אַרבעט, מיט אַלץ וואָס איז אונז טייער. און כּדי דאָס צו דערגרייכן דאַרף דער קיבוץ וויסן אַלץ וואָס עס טוט זיך אין די קינדערהיימען, און דאָס קינדערשע לעבן דאַרף ביי אים וועקן אַ טיפן ערנסטן אינטערעס.

און איצט — וועלכע זיינען ביי אונז די מענטשן וועלכע פירן אָן מיט דער ערציהונג, וועלכע געפינען זיך תּמיד מיטן קינד אין יענעם וויכטיקן פעריאָד פון זיין לעבן, וואָס אָן אים ווענדט זיך עס די גאַנצע שפּעטערדיקע ענטוויקלונג פונם מענטשן? מיר מוזן זאָגן דעם אמת, אַז אָט די וויכטיקסטע פונקציע אינם לעבעדיקן אָרגאַניזם פונם קיבוץ פילן ביי אונז אָפּט אויס מענטשן מיט אַ קליינער ערפאַרונג און מיט ווייניק קענטעניש; ווייל די צאָל קינדער וואַקסט און ווייל מיר האָבן נאָך ניט באַוויזן צו קאָנצענטרירן אַרום דעם קינדערהיים די אַלע קרעפטן וואָס זיינען מסוגל צו פאַרטיפן זיך אין דער ערציהונגס־אַרבעט און אָפּגעבן זיך איר אינגאַנצן.

די פראַגע פון אַ פּאַסנדער אַרבעטאָרין פאַרן קינדערהיים איז איינע פון די וויכטיקסטע אינם לעבן פון דעם אַנשטאַלט. פון דער חבר׳טע וואָס אַרבעט אַרום די קינדער הענגט אָפּ זייער פיזישע און גייסטיקע ענטוויקלונג. זי ווירקט אויף דער גאַנצער אַטמאָספער וואָס הערשט אין היים און אין אַ גרויסער מאָס אויך אויף דער באַציהונג פונם קיבוץ צום קינדערהיים. אַרבעטאָרינס־ספּעציאַליסטקעס אין דעם פאַך האָבן מיר ווייניק. מיט דער צייט לערנט טאַקע די חבר׳טע אַ סך פון דער אַרבעט גופא, אָבער ביז דאַן פאַרלירט זי פיל אומזיסטע כּוחות און נערוון.

אונזער קינדערהיים וועט ערשט דעמאָלט אויסגעבויט ווערן אויף אַ פעסטן יסוד, בעת ס׳וועט אונז געלינגען צוצוגרייטן די נויטיקע צאָל פון געניטע און טרייע שטענדיקע אַרבעטאָרינס, וועלכע וועלן פאַרשטיין ווי אַזוי צו באַטייליקן אין זייער אַרבעט דעם גאַנצן קיבוץ אַרום. מען דאַרף גרינ־גער מאַכן דער חבר׳טע די אַרבעט אין קינדערהיים דורך בעסערע און באַקוועמערע באַדינגונגען פון אַרבעט: ערשטנס דאַרף מען פאַרקלענערן איר אַרבעטסטאָג (אין אַ סך קבוצות אַרבעט מען אין די קינדערהיימען צען־

צוועלף שָעה אַ טאָג), ווייל מיט קינדער דאַרף מען האָבן אַ קלאָרן קאָפּ און אַ רואיג געמיט; ווייטער, דאַרפן די חברים וואָס קומען אין באַריִרונג מיטן קינדער־היים ריכטיג אָפּשאַצן און פאַרשטיין די אַרבעט פון דער ערציערין, און נאָך אַ געוויסער צייט אַרבעט אין קינדערהיים דאַרף דער חבר׳טע געגעבן ווערן די מעגלאַכקייט אויסצובילדן זיך אין ארץ־ישראל אָדער אין אויסלאַנד.

אַ סך זאָרגן שאַפט אונז אויך די פראַגע פון דער קינדער־גערטנערין. ביי די יינגערע קינדער, ביז צוויי אָדער דריטהאַלבן יאָר, ערלויבט זיך צו אַרבעטן אויך אַ ניט־געניטע חבר׳טע, ווייל זי האָפט אַז דער געזונטער נאַטירלאַכער מוטער־אינסטינקט וועט איר העלפן, און אַז צוזאַמען מיט דער אַרבעט וועט קומען די ערפאַרונג. אָבער צו עלטערע קינדער — פון דריי ביז זעקס יאָר — איז שוין ניט אַזוי גרינג צוצוגיין, און אונזערע אַ חבר׳טע וועט קיינמאָל ניט מַסכּים זיין צו נעמען אויף זיך די אַחריות, ווען ס׳פעלט איר די נויטיגע אויסבילדונג. דעריבער מוזן מיר זוכן די פאַך־גערטנערין אויסער דעם קיבוץ, און דאָס איז ניט אַזוי פָּשוט. דאָס רוֹב פּאַסט ניט ׳די בילדונג פון די גערטנערינס צו אונזער לעבן און צו אונזער פאָרם פון געמיינשאַפט, און ס׳איז ניט אַזוי גרינג אַריבערפלאַנצן זיי אויפן באָדן פון אַן ארץ־ישראל׳דיגן קיבוץ. די גערטנערין אַליין ראַנגלט זיך מיט טויזנטער ספֵקות, דער קיבוץ ווייס אָפט ניט ווי אַזוי איר צו העלפן, און סוֹף כָּל סוֹף מוזן די קינדער צאָלן פאַר די עקספּערימענטן וואָס מען מאַכט איבער זיי. אָפט איז ניטאָ קיין אַנדער בּרֵירה און מען מוז נעמען די זאַך ווי זי איז. די אֶמת׳ע לעזונג פון דער פראַגע באַשטייט אָבער דערין, אַז די קיבוצים אַליין זאָלן פון זיך אויסוויילן די פּאַסנדע מענטשן און געבן זיי די מעגלאַכקייט פון אויסבילדונג.

איצט וויל איך נאָך עפּעס זאָגן וועגן דער שטעלונג פון דער מוטער אין אונזערע אַנשטאַלטן, דער עִיקר אינם זויג־קינדערהיים.

אַ פרוי וואָס לעבט שוין עטלאַכע יאָר אין קיבוץ, וואָס ווייס אַלע מעלוֹת פון אונזערע קינדערהיימען — האַלט זיכער אַז די געמיינזאַמע קינדער־ערציהונג איז די בעסטע. און פאָרט ליידט זי פון אַ טיפער אינווייניגסטער שפּאַלטונג. כּמעט יעדע פרוי וויל אַליין האָדעווען איר פּיצל־קינד. זי וויל אַלע ווילע זען דאָס קינד, זי וויל זיך צוקוקן צו זיין טאָג־טעגלאַכער ענטוויקלונג, וואָס איז אַזוי וואונדערלאַך און אינטערעסאַנט אינם ערשטן יאָר פון זיין לעבן. און אַז אונזער מוטער מוז זיך פון דעם אַלץ אָפּזאָגן — ליידט זי און בענקט. דערצו ציטערט נאָך די מאַמע איבערן

געזונט פון אַ זויג־קינד אַ סך מער ווי איבער אַ גרעסער קינד. און זי איז טאַקע גערעכט, ווייל דאָס ערשטע יאָר אינם לעבן פונם קינד איז דאָס וויכטיגסטע און געפערלאַכסטע. און פון די אַלע מוטער־געפילן נעמט זיך די גרויסע געשפּאַנטקייט וואָס מען שפּירט זי אַזוי אָפט אין אונזער זויג־קינדערהיים, אַן אֶמת איז, אַז דאָס רוב פילט ביי אונז די מאַמע דעם גרעסטן צוטרוי צו די חבר׳טעס וואָס אַרבעטן אינם קינדערהיים, ווייל זי ווייס גוט זייער איבערגעגעבנקייט; און פון יאָר צו יאָר וואַקסט צווישן דער מוטער און דער קינדער־ערציערין דער קעגנזייטיקער צוטרוי און דאָס פאַרשטיין איינע די צווייטע, — און פונדעסטוועגן קען מען ניט אינגאַנצן אויסמיידן די שווערע מאָמענטן. און ווען איז דאָס דערהויפּט קענטיג? — ווען דאָס קינד איז קראַנק. ווי גוט די מוטער זאָל זיך דאַן ניט האַלטן, פאַרלירט זי פאָרט אין אַזעלכע פאַלן איר רו און איר זיכערקייט. איר צוטרוי צו דער ערציערין ווערט שוואַכער. זי שטעלט פאָדערונגען וואָס, אָביעקטיוו גענומען, טאָר זי זיי גאָרניט שטעלן, און זיי ביידע — די מוטער און די ערציערין — הערן אויף צו פאַרשטיין איינע די אַנדערע. דענסטמאָל ווייזט זיך ערשט אַרויס די גאַנצע שווערקייט פון דער געמיינזאַמער קינדער־ערציהונג און מען זעט אַז ס׳פעלט נאָך אונז אַלעמען אַ סך זעלבסט־ערציהונג און זעלבסט־באַהערשונג.

ווי אַזוי דער פאַרשטאַנד און דער ווילן ראַנגלט זיך מיטן אינסטינקט איז צו זען אין נאָך אַ פאַל — ווען איין מוטער קומט צו הילף דער צווייטער בעת יענער פעלט אויס מילך פאַר איר קינד. די מעגלאַכקייט פון אַזאַ הילף איז איינע פון די גרויסע מַעֲלוֹת אין אונזערע זויג־קינדערהיימען. און אונזערע מאַמעס טוען דאָס טאַקע שטענדיג. און דאָך ווען עס טרעפט זיך, אַז דאָס קינד פון דער צווייטער דאַרף האָבן דַוקא מער מילך, דענסט־מאָל איז ניט אַזוי גרינג דער מאַמען צו פּועלן ביי זיך אַליין אַז זי מוז אָפּשפּאָרן פון איר אייגן קינד.

צוליב וואָס דערצייל איך עס די אַלע קלייניקייטן? — ווייל מיר דוכט זיך, אַז נאָר אויף אַזאַ אופן קען מען פאַרשטיין וואָס אַ פרוי לעבט איבער בעת זי גיט אָפּ איר קינד אין די געמיינזאַמע קינדערהיימען, תּמיד פאַרלאַנגען זעלבסט־באַהערשונג פון דער מוטער, פון די עלטערן, איז אַן אוממעגלאַכע זאַך; און מיר, אָנשטאָט צו פאַרשטיין דאָס ראַנגלען זיך פון דער פרוי מיט זיך אַליין — באַשולדיגן מיר זי אָפט פאַר יעדע שוואַכקייט, וואָס זי ווייזט אַרויס. און דוקא אין אָט דעם אינטימען ווינקל פונם לעבן איז אַזוי נויטיג צו זיין פאָרזיכטיג און צו פאַרשטיין איינער דעם אַנדערן!

קינדער באָדן זיך אין ים כנרת

וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע פון אונזערע קינדערהיימען האָט מען שוין ביי אונז ניט איינמאָל גערעדט. ווייל פון דעם הענגט אָפּ דער גאַנצער בּנין פון דער געמיינזאַמער קינדער־ערציהונג. פאַר וואָס קאָסט אונז אַ קינד אַזוי טייער? פאַרוואָס דאַרפן מיר אַזוי פיל אַרבעטאָרינס אין אונזערע קינדערהיימען?

דאָס רוב קינדער וואָס ווערן ערצויגן אין די געמיינזאַמע קינדער־היימען געפינען זיך אין די לאַנדווירטשאַפטלאַכע קבוצות און קיבוצים פונם עֵמֶק הַיַרְדֵן און עֵמֶק יִזְרְעֶאל — און דאָס איז איינע פון די סיבות פאַרוואָס די קינדער קאָסטן אונז אַזוי טייער.

עס איז שווער צו האָדעווען ביליג קליינע קינדער אין אַ קלימאַט פון וועלכן עס ליידן אַפילו דערוואַקסענע. די טרוקעניש און די היץ מאַטערן אויס די קינדער. אין די זומערדיגע חדשים פאַרלירן זיי דעם אַפּעטיט, זיי פיבערן און ברעכן. ס׳פאַרשטייט זיך אַז ניט אַלע קינדער ליידן גלייך; שווערער פאַר אַלעמען פאַסן זיך צו צו אונזער קלימאַט די קינדער וואָס זיינען נאָר וואָס אַנטוויינט געוואָרן — פון אַכט חדשים ביז אָנדערט־האַלבן יאָר. די „גרויסע״, נאָך צוויי יאָר, געוויינען זיך צוביסלאַך צו. און ווען אַ קינד איז אָפּגעשוואַכט פון די גרויסע היצן, דענסטמאָל מוז זיך אַ באַזונדער מענטש אים אינגאַנצן איבערגעבן, כּדי די שוואַכקייט זאָל ניט פאַרהאַלטן זיין ווייטערדיגע ענטוויקלונג.

און ס׳איז דאָ נאָך אַ וויכטיגע סיבה, פאַרוואָס ס׳קאָסט אונז אַזוי טייער צו האָדעווען אונזערע קינדער. ווען אין איין הויז לעבן צוזאַמען אַ סך קינדער — קענען זיי זיך ביי יעדער עפּידעמישער קראַנקייט גרינג אָננעמען איינער פונם צווייטן. כּדי אויסצומיידן אַזאַ אומגליק האָבן מיר אין אונזערע קינדערהיימען איינגעפירט שטרענגע געזעצן פון היגיענע. און דאָס פאַרלאַנגט ווידער מיטלען און מענטשן, וועלכע זאָלן עס דורכפירן אין לעבן. און ס׳איז כּדאי צו דערציילן דעם פאַקט, אַז פון אַלע עפּידעמישע קינדער־קראַנקייטן וואָס פאַרשפּרייטן זיך אָפט אין לאַנד, ליידן ווייניגער ווי אומעטום די קינדער אין די קיבוצים. די קינדער־דאָקטוירים און די אָפּי־ציעלע סטאַטיסטיק זאָגן עֵדות, אַז אין די געמיינזאַמע קינדערהיימען איז דער פּראָצענט פון טויט־פאַלן נידעריגער ווי צווישן קינדער וואָס ווערן ערצויגן אינם זעלבן קלימאַט נאָר אין איינצלנע פאַמיליעס, און אַז ער קען זיך נאָר פאַרגלייכן מיטן פּראָצענט פון טויט־פאַלן אין די ענטוויקלטסטע לענדער פון דער וועלט.

ס׳פאַרשטייט זיך, אַז ניט קוקנדיג אויף אַלע שווערע באַדינגונגען מוזן מיר זוכן אַ וועג ווי אַזוי צו מאַכן ביליגער אונזער קינדער־ערציהונג. אין אַ סך קבוצות קאָסטן שוין היינט די קינדער ווייניגער ווי מיט עטלאַכע יאָר צוריק. די מעגלאַכקייט צו פאַרקלענערן די הוצאות פון די קינדערהיימען הענגט ווייטער אָפּ אין אַ גרויסער מאָס פון דער ג ע נ י ט ע ר ש ט ע נ־ד י ג ע ר קינדער־ערציערין. נאָר אַזעלכע אַרבעטאַרינס וועלן קענען איינ־פירן די נויטיגע אויסבעסערונגען אין דער געמיינזאַמער קינדער־ערציהונג. און די גאַנצע אַרבעטערשאַפט וואָס לעבט אין קבוצות און אין קיבוצים דאַרף זיי קומען צו הילף. די גאַנצע קאָלעקטיוויסטישע אַרבעטער־באַוועגונג דאַרף באַשאַפן אַ בשותפות׳ן וויסנשאַפטלאַכן אַנשטאַלט וואָס זאָל זיך אָפּגעבן מיט די פראַגן פון דער געמיינזאַמער קינדער־ערציהונג און מיט זייער לעזונג.

בית־אלפא ניגאַ ריכטער

דאָס קינד און די געמיינזאַמע ערציהונג

מיר, די ערשטע חבר׳טעס, וואָס האָבן נאָך מיידלווייס זיך דערטראַכט צום געדאַנק פון געמיינזאַמער קינדער־ערציהונג אין דער קבוצה — מיר האָבן געהאַלטן די געמיינזאַמע ערציהונג פאַר אַן אידעאַלע העכערע ערציהונגס־פאָרם און ניט פאַר אַ „מוז״, וואָס מען דאַרף עס מקיים זיין דערפאַר וואָס מען לעבט אין אַ קבוצה. און אַזוי האָבן מיר ניט אויפגעהערט צו טראַכטן אויך שפּעטער, — שוין זייענדיג מאַמעס פון קינדער.

מיר האָבן געוואָלט אַז אונזער מענטש זאָל זיך טיף איינוואָרצלען אינם גרויסן עֶבר פונם לאַנד, און צוגלייך מיט דעם זאָל ער די באַפריי־דיגונג פון זיין טיפסטער באַדערפעניש — צו געבן זיינע קינדער אַ העכערע ערציהונג — געפינען אינם לעבן פון דער קבוצה.

מיט פרייד און שטאָלץ זיינען מיר געגאַנגען צו אונזער ערשטן נסיון: כִּנֶּרֶת, דגַנְיָה, תֵּל־עֲדַשׁ. אָפּן און רואיג פלעגן מיר אויסוויילן צווישן זיך די פּייאיגסטע חבר׳טעס און יעדער פון אונז איז געווען גרייט אָנצו־טרויען זיי איר קינד און אַליין אַוועקגיין צו דער אַרבעט.

און טייער האָבן אונז געקאָסט די ערשטע יאָרן פון דער געמיינזאַמער קינדער־ערציהונג. צווישן אַלע שווערע נסיונות, וואָס מיר זיינען אויסגעשטאַנען אין לאַנד און אין דער קבוצה — איז דאָס אפשר געווען דער שווערסטער און דער וויכטיגסטער. און אַזוי וועט עס תּמיד בלייבן, ווייל מיט יעדער מוטער הויבט זיך אָן דער נסיון פון דאָסניי.

און פונדעסטוועגן, לאָמיר פּרובן אונטערצופירן דעם סך־הכל פאַר די צען יאָר פון דער געמיינזאַמער קינדער־ערציהונג אין די קבוצות, און לאָמיר עס טאָן נאָר פון איין־און־איינציגן שטאַנדפּונקט: וואָס איז דאָס בעסטע פאַרן קינד, — ניט נאָר פאַר זיין קערפּערלאַכן אויפבליען, נאָר אויך פאַר זיין גייסטיגער ענטוויקלונג.

אונז איז קלאָר, אַז פאַר שול־קינדער איז די האַרמאָנישע און די רייכסטע ערציהונגס־פאָרם — דער קינדערהיים אַזוי ווי ער איז אַוועקגעשטעלט ביי אונז: ניט קיין קליין אָפּגעצוימט וועלטל, נאָר אַ קינדער־געמיינשאַפט וואָס לעבט און וואַקסט מיט אונז, וואָס זויגט אין זיך אַריין דעם זאַפט פונם אייגענעם באָדן און וואָס ניט נאָר די עלטערן, נאָר דער גאַנצער קיבוץ באַשענקט זי מיט ליבע.

און אונז איז קיינמאָל ניט אַרויף אויפן זינען צו פאַרבייטן די עלטערן־ליבע אויף עפּעס אַנדערש. מיר האָבן נאָר געוואָלט צוגעבן צו איר די ליבע פון דער געמיינשאַפט, כדי דאָס קינד זאָל ניט פילן, אַז ווי עס טרעט נאָר אַריבער דעם שוועל פון זיין היים, געפינט ער זיך שוין צווישן פרעמדע און נויטיגט זיך שוין אין אימיצנס שוץ. און וואָס האָבן געדאַרפט אויסשטיין די ערשטע מאַמעס אין די קבוצות פון דער פאַלשער מיינונג, אַז מען דאַרף גאָר דערווייטערן די עלטערן פון די קינדער! צוזאַמען אָבער מיט דעם ווי עס וואַקסט ביי אונז די צאָל פון די קינדער און די צאָל פון עלטערן — אַלץ מער דערווייטערן מיר זיך פון אַמאָליגע טעות׳ן.

אפילו אין אַ קבוצה איז שווער אַ קינד אָן עלטערן, הגם דער גאַנצער קינדערהיים, פון דער ערציערן ביזן קלענסטן חבר, ווייס גוט אַז אַן עלנד קינד דאַרף מען מקרב זיין מער ווי אַנדערע. און אויסערלאַך פעלט אים טאַקע גאָרנישט. אָבער קוקט זיך נאָר צו צום פאַריתומ׳טן קינד, צו זיין בליק וואָס זוכט און וואַרט אויף אימיצן, און איר וועט פאַרשטיין ווי שווער עס איז די איינזאַמקייט אפילו ביי געמיינזאַמער ערציהונג!

ווייל ס׳איז גאָר קיין ברעג ניטאָ וויפיל אַ קינד דאַרף האָבן ליבע, כדי עס זאָל אים סטאַיען וואַרעמקייט אויפן גאַנצן שווערן לעבן. און אויף

אונזערע קינדער, וואָס וועלן דאָך געוויס עפּעס יַרשְ׳ענען פון די עלטערן, וואַרט זיכער ניט קיין גרינגער לעבן.

נאָר ליבע און רַחמָנוּת צום קינד קען אונז געבן דעם כּוח וואָס איז נויטיג, כּדי תּמיד צו קענען שטיין אויף דער וואַך פונם קינדישן לעבן, תּמיד צוצוהערן זיך צום קינדס פאַרלאַנגען און באַדערפעגישן און צו פאַרשטיין זיי אָן ווערטער, — כָּל זמַן דאָס קינד איז נאָך ניט אימשטאַנד זיי אויסדריקן אין ווערטער.

און ווייל צווישן די ערציהער זיינען דאָ „אַ סך פאַרבעטענע און ווייניג אויסדערוויילטע״ — דערפאַר קען מען אָפט ניט אויסמיידן שווערע באַציהונגען צווישן עלטערן און ערציער. מען טאָר ניט פאַרגעסן, אַז דער נאַטירלאַכער מוטער־אינסטינקט מאַכט שוין דער מוטער פאַר אַן אויסדער־ווײלטער לגַבֵּי איר קינד.

דער טיפער מוטער־אינסטינקט האָט אָבער אויפגעהערט אויסצופילן אונזער גאַנצן לעבן אַזוי ווי ער האָט אויסגעפילט אַ מאָל דאָס לעבן פון אונזערע מאַמעס. איך ווייס ניט, אויב ס׳איז גוט אַזוי אָדער ס׳איז שלעכט, נאָר אַזוי איז עס: דאָס קינד אַליין באַפרידיגט אונז ניט און גיט נאָך ניט קיין ענטפער אויף אַלץ וואָס מיר פאַרלאַנגען פון זיך אַליין.

און איך ווייס גוט אַז אויף צוריק איז ניטאָ קיין וועג, ס׳איז ניטאָ קיין וועג ניט צו דער אַמאָליגער מאַמע און ניט צו דער אַמאָליגער ווייב. יעדערע פון אונז מוז אַרויסגיין אויף איר אייגענעם וועג, און אפילו דאָס קינד וועט אונז פון דעם וועג ניט אָפּהאַלטן. און ווען איינע פון אונז וועט אפילו מיד ווערן און וועט זיך שוין וועלן אומקערן, — וועט זי דאָס אויך ניט קענען. און די וואָס טראָגט נאָך אין האַרצן די שיינע אידיליע פון אַמאָל, באַ־פרייט זיך פון איר ווי נאָר זי דערזעט נאָך אַמאָל פון דער נאָענט דאָס לעבן פון דער היינטיגער פאַמיליע אין שטאָט...

און ווייל ס׳איז ניטאָ וואוהין אומצוקערן זיך, איז דער וועג נאָך שווערער.

און — פונדעסטוועגן...

די שווערסטע צייט אינם לעבן פונם קינד, בעת די מוטער איז שטענדיג פאַרזאָרגט און פאַר׳דַאגה׳ט פאַר זיין ענטוויקלונג, זיינען די ערשטע דריי יאָר. און ווען די מוטער דאַרף עטלאַכע טעג נאָכן געבוירן פונם קינד שוין אים אַוועקגעבן אין אַנדערע הענט; ווען זי הערט אויף צו

באַפרידיגן אַלע באַדערפעניש פונם קינד — פון יענעם מאָמענט אָן הויבט זיך אָן איר ליידן. ווייל די אַלע קליינע זאָרגן אַרום דעם קינד זיינען אַזוי וויכטיג. דאָס ניי־געבוירענע קינד בייט זיך פון טאָג צו טאָג. און זען זעט מען עס דוקא אין קלייניקייטן: בעת מען באָדט אים, בעת ס׳וועקט זיך ערשט אויף פונם שלאָף, בעת ס׳שמייכלט צום ערשטן מאָל, בעת ס׳בליצט אין אים אויף דער פונק פון באַוואוסטזיין, — אין יעדער באַוועגונג זיינער און אין יעדן קלאַנג פון זיין שטימע.

און אין קינדערהיים, אַפילו ווען ער וועט שוין שטיין אויף דער העכסטער מדרגה פון ערציהונגס־קולטור, וועט מען קיינמאָל ניט באַגעגענען יעדן שיין פון קינדערשן לעבן מיט אַזאַ ציטער און וואַרטעניש, ווי ס׳באַגעגנט אים אַ מוטער.

און פונדעסטוועגן — צי קען מען גאָר אָפּשאַצן די הילף וואָס דער קינדערהיים גיט דער יונגער, ניט־וויסנדיגער מוטער ווען זי גייט אַרויס פון שפּיטאָל אַ שוואַכע, מיט אַ קליין עופה׳לע אויף די הענט און כּמעט שטענדיג אַן עלנדע? זעלטן ווען האָט אַ יונגע פרוי אין ארץ־ישראל אַ פאַמיליע, וואָס זאָל מיט איר דורות־לאַנגער טראַדיציע און לעבנס־ערפאַ־רונג העלפן איר אויפן נייעם וועג. און וואָס האָט די יונגע מוטער אָנשטאָט דער פאַמיליע? דאָס בוך? ניט יעדע פרוי האָט די צייט און די מעגלאַכקייט צו לייענען ביכער, און מיר ווייסן גוט ווי אַ בוך העלפט, ווען מען באַגעגנט זיך מיט דער אמת׳ערווירקלאַכקייט, ווען דאָס לעבעדיגע קינד וויינט אויף דיינע הענט. נאָר יענער, וואָס האָט מיט זיינע אייגענע אויגן געזען ווי אַזוי עס ליידט די איינזאַמע אַרבעטער־פאַמיליע אין שטאָט אָדער אין מושב עובדים, ווען ס׳ווערט ביי איר געבוירן דאָס ערשטע קינד — נאָר יענער קען באַגרייפן וואָס אונזער קינדערהיים באַטייט פאַר דער מוטער און פאַרן קינד, וואָס עס באַטייט די רייכע אָנגעזאַמלטע ערפאַרונג און ערציהונגס־קולטור, וואָס אונזערע קינדערהיימען פאַרמאָגן.

די קינדערהיימען בלאָנדזשען ניט אין דער פינסטער אַזוי ווי ס׳בלאָנ־דזשעט יעדע מוטער, אַפילו די געבילדעטע און די פייאיגע. אונטער דער אָנפירונג פון קינדער־דאָקטוירים און טרייע איבערגעגעבענע ערציערינס גייט זייער ענטוויקלונג פאָראויס מיט זיכערע טריט. נאָר איינס לאָזט ניט רוען: ווי אַזוי גיט מען דעם קינד וואָס האָדעוועט זיך אינם קינדערהיים דעם ליכטיגן בליק און דעם ליבן שמייכל פון דער מוטער, נאָך וועלכן ס׳ציט זיך און גאַרט אפילו דאָס קלענסטע באַשעפעניש?

ס'איז קלאָר, אַז אויב מיר וועלן פאַרגלייכן די לאַגע פון די קינדער אין דער קבוצה מיט דער לאַגע פון אַנדערע אַרבעטער־קינדער אין ארץ־ישראל און אין אויסלאַנד, אָדער אַפילו מיט דער לאַגע פון ניט־אַרבעטער־קינדער — וועט אויסקומען אַז מיר פאַרלאַנגען צופיל פון דער געמיינזאַמער קינדער־ערציהונג. מיר טאָרן אָבער ניט פאַרגעסן ווי אַזוי מיר זיינען געקומען צו דעם עצם געדאַנק — מיט וואָס פאַר אַ פאָדערונגען און וואונשן פון ארץ־ישראל'דיגן לעבן און פון זיך אליין. ווייל נאָר ווי אַ העכערע קולטור־מדרגה וועט אונז די געמיינזאַמע קינדער־ערציהונג געבן כּוחות אויף אונזער פאַר'עקשנ'טן זוכן אַ וועג צו אַ שענערן לעבן פאַר זיך און פאַר די קינדער.

עין־חרוד עוואַ טאַבענקין

די ערציערין אין קיבוץ

צוויי שווערע פראַגן שטייען פאַר דער פּראָפעסיאָנעלער ערציערן אין קיבוץ, ווען זי טרעט צו צו איר אַרבעט מיט די קינדער: צי איז זי פייאיג צו ערפילן די אויפגאַבן וואָס די קאָלעקטיווע ערציהונג לייגט אויף איר אַרויף? און צי איז דער וועג פון קאָלעקטיווער ערציהונג בכלל אַ ריכטיגער וועג?

אין די ערציהונגס־אַנשטאַלטן פון קיבוץ האָט זיך קאָנצענטרירט צופעליג אָדער ניט צופעליג אַ גרופּע לערערינס וועלכע האָבן פון תּמיד אָן, אפילו זייענדיג לערערינס אין חוץ־לאָרץ, מורא געהאַט פאַרן פּראָפעסיאָנאַליזם. זיין אַ שטענדיגע פאַך־ערציערין האָט ביי זיי געהייסן — זיין פאַר'משפּט צו אַן אַרבעט אָן התלהבות, אָן לעבן, אָן האַרציקייט, צו אַן אַרבעט אויס געוואוינהייט אָדער צוליב מאַטעריעלע סיבּות. און פון דעם האָבן מיר געוואָלט אַנטלויפן.

די מוראָ פאַרן פּראָפעסיאָנאַליזם האָט אַרויפגעדריקט איר שטעמפּל אויפן גאַנצן שטייגער פון אונזער אַרבעט. מיר האָבן געפרעגט זיך אַליין אַ סך מער ווי אַזוי מען גייט צו צום קינד איידער מיט וואָס זאָל מען צו אים צוגיין. מיר האָבן זיך ניט געיאָגט נאָך אויסערלאַכע פּעדאַגאָגישע עפעקטן, נאָר טיף פון זיך געשעפּט די ערציערישע מיטלען. אַזאַ

מין צוגאַנג צו דער אַרבעט האָט אונז ניט דערלאָזן איינצושליסן זיך אין באַשטימטע גרעניצן. דער וועג איז שטענדיק געלעגן אַן אָפּענער פאַר נייע ספקות און נייע זוכעניש. איצט, נאָך יאָרן אַרבעט, זיינען מיר געבליבן כּמעט אָן אַ פּראָפעסיאָנעלער טראַדיציע. און ניט איינמאָל חאַפּט דיך אַרום דאָס געפיל, אַז נאָך דיין גאַנצער ערפאַרונג, און זאָל זיין אפילו נאָך דיין גאַנצער הַצְלָחָה אין דער אַרבעט, — שטייסטו פאַרט אַן אָרעמע, מיט ליידיגע הענט, און האָסט ניט מיט וואָס צו גיין ווייטער. אין אַזעלכע מאָמענטן איז אָפּט דאָס ערשטע געפיל — אַוועקגיין, און דעריבער זיינען דאָ אין קיבוץ אַזוי פיל ערציערינס וואָס מיידן אויס זייער פאַך, אָדער וואָס אַרבעטן אין אים נאָר כּדי צי ערפילן זייער פליכט, און אפילו ווען זיי גיבן זיך שוין יאָ אונטער, — קוקן זיי אויס די אויגן ווי אַזוי „אויסגעלייזט צו ווערן".

מיט אַן אָרעם פאַרמעגן זיינען מיר צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. ס'האָט אונז געפעלט אַלגעמיינע אויסבילדונג; קענטעניש פון לאַנד און פון פאָלק; אַ נאַטירלאַכע אייגענע שפּראַך; ערציהונג און געוואוינהייטן וואָס זאָלן פּאַסן צו אַ לעבן אין אַ קאָמונע. מיר האָבן ניט געוואוסט ווי אַזוי מען ערציט אַ קינד קערפּערלאַך; מיר האָבן ניט געקענט שאַפן פאַרן קינד דעם יום־טוֹב, דעם שבת, און נאָך אַ לאַנגע, לאַנגע שורה פון שווערע פעלערן האָט אונז באַגלייט אויף אונזער וועג.

און וואָס דאַרף איך זיין פאַרן קינד אין דער קאָמונע? אַ מאַמע אָדער אַן ערציערין? און אפשר ביידע צוזאַמען? און וואָס איז מיין ראָל צווישן די עלטערן און דעם קינד? ווי אַזוי דאַרף זיין די באַציהונג צווישן קינדערהיים און דעם עלטערן־צימער?

און מיט אָט דעם גריבלען זיך און מיט דעם אָנוואַרפן בערג פאָדערונגען פון זיך אַליין האָבן מיר ניט ווייניק פאַרהאַלטן די ענטוויקלונג פון אונזער אַרבעט און געבראַכט פיל שאָדן די דערגרייכונגען וואָס זיינען שוין באַשטאַנען אין לעבן. און ס'פרעגט זיך — עקזיסטירן דען אָט די אַלע פראַגן וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער קאָלעקטיווער קינדער־ערציהונג נאָר בלויז פאַר דער ערציערין, און נאָר זי אַליין מוז זוכן אויף זיי דעם ענטפער?

ס'איז דאָך קלאָר, אַז ניין. מיר גלויבן ניט אַז אַלץ ליגט נאָר אין די הענט פונם ערציער. מיר ווייסן אַז דאָס לעבן, די סביבה — זיי בילדן אויס די פערזענלאַכקייט. און דערהויפּט אינם לאַנד און אין דער לעבנס־פאָרם וואָס מיר האָבן זיך אויסגעוויילט — דערהויפּט דאָ ווערט די וויכטיגסטע ערציערישע אַרבעט געטאָן ניט דווקא דורך דעם לערער.

ווי לעכערלאַך איז דאָס קלאָגן זיך פון דער ערציערין, אַז זי איז ניט געוואוינט צו פיזישער אַרבעט — אין דער מלוכה פון אַרבעט, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן אין אונזער קאָמונע אויס פרייען ווילן און איבערצייגונג. ווי שוואַך איז איר טַענה, אַז זי איז ניט אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אין דער נאַטור, בעת די קינדער אונזערע זיינען אַליין אַזוי וואונדערלאַך נאָענט און אינטים מיט דער נאַטור.

ס׳דוכט זיך מיר אַז דַוקא דאָ, וואו מענטשן ווילן שטייגן, וואו דער גאַנצער בִּנין שטיצט זיך אויסשליסלאַך אויפן מענטשנס גייסט און די גאַנצע מי איז נאָר צו שאַפן אַן ערהאַבענערן, אַ ריינערן לעבן פון דעם וואָס עס עקזיסטירט היינט, — אַז דַוקא דאָ איז דער מענטש נעענטער צו גאָט און צו דער שאַפנדיגער נאַטור.

און וואָס איז שַייך צו אַלע איבעריגע פראַגן — די פאַרבינדונגען פון דער ערציערן מיט די עלטערן, די באַציהונג צווישן קינדערהיים און עלטערן־הויז — טאָרן מיר ניט פאַרגעסן, אַז די ערפאַרונג איז די בעסטע וועגווייזערין, אַז נאָר זי אַליין טראָגט אַריין גלייכגעוויכט און האַרמאָניע צווישן די גרעסטע קעגנזאַצן אין לעבן.

די אַרבעטאָרין אינם קינדערהיים מוז זיך באַפרייען פונם שווערן יאָך פון פּראָבלעמען, וואָס זייער לעזונג הענגט אָפּ ניט פון איר און אפילו ניט פון דער גאַנצער איצטיגער געזעלשאַפט. די לעזונג וועלן עֶרשט געפינען די דוֹרוֹת וואָס וועלן קומען נאָך אונז.

די ערציערין מוז זיך קאָנצענטרירן. זי מוז קלאָר מאַכן זיך אַליין — איר וועג, אירע אויפגאַבן און אירע אֶמֶת׳ע חֶסרוֹנוֹת.

אין דעם גרויסן אויפטו פון דער קאָלעקטיווער קינדער־ערציהונג זיינען איינג פאַרבונדן עלטערן, קינד און ערציערין. יעֶדערער פון זיי ברייגגט זיין קָרבן, יעדערער שענקט זיין אָפּצאָל. די אויפגאַבע פון די עלטערן און פון דער ערציערין איז וואָס קלענער צו מאַכן דעם קָרְבן וואָס עס ברייגגט דאָס קינד. מיר דאַרפן תָּמיד געדענקען, אַז ס׳איז נאָך גאָרניט באַשאַפן געוואָרן אַזאַ מִזבֵּחַ וואָס זאָל ווערט זיין אַ קינדס אַ קָרבן. זיין קראַפט און זיין לעבן געהערן אים, נאָר אים אַליין.

לאָמיר מיט ליבע צוגיין צום קינד.
מיט ליבע צום קינד און מיט גלויבן אין אונזער אויפטו.
זאָל דאָס זיין דאָס ליכט וואָס באַלייכט אונז דעם וועג.

עין־חרוד פרומקע

עין־חרוד׳ער קינדער פאָרן באַגעגענען דאס נייגעבוירענע שוועסטערל פון זייער חבר

דער קינדער־אַנשטאַלט און דער עלטערן־צימער

ווען מיר וואָלטן געקענט געפינען דעם אויסדרוק פאַר אַלץ וואָס איז פאַר אונזערע אויגן שוין דערגרייכט געוואָרן אין עין־חרוד׳ער קינדערהיים, וואָלט עס זיכער צוגעגעבן מוט פאַר די אַלע וואָס הויבן ערשט איצט אָן צו גיין מיטן וועג פון דער געמיינזאַמער קינדער־ערציהונג. צוביסלאַך הערן אויף די מענטשן, וואָס אַרבעטן אין אונזערע קינדער־אַנשטאַלטן, צו זיין אַ פאַרשלאָסענע גרופּע וואָס שלאָגט זיך דורך איר וועג איינע אַליין, אָן הילף פון די איבעריגע חברים. איצט הערט זיך צו דער גאַנצער קיבוץ צו דעם וואָס ס׳קומט פאָר אין די קינדערהיימען. און צוביסלאַך ווערט אויך באַשאַפן די האַרמאָניע צווישן די באַציהונגען פון אונזערע קינדער צו דעם קינדערהיים און צו דעם צימער, וואו עס לעבן טאַטע־מאַמע.

מען זאָגט אַז כּדי צו קאָנצענטרירן דעם קינדס איינדרוקן דאַרף מען פאַרזאָרגן די קינדערהיימען מיט אַזעלכע באַקוועמלאַכקייטן, אַז דאָס קינד זאָל קענען איינגאַנצן אויסקומען אָן דעם צימער, וואו עס לעבן זיינע עלטערן. אָבער ווען מיר וואָלטן אפילו געהאַט די גרויסע מיטלען, וואָס זיינען נויטיג אויף אויסצובויען אַזעלכע אַנשטאַלטן, — האָבן מיר דאָך געדאַרפט שטרעבן דערצו, אַז די עלטערן זאָלן זיך באַגעגענען מיט די קינדער אויך אויסער דעם קינדערהיים. זאָל אונזער קינד באַקומען אַלץ וואָס ער דאַרף פון די פאַך־מענטשן וואָס אַרבעטן אין די אַנשטאַלטן, זאָל ער מיט זיי פאַרברייינגען דעם גאַנצן טאָג; אָבער די אינטימע באַגעגעניש צווישן עלטערן און קינד טאָר ניט קאָנטראָלירט ווערן! און וואָס די באַגעגעניש וועט באַדייטן פאַרן לעבן פון אַלע דריי — פאָטער, מוטער און קינד — דאָס דאַרף זיך ווענדן נאָר אָן זייערע באַציהונגען איינער צום צווייטן. ווען מיר וואָלטן אימשטאַנד געווען אויפצובויען פּאַלאַצן פאַר אונזערע קינדערהיימען, וואָלט איך דעמאָלט אויך ניט פאַרביטן די שטילע רואיגע שעה, וואָס איך פאַר־ברייינג מיטן קינד נאָך דער אַרבעט אין מיין אייגענעם צימער, אויפן זען זיך מיט אים אינם טומל, צווישן צענדליגער אַנדערע טאַטעס און מאַמעס.

מיר האָבן זיך איבערצייגט, אַז וואָס מער דאָס קינד האָט ליב דעם צימער פון די עלטערן, אַלץ מער באַפרידיגונג גיט אים דאָס לעבן אין קינדערהיים. ווייל נאָכן אויפגערעגטן טאָג אין דעם קינדער־אַנשטאַלט געפינט דאָס קינד ביי די עלטערן אַזאַ טיפע רו, ווי ס׳איז זעלטן ווען זוכה צו געפינען אַ קינד וואָס האָדעוועט זיך אין אַ פּריוואַטער פאַמיליע.

און נאָכדעם ווי מען באַגעגנט זיך מיטן קינד אין אָוונט ביי זיך אין צימער, — שוין־זשע זאָל מען אים אומקערן צוריק אין קינדערהיים, שוין־זשע אים אַוועקלייגן שלאָפן צווישן פופצן־צוואַנציק אַנדערע בעטלאַך, זאָגן אים אַ גוטע נאַכט און אַוועקגיין? אָט דער צושיידן זיך פונם קינד פאַרן שלאָף איז אַזאַ אומגערעכטער! נאָר אינדערפרי איז דאָס צושיידן זיך נאַטירלאַך, ווען די זון שיינט, ווען דעם קינד גלוסט זיך שוין צו לויפן צו זיינע חברים, עסן, שפּילן, שפּאַצירן, אַרבעטן צוזאַמען מיט זיי. און דער פאָר־וואורף וואָס מען מאַכט אונז אַז דאָס נעכטיגן ביי די עלטערן אין צימער קען שלעכט ווירקן אויפן קינד — איז דאָך געגנוג צו געבן יעדער פאַמיליע צוויי קליינע צימער און דאָס שווערע „פּראָבלעם״ איז געלעזט. און ווער פון אונז ווייס ניט וועגן די געפאַרן וואָס לויערן אויף די קינדער, ווען זיי נעכטיגן אין די אינטערנאַטן? פון זיי איז דאָך זיכער באַשיצט דאָס קינד וואָס נעכטיגט אינדערהיים.

ביי דער ביינאַכטיגער „וואַך״ אין די קינדערהיימען בייטן זיך ביי אונז נאָך דער רייע־נאָך אַלע חברים. און אַז ס׳קומט מיין צייט צו „האַלטן וואַך״ קלעמט מיר אַזוי דאָס האַרץ ווען דאָס קינד רופט פון שלאָף, ניט וויסנדיג אפילו צו וועמען ער רעדט: „נאַכט־וועכטערין! נאַכט־וועכטערין!״ וואָס קומט פאָר אין דעם קינדס נשמה אין דעם מאָמענט, ווען ער כאַפּט זיך אויף פון מיטן שלאָף? ווער ווייס וואָס איז וויכטיגער פאַרן קינד — דאָס באַוואוסטזיניגע לעבן ביי טאָג, אָדער דאָס אומבאַוואוסטזיניגע ביינאַכט?

א. ט.

עין־חרוד

אַ שמועס פון מאַמעס

היינט איז דער „יום־הַדין״ — אין דעם אַפּטייק פונם מוֹשב־עוֹבדים וועגן היינט די מאַמעס זייערע קליינע קינדער. מען וואַרט אויף דער „רייע״ און דערווייַלע שמועסט מען וועגן אַלערליי היימישע ענינים און וועגן קינדער־ערציהונג.

פון אַפּטייק גייט אַרויס אַ שיינענדיגע מאַמע מיט אַ קינד אויף די הענט. זי האָט נאָך קיין צייט ניט געהאַט צו עפענען דאָס מויל, ווי אַלע זיינען אויף איר אַרויפגעפאַלן:

— נו, וואָס? וויפיל?

— צוגענומען צוויי הונדערט גראַם פאַר דער וואָך.

אין צען מינוט אַרום ווייזט זיך אַ צווייטע מיט טרויעריקע אויגן. אויף די הענט האַלט זי אַ פיר־חדשים׳דיק טעכטערל. מיר פילן איר האַרץ און פר׳זגן זיך בעסער גאָרניט. נאָר זי אַליין הויבט אָן צו ריידן:

— שוין די דריטע וואָך ווי מיין מיידעלע נעמט מער ניט צו אין וואָג, און שולדיק בין איך, ווייל איך האָב זיך פאַרנומען מיטן גאָרטן און פאַרלאָזן דאָס קינד. און אפשר פעלט איר מילך? איך פאַרגין מיר ניט צו טרינקען וויפיל מען דאַרף.

און ס׳הויבט זיך אָן די ביטערע זעלבסטקריטיק. די איבעריקע טרייסטן זי:

— מען טאָר ניט שטענדיק מאַכן שולדיק זיך אַליין. ס׳זיינען פאַראַן ביי אונז צייטן, איבערהויפט זומער, ווען דאָס קינד הערט אויף זיך צו ענטוויקלען און בלייבט שטיין אויף איין אָרט. אין די קינדערהיימען ביי די קבוצות טרעפן אויך אַזעלכע פאַלן. ס׳פעלט אונז געדולד איבערצוּוואַרטן די שלעכטע צייט און דערפאַר ציטערן מיר אַזוי איבערן קינד.

און ווי די מוטער איז אַוועק האָט זיך אָנגעהויבן אַ הייסער שמועס:

— און אַז דאָס קינד גייט שוין אין גן, איז דען בעסער? מען ציטערט איבער אים ווייניקער, אָבער ער איז שוין געענוג נאָכגעגעבן פון די פריער־דיקע יאָרן. די מוטער טוט אַלץ וואָס דאָס קינד פאַרלאַנגט, אַבי ער זאָל זיך ניט ערגערן און זאָל ניט אָפּנעמען ביי איר קיין איבעריקע צייט; און נאָכדעם עסט זי זיך אויף וואָס זי פירט אַליין איבער דאָס קינד.

— און נאָכדעם, אַז דאָס קינד גייט שוין אין שולע, הויבן זיך אָן נייע פראַגן: צי וועט ער גיין ווייטער מיט אונזער וועג? צי וועט אים ניט פעלן מוט און ווילן? צי וועט ער זיין לכל הפחות ניט ערגער פון אונז?

— און ווייטער ספקות: צי זאָל מען געבן דעם קינד אַרבעט נאָר בעת ער וועט אַליין פאַרלאַנגען, אָדער מען זאָל פון אים פאָדערן ער זאָל העלפן, כדי די מצוה פון אַרבעט זאָל אים טיף אַריינדרינגען אין האַרצן?

— און נאָך אַ פראַגע: צי זאָל מען גיין מיטן דורכגעטראָטענעם וועג פון די טאַטעס און זיידעס און ערציען די טעכטער אַנדערש ווי די זין? אָדער אפשר פאַרקערט — אפשר טאָר מען גאָר ניט דערלאָזן, אַז די מיידל זאָל, ווי איר שטייגער איז, איינגאַנצן זיך איבערגעבן דער שטוביקער אַרבעט?

ס׳איז נאָך ניטאָ קיין קלאָרע תשובה אויף די אַלע פראַגן. נאָר איינס דאַרפן מיר וויסן: מיר מוזן אָפּהיטן די אַלע געזעלשאַפטלאַכע חובות וועלכע מיר האָבן אַליין אַריינגעפירט אינם לעבן פון מושב, כּדי די קינדער זאָלן האָבן פון וועמען אָפּצולערנען זיך. און ווי עס זאָל ניט זיין שווער צו פאַרלאָזן אויף אַ גאַנצן טאָג דעם הויף, די שטוב און דאָס פּיצל קינד, כּדי צו דערפילן דעם חוב פון קעגנזייטיגער הילף צווישן די פרויען אין מושב, — פונדעסטוועגן מוז מען עס טאָן.

איצט איז אונז שווער, ס׳וועלן אָבער קומען בעסערע צייטן, ווען די קינדערלאַך וועלן אונטערוואַקסן און וועלן אונז ניט נאָר פריילאַך מאַכן, נאָר וועלן אויך אין פרייד אַרבעטן און העלפן.

כפר־יחזקאל חַסיה

די אַרבעטנדע מוטער אין דער קאָלאָניע

מיר שאַפן פאַר דער חבר׳טע נייע מעגלאַכקייטן פון אַרבעט, מיר קעמפן פאַר אַ באַגרעניצטן אַרבעטס־טאָג און פאַר אַרבעטס־געזעצן, נאָר ביז היינטיגן טאָג האָבן מיר נאָך ניט געשאַפן קיין איין־איינציגן אַנשטאַלט וואָס זאָל קומען צו הילף דער אַרבעטנדער מוטער אין דער קאָלאָניע *).

אַלע ווייסן אין וואָס פאַר אַ לאַגע עס געפינט זיך די אַרבעטער־פאַמיליע אין קאָלאָניע, און איך האָב גאָר קיין חשק ניט דאָס איבערצוחזר׳ן. ס׳איז שווער צו פירן אַ שטוב מיט „זיבעצן און אַ האַלבן״ אָדער אַפילו מיט צוואַנציק פּיאַסטער אַ טאָג, דערהויפּט נאָך ווען די פרוי ווייס, אַז דאָס קינד מוז באַקומען ראַציאָנעלע ערנערונג, וואָס קאָסט כּמעט אַ העלפט פונם פאָטערס פאַרדינסט. אַ קינד דאַרף זיך אויך געפינען אין אַ גוטער וואוינונג. אין אונזערע הילצערנע באַראַקן זיינען די קינדער קראַנק זומער פון דער ברענענדער היץ און ווינטער פון קעלט. און דינגען אַ צימער אין דער קאָלאָניע — ווער קען דאָס דערוויינז? ס׳איז קלאָר, אַז אַן אַרבעטער־פאַמיליע קען ניט לעבן נאָר פון דעם וואָס ס׳פאַרדינט דער מאַן. די פרוי ווייס אַז זי מוז אויך אַרויס צו דער אַרבעט — וואו וועט אָבער בלייבן דאָס קינד?

*) אין יאר תר״ץ (1930) האט די מועצת הפועלות געעפנט א טאג־היים פאר קינדער פון ארבעטנדע מוטערס אין חדרה — דער ערשטער טאג־היים אין א קאלאניע. (רעד.)

אינם קינדערהיים פון דער מועצת הפועלות אין תל־אביב, געגרינדעט: 1928

אינם קינדערהיים פון דער מועצת הפועלות אין חֲדֵרה, געגרינדעט 1930

די שווערע מאַטעריעלע לאַגע פאַרלאַנגט פון דער פרוי גייסטיקע קרבנות אָן אַ שיעור. נעכטן ערשט איז זי געווען אַ גלייך־באַרעכטיגטע חבר׳טע אין הסתדרות, האָט געוואוסט פון אַלץ וואָס עס טוט זיך אינם אַרבעטער־לעבן און האָט אַליין אַריינגעטראָגן אירע הסתדרות־שטייער, און ווי דאָס קינד ווערט געבוירן און מען מוז אָנהויבן צו שפּאָרן, דאַרף די מוטער זיך אָפּזאָגן פון איר אייגענעם פּנקס־חבר אין דער הסתדרות — זי דאַרף זיך באַגנוגענען מיטן מאַנס. צוערשט איז איר טאַקע שווער צו פאַרשטיין פאַרוואָס דווקא דאַרף זי מוותּר זיין אויף דער דירעקטער חבר׳שאַפט אין דער הסתדרות, נאָר מען גיט איר צו פאַרשטיין אַז אַנדערש קען דאָס ניט זיין.

דאָס איז דער ערשטער קאָמפּראָמיס און נאָכדעם קומען אַנדערע. זי הערט אויף צו באַזוכן פאַרלעזונגען, זי פאַרוואַרפט דאָס בוך, זי לייענט ניט אפילו די אַרבעטער־צייטונג וואָס פריער פלעגט זי טאָג־טעגלאַך וואַרטן אויף איר מיט דער גרעסטער אומגעדולד, און דאָס אַלץ קומט פאָר ניט מיט איר גוטן ווילן, נאָר אויס נויט, און ס׳פילט אָן איר לעבן מיט גרויס פאַרביטערטקייט. זי איז פאַרוואָרפן מיט אַרבעט און מיט זאָרגן און דרייט זיך אַרום אָן איינזאַמע אין אירע פיר ווענט.

און ווי קען גאָר זיין אַנדערש? זי אַרבעט פון באַגינען ביז שפּעט ביינאַכט. זי פרעגט זיך גאָר ניט ווי לאַנג איז איר אַרבעטס־טאָג. און ווען זי פאַלט ביינאַכט אַ פאַרמאַטערטע אויפן בעט, איז זי נאָך אַלץ ניט פאַר־טיג. דאָס קליינע קינד פאַרלאַנגט פון דער יונגער ניט־ערפאַרענער מוטער דעם גאַנצן טאָג. אין באַראַק איז איינג און אָנגעשטעלט און מען טאָר ניט אַרויסלאָזן דאָס קינד אויף איין מינוט פון אויג, אויב ניט קערט ער אַלץ איבער. און וואו איז די איבעריגע שטוב־אַרבעט?

ווער האָט ניט געהערט ווי אונזערע יונגע מאַמעס דערציילן: זי איז אויף איין מינוט אַרויס אין קיך — האָט דאָס מיידעלע אַראָפּגעשלונגען אַ קנעפּל און מען האָט דאָס איר קוים אַרויסגענומען; אויף אַ „רֶגַע" איז זי געגאַנגען אויפהענגען די וועש, ערשט דער קליינער איז צוגעגאַנגען צו דער בלעך מיט נאַפט און האָט זיך אָנגעטרונקען. ס׳איז ניטאָ קיין סוף צו אַזעלכע פאַלן. און קען דען אַן אַרבעטנדע מאַמע שטענדיג האַלטן דאָס קינד נעבן זיך?

פרעגט זיך טאַקע — צי דאַרף עס אַזוי זיין? צי איז ניט געקומען די צייט אַז אין די גרויסע קאָלאָניעס, וואו עס לעבן הונדערטער אַרבעטער־פאַמיליעס, זאָל מען עפענען קינדערהיימען פאַר די קינדער פון די אַרבעטנדע מוטערס?

רָחֵל קֶרֶן־צְבִי

דער ערשטער קינדערהיים אין תּל־אָבֿיבֿ

אָפט זעען מיר אין שטאָט ווי דער מאַן דרייט זיך אַרום אַרבעטסלאָז און די גאַנצע האַפנונג פון דער פאַמיליע איז אויף דער פרוי. די פרוי פאַר־לאָזט איר שטוב און גייט אַרבעטן וואו עס וועט זיך נאָר מאַכן — ווער וועט אָבער האָדעווען איר קינד? זי האָט קיין אַנדער בּרֵירָה ניט ווי צו לאָזן דאָס קינד אַליין אין שטוב, ווייל דער מאַן מוז זיך אויך אַרומדרייען אין די גאַסן, טאָמער וועט ער פּאָרט עפּעס געפינען; און דערווייַלע איז דאָס קינד הונגעריג און עלנד. און אויב די פרוי קען עס מער ניט אַריבער־טראָגן און קערט זיך אום צוריק צו איר קינד — דאַן פאַרלירט זי די אַרבעט, און אין שטוב ווערט ווייטער אומעטיג און ביטער.

אינם יאָר 1926, ווען דער קריזיס האָט אַלעמען געטריבן צו געפינען אַ מיטל קעגן דער פאַרצווייפלטער לאַגע, — האָבן זיך צונויפגעקליבן עטלאַכע אַרבעטנדע מאַמעס אין תל־אביב און האָבן באַשלאָסן צו עפענען אַ קינדערהיים. דער אַנשטאַלט איז געווען אונזער אידעאַל. מיר האָבן געגלויבט אַז ער וועט פאַרגרינגערן אונזער לעבן. עַל־פּי־נֵס האָבן מיר געקראָגן אַ ביסל געלט אויף אויסצומעבלירן די וואוינונג און אויף איינקויפן די נויטיגע כֵּלִים. ס׳האָבן זיך אויך געפונען פּאַסנדע ערציערינס. מיר האָבן געגלויבט, אַז די הסתּדרות וועט אונז קענען אויסהעלפן און דאַן וועט אַלץ זיין כּשוּרָה. פינף־און־צוואַנציק אַרבעטנדע מאַמעס האָבן אָפּגעגעבן זייערע קינדער אין אונזער נייעם קינדערהיים. און דאָרטן האָבן די קינדער געפונען מער אויפמערק־זאַמקייט און באַקוועמלאַכקייט איידער אין זייער אָפּגעלאָזענער היים. די קינדער האָבן זיך שיין ענטוויקלט און זיינען געזינטער געוואָרן. די מוטערס פלעגן אַלע חודש אַריינטראָגן דאָס געלט, וואָס זיי האָבן צוגעזאָגט.

דער קינדערהיים האָט אָבער ניט געקענט עקזיסטירן נאָר אויף די מיטלען פון די אַרבעטנדע מוטערס, און קיין הילף פון דרויסן איז ניט גע־קומען; דאַן האָט מען נאָך ניט פאַרשטאַנען די גאַנצע וויכטיקייט פון די קינ־דערהיימען אין ארץ־ישראל און מען האָט קיין אֱמוּנה ניט געהאַט אין זייער קִיוּם. און דער ערשטער קינדערהיים אין תל־אביב, וואָס אַרבעטאָרינס האָבן אים אַליין געגרינדעט, האָט זיך געמוזט פאַרמאַכן.

אַזוי האָט זיך געענדיגט אונזער ערשטער פּרוב. און פונדעסטוועגן האָט ער געהאַט אַ גרויסע השפּעָה אויף דער שפּעטערדיגער ענטוויקלונג.

פאַרשטייער פון פאַרשידענע געזעלשאַפטלאַכע קרייזן פלעגן קומען אָנקוקן אונזער אַנשטאַלט, און נאָכדעם ווי ער איז פאַרשלאָסן געוואָרן האָט מען דערפילט ווי נויטיג ער איז פאַר דער שטאָט.

היינט געפינען זיך אין תל־אביב פינף קינדערהיימען — צוויי פון זיי געהערן דעם מוניציפּאַליטעט, צוויי דער אָרגאַניזאַציע פון אידישע פרויען און ויצ״א, און איינער דער מועצת הפּועלות.

תל־אביב נָעֳמי טריסקער

פרעמדע מאַמעס

ניטאָ קיין גלייכן צום שווערן נְשָמָה־קאַמף און צו דער שטענדיגער אומרואיקייט פון דער אַרבעטנדער מוטער. אין דער פראַגע דאַרף מען אייגנטלאַך אונטערשיידן איינ׳געע ניואַנסן. עס איז פאַראַן אַ מוטער וואָס גייט אַרבעטן נאָר דאַן ווען ס׳איז קיין אַנדער ברֵירה ניטאָ: דער חבר איז קראַנק, אַרבעטסלאָז, אָדער די מִשפחה איז בִכלַל אַראָפּ פון די רעלסן פון אַ נאָרמאַלן פאַמיליע־לעבן. אין די אַלע פאַלן האָט כאָטש די מוטער אַ אינוויינגסטע באַ־רעכטיגונג. אַנדערש קען דאָך ניט זיין. די קינדער וואָלטן דאָך אַנדערש ניט געקענט עקזיסטירן. עס איז אָבער אויך פאַראַן אַ מוטער וואָס קען ניט בלייבן אין דער היים צוליב אַנדערע טַעמים. טראָץ דעם פלאַץ וואָס די משפחה און איבערהויפּט די קינדער פאַרנעמען אין איר לעבן, פאָדערט איר נאַטור נאָך עפּעס: זי קען זיך ניט אָפּרייסן פון געזעלשאַפטלאַכן לעבן. זי קען ניט מַסכים זיין אַז צוליב די קינדער זאָל דער האָריזאָנט פון איר לעבן איינגעאיינגט ווערן. פאַר איר איז גאָר קיין מְנוחָה ניטאָ.

טעאָרעטיש איז אַלץ אין אָרדנונג. דער מענטש וואָס פאַרבייט זי ביי די קינדער איז טריי, האָט ליב די קינדער, איז פּינקטלאַך, איז צוגעפּאַסט צו דער אַרבעט; די קינדער זיינען פאַרזאָרגט אין אַלע הינזיכטן. און אָט קען מען אויך געפינען פּעדאַגאָגן־אויטאָריטעטן וועלכע זאָגן, אַז עס איז גאָר געזינטער פאַר קינדער ווען די מאַמע איז ניט שטענדיג מיט זיי. און די מאַמע, אויב זי איז באַשעפטיגט אויסער דעם הויז, האָט מער מעגלאַכקייטן פאַר ענטוויקלונג; יעדנפאַלס איז קלענער די געפאַר פון אָפּגעשטאַנענקייט, און דורך דעם קען זי געבן די קינדער אַסך מער ווי

ווען זי וואָלט געזעסן נאָר אין דער היים. אַלץ שטימט. אָבער, איין קוק פון פאָרוואורף וואָס עס גיט דאָס קינד ווען די מוטער גייט אַוועק און לאָזט אים איבער אַליין מיט דעם פרעמדן מענטשן, וואַרפט איין דעם גאַנצן בנין. דאָס בעטן זיך פון קינד זי זאָל ניט אַוועקגיין, זי זאָל בלייבן מיט אים אין הויז, פאָדערט כּמעט איבערמענטשלאַכע כּוחות עס אויסצושטיין.

איך רייד שוין ניט פון דער שטענדיגער זאָרג אַז טאָמער האָט אָפשר עפּעס אין דער היים געטראָפן. ס׳איז אויך ניט נויטיג צו דערמאָנען דעם געפיל פון דער מוטער ווען דאָס קינד ווערט קראַנק. אַ וועלט מיט פאָר־וואורף, אַ וועלט מיט חרטה! אָבער אפילו ווען אַלץ גייט אין בעסטער אָרדנונג מאַטערט אָן אַן אויפהער דער באַוואוסטזיין אַז דעם קינד פעלט דער מאַמעס צערטלאַכקייט, דער ספּעציפישער מאַמעס קוש דורכן טאָג. מיר גלויבן דאָך אַזוי פיל אין דער ערציהונג פון קינדער דורך ביישפּיל, און עס פרעגט זיך: נאָך וועמעס ביישפּיל ווערן ערצויגן די קינדער פון דער אַרבעטנדער מאַמע? אַ פרעמדער מענטש. אַ פרעמדע מאַמע ווערט די מאָדעל פאַרן קינד. דעם קינדס חכמות דורכן טאָג הערט די מוטער פון דער צווייטער האַנט. פאַרהיילן אַ קלאַפּ מיט אַ קוש (דער כּשוף וואָס נאָר אַ מאַמעס קוש באַזיצט) קען ניט די אַרבעטנדע מוטער. און עס טרעפט זיך אַ מאָל אַז נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט, נאָך אַ טאָג פון זאָרג און דאגות, קוקט די מאַמע אויף איר קינד אַזוי ווי זי וואָלט עס ניט דערקענט. עס גנב׳ט זיך אַמאָל אַריין אַ געפיל פון פרעמדקייט צו דאָס סאַמע נאָענטסטע.

און נאָך דעם אַלעמען, קען דען די היינטיגע מוטער בלייבן נאָר מיט די קינדער? מוז זי, קען זי זיך צווינגען ווערן אַנדערש דערפאַר ווייל זי איז אַ מוטער? דער געפיל פון פרעמדקייט צווישן מוטער און קינד קען דאָך קומען אין אַ סך אַן ערנסטערער פאָרם און ער קומט טאַקע גאַנץ אָפט דווקא אין די פאַלן ווען די מוטער זיצט אין הויז און קען ניט וואַקסן צוזאַמען מיט די קינדער. און ביי דער מאָדערנער פרוי שטעלט זיך די פראַגע: איז עס באמת אַ חטא אויב די קינדער פילן ניט אויס איר גאַנצן לעבן? אויב אויך נאָך די קינדער, און נאָך דעם נאָענטסטן מענטשן, בלייבט אַלץ איבער אַ ווינקעלע פון איר אינערלאַכן לעבן וועלכן זי מוז אויסלעבן אויסער דער משפּחה, אויסער דעם הויז? קענען מיר נאָך היינט מעסטן איבערגעגעבנקייט צו קינדער, צום חבר, נאָר מיט דער מאָס פון גלייכגילטיקייט צו אַלץ אַרום? מיינט עס ניט גאַנץ אָפט אַז די פרוי וועלכע האָט אויפגעגעבן די גאַנצע אויסער־לאַכע וועלט פאַר איר מאַן און קינדער האָט עס געטאָן ניט צוליב

חוב, איבערגעגעבנקייט און ליבע, — נאָר ווייל איר נשמה איז גאָרניט פייאיג אויפצונעמען די פילזייטיקייט פון לעבן מיט אַלע זיינעליידן, אָבער אויך מיט די גרויסע פריידן? איז דאָס אַליין וואָס אַ מאַמע זיצט נאָר מיט אירע קינדער און פאַרנעמט זיך ניט מיט קיין שום אַנדער אַרבעט שוין אַ גע־נוגנדער באַווייז אַז זי איז מער געטריי פון דער אַנדערער מאַמע? איז דאָס וואָס אַ פרוי האָט ניט קיין אינטימע חברים שוין אַליין פאַר זיך אַ סימן פון גרויסער ליבע צו איר מאַן?

ליידן ליידט די מוטער אויך ביי דער אַרבעט. קיינמאָל האָט זי ניט דאָס געפיל אַז איר אַרבעט איז אַזוי פּראָדוקטיוו ווי דעם מאַנס אָדער ווי די אַרבעט פון דער ניט־חתונה־געהאַטער פרוי. די קינדער פאָדערן פונדעסט־וועגן זייערס געזונטערהייט, און נאָך מער קראַנקערהייט. אָט די אייביגע צוריסנקייט, אָט דער נאָגנדער געפיל פון ניט דערפילטע פליכטן, הייבט צו דער משפּחה און מאָרגן צו דער אַרבעט — דאָס איז די שטענדיגע לאַסט פון דער אַרבעטנדער מוטער.

תל־אביב **ג. מ.**

אַוועקגעגאַנגענע

שושנה באָגען

פאַרן פאָרן קיין ארץ־ישראל

שוֹשַנה באָגען

שוֹשַנה באָגען איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תּרנ״ח (1898), אינם שטעטל פּעטריקאָוו, מינסקער גובערניע. זי איז געווען די מוזינקע אין אַ פאַרצווייגטער נְגִיד׳ישער מִשפּחה. איר פאָטער איז געשטאָרבן בעֵת זי איז נאָך געווען אַ קינד און זייער גרויסן עֵסֶק האָט געפירט די קלוגע, ענערגישע מוטער. זייענדיג פאַרטראָגן אין מִסחר, האָט די מוטער ניט פאַרגעסן די ערציהונג פון אירע קליינע קינדער. איר הויז איז געווען דאָס ציוניס־טישע הויז פונם שטעטל און זי פלעגט אָפּטאָן ציוניסטישע אַרבעט בעֵת זי פלעגט חַתמענען אויף אַ וועקסל אָדער ריידן מיט אַ סוֹחֵר. באַרימט אין שטעטל איז געווען שוֹשנה׳ס זיידע, איר מאַמעס פאָטער. דאָס איז געווען אַ איד אַ שטאָלצער און אַ תַּקִיף׳ער אין דער דֵעה. „דעם זיידנס אייניקל״ — דאָס איז געווען שוֹשנה׳ס צונעמעניש פון קינדווייס אָן.

שוֹשנה האָט זיך אָנגעהויבן לערנען אינם חֵדֶר מתוּקָן און איז אַריבער אין דער רוסישער פאָלקס־שולע. די שולע האָט זי ניט געענדיגט. זי איז אַרויס פונם לעצטן קלאַס נאָכדעם ווי זי האָט געהערט, ווי די רוסישע תַּלמידים לאַכן אָפּ פון אידן. צו צוועלף יאָר האָט שוֹשנה אָנגעהויבן איר געזעלשאַפטלאַכן לעבן. זי האָט אַריינגעזאַפּט אין זיך די ציוניסטישע תּוֹרה און האָט אָנטייל גענומען אין דער יוגנט־באַוועגונג אין שטעטל. דערמיט אָבער האָט זי זיך נאָך ניט באַגנוגנט. זי האָט אָנגעהויבן צו פאָדערן פון דער פאַמיליע מען זאָל איר ערלויבן צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. ס׳איז ניט אַזוי גרינג געווען צו פּוֹעֵל׳ן ביי דער פאַמיליע אַוועקשיקן דאָס יינגסטע קינד; נאָר אין יאָר תּרע״ג, צו פופצן יאָר, איז שוין שוֹשנה געווען אין ארץ־ישׂראל.

זי איז געקומען קיין פּתח־תּקוה. דאָרטן האָט זי געטראָפן חברים פון איר שטעטל, וואָס זיינען געווען אַ סך עלטער פאַר איר. צוערשט

האָט זי געלעבט מיט זיי צוזאַמען. זי האָט געאַרבעט אין פּרדס, אין דער „בּחרִיָה" און איז געווען פלייסיג און טריי דער אַרבעט. אין אַ יאָר אַרום האָט זי זיך דערוויטערט פון אירע חברים, האָט פאַרלאָזן זייער גע־מיינזאַמע דירה און האָט אָנגעהויבן לעבן פאַר זיך. דעגנסטמאָל איז זי שוין געווען באַקאַנט צווישן דער פתח־תקוה׳ער אַרבעטערשאַפט, האָט גערעדט אויף פאַרזאַמלונגען און מען האָט זיך צוגעהערט צו אירע ווערטער. זי האָט זיך דערנעענטערט צו די תֵּימָנ׳ער, פלעגט גיין צו זיי אַ היים, פלעגט פיל מיט זיי שמועסן און האָט געקענט זייער לאַגע.

נאָך צוויי יאָר פון אָנגעשטרענגטן לעבן און אַרבעט האָט שושנה אָנגע־הויבן ליידן ווייטאָגן אין די פיס. און דענסטמאָל, אין די טעג ווען ס׳איז איר שווער געווען צו אַרבעטן, האָט זי זיך גענומען צום שרייבן. אַז ס׳איז איר גרינגער געוואָרן איז זי אַוועקגעפאָרן אין כּנרת און איז אַריין אין דער קבוצה פון אַרבעטסלאָזע מיידלאַך — „די קבוצה פון צוואַנציק". דאָרטן האָט מען זי ריכטיג אָפּגעשאַצט און מען האָט זי אויסגעוויילט, צוזאַמען מיט נאָך צוויי חבר׳טעס, אָנצופירן מיט דער קבוצה *). ס׳איז געווען אַ שווערע, פאַראַנטוואָרטלאַכע אַרבעט פאַר אַ זיבעצן־יאָריגן מענטשן.

אין כּנֶרֶת האָט זי צוזאַמען מיט אַ קליינער גרופּע חברים געלערנט תנ״ך. די הַשפָּעה פון תנ״ך פילט זיך שטאַרק אין איר שרייבן. אַרבעטנדיג אין פעלד פלעגט זי לערנען אויף אויסווייניג קאַפּיטלען פון תנ״ך, אַזוי ווי אימיצער לערנט אויף אויסווייניג אַ ליד פון אַ נאָענטן דיכטער. אין כּנרת איז זי געווען אויף דער אַרבעטאָרינס־קאָנפערענץ און האָט זיך דורשטיג צוגעהערט צו יעדן וואָרט. אין כּנרת האָט זי אויך געפונען אירע „דערוואַקסענע" פריינד — מענטשן וואָס זיינען מיט אַ סך יאָרן עלטער געווען פאַר איר.

בעת די פיס האָבן איר ווייטער אָנגעהויבן שטאַרק וויי־טאָן האָט זיך שושנה אומגעקערט קיין פתח־תקוה אָפּצורוען ביי די קרובים. ס׳איז געווען אין יאָר 1917—1918. די ענגלענדער האָבן איינגענומען יְהוּדָה; ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די אידישע לעגיאָן־באַוועגונג, און אין דער הִתלַהֲבוּת׳פולער עלעקטריזירטער אַטמאָספערע פון יענער צייט האָט שושנה דורכגעלעבט אַ טיפע אינווייניגסטע ענטוויקלונג. אַלץ אין איר האָט זיך אַזוי פּלוצלינג אויפגעוועקט. ס׳האָבן זי גענומען פייניגן די פּראָבלעמען פון יָחִיד, פון דער מענטשלאַכער געזעלשאַפט און פונם אידישן פאָלק. דערצו זיינען צוגעקומען

*) זע אויבן ז. 80. (רעד.)

פערזענלאַכע איבערלעבענישן, באַציהונגען צו מענטשן. שושנה האָט געזוכט אָן ענטפער ביי די יונגע חברים, ביי די דערוואַקסענע „פריינד", פאַר וועלכע זי האָט געהאַט גרויס דרך־אֶרץ. זי האָט אָבער קיין ענטפער ניט באַקומען. ווען ס׳איז געגרינדעט געוואָרן די אַרבעטאָרינס־קבוצה אין מִקוֵה־יִשׂרָאֵל, איז שושנה אַריין אין דער קבוצה. פון מקוה־ישראל איז זי געקומען צו גאַסט אין בֶּן־שֶׁמֶן.

דאָרטן האָט זי אַן איינזאַמע זיך געראַנגלט מיטן אייגענעם גורל, ביז זי האָט זיך גענומען דאָס לעבן ראש־חודש אֱלול תרע״ח (1918).

ר.

שושנה באָגען

נאָטיצן

מײַן חלום. אַז איך בין אַלט געװען אַכט יאָר האָט זיך צו מיר באַװיזן גאָט. בײַטאָג האָבן מיר געלערנט אין חומש, אַז גאָט האָט געפּרוּבט אַברהמ׳ען און האָט אים געהייסן קוילענען יצחק׳ן זיין זון. ביינאַכט האָט זיך מיר געחלומ׳ט אַזוי:

איך גיי ביים ברעג טייך. און פון הימל, אין אַ גרויסן פייער באַווייזט זיך צו מיר גאָט. און ער זאָגט צו מיר:

— איך בין גאָט פון אַבֿרהם, פון יצחק און פון יעקב, גיי וואוהין איך וועל דיר הייסן. אָט איז אַ גרויסער טייך פאַר דיר, גיי אַדורך דעם טייך און פרעג ניט.

און מיט גרויס ליבע בין איך געגאַנגען. און איך גיי אַזוי אין וואַסער, איך בין שוין אינמיטן וועג, אָבער איך טרינק זיך ניט. און איך פרעג:

— ווי איז מיר, גאָט, פאַרוואָס קומט ניט דאָס וואַסער צו דערטרינקען מיר? און גאָט זאָגט צו מיר:

— ווייל דו האָסט געפאָלגט וואָס איך האָב דיר געהייסן, קום איצט אַרויף צו מיר.

און שטריק זיינען אַראָפּגעלאָזן געוואָרן און מלאָכים האָבן מיר אויפגעהויבן אין דער הויך, אין הימל אַריין.

אויפן הימל איז געזעסן ביי אַ טיש אויבנאָן אַן אַלטער מאַן מיט אַ לאַנגער באָרד. און אַרום אים אַ סך מלאָכים. מיך האָט מען אויך אַוועקגעזעצט צווישן זיי און מ׳האָט מיר געגעבן טרינקען וויין.

און איך האָב געטרונקען דעם וויין מיט גרויס דורשט.

פלוצלונג הויבט מען מיך אָן אַראָפּצולאָזן פון הימל אויף דער ערד, נעבן אונזער קראָם.

און איך האָב אַזוי ניט געוואָלט אַראָפּ... מיר צופוסן איז געלעגן אַ זאַק מיט געלט און אַ קלייד און אַ זילבערנער קאַם. די קלייד און דעם

קאָם האָב איך גענומען פֿאַר מיינע בעסטע חבר׳טעס – און דאָס געלט האָב איך אַריינגעטראָגן אין קראָם.

אויף מאָרגן בין איך געקומען אין חדר. אָבער מיין חלום האָב איך קיינעם ניט דערציילט. כ׳האָב מורא געהאַט אַז מען וועט מיר ניט גלויבן אַז איך האָב בּאֱמת טאַקע געזען גאָט.

אַ קינד. אין אַ קליין שטעטעלע, אויף אַ דאַך פֿון צווייטן שטאָק איז געווען אַ שאַלקע. און פֿון דער שאַלקע האָט מען געקענט קוקן אויף דער גאַנצער שטעטל און אויף אירע מענטשן.

דאָרטן, אויפֿן דאַך, איז געשטאַנען אַ קליין מיידל אין גרויס ווייטאָג. זי האָט געקוקט אויף די מענטשן וואָס לויפֿן אונטן אַרום, אָנגעלאָדן אויף די פּלייצעס מיט גרויסע קערב און שווערע זעק. אָבער געזען האָט זי, אַז די גרעסטע מַשׂא שלעפּן די מענטשן אין זיך, אין האַרצן.

און ס׳האָט איר ווי געטאָן וואָס זי קען ניט העלפֿן די מענטשן גרינגער צו מאַכן זייער מַשׂא. און נאָך מער – וואָס די אינווייניקסטע לאַסט זייערע וועט זי אַוודאי ניט קענען גרינגער מאַכן.

און דאָס קליין מיידל האָט געהאָפֿט אַרויסצוהערן אַ גרויס געשריי, וואָס ס׳רייסט זיך קעגן דאָס האַווען און קעגן דאָס ליידן, אַ געשריי וואָס זאָל אַלעמען אָפּשטעלן אין רעכטן מיטן לויפֿן.

האָט זי געהאָפֿט און געוואַרט – און האָט ניט געהערט. דענסטמאָל איז ביי איר געבוירן געוואָרן דער פֿאַרלאַנג צו פֿאָרן קיין ארץ־ישראל. זי האָט געהאָפֿט, אַז דאָרטן טראָגט אַ מענטש נאָר די מַשׂא וואָס פֿון דרויסן, אָבער קיין אינווייניקסטע לאַסטן וועט זי דאָרט ניט געפֿינען.

אַ האַלב יאָר איז זי געווען אין לאַנד. געאַרבעט, געהאָרעוועט, ווי אַלע אירע חברים אַרום. געטאַנצט, געשפּרונגען פֿון שׂמחה. אָבער די מיידל האָט אַ טָעות געהאַט. פּלוצלינג האָט איר האַרץ דערפֿילט דעם געהיימען ליידן, דעם אינווייניגסטן. אַ פֿאַרציטערטע איז זי געוואָרן. שטאַרבן האָט זי געוואָלט. משוגע ווערן האָט זי געקענט.

און אין איר גרויס ווייטאָג איז זי אַנטשוויגן געוואָרן. ווייל זי האָט פּלוצלינג דערהערט דעם אויסגעשריי אויף וועלכן זי האָט געהאָפֿט: קאַנאָנען־דונערן פֿון חַיות אין מענטשישע הערצער. און זי האָט דערמיט איר נשָמָה געזעטיגט. האָבן אַנדערע געזען איר פֿרייד און האָבן זיך אויף איר

געבייזערט: טויזנטער מענטשן שטאַרבן פון די דאָזיגע דונערן און דו ווילסט הנאה האָבן פון זיי?

אָבער איר האַרץ האָט ניט געפאָלגט. און בייַנאַכט פלעגט זי שטיין מיט אַנדערע מענטשן און פלעגט וואַרטן אויף די קאַנאָנען־דונערן און האָט דורשטיק געטרונקען דעם שטורם.

צו ר. כ. איך האָב שטענדיג געדאַרפט גלויבן אין לעבן. וועל איך אויך ווייטער גלויבן, אַז עס זיינען פאַראַן מענטשן וואָס שפּילן אויף זייער אייגענעם פידל און גלייכצייטיג שפּילן זיי אויך אויף פידלען פון אַנדערע.

איינמאָל האָסטו געשפּילט אויף מיין פידל. ווייל דיין פידל האָט דענסטמאָל געשפּילט.

דו געדענקסט? מיר האָבן געלערנט אין תהילים דאָס קאַפּיטל „עַל נַהֲרוֹת בָּבֶל". דו האָסט דענסטמאָל איבערגעריסן און צורעדט זיך מיט אונז וועגן דיין באַציהונג צו מוזיק, און דו האָסט אונז געזאָגט: ווען דו וואָלסט געווען אַ מוזיקערין, וואָלסטו דעם גרעסטן אויסגעשריי, דעם שטאַרקסטן ווייטאָג אויסגעדריקט אויפן פידל דורך — שווייגן.

ווי אָנגעמאָסטן איז עס געווען פאַר מיין פידל!

קינדווייס, געדענק איך, האָב איך געהאַט אַ פידל. און אַז מען פלעגט מיך דערצאַרנען, פלעג איך זיך צעשרייען און אָנהויבן זינגען. איך האָב זיך געוואָלט איינהאַלטן און זיי ניט ערגערן, אָבער מיין ליד פלעגט שטייגן אַלץ העכער און העכער, און זיי פלעגן מיך נאָך מער פּייניגן, ווייל זיי פלעגן מיינען אַז כ'בין אויסן מיט מיין זינגען נאָר זיי צו דערצאַרנען.

און דאַן פלעגט זיך צעשפּילן מיין קינדהייטס־פידל מיט זיין גאַנצער קראַפט, מיט לידער און טרערן.

אַ סך מוזיקער האָבן געשפּילט אויף מיין פידל. בעסער פאַר אַלעמען האָט געשפּילט אויף אים — הערצל.

דער רעגן. דער ערשטער קוש פון דער נאַטור דורך אַ רעגן.

איך אַרבעט און פלוצלינג דערמאָן איך זיך אָן דעם רענצעלע מיטן בליישטיפט און שטיקל פּאַפּיר. אַ ציטער גייט מיר אַדורך. אָבער איך אַרבעט ווייטער.

איז דאָך אָבער די נאַטור גוט און האָט מיך ליב. שיקט זי מיר צו דורך אַ מַלאָך אַ קליינעם רעגן.

זיץ איך אונטערן בוים מיטן בליישטיפט און פּאַפּיר.

גייט דער רעגן גיך אַריבער. פאַרדריסט עס מיך. איך הויב זיך אויף און גיי אַרבעטן פון דאַסניי.

קומט ווייטער אַ מַלאך און ברייגנט ווייטער אַ רעגן. לויף איך געשווינד צו מיין שטיקל פאַרשריבענעם פּאַפּיר און בעסער אויס אַ בוכ־שטאַב, — הערט ווידער דער רעגן אויף. אַרבעט איך ווייטער, ניט ווייט פונם בוים.

ערשט עס קומט דער מַלאך צום דריטן מאָל. און אויב דער מלאָך איז שוין געקומען דריי מאָל, און האָט דריי מאָל נאָכאַנאַנד געשיקט מיר שליחים — לויף איך שוין מיט שִׂמחה אַוועק צו מיין בליישטיפט.

דערוויס איך זיך ביי מיין חבר ווי שפּעט עס איז, און הויב שוין אָן צו לעבן מיט מיין בליישטיפט אויף מיין אייגענעם חֶשבון.

אַך, ווי גוט!

ביים קוואַל. איך גיי פאַרביי אַ קוואַל וואָס פליסט אומאונטערבראָכן און כ׳האָב רַחמָנות אויפן קוואַל. איך טראַכט: ווער ווייס ווען וועט ער אויפהערן צו פליסן...

איך האָב רַחמנות. אָבער ניט אויף אים אַליין, וואָרים קוקנדיג אין וואַסער האָב איך דערזען זיך. און נאָך מער האָט זיך אין מיר די קִנאָה צוברענט.

ווער ווייס, אֶפשר וועט ער פליסן אַזוי אייביג? און איך? וועלן מיר מיינע כּוחות אַרויסראַטעווען, אָדער איך וועל אפשר באַלד אויפהערן צו פליסן?

עס איז שווער צו דערשטיקן אַלצדינג אינווייניג און וואַרטן.

ביסלאַכווייס הויבט זיך אָן דער שטורם צו באַרואיגן.

עס גנב׳עט זיך אַ סָפֵק אַריין, אַ ביטערער טרויעריגער ספק!

מיין לעבן פליסט ניט צו זיין ציל. און ווער ווייס, אויב אַזאַ ציל קען בִּכלל אַ מאָל דערגרייכט ווערן...

צום אָנדענקען פון פייערבערג. אָט דאָס גוטע קינד, וואָט דאָס קעלבעלע פילט אָן זיין גאַנצע נשָמָה. און זיינע נאַאיווע שאלות: פאַרוואָס? און מיט וואָס פאַר אַ רעכט? ניט רַחמָנות, נאָר חבר׳שע ליבע פון אַ יינגל צו אַ קעלבעלע באַהערשט זיין האַרץ. עס דוכט זיך אים, אַז די גאַנצע וועלט שרייט צוזאַמען מיט אים אויף דער עוֹלָה, וואָס מען טוט דעם קעלבל. וואָרים אינם קעלבל זעט ער זיין אייגענע וועלט.

איז דער יינגעלע אויסגעוואַקסן און דאָט לעבן האָט אים אַ ניי ליד געזונגען וועגן אַ נייעם קעלבעלע, וועגן זיין קעלבעלע, זיין פערזענ־לאַכקייט אַליין.

און אים אַליין איז אַמאָל געוואָרן אייננ. און ער האָט זיך געפרעגט — וואוהין?

אינם אַלטן בֵית־מדרש האָט ער פאַר זיך קיין אָרט ניט געפונען, וואָרים ער האָט שוין אין זיך געטראָגן אַ נייעם בית־מדרש. און אין רעכטן מיטן זוכן דעם אייגענעם אֶמֶת האָט ער אויסגעלאָשן די ליכט. ער ווייס דאָך אַז קיין נייע ליכט זיינען נאָך ניטאָ. אָבער לאָזן ברענען די אַלטע ליכט קען ער אויך ניט.

ווער ווייס, וואָס פאַר אַ נייע ליכט ער וואָלט אונז נאָך אָנגעצונדן? איז ער אָבער גיך פאַרשניטן געוואָרן.

הערצל. פון קינדוויים האָב איך געהאַלטן הערצלען פאַר זייער אַ שיינעם. איך האָב אויך געהערט אַז קֵיסָרים האָבן אים ליב. איך האָב אַ מאָל געלייענט אין די בלעטער, וויפיל ליבע איז געווען אין זיין לוָיָה. וואָס פאַר אַ פאַרגלייך איז דען געווען צווישן זיין בילד און צווישן דעם געזיכט וואָס כ׳האָב געזען אין מיין פאַנטאַזיע!

די גאַנצע צייט וואָס כ׳האָב געוואָלט פאָרן קיין ארץ־ישראל איז פאַר מיינע אויגן געשטאַנען הערצלס שיינקייט. און עטלאַכע טעג פאַרן פאָרן בין איך צוגעגאַנגען צו זיין בילד און האָב מיט אים אַ סך גערעדט.

און ער האָט מיר געענטפערט:

— פאָר! — בין איך געפאָרן.

איך האָב הערצלען מקַבֵר געווען ביי מיר אין האַרצן און כ׳האָב אָנגעהויבן דינען צו זיין קערפער — צו אַלע צופאַסונגען אין ארץ־ישראל. אין שווערע מינוטן האָב איך אים געזוכט ביי מיר אין האַרצן. ער איז אָבער ניט געקומען.

עטלאַכע מאָל, בשעת הערצל־טרויער־פייערונגען, האָב איך געהערט ריידנדיג וועגן אים, און כ׳האָב פון גרויס צער געלאַכט. איך האָב געהאָפט צו הערן הערצלען אין בית־מדרש, האָב איך דאָרט אַפילו זיין בילד ניט געזען. בלויז ווערטער – „הערצל איז געשטאָרבן, הערצל לעבט״. וואָס פאַר אַ לאַנגווייליקייט! אַפילו קיין איין אמת וואָרט איז ניט געווען ביי זיי אין מויל.

און איך, ווען כ׳פלעג זיך דערמאָנען אָן הערצלען, פלעגט שטענדיג אַ ציטער אַדורך איבער מיר, פון גרויס ליבע צו אים.

און איינמאָל בשעת אַ הערצל־פייערונג האָב איך דערהערט אַ קול פון פריילאַכקייט. אַ כאָר האָט אים מזכיר נשמות געווען. גיך בין איך אַדורכגעלאָפן צווישן די זינגער, צו זען זייער אינווייניגסטע פרייד. איך בין אָבער באַלד אַנטלאָפן פון זיי שוויגנדיג.

און ווידער איז אַן אַזכּרה. די לעצטע אַזכּרה אין כּנרת. איך בין שוין געווען זיכער אַז כ׳וועל ניט הערן וואָס דאָס האַרץ וויל, און כ׳האָב שוין כּמעט אָנגעשריבן אויף אַ פּאַפּירל אַ פּאָר ווערטער פּאָרצולייענען, אָבער כ׳האָב מיך באַהערשט.

ערשט דער אַלטער גאָרדאָן גייט אַרויף אויפן בימה. איך בין געווען, זיכער אַז ער וועט זאָגן עטוואָס, וואָס וועט זיין נאָענט מיר צום האַרצן און אַזוי איז געווען.

ער האָט אַזוי געזאָגט: „דער טאָג פון הערצלס טויט איז אַ טאָג פון חשבון הנפש פאַר יעדן פון אונז, צי ערפילט ער באמת די פליכטן וואָס ער האָט גענומען אויף זיך?״

יונגוואַרג וואָס איז געקומען קיין ארץ־ישראל ערשט פאַר פינף יאָרן און זוכט שוין אַ „ניי־וואָרט״, האָט אַ ביסל חוזק געמאַכט הערנדיג ווי גאָרדאָן זאָגט אַזעלכע אַלטע זאַכן.

וואָרים גאָרדאָן האָט זיך אַ ביסל אַ גריבל געטאָן אין זייער נשמה, האָבן זיי זיך דערשראָקן.

— — — פאַר מיר איז הערצלס קערפּער טויט, אָבער הערצלס נשמה לעבט. און זי וועט קיינמאָל ניט אויפהערן לעבן. זיין קערפּער היטן מיר אין אַרבעט, אין שפּראַך, אינם אויפבוי פון לאַנד. אָבער מיר פאַרגעסן, אַז דער וואָס האָט געשריבן פאַרן לאַנד אַ נייעם „תּל־אָביב״*) האָט נאָך אַ רייכערן תּל־אָביב געטראָגן ביי זיך אין האַרצן.

*) דער העברעאישער נאָמען פון הערצלס אוטאָפּיע „אַלטנייַלאַנד״. [רעד.]

צום אידישן לעגיאָן. ברידער! אַ שאָטן שוועבט איבער אונז אַלעמען. און אַפילו איבערן געזיכט פון אונזער עלטסטן ברודער. אָבער דער שאָטן וואָס שוועבט איבער זשאַבאָטינסקיס געזיכט פּאַסט צו זיין גרויסן חלום: ער האָט דער ערשטער געוואָלט אַריינפירן זיינע ברידער קיין ירושלים, און זיין חלום איז ניט מקוים געוואָרן.

אָבער מיר, וואָס הויבן ערשט איצט אָן וועבן אונזער טרוים, — פאַר־וואָס זיינען אונזערע געזיכטער טרויעריג?

ניט נאָר אונזער שאָטן, נאָר אויך די שאָטנס פון אַלע אונזערע ברידער האָבן געדאַרפט פאַרטריבן ווערן דורך אונזער נייער האָפנונג.

צו אונזער האַרצן איז נאָענט דער גליל. און אונזער האָפנונג וועט זיכער מקוים ווערן. און אויב אַ סך גלויבן ווי איך, — גלויב איך דאָך, אַז איך וועל זיין די ערשטע וואָס וועט אַריין אין גליל.

און די הויפט שמחה וואָס דאַרף אויספילן אונזער נשמה איז: וואָס מיר גייען שטאַרבן ניט פאַר אונזער פאָלק און פאַר אונזער לאַנד, אַזוי ווי עס גייען אַלע אַנדערע פעלקער. ווייל מיר האָבן נאָך ניט קיין לאַנד און מיר האָבן נאָך ניט קיין פאָלק. מיר גייען באַגעגענען זיך מיטן טויט כדי אונזער אייגענעם איך צו באַפרייען. ווייל מיר ליבן זייער אונזער אייגענעם איך. די ציוניסטישע באַוועגונג וועט אויפבויען דאָס פאָלק און דאָס לאַנד. און מיר זיינען דער יינגסטער דור וואָס פאַר זיין גוף האָבן געדאַגה'ט טאַטע־מאַמע, און פאַר זיין נשמה דאגה'ט ער אַליין. ווער פון אונז פראָ־טעסטירט ניט קעגן די יסודות אויף וועלכע עס ווערט געבויט און אויף וועלכע עס וועט נאָך געבויט ווערן אין לאַנד? ווייל דאָס איז מאַטעריע, און אונזער דור זוכט דעם גייסט.

אונזערע עלטערע חברים בויען הערצלס גוף. מיר, גייענדיג אין לעגיאָן, וועלן לייגן דעם יסוד פאַר הערצלס רייכע נשמה.

אַריבערגייענדיג רואיג איבערן טויט — וועלן מיר ווערן שיין. די פליכט פאַרן פאָלק און פאַרן לאַנד וועלן אַנדערע ערפילן. מיר וועלן פאַר זיך גיין, וואוהין אונזער נשמה וועט פאַרלאַנגען.

די אַרבעטאָרין און די לעגיאָן־באַוועגונג. וועגן דער אַרבע־טאָרין וואָס זאָל איך זאָגן, ווען וועגן די אַרבעטער קען איך דאָך אויך ניט זאָגן עטוואָס פּאָזיטיוועס. ווייל איך זע זיי שוואַכע און בלינדע און זייער

גאַנצעליידן און זייער גאַנצע פּיין האָט ביי זיי ניט באַשאַפן קיין כּוח און קיין שטענדיקייט. און די אַרבעטאָרין? זי געפינט זיך דאָך אינם זעלביגן טומל און זי וועקט נאָך גאָר ניט אויף אין זיך איר פּאָזיטיווע קראַפט.

אין גליל באַווייזן זיך שוין מיידלשע כּוחות. און דאָ, אין יהודה, איז עס נאָך ניטאָ. אַפּנים אַז די חסרונות פון דער לוין־אַרבעט אין פּתח־תקוה האָבן זיי ניט געשטאַרקט נאָר געשוואַכט.

אין דער באַטייליגונג פון די מיידלאַך אין לעגיאָן זע איך אַ גרויסן פעלער. ווייל אַלץ וואָס ווערט געמאַכט אויס אינהאַלטלאָזיקייט, וועט ניט געפינען קיין לעזונג אינם לעגיאָן. דאָס רוב מיידלאַך מיינען אַז פאַר זיי איז ניטאָ קיין אָרט אינם לעגיאָן. און זייער צאַר פאַרשאַפט צער. ווען ס׳וואָלטן זיך איצט געפינען פּראַקטישע כּוחות, וואָס וואָלטן אָנגעוויזן פאַר חבר׳טעס וועגן און אויפגאַבן אין דער אַרבעט – וואָלט זיך געלוינט צו ראַטעווען. מיר דוכט זיך אַז די אויבערפלעכלאַכקייט פון זייער אויפטו וועט אין לעגיאָן נאָך בולט׳ער ווערן.

ביי מיר איז עס אַנדערש. פונם ערשטן מאָמענט וואָס כ׳האָב באַשלאָסן צו גיין אין לעגיאָן האָב איך אַלע שוועריקייטן געזען און נאָך אין אַ גרעסע־רער געשטאַלט. און כ׳האָב קיין שום מורא ניט פאַר שוואַכקייט. מיין וועג איז אַ גלייכער. און ווען כ׳וועל דערפילן אַז איך בין אָפּהענגיג פון אַנדערע און אַז איך גיב ניט אַזוי פיל ווי איך וואָלט געקענט געבן – וועל איך באַלד אַוועק צוריק צו מיין אַרבעט. און דאָרטן בין אין זיכער אַז כ׳וועל נעמען און געבן.

וואָרים דער זעלביגער פאַרמעגן וואָס וואַרט אויף מיר אין לעגיאָן, ממש דער זעלביגער פאַרמעגן איז מיר געבליבן אויך אין דער אַרבעט. ווען ס׳וואָלט זיך געמאַכט אַזוי אַז צוליב אַ וויכטיגער סבה וואָלט איך ניט געקענט גיין אין לעגיאָן, וואָלט איך מיט דער זעלביגער גרויסער ליכטיקייט געבליבן אין דער אַרבעט, ניט קוקנדיג ווער עס בלייבט מיט מיר.

און דאָס וויל איך הערן אויך פון דיר. וועלכן וועג דו זאָלסט ניט גיין – זיי פעסט און אָן ספקות און טו עס מיט אַבסאָלוטער רואיקייט. ווער ס׳האָט מפקיר געווען זיין לעבן, דעם זיינען טייער זיינע צילן. און ווער ס׳איז פאַרזיכטיג און קוקט זיך אַרום, דער האָט ניט קיין צילן. באַטראַכטן מיר נאָר אונז אַליין – הערשט דאָך אין אונז נאָר איין אינווייניגסטער ליכטיגער ווילן: צום לעבן און צו אַ נייער געזעלשאַפט. און וואָס אַנבעלאַנגט מיר, זע איך דעם אָנהויב פון דער נייער געזעלשאַפט קודם כּל אין זיך אַליין,

אין מיין אַרבעט און אין מיין לעבן. און מיין גיין אין לעגיאָן איז אַ אַוועקגאַנג פון ניט־לעבן אין אַרבעט, כְּדֵי גרייטן זיך צום לעבן אין אַרבעט.

די באַפרייאונג פון דער פרוי. אַז זי איז געקומען אין לאַנד האָט מען איר געגעבן צו פילן אַז זי איז אַ מיידל. זי האָט זיך געוואונדערט: „וואָס דען, איך ווייס דען ניט אַז איך בין אַ מיידל? און כ׳וויל גאָר ניט זיין קיין יינגל". און פון דאָסניי האָט איר דאָס לעבן געזונגען אַ וויג־ליד פון אַ ליבנדער מוטער וואָס דערשטיקט איר קינד מיט אירע קושן. און דאָס איז געווען דאָס ליד: „צוליב וואָס דאַרפסטו אַרבעטן און ליידן? דו ביסט באַשאַפן צו אַ גרינגן לעבן, און ס׳איז שוין ערגעץ־וואו איינער געבוירן געוואָרן צו דאגה׳ן פאַר דיר".

איז זי פול געוואָרן מיט צַעַר, און האָט געאַרבעט נאָך מער ווי פריער. און האָט געשוויגן. נאָר אָט האָט עס איין מאָל אויסגעפלאַצט. און דאַן איז געפונען געוואָרן אַ לעזונג ניט נאָר פאַר איר, נאָר אויך פאַר די וואָס קושן זי און דערשטיקן זיך אַליין אין דער פינסטער. און אַז איינער פלעגט אַמאָל אַ רעד טאָן מיט איר וועגן דער „פרויען־פראַגע" פלעגט זי אַ קוק טאָן אויף אים מיט אַ שמייכל און שטיל אים אַ זאָג טאָן: „נאַרעלע, דו ביסט אַזוי פאַרנומען מיט מיין באַפרייאונג, אַז דו האָסט גאָר קיין צייט ניט געהאַט צו באַמערקן, ווי איך האָב מיך שוין לאַנג אַליין באַפרייט. אָבער דו ביסט נאָך אַלץ געבליבן אין דיין פאַרשקלאַפטקייט".

פליגלען. דיין געפיל אַז איך שפרייט ניט פאַנאַנדער מיינע פליגלען איז אַ ריכטיגער. ס׳איז אָבער אַ שאָד וואָס אָנשטאָט צו ענטפערן עס זיך, פרעגסטו עס ביי מיר. מיין האַרץ האָט ניט געקענט אַריבערטראָגן דיין שוואַכקייט. אָבער מיין ליבע צו דיר איז — צו דיין שיינעם שמערץ — געווען זייער גרויס. און דאָס איז די סיבה פאַרוואָס מיינע פליגלען זיינען געבליבן ניט אויסגעשפרייט.

איצט זיינען דיינע קושן געזינטערע. דיין מוֹרָא איז אַ געזינטערע. און דאָס גיט מיר כּח אויסצושטרעקן מיינע פליגלען.

ביז איצט האָב איך אַלץ געדאַרפט האָבן מענטשן און האָב געזוכט עֵצוֹת. איצטער אָבער וועל איך שוין ניט פֿאָלגן ניט נאָר די עצות פֿון נאָענטע פֿריינד, נאָר אפֿילו דיינע עצות אויך ניט. נאָר מיר אַליין.

ווּעסטו באַרויִקן דיין געמיט, שפּאַצירנדיק איבער די פֿעלדער?

אין מיר בין איך זיכער, אַז איך וועל ניט פֿאַלן. און וואָס וועט זיין אַז איך וועל פֿאָרט פֿאַלן? — וועט עס זיין אַ סימן, אַז כ׳האָב געמוזט פֿאַלן.

מיין האַרץ קען קיין יֵאוּש ניט, און וועט עס ניט קענען. און פֿאַלן וועט מיין האַרץ נאָר איין מאָל — דאָס הייסט: ס׳וועט לעבן.

צוויי באַגעגענישן. אָדָם און חַוָה טרעפֿן זיך אין הייסער קער־פּערלאַכער ליבע, און באַלד נידערט אַראָפּ דער שאָטן איבער זיי. די באַגעג־געניש עסט אויף זייערע כּוֹחות און כּדי צו באַרויִקן זייער געמיט טראַכטן זיי אויס אידעאַלן: דאָס אידישע פֿאָלק, וועגעטאַריאַניזם, צַעַר־בַּעֲלֵי־חַיִים אַרבעט, קינדער. חוֹשֶך וַאֲפֵלָה. שטימונגען. צַעַר. טרערן. אַ וואָרים פֿרעסט, אינווייניק און אַ העלישע אייפֿערזוכט ברענט אָן אַן אויפֿהער. און דער גיפֿט פֿון זייער אייפֿערזוכט ווערט איבערגעגעבן צו זייער קינד. זייער „ליבע״ שפּיגלט זיך אָפּ אין אים און זייער פֿינסטערקייט.

פֿון צִיוֹן וועט אַרויס די לערע: ליב זיך אַליין אַזוי שטאַרק אַז אין יעדן מענטשן וואָס דו וועסט טרעפֿן אויף דיין וועג זאָל זיך אָפּשפּיגלען דיין ליבע.

אָדם און חַוה וועלן זיך באַגעגענען אין שטילער, טיפֿער ליבע. אין ליבע פֿון אַ גוטער מוטער צו איר איינציקן קינד.

אַ האַרץ צו אַ האַרץ וועט הערן. אָן רייד.

מיט זייער קערפּער און גייסט וועלן זיי גליקלאַך זיין ביז זייער געמיינזאַמער שאַפֿונג — דאָס קינד.

און דאָס קינד וועט אָנהויבן בויען געזונטע יסוֹדוֹת פֿאַר אַן אָדָם און אַ חַוָה.

דאָס קינד וועט אָפּווישן פֿון זיין פֿאָלק די שאַנד פֿון זיין מִשְפָּחָה־לעבן.

און אַ ליבע אָן אַ ברעג וועט אַרויסשטראָמען פֿון דער באַגעגעניש צווישן אָדם און חוה צו יעדן מענטשן, ווייל ער איז אַ מענטש.

דריי טעג. אַז כ׳האָב אָנגעהויבן אַרבעטן אין פּרדס האָב איך אין געדאַנקען געשריבן אַ בריוו צו ב. כּ., צו י—לי און צו א. י.

און טראַכטנדיג אַזוי האָב איך פּלוצלינג דערזען גאָט. און ניט דורך אַ פאָרשטעלונג פון פייער. נאָר גאָט בפועל ממש.

ניט דעם גאָט וואָס קומט און באַרירט און פאַרשווינדט, נאָר דעם גאָט וואָס לייכט אַרויס פון מיר מיט זיין גרויסן ליכט.

אָבער כּל זמן כ׳האָב געטראַכט מיינע געדאַנקען, האָב איך ניט געוואוסט אַז גאָט רעדט צו מיר. און טרערן האָבן אַרויסגעשטראָמט פון מיינע אויגן. אַן אימה האָט מיך אָנגענומען פאַר מיין גרויסער אויפגאַבע.

און אַזוי האָט ער צו מיר געזאָגט:

— דריי טעג זיינען אַריבער איבער דיר. דעם ערשטן טאָג—אַרבעט. דעם צווייטן טאָג — ליכט און לעבן, און דעם דריטן טאָג—הייליגונג פאַר גאָט.

און גאָט האָט צו מיר געזאָגט:

— דו האָסט אין דיין גייסט געבוירן אַ מיידעלע פון דריי טעג. היט זיך. זי איז נאָך זייער צאַרט.

האָב איך געפרעגט: — וּבְכֵן, ניט מער לעבן?

— לעבן און ליידן. טראַכטן און צווייפלען.

האָב איך ווייטער געפרעגט: — ובכן, ניט לעבן אַזוי ווי כ׳לעב ביז איצט?

— לעבן. אָבער ניט מיינען אַז דאָס איז דאָס לעבן. אויב עס איז דאָס, מוז עס קומען שטיל, אָן שטורם. טאָמער ניט — איז עס ניט דאָס.

און פּלוצלינג דערהער איך גאָטס שטים מיט מער כּוח:

— שושנה, דו ווילסט שוין לעבן? דו האָסט פאַרגעסן אַז אינם לעבן איז דיר געגעבן דער טויט? ניט פאַרגעס עס! און דיין גורל איז: דאָס משוגעים־הויז...

ביטער האָב איך געוויינט אויף מיין דאָזיגן גורל. איך האָב געזאָגט:

— גאָט, אויב דו שיקסט מיר אַזוי, ווי דו האָסט געשיקט דיינע גרויסע אויסדערוויילטע — כּדי אויסצולייזן, בין איך מיט שמחה גרייט צו גיין.

איך האָב געוויינט און שטיל געבעטן: איך בין דאָך אַזוי שוואַך.

און איך ציטער פון מורא. און בפרט, ווייל איך בין ניט זיכער, צי איז עס טאַקע מיין אויפגאַבע.

אָבער אַזוי איז נגזר געוואָרן. און גאָט זאָגט צו מיר „נעם!" — און איך האָב גענומען.

און נאָך אַ טיפּערע תּפילה האָט זיך געריסן פון האַרצן:

— גאָט אַלמעכטיגער, העלף מיר!

און פון דער פינסטערקייט און פון דער אֵימה איז איבער מיר אַ גרויס ליכט געקומען, אָן אַ ברעג ליכט.

— שושנה, דו ביסט געבוירן געוואָרן מיט צוויי נעמען: שושנה־חיה. מיט דיין נאָמען שושנה (אַ רויז) האָסטו צוואַנציק יאָר אָפּגעלעבט. אָבער טויט האָסטו געטראָגן אין דיין קערפּער. ווייל די בלום איז פאַרוועלקט געוואָרן און דער קערפּער האָט דיך געטראָגן. נאָך צוואַנציק יאָר גיב איך דיר דעם צווייטן נאָמען דיינעם — חיה (לעבן). אָבער די שושנה זאָלסטו ניט אַוועקוואַרפן פון דיר, אַזוי ווי דו האָסט פריער די חיה ניט אַוועק־געוואָרפן אין גאַנצן. רייס עס אויס און טראָג עס פאַר דיר.

און אַ רואיקייט איז געקומען איבער מיר.

און נאָך אַמאָל האָט צו מיר גאָט געזאָגט:

— און ווער האָט עס דיר ערלויבט מַקריב צו זיין דאָס לעבן פאַרן טויט? זוך, אפשר וועסטו גאָר ניט דאַרפן אויסרייסן די רויז. וואָרים איך דאַרף קיין שום קָרבן ניט. די פּרוכט פונם ניט־קרבן — דאָס פאַרלאַנג איך פון דיר.

אין די טעג פון דיין טויט־לעבן האָסטו זינד געזען און ביסט פאַר־ציטערט געוואָרן. אָבער זיי זיינען ניט אַזעלכע שווערע זינד. בלויז ווייל דו האָסט זיי געזינדיגט זיינען זיי שווער. ווייל יעדע קלענסטע זינד דיינע ווערט פאַררעכנט פאַר אַ גרויסע זינד. צַדיק וְרַע לו. די גאַנצע וועלט זינדיגט מיטן גוף, צוליב דער שוואַכקייט זייערער. און דו זינדיגסט מיט דיין נשָמה צוליב דער ניט־שוואַכקייט דיינער. הויב זיך אויף העכער! זוך! פון היינט אָן הויב אויף דיינע אויגן צום לעבן. וועסטו עס געפינען — איז גוט. טאָמער ניט — מאַך קיין שום פּשָרות ניט און קוק גלייך צו דער ערד. אַזאַ טויט איז רייך און פול מיט ליכט.

צום טויט פון יוסף. אָט דאָס קינד וואָס איז געקומען קיין ארץ־ישראל פאַר פינף יאָרן — זיינע גלאַנצנדיגע אויגן און זיין פלאַם־פייערדיג געזיכט האָבן אויסגעדריקט אַ סך לעבן. ער האָט זיך געפרייט מיט זיין אַרבעט און איז געווען צופרידן מיט זיין אָרימען לעבן, ווייל זיין ציל איז פאַרווירקלאַכט געוואָרן — לעבן אין לאַנד און אין דער אַרבעט. ביסלאַכווייס

איז ער געוואָרן אומעטיג. ווייל אויסערן לאַנד און אויסער דער אַרבעט האָט ער אויך געדאַרפט — פריינדשאַפט. און דאָס איז שווער געווען צו געפינען אין לאַנד. אַ גאַנץ יאָר האָט ער אין זיך דערשטיקט זיין פולען לעבן און ביסלאַכווייס האָט ער זיך אָנגעהויבן צוצופאַסן. ער האָט זיך געטראָפן מיט עטלאַכע מיידלאַך. ער איז גרעסער געוואָרן און זיינע פאָדערונגען זיינען געוואָרן גרעסער. ער האָט צוגעצויגן צו זיך די הערצער פון עטלאַכע בחורים און זיי האָבן אים אַריינגענומען אין זייער געזעלשאַפטלאַכן לעבן. ער איז פריילאַכער געוואָרן, ווייל ער האָט דערפילט עטוואָס נאָענטעס. אַ שטיקל צייט האָט עס אים באַפרידיגט. אָבער ער איז געווען אַ קינד צווישן גרויסע בחורים. האָט עס אים געצויגן קיין גָליל, טאָמער וועט ער דאָרטן געפינען וואָס ער זוכט. איז ער געקומען קיין כנרת, אין אָט דעם שטילן, צניעות'דיגן אָרט, וואָס באַרואיגט מיט זיין באַשיידנקייט אַלע שווערסטע אינווייניגסטע מִלְחָמות.

די כִּנֶרֶת'ער געזעלשאַפט און אירע גרויסע און שטרענגע פאָדערונגען האָבן געדריקט אויף אים. פול מיט טרויער און איראָניע איז ער געקומען קיין פתח־תקוה.

עטלאַכע טעג איז ער געווען אין פתח־תקוה. און ביי דער ערשטער געלעגנהייט — אָן אַ פְּרוּטָה געלט, מיטנעמענדיג מיט זיך נאָר אַ שטיקל ברויט איז ער אַוועק צוריק קיין כנרת. דאָרט האָט ער אַ סך ערפּאָלג געהאַט. דערהויפט צווישן מיידלאַך. ליד און פרייד האָט אויסגעפילט זיין לעבן. אין רעכטן מיטן בליען איז ער געווען אַזוי פריש און אַזוי שיין. יעדער בליק זיינער — אַ יַם לעבן. און אין מיטן בליען האָט אים אָנגעהויבן טאָטשען אַ וואָרים. ער האָט זיך פאַרטיפט אין פּראָבלעמען און האָט אויף זיי קיין תְּשוּבָה ניט געפונען. פאַר זיינע אויגן האָבן זיך די שענסטע בילדער פון אונזער לעבן אין לאַנד אויפגעעפנט און זיי האָבן אים ניט באַפרידיגט. די געזעלשאַפט האָט אים אָפּגעשטויסן. און אַפָּנים אַז אויך די פראַגע „צוליב וואָס?" האָט אָנגעהויבן פּלאָגן. זיין לעבן האָט זיך אָנגעהויבן זאַמלען אין־זיך, און אַ ביטערער יֵאוּש האָט אים אַרומגענומען. ער האָט אָנגעהויבן זוכן טרייסט, האָט אָנגעהויבן לערנען, אָבער אומעטום האָט ער געפונען — טויטקייט.

זיינען אַריבער עטלאַכע טעג — און מען האָט געפונען זיין קערפּער אויפן גוֹרֶן.

ס'איז געווען אַ שטורם־נאַכט, מיט דונערן און בליצן. איינער איז

געגאַנגען נעמען שטרוי—האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ קערפּער. האָט ער זיך דערשראָקן, האָט אָנגעהויבן רופן און איז געבליבן אָן אַ תּשובֿה. איז ער געקומען אין עס־צימער און האָט דערציילט אַז איינער ליגט אויפן גורן, קראַנק אָדער טויט.

איז מען אַרויס מיטן גרויסן לאַמטערן. און ווי פאַרשטיינערט איז מען געוואָרן אַז מען האָט געפונען די פרישע בלום — טויט.

שווייגנדיק, אין טיפן צער, האָט די גאַנצע חבֿרה געוואַרט, ביז מען האָט אים געבראַכט אין הויף אַריין. אויף אַ לייטער, איבערגעדעקט מיט אַ ברעט האָט מען אים געטראָגן און אַוועקגעלייגט אין איינעם פון די צימערן. אַ טיפע שטילקייט האָט געהערשט. בלויז דאָ און דאָרטן אויסגעשרייען, דאָ און דאָרטן האָט איינער גע׳חלש׳ט. חברים זיינען אַריין אין צימער. געשטאַנען אָן ווערטער.

אַ טויטע שטילקייט אַרום. נאָר ניט ווייט פונם ים, אויפן בערגל, האָבן עטלאַכע בחורים געגראָבן אַ קבֿר און אָן טומל האָט מען אין אים אַראָפּגעלאָזן דעם טויטן, יעדערער פאַרטיפט אין זיין טרויער.

דריי טעג איז געשטאַנען דער בלוטיגער פלעק אינם גרויסן צימער, וואו ער איז געלעגן. אַזוי ווי מען וואָלט מיט אַ כּיוון ניט געוואָלט אָפּ־ווישן דעם צייכן.

מ׳זאָגט — זעלבסטמאָרד איז אַ שוואַכקייט, אַנדערע ווידער האַלטן עס פאַר אַ גבֿורה.

פאַראַן אינווייניגסטע כּוחות וואָס זוכן אַן אָנהאַלט אין לעבן און געפינען ניט. און זיי קענען ניט אויסברעכן אינווייניג. און אַז זיי ווערן פול ביז צום לעצטן ראַנד, פלאַצן זיי אַרויס.

אויב די געזעלשאַפט הערט זיך רעכטצייטיג צו — קען זי נאָך ראַטעווען. אָבער אונזער געזעלשאַפט העלפט נאָר דורך דעם, וואָס זי רוקט אונטער נעענטער דעם לעצטן אויסוועג — דעם טויט.

דאָס איז ניט קיין גבֿורה און ניט קיין שוואַכקייט, דאָס איז אַ מוז־זאַך. שטאַרבנדיק דריקט אויס אַ מענטש זיין אמת און דער געזעלשאַפטס ליגן. ווייל פאַרטזעצן דאָס לעבן, ווי עס איז, וויל ער ניט און דערגרייכן זיין אייגענעם לעבן קען ער ניט.

וואָלט די געזעלשאַפט פון גרויס שרעק ניט געזען אין זעלבסטמאָרד אַ גבורה אָדער אַ שוואַכקייט, נאָר אַן ערשיינונג פאַר זיך, — ווער ווייס, אויב אַסך פון אונז וואָלטן ניט אויסגעקליבן אַוועקצוגיין פון דער וועלט איידער

ווייטער צו לעבן ווי זיי לעבן? וואָרים איינס איז קלאָר: אויב אַ מענטש מוז איינבויגן זיין קאָפּ פאַר אַלע קלייניקייטן — איז דען ניט דער טויט שענער און געזינטער פאַר אַזאַ לעבן?

צווייערליי נִצְחוֹנוֹת קען האָבן אַ מענטש: דער ערשטער נִצָחוֹן איז כִּמְעַט אַן אויסערגעוויינלאַכע זעלטנהייט. נאָר יְחִידֵי סְגוּלָה גייען אַרויס גאַנץ. דאָס איז דער נִצְחוֹן פון לעבן. דענסטמאָל זינגט זיך פון זיך אַליין אַ ליד פון גליק. און דער צווייטער נִצָחוֹן איז געגעבן דורכן טויט.

אַלע שווערע צושטאַנדן הויבן זיך אָן מיט די זינד פון די עלטערן און ציען זיך ווייטער דורך די זינד פון דער געזעלשאַפט. אויב די עלטערן האָבן געגעסן אומרייפע פֵּירוֹת, הייסט עס נאָך ניט אַז די ציינער פון די קינדער דאַרפן ווערן טעמפּ. זאָלן די עלטערן טראָגן זייער זינד און די קינדער זיינען ריין. אויב זיי ווערן געריייניגט דורכן טויט — איז עס נאָך ניט קיין בייז. טרויעריגער איז עס, אויב זיי שלעפּן ווייטער דאָס פאַלשע לעבן. דאָס איז אַ לעבן פון בלינדע ווערים וואָס ווילן פאַרגעסן זייער נְשָׁמָה און טרייסטן זיך מיט פאַרגעניגונגען און רופן עס נאַטור, און רופן עס פרייהייט. דאָס זיינען די צייכן פונם טויט אינם לעבן גוּפָא. אַ געזונטער מענטש קען זיי ניט אַריבערטראָגן, און אין זיין אינוויייניגסטער גאַנצקייט שטאַרקט ער זיך איבער זיי און בלייבט לעבן, אָדער ער שטאַרבט. וואויל איז דעם וואָס שטאַרבט אין זיין זיג. נאָך מער וואויל איז דעם וואָס לעבט אין זיין זיג.

צו די ווערטער פון שושנה

דער אַרבעטער־זאַמלבוך „בָּעֲבוֹדָה“, האָט זיך געשלאָסן מיט די ווערטער פון שושנה וועלכע האָט זיך גענומען דאָס לעבן עטלאַכע טעג איידער דער זאַמלבוך איז אַרויס. זי האָט געשריבן: „וואויל דעם וואָס שטאַרבט אַ זיגער — און נאָך מער וואויל איז דעם וואָס לעבט אַ זיגער“.

און מיר אַלע האָבן מיט איינמאָל אַן אַנדער אויסזען באַקומען.

— „קיסר, די טויטע לאָזן דיך גריסן!“

פאַרוואָס האָט שטענדיג אַזוי געציטערט דאָס האַרץ לייענענדיג וועגן דעם גרוס פון די גלאַדיאַטאָרן וואָס ראַנגלען זיך מיטן טויט?

אַז פאַרמִשפּט׳ע צום טויט באַגריסן דאָס לעבן, ערשט דענסטמאָל באַקומט דאָס לעבן זיין לעצטע פּאָזיטיווע באַשטעטיגונג. און לייענענדיג די ווערטער פון שושנה, האָט אויך אונזער לעבן אַן אַנדער באַדייטונג באַקומען. „מַלכות פון לעבן, איינער, וואָס גייט אין טויט אַריין, לאָזט דיך גריסן!“

טוען מיר גוט וואָס מיר דרוקן אָפּ שושנה׳ס ווערטער?

„וואָס ביים קינסטלער אין האַרצן האָט כוואַליעס געשלאָגן
„וועלן קיינמאָל די שווייגנדע שטריכן ניט זאָגן“. (גנעסין)

מיר זיינען מיד צו טרעפן.

נאָענטע מענטשן ווילן אַריינדרינגען אין די טיפעניש פון די „שווייגנדע שטריכן“, ביז צום סאַמע אָנהויב פונם לעבן, ביז צו דער יינגסטער קינדהייט. וואָס איז דאָרטן באַהאַלטן?

און זיי היטן די שפּורן פונם פאַרשוואונדענעם לעבן און זייער צויבער ווערט ביסלאַכוויס איבערגעגעבן צום קרייז וואָס אַרום זיי. די געמיינזאַמע לעבנס־ערינערונגען מאַכן ריידעוודיג די „שווייגנדע“ שורות. און דאָס בילד ווערט באַלעבט און צויבערט — פאַר ווייניגע.

און אַז די ווייניגע וועלן שוין מער ניט זיין, וועט קיינער ניט פאַרשטיין דעם צויבער פונם בילד. דאָס פלאַקער־פייער וואָס האָט געזאָלט לייכטן מיטן אייגענעם ליכט, האַלטן מיר איצט מיט אונזערע שוואַכע הענט. און אַז די הענט וועלן זיך אַראָפּלאָזן, מוז אויך דער פייער פאַרלאָשן ווערן?...

תל־אביב ר. כ.

דבוֹרה דראַכלער

זי איז געבוירן געוואָרן אין אַ דאָרף, אין פּאָדאָלער גובערניע, ביי עלטערן פון מיטעלן שטאַנד. איר ערציהונג איז געווען אַ אידיש־דאָרפּישע. געלערנט האָט זי זייער וויניג. איר עלטערער ברודער, וואָס איז געווען אַ העברעאישער לערער, פלעגט, קומענדיג עטלאַכע מאָל דורכן מאָנאַט אין דאָרף, לערנען זי אַביסל רוסיש און אידיש מיט העברעאיש. דעם דאָרפּישן לעבן האָט דבוֹרה זייער ליב געהאַט.

דבוֹרה׳ס עלטערע ברידער און שוועסטער האָבן שוין אין יענער צייט גענומען אַן אָנטייל אין דער יונגער ציוניסטישער באַוועגונג. אַזוי האָט זיך דבוֹרה נאָך פון אירע קינדערשע יאָרן דורכגעזאַפּט מיטן ציוניסטישן געדאַנק. די הַשְׁפָּעָה פון דער פאַמיליע פון איין זייט און פונם דאָרפּישן לעבן — פון דער צווייטער, האָבן אַרויפגעפירט דבוֹרה׳ן אויפן געדאַנק וועגן ארץ־ישראל׳דיגן דאָרף, וואָס זי אַליין טאַקע זאָל אָנטיילנעמען אין זיין אויפבוי.

בעֵת איר עלטערע שוועסטער איז אין יאָר 1908 אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל, האָט זיך ביי דבוֹרה׳ן, וואָס איז דאַן אַלט געווען עלף־צוועלף יאָר, אָנגעהויבן וועבן דער חָלוֹם פון ארץ־ישראל. און אַז די שוועסטער איז געקומען זען זיך מיט דער מִשְׁפָּחָה, האָט זי שוין געטראָפן דבוֹרה׳ן אַ פאָלקאָמען מענטש, מיט אַ קלאָרן באַשלוס צו פאָרן.

אין יאָר פון דער וועלט־מלחמה איז דבוֹרה שוין געווען אין ארץ־ישראל. צו איר שִׂמְחָה איז ניט געווען קיין ברעג. זי איז גלייך געקומען אין דער תֵּל־עַדַש׳ער קבוצה, וואו ס׳האָבן געאַרבעט איר שוועסטער און שוואָגער. די קבוצה איז באַשטאַנען פון די חברים פונם „הַשּׁוֹמֵר״ און האָט זיך דאָס ערשטע יאָר באַזעצט אויף אַ גייעם פּלאַץ.

דבורה האָט זיך מיט אירע גאַנצע יונגע כּוֹחוֹת און הִתְלַהֲבוּת אַריינ־געוואָרפן אין דער אַרבעט. זי איז נאָך דאַן געווען זייער יונג, בעֵרֶך זיבעצן יאָר, און האָט שוין געטראָגן אויף זיך דעם עוֹל פון לעבן, וועלכער

דבורה דראַכלער

פאַרן פאָרן קיין ארץ־ישראל

שאַפּט זיך אין ארץ־ישׂראל. שטענדיג האָט זי געבעטן מען זאָל איר געבן אַן אַרבעט, וואו זי זאָל קענען אַריינלייגן איר גאַנצע מסירות־נֶפֶש, וואו זי זאָל טראָגן אַ גרויסע אַחרַיות; און אין יאָר 1917, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די רדיפות פון דער טערקישער רעגירונג – דורך איר שָׁלִיחַ חאַסאַן־בעק – אויף דעם אידישן ישוב בכלל און אויף די אַרבעטער און חברים פונם „הַשוֹמר" בִּפְרַט, – האָט זיך פאַר דבורה׳ן אָנגעהויבן די ריכטיגע צייט.

ס׳איז באַוואוסט, אַז דענסטמאָל זיינען אַרעסטירט געוואָרן פיל אַרבעטער, און כִּמְעַט אַלע חברים פון „הַשוֹמר" – אויסער די, וועמען עס איז געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן. די אַרעסטירטע האָט מען פאַרשיקט קיין דַמֶשֶׂק צום קריגס־געריכט. אַ צוגאָב צו דער שרעקלאַכער לאַגע, וואָס האָט שטענדיג געהערשט אין דער טערקישער תּפיסה, אַ צוגאָב צום הונגער און קעלט, האָט זיך נאָך דאַן פאַרשפּרייט צווישן אונזערע חברים די מַגֵפָה פון טיפוס, און פיל חברים זיינען מער ניט געקומען צוריק. ס׳האָט זיך געפאָדערט הילף פון איבערגעגעבענע חברים און פון חבר׳טעס, וואָס זאָלן קאָכן און וואַשן פאַר די אַרעסטירטע, זאָלן אָפּטראָגן אין טורמע דאָס עסן און איבערשמוגלען אַלץ וואָס איז נויטיג.

דבורה האָט זיך גלייך אָפּגערופן. מען האָט איר אָפּגערעדט, מען האָט איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זי איז נאָך אַ נייע אין לאַנד, אַז זי וויס נאָך ניט די מִנְהָגִים און די שפּראַך פון די אַראַבער, אַז דַמֶשֶׂק איז אַ שטאָט פול מיט מיליטער, אַז מ׳דאַרף איבערהויפּט קומען אין באַרירונג מיט מיליטערישע מענטשן, – דבורה פלעגט דאָס אַלץ הערן און ענטפערן מיט איר גוטן שמייכל: „עס מאַכט ניט אויס, איך וועל פאָרן און איר וועט זען, אַז איך טויג צו דער אַרבעט".

אָבֶב, אין יענער צייט איז די נסיעָה אַליין קיין דַמֶשֶׂק שוין געווען אַן איינשטעלעניש. ציווילע פּאַסאַזשירן זיינען כמעט ניט געווען; כּדי צו פאָרן האָט מען באַדאַרפט באַקומען אַ באַזונדערע ערלויבעניש. און דבורה איז טאַקע געפאָרן אין אַ מיליטער־צוג, וואו מען האָט זי באַהאַלטן מיט דער הילף פון „באַקשיש".

אין דמשק האָט דבורה אויך קיין האָניג ניט געלעקט. ניט איין מאָל האָבן זי באַפאַלן הונגעריגע אַראַבער, וואָס זיינען פול געווען אין די דַמֶשֶׂק׳ער גאַסן און האָבן ביי איר פון די הענט אַרויסגעכאַפּט דאָס עסן פאַר די אַרעסטירטע. נאָר דבורה׳ן האָט גאָרנישט אָפּגעשראָקן, אַבי זי האָט נאָר געקענט עפּעס טאָן פאַר די חברים – איז אַלץ געווען

כּדאַי. ביי דער שווערער שטענדיקער אַרבעט פאַר די חברים פלעגט זי פאַרגעסן דעם טיפוס וואָס האָט געווילדעוועט אין טורמע און דעם קריגס־געריכט וואָס וואַרט אויף די אַרעסטירטע. אַזוי האָט דבורה אָפּגעאַרבעט עטלאַכע חדשים אין דמשק, ביי שרעקלאַכע באַדינגונגען, ביז זי איז צוריק געקומען אַ היים קיין תּל־עדש צוזאַמען מיט די חברים, וועלכע זיינען געבליבן לעבן פון טיפוס און זיינען באַפרייט געוואָרן פון מִשפּט.

זי האָט זיך צוריק אַריינגעוואָרפן אין דעם מֶשֶק און האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט אַלעמען, נאָר ניט אויף לאַנגע יאָר. אין יאָר 1919 זיינען פאָרגעקומען די געשעענישן אין אויבערשטן גָליל. די אָנגערייצטע בעדואינער און פעלאַכן זיינען אַרויס קעגן דער פראַנצויזישער רעגירונג. די דריי אידישע ישובים — מטולה, כפר־גלעָדי און תּל־חַי — זיינען געלעגן אויפן גרעניץ פון פראַנצויזישן געביט און פאַרשידענע באַנדעס האָבן אָנגעהויבן איבערפאַלן די אידישע דערפער. מטולה האָט לאַנג ניט אויסגעהאַלטן. די קאָלאָניסטן האָבן זי פאַרלאָזן, אָבער די צוויי אַרבעטער־ווירטשאַפטן — כפר־גלעָדי און תּל־חַי — האָבן באַשטימט צו בלייבן, ביזן סוף, וואָס עס זאָל ניט טרעפן. ווען די אָנפאַלן האָבן זיך פאַרשטאַרקט און זיינען געוואָרן אַ שטענדיקע ערשיינונג, האָבן די חברים פון כפר־גלעדי און תּל־חי באַשלאָסן אַוועקצושיקן די קינדער מיט די מוטערס קיין תּל־עדש. ביידע ישובים האָבן געדאַרפט הילף. אויסער חברים זיינען נויטיג געווען חבר׳טעס וואָס זאָלן זאָרגן פאַר די וואָס באַשיצן דעם פלאַץ.

דבורה האָט אָנגעהויבן פאָדערן מען זאָל זי שיקן העלפן די חברים. זי איז שוין דאַן געווען איינע פון די געציילטע פרויען, וועלכע זיינען אַריינגענומען געוואָרן אַלס חבר׳טעס אינם „השומר". אַריבערכאַפּן זיך איבער יענעם וועג איז געווען סַכָּנַת־נפָשות — מען האָט עס געמוזט מאַכן שפּעט, אין די פינסטערע רעגנס־נעכט, און ניט מיט ליידיגע הענט... און נאָך אַלעמען איז מען ניט געווען זיכער מיטן לעבן.

דבורה האָט דאָס אַלץ גוט געוואוסט, און דאָך איז זי ניט אָפּגעשטאַנען פון מ. ש. מען זאָל זי שיקן מיט איינער פון די הילפס־פּאַרטייען קיין אויבערשטן גָליל. מ. ש. האָט געפּרובט עטלאַכע מאָל אַזוי ווי אָנבייזערן זיך אויף דבורה׳ן — אין האַרצן אָבער איז זי געווען שטאַרק צופרידן פון אַזאַ חבר׳טע, און איינמאָל האָט זי איר אַ זאָג געטאָן כּלומר׳שט מיט כַּעס: „וואָס? דו ווילסט דַוקא שטאַרבן?!" דבורה איז ניט איבערראַשט געוואָרן און האָט מיט איר שטענדיקן שמייכל געענטפערט: „ניין, האָסט

אַ גרויסן טעות! איך וויל לעבן, איך וויל אָבער העלפן די חברים״. זי האָט דאָס אַרויסגעזאָגט מיטן גאַנצן האַרצן און מ. ש. האָט געמוזט באַשטימען זי צו שיקן.

דבורה האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין תל־חי.

די אָנפאַלן האָבן זיך פאַרשטאַרקט פון טאָג צו טאָג, די לאַגע איז געווען אונערטרעגלאַך, און אייניגע חברים האָבן זיך אָנגעהויבן וואַקלען מיט דער דעה. ס׳איז גלייך צונויפגערופן געוואָרן אַן אסיפה און מען האָט געשטעלט צו אָפּשטימונג די פראַגע – בלייבן אָדער אַוועקגיין. דבורה איז געווען איינע פון די, וואָס האָבן אויפגעהויבן די האַנט אַז מען זאָל בלייבן.

ס׳איז געקומען דער טאָג י״א אָדר. די אַטאַקע קעגן תּל־חי האָט זיך פאַרשטאַרקט. די לופט איז פול געווען מיט קוילן און פולווער. נאָך אַ לאַנגער שיסעריי איז שטיל געוואָרן. ס׳איז געקומען אַ מאָמענט ווען מען האָט זיך געקענט איבעררייד מיט די אַראַבער. זיי האָבן געטענה׳ט אַז אין הויף באַהאַלטן זיך פראַנצויזן, און אויב מען וועט זיי לאָזן קאָנטראָלירן דעם הויף, וועלן זיי מער גאָרנישט ניט טאָן. טרומפּעלדאָר האָט געגעבן אַ באַפעל: מען זאָל אַריינלאָזן נאָר עטלאַכע. מען האָט גלייך אַריינגעלאָזן אין הויף קאַמיל־עפענדי מיט עטלאַכע מקורבים זיינע. און צו אַלע חברים איז געגעבן געוואָרן אַ באַפעל: מען זאָל שטיין אויף די פּאָסטנס. קאַמיל מיט זיינע מענטשן האָבן געמאַכט די רעוויזיע אין הויף און לסוף זיינען זיי אַרויף אין אויבערשטן צימער, אונטערן דאַך. אין דעם צימער זיינען געווען דבורה, שרה טשיזשיק און פיר חברים. ווען קאַמיל מיט זיין חברה זיינען אַרויף אין צימער, איז טרומפּעלדאָר, וואָס האָט זיי באַגלייט, געבליבן אונטן ביי די טרעפּ. קאַמיל האָט אָנגעהויבן פאָדערן פון די חברים וואָס זיינען געווען אויבן זייער געווער מיט געוואַלד. דבורה האָט זיך אַרויסגעריסן פון צימער מיטן געווער אין האַנט און האָט אָנגעהויבן שרייען: „חברים! מען וויל ביי אונז צונעמען די געווער!״ און איז גלייך אַריין אין צימער, צוריק אויף איר פּאָסטן העלפן די איבעריגע חברים. און נאָך איידער טרומפּעלדאָר האָט צייט געהאַט אַרויפגיין אויפן ערשטן טרעפּ – האָט ער שוין באַקומען פון קאַמילן אַ קויל אין בויך און איז געפאַלן. אין צימער, וואוהין דבורה איז אַריין צוריק, האָט זיך גלייך דערהערט איין אויפרייס פון אַ באָמבע מיט עטלאַכע שאָסן און ס׳איז שטיל געוואָרן. אַלע חברים זיינען געשטאַנען אויף זייערע פּאָסטנס און האָבן ניט געוואוסט וואו און וואָס האָט

פאַסירט; און דעריבער האָט מען פריי אַרויס געלאָזן קאַמילן מיט זיינע מקורבים. אויף דעם איז דאָך געווען אַ בפירוש׳ער באַפעל פון טרומ־פעלדאָרן.

ערשט אין אַ צייט אַרום האָט מען אָנגעהויבן אַרומקוקן זיך, ווער און וויפיל פעלן. ביז מען איז דערגאַנגען צום אויבערשטן צימער. אַז מען איז אַריין אַהין האָט מען געפונען צוזאַמענגעוואָרפן אין איין קופּע זעקס חברים — צוויי פון זיי פאַרוואונדעטע און פיר טויט, צעריסן פון באָמבעס, און איינע פון די פיר איז געווען דבורה.

כפר־גלעדי חיה און אֶלִיעֶזֶר

דבורָה

איך שרייב וועגן דבורָה׳ן, מיט וועמען איך האָב צוזאַמען געלעבט און געאַרבעט אין תֵּל־עַדָש, וועמען איך האָב געבראַכט קיין כְּפַר־גִלְעָדִי, און וועמען איך האָב מיט מיינע אייגענע הענט געבראַכט צו קבורה.

ווי ס׳האָט זיך נאָר אָנגעהויבן די מִלחמה פון פראַנקרייך קעגן דעם עמיר פייזאַל, וואָס איז געווען אַ ווערקצייג פון די ענגלענדער, זיינען באַלד אויסגעבראָכן אינוויינינגסטע רייסערייען צווישן די אַראַבער — צווישן די מוסולמענישע אַראַבער וואָס האָבן געהאַלטן מיט פייזאַלן און די קריסטלאַכע אַראַבער אויף וועלכע מען האָט געזאָגט, אַז זיי זיינען נוֹטֶה צו פראַנקרייך. מיר, די פיר אידישע ישובים אויפן גרעניץ פון ארץ ישראל און סיריען — מְטוּלָה, כפר־גלעדי, תל־חי און חַמָרָה — זיינען געבליבן נייטראַל.

וויפיל מאָל האָט פּאַסירט, אַז באַוואָפנטע אַראַבער גייענדיג אָנפאַלן אויף קריסטלאַכע דערפער, פלעגן פאַרבלאָנדזשען צו אונז, אויסצושפּירן ווי האַלט עס ביי די אידן. און אַז זיי פלעגן זיך איבערצייגן אַז מיר זיינען ניט אויפן צַד פון זייער שוֹנֵא, פלעגן זיי צושטעלן דעם ביקס צו זייער האַרצן און צום געזיכט, אַלס צייכן פון פריינדשאַפט, און פלעגן זאָגן: „מיר מיט די אידן זיינען אָמן, אָמן״! און פלעגן ווייטער גיין זייער וועג. מיר האָבן אָבער געפילט, אַז דער שָׁלוֹם וועט לאַנג ניט אָנהאַלטן.

נאָכדעם זיינען געקומען די איבערפֿאַלן אויף חַמְרָה און אויף מטולה און די אידן האָבן פֿאַרלאָזן די ערטער.

האָבן מיר, אין כּפר גלעדי און תּל־חי, באַשלאָסן אַרויסצופֿירן די קליינע קינדער קיין תּל־עַדָש. מיט די קינדער זיינען מיטגעפֿאָרן עטלאַכע מוטערס.

ווי מיר זיינען נאָר געקומען מיט די קינדער קיין תּל־חי, האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו רעגענען. פּלוצלינג, אין רעכטן מיטן רעגן דערהערן מיר אַ שיסעריי פֿון דאָרף חאַלסאַ און די שיסעריי איז אַלץ העכער, אַלץ נעענטער. פֿיר חברים, וואָס זיינען געקומען צו אונז רייטנדיק פֿון גָליל הַתַּחְתּוֹן, לויפֿן געשווינד און הונדערטער אַראַבער יאָגן זיי נאָך און שיסן אויף זיי. אָט האָבן די קוילן געטראָפֿן אַ פֿערד, און דער רייטנדיקער חבר האָט נאָך באַוויזן אַראָפּצושפּרינגען, איידער דער פֿערד איז געפֿאַלן, און איז אַנטלאָפֿן צו אונדז אונטער אַ רעגן פֿון קוילן. אַ צווייטער חבר איז געקומען אַ פֿאַרוואונדעטער, ער און זיין פֿערד.

מיר האָבן זיך אָנגעהויבן געשווינד גרייטן צום שוץ. די ערשטע פֿראַגע איז געווען: וואו באַהאַלט מען די קינדער? האָבן מיר זיי געבראַכט אין שפּייכלער, וואו די ווענט זיינען דיקע. אָבער לאָזן דאָרטן די קינדער איז געווען ניט גרינג, ווייל די טיר פֿונם שפּייכלער איז געווען פּונקט אַנטקעגן טויער, וואָס די קוילן האָבן אים צעלעכערט ווי אַ רעשעטע. די קינדערלאַך האָבן גאָר ניט געפֿילט די געפֿאַר און האָבן זיך רואיק געשפּילט. איין מיידעלע נאָר, די טאָכטער פֿון יִשְׂרָאֵל גִלְעָדי, האָט ניט אויפֿגעהערט צו דַאגֶה'ן וועגן דער מוטער. איז טאַקע איר מוטער געבליבן מיט די קינדער אין שפּייכלער.

די אַראַבער שיסן דערווייַלע ווייטער, און די שיסערייען דערנעענטערן זיך. אַז זיי זיינען געקומען ביז צום שטוב האָבן זיי אויפֿגעהערט שיסן. זיי האָבן געפֿאָדערט פֿון אונדז, מיר זאָלן זיי אַרויסגעבן די פֿיר „פֿראַנצויזישע" רייטער. דערווייל האָבן אייניקע פֿון זיי אָנגעהויבן אַראָפּצונעמען די לאָדנס פֿון אונזערע הייזער, פֿאַנגען די גענז, און אויפֿקלייבן די קלייניקייטן וואָס ליגן נעבן שטוב. פֿון הויף איז אַרויס קלמן כּהן צו די אַראַבער, און האָט זיי הויך געזאָגט: „ווילט איר קריג – איז קריג. אָבער ווייסט, קיין פֿראַנצויזן זיינען ביי אונדז ניטאָ. די פֿיר רייטער זיינען אונזערע חברים, אידן ווי מיר".

דערווייל איז אָנגעקומען אונזער פריינד סַעַד־אַלדִין, איינער פון די אָנפירער זייערע. האָט ער פּאָרגעשלאָגן, מיר זאָלן אַריינלאָזן איינעם פון זיי אין הויף צו דערקענען די פּראָוואָקאַטאָרן. אַנדערש ווילן מיר פון זיי ניט פּטור ווערן. איז אַריין אַ שוואַרצער אַראַבער און האָט אָנגעהויבן שלעפּן איינעם אַ חבר אונזערן, טַעֲנה׳נדיג אַז ער איז אַ פּראָוואָקאַטאָר. מיט צָרוֹת איז געלונגען סעד־אַלדין׳ען איינריידן דעם אַראַבער און דעם הָמוֹן, זיי זאָלן אַוועק פון הויף.

אין פיר טעג אַרום, אַז די רעגנס האָבן אַ ביסל אויפגעהערט, זיינען מיר אַוועק מיט די קינדערלאַך קיין תּל־עדש. אַז איך בין געקומען האָט מען מיך אַרומגערינגלט און אויסגעפרעגט וועגן דער לאַגע ביי אונז. כ׳האָב זיי געזאָגט אַז איך לאָז דאָ די קינדער און גיי צוריק קיין גָליל הָעֶלְיוֹן. אין דער טרויעריגער שטילקייט האָט זיך דאַן דערהערט דבוֹרה׳ס שטים צו מיר:

— גוט וואָס דו גייסט. מיט דיר וועל איך אויך קענען גיין. די חברים וואָס זיינען פריער געגאַנגען האָבן מיך ניט געוואָלט מיטנעמען.

אויף מאָרגן זיינען מיר ביידע אַוועק. אין אַיֶלֶת־הַשַחַר האָבן מיר געטראָפן אַ סך חברים, וואָס זיינען געקומען פון פּאַרשידענע קבוצוֹת — צו צוויי פון יעדער קבוצה, — צו העלפן אונז אין גָליל. צווישן זיי איז געווען אויך יוֹסף טרומפּעלדאָר. אַנדערע האָבן אונטערשטיצט דבוֹרה׳ן: „אָ, חבר׳טעס זיינען אויך געקומען העלפן!״ אַנדערע אָבער האָבן פאַרצווייפלט געפרעגט: „צוליב וואָס גייט איר? מיר וועלן דאָך נאָך דאַרפן אייך באַשיצן!״ —

אומגעדולדיג האָט דבורה געוואַרט אויפן טאָג, ווען מיר וועלן פאָרן קיין תּל־חי. ס׳האָט נאָך אָבער געמוזט דויערן. אויפן וועג זיינען געווען איבערפאַלן און אומרוען. מיר האָבן געמוזט וואַרטן אויף אַ געלעגנהייט ווען מיר וועלן אַלע צוזאַמען קענען פאָרן. פיל מאָל איז דבוֹרה געלאָפן פון אַיֶלֶת קיין מַחֲנַיִם און פון מחנים קיין אַילת, זוכן אַ פור. זי האָט מיר פּאָרגעשלאָגן, מיר זאָלן זיך לאָזן ביידע אין וועג. איך האָב אָבער געוואוסט, אַז ס׳וועט זיין אַ גליק אויב מיר וועלן קענען מיט אַ קאָמפּאַניע דערגרייכן תּל־חי; אַליין וועלן מיר עס אַוודאי ניט קענען דערוויַיזן. צוויי וואָכן נאָכאַנאַנד זיינען מיר אָפּגעזעסן אין אַילת־השחר, ביז מיר זיינען אַוועקגעפאָרן, צוואַנציק מענטשן אויף צוויי וועגענער.

מיר זיינען נאָר אַריין קיין תּל־חי, נאָך ניט צייט געהאַט אַראָפּ פונם וואָגן, — האָט מען געבראַכט טויט פון פעלד אַהרן שער.

אין אָוונט איז אין כּפר גלעדי געווען אַן אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונג אונטערן פּאָרזיץ פֿון טרומפּעלדאָר. יעדן איינעם איז אָנגעוויזן געוואָרן זיין אָרט און זיין ראָל. דבורה האָט געזאָגט אַז זי וויל בלייבן אין תּל־חי, ווייל אין כּפר־גלעדי זיינען פֿאַראַן פֿרויען און אין תּל־חי איז ניטאָ קיין איינציגע.

אָפּט פֿלעגן זיי קומען פֿון תּל־חי צו אונז, אין כּפר־גלעדי, נעמען עסנוואַרג. זיינען אַריבער עטלאַכע טעג און זי איז ניט געקומען. בין איך איר געגאַנגען געוואויר־ווערן, האָב איך זי געטראָפֿן מיד און צוטראָגן. צווי וואָכן — דערציילט זי מיר — אַז חברים בייטן זיך אויף דער וואַך, גרופּעסווייס. דער רעגן ווייקט זיי אויס, זיי קומען אַ ווייַלע, טריקענען זיך אָפּ און גייען צוריק אין רעגן אויף דער וואַך. זי האָט דעריבער באַשלאָסן מאַכן אַ געוועש. מ׳דאַרף אויך באַקן ברויט און מ׳דאַרף קאָכן. די גאַנצע צייט האָבן די חברים קיין געקעכטס אין מויל ניט געהאַט, געגעסן נאָר טרוקנס.

— העלפֿט דיר קיינער ניט?

— מען העלפֿט גראָד, אָבער יעדעס מאָל אַן אַנדערער, און דאָס מאַכט נאָך שווערער די אַרבעט.

איך האָב געפֿילט אַז איר מידקייט איז ניט פֿון דער אַרבעט, אַז עפּעס דריקט זי. האָב איך עס איר געגעבן צו פֿילן. האָט זי זיך מודה געווען: „דו האָסט גאָרניט געהערט, אַז מען האָט באַראַבעוועט אונזערע חברים אויפֿן וועג? מען האָט זיי אויסגעטאָן די קליידער, צוגענומען דאָס געווער״. איך פּרוב איר באַרואיגן: „אָבער מ׳האָט זיי געלאָזן דאָס לעבן״. ווערט זי אויפֿגערעגט און פּלאַמט אַרויס מיט היץ: „מ׳האָט צוגענומען די ביקס ביי — — ביים עלטסטן שומר! ביי אַ שומר׳ניק די ביקס? ער וועט משוגע ווערן! איך האָב אים געוואָלט זען, אָבער בעסער איך זאָל אים איצט ניט זען...״

דאָס איז געווען דער אָנגעווייטאָגטער פּונקט.

מיר האָבן זיך צעשיידט. זי האָט צוגעזאָגט קומען.

איינמאָל האָבן מיר דערזען ווי אַ גאַנצע מַחֲנֶה פֿון אַוַדאי הונדערט אַראַבער, אַלע באַוואָפֿנט, מיט פֿיר רייטער פֿאָראויס, אָנגעלאָדענע מיט באָמבעס, דערנעענטערט זיך צו כּפר־גלעדי. מיר האָבן פֿון וויטנס געהייסן זיי אָפּשטעלן זיך און זאָגן וואָס זיי ווילן. זיי זיינען געבליבן שטיין אויף אַ דיסטאַנץ פֿון הונדערט מעטער. מיר האָבן פֿאָרגעשלאָגן, אַז צוויי

מענטשן אָן וואָפן. איינער פון זיי און איינער פון אונז, זאָלן אַרויסגיין פירן פאַרהאַנדלונגען.

פלוצלינג דערזע איך ווי צו אונז דערנעענטערט זיך דבורה דראַכלער מיט נאָך אַ חבר, מיט ביקסן אויף די אַקסלען. זיי מוזן פאַרבייגיין נעבן די אַראַבער. מיינע אויגן זיינען צוגעשמידט צו איר געזיכט און די האַרץ פלאַטערט: וואָס וועט געשען? ס'איז גאָרנישט געשען. זיי זיינען אַדורך בשלום. איר געזיכט האָט אויסגעדריקט די געהויבנקייט פון איר שטימונג.

מיר זיינען אַלע געשטאַנען אויף די פּאָסטנס. דבורה'ן האָב איך גענומען אַלס מיין שכנה, ביים פענסטערל, פון וואַנען מיר האָבן ביידע אַרויסגערוקט די ביקסן. מיר האָבן גאָרנישט ניט גערעדט. זי האָט נאָר שטיל געזאָגט: „אין תל־חי ווייס מען גאָרניט, אַז איר האָט אַזעלכע געסט. ווען מען וואָלט זיי נאָר געקענט אָנזאָגן...״

ס'האָט געדויערט פון ניין פרי ביז שפּעט אין אָוונט. אַז ס'איז געוואָרן דונקל, האָט זיך אויפגעהויבן די מַחֲנֶה און איז אַוועק. דבורה איז געבליבן נעכטיגן ביי אונז. אויף מאָרגן איז זי אַוועק צוריק קיין תל־חי.

דעם לעצטן מאָל האָט זי אונז באַזוכט אין יענעם טאָג, ווען ס'איז צו אונז געקומען די לעצטע גרופּע חברים צו הילף. די וועגן זיינען געווען פאַרשפּאַרט און די חברים זיינען געקומען דורך די בערג. צווישן זיי איז אויך געווען ד״ר גריי, די קראַנקנשוועסטער סאָניע מלמוד, און שרה טשיזשיק.

ווידער איז געווען אַ פאַרזאַמלונג. ווידער זיינען די חברים פאַרטיילט געוואָרן אויף די פּאָסטנס: אין מטולה, אין תל־חי און כפר־גלעדי. דבורה האָט פאָרגעשלאָגן, אַז שרה טשיזשיק זאָל פאָרן מיט איר קיין תל־חי איינאָרדנען דאָס לעבן פון די חברים. אָבער איינגעאָרדנט דאָס לעבן האָבן זיי נאָר איין טאָג. ביינאַכט האָט דער וואָגן געבראַכט זייערע ביידע קערפּערס קיין כפר גלעדי.

איין האַנט איז איר געלעגן אונטער קאָפּ, און מיט דער צווייטער האַנט האָט זי אַרומגענומען איר העלפערין אויף איין טאָג — שרה טשיזשיק.

צפּורה זייד

שיך־אַבּריק



שרה טשיזשיק (1919)

שָׂרָה טשיזשיק

דער טויט איז אומבאַרמהאַרציג, ווען ער נעמט צו אַ מענטשן דווקא דענסטמאָל, בעת אַ געהיימער כּוח רופט אים צום שאַפן, ווען ער האָט שוין גובֿר געווען אַ טיפן אינערלאַכן קריזיס און שטייט מונטער און גרייט צום לעבנס־קאַמף. אין אַזאַ מאָמענט פון איר לעבן איז דערהרג׳עט געוואָרן שרה אין תּל־חי.

אויסערלאַך איז שרה געווען אַ שטילע, זי האָט ווייניג וואָס גערעדט, נאָר אינווייניג האָט ביי איר שטענדיג געשטורעמט. פון קינדווייס אָן האָט זי ניט ליב געהאַט די אָפּגעצוימטע שטוביגע פרויען־אַרבעט. מיט גרויס חשק פלעגט זי אָבער אַרבעטן אין דעם גאָרטן און ביי די עופות. פּינקטלאַך און פלייסיג פלעגט זי פאַרצייכענען אויף יעדער איי דעם סימן פון דער הון וואָס האָט זי געלייגט. און מיט באַזונדערער ליבשאַפט און טרייקייט האָט זי זיך איבערגעגעבן צו די בלומען.

איך געדענק ווי שטאַרק זי האָט זיך געפרייט — און אַ גרויסע פרייד האָט מען זעלטן ווען געזען ביי שרה׳ן — ווען ביאַליק איז געקומען קיין דגניה און מיר האָבן אים צוגעטראָגן אַ בלומענקראַנץ פון צוואַנציק מינים, אַלע פון אונזער קליינעם בלומענגערטל. „זאָל ער זען, וואָס מיר קענען דערוויזן״ — האָט זי מיר געזאָגט.

זי איז געשטאַנען ווייט פונם טאָג־טעגלאַכן לעבן אין דאָרף און האָט שטענדיג אַזוי ווי עפּעס געזוכט, פּונקט ווי זי וואָלט פילן אַז איר אָרט איז ניט דאָ. אין דער פרייער צייט פלעגט זי לערנען. דער תּנ״ך איז געווען איר אינטימער פריינד; לייענענדיג אים פלעגט זי חלומ׳ען וועגן אַן אַנדער ווייטער וועלט. די נביאים האָט זי געקענט אויף אויסווייניג.

פון קינדווייס אָן פלעגט זי ווערן אַן אויסערזיכיגע פון יעדער אומגערעכטיקייט. די טיפסטע אינערלאַכע ערשיטערונג האָט זי איבערגעלעבט, ווען אונזערער אַ לערער, וועלכן מיר האָבן געהאַלטן פאַר אַן אידעאַל פון אַ מענטשן, האָט אַמאָל אָפּגעטאָן אַ גרויסע עוולה. דאַן האָט זי ביי זיך באַשלאָסן — ווען אַזאַ מענטש קען אויך אַזוי אַראָפּפאַלן, דאַרף מען פאַרלאָזן די היים און גיין זוכן אַן אַנדער סביבה. זי האָט געגלויבט, אַז אויב ס׳איז

נאָך דאָ יושר אויף דער וועלט, דאַרף עס זיין ביי די אַרבעטער. די אַרבעט איז געווען איר רעליגיע און פון יעדער בייט, וואָס זי פלעגט מאַכן אין גאָרטן, פלעגט אַזוי ווי אַרויסקוקן איר ערלאַכע, גלויביגע נשמה. אֶפשר האָט זי אַזוי ליב געהאַט די ערד־אַרבעט, ווייל זי האָט געגלויבט, אַז ערלאַך זיינען נאָר אונזערע לאַנד־אַרבעטער.

זי האָט פאַרלאָזן די היים און האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין אַ קבוצה. און זינט דאַן איז איר שטימונג געוואָרן אינגאַנצן אַן אַנדערע. איך געדענק מיט וואָס פאַר אַ התפעלות זי האָט מיר דערציילט קומענדיג פון חֶדֶרָה, אַז זי אַרבעט אין קיך, קאָכט פאַר אַ סך אַרבעטער, אַז זי האָט זיך שוין אויסגעלערנט מאַכן לאָקשן און די חברים לויבן אירע געקעכטסן,— און שרה האָט דאָך תמיד אַזוי פיינט געהאַט די קיך־אַרבעט!

אין יענער צייט איז ביי איר רייף געוואָרן דער באַשלוס, אַז זי טאָר ניט זוכן קיין אַנדער וועג אין לעבן, אויסער דעם וואָס עס האָט זיך אויסגעוויילט דער ארץ־ישראל׳דיגער ערד־אַרבעטער.

די שווערע מלחמה־יאָרן האָבן אונז אַלעמען נידערגעשלאָגן, און דערהויפּט שרה׳ן. בעת די מלחמה האָט זיך געענדיגט איז שרה אַזוי ווי אויפגעלעבט געוואָרן. ס׳האָט זיך אין איר אויפגעוועקט דער ווילן צו לעבן. זי איז געווען פול מיט ענערגיע און האָט געדורשט נאָך אַרבעט. און ווער עס האָט געזען שרה׳ן אין יענער צייט, פאַר יענעם איז קלאָר געווען, אַז ווען אַ אידישע קאָלאָניע געפינט זיך אין געפאַר און רופט צו הילף — מוז זיך שרה אָפּרופן. זי האָט עס געמוזט טאָן אויך אַלס פרוי, ווייל צווישן דער אַרבעטערשאַפט זיינען נאָך דאַן געווען אַזוי ווייניג פרויען, און דאָרטן וואו די געפאַר האָט געשוועבט איבער אַלעמענס קעפּ — דאָרטן האָט מען זיך דוקא גענויטיגט אין אַ טרייסטנדער, וואַרעמער שוועסטער־האַנט און אין אַ פלייסיגער געניטער אַרבעטאָרין. און שרה איז אַוועק קיין תל־חי. איר נסיעה פון תל־אביב קיין תל־חי איז געווען די גליקלאַכסטע צייט אין איר לעבן.

צִפּוֹרָה

תל־אביב

שָׂרָה טשיזשיק

פון טאָג־בוך און בריוו

[מלחמיה, אדר תרע״ה. פונם טאָג־בוך.]

געווען איז עס פינף טעג אין חודש אָדָר. איך מיטן פּאָטער און מיינע צוויי ברידער און שוועסטער זיינען אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי און האָבן מיטגענומען עסן אויף אַ גאַנצן טאָג. מיר האָבן זיך אַריינגעזעצט צו אַ קאָלאָניסט אין וואָגן. ער איז געפאָרן קיין דגניה, פאַרביי אונזער פעלד. אַ פערטל שָׁעה פון דער קאָלאָניע האָט זיך שוין באַוויזן דער יַרְדֵן. דאָס וואַסער איז געווען קלאָר, דורכזיכטיג און שטיל. ס׳איז אָבער געווען נאָר לִפְנִים וועגן, אין דער׳אמת׳ן האָט דער יַרדן גאָר אַ בייז האַרץ. מיר הויבן אָן אַריבערפאָרן. דער וואַסער־שטראָם שטופּט דעם וואָגן און אָט רייסט זיך דאָס וואַסער אַריין צו אונז. ס׳ווערט נאָס אין די פיס, די שיך ווערן דורכגענעצט. מיר זיינען אָבער אַדורך בשָׁלום — — —

דאָס פעלד אונזערס איז אַ ברייטע לאָנקע אויפן מִזרח־זייט יַרדן. מיר האָבן אָנגעהויבן יעטן דאָס ווילד־גראָז. אַרום אונז — אַ רואיגע שטיל־קייט. ווען ניט ווען הערט מען נאָר זשאַבעס קוואַקען אָדער פייגעלאַך צעלאָזן זיך אויפן קוֹל.

איינע, איינע אַליין זיינען מיר אין אַ יַם פון תבואָה, דאָס רוֹב אַראַבישע פעלדער און גאָר ווייניג אידישע. עס קלאַפּט דאָס האַרץ ביי יעדן פון אונז ווען ער גלייכט אויס דעם רוקן און קוקט זיך איין אין מִזרח, וואו עס האָט זיך אַזוי ברייט צעלייגט די שיינע לאָנקע ביז סאַמע צופוסן פון די עֵבֶר־הַיַרְדֵן בערג. וויפיל אידישע קאָלאָניעס — מאָלט זיך יעדער דערביי — וואָלטן געקענט זיין אויף דעם ליידיגן שֶׁטַח! און ווען מען קערט זיך אויס צום מַעֲרָב, קוקן אונז אַנטקעגן אַלע קאָלאָניעס, בִּפְרַט אונזער מִלְחַמְיָה, מיט אירע דעכער און גרינע סעדער, וואָס פינקלען אין זונען־שיין. און דאָרט, פון צווישן די בערג, פון מערב זייט פון יַם כנרת, שיינט אַרויס פּוֹרִיָה, וועלכע ס׳האָבן ערשט ניט לאַנג געקויפט רייכע אַמעריקאַנער. דָרוֹם צו,

אויפן ברעג כנרת – דגניה, וואָס געהערט צום קֶרֶן קַיֶמֶת. מַערב׳דיגער, אויפן זעלבן ברעג, זעסטו די קאָלאָניע כנרת.

באַלד איז צוריק אָנגעקומען דער וואָגן, שוין פֿון דגניה. מיר האָבן אָבער געוואָלט פֿאַרענדיגן דאָס יעטן, כּדי פֿאַרשפּאָרן נאָך אַמאָל אַריבערגיין דעם יַרדן מיט זיין האַסטיגן וואַסער־שטראָם. דערווייל איז די זון פֿאַרגאַנגען און מיר האָבן גענומען יאָגן די אַרבעט. אָבער מיר האָבן זיך גיך איבערצייגט, אַז סיי ווי וועלן מיר זי ניט אויסענדיגן. אַ מַעֲרב־ווינט האָט גענומען בלאָזן און שלאָגן כוואַליעס אין די גרינע תּבואה, מיר האָבן אָנגעהויבן שטעלן פּיס, טראָגנדיג דאָס געצייג.

מיר זיינען צוגעקומען צום יַרדן, אויסגעטאָן די שיך און פֿאַרקאַשערט די קליידער. ווי נאָר איך האָב איינגעטונקט די פּיס, איז שוין מיר באַפֿאַלן אַ פּחד און איך האָב גענומען שרייען, אַז צופֿוס וועל איך ניט קענען אַריבערגיין. אָבער אַ בּרֵירָה האָב איך? איך בין די ערשטע אַריין, מיטן רידל אין איין האַנט און מיט דער צווייטער האַנט האָב איך אָנגעכאַפּט דעם ברודער. לינקס פֿון מיר איז די שוועסטער, רעכטס – דער פֿאָטער, און הינטער אונז דער קליינער ברודערל. שוין ביי די ערשטע שריט האָט דאָס קאַלטע וואַסער אָנגעהויבן שניידן דאָס לייב און אַ ציטער איז מיר אַ דורך איבער אַלע אֵיברים פֿון אומ׳בּרַחמָנות׳דיגע קעלט. מיר גייען ווייטער. אַ דערשראָקענע שפּאַר איך זיך אָן אין רידל, פּרוּב מיט אַלע כּוחות ווערן זיך קעגן שטראָם, העלף צו דערביי דעם ברודער און היט מיט די אויגן דעם פֿאָטער. אַ צוטומלטע קער איך אום צוריק דעם פּנים, קוים וואָס איך האַלט זיך שוין קעגן דעם וואַסער־שטראָם און איך לאָז אַרויס אַ געשריי, וואָס קלינגט אָפּ איבערן גאַנצן ירדן. איך זע ווי מיין שוועסטער ראַנגלט זיך מיט די וואַסער, וואָס דערגרייכט שוין איר ביזן האַלבן קערפּער, און מיין קליין ברודערל קריכט שוין אויף אַלע פֿיר צוריק, צום מזרח ברעג. דער עלטערער ברודער דערהערט דעם געשריי, לאָזט מיך אָפּ און כאַפּט אָן די שוועסטער פֿאַרן האַנט. ס׳איז גאָר ניט צו פֿאַרשטיין ווי אַזוי מיר דרייען זיינען פֿאָרט אַריבער דעם ירדן און צוגעקומען צום מערב ברעג, אינגאַנצן אויפגעציטערטע און אויפגערעגטע.

און וואָס פֿאַר אַן אַכזָריות׳דיג בילד איז עס געווען! מיר דריי זיינען שוין אויפן מערב זייט, דער קליינער ברודערל – אויפן מזרח ברעג און דער פֿאָטער ראַנגלט זיך נאָך אַלץ מיט די כוואַליעס. מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם שטייען מיר דורכגענעצטע, טרייסלען זיך פֿון קעלט און וואַרטן אָפּ דעם

פּאַטער, וועלכער איז שוין כּמעט אַרויס פון סכּנה. אַט זיינען מיר שוין אַלע אויף דעם זייט ירדן, אָבער ווי נעמט מען אַריבער דעם קליינעם? מיר קענען זיך קיין עצה ניט געבן, אַלע זעען מיר נאָך אויס ווייס ווי קאַלך.

מיר וואַרטן, טאָמער וועט זיך ווייזן הילף. ערשט מיר זעען ווי אַ ביסל ווייטער גייט זיך אַן אַראַבער פּאַלשטענדיג רואיג אַריבער דעם ירדן, און קיין שום זאַך האָט מיט אים ניט פּאַסירט. ווערט דער ברודער פעסט ביי זיך, וואַרפט אַראָפּ די קליידער און לאָזט זיך שווימען צום קליינעם. ער נעמט אים צוזאַמען מיט די קליידער און טראָגט אים אַריבער איבערן ירדן. איצט האָבן מיר אַלע גענומען אויסדרייען די קליידער און אָנטאָן די שיך. ערשט עס קומט אונז אַנטקעגן אַ וואָגן. דאָס האָט אונזער עלטערע שוועסטער געפּועל׳ט אין דער קאָלאָניע אַז מען זאָל שיקן נאָך אונז — — —

[עקרון, כ״ז שבט תרע״ט. צו א חבר׳טע]

רבקה! דער זייגער איז אַכט אין אָוונט. איך זיץ אין שטוב. אַ טייל מיידלאַך זיינען שוין אַוועק שלאָפן, אַנדערע לייענען ביי זיך אין די צימערן. אונזער שטיבל איז קליין, שטייט אויסער דער קאָלאָניע, פון פראָנט באַוואַכן עס עקאַליפּטוס־בוימער און הינטער אים איז דאָ אַ קליין גערטל בלומען. אַן אמת דאָרפיש הויז, בפרט פון דרויסן.

רבקה! דו שרייבסט, אַז איך וואָלט באַדאַרפט אַזאַ פּלאַץ וואו מען קען אי אַרבעטן, אי לעבן. איך פיל זיך אָבער אַזוי צוגעבונדן צום פעלד און לאַנד־אַרבעט, אַז איך קען שוין אָן דעם ניט אויסקומען. ערשט איצט ווייס איך ווי הויך צו שעצן די אַרבעט אין דאָרף, נאָך דעם ווי איך האָב זיך אַ ביסל באַקאַנט מיט דער שטאָט. ס׳איז נאָך אָבער אַ גרויסער ספק, צי וועל איך אַ מאָל אָנטרעפן אויף אַזאַ פּלאַץ, וואו אַ ל ץ זאָל מיך באַפרידיגן. מער ניט, וואָס איך שפּיל זיך אין חלומות, אַז ס׳וועט זיך נאָך געפינען אַזאַ אָרט, וואו איך, בעסער געזאָגט, מיר אַלע, איך און דו און חיה, וועלן צוזאַמען אַרבעטן אין איין קבוצה. הלוואַי זאָל עס מקוים ווערן.

פילן פיל איך זיך גוט. אַ גאַנצן טאָג האָב איך מיט דיין שוועסטער, מיט יהודית׳ן, געגראָבן בוריקעס און רעטאַך. ניט קיין שווערע אַרבעט און אַן אַנגענעמע. מיר האָבן שיינע בוריקעס (ס׳איז דאָך שוין אויך מיינס. ווי זאָגסטו, ניט אַזוי?), די בעבלאַך בליען, די אַרבעס און די ציבעלע זיינען

גערעטן. מיר זייען זומער־גרינסן און האָבן פאַרזעצט טאָמאַטעס. שיין איז די סביבה אַרום עֶקרון. אויף מַערב ציט זיך ווייט־ווייט דער האָריזאָנט און צו דָרום־מזרח צו — די בערג פון יהודה, וואָס האָבן אַ טֶבַע צו ווייזן זיך אַ מאָל נאָענט, אַ מאָל ווייט. שבת וויל איך שוין מאַכן אַ שפּאַציר אין דער געגנט — — —

[עקרון, כ״ז שבט, תרע״ט. צו א חבר׳טע]

חַיה׳לע! איך טראַכט און חלום נאָך אַלץ אַז ס׳וועט קומען אַ צייט און מיר אַלע, מיט נאָך אַנדערע חברים, וועלן צוזאַמען אַרבעטן און צוזאַמען לעבן. איך שטעל זיך פאָר ווי מיר וועלן זיך גוט איינלעבן אַלע, ווי גליקלאַך מיר וועלן זיך פילן און די אַרבעט וועט אויך זיין אַזוי גוט איינגעטיילט. דאָס וועט זיין אַ גרויסע פאַרצווייגטע ווירטשאַפט. חיה! איך מיין אַז מיר וועלן דאָך ניט האָבן קיין חֶשבּוֹנוֹת איינע מיט די אַנדערע בנוֹגֵעַ דער אַרבעט, און איך גלויב אַז אויך אין לעבן וועלן מיר ווייזן אַביישפּיל, וואָס הייסט זיין גלייך. מיר וועלן קענען געבן אַ סַך דער אַרבעט און אַ סך נעמען פון איר — — —

[פון טאג־בוך. תרע״ט]

איך בין אַלט געוואָרן איין־און־צוואַנציק יאָר. איך בין אַ מענטש וואָס לעבט שוין איין־און־צוואַנציק יאָר. אַזוי לייכט איז עס אויסצורעדן? ניין, צום באַדויערן האָב איך ניט געלעבט קיין איין־און־צוואַנציק יאָר, איך האָב נאָר לאַנג געצאַנקט — — —

איך בין אַמאָל געווען זייער נאַאיוו, אויך איצטער אפילו. איך פלעג ווערן אַזוי אויפגעבראַכט, ווען איך פלעג דערזען וואָס פאַר אַ רִשעות עס קומט פאָר אין דער וועלט. פאַרוואָס האָבן די ערלאַכע און אויפריכטיגע קיין שליטה ניט איבער די שלעכטע? און נאָך מער פאַרדריסט און עס ווייטאָגט ווען די שלעכטע בלייבן גאָר צום לעצט די גערעכטע און גוטע. מיט זיי רעכנט מען זיך, זיי זיינען אומעטום אָנגענומען און דער ערלאַכער בלייבט שטיין אָן אַ זייט און מוז אָננעמען פאַר ליב זיינע יסורים. איך רייד ניט סתם אין דער וועלט אַריין, ניין, איך האָב עס געזען אין לעבן, ביי מענטשן. ניט איינמאָל האָב איך שוין אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז אַלץ איז הֶבֵל הֲבָלים. אָפּט עקלט מיך דאָס לעבן.

איין איינציגע האָפנונג איז נאָך מיר פאַרבליבן, און אויב זי וועט זיך אויך אויסלאָזן מיט גאָרנישט?...

עס איז די האָפנונג צו זיין אַ טאָכטער פון פאָלק, וואָס וואַרפט אַוועק אָן אַ זייט זיין פריערדיק לעבן, כּדי צו ווערן אַן אַרבעטס־פאָלק ביי זיך אין דער היים, אויף זיין באָדן.

איך וויל גלויבן, אַז איצטער וועט פאַרט גובֿר זיין די גערעכטיקייט און מיר ווילט זיך עס זען און אַליין פון דעם הנאה האָבן.

הלוואַי זאָל אָט די האָפנונג מיינע ניט צובראָכן ווערן!

[פון טאג־בוך, תרע״ט]

איך האָב געלייענט זייער „פריילאַכע״ נייס: אין פוילן און אין אוקראַינע קומען פאָר פאָגראָמען. ווי ווייטאָגט דאָס האַרץ פאַר די ברידער מיינע און נאָך מער – פאַר די שוועסטער. – זיי קומען אָפּ מיט איין טויט פאַר אַלץ: אי אַלס אידישע, אי אַלס פרויען! אַך, וואָס פאַר אַ נידער־טרעכטיקייט, וואָס פאַר אַ געמיינהייט און שפלות! – – –

איך זאָג זיך אַליין, אַז איך קען נאָך ניט דאָס לעבן, אָבער וואָס מענטשן זיינען, ווייס איך שוין. זיי זיינען גאָר ניט ווערט דעם נאָמען – – –

[מלחמיה, ו׳ סיון תרע״ט]

חיה! דו פרעגסט מיך וועגן דער הסתדרות הפועלים. איך ווייס כּמעט גאָרנישט, ווייל איך בין נאָך אין ערגעץ ניט געווען. איך קען אייך נאָר איבערגעבן עטלאַכע פּרטים וועגן קבוצת כּנרת. פונקט אַזאַ טרויעריג בילד ווי עס איז היי־יאָר געווען אין דער גאַנצער לאַנדווירטשאַפט. די אַרבעט איז טייער און די פרייזן אויף די לאַנד־פּראָדוקטן זיינען קליין.

שמערצלאַך און טרויעריג איז דער סוף פון דער עֶקרון׳ער קבוצת הפּוֹעֲלוֹת. יעדע פון אונז, שיינט מיר, טראָגט מיט זיך אַוועק אַ טיפע וואונד אין האַרצן.

[מלחמיה, אב תרע״ט. דער שוועסטער חנה]

אין אַיֶלֶת הַשַּׁחַר האָט מען מיך אויפגענומען גוט. מען האָט מיך ניט אָפּגעלאָזן, איך זאָל בלייבן נאָך עטלאַכע טעג. זיי האַלטן מיך פאַר אַ קאַנ־דידאַטין אין זייער קבוצה.

— — — איך האָב אַדורכגעקוקט די לאַנגע רשימה פון שטיבל־פּאַר־לאַג, וואָס מען גייט איבערזעצן אין העברעאיש. איך בין אַזוי צופרידן, און כ׳וואָלט שוין געוואָלט עפּעס לייענען.

אין דער קאָלאָניע איז אַ שרעקלאַכער אומעט, די געציילטע וואָס זיינען דאָ גייען אום ווי שאָטנס.

— — — וואָס הערט זיך מכּוח דעם וואָס דו האָסט געשריבן, אַז מען קלויבט זיך קאָלאָניזירן דעם חורן און דעם נֶגֶב *)?

— — — חנה טייערע! האָסטו געהערט, וואָס פאַר אַ שרעקלאַכער אומגליק ס׳האָט פּאַסירט? יוסף בוסעל איז דערטרונקען געוואָרן אין יַם כּנרת. וואָס זאָגסטו צו אָט דעם ים? עס דערוועקט זיך ביי מיר אַ שׂנאָה צום ים כּנרת!

[יפו, י״ב אלול, תרע״ט]

— — — איך פיל נאָר אַ שרעקלאַכע מידקייט. אַ גאַנצן טאָג אַרבעט איך אין מַשתֵּלָה און אין אָוונט קער איך זיך אום אַ היים, אין „נוֵה צֶדֶק״ **), אין „געטאָ״, וואו עס פעלט לופט און פרייהייט. עס קומט מיר אָן זייער שווער דאָס לעבן ווייט פונם פעלד מיט זיין רַחבות.

[כפר־גלעדי, י״א אדר, תר״פ. צו א חבר׳טע]

שָלום, רבקה!

איך בין דיר מודיע, אַז מיר זיינען בשָלום אַדורך דעם וועג און איך וויל דיר איבערגעבן ווי אַזוי ס׳איז געשען. איידער איך בין אַרויס פון אַיֶלֶת, האָב איך זיך געפילט שלעכט. פאַרוואָס — ווייס איך אַליין ניט, אָבער אַזוי איז עס געווען.

ווי נאָר מיר האָבן זיך געלאָזן אין וועג און מען האָט אונז אָנגעזאָגט — „געגאַנגען און ניט גערעדט״ — האָב איך זיך אָנגעהויבן פילן בעסער. אויפן וועג האָבן מיר אָנגעטראָפן די חֶברה. זיי האָבן געמאַכט אַן אויסטערלישן איינדרוק. אַלע זיינען געזעסן אויף דער ערד מיט דעם געווער אין האַנט און עפּעס אַ מין שרעקעוודיגע שטילקייט איז ווי אויסגעגאָסן געווען איבער זיי. אַ לייכטער וואונק — און מיר גייען ווייטער. איך האָב גענומען ביי ק. דאָס קליין געווער און מיר זיינען אַוועק מיט פעסטע טריט. עס

*) דעם עֵבֶר־הַיַרְדֵן און דאס דרום׳דיגע ארץ־ישראל. **) א אידישער קווארטאל אין יפו.

האָט מיר דערמאָנט יענע נאַכט אין פּתח־תּקוה, ווען די טערקן האָבן זיך נאָך אַמאָל אומגעקערט צו אונז, און אַ גאַנצע נאַכט איז מען געגאַנגען שטיל־פּאַמעלאַך און פּונקט אַזוי שטיל פלעגט מען אָפּגעבן דעם באַפעל. אָבער איצטער האָט זיך געפילט אַ פעסטע זיכערקייט אין די טריט. אַן ערך אין אַ שעה אַרום זיינען מיר צוגעקומען צו אַ טייכל, וועלכן מען האָט באַדאַרפט אַריבערגיין. אַנדערע האָבן געוואָלט אַריין גלייך אין וואַסער, מיט די שיך. חברה האָבן זיך גענומען וויצלען נאָך אַזאַ לאַנגן שווייגן. צום סוף האָבן מיר אויסגעטאָן די שיך און אַריבער. ס׳איז געווען אַ טשיקאַווע בילד אָנצוקוקן ווי דערנאָך האָבן פינף־און־דרייסיק מאַן זיך אויסגעזעצט אויף דער ערד און גענומען צוריק אָנטאָן די שיך. אַרום איז געווען פאָל־שטענדיק רואיג. פונדערווייטנס האָט מען נאָר געהערט ווי עס בילן הינט און אַמאָל פלעגט זיך ווייזן פון דער חולה*) עפּעס ווי אַ שיין.

באַגינען זיינען מיר צוגעקומען צו אַ באַרג. מיר האָבן אַ ביסל אָפּגערוט און דערנאָך אָנגעהויבן קלעטערן אין דער הויך, ביז עס האָט גענומען טאָגן. די געגנט אַרום איז הערלאַך, דערהויפּט דער באַרג חרמון. דעם גאַנצן פרימאָרגן זיינען מיר געקראָכן באַרג אַרויף, איבער שטיינער און פעלזן. אַ זייגער איינס בייטאָג זיינען מיר אָנגעקומען אין כּפר גלעדי. זייער שווער איז געווען דאָס אַראָפּלאָזן זיך האַרט פונם באַרג. ווען ניט דער שטאַרקער ווילן, וואָלטן מיר בכלל ניט אויסגעהאַלטן אַזאַ שווערן און לאַנגן וועג.

דאָ איז די סביבה אויך זייער אַ שיינע. די חברה מאַכט אַ גוטן איינדרוק, פּונקט ווי די גאַנצע געפערלאַכע לאַגע זייערע וואָלט זיי ניט אָנגעגאַנגען. מען איז מונטער, מען זינגט.

בכלל דוכט זיך מיר, אַז ס׳וועט גאָרנישט פּאַסירן. ס׳איז דאָך אַזוי שטיל.

איך גיי אַריבער קיין מטולה מיט דער קראַנקן־שוועסטער און מיטן דאָקטאָר. דאָרט וועט מען איינאָרדנען אַ שפּיטאָל און אַ קיך. — — —

דיין יהודית איז געזונט. זי אַרבעט אין קיך, פילט זיך גוט און מונטער. יאָ, דאָ מוז זיך יעדערער פילן גוט.

שלום, שלום אייך אַלעמען.

מיט אַרבעטס־גרוס דיין שרה

---

*) די פּרוכטבאַרע זומפּ אין אויבערשטן גליל.

פעסי אַבְרַמזאָן

פעסי אַבּרַמזאָן איז געקומען מיט אירע עלטערן קיין ארץ־ישראל נאָך די רוסישע פּאָגראָמען פון 1905. די פאַמיליע האָט זיך באַזעצט אין דער קאָלאָניע ראשון־לציון און פעסי איז אָנגעקומען אין דער ראשונ׳ער פאָלקס־שולע. שול־לערער אין ראשון איז דענסטמאָל געווען יוסף וויטקין — איינער פון די פירער און לערער פון דער צווייטער עֲלִיָה. יאָרן־לאַנג נאָכן אַרויסגיין פון שולע פלעגט פעסי מיט יִראַת־הַכָּבוד דערמאָנען דעם געליבטן לערער, זיין האַלטן זיך מיט די תַלמידים און זיין הַשפָּעָה אויף זיי.

אין דריי יאָר אַרום זיינען די אַבּרמזאָנס אַריבּער אין כנרת — פעסי האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט דער פאַמיליע און בעת חַנה מייזל האָט געעפנט אין כנרת איר לערן־פערמע פאַר אַרבּעטאָרינס, איז איינע פון די ערשטע אַהין אָנגעקומען פעסי.

אין דער פערמע האָב איך זיך מיט איר צוערשט געטראָפן. ווי אַ לעבעדיגע שטייט פאַר מיר איר בילד פון יענער צייט: אַ קינד — אַ געזונטע, אַ לאַכערקע, אַ שטיפערין; דער קערפּער פעסט געבויט, אינ־גאַנצן איז עס לעבן און פרייד. און פונדעסטוועגן לייגן זיך אָפט קנייטשן אויפן שטערן — פעסי טראַכט. אַ קינד — אַ מענטש. דאָס מאָרגן־באַגינען פון אַ פרוי. און געאַרבעט האָט זי שוין דענסטמאָל אויסגעצייכנט.

אין יאָר 1914 איז פעסי אַריינגעטראָטן אין דער אַרבעטאָרינס־קבוצה, וואָס האָט איבערגענומען אויף איר אַחריות די מילך־ווירטשאַפט, דעם גאָרטן און די אַרבּעטער־קיך אין דער מרחביה׳ר „קאָאָפּעראַציע״. פון דענסטמאָל הויבּט זיך אָן פעסיס פאַראַנטוואָרטלאַכע אַרבעט.

פעסי איז געווען אַ מוסטער־אַרבעטאָרין. געניטע און גוטע אַרבעטער האָבן זי באַוואונדערט. מיט יעדן שטיקל געצייג וואָס זי האָט גענומען אין האַנט האָט זי געאַרבעט ווי אַ געבוירענע פויערים־טאָכטער, ווי אַ מענטש וואָס האָט פון דורות־לאַנג גע׳יַרשנ׳ט די געוואוינהייט צו אַרבעט.

שטורמיג און אויפגערעגט האָט זי מִלחמה געהאַלטן מיט יעדער עַוְלָה, מיט יעדער אומגערעכטיקייט אין איר אייגענעם קרייז. מוטיג האָט זי זיך איינגעשטעלט פאַר דער זעלבשטענדיקייט פון דער פרוי. אין איר נאַטור איז געווען אַ שיינע סינטעזע פון פרוי־מענטש, פון אַ מוטער און פון

פעסי אַברמזאָן (1914)

אַ טרייען חבר. אָבער פון האַרמאָנישער רו איז זי געווען זייער ווייט. שטענדיק האָבן זיך אין איר געראַנגלט די געפילן און פאַרלאַנגען פון אַ פרוי מיט דעם געפיל פון אַ מענטשן וואָס איז פאַראַנטוואָרטלאַך פאַרן כּלל. און גאָר אומגעריכטערהייט פלעגט זי אַ וואָרף טאָן אירע אומעטיקע געדאַנקען מיט די ספקות און פלעגט ווערן פריילאַך, אויפגעלייגט און צוביבערהאַפּט־האַרציק.

פון מרחביה איז פעסי אַריבער קיין תל־עדש. דאָרטן האָט זיך דענסט־מאָל באַזעצט די קבוצה פון „השומר". לאַנג אָבער האָט זי זיך אין תל־עדש ניט איינגעהאַלטן, ווייל אין יאָר 1916 — אין דעם שווערסטן מלחמה־יאָר — האָבן די חבר׳טעס פאַרלאַנגט פון איר, זי זאָל אַוועק מיט אַ קבוצה גליל׳ער אַרבעטאָרינס קיין פּתח־תקוה. וואָס די גליל׳ער קבוצה האָט אין יענעם יאָר אויפגעטאָן פאַר דער פּתח־תקוה׳ר אַרבעטערשאַפט — דאָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך.

ביי פעסין איז געווען אַ חוק — קיינמאָל ניט אָפּצוזאָגן זיך פון אַ פאַראַנטוואָרטלאַכער אַרבעט. און אין דער פּתח־תקוה׳ר קבוצה איז אויף איר געפאַלן דער שווערסטער יאָך — אויף איר אַחריות איז איבערגעגעבן געוואָרן די אַרבעטער־קיך. פּתח־תקוה׳ר אַרבעטער האָבן געהונגערט. די קאָלאָניסטן האָבן זיי ניט געקענט צאָלן מיט מזומן געלט און האָבן זיי געצאָלט מיט קוויטלאַך. אויף די קוויטלאַך פלעגט מען קריגן הלוואות, וואָס האָבן קוים געקלעקט אויף טרוקן ברויט. און דאָס אויך נאָר פאַר די, וואָס פלעגן אַרויס צו דער אַרבעט. די איבעריקע האָבן ניט געהאַט אפילו אויף ברויט.

אין יענער מוֹרא׳דיקער צייט האָט פעסי געאַרבעט אין קיך און האָט אַריינ־געזאַפּט אין זיך דעם גאַנצן טרויער פון אַרום. זי פלעגט שטענדיק לויפן אַ פאַרזאָרגטע איבער דער קאָלאָניע און זוכן ווי אַזוי אַ ביסל צו פאַרגרינגערן דאָס ליידן. זי האָט אָבער ניט געקענט אַ סך העלפן. געאַרבעט האָט זי איבער די כּוחות: אין קיך, אין גאָרטן, אומעטום, וואו מען האָט זי געדאַרפט, און האָט כּמעט ניט פאַרזוכט עסן. ביז זי האָט זיך אַוועקגעלייגט מיט אַ שווערער קראַנקייט. די דאָקטוירים האָבן געהייסן אַוועקשיקן פעסין צו אירע עלטערן, קיין גליל. נאָר אפילו דאָרטן, קראַנקערהייט האָט זי ניט געקענט פאַרגעסן די הונגע־ריקע אַרבעטער אין די פּתח־תקוה׳ר פּרדסים, וואָס אין פאַרגלייך מיט זיי האָבן די גליל׳ער פעלד־אַרבעטער געלעבט אַ רואיקן און אַ זאַטן לעבן.

פעסי איז געווען שטאַרק צוגעבונדן צו דער משפּחה. אירע עלטערן זיינען אין ארץ־ישראל געוואָרן אַרבעטער און פאַרבליבן אַרבעטער אויפן גאַנצן לעבן. איר באַציהונג צו דער מוטער איז געווען איידל, באַגייסטערט און חבר׳יש. איר קליין שוועסטערל האָט זי באַזונדערס מקרב געווען,

געוואָלט זי ערציען טריי דער ארץ־ישראל׳דיגער אַרבעטערשאַפט און איז געווען גליקלאַך, ווען אין די בריוו פון דער יונגער מיידל האָט זיך געפילט אַז דער שוועסטערס השפּעה איז ניט געווען אומזיסט.

נאָכדעם ווי פּעסי איז געזונט געוואָרן, האָט דער מֶרְכָּז חַקְלָאִי זי געשיקט קיין חֶדֶרָה. דאָרטן האָבן זיך דאַן אויפגעהאַלטן אַ סך אידישע אַרבעטער, און פּעסין מיט נאָך עטלאַכע חבר׳טעס איז איבערגעגעבן געוואָרן איינצואָרדנען אין חדרה אַן אַרבעטער־קיך לויטן מוסטער פון דער קיך אין פּתח־תּקוה.

אין 1918־טן יאָר, ווען די מִלְחָמָה האָט שוין געהאַלטן ביים סוף, איז פּעסי געקומען צו דער שומרים־קבוצה אין תֵּל־עָדָש, וואו זי איז שוין אַמאָל געווען אַ קורצע צייט און וואו איינער פון די אָנפירנדע מענטשן איז געווען איר נאָענטער חבר, מ. ספּעקטאָר. אין תּל־עדש איז פּעסי פון דאָסניי טריי און איבערגעגעבן דער אַרבעט און זאָרגט פאַר אַלעמען ווי אַ מאַמע. זי קען אָבער ניט באַנעמען וואָס הייסט אַ פּשרה און טרעט שטענדיג אַרויס קעגן דער ניט־ריכטיגער באַציהונג צו דער חבר׳טע, קעגן יעדער עַוְלָה וואָס זי באַמערקט אַרום זיך. ניט קוקנדיג אויף איר ליבע צו די חברים, האָט זי מיט אַ סך זאַכן ניט געקענט מַסכּים זיין און נאָך אַ שווערן ראַנגלען מיט זיך אַליין פאַרלאָזט זי תּל־עדש און גייט אַריבער צו דער אַרבעטאָרינס־קבוצה אין מֶרחַבְיָה.

אין דער אַרבעטאָרינס־קבוצה האָט פּעסי אויך ניט געהאַט קיין רואיג לעבן — אַליין געזוכט אויף זיך חֶסרוֹנוֹת, מוֹרא געהאַט טאָמער איז זי ניט יוֹצא קעגן דער קבוצה, הַגַם מען האָט זיך געבענטשט מיט איר אַרבעט אומעטום: אין גאָרטן, אין פעלד און אין שטוב. ס׳איז געווען אַ יום־טוב ווען פּעסי האָט געאַרבעט אין קיך — אַזוי ווי מען וואָלט קומען צו דער מאַמען אַ היים.

אין טעגלאַכן לעבן האָט פּעסי ווייניג וואָס גערעדט. פון דער נאַטור איז זי געווען אַ שווייגנדיגע, אַ פאַרשלאָסענע אין זיך, מער ניט אין אירע שמועסן מיט מיר פלעגט זיך אַרויסרייסן איר טיפער געפיל, איר ווייטאָג אויפן שווערן לעבן אין לאַנד. אַ לעבעדיגע נשמה האָט זיך געצאַפּלט אין אירע ווערטער. געווען איז דענסטמאָל די צייט פון חאַסאַן־בעק.

אין אונזער מֶרחַביה׳ר קבוצה איז פּעסי לאַנג ניט געבליבן. די גָלִיל׳ער חבר׳טעס האָבן זי גערופן קיין יַבְנְאֵל צו שאַפן אַן אַרבעטאָרינס־קבוצה פון אַ גרופּע יונגע מיידלאַך — טעכטער פון די יהודה׳ר פאַרטריבענע פאַמיליעס. אין אָט דער קבוצה איז פּעסי געווען די אָנפירערין, די לערערין

און די ערציערין. זי האָט אַזוי שווער געאַרבעט, ביז פון דער אַמאָליגער שטאַרקער פעסין איז געוואָרן אַ תּל. זי האָט אָנגעהויבן ליידן אויף די פיס און דאָקטוירים האָבן איר געהייסן פאַרלאָזן די אַרבעט אויף אַ לאַנגע צייט.

ווען אין סוף 1919 האָבן די ענגלענדער איינגענומען גליל, זיינען פעסי מיט ספעקטאָרן אַריבער קיין טבריה. דאָ האָט זיך פעסי געהיילט אין די טבריה׳ר וואַרעמע בעדער. דאָ האָט זי געבאָרן איר ערשטע קינד. די מוטערשאַפט האָט געהאַט אויף איר אַ מוראָ׳דיק־גרויסע ווירקונג. זי האָט זיך אינגאַנצן איבערגעגעבן צו דעם קינד, צו נייע זאָרגן און נייער אַרבעט. און אין דערזעלבער צייט האָט די גליקלאַכע מאַמע זיך אויסגעגעסן דאָס האַרץ, וואָס זי האָט זיך „באַפרייט״ פון אונזער בשותּפות׳דיגער אַרבעט...

דענסטמאָל איז ספעקטאָר מיט אַ גרופּע חברים אַוועק דינען אַלס רייטער־זשאַנדאַרמען, כדי צו פאַרזיכערן דעם שוץ פונם גליל׳ער ישוב קעגן איבערפאַלן. ער האָט געלעבט אויפן פערד, שטענדיג נע־ונד, און איז זעלטן ווען געווען אינדערהיים. און פעסי האָט זיך געפילט אַזוי עלנד, אַזוי אָפּגעריסן פון איר אייגענעם קרייז. ביז זי האָט דאָס איינזאַמע לעבן מער ניט געקענט פאַרטראָגן און איז מיט איר קליינער פאַמיליע צוגעשטאַנען צו דער גרופּע חברים, וואָס האָבן זיך אומגעקערט קיין אויבערשטן גליל, פון דאָסניי צו בויען די חרוב־געוואָרענע תּל־חי און כפר־גלעדי. אָנדערטהאַלבן יאָר האָט פעסי געלעבט אין כפר־גלעדי. נאָך דעם ווי זי האָט געהאַט דאָס צווייטע קינד איז זי נאָך שוואַכער געוואָרן. און אינם געזעלשאַפטלאַכן לעבן פון כפר־גלעדי איז אויך ניט אַלץ געווען ווי זי האָט געוואָלט. זי פלעגט נאָך פּרובן אַרבעטן, ס׳איז אָבער מער קיין כּוחות ניט געווען. האָט זיך פעסי וואָס ווייטער אַלץ מער איינגעשלאָסן אין איר אינווייניגסטער וועלט, האָט געביסן די ליפּן פון ווייטאָג און האָט געשוויגן. ביז עס איז צייטיג געוואָרן – בסוד פון אַלע נאָענטע – איר שרעקלאַכער באַשלוס.

עטלאַכע טעג איז פעסי געלעגן אין בעט. נאָכדעם איז זי אויפגעשטאַנען, האָט פאַרבעט די בעט, צוגעקליבן דעם געלט און האָט אָנגעשריבן אַ קליין צעטל. אויפן סלופּ אין מיטן צעלט איז שטענדיג געהאַנגען די ענגלישע ביקס. די צעלטן זיינען געשטאַנען ווייט פון הויף און קיינער האָט ניט געהערט איר לעצטן זיפץ. דאָס איז געווען דאָנערשטאָג כ׳ אייר תּרפ״ב (1922). דריי חדשים נאָך איר טויט איז געשטאָרבן איר יינגערער קינד אורי. ביידע רוען זיי אויפן בערגל צווישן תּל־חי און כפר־גלעדי.

יָעֵל גאָרדאָן

דגניה א׳

מיט פעסי אַבּרַמזאָן

צוזאַמען האָבּן מיר געלעבּט אויפן בּרעג פון כנרת און צוזאַמען האָבּן מיר געאַרבּעט אויף כנרת׳ער פעלדער. אַ סך יאָרן זיינען שוין פון דענסט־מאָל אַוועק און אַ סך איינצלהייטן און כאַראַקטער־שטריכן זיינען זייט דענסטמאָל פאַרגעסן געוואָרן. נאָר ערינערונגען פון יום־טוב אָדער טרויער־טעג דערהויבּן זיך אינם זכרון פאַראייינזאַמט ווי פעלזן.

פריער האָבּ איך זי גאָרניט באַמערקט. זי האָט אויסגעזען ווי אַ קינד פון אַ יאָר פערצן. אַ נידעריגע, מיט אַ קיילאַכדיג־קינדישן געזיכט, מיט אַ פאַרריסענעם נעזל און צוויי קורצע צעפּלאַך, וואָס באָמבּלען זיך אויף די פּלייצעס.

יענעם טאָג האָבּן מיר צוזאַמען געאַרבּעט אין גאָרטן, אונטן. פלוצלינג, דערהערן מיר פון ווייטן געשרייען. איך געדענק ווי ס׳האָט אַ בּיס געטאָן די געוויסקייט: אַן אומגליק! ווי מיר זיינען געלאָפן אַרויף, אין דער פערמע אַריין! אויבּן דערוויסן מיר זיך: אַ שטאַרקער מערב־ווינט האָט אַראָפּגע־טראָגן אַ בּרענענדיגע טוך בּיז צום שייער אונזערן, און דער שייער בּרענט. דער שייער! אָ, איר גילדערנע לאָקן, איר, תּבואה פון פעלד אונזערס, — בּיזן לעצטן טראָפּן בּלוט ווען מיר דאָך קעמפן פאַר אייך קעגן פיינט!

וואָס מען האָט נאָר געקענט טאָן, האָט מען געטאָן: מ׳האָט אַרומגעאַקערט אַרום און אַרום דער בּרענענדער קופּע; מ׳האָט צוגעדעקט די דערבּייאיגע תּבואה מיט נאַסע זעק; מיר האָבּן זיך אויסגעשטעלט אין אַ לאַנגער קייט און האָבּן איבּערגעגעבּן פון האַנט צו האַנט עמערס וואַסער פונם קראַן וואָס אין הויף בּיז צום שייער אויפן פעלד. פלוצלינג דערהער איך אַ סקריפּן פון רעדער און איך דערזע אַ וואָגן פאָרט אַריין פונם ים כנרת. אויפן וואָגן — צוויי גרויסע פעסער וואַסער און פעסי טרייבּט אָן די פרדות שטייענדיג. די צעשראָקענע בּהמות סאָפּען, בּריקן־זיך, ווילן ניט לויפן. און זי גיט זיך ניט אונטער און פאַרלירט זיך ניט, און ציט אַלץ מיט אירע קליינע פעסטע הענט די אָנגעצויגענע לייצעס. ווי איצט זע איך זי פאַר מיינע אויגן: שטייענדיג, די קאָפּ פאַרריסן אין דער הויך און אין די אויגן בּרענט די גבורה.

רחל

פּעסי אַבּרַמזאָן

ב ר י ו ו

I

[פּתח־תּקוה, תּרע״ו, צו די חבר־טעס]

שוועסטער, טייערע! וואָס מאַכט איר? ווי אַרבּעט זיך? ווי איז די שטימונג? און וואָס מאַכן אַלע אַרבּעטער? קרענקען ניט? גייען ניט ליידיג? איך וויל אַזוי וויסן פון אייך און בּכלל פון דאָרטן, פונם טייערן גליל.

גוט איז צו דערמאָנען זיך, אַז ס׳איז ערגעץ דאָ אַ ווינקל, אַ גוטער, אַ זויבּערער, וואו ס׳לעבּן מענטשן, וואָס האָבּן איינער דעם אַנדערן ליבּ. און גוט וואָס דאָרטן האָבּ איך אויך נאָענטע פריינד וואָס זיינען מיר ליבּ. איצט, בּיי דער אַרבּעט, זע איך יעדן איינציגן בּאַזונדער, עס דערמאָנען זיך אַמאָליגע זאַכן און ס׳איז מיר אַזוי גוט, גלייך איך וואָלט מיט אייך פאַרבּראַכט. נאַרישקייטן שרייבּ איך? לאַכט זשע פון מיר, איך זאָל הערן אייער שטים!

די אַרבּעט גייט בּיי אונז איצטער אַ ז ו י ־ ז י ך. מיר זיינען דאָ אַלע ווי פאַרשטויסענע און קוקן אַרויס אויפן טאָג, ווען מיר וועלן פאָרן קיין גליל. גוט וועט זיין דאַן, פאַרלאָזנדיג פּתח־תקוה!

די גאַנצע זומער־גרינס האָבּן זיך דאָ שיין צוגענומען. ס׳איז גוט. און בּיי אונז, טייערינקע? אויף אייער אַרבּעטאָרינס־אסיפה וואָס וועט איר אונז עפּעס לאָזן הערן? טענות צו אַנדערע אָדער בּאַשולדיגונגען קעגן זיך אַליין?

און פונדעסטוועגן, פריינד מיינע, האָט דאָס יאָר אונז פיל געגעבּן, לעבּן געגעבּן און געלערנט אונז וואָס לעבּן הייסט. יעדער איינער לערנט בּיי אונזער אַרבּעט. ריכטיג, צי ניין? וואָס וועט איר עפּעס זאָגן?

איך בּענק נאָכן זינגען פון פאַר צוויי יאָרן, נאָך ע.׳ס לידער, נאָך י.׳ס קול. צוהערן זיך צו די בּערג, הערן ווי ס. לייענט פאַר אונז אַ בּיי בּוך, זען ווי ג. טאַנצט ווי אַ גבּור אויף זיין פערד! און מיינע ליידנדע בּרידער וואָס פּלאָגן זיך מיט זייער ווירטשאַפט — אַלץ איז בּיי מיר פאַר די אויגן. און די פאַמיליעס פון „השומר״ מיט די ליבּע קינדערלאַך!

כ׳לעב דאָ גאָר ניט, כ׳בין אין גאַנצן ביי אייך דאָרטן. און ס׳איז דאָ אין האַרצן ביי מיר אַזאַ שוואָם, וואָס זאַפּט אַריין דאָס האַרטע לעבן מיט אַלע זיינע צָרות. ס׳איז שווער צו אָטעמען. ניטאָ קיין לופט. מיינט ניט, אַז איך בין קראַנק. קערפּערלאַך בין איך געזונט און ס׳וועט מיט מיר גאָרנישט טרעפן. אַרבעט גאַנצענע טעג. אַזוי איז גוט.

איך בעט אייך — שרייבט! און איר — ווי איר ווילט אייך.

II

[תל־עדשי, תרע״ח, צו דער ארבעטארינס־קבוצה אין פּתח־תקוה]

וואָס הערט זיך ביי אונז? וואָס טוט איר? ס׳איז מיר שווער צו טרעפן, און ס׳דוכט זיך, אַז אַלץ איז ביי אייך אַזוי ניט רואיג. די חברים הונגערן און איר לויפט אַרום ווי משוגע. איר קענט ניט באַוויזן אַלעמען צו באַוואָרענען, צו פאַרזאָרגן — ס׳זאָל ווערן אַ ביסעלע וויניגער שלעכט. איך פיל — איר איילט זיך און פאַרשפּעטיגט און ראַטעוועט פונדעסטוועגן אַ סך. איר זייט אויפגערעגט, אויסער זיך — און איך, טייערע, וואָס? — גאָרנישט בין איך, אַ שטיין וואָס רירט זיך ניט פון אָרט.

דעם ערשטן טאָג, אַז איך בין אַהער געקומען, איז שווער געווען איינ־צוזיצן אין שטוב. ס׳איז אַלץ געווען אַזוי משוגה׳דיג רואיג. די חברים פון דער קבוצה זיינען מיר פרעמד געווען. אויף מאָרגן בין איך קראַנק געוואָרן, כ׳האָב געהאַט פערציק גראַד היץ. דאַן בין איך געווען פריילאַך און האָב פון היץ מוסר געזאָגט. און אין דריי טעג אַרום בין איך אויפגעשטאַנען און בין אַרויס צו דער אַרבעט. און איך וויל אייך נאָך וואָס דערציילן: ס׳איז געקומען דער טאָג, וואָס פאַר אים האָב איך געציטערט דאָס גאַנצע יאָר — די „קאָמיסיע" פון כּנֶרת איז אָנגעפאָרן און האָט געפאָדערט פּאַפּירן. די העלפט מענטשן אונזערע זיינען געווען אין פעלד און אַלע אָן פּאַפּירן. דאָס זעלבע איז געווען אין יַבנְאֵל און אין כְּפַר־תָּבוֹר — אויף מאָרגן האָב איך זיך אַלץ דערוואוסט.

ח., דו וועסט פאַרשטיין, אַז דענסטמאָל איז גוט געווען. דאָס האַרץ האָט אַזוי ווי געטאָן און אַזוי געליטן, ווי נאָך קיינמאָל ניט. בין איך פריילאַך געוואָרן... די מענטשן, די ווייטע, זיינען מיר פּלוצלינג נאָענטע געוואָרן. ס׳האָט זיך געדוכט, ח., אַז כ׳לייד מיט אַלעמען צוזאַמען.

דערוויל איז ווידער רואיג און די אַרבעט גייט. שווער איז נאָר זיך צוגעוואוינען צו די היגע סדָרים. כ׳האָב אָבער פאַרשלאָסן דאָס מויל און איך

שוויג. שווייגן דאַרף מען. און איך לערן שווייגן. איצטער ווער איך צו ביסלאַך געזונט און אַרבעט – פאַרריכט, ניי בלוזעס פאַר דער חֶברה, פלאַנץ דעם גאָרטן. איך באַמי זיך אָננעמען אַלץ מיט מער געדולד און ס. העלפט מיר דערין.

פריינד, שרייבט. כ׳וואַרט אויף אַ ידיעה פון אייך. כ׳וואַרט פון יעדערן וואָס קומט פון אייער געגנט. ווען איר זעט מיך דאָ, וואָלט איר אין די שווערסטע מינוטן אייערע אָנגעשריבן אַ וואָרט, כּדֵי איך זאָל וויסן. כ׳הער זיך דאָך אַזוי צו. כ׳הער, ווי דו, ח., גייסט אַריין אין צימער און זינגסט פאַרבענקט. און דיך זע איך, ע., ווי דו נעמסט דרייסט דיין פּיאָש אויפן אַקסל.

ווי איז ביי אייך מיט פּראָדוקטן? קאָן איך אפשר העלפן? שרייבט.

III

[תל־עדש, תרע״ח, צו דער שוועסטער צפּורה]

צפּורה ליבע. גוט איז געוועזן דיין בריוו, איך האָב אָבער ניט וואָס צו שרייבן. דאָס האַרץ קלעמט, און איך באַמי זיך מען זאָל אויף מיר גאָרנישט דערקענען. געַנוג. שוועסטער, פאַרשטיי. ס׳איז ניט צו דערציילן, ס׳איז ניט צו ריידן. לאָמיר זאָגן – ס׳איז גוט.

זיי געזונט.

IV

[תל־עדש, תרע״ח, צו מ. ספּעקטאר. ער איז דאן געשיקט געווארן פונם „השומר“ קיין דמשק, כּדי צו זארגן פאר די שומרים, וועלכע זיינען ארעסטירט געווארן דורך חאַסאַן־בֶּעק׳ן און זיינען געזעסן אין דער דַמֶשק׳ער תּפיסה]

איצט איז געקומען חיים, ער פאָרט קיין דַמֶשֶׂק. אַך, ברודער ליבער, ווי בין איך אים מקַנֵא! ווען איך קען אויך אַוועקפליען צו אייך! מעגלאַך, אַז די טעג וועל איך פאָרן קיין גָליל. ס׳איז דאָ אַ בריוו, אַז מען רופט אַן אַסיפה פון חבר׳טעס און מען לייגט פאָר, איך זאָל אָרגאַניזירן אַ קבוצה פאַר אַרבעטסלאָזע מיידלאַך. זאָגן דיר דעם אמת – האָב איך דערצו קיין חֵשֶק ניט. אָבער מען וועט מוזן פאָרן. כ׳האָב געוואָלט פריער ביי דיר אָנפרעגן און אָפּוואַרטן אויף דיין תשובה. איז אָבער אַריינגעקומען גאָרדאָן *) און האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף פאָרן תֵּכֶף.

ברודער ליבער, איך בעט – ענטשולדיג מיר!

*) א. ד. גארדאן האט דאן געארבעט אין דער שומרים־קבוצה אין תל־עדש. (רעד.)

V

[פוריה, תרע״ח, צו מ. ס.]

כ׳האָב געלייענט נ.׳ס בריוו צו דיר — ער האָט מיר ערלויבט. און איצט זאָג איך דיר — דאַרפסט זיך רעכענען מיט זיינע ווערטער און טאָן וואָס מען פאָדערט פון דיר. און איך, מאיר, בשום אופן וויל איך דיר ניט שטערן. בלייבסטו אין תל־עדש אָדער ניט — איך אַהין גיי ניט צוריק. כ׳רייד מיט דיר קלאָרע ווערטער: איך בלייב אין יבנאל. איך פיל אַז איך קען ניט אַרבעטן אַליין, ווייט פון דיר, אָבער איך בין דערויף אויך מַסכּים. מיט מיר דאַרפסטו זיך גאָרניט רעכענען. איך קען לעבן ווי אַזוי עס זאָל ניט זיין.

VI

[יבנאל, תרע״ח, צו מ. ס.]

שרייבסט, אַז דו האָסט מורא פאַר מיינעם אַ בריוו. ניין, איך שרייב דיר מער ניט! קאָנסטו מורא האָבן פאַר דעם, וואָס מ׳דאַרף דיר זאָגן — וואָס האָב איך דאַן צו ריידן? דאַן בלייב איך ווייטער אַזוי. ניין, איך קען מער ניט שרייבן. טו אַלץ, ווי אַזוי דו פאַרשטייסט. ביזט אינגאַנצן פריי.

איינס נאָר — עס אינטערעסירט מיך איצטער צו שטיין פון דער זייט און צו קוקן אויפן לעבן, אויף מענטשן. אָט דאָס ציט מיך. און אַרבעטן ציט אויך — ווען אַן אַרבעט הויבט זיך ערשט אָן, קען מען אַזוי פיל לערנען!

— — — איך שעם זיך, און די בושה ווערט צען מאָל גרעסער, הערנדיק אַז אין תל־עדש האָט מען נאָך ניט געענדיגט מיטן אַרבעס און דער גערשטן איז נאָך אויפן פעלד. דאָס אַליין האָט דאָך געדאַרפט געבן מוט אויף צו בלייבן ווייטער, און מענטשן שעמען זיך ניט און פאַרלאָזן אַ פּלאַץ אין רעכטן מיטן אַרבעט! און איינער פון זיי ביזטו!

VII

[יבנאל, תרע״ח, צו מ. ס.]

מיד בין איך נעכטן געווען און איך האָב ניט געקענט ענטפערן, שטאַרק מיד פון די איינדרוקן פון אונזער שַבָּת׳דיגן שפּאַציר. איך און חיה־שרה זיינען אַוועק אויף די גערטנער פון יַבְנאל; האָבן זיי אַרומגעקוקט, געזען די פעלערן וואָס מ׳האָט געמאַכט — און אַרויף אויפן בֵּית־הַקְבָרוֹת. זיך אַנידער־געזעצט, און חיה־שרה האָט גענומען דערציילן וועגן איר אייגענעם לעבן און וועגן יחֶזקאל׳ען*) איצט בין איך אַזוי מיד פון אירע ערציילונגען!

*) חֶנקין, פון די ערשטע „שומרים״.

שפּעטער קומט צו מיר N אין כּעס און מיט טענות צו דער גאַנצער וועלט, און דערביי טוט זי אַ זאָג: „נאָך דרייצן יאָר אַרבעט וועל איך היי־יאָר בלייבן אָן אַ פּלאַץ. אַנדערע, וואָס אַרבעטן ערשט אַ יאָר צייט, רופן זיי אַלע קבוצות צו זיך, און איך וועל אַפּנים גיין פאַר אַ דינסט!". אירע ווערטער האָבן מיר אַזוי צעטומלט, און אין דעם מאָמענט איז מיר איינגעפאַלן — מען דאַרף איר געבן פינף דונאַם פון אונזער באָדן, זאָל זי זיך אַרבעטן אויף אייגענער אַחריות. פאַרוואָס זאָל זי ניט אַרבעטן ווי איר געפעלט? זי האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט מיין עצה. עס וועט מסתמא אַ סך ניט געפעלן. מיר וועלן זען.

כ׳האָב ניט אָנגענומען די אַרבעט פון שטיינער רוימען, וואָס די קאָלאָניע האָט אונז פאָרגעשלאָגן, צוליב די נידעריקע פּרייזן. איך פאַרנעם די מיידלאַך מיט אַן אַנדער אַרבעט, גאָר ניט קיין ממשות׳דיגער — מיר באַאַרבעטן ווייטער דאָס שטיקל באָדן, הגם ניט איצט איז די צייט דערויף. נאָר בעסער אָנווערן אויפן באָדן מי יודע וויפיל, איידער אָננעמען אַן אַרבעט לויט פּרייזן, וואָס וועלן אַראָפּוואַרפן דעם אַרבעטס־לוין אין דער קאָלאָניע. דאָס איז ביי מיר דער גרעסטער שאָדן.

ס׳איז פאַראַן, מאיר, שוועריקייטן אין יעדער זאַך. דערהויפּט ביים אָנהויב. אָט איז געקומען אַ קראַנקייט אויף אוגערקעס און מען דאַרף אַלץ אויס־רייסן און זייען פון דאָסניי.

VIII

[יבנאל, תרע״ח, צו מ. ס.]

איך שרייב דיר ווידער וועגן אַלערליי מאָמענטן, וואָס פליען פאַרביי אין מיין לעבן. נאָר־וואָס איז אַרויס פון מיין צימער אַ מיידל. זי קומט אַריין און זאָגט: „כ׳האָב געהערט אַז דיין נאָמען איז פּעסי. נעם מיך צו און איך וועל אַרבעטן מיט דיינע מיידלאַך אינאיינעם. די בעל־הבית׳טע לאָזט מיך ניט — איך וויל אָבער לעבן אַנדערש". (אַ מיידל, אַ שוואַרץ־חנ׳עוודיגע, אַ ליבע). האָב איך איר צוגעזאָגט געבן אַרבעט, נאָר איך האָב זי געוואָרנט: „מיר אַרבעטן און דאַרפן אַליין זאָרגן פאַרן עסן. ס׳איז ניטאָ ביי אונז קיין בעל־הבית׳טע וואָס זאָל פאַר אונז צוגרייטן". „איך בין מסכּים אויף אַלץ" — האָט געענטפערט די מיידל.

גיי איך אַרויס צו דער אַרבעט און הער ווי נעבן אַ הויז זיצן ווייבער און דערמאָנען מיין נאָמען — ריידן אויף מיר כּל דבר אָסור: זיי וועלן

גיין צום וַעַד און מַסר'ן, אַז כ'רייד אָפּ זייערע הויז־מיידלאַך און דער־בער זיינען זיי געצוואונגען צו העכערן דעם אַרבעטס־לוין.

ס'איז פאַרפאַלן — מיין נאָמען איז שוין ביי אַלעמען אין די מיילער! און איך האָב פון שטענדיג אַן אַזוי ניט געוואָלט, מיין נאָמען זאָל זיין ביי אַלעמען אין די מיילער. אָט אַזוי איז דאָס שוין.

IX

[יבנאל, תרע״ח, צו מ. ס.]

איך וועל דיר דערציילן אַ שיינע מַעֲשֶׂה: ס'קומען קיין יַבנאל דורכגייער און דערציילן, אַז אויפן וועג האָבן זיי געטראָפן נ. און ער שוויצט ביי דעם אַקער, אַרבעט פון פרימאָרגן ביז אין דער נאַכט. און מיט וואָס פאַר אַ ברען! וואָס ווערסטו זאָגן אויף נ.? אַ פויער געוואָרן! בְּעֵת מיר זיינען געזעסן מיט עטלאַכע טעג פריער אויף דער זיצונג פונם מֶרְכָּז, האָט אימיצער זיך אָנגערופן, אַז נ. האָט אָנגעהויבן ערנסט אַרבעטן, בֶּאֱמֶת ערנסט. האָבן חברים געלאַכט, אָבער אַראָפּלאָזנדיג זיך פון פּוֹרִיָה קיין כִּנֶּרֶת האָב איך אים מיט אַן אֱמֶת געזען אַקערנדיג דעם געדונגענעם באָדן. איר האָט געדאַרפט אָנקוקן זיין אַקערן, אַזוי משונה'דיג! איר געדענקט, בעת ער האָט זיך צוערשט אָנגעהויבן אַרויפזעצן אויף אַ שקאַפע, — אַזאַ פָּנים האָט איצטער זיין גיין נאָכן אַקער. דערזעענדיג אים איצטער האָב איך זיך דערמאָנט אָן זיין רייטן און האָב זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. און פונדעסטוועגן — פיין! דאַרף מען אַרבעטן — אַרבעט מען; קומט די צייט צו וועכטעווען — וועכ־טעוועט מען. איצטער נעמט מען זיך ביי אונז צו דער אַרבעט, ווען מען בלייבט שוין אָן כּוֹחוֹת פונם וועכטעווען; ווען מען וואָלט אָבער לְכַתְּחִילָה אַוועקגע־שטעלט די אַרבעט גלייך מיט דער וואַך און די וואַך גלייך מיט דער אַרבעט, וואָלט מען געקענט לעבן, ווי ס'האָט זיך געטרוימט, בעת מען האָט ערשט אָנגעהויבן מיט דער וואַך.

נעכטן, אויף אונזער זיצונג, האָב איך געבעטן מען זאָל זאָרגן פאַר אונזער קבוצה און געפינען ווער עס זאָל מיך פאַרבייטן, ווייל איך פיל אַז איך וועל מוזן פאַרלאָזן אין מיטן, די פיס טוען מיר וויי. און איך וויל ניט זיין פאַראַנטוואָרטלאַך דערפאַר, אַז ווען איך וועל קראַנק ווערן, וועט אַפילו ניט זיין ווער ס'זאָל אַרויסגיין און ווייזן די מיידלאַך וואָס צו טאָן.

— — — איך וועל דיר אָפּשיקן א.ס בריוו. די נַפְקָא מִינָה צווישן אונז איז וואָס איך זאָג: ס׳מעג קומען אויף אונז אַן אומגליק, מיר מעגן אַפילו קיין כּוח ניט האָבן אַרומצוגיין — פונדעסטוועגן מוזן מיר פאָדערן פון זיך אַליין און ווייטער טאָן וויפיל ס׳איז מעגלאַך. יעדערע דאַרף פאַר זיך טראַכטן, אַז איר ליידן איז גאָר קיין ליידן ניט, אַז ס׳זיינען פאַראַן אַנדערע וואָס ליידן נאָך מער, און דורך דעם שטילן איר ווייטאָג.

וואָס זאָל איך איצט ענטפערן א. אויף איר בריוו? וואָס האָט זי געמיינט — אַז אויף זיצונגען וועט זיך אַלץ אָפּטאָן? דאָס וועט זיין אַן אָנלערנונג פאַר איר, ווי אַזוי מען טוט אַ געזעלשאַפטלאַכע אַרבעט. ביי בחורים פאַרנעמען זיך די עַסקָנים מיט געלט־זאַכן, מיט אויסאַרבעטן פּלענער און ביודזשעטן. ביי מיידלאַך אָבער דאַרף מען אַרבעט מַמש — אַרויסגיין מיט דער חבר׳טע אויפן פעלד, אַרבעטן מיט איר אינאיינעם און לערנען זי אינם טאָג־טעגלאַכן צוזאַמענלעבן.

און אין דער׳אמת׳ן, וואָס קאָן מען פאַרלאַנגען פון די מיידלאַך אין אונזער קבוצה, וואָס זיינען דאָס רוֹב אַלט צו פופצן יאָר? און איידער אַ. איז נאָך אַוועק צו אונזער אַרבעט האָט זי שוין מוֹרָא געהאַט, אַז זי וועט בענקען אַ היים. מוֹרא האָבן פאַר בענקעניש און דעריבער פאַרלאָזן אַן אַרבעטס־פּלאַץ?

ווען ניט די פיס, וואָלט איך ווייטער געאַרבעט. און א. וואָלט פאַר חֶרְפָּה פאַר מיר שוין אויך געמוזט בלייבן!

איך האָב געזאָגט דעם וַעַד־הַפּוֹעֲלוֹת: כָּל זמַן איך וועל קענען, וועל איך אַרבעטן, ס׳וועט אָבער קומען דער טאָג, ווען איר וועט דאַרפן ענטפערן דער מיידל וואָס וועט אייך פרעגן: — „וואָס טוט מען? פעסי ליגט!״

זאָלסט ניט טראַכטן אַז מיר זיינען קָרְבָּנוֹת פונם כְּלָל. כ׳האָב מוֹרא, אַז דו וועסט אַזוי אויסטייטשן מיינע ווערטער. זע, טראַכט ניט אַזוי!

X

[תרע״ט, צו מ. ס.]

מַזל־טוֹב אייך!*) מאיר, נעם צו מיין בְּרָכָה! פון טיפן האַרצן שיק איך אייך מיין מזל־טוֹב! כ׳האָב קיין ווערטער ניט אויף אויסצודריקן אַלץ.

---

*) מאיר ספּעקטאָר, און זיינע חברים זיינען אנגענומען געוואָרן אינם אידישן לעגיאָן. — (רעד.)

XI

[טבריה, תרע״ט, צו דער שוועסטער צביה]

די מאַמע זיצט איצטער ביי אונז און בעט שטאַרק איך זאָל דיר שרייבן. גלויב מיר, צביָה׳לע, אַז שטענדיג ווילט זיך מיר שרייבן און ס׳ווילט זיך הערן עפּעס פון דיר. שטענדיג דוכט זיך מיר, אַז כ׳וויס דיין לאַגע, ווייל איך געדענק זיך אַליין אין דיינע יאָרן. כ׳האָב תּמיד געטראַכט, אַז איך וועל קענען העלפן מיין שוועסטערל, ווען זי וועט וועלן לערנען אָדער ווען זי וועט האָבן אַן אַנדער וואונש. און אָט איז שוין געקומען די צייט צו העלפן דיר — און איך אַליין דאַרף נאָך אָנקומען צו אַנדערע. און תּמיד ווען איך טראַכט וועגן דיר, בין איך ווי צומישט און קאָן ניט קומען צו קיין באַשלוס. וואָס טוט מען? קיין תּשובה האָב איך ניט און איך בלייב אויסער זיך.

ליבע מיינע! פאַרשטיי מיך און שרייב מיר אַ ביסל אָפטער. איך געדענק, אַז איך האָב געהאַט שווערערע מאָמענטן ווי איצטער און איך האָב זיך ניט דערוועגט אימיצן דערציילן אָדער פרעגן. איך האָב געשוויגן, ווייל איך האָב געטראַכט, אַז מען דאַרף זיך נעמען אין די הענט און שווייגן — און גרייטן זיך צום ליידן. איצטער בין איך אַ ביסל אויסגעוואַקסן און ווייס אַז דאָס אַמאָליגע ליידן איז גאָר קיין ליידן ניט און אַז מען דאַרף שטענדיג זיין גרייט.

XII

[טבריה, תרע״ט, צו חמדה הורוויץ]

ס׳איז מיר אַזוי מאָדנע דערציילן דיר איצטער, אַז אַמאָל האָט זיך מיר געוואָלט זען דיך אַזוי, אַז דו זאָלסט דערפון ניט וויסן. ווען דאָס וואָלט מעגלאַך געווען — וואָלט איך זיך, דוכט מיר, באַרואיגט. ח., דו וואָלסט ניט געגלויבט דיינע אייגענע אויגן, ווען דו זעסט אין וואָס פאַר אַ לאַגע איך געפין זיך. אָבער אין האַרצן האָט זיך גאָרנישט ניט געאַנדערשט — איך פיל אַז אַ מוטער וועל איך ניט קענען זיין. דאָס זיינען נאָר מינוטן, ווען איך זע פאַר די אויגן דאָס קינד וואָס איך דאַרף געבוירן.

ח., דו מיינסט אַז איך אַרבעט דאָ ווייניגער ווי איך פלעג אַרבעטן פריער — אין קיך, אין הויף און אין גאָרטן? מיין ניט! ס׳זיינען דאָ טעג, אַז איך רו קיין מינוט ניט, שטענדיג פאַרנומען — און דאָס האַרץ איז אַזוי ניט רואיג — און אַ ליידן, וואָס איך קען גאָר קיינעם ניט דערציילן. ס׳זיינען

דאָ טעג, ח., אַז די קרעמער, וואָס איך קויף ביי זיי אין מאַרק, זיינען די איינציגע וואָס איך זע, און וואָס זיי דערציילן מיר – דאָס הער איך. מער זע איך ניט און מער הער איך ניט. אָפּטמאָל קריץ איך מיט די ציין – פֿאַר לייטן אָבער בין איך רואיג. לייענען – לייען איך ניט. און שרייבן – דאָס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס איך שרייב – נאָר דיר. וואָס האָב איך אויפֿגעטאָן פֿאַר אַ גאַנץ יאָר? איינס פֿיל איך קלאָר – ווען איך וואָלט געלעבט ווי אַמאָל, ווען איך וואָלט געווען אַ פֿרייע! אַזוי ניט גוט איז מיר פֿונם געפֿיל, אַז איך לעב אויף אַן אַנדערנס חשבון, הגם איך אַרבעט דאָך די גאַנצע צייט, נאָר די אַרבעט גיט דער נשמה גאָרנישט.

XIII

[טבריה, תרע״ט, צו שרה מלכין, געשריבן אויפֿן בלאַנק פֿון דער לאַנד־אַרבעטער אָרגאַניזאַציע.]

ביסט אַוודאי אין כּעס, וואָס איך דערלויב זיך צו שרייבן אויפֿן בלאַנק פֿון דער לאַנד־אַרבעטער אָרגאַניזאַציע – בשעת איך פֿאַרנעם זיך שוין מער ניט מיט דער אַרבעט, וואָס איז מיר אַזוי ליב. גלויב מיר, שרה, אַז איך ווייס אַלץ וואָס דו קלערסט וועגן מיר. דיין ניט וועלן זען מיך – האָט מיר אַ סך דערציילט.

אָפּט הער איך: וואו זיינען דיינע חבר׳טעס? – אָבער איך פֿאַרשטיי אייך. אָפּט טייטלט מען אויף מיר מיטן פֿינגער, ווי עלנד איך בין געבליבן. און איך הער ווי מען זאָגט: „ווען דו האָסט דיינע כּוחות אַוועק־געגעבן, דאַן זיינען געווען פֿריינד און חברים״. זע, שרה, איך וויל מער גאָרנישט ניט דערמאָנען, ווייל איך פֿיל זיך ניט גאָר גוט. איך ליג אין שפּיטאָל. שרה, ווען דו וואָלסט זען מיין קינד, וואָלסטו מיר אַלץ מוחל געווען. ווי ליב ער איז! ער טרייסט מיך און ער מאַכט פֿאַרגעסן דאָס בענקען נאָך אַמאָל.

XIV

[כנרת, תרע״ט, צו צפּורה]

איך שרייב ניט, ווייל ס׳דוכט זיך אַז אַלץ איז שוין באַוואוסט. וואָס איז צו דערציילן און וואָס איז צו פֿרעגן? ס׳זיינען דאָ מינוטן פֿון פֿאַרביטערטקייט, בעת דער טויט איז ליבער. אין יענע מינוטן איז אַלץ אַזוי קלאָר: דו זעסט דעם טויט און דאָסליידן פֿון די לעבעדיגע – דאַרפֿסט גאָרניט טראַכטן וועגן דעם, ס׳קומט פֿון זיך דער געדאַנק. און ס׳זיינען דאָ מינוטן ווען ס׳דוכט

זיך, אַז איך דאַרף זיך מיט אַלץ פרייען, ווייל וואָס איך האָב נאָך איצטער, קען מאָרגן שוין מער ניט זיין.

צפורה, אויב דו פאַרשטייסט, וועסטו דאָס אויך פאַרשטיין. איך בעט דיך — האָב קיין עגמת־נפש ניט. אַלץ וועט דורכגיין. איך לערן אויך ניט. דער קאָפּ קען ניט טראַכטן און ס׳איז ניטאָ וואָס צו טראַכטן. אַלץ איז אַזוי נמאס געוואָרן. זיי געזונט.

XV

[טבריה, תר״פ, צו מ. ספעקטאר.]

יִצחָק׳עלע איז אַ מחיה׳דיגער. כ׳קען דיר ניט אָפּמאָלן ווי ליב ער איז. ס׳איז געווען שיין: יצחק׳עלע ליגט אויפן בעט, איך האָב אים אויסגעטאָן באָדן, דערווייל ברענגט דער אַראַבער אַ בריוו פון דיר. גיי איך אַריין און זאָג: „זעסט יצחק׳עלע, אַ גרוס פון טאַטן. יאָ, יצחק׳עלע״. האָט ער אַ קוק געטאָן אויף מיר און מיר האָבן זיך ביידע דערפרייט. אָט האָב איך שוין ווער עס זאָל זיך פרייען מיט מיין פרייד און ווער עס זאָל אויך בענקען איינאיינעם מיט מיר.

אָט אַזוי, מאיר, דאָס איז יצחק׳עלע. בעת איך גיי פאַרבייַ זיין בעטל, דאַנק איך גאָט וואָס מיר האָבן אַזאַ טייער קינד.

און פון חמרה איז ניטאָ קיין נייס. מען איז געקומען פון מחנים און דערציילט, אַז מען הערט שוין דריי טעג ווי ס׳שיסן האַרמאַטן, שיסן שטאַרק. נעכטן זיינען י—ל מיט י. נ. אַוועק אַהין, האָבן צוגעזאָגט גלייך מודיע זיין. דערווייל איז נאָך קיין ידיעה ניטאָ. אפשר געפינען זיי זיך אין אַיֶלֶת־הַשַחַר און קענען ניט גיין ווייטער. אָט אַזוי איז די לאַגע.

איך פיל זיך בעסער פון טאָג צו טאָג. דער קערפּער באַוועגט זיך גרינגער, און ס׳איז גרינגער צו אַרבעטן. היינט האָב איך געבאַקן ברויט, איז אַרויס זייער געראָטן. יצחק׳עלע האָט איבערגעריסן. ס׳איז געקומען זיין צייט עסן.

XVI

[כפר גלעדי, תרפ״א, צו צפורה]

שוין אַ צייט דיך ניט געזען און ניט געהערט. אַמאָל ווילט זיך מיר אַלץ פאַרלאָזן און אַנטלויפן. דאָס רוב אָבער קלער איך: וואוהין לויפן,

אַוואו זוכן? יעדער אָרט מיט זיינע חסרונות און מיט זיין ליידן. און וואָס וועט זיין איבער אַ יאָר, ווייס איך אויך ניט.

צפּורה, גלויב מיר: ס׳דוכט זיך מיר איצט, אַז ס׳איז גאָר ניטאָ קיין אָרט פאַר מיר אין לעבן. ווייל אַלע גייען מיט דורכגעטראָטענע וועגן. אַמאָל האָב איך געזען ווי מען זוכט אַ נייעם וועג, האָט עס מיך צוגעצויגן. ס׳האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַלץ באַנייט זיך, אַז גאָר אַן אַנדער לעבן קומט אָן. און איצט זע איך אַז אַלץ איז פאַרגליווערט — מען האָט שוין געזוכט און כּלומר׳שט געפונען. יאָ, צפּורה, געפונען... אַ לעבן, אַ סך אַן ערגערן פונם אַלטן. גענוג.

XVII

[צפת, תרפ״ב, צו מ. ספעקטאר]

דאָס קינד*) וויינט דעם גאַנצן טאָג. איך בין ווי צעמישט. ווען דאָס קינד וואָלט געווען בעסער, וואָלט איך גלייך געפאָרן אַהיים.

ס׳פעלט מיר די רו וואָס איך האָב דאָ געהאַט פאַרן האָבן. אין מיין צימער זיינען נאָך צווייען. דו קענסט זיי. אין צימער איז ווי אויף אַ יריד, אַ גאַנצן טאָג ריידן זיי און וויצלען זיך. און ס׳איז מיר איצטער אַזוי שווער דאָס צו הערן.

— — — ס׳איז האַלב איינס ביינאַכט. איך בין געוואוינט צו דער צייט אויפשטיין און אָנזויגן דאָס קינד. איצט שלאָפט ער — שרייב איך דיר ווייטער. מאיר, ווי ס׳ווייזט אויס, קען איך גאָר ניט לעבן ווי אַנדערע מענטשן. איך האָב דאָך דיר געשריבן, אַז אויב דעם האַלב יאָר, וואָס איך וועל זיין פאַר־זיך, וועט ניט גיין ווי איך מיין, וועל איך אינגאַנצן פאַרלאָזן כּפר־גלעדי. די הסתדרות וועט מיר העלפן געפינען אַרבעט און איך וועל לעבן צוליב די קינדער.

שרייבסט מיר גאָרנישט וועגן זיך, בעטסט נאָר, איך זאָל שרייבן. האָסטו באַפרידיגונג אין כּפר גלעדי? איז דיר גוט? מיין ניט, אַז ס׳וועט מיך פאַרדריסן, אויב איך וועל הערן אַז דיר איז דאָרטן גוט; פאַרקערט, ס׳וועט מיך פרייען, וואָס דו האָסט יאָ עפּעס געפונען.

אַמאָל טראַכט איך: קינדער און אַרבעט — ווי ס׳האָט זיך מיר געוואָלט צו האָבן דיביידע אין לעבן! כ׳האָב זיך אָבער ניט גערעכנט אַז ס׳וועט מיר אַלץ אָנקומען אַזוי שווער.

*) דאָס צווייטע, אורי, געבוירן אין צפת.

מאיר, שיק מיר מיין געווער. דאָ אין שטאָט, בשעת אומרוען וועל איך עס אפשר דאַרפן. איך בין דאָך איינע אַליין מיטן קינד.

XVIII

[צפת, תרפ״ב, צו מ. ס.]

איך גיי שוין כּמעט אַרום. איך לייד נאָר אַביסל וויטאָגן און בין נאָך זייער שוואַך. דאָס קינד ווערט פון טאָג צו טאָג אַלץ שענער. אין שפּיטאָל האָט ער שוין אַ נאָמען פון אַ שיינהייט.

בשום אופן וועל איך ניט פאָרן צו טאַטע־מאַמע מיט צוויי קינדער־לאַך, וואָס וועלן זיי ניט לאָזן רוען. און ווי איך וועל זיך דאָרטן פילן — דאָס ווייסטו אַליין. דו דערמאָנסט מיר דאָסליידן אין כּפר־גלעדי. איך קען אָבער ניט אַזוי: דערווייטערן זיך פון אַ פּלאַץ מיט דער האָפנונג, אַז אַמאָל וועל איך צוריק קומען. און ס׳איז גאָר קיין האָפנונג ניטאָ, אַז אין אַ האַלב־יאָר אַרום זאָל איך זיך פילן בעסער אין כּפר־גלעדי. דוכט זיך, אַז דו דאַרפסט מיך פאַרשטיין. איז דען מעגלאַך, אַז ניט? אויך פאַרן קינד, פאַר יצחק׳על׳ען, איז ניט גוט צו בייטן מענטשן און ערטער. און אויב איך וועל דאַרפן ווייטער לעבן אין כּפר־גלעדי, איז דאָך געוויס ניט גוט איצט צו פאַרלאָזן. אויב יאָ אַוועקגיין — איז פאַר איין מאָל אָפּצורייסן זיך פון אַלץ!

ניין, מאיר, איצט פאַרלאָז איך נאָך ניט כּפר־גלעדי. דערווייל דאַרף מען זען ווי איינצוטיילן די אַרבעט, איך זאָל דאָרטן קענען לעבן ווייטער. איך וועל זיך דאָ דורכריידן מיטן דאָקטאָר, ווען מעג איך אָנהויבן אַרבעטן.

אַ גרוס מיין ליבן יצחק׳עלע.

XIX

[טבריה, תרפ״ב, צו מ. ס.]

איך זיץ איצטער און שרייב, און דער פּיצינקער ליגט זיך און קוקט. אַזוי ווי ער וואָלט מיר הייסן איבערגעבן אַ גרויסן גרוס זיין עלטערן ברודער און זיין טאַטן. און איך פּאָלג אים און שרייב דיר...

אורי איז זייער אַ ליב קינד. איצט שרייט ער: אַבא, אַבא, אַבא! — ס׳איז אַזוי שיין!

אין צוויי טעג אַרום ווערט אים אַ האַלב יאָר. און וואָס איז מיט מיין גרויסן זון? ס׳איז דאָ פאַראַן אַ פרוי וואָס נעמט בעדער, האָט זי אַ קינד – ווי איין טראָפּן יצחק׳עלע. איך גיי מיט אַ כּיוון באָדן זיך מיט איר אין איין צייט, כּדי איך זאָל קענען קוקן אויף איר קינד.

דאָ דערציילט מען מיר, אַז יצחק׳עלע דערמאָנט מיר גאָר ניט, אַז ער האָט זיך איינגאַנצן אָן מיר פאַרגעסן. ווייסט, אַז דאָס צו הערן איז פאַר מיר געווען אַ שרעק. שרייב מיר – ס׳איז אמת, וואָס מען דערציילט? איך מוז דאָס וויסן! עטלאַכע מאָל האָב איך געבעטן, דו זאָלסט מיר אים ברענגען אַהער. איצט אָבער דאַרף מען ניט, ווייל דאָ גייען אַרום קראַנקייטן.

צביה איז שוין אין דער היים. זי האָט געבראַכט מיט זיך ביכער, איך לייען איצט „אַננאַ קאַרענינאַ״. מאיר, ווי העסלאַך איז דאָס לעבן! דאָס אַלץ איז אַן אמת? ווי גוט, ווען מען ווייס ניט דערפון! און פאָרט, ווען ס׳איז דאָ העסלאַכקייט – דאַרף מען וויסן.

האָסט געוויס געהערט וועגן ש.? היינט האָב איך געלייענט אין צייטונג, אַז ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין די חשבונות פון דער ווירטשאַפט און האָט זיך גענומען דאָס לעבן. ער האָט געלאָזן אַ קליין מיידעלע.

שָׂרָה לישאַנסקי

שָׂרָה איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תּרמ״ב (1882) אין שטעטל מאַלין, קיעווער גובערניע. פון פאָטערס און מוטערס צַד האָט זי געשטאַמט פון גרויסן חסידישן יחוס. איר מוטער איז אַרויסגעקומען פון די טשערנאָבילער צַדיקים און האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אַלס קליינע יתומה ביי איר זיידן אין הויז. און אינם זעלבן הויז האָט זי שפּעטער געהאָדעוועט אירע אייגענע טעכטער.

דעם אַלטנס שטוב איז געווען אָן אָפענע פּאַר אַלעמען. אַ גאַנצן יאָר – ווער רעדט נאָך יום־טוב און שַׁבָּת, – זיינען ביי אים איינגע־שטאַנען אַ וועלט מיט אידן, קרוֹבים און סתם חסידים, נאָענטע און ווייטע, וואָס האָבן אַלע געגעסן ביי זיין טיש און געדאַוונט אין זיין גרויסן זאַל, וואו ס׳איז געשטאַנען דער אָרוֹן־קוֹדֶש.

ווי אַלע מיידעלאַך פון איר עלטער, איז שרה צוערשט געגאַנגען אין „חדר״, האָט געלערנט „עִבְרי״ מיט חומש, און שפּעטער האָט איר אַ „שריי־בער״ באַוויזן חֶשבּוֹן און אַ ביסל רוסיש. אירע ערשטע ביכער זיינען געווען אידישע, פאָלקסטימלאַכע – דינעזאַנס ערציילונגען און חסידישע מַעשׂיות; מיט דער צייט איז זי אַריבער צו פֶּרֶץ׳ן און צו דער נייער אידישער ליטע־ראַטור. אַ סך שפּעטער האָט זי זיך גענומען צו די רוסישע קלאַסיקער. די גרויסע רוסישע דיכטער האָבן אויף איר געהאַט אַ טיפע הַשפָּעָה, און איר גאַנצן לעבן האָט זי זיי געליבט און פאַרגעטערט.

זייענדיג נאָך אַ קינד, האָט זיך שרה שוין אָנגעהויבן אָפּגעבן מיט „קָהָל׳שע״ עֲנִיִנים. זי מיט אירע קליינע חבר׳טעס האָבן געגרינדעט אַן „אגודה״ אויף צו העלפן שטילערהייט אָרימע לייט.

בעֵת שרה איז אַלט געוואָרן זעכצן יאָר, האָט זי איבערגעלעבט אַ מוֹרָא׳דיגע ערשיטערונג, צוליב אַ „שידוך״, צו וועלכן די משפחה האָט זי געוואָלט צווינגען. ערשט אין אַ סך יאָרן אַרום האָט זיך שרה באַפרייט פונם שווערן רושם פון יענע ליידן.

אין יענער צייט – 1900 – האָט זיך אָנגעהויבן אין דָרוֹם־רוסלאַנד די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג. שרה איז ניט געווען קיין מענטש פון טעאָריע, –

שרה לישאַנסקי (1907)

זי פלעגט זיך צובינדן צו אַ געזעלשאַפטלאַכער באַוועגונג מיט איר גאַנצן האַרצן, מיט אַלע אירע געפילן.

שרה האָט אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אַרבעטער און האָט געעפנט אַ אידישע קינדער־שולע. אין מיטן דער אַרבעט האָט זי באַשלאָסן, אַז זי מוז ווערן זעלבשטענדיג און זיך אַליין פאַרדינען איר ברויט, — און איז אַוועק־געפאָרן קיין קיעוו שטודירן. אין קיעוו איז זי אַריין אין דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער פאַרטיי (ס.־ס.). דאַן האָט זי איבערגעלעבט די מוֹרא׳דיגע דריי פאָגראָם־טעג פון 1905־טן יאָר און איז געווען אַקטיוו ביים אָרגאַניזירן די אידישע זעלבשוץ. אין צוויי יאָר אַרום איז זי געוואָרן פעלדשערין און האָט זיך אומגעקערט אין איר אייגן שטעטל.

שרה האָט שטענדיג פאַרשטאַנען צו פאַראייניגן די געזעלשאַפטלאַכע אַרבעט מיט איר נאַטירלאַכער באַדערפעניש צו העלפן ווי אַ שוועסטער יעדן ליידנדן. און איר שטוב אין מאַלין איז ווידער געוואָרן דער מיטלפונקט פאַר דער יוגנט און פאַר דער אַרבעטערשאַפט. צוליב פאַרפאָלגונגען פון דער רעגירונג האָט זי געמוזט פאַרלאָזן מאַלין און איז אַריבערגעפאָרן קיין ווילנע (1907).

אונטער דער הַשפָּעָה פון ווילנע — מיט איר הונדערטער־יאָרן־לאַנגער אידישער טראַדיציע און מיט איר שטאַרקער אידיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג — איז רייף געוואָרן שרה׳ס גייסט. לעבנדיג שפעטער אין פעטערבורג האָט זי אויסגענוצט די גרויסע קולטורעלע מעגלאַכקייטן פון דער שטאָט און האָט אַ סך געלערנט.

אין 1908־טן יאָר האָט זיך שרה אומגעקערט קיין מאַלין. דאָרטן האָבן זיך קאָנצענטרירט אין אירע הענט: די פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, די אידישע שולע, די זעלבשוץ, די פאַרטיי־פראָפאַגאַנדע. און אויסערדעם האָט זי נאָך געאַרבעט בייטאָג און ביינאַכט אַלס פעלדשערין און קראַנקן־שוועסטער.

אין יאָר 1909 איז די פאַמיליע אירע אַריבערגעפאָרן קיין ארץ־ישראל. שרה וואָס איז געווען שטאַרק צוגעבונדן צו אירע אייגענע, האָט באַשלאָסן איבערצורייסן אַלע פאַרבינדונגען אין רוסלאַנד, און איז אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל. זי האָט זיך צוערשט געפילט איינזאַם אין דער נייער סביבה, אָבער אין אַ קורצע צייט אַרום האָט זי זיך דורכגעלייגט איר אייגענעם וועג אינם נייעם לאַנד — אַלס קראַנקן־שוועסטער און אַלס חבר׳טע פונם אַרבעטער. צוערשט האָט זי געאַרבעט אין אַ ירושלים׳ער אידישן

שפּיטאָל; בעת ס׳האָט אויסגעבראָכן די מלחמה האָט מען זי אַריבערגע־נומען אין אַ רעגירונגס־שפּיטאָל, און נאָכדעם איז זי אַוועק אַלס קראַנקן־שוועסטער צו די אַרבעטער — אין די קבוצות פון כּרכּור און תּל־עדש. בעת זי האָט געאַרבעט אין כּרכּור און תּל־עדש, פלעגן אין איר אַמבולאַטאָריע קומען בעדואינער פון דער גאַנצער סביבה, און זי האָט אַלעמען געהאָלפן.

איר אידעאַל איז געווען אַוועקצושטעלן הויך די אַרבעטער קראַנקן־קאַסע — די קופּת־חולים. זי האָט געעפנט די ערשטע אַמבולאַטאָריע פון קופּת־חולים אין תּל־אביב, און יאָרן־לאַנג האָט זי דאָרט געאַרבעט אָנ־שטרענגענדיג אַלע אירע כּוחות. ניט קוקנדיג אויף דעם וואָס שרה פלעגט אַנטלויפן פון כּבוד, פלעגט מען זי שטענדיג אויסוויילן אין די וויכטיגע געזעלשאַפטלאַכע אינסטאַנצן — זי איז געווען דעפּוטאַטקע צו דער ערשטער אַספת־הנבחרים, אַ חבר׳טע אין דעם תּל־אביב׳ער אַרבעטער־ראַט און אַ דעלעגירטע צו אַלע אַרבעטער־קאָנפערענצן.

שטייענדיג אויפן שווערן אַרבעטס־פּאָסטן, האָט שרה באַקומען איר אומגליקלאַכע קראַנקייט. אַנדערטהאַלבן יאָר איז זי קראַנק געווען. מען איז מיט איר געפאָרן קיין בערלין און ווין. דאָרטן איז דאַן פאָרגעקומען די פּועלי־ציון וועלט־קאָנפערענץ און דער דרייצנטער ציוניסטישער קאָנגרעס. נידערגעשלאָגן פון די גרויסע קערפּערלאַכע ליידן, און ניט גלויבנדיג כּמעט אַז זי וועט נאָך לעבן — האָט שרה דאָך פאַרבראַכט גאַנצע נעכט אויף די זיצונגען פון דער קאָנפערענץ און קאָנגרעס און האָט אין אַלץ אָנטייל גענומען, פאַר־געסנדיג די אייגענע צרות. קומענדיג פון אויסלאַנד, האָט זי געפילט אַ געוויסע ערלייכטערונג און האָט זיך צוריק אומגעקערט צו איר געליבטער אַרבעט אין קופּת־חולים. נאָר אין אַ קורצע צייט אַרום האָט איר ווידער באַפאַלן די שרעקלאַכע קראַנקייט — דער קרעבס. עטלאַכע חדשים איז זי געלעגן צו בעט ביי איר פאַמיליע אין ירושלים און האָט זיך ביזן לעצטן מאָמענט ניט אויפגעהערט צו אינטערעסירן מיטן לעבן פון דער ארץ־ישראל׳דיגער אַרבע־טערשאַפט און מיט אירע זאָרגן. ח׳ אב תּרפּ״ד (1924) איז זי נפטר געוואָרן.

איר אָנדענקען וועט בלייבן אויף שטענדיג אינם אוצר פון אונזער באַוועגונג, וועלכע דערהויבט און פאַראייביגט יעדן איינצלנעם וואָס איז אין איר פאַרפלאָכטן.

ירושלים — י. בן־צבי

ערינערונגען

מיר זיינען נאָך געווען קליינע קינדער בשעת זי, די עלטסטע, האָט זיך איינגעשפּאַנט אינם יאָך פון לערנען. פריער ביי דער „רביצין", נאָכדעם ביים דרדקי־מלמד. און שוין דאַן האָט זי מער ליב געהאַט די אַטמאָספערע פונם לערנען ווי דאָס לערנען גופא. געצויגן האָט איר צו די מעשיות וואָס די באָבע פלעגט דערציילן וועגן שדים און רוחות, וועגן פּוסטקעס און וויסטע קרעטשמעס, וועגן רביים און גוטע אידן. די מאַמע אין שטוב פלעגט אויך דערציילן פונם „מנורת־המאור": וועגן תנאים און גאונים און הייליגע רבנים. דערין האָט זי געלעבט. און ביינאַכט, אַז אַלע פלעגן שלאָפן און אין שטוב איז געווען שטיל, פלעגט זי אָנצינדן אַ ליכט און מיט אַ ציטעריגע האַרץ עפענען —

דעם תהלים...

ביז ס'האָט אַ בלאָז געטאָן אַ נייער ווינט. אין שטעטל האָט זיך באַוויזן דער לערער. אידישע קינדער האָבן אָנגעהויבן לערנען רוסיש. און זי אויך בתוכם. זי איז געווען איינע פון די סאַמע ערשטע. מיט פלייס האָט זי זיך אַפילו ניט אויסגעצייכנט, אָבער איר האָט געצויגן צו די ערציי־לונגען, צו די „בילינעס" און לידער: אַמאָל, געדענק איך, האָט זי אויס־געלערנט אויף אויסווייניג דעם גאַנצן „דערטרונקענעם" פון פושקין. און אין מיטן נאַכט האָט זי מיך אויפגעוועקט פון שלאָף: „הער, ער קלאַפּט... דער דערטרונקענער!"...

און ווי האָט איר דענסטמאָל איר האַרץ געציטערט!

באַלד האָט זי שוין באַהערשט דער בוך. די העלדן פון יעקב דינעזאָן האָבן פול געמאַכט די שטוב. זי דערציילט וועמען זי קען נאָר: חבר'טעס, עלטערע שכנות, לייענט פאָר מיט אַ ברען, לעבט מיט אירע העלדן, וויינט מיט זייער אומגליק און פרייט זיך מיט זייער שמחה. און ביינאַכט זאַפּט איר קישן איין די טרערן אויפן גורל פון די אומגליקלאַכע העלדן. — —

גייט אַוועק דער אידישער בוך און עס קומט דער רוסישער. ס'באַווייזן זיך אין שטוב די זשורנאַלן „יעווריסקאַיאַ זשיזן", „וואָסכאָד", און די רוסישע קלאַסיקער. קודם כל — טורגעניעוו. די גאַנצע פרייע צייט שלינגען זיי איין.

זי הויבט אָן דערציילן ווייניגער. לעבט מער אין זיך. איז הויך אויס־געוואַקסן. זי איז שוין פופצן יאָר אַלט. און דאַן, אין דער סאַמער ערשטער יוגנט איז עס געשען.

ס׳פאַרקלעמט ביים האַרצן און ס׳ציטערט די האַנט. שרייבן וועגן דעם אָדער ניט שרייבן? דאָס איז געבליבן איר אייביגער סוד. מיר, יינגערע שוועסטער, האָבן מיט איר וועגן דעם קיינמאָל ניט גערעדט.

זי איז אַלט געווען פופצן יאָר. פאַר „יָמים נוֹרָאים״ דערציילט מען אונז, אַז צו אונז וועט קומען אַ חָשוב׳ער גאַסט אויף יום־טוב. מ׳האָט זיך עפּעס געשושקעט וועגן איר; זי איז געווען ברוגז אַז מיר פלעגן ביי איר פרעגן וועגן דעם גאַסט.

עֶרֶב ראשׁ־הַשָׁנָה איז ער געקומען. אַ גרויסער און עפּעס אַ מאָדנער. ער דערציילט וועגן דעם וואָס ער איז אויסגעשטאַנען אין פּאָלק, רעדט וועגן זיין נייער שיטה פון עִברית בעִברית. מיר הערן אַלע, זי הערט אויך. אָבער אַז מ׳הויבט זיך אָן שושקען, ווערט זי ברוגז.

איך דערהער דאָס וואָרט „אַ שִידוך״. זי איז אומעטיג, זי וויל מיט קיינעם ניט ריידן. אפילו אונז, די שוועסטער, וועמען זי האָט אַזוי ליב געהאַט, פאַרגעסט זי. זי איז אינגאַנצן אַריינגעטאָן אין אירע ביכלאַך און אין די חבר׳טעס.

ס׳זיינען פאַרשטערט געוואָרן אירע יום־טובים. יעדן יום־טוב פלעגט ער אַראָפּקומען צו אונז.

זיינען אַריבער צוויי יאָר.

צוויי יאָר פון שווערע ליידן. אַ וואָלקן איז געהאַנגען איבערן שטוב. זי האָט מיט קיינעם ניט גערעדט. ס׳פלעגן פאַרגיין טעג און זי פלעגט צום טיש ניט קומען. אין שטוב האָט זי געלעבט נאָר מיט אירע ביכער. פלעגט זי אַרויס פון שטוב, פלעגן די דערוואַקסענע אָנהויבן ריידן הויך, און אַלץ וועגן איר. וואָס וועט זיין דער סוף? ווי קען מען אָפּלאָזן אַ שִידוך, וואָס ציט זיך שוין צוויי יאָר? און די מומעס און די קרובות, — איינע מער יַחסנ׳טע פאַר דער אַנדערער — אַלע באַשטייען זיי אין איין קול: מען לאָזט ניט אָפּ קיין שידוך. בעסער שטעלן אַ חופּה און נאָכדעם שרייבן אַ גט.

הַכְּלָל — חתונה.

אַ חודש נאָכאַנאַנד איז אַוועק די שטוב כּאַדאָראַם. מען האָט געניית די גאַרדעראָבע פאַר דער כַּלה. זי האָט זיך נאָך מער פאַרשלאָסן אין־זיך.

מען מעסט איר אָן די קליידער, די רויטע זיידענע קלייד, די שוואַרצע זיידענע קלייד, די סאַמעטענע קלייד און די ווייסע חופּה־קלייד, אָבער זי — גלייך ווי ניט פֿאַר איר נייט מען עס...

און אַז ס'איז געקומען דער טאָג פֿון דער חתונה, האָט זי זיך אײַנגעגאַנצן פֿאַרשלאָסן אין איר צימער, אַן ערנסטע, אַ בלאַסע, אַ דערוווייטערטע, אין אַנדערע עולָמות.

איך, איר ייִנגערע שוועסטער, בין נאָכגעגאַנגען נאָך איר ווי אַ שאָטן. אַלע שרייען שוין אויף מיר, וואָס איך טו גאָרנישט און העלף ניט אין שטוב. אָבער אַ כּוח וואָס איז שטאַרקער פֿאַר מיר, ציט מיך צו איר.

ס'איז שוין מיטאָג צייט. די כּלי־זֶמר זײַנען געקומען. אין דער אַנט־קעגנדיגער שטוב האָבן זיך שוין אָנגעהויבן קלייבן די געסט.

און זי איז אײַנגעשלאָפֿן אין איר צימער. איך היט איר טיר. איך פּרוב די קליאַמקע — איז די טיר פֿאַרשלאָסן? וועל איך קענען אַרײַן? די האַנט גיט פֿון זיך אַ ריר די הענטל פֿון טיר, און איך גיי אַרײַן. זי באַמערקט עס ניט.

ווי היינט זע איך זי פֿאַר מײַנע אויגן. אָנגעטאָן אין אַ ווייסע חופּה־קלייד, דאָס פּנים בלאַס, אויפֿן קאָפּ, איבער די שוואַרצע האָר — די גירלאַנדע און דער כּלה־קראַנץ. די גירלאַנדע פֿאַלט כוואַליעסווייס אויפֿן לאַנגן צאָפּ, וואָס דערגרייכט ביז צו די קני און אין איין האַנט האַלט זי אַ קליין פּלעשעלע... קליין און שוואַרץ... וואָס איז דאָס?

זי וויל נעמען דאָס פּלעשעלע צום מויל. איך וויל וואָס זאָגן, אַ ריר טאָן מיטן האַנט.

האָט זי מיך פּלוצלינג באַמערקט. האָט אַ קוק געטאָן אויף מײַנע גרויסע אויסגעשטעלטע אויגן. איר האַנט האָט אַ ציטער געטאָן און איז אַראָפּגעפֿאַלן... זי איז געוואָרן רויט און האָט אויף גיך באַהאַלטן דאָס פּלע־שעלע אין שופֿלאָדל. —

— — — און שאַ. קיין וואָרט ניט.

און אין דרויסן וואַקסט דערווייל דער טומל. ס'קומען חבר'טעס און באַקאַנטע, פֿאַלן אַרײַן מיט אַ געפּילדער אין צימער און שלעפּן אַוועק די כּלה.

און אין זאַל איז די חתונה אין רעכטן ברען. ס'ווערט אַלץ אײַנגער און דושנער און יום־טוב'דיגער. און זי האַלט אַלץ אין איין טאַנצן, אָן אָן אויפֿהער.

און אויף מיר זיינען אַלע אין כַּעַס: „שטייט ווי אַ תָּם׳עוואַטע און קוקט אויף דער כּלה. אפילו קיין ניי קליידל האָט זי ניט אָנגעטאָן!״

ס׳ווערט פאַרנאַכט. ס׳קומט חָתָנ׳ס צַד, די מיוחסים פון טשערנאָביל. זי נעמט זיי האַרציג אויף. עפּעס זיינען זיי דאָך מִשְׁפָּחָה פון שטענדיג אָן. אַלע חִידוּש׳ן זיך און זיינען גליקלאָך. טאַקע אַ שידוך – אַ באַשערטער. ווער האָט עס אויסגעטראַכט אַז זי וויל גאָר ניט? אָט טאַנצט זי דאָך, האַלט אין איין טאַנצן...

אַרום דעם שטול, אויף וועלכן מ׳האָט איר „באַזעצט״, שטופּן זיך אַלע אירע חבר׳טעס און פריינד. איך שטופּ זיך אויך צווישן זיי, און דערשטופּ זיך גאַנץ נאָענט. איצט, אַז איר פָּנים איז באַדעקט, קען איך שטיין זייער נאָענט־פילן ווי זי אָטעמט. ניין, זי וויינט גאָר ניט, ווי עס פּאַסט זיך פאַר אַ כַּלה׳ זי הויבט נאָר דעם קאָפּ ניט אויף. אויף קיין איין רֶגע ניט. ביז מ׳הויבט איר אויף פירן צו דער חופּה, ביים רבי׳ן אין הויף.

צו דעם חתונה־מאָל, וואָס מען האָט געפּראַוועט ביים רבי׳ן אויפן הויף, איז זיך צונויפגעקומען די גאַנצע פְּנֵי פון שטעטל. די איינגשאַפּט איז גרויס, די שִׂמְחָה נאָך גרעסער, דער אַלטער רבי זיצט אויבן־אָן, זי נעבן אים, און נעבן איר – דער חתן.

מען דערוויסט זיך: דער רבי וועט טאַנצן מיט דער כַּלה. ער איז טאַקע אַ זָקֵן אַ איד, און אַ חָלוּש, אָבער ער וועט פונדעסטוועגן פאָרט טאַנצן... ער איז דאָך משפחה.

הויבט זיך דער רבי אויף, נעמט אַראָפּ די רויטע פאַטשיילקע פון האַלז. שטייט זי אויך אויף.

אַלע מאַכן אַ וואַרע. ס׳ווערט שטיל. דער רבי שטרעקט איר אויס דעם שפּיץ פון דער פאַטשיילקע. ביסלאַכווייס, ביסלאַכווייס הויבן זיי זיך אָן צו דרייען.

איינער גיט אַ פּאַטש מיט די הענט. ברעכט אויס אַ דונער פון פּאַטשעריי. דער רבי טאַנצט וואַרימער, זי אויך. דרייען זיך, דרייען זיך פלינק... פּלוצלינג פאַלט אַרויס די פּאַטשיילקע פון איר האַנט, זי שטעלט זיך אָפּ אַ ווײַלע, גיט זיך אַ קער צו דער טיר און דרויסן אַרויס, און אַ פּאָר חבר׳טעס נאָך איר.

זי איז פאַרשוואונדן. מער האָט זי זיך שוין אין זאַל ניט באַוויזן.

מיט האַרץ־קלאַפּן בין איך געלאָפן אַ היים. צו איר אין צימער, צום שופלאָד, צום שוואַרצן פלעשעלע. וואו איז עס, ניט שוין זשע ביי איר?

חבר׳טעס שושקען זיך. צוזאַמען מיט צוויי חבר׳טעס האָט זי אַ גאַנצע נאַכט פֿאַרבראַכט אויסערן שטאָט, נעבן וועלדל.

און אינם זאַל פֿונם בּית־מדרש שפּילן נאָך כּלי־זֶמֶר איין טאַנץ נאָכן אַנדערן, מ׳רופֿט אויס דְרָשה־געשאַנק, ביז שפּעט ביינאַכט, ביז פֿאַרטאָג. צווישן די געסט בלייבט אויך דער חתן, ביז אינדערפֿרי.

אינדערפֿרי איז זי געקומען אַהיים. דאָס פּנים פֿאַר׳עַקשנ׳ט און שוואַרץ. וּבְכֵן — אַ גט! אָפּלאָזן דעם שִידוך האָט איר ניט געוואָלט — טאָ גיט זשע איצטער אַ גט!

פֿון דענסטמאָל אָן בין איך שוין פֿון איר ניט אַוועק. זי האָט מיך גענומען צו זיך אין צימער, וואָס איז געווען באַשטימט פֿאַר דער נייער פּאָר. — —

און ער איז געבליבן ביי אונז חדָשים־לאַנג, אַ פֿרעמדער און אַ ווייטער. קיין איין־איינציגן מאָל האָט זי מיט אים ניט גערעדט, אפֿילו אויף אים גלייך ניט געקוקט...

אין אַ פּאָר יאָר אַרום, אַז מיר זיינען שוין געווען אין קיעוו, און זי האָט שוין געהאַלטן ביים ענדיגן „שוועסטער״, איז ער געקומען קיין קיעוו, און איך האָב ביי אים גענומען דעם גט פֿאַר איר.

מיר צווישן אונז האָבן וועגן דעם קיינמאָל ניט דערמאָנט. די זאַך האָט איר צופֿיל וויי געטאָן, ביז די סאַמע לעצטע טעג. — —

אַז זי איז אַלט געווען צוואַנציק — איז דער פּונק געפֿאַלן און דאָס האַרץ אָנגעצונדן. די ערשטע ליבע. די ערשטע און די איינציגע.

געניסן פֿון איר ליבע איז איר ניט געווען באַשערט... איז דאָס געווען ווי אַ אייביגער פֿייער אין האַרצן, אַ קוואַל פֿון שטענדיגער ליכטיקייט. אַ סך יאָרן זיינען אַריבער און האָבן דאָס פֿייער ניט פֿאַרלאָשן. און אֶפֿשר איז דאָס געווען דער קוואַל פֿון איר גוטסקייט און באַרימהאַרציקייט, פֿון איר מערקווירדיגער מענטשן־ליבע, וואָס האָט אויסגעפֿילט איר האַרץ איבער אַלע ברעגן —

די שוועסטער־באַרימהאַרציקייט? — —

זי איז ווידער אין שטעטל, אַלס שוועסטער און פֿעלדשערין. איבער־געגעבן צו די קראַנקע קוֹדֶם כֹּל. און די גאַנצע פֿרייע צייט געהערט דער יוגנט, דער באַוועגונג, דער רעוואָלוציע.

אייגנטלאַך איז זי קיין כּלל־טוערין און קיין פּאַרטיי־פּאָליטיקערין

ניט געווען. ניט די קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען, ניט די אַבסטראַקטע אידעאָלאָגיע האָבן געצויגן איר האַרץ, נאָר דער לעבעדיגער גייסט, די מַמָשות׳דיגע ווירקלאַכקייט. ניט די מאַסע, נאָר דעם יָחִיד האָט זי געזען, יעדן איינציגן יָחִיד אין דער באַוועגונג, און האָט אין יעדן דערקענט דעם מענטשן. אַ מאָדנעם חוש האָט זי געהאַט, אַרויסצוהערן דיליידן פונם צווייטן און מיטצוליידן.

און פונדעסטוועגן — ווי וואַך איז זי געווען צו אַלע געזעלשאַפטלאַכע פראַגן! מיט וואָס פאַר אַ דבֵקות און הִתלַהֲבות האָט זי געדינט דער באַוועגונג און געקעמפט — מיטן גאַנצן האַרצן און נשָמה!

אַזאַ האָבן זי געקענט די פראָסטע אידן אין שטעטל. אַזאַ האָבן זי געקענט די חברים און פריינד אין דער אַרבעטער־באַוועגונג.

די ערשטע יאָרן אין ארץ־ישראל. אין ירושלים.

פאַרוואָס איז זי געווען אַזוי אומעטיג אין ירושלים? אויף וואָס האָט זי געטרויערט און ביטערע טרערן פאַרגאָסן?

ווער קען פאַרשטיין אַ מענטשנס האַרץ? זי האָט זיך אין ירושלים ניט געפונען. זי האָט איר סביבה ניט געפונען. זי איז זיך אויסגעקומען איבעריג, טרויעריג, אומעטיג.

איינמאָל האָבן מיר געמאַכט אַ שפּאַציר־גאַנג קיין עֵין־פָרָה, צום טייכל פְרָת וואָס נעבן עֲנָתוֹת, דער שטעטל פון יִרמְיָהוּ הַנָבִיא. אַ סך מאָל האָט זי נאָכדעם דערמאָנט דעם שפּאַציר.

פאַרטאָג זיינען מיר אַרויס פון ירושלים. מיר זיינען אַרויף אויפן שטעג וואָס פירט קיין עֲנָתוֹת. דוכט זיך: דאָס געוויינלאַכע בילד — די בערג פון ירושלים... גלאָקן קלינגען פון ווייטן: אַ קאַראַוואַן פון קעמלען קומט אַנטקעגן; אַ בעדואינישער אָנטרייבער צעזינגט זיך אויף אַ איינטאָניגן שטייגער, און די בערג אַרום ענטפערן ווי אין כאָר; שעפּסן נידערן אַראָפּ פון די בערג; אַ פאַסטוך פייפט. דוכט זיך, דאָס געוויינלאַכע בילד. אָבער פאַר איר האָט זיך דאָס אַלץ ווי צום ערשטן מאָל אויפגעעפנט.

מיט יעדן שריט איז איר גאַנג געוואָרן לייכטער, זי האָט זיך אויסגעגליכן, פרישער געוואָרן... אונטן באַווייזט זיך דער יַרדֵן־טאָל. פון ווייטנס שיינט אַרויס דער יַם הַמֶלַח אין זיין גאַנצער פראַכט. איר געזיכט לייכט אויף. מיט אַ שטיפעריי פון אַ קינד לויפט זי אַראָפּ צום קוואַל און

שפּרינגט אינם קאַלטן וואַסער אַריין. און אויף צוריקוועגס איז זי די גאַנצע צייט געווען אין אַ געהויבענער שטימונג. דערנער אַרום זיינען געווען גענוג, האָבן מיר דערנער געקליבן, אַ פּייער אונטערוועגס אָנגעצונדן. טאַנצנדיג איז זי געגאַנגען.

און פון דעם טאָג אָן איז זי גאָר אַן אַנדערע געוואָרן!

ס׳איז דענסטמאָל דער בונד געשלאָסן געוואָרן צווישן איר און ארץ־ישראל!

„מִשְׂגָּב לַדָּך״ רופט זיך אַ שפּיטאָל אין דער אַלטער שטאָט פון ירושלים, כּמעט אויף יענער זייט מויער. און געווען איז עס אין מִלְחָמה־צייט. פאַרפאָלגונגען, אויסבאַהאַלטן־זיך, הונגער.

ביי איר, אין איר שפּיטאָל, איז איר קליין מלוכה׳לע. דאָרטן רוען זיך אויס ניט נאָר אירע קראַנקע, נאָר אויך אַלע אירע געזונטע פריינד און נאָענטע מענטשן.

געוואוינט האָט זי אין צוויי קליינינקע, ציכטיגע, ווייסע חֲדָרִים׳לאַך, מיט אַ שמאָלן באַלקאָן, וואָס איז אַזוי ווי געהאַנגען אין דער לופטן, איבער דער געמויערטער וואַנט פון ירושלים. דער הר־הַזֵּיתִים איז אַנטקעגן דיר. שטרעק אויס די האַנט, דערלאַנגסטו אים. מ׳האָט גאָר ניט געפילט אויבן, אַז אַן אָפּגרונד טיילט אָפּ צווישן הַר־הַזֵּיתִים און הַר־הַבַּיִת, און שרה זאַפּט איין אין זיך די לופט פונם הַר־הַבַּיִת און אַלע ערינערונגען און מַעֲשִׂיוֹת אַרום. אַזוי ווי זי וואָלט מיט אירע אייגענע אויגן מיטגעלעבט די צייט פון גלאַנץ און פון חורבן.

ווי אין אַן אַנדער וועלט איז זי אַרומגעגאַנגען, אין דעם דאָזיגן הויז פון „מִשְׂגָּב לַדָּך״, איבער די צימערן פון די קראַנקע און איבער אירע אייגענע צימערלאַך מיט דעם קליינעם באַלקאָן, וואָס הענגט איבער דער וואַנט פון ירושלים.

אין איינע פון די שמאָלינקע געסעלאַך פון דער אַלטער שטאָט האָט מיך אַמאָל געטראָפן אַן אַלטע אידענע, איז צוגעפאַלן צו מיין האַנט און אָנגעהויבן קושן. „איר זייט די שוועסטער פון ׳מִשְׂגָּב לַדָּך׳?״ זי האָט אָבער באַלד זיך געכאַפּט, אַז זי האָט אַ טָעוּת געהאַט און איז פאַר־שעמט אַוועקגעגאַנגען.

כּרכּור. אַ פעלדשערין אין אַן אַרבעטער קבוצה. זי איז שטאָלץ אויף איר אויפגאַבע און איז איבערפולט פון פאַראַנטוואָרטונג. וועט זי עס קענען?

און דער גרויסער צימער פון דער פעלדשערין איז געוואָרן אַ מין בֵית־עָם פון דער קבוצה: אין די ווינטערדיגע נעכט — אינווייניג; זומערצייט — דרויסן, אויפן גאַניק. אַמאָל פלעגט זיך דוכטן אַז ניט מען שטייט — מ׳העגנגט אויפן גאַניק, קעפּ אויף קעפּ, אויף אַלע טרעפּ. און וואָס האָט מען ניט אויסדערציילט! פון די מַעֲשֶׂה׳לאַך פון דער אַלטער שטעטל ביז די זאַבעבאָנעס פון די אַרומיגע בעדואינער. און וועלכע פּראָבלעמען האָט מען דאָרט ניט אַרומגעדיסקוטירט?

אָפּט איז זי געשטאַנען אויג אויף אויג מיטן טויט. מיט יעדן געפּער־לאַכן קראַנקן האָט זי דורכגעלעבט אַלע שרעקעניש פונם טויט. יעדעס מאָל ווי פון דאָסניי, ווי אין סאַמע אָנהויב.

געווען זיינען עס מִלְחָמָה־יאָרן. ביי כְּרכּוּר זיינען דורכגעגאַנגען די וועגענער פון „סוכרע״. געפּייניגטע און אויסגעווייטאָגטע זיינען צוריק געקומען אונזערע מענטשן פון באר־שבע פון דער סוכרע, אויפגעגעסענע פון פיבער, אָנגעשטעקטע מיט קראַנקייטן. אין כּרכּור איז קאַראַנטין, און אָפּ־שטעלן־זיך דאָרטן פלעגט מען ניט לאָזן. פלעגט זי לויפן צו די וועגענער, אויפן וועג וואָס פירט קיין כּרכּור. פלעגט זיך נאָר פון ווייטנס באַווייזן דער וואָלקן פון שטויב — פלעגט זי שוין אַראָפּשפּרינגען פון גאַניק, פולע הענט מיט רפואות, אָפּט אַ לאַבן־ברויט אין פאַרטוך, און פלעגט ניט גיין — פלעגט לויפן צום שליאַך. איינמאָל אין הארבסט האָט מען איר דערציילט, אַז אַ קראַנקער תֵּימָנ׳ער ליגט הינטער דער „חושע״. איז זי אַרויסגעלאָפן און האָט אים געטראָפן ליגנדיג, געפּערלאַך קראַנק. און די קראַנקייט איז אָנשטעקנד. אַריינגעמען אים אין שפּיטאָל טאָר מען ניט. האָט זי אים אַריינגענומען אין חושע אַריין און איז אומגעלאָפן פון אַמבולאַטאָריע צו דער חושע און פון דער חושע אין דער אַמבולאַטאָריע. חֶברה האָט געמורמלט, — ווי מעג מען עס? אָבער ווי קען מען עס איבערלאָזן אַ חוֹלֶה אין אַזאַ געפּאַר אָן הילף?

און זי אַרבעט פאַר צוויי. קומענדיג פון חושע דיזענפעצירט זי זיך און לויפט אין אַמבולאַטאָריע. און ווי זי ווערט נאָר פאַרטיג דאָרטן, צוריק צו דער חושע. און אַ גאַנצע נאַכט, די לעצטע נאַכט פונם געפערלאַכן קראַנקן, איז זי ניט אָפּגעטראָטן פונם געלעגער, פונם תֵּימָנ׳ער ברודער.

תֵּל־עָדָש.

דאָס איז נאָך די פּאָרזעצונג פון כּרכּור. די זעלביגע ברידערלאַכע סביבֿה, חברים אין דער אַרבעט. דאָרט איז זי אויך באַלד געוואָרן אַ שוועסטער, סיי פאַר די קראַנקע און סיי פאַר די געזונטע. און אַז ס׳ווערט אין לאַנד זייער שלעכט, פירט זי אַריבער די גאַנצע מִשְׁפָּחָה אירע אַהער. און די „היים״ ווערט אין תּל־עדש. דאַגה׳ט פאַר אַלעמען, טריי און איבערגעגעבן. אַליין די מאַמע, אַליין די שוועסטער.

און אין תּל־עדש געפינען זיך דאַן די סאַמע־נאָענטסטע אירע, די מיטגלידער פון „הַשׁוֹמֵר״. און ס׳קומען נאָך אַהין די עלטסטע שומר׳ניקעס: ישׂראל׳יק גלעדי, מענדעלע פּאָרטוגאַלי, יחֶזקאל חנקין.

און אַז יחזקאל חנקין ווערט קראַנק אויף געלן פיבער, טרעט זי נעכט־נאָכאַנאַנד ניט אָפּ פון זיין קראַנקן־בעט. און זי איז עס אויך די וואָס ברענגט אים צום קֶבֶר. זי און מענדעלע פּאָרטוגאַלי זיינען עס ביידע געזעסן אויפן דערבייאיגן שטיין בִּשְׁעַת יחזקאל׳ס קבוּרָה.

און אין צוויי וואָכן אַרום האָט זי ביים זעלביגן שטיין געבראַכט צום קֶבֶר — מענדלען.

יאָרן־לאַנג פלעגט זי ווערן אַ פאַרציטערטע, ווען זי פלעגט דערציילן וועגן די דאָזיגע טעג.

תּל־אביב.

זי האָט אַזוי ליב געהאַט די ווייסע זאַמדן און דעם בלאָען יַם און דאָס נייע לעבן. ווי איינגעבאַקן אין האַרצן איז איר געווען יעדער נייער בנין, יעדער אויסגעוואַקסענער ווינקל!

און אין סאַמע צענטער פון תּל־אביב איז געשטאַנען — די קופּת־חולים. איר אַמבולאַטאָריע.

פון אינדערפרי ביז שפּעט ביינאַכט, סיי שבת, סיי יום־טוב.

אָבער פונדעסטוועגן האָט זי זיך פון דער פּאַרטיי ניט דערווייטערט. יעדער נייס אין דער באַוועגונג, יעדער שׂמחה און טרויער איז איר גאָר נאָענט אָנגעגאַנגען צום האַרצן. שטענדיק און אומעטום האָט זי געזוכט דעם תּוֹך און דעם מהות, און האָט אויך שטענדיק אין אַלץ אָנטיילגענומען, טריי און עֲנָיוות׳דיק, קיינמאָל ניט שטופּנדיק זיך צווישן עַסְקָנים.

אַז מען פלעגט זי אויסקלייבן אין עפּעס אַן אינסטאַנץ פון דער

הסתדרות, איז עס פאַר איר אַלע מאָל געווען אַן איבערראַשונג, און זי פלעגט רויט ווערן פון פאַרשעמטקייט. —

אָבער אין דער סביבה פון ליבשאַפט און פאַרערונג, צווישן חברים און פריינד — איז זי אויך געבליבן שטענדיק איינזאַם. דאָס איז דער ביטערער אמת...

דאָס לעצטע יאָר.

איך דערמאָן זיך דעם אויסדרוק פון איר געזיכט און די אָפּגעריסענע ווערטער אירע שוין אין אָנהויב יאָר, און מיר דוכט זיך אַז זי האָט געפילט דעם אומגליק נאָך אַ סך פריער איידער ער איז געשען. וויפיל מאָל בין איך געקומען פון ירושלים גלייך אין קופת־חולים אַריין, צו שרה׳ן, און דאָס האַרץ פלעגט זיך צונויפקאָרטשען פון ווייטאָג... וואָס פאַר אַ שוואַרצער שאָטן אויפן פּנים! עפּעס אַ נייע סטרונע האָט אָנגעהויבן ציטערן. אפילו מיר, שוועסטער, ליב און צוגעבונדן מיט לייב און לעבן, האָבן וועגן דעם ניט גערעדט. אָבער יעדעס מאָל פלעגן זיך הערן דבורים וועגן איינזאַמקייט, שטימונג, שלאָפלאָזיקייט.

דענסטמאָל איז אין תל־אביב פאָרגעקומען די קאָנפערענץ פון דער הסתדרות. שרה איז געווען אַ דעלעגאַטין און יעדע פרייע מינוט איז זי געווען אויף דער קאָנפערענץ. אין יענע טעג האָט זי געאַרבעט אָן אַ שיעור — אויף דער קאָנפערענץ, ביי די קראַנקע און אין שטוב. אויף מאָרגן, נאָך דער קאָנפערענץ, האָט זי גיך אָנגעהויבן אויפראַמען איר אַרבעטס־צימער אין קופת־חולים — דאַן איז עס די לאַסט אַרויפגעפאַלן אויפן האַרצן...

און דאָס אומגליק האָט זיך אָנגעהויבן.

אַהיים האָט זי וועגן דעם געשריבן נאָר פאַרבייגייענדיג — „זי איז אַ פּאָר שעה געלעגן און איז צוריק געגאַנגען צו דער אַרבעט״.

די קראַנקייט האָט זיך ענטוויקלט גיך. פון חנוכה ביז פּורים איז זי אויסגעוואַקסן צו אַ געפאַר. מיר האָבן זיך דערוואויסט דעם גאַנצן אמת ערשט פסח, בעת שרה איז געקומען אַהיים. און צו אַ גרויסער גרויסן אומגליק איז שוין דענסטמאָל געווען צו שפּעט. פון חנוכה ביז פסח — ס׳איז אומ־מעגלאַך, זי זאָל ניט האָבן געפילט די גאַנצע צייט איר לאַגע. זי האָט אָבער שטילערהייט געליטן און באַהאַלטן אין זיך.

ווי איינזאַם און פאַרלאָזן איז דער מענטש אויך אין זיין אייגענער סביבה, צווישן סאַמע נאָענטע. — ווי האָט זי עס געקענט באַהאַלטן אפילו

פון אונז? — איז עס דער יִאוש געווען וואָס האָט זיך אָנגעקליבן אין האַרצן? זי האָט דאָך אַזוי ליב געהאַט דאָס לעבן און זיך אַזוי געטרייסלט איבערן לעבן פון יעדן איינציגן.

אין יענעם אומגליקלעכן עֶרֶב פסח איז שרה געקומען קיין ירושלים מיט אויסגעלאָשענע אויגן און אין געזיכט אַ טיפער טרויער. באַלד האָט דאָס אומגליק אָנגעפילט דאָס גאַנצע הויז. מיר האָבן עס גלייך דערשפּירט. און אַז מיר האָבן אָנגעהויבן צושטיין צו איר זי זאָל תּיכּף פאָרן קיין אויסלאַנד — האָט זי אונז געפאָלגט.

און פון וועג, פון שיף, שרייבט זי מיר: „מיר האָבן אַלע יאָרן גערעדט וועגן דעם, אַז איך דאַרף אויך אַמאָל זען אויסלאַנד, אייראָפּע, אָבער כ׳האָב קיינמאָל ניט געקענט טראַכטן ערנסט וועגן דעם: געלט אויסגעבן אויף אַ נסיעה! ס׳איז דאָך אַ פאַרשווענדעריי. און אָט פאָר איך און דאָס זעט מיר אויס צו זיין אַזוי מאָדנע. ס׳דוכט זיך, איך באַגלייט אַ געפערלעכע קראַנקע וואָס פאָרט זיך היילן קיין אויסלאַנד. ניט איך בין עס קראַנק — אימיצער אַנדערש איז עס...״

אין אירע בריוו, פון ווין און בערלין, אין דער צייט פון איר קראַנקייט, שרייבט זי וועגן זיך גאָרניט. זי איז איינגעשלאָסן אין זיך. און עס דוכט זיך: אויך איצט האָט זי אין זינען נאָר אַנדערע דאגות און זאָרגט וועגן אונז מער ווי וועגן זיך.

די אָפּעראַציע איז אַריבער גוט. אָבער דער אומגליק האָט שוין געלויערט. דער גיפט האָט זיך פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן קערפּער. זי האָט עס געפילט, אָבער זי איז אַנטלאָפן פון זיך אַליין, איז געווען צופרידן פון יעדער געלעגנהייט קענען אַנטלויפן פון זיך.

בשעת׳ן ציוניסטישן קאָנגרעס אין קאַרלסבאַד ווערט זי אויפגעמונ־טערט. עס דוכט זיך אַז זי הויבט אָן גלויבן, אַז זי וועט ווערן געזונט. זי איילט זיך קומען אַהיים, פאָרט דורך איטאַליע, ווערט נתפּעל פון רוים און פון ווענעציע און קומט אַהיים פריש און געזונט. אָבער דאָס איז נאָר פון פּנים וועגן, אינוויייניג הערשט די קראַנקייט. ס׳גייען אַריבער עטלעכע טעג און שרה איז ווידער שטיל און שוואַרץ, איילט זיך צוריק צו דער אַרבעט, ציילט די שעה׳ן אַזוי ווי זי וואָלט וויסן, אַז עס זיינען איר שוין ניט קיין סך שעה׳ן געבליבן צו דער אַרבעט...

און טעג און נעכט, טעג און נעכט צאַפּלט זי זיך אין אירע ווייטאָגן — און אַרבעט ביי די קראַנקע. ביז זי פאַלט אַנידער. און ס׳הויבן זיך אָן די שווערע חדשים פון ליידן. גאַנצע חדשים פון אוממעגלאַכן ליידן...

און אין די סאַמע שווערע טעג, בשעת איר לעבן איז שוין געהאַנגען אויף אַ האָר — האָט זי נאָך מיט די לעצטע כּוחות, און מיט אַ צובראָכע־נעם כּתב געשריבן אויפמונטערנדע שורות צו איר שוועסטער.

און אינם לעצטן טאָג... אין יענעם אומגליקלאַכן ערב תּשעה באָב — צום לעצטן מאָל האָט זי זיך אויפגעכאַפּט, האָט ברייט פאַנאַנדערגעעפנט די אויגן, האָט געזוכט מיין האַנט, האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט:

— איך גיי, איך גיי, לאָזט מיך...

— —

דיין געזיכט איז געוואָרן אַזוי לויטער, אַזוי דורכזיכטיג, און איבערן געזיכט — דיין שמייכל. און די שוואַרצאַפּל פון די אויגן זיינען געוואָרן טיף און ברייט, טיף און אויסגעלאָשן — —

אויסגעלאָשן אויף אייביג. —

א שוועסטער

שׂרה׳ס שטעטל

ווי מען דערציילט מיר, איז די אוקראַינישע שטעטל מאַלין, וואו איך האָב אַמאָל פאַרבראַכט צוויי זומערן צוזאַמען מיט שׂרה לישאַנסקי, היינט גאָר אַן אַנדערע געוואָרן. פונקט ערב דער מלחמה האָט נאָך די שטעטעלע אַריינגעכאַפּט אָפּצוברענען. און אַז ס׳איז אויסגעבראָכן די מלחמה און נאָכדעם די רעוואָלוציע, האָבן דאָרט געשמאַק געווילדעוועט די פּעטליורע־לייט. איצט באַרימט זיך דער אָרטיגער „ראַבקאָר" אין כאַרקאָווער „שטערן" אַז דער יעווסעקציע איז ענדלאַך געלונגען אויסצוראָטן דעם קאָנטררעוואָלוציאָנערן „השומר־הצעיר", וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין וועלדל ביים שטעטל און אַז איצט איז „דער שונא פאַרניכטעט" און די גאַנצע אידישע יוגנט געפינט זיך אין ריינע יעווסעקישע הענט.

אָפשר איז עס אַלצדינג אמת. איך טראָג נאָך אָבער אין מיר אומ־פאַרענדערט דאָס בילד פון אַן אַנדער מאַלין, ווי עס האָט אויסגעזען מיט עטלאַכע־און־צוואַנציק יאָר צוריק, זומער־צייט 1908—1909, באַלד נאָכן

צוזאַמענבראָך פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, איידער ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די נייע אידישע איינוואַנדערונג קיין ארץ־ישראל.

אייגנטלאַך איז שוין דענסטמאָל אויך ניט געווען אין שטעטל די אַלטע פעסטע זיכערקייט פונם איינגעפונדעוועטן און פאַרגליווערטן לעבנס־שטייגער. ס׳זיינען טאַקע נאָך געזעסן עַל כִּסֵא הָרַבָּנוּת די צוויי יונגע לייט, שוועסטערקינדער וואָס האָבן געַירש׳נט די שטול פון זייער פעטער דעם אַלטן רָב, לויטן פסק־דין פונם טשערנאָבילער רבין. פון צייט צו צייט פלעגט נאָך טאַקע אַראָפּפאָרן קיין מאַלין דער טשערנאָבילער רבי אַליין און דענסטמאָל פלעגט ווערן יום־טוב אין רעכטן מיטן וואָך. אַלע אינדערפרי, און דער עִיקר שבת פאַרנאַכט, פלעגט זיך נאָך טראָגן פון די פיל בתי־מדרָשים אין שטעטל דער אומפאַרגעסלאַכער, שטיל־טרויעריגער און האַרציג־ביינקענדיגער נִגון פון די תּהִלים־זאָגער. און תִּשעָה בּאָב אין אָוונט פלעגט נאָך אַראָפּנידערן אַ מילדע, טיפע, פרומע טרויעריקייט איבער דער גאַנצער שטעטל, — פונם וועלדל מישעווקע ביזן וועלדל מיכאַילאָווקע.

אָבער עטוואָס האָט זיך שוין געהאַט אַ ריר געטאָן.

ערגעץ אין אַ שטוב זיינען שוין געשטאַנען אויסגעשטעלט געפּאַרבטע „סקאַמייקעס״, וואו ייִנגלאַך און מיידלאַך פלעגן לערנען צוזאַמען „סִפּורֵי־הַמִקְרָא״ ביי יונגע העברעאישע לערער — אַ ירושה פון אַ ציוניסטישער אַגודה, וואָס איז אויפגעקומען און פאַרשוואונדען, און האָט איבערגעלאָזן אָט דעם חֵדֶר מתוקן דער שטעטל אַ ירושה.

און הינטערן שטאָט האָט אַ בערדיטשעווער גביר אויפגעעפנט אַ פּאַפּיר־פאַבריק, וואו ס׳האָבן געאַרבעט אַ הונדערט אידישע מיידלאַך, טעכטער פון אָרים־געוואָרענע שטעטלשע בעלי־בתים. אַרום אָט דער פאַבריק האָבן זיך עס געפּאָרעט די אָרטיגע בונדיסטן און ס.־ס. און דאָס הייפעלע פּוֹעלֵי־צִיוֹן. פלעגן אַריבער די „יָמִים נוֹרָאִים״, פלעגט יעדעס יאָר זיך אַוועקלאָזן אַ האַלבע טוץ געראָטענע בחורים און מיידלאַך אין די גימנאַזיעס אַריין און אין די אוניווערזיטעטן פון קיעוו און אָדעס. אין אָנהויב מאַי פלעגן זיי ווידער אַריינפאַלן אין שטעטל, פריילאַכע און לאַכעדיגע, ברייִנגענדיג מיט זיך אַ מאָדנע אָנשטעקנדיגע בענקשאַפט, וואָס האָט זיך גיך פאַר־שפרייט אַרום זיי, אָן אַ נאָמען און אָן אַן אויסדרוק. אין אַ זייטיג געסל האָבן אַ פּאָר באַגייסטערטע בחורים און מיידלאַך פון די אַרבעטער פאַר־טייען צונויפגענומען אַלע אינדערפרי אָרימע קינדערלאַך און געלערנט זיי שרייבן און חֶשבּונ׳ען און אפילו געאָגראַפיע אויף ריין אידיש, אַליין

וואונדערנדיג־זיך איבער זייער אייגענעם געוואַגטען אויפטו, וועלכער איז זיי אַזוי טייער געווען און אַזוי ניט־קלאָר צוגלייך. און אין די אָוונטן פלעגן זיך די זעלביגע בחורים און מיידלאַך צוזאַמען מיט זייערע פריינד און אָנהענגער פאַרזאַמלען אין אַ פריוואַט הויז און רעפּעטירן די פּיעסע „יעווריעי״ פון טשיריקאָוו, כּדי מיט די הכנָסות פונם רוסישן ספּעקטאַקל דעקן דעם דעפיציט פון דער אידישער שולע.

און אויפן ברעג פון שטעטל, האַרט נעבן וועלדל, אין אַ רואיג צוגע־קליבענעם צימערל האָט געוואוינט דער לערער, דער עקסטערן, וואָס איז אַראָפּגעקומען צוצוגרייטן די קינדער אין גימנאַזיע און די דערוואַקסענע צו די עקזאַמענעס אויף אַטעסטאַט. דאָרטן האָט ער בילדונג פאַרשפּרייט און אידעען געזייט, פאַדים צעריסן און פאַדים פאַרקניפּט, און געוועבט אַ וועלט פון געדאַנק און פון ליד און פון בענקענדן טרוים.

ער, דער רוסישער לערער און העברעאישער דיכטער — איז עס געשטאַנען אין מיטלפּונקט פון אַ קרייז, אין וועלכן ס׳האָבן זיך צונויפ־גענומען די בעסטע און שענסטע און ווידערשפּעניגסטע וואָס די יוגנט אין שטעטל האָט פאַרמאָגט. אין אָט דעם דאָזיגן קרייז האָבן אַלע טיף געפילט און געגלויבט אַז עפּעס דאַרף אין לעבן אויפגעטאָן ווערן. עפּעס אַ גרויסע, ריינע, ריכטיגע, באַפרייענדע זאַך, וואָס זאָל פאָדערן אַלצדינג און צוליב וואָס ס׳איז אַ פרייד מַקריב צו זיין אַלצדינג. צו דעם אויפטו דאַרף מען זיך גרייטן, צוליב אים דאַרף מען צרייסן מיט דער היים, אין פאַרגלייך מיט אים זיינען נישטיג די קליינע איצטיגע פריידן פון יוגנט, און אין אים דאַרף געפונען ווערן דער אמת׳ער זין. אָבער קיינער אינם קרייז האָט ניט ריכטיג געוואוסט און ניט קלאָר געזען וואָס איז אַזוינס אייגנטלאַך דער דאָזיגער אויפטו, און וואו געפינט זיך ערגעץ זיין געהיימניספולער מִזבֵּחַ.

און פאַר דער יונגער מיידל אינם קרייז איז די דאָזיגע שטימונג געווען נאָך מער כאַראַקטעריסטיש ווי פאַרן בָחור. טיפער ווי ער האָט זי געגלויבט אין דער וויכטיקייט און הייליקייט פונם מִזְבֵּחַ און ווייניגער פאַר אים האָט זי געוואוסט דעם וועג, וואָס פירט צו אים, און וואו קען מען דעם דאָזיגן וועג זוכן.

דער גרויסער צויבער פון דער רוסישער אַסימילאַציע האָט שוין דענסטמאָל אָפּגעבליט. די צייט, ווען ליטווישע מיידלאַך פלעגן זיך איינציגווייס אַריינוואַרפן מיט התלַהֲבות און פאַרגעסנקייט אין דער רוסישער רעוואָלו־ציאָנערער באַוועגונג און אין דער רוסישער ליטעראַטור, איז שוין געווען

פאַרביי אַפּילו אין ליטע. און אין וואָלין איז אויף דעם קיינמאָל קיין גרויס געדעטעניש ניט געווען. אין מאָלין אַוודאי ניט. די ערשטע מיידלאַך, וואָס האָבן אַליין זיך דאָ דורכגעשלאָגן אַ וועג – און שרה איז געווען פון די סאַמע ערשטע צווישן זיי – האָבן עס שוין געוואָלט טאָן אין די גרעניצן פון אידן און אידישקייט. ווייל דערווייל האָט זיך אין דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג עראָבערט אָנזען און חן. און דערווייל איז אין סוף פון דער רעוואָלוציע אַדורך אַ שורה פון פּאָגראָמען. און דערווייל האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג פון פאָלקסטימלאַכקייט און פון אידישע ליטעראַטור: דער געזוכטער מִזְבֵּחַ האָט זיך שוין געמוזט אָפּגעפינען צווישן אידן גופא.

דענסטמאָל האָט זיך נאָך עכטער דערשפּירט די גאַנצע טראַגישע אומבאַהאָלפנקייט פון דער אידישער מיידל.

פריער, אין דער ערשטער תקופה פונם סאָציאַליזם ביי אידן, אין די צייטן פון „איסקראַ", „ס.־ר." און אפילו אין די ערשטע יאָרן פון „בונד", בשעת דער ברייטער שליאַך איז נאָך געגאַנגען פון אידן צו ניט־אידן, האָט די אידישע חבר'טע געהאַלטן שריט גלייך מיטן חבר – זיכער ווי ער און קריטיש ווי ער. דאָס נייע לעבן איז גלייך ניי געווען פאַר זיי ביידן צוגלייך און די פייאיקייט אים אויפצונעמען אין זיך האָבן ביידע פאַרמאָגט אין דער זעלביגער מאָס. אָבער אַז ס'האָט זיך אָנגעהויבן די צווייטע פּרשה פונם אידישן סאָציאַליזם, די פּרשה פון גיין צוריק, פון זוכן אַ וועג אין פאָלק גופא, איז ער, דער חבר, געווען מער בְּרִיה, און זי איז מיטגעגאַנגען דאַנעבן, וויניגער זיכער פאַר אים, טרויענדיג אים און זוכנדיג אין דער פינסטער.

די טרייקייט פון דער חבר'טע איז געווען טיפער איידער די טרייקייט פונם חבר. זי האָט אינטימער פאַר אים איינגעזאַפּט אין זיך די לעבעדיגע טראַדיציע פון שטעטל, איר שטילן אומעט, איר טרויעריגן נִגון, איר מעלאָ־דישע שפּראַך, איר פינסטערן לעבן און אירע געהיימע בענקשאַפטן, און אָט די נשמה'דיגע צוגעבונדנקייט אירע האָט זי טריי אָפּגעהיט אפילו אין דער פרעמדער און רייכער רוסישער שטאָט, וואוהין זי איז געפאָרן שטודירן. אָבער וואָס איז אייגנטלאַך דער זין פון דאָס אַלץ צו וואָס עס איז צוגעבונדן די נשמה? וואָס באַטייט דער ניגון וואָס זי היט אַזוי ליבעפול אָפּ? וועלכע ווערטן פילן אָן יענע ספרים, צו וועמענס אויסערלאַכקייט עס רוט אַזאַ שטילער אָפּשיי אין האַרצן? וואָס איז אין דעם וויכטיג און וואָס איז אומוויכטיג, און ווי ענטשיידעט מען צווישן די ווערטן, אויב זיי זיינען סותר

איינע די אַנדערע – דאָס אַלץ האָט זי ניט קלאָר געוואוסט. דער אָפּקלאַנג וואָס האָט זיך דערטראָגן פונם ערנסטן חברים־ויכּוח האָט נאָך מער גע־רייצט און פאַרפלאָנטערט און בולט׳ער געמאַכט די פאַרפרעמדטקייט. איז זי געווען אי זייער צוגעבונדן, אי זייער פרעמד, און האָט אין איר אומ־באַהאָלפנקייט געזוכט אַ שטיצפונקט.

אַזעלכע זיינען דענסטמאָל געווען די בעסטע חבר׳טעס פון ס״ס. איינ־ציגווייס שיינען זיי אין מיין זכּרון. און שרה צווישן זיי.

די געזוכטע און כּשר־פאַרדינטע שטיצע איז שרה׳ן געגעבן געוואָרן אין זייער אַ קאַרגער מאָס. ער, דער גרויסער, גרויזאַמער פריינד, צו וועמען דאָס האַרץ האָט אַרויפגעשריען, האָט ניט געפּירט. אַ העברעאישער ליריקער איז ער געווען. אַ קנאַי און אַ סקעפּטיקער צוגלייך, פול פון פאַרניכטנדער קריטיק און בייסנדיגן וויץ. ביטער האָט ער חוזק געמאַכט אי פון איר סאָציאַליזם אי פון איר אידישער שול, און ביי זיין גאַנצער נאָענטקייט האָט ער אַ קאַלטן געזיכט געמאַכט און האָט קיין וועג ניט געוויזן. אויף זיינע אויגן האָט זי איר משׂא געטראָגן, און ער, דער איידעלער און פיין־פילנדיגער און יסורים־זאַטער פריינד, האָט מוראַ געהאַט זיין האַנט אויסצושטרעקן, טאָמער וועט ער די משׂא נאָך שווערער מאַכן.

און די איבעריגע יונגע מענטשן פון קרייז – זייער הילף האָט ווייניג וואָס געקענט ענדערן. אין צענטער פון איר לעבן זיינען זיי ניט געשטאַנען. און אויך זי ניט אין מיטלפּונקט פון זייער לעבן.

ביז ס׳האָט זיך אָפּגעפונען די אמת׳ע שטיצע, די זיכערע פעלזנפעסטע שטיצע, גראָד פון דאָרטן פון וואַנען זי האָט עס אַמווייניגסטן ערוואַרט.

אַז איר ייִנגערע שוועסטער אין ארץ־ישראל האָט זי איינגעלאַדן קומען צו זיך, האָט שרה געצווייפלט, צי זאָל זי אָננעמען די איינלאַדונג. זי האָט זיך געשראָקן פאַר דער העברעאישער שפּראַך וואָס זי האָט ניט געקענט, און פאַרן נייעם לאַנד וואָס איז איר געווען פרעמד. אָבער אַז זי איז געקומען אין לאַנד און איז אַריין צווישן די אַרבעטער, איז פאַר איר העל געוואָרן דער לאַנג געזוכטער וועג. זי האָט מיט איינמאָל געטראָפן פאַר זיך מענטשן, וואָס האָבן געענוי געוואוסט וואָס איז די גרויסע באַפרייענדע טאַט וואָס דאַרף געטאָן ווערן, און ווי זעט אויס דער מזבּח פון דער דאָזיגער טאַט. און זי האָט אים געפונען פּונקט אַזאַ ווי זי האָט וועגן אים גע׳חלום׳ט: וואָס פאָדערט אַלץ און גיט אַלץ. און מיטן גאַנצן ברען פון איר ניט אויסגע־

נוצטער יוגנט האָט זי זיך אַוועקגעגעבן אויף דער נייער שליחות. אַלץ וואָס ס׳האָט זיך יאָרנלאַנג געקליבן אין האַרצן האָט אַ פלייץ געטאָן אין אַ ים פון טרייער איבערגעגעבנקייט, פון שטילן אומאונטערבראָכענעם העראָאיזם. איר פּערזענלאַכער אַסקעטנטום איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַנאַטיזם פון דינסט, אָנשטאָט דער פאַרצווייפלונג פון ליבע האָט זיך צעבליט אַ מילדע באַרימהאַרציקייט. און אַ גליקלאַכער שיין האָט זיך ניט אָפּגעטאָן פון איר געזיכט: ווייל ס׳איז אויפגענומען געוואָרן איר קָרבן.

זַלמן

וועגן שָׂרה לישאַנסקיס בריוו

די בריוו וואָס זיינען געבליבן פון שרה לישאַנסקי און זיינען פאַרעפנטלאַכט געוואָרן אין „לְאָחוֹת״ *), זיינען כּמעט אַלע געשריבן צו איין מענטשן — צו אַ ייִנגערער שוועסטער, און דערפאַר איז מִמֵילא זייער קרייז אַן ענגער. אָבער פון אַלע בריוו אָטעמט די וואַרימקייט פון אַ ליבנדער פרוי. אַזוי ווי מיר וואָלטן אַריין אין אַ ווייסן, ציכטיקן חֶדר, וואו ס׳וואַרט אויף אונז די גוטע, טרייע, איבערגעגעבענע האַנט. און די אַטמאָספערע פון די בריוו — דער צויבער פון אַ פרוי, וואָס האָט אין גאַנצן פאַרגעסן וועגן זיך און דאַגה׳ט בלויז נאָר וועגן אַנדערע — באַהערשט דעם לעזער. די געדרוקטע ווערטער „קופּת־חולים״ אויפן בויגן פּאַפּיר באַקומען אין אירע בריוו מיט אַמאָל אַן עכטע לעבעדיקייט און ס׳דוכט זיך, אַז אין די בוכשטאַבן איז אָנגעגאָסן דאָס ליידן, די ליבשאַפט און די אַרבעט פון די אַלע וואָס האָבן מיט זייער לעבן געשאַפן דעם אינהאַלט פון דער הסתדרות.

און נאָך איין בילד וואַקסט אַרויס פון אירע בריוו: די אידישע מִשפָחה. אָט די משפחה וואָס איז געווען פאַרן אידישן מענטשן, — דעם מענטשן אָן אַ לאַנד, אָן אַ קלאָרע צוקונפט און אָן קיין שום שוץ, — כּמעט דער וויכטיגסטער אָנהאַלט אין לעבן. וועגן די פלאָנטערנישן פון דער אידישער פאַמיליע אין די לעצטע דרייסיק יאָר, די יאָרן פון עמיגראַציע און רעוואָלוציע, פון וועלט־מִלחָמה און ארץ־ישראל־עֲלִיה האָט אָ נ ג ע ה ו י ב ן צו שרייבן שָלום־עליכם. און ס׳איז כּמעט ניט אָנצונעמען, אַז

*) „דער שוועסטער״ — א זאמלהעפט וואס די „וַעֲדַת־הַתַּרְבּוּת״ פון דער הַסְתַּדרות האט ארויסגעגעבן צו שרה׳ס ערשטן יארצייט.

ביי אַנדערע פעלקער זאָל די משפחה שפּילן אַזאַ ראָל ווי ביי אונז: זי צע־שפּרייט אירע קינדער איבער אַלע יַמ׳ען און קולטורן, קלאַסן און געטער, און היט אָפּ בִּשעַת מַעֲשֶׂה אי די צוגעבונדנקייט פון דעם יָחיד, אי די גאַנצקייט פון דער אומה.

און די אידישע טעכטער — ניט אומזיסט דערמאָנסטו זיך לייענענדיג שׂרה׳ס בריוו אָן טֶביה דעם מילכיגן. ס׳קייטלט זיך אַ גורל.

צו אַכצן יאָר אַנטלויפט מען פון אונטער׳ דער חופּה, מ׳זוכט אַ וועג צו בילדונג, צום פאָלק, צו זעלבשטענדיקייט אין לעבן און אין ליבע, מ׳פירט אַ שטורמישן גייסטיגן לעבן, שענקט די גאַנצע מוטערלאַכע צאַר׳טקייט דעם פויער אין דער „זעמסטוואָ״ און דעם אַרבעטער־חבר אין ארץ־ישראל, דער אידעע פון דער רוסישער רעוואָלוציע און פון דער אידישער באַפרייאונג. און אָפּטמאָל לייגט מען נאָך אַרויף אויף די שוואַכע פּלייצעס די דאגה פאַר טאַטע־מאַמע; מ׳איז אַדורך אַ וועג, אַ לאַנגן וועג, אַן אַנדערן ווי דער, וועלכן ס׳זיינען אַדורך די מאַמעס. ביז מ׳איז עפּעס געוואָרן — אי פאַר זיך, אי פאַר דעם גאַנצן דור. אָ וואָס, פאַרביגייענדיג זיינען אויפן נייעם וועג צוטראָטן געוואָרן די האָפנונגען פון יוגנט, די רואיקייט פון דער היים, די זיכערקייט פון ליבע — נו, איז עס טאַקע געבליבן צוטראָטן. אַזאַ וועג איז עס.

תל־אביב ר. כּ.

רחל זיסלע־לעווקאוויטש — אין דער עין־חרוד׳ער מַשתּלה

רָחל זיסלע

זי איז געווען אַ קינד פון איר דור — פונם דור וואָס האָט פון זיין אומגעהויערן ליידן געוועבט דעם חלום פון אַ נייעם לעבן און איז אַליין געווען דער פּיאָניר אים צו פאַרווירקלאַכן.

געבוירן סוף 1898 אין אַ קליין שטעטל אין דער ליטע — יאַנאָווע ביי קאָוונע. איר ערציהונג — די געוויינלאַכע הויז־ערציהוג פון אַ אידישער טאָכטער ביי פרומע בירגערלאַכע עלטערן; איר בילדונג באַקומט זי אין אַ רוסישער פאָלקס־שולע און פון צייט צו צייט לערנט זי אויך העבראַיש ביי לערער, וועלכע באַווייזן זיך אין דעם קליינעם שטעטל.

זי איז קלוג און לעבנסלוסטיג, אָבער די איינפאַכקייט און אָפּגעשטאַנענקייט פונם פּראָווינץ־שטעטל גיט זייער ווייניג געלעגנהייט פאַר ענטוויקלונג. דער אידעאַל פון דער יוגנט איז דער סטודענט, וועלכער פאַלט אַריין אַמאָל אין שטעטל און רעדט פליסיג רוסיש.

ס׳קומט די מלחמה, דער גירוש: מ׳לעבט איבער שרעק, סכּנות און לאַנגע וואַנדערונגען. ענדלאַך קומט מען ווידער אַהיים. די שטעטל איז אונטער דער דייטשער אָקופּאַציאָנס־מאַכט און איז איצט נאָך מער אָפּגעריסן פון דער גרויסער וועלט און פון אידישע צענטרען. און די טאָןגעבער אין איר זיינען די דייטשע לויטענאַנטן. זיי הערשן מיטן גאַנצן כּוח פון קריגס־געזעץ און מיט דער גאוה פון מענטשן „פון אַ העכערער קולטור און שענערער ראַסע״. די אַטמאָספערע אין שטעטל איז אַ קנעכטישע; די דערוואַקסענע נעמען אַראָפּ פלייסיג די היטל פאַר יעדן אונטער־אָפיצער און די יוגנט סטאַרעט זיך צו ריידן דייטש און צו פאַרבינדן „הויכע״ באַקאַנטשאַפט. רחל, זעכצן יאָר אַלט, איז די ערשטע וועמען דער זעלבסט־געפיל לאָזט ניט רוען, און נאָך אַ קורצער צייט פון גייסטיגן זוכן שאַפט זי אַ קליינעם קרייז פאַר לערנען אידישע פראַגן. זי לערנט פלייסיג העבראַיש און פאַרטיפט זיך אין אידישע היסטאָריע און אין די נייע באַוועגונגען און קומט גיך צום ציוניזם. דער קליינער קרייז וואַקסט זיך פאַנאַנדער ביז ער

נעמט אַרום דעם גרעסטן טייל פון דער יוגנט און טראָגט אַריין אַ נייעם טאָן אינם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון שטעטל. מען לערנט און מ׳רעדט העברעאיש, מען אָרדנט איין אָוונטן מיט אַ נאַציאָנאַלן און פאָלקסטימלעכן אינהאַלט און עס שאַפט זיך אַ קולטור־סביבה.

אָבער פאַר רחל׳ען, פאַר אירע פאַרבאָרגענע כּוחות, פאַר איר זוכנדער נשמה איז עס זייער ווייניג. איר פּערזענלעכקייט און כאַראַקטער פאָדערן אַן אויסדרוק. זי פאָרט קיין קאָוונע און קומט אָן אין דער אידיש־דייטשער גימנאַזיע. די גימנאַזיע שטייט אויף אַ גרויסער בילדונגס־מדרגה און רחל זעטיגט איר דורשט נאָך וויסן. דאָרטן הערשט אָבער אַ דעמאָראַליזירטע אַטמאָספערע; דער דירעקטאָר און ס׳רוב לערער זיינען דייטשע פעלד־ראַבינער פון פראַנקפורטער שניט און זייער משונה׳דיגע פרומקייט און שטרענגער רעזשים האָבן זיי פאַרשלאָסן דעם וועג צו דער יוגנט. צווישן די לערער און די עלטערע שילער זיינען כּסדר געווען קאָנפליקטן. דער מצב האָט געשאַפן ביי רחל׳ען אַ זעלישע שפּאַנונג און אַ בענקען צו אַ ריינערער אַטמאָספערע.

ס׳רוקן זיך אָן וויכטיגע היסטאָרישע טעג: די רעוואָלוציע אין רוס־לאַנד, די ערוואַכונג פון די מאַסן אין דייטשלאַנד, די גאולה ערוואַרטונגען פון אידישן פאָלק. גוטע בשׂורות און ליכטיגע האָפנונגען טראָגן זיך אין דער לופט. רחל לעבט דאַן איבער דאָס זעלבע וואָס פילע אַנדערע פון דער אידישער יוגנט. זי פילט דעם גאַנצן מענטשלעכן זין פון דער רעוואָלוציע און זעט אין איר די מעגלעכקייט צו בויען פון דאָסניי דאָס לעבן, די מעגלעכקייט צו לעבן לויטן אייגענעם געוויסן און ברייינגען צום אויסדרוק אַלע פערזענלעכע כּוחות. צוזאַמען מיט אַ גרופּע חברים וועבט זי דאַן דעם חלום פון אַ ברודערלעכן צוזאַמענלעבן אויפן גרונד פון אַרבעט אין ארץ־ישׂראל. די גרופּע איז באַגייסטערט און קען מער ניט פאַרזעצן דעם געוויינלעכן וועג. זי באַשליסט ניט צו וואַרטן און מאַכט גלייך דעם מסוכּנ׳דיגן שפּרונג צו אַ נייעם לעבן. אין אַ ליטווישן הויף (קוויטישקי) ביי מאַריאַמפּאָל געפינען זיי אַרבעט און גרינדן דאָרט אַ קאָמונע. דאָס איז די ערשטע ליטווישע חלוץ־גרופּע „אַחְוָה״. רחל פאַרלאָזט די גימנאַזיע אַ קורצע צייט פאַרן ענדיגן און גייט צוזאַמען מיט דער קבוצה.

זי וואַרפט זיך אַריין אין דעם נייעם לעבן מיטן דורשט פון אַ מענטשן וועלכער האָט יאָרן־לאַנג געזוכט און ענדלאַך געפונען. זי איז גובר די שוועריקייטן פון איבערגאַנג צו פיזישער אַרבעט און ווערט

אַ גוטע אַרבעטאָרין. אין דער קבוצה איז זי – אַ דאַנק איר באַוואוסט־זיניקייט אַלס מענטש און פרוי – איינע פון די טאָן־געבער, וואָס שאַפן דעם לעבנס־סטיל און דעם כאַראַקטער פון די חבר׳שע באַציהונגען. זי איז אַ גוטע חבר׳טע, אַ שוועסטער וואָס פילט און פאַרשטייט אויך קלייניקייטן וועלכע זיינען נוגע די חברים. עס ענטפלעקן זיך ביי איר נייע כּוחות, וואָס באַרייכערן דאָס לעבן אַרום איר. ס׳שטראַלט פון איר אַ שֶפע פון ליבע און מסירות־נפש. זי איז אינגאַנצן ענערגיע, באַוועגונג און געזונטער לעבנס־פאַרשטאַנד. און דערביי האַלט זי זיך עקסטרעם אָן איר נייעם לעבנס־שטייגער: זי גייט שטענדיק באָרוועס, אפילו ווען זי קומט אין שטאָט, קליידט זיך זייער פּראָסט, עסט וועגעטאַריש און איז איינפאַך אין אירע באַציהונגען מיט מענטשן.

כאַראַקטעריסטיש פאַר איר אויפריכטיקייט און מענטשלאַכקייט איז איר באַציהונג צו דער משפחה. זי האָט ניט מוַתּר געווען אויף קיין איין פּרט פון איר נייעם לעבנס־שטייגער און דערמיט אָנגעמאַכט אירע עלטערן פיל פאַרדרוס. אָבער צוזאַמען מיט דעם איז איר באַציהונג צו זיי געוואָרן פיל טיפער און מענטשלאַכער און די צערטלאַכע ליבע און מיטגעפיל, וואָס זי האָט זיי אַרויסגעוויזן, האָבן געהיילט די וואונדן וואָס איר אַרט לעבן האָט זיי פאַרשאַפט. אויך קומענדיק קיין ארץ־ישראל האָט זי ניט גערוט ביז זי האָט זיי אַראָפּגעבראַכט.

נאָך אַ האַלב יאָר אַרבעט אין פּריצישן הויף ווערט זי נירן־קראַנק. איר לעבן איז אין סכנה. און אַז ס׳ווערט איר שוין בעסער, איז נאָך אַלץ שווער זי אַוועקצושטעלן צוריק אויף די פיס, ווייל זי איילט אומגעדולדיג צו דער אַרבעט און ווייל זי איז פאַנאַטיש איבערגעגעבן אירע פּרינ־ציפּן פון וועגעטאַרישן עסן און לייכטער קליידונג.

ווינטער צושפּרייטן זיך די חברים איבער דייטשלאַנד, בעלגיע און פראַנקרייך, אַרבעטן אין קוילן־גרובן און וואַרטן אַז די עליה זאָל זיך אָנהויבן. רחל אַרבעט אין קאָוונע כּדי צו פאַרדינען אויף דער עליה. דערביי האַלט זי זיך אויך דאָ ביי איר לעבנס־שטייגער. באַזונדערס היט זי זיך פון עקספּלואַטירן אַנדערע. זי איבעראַשט אַמאָל אַ טרעגער ווען זי באַצאָלט אים דאָס דאָפּלטע וויפיל ער האָט פאַרלאַנגט, זאָגנדיג אים אַז אַזוי פיל פאַרדינט זי אויך ביי אַ גרינגערער אַרבעט.

ענדלאַך קומט דער לאַנג־ערוואַרטעטער מאָמענט און רחל פאָרט מיט איר קבוצה קיין ארץ־ישראל. זי צושיידט זיך צייטווייליג מיט דער

קבוצה און גייט אַרבעטן אין חדרה, כדי צו קענען זעלבשטענדיגער לערנען דאָס לעבן אין ארץ־ישראל. אין די פּרדסים פון זכּפּצי־בה „עפענען זיך איר די אויגן”; זי הויבט אָן צו שפּירן דעם דופק פון לעבעדיגן בוים און פון דאַן אָן ווערט ערד־אַרבעט איר העכסטער אידעאַל.

שפּעטער אַרבעט זי אַ געוויסע צייט אין כּרכּור, אין אַ קבוצה. דאָרטן ענטשליסט זי זיך פאַר דעם גרויסן קיבוץ און גייט אַריין אַלס חבר׳טע אינם גדוד־עבודה*) אין מגדל. מען פאָדערט זי אין אַרבעטער־שפּיטאָל וועלכער איז נאָך דאַן געווען איינגעאָרדנט אין צעלטן, אין פּרימיטיווע און שווערע באַדינגונגען. די אַרבעט פּאַסט אַזוי צו אירע אייגנשאַפטן, צו איר וואַכזאַמקייט פאַר דעם צוויטנס ליידן און צו איר קענען זיך אָפּגעבן אין גאַנצן. זי לעבט אָבער צו אינטענסיוו אין דער אַרבעט. אַלץ וואָס ס׳קומט פאָר אין שפּיטאָל מאַכט אויף איר אַ צו טיפן איינדרוק און אירע כּוחות סטייען ניט מער. זי מוז איבערבייטן די אַרבעט. זי גייט אַוועק מיט איר ליטווישער קבוצה בויען הייזער אין כּפר־גלעדי.

נאָכדעם ווי דער קרן־הקימת האָט אָפּגעקויפט נוריס, קומט רחל אין עין־חרוד. דאָ איז זי פאַרבליבן אַכט יאָר, ביז איר לעצטן טאָג. דאָ האָט זי זיך געטראָפן און פאַרבונדן מיט שלמה לעווקאָוויטש (לָביא) און דאָ האָט זי אויך געבוירן אירע דריי קינדער.

צוויי אייגענע ווינקלאַך האָט זי געהאַט אין עין־חרוד — ביי די יונגע בוימער און ביי די קינדער. צוביידן האָט איר געצויגן די זעלבע נייגונג, די נייגונג צו האָדעווען, צו פאַרמירן געשטאַלט און כאַראַקטער. פון נאַטור איז זי באַשענקט געווען מיט אַן אויסערגעוויינלאַך צאַרטן געפיל פאַר אַלע אָרגאַנישע ערשיינונגען. פון אָט דעם געפיל און פון איר מסירות־נפש איז צונויפגעוועבט געוואָרן דער טיפּישסטער שטריך אין איר כאַראַקטער — די מוטערלאַכקייט, די טיפע מוטערלאַכקייט וואָס האָט אַרומגענומען ניט נאָר אירע קינדער, נאָר יעדן קינד, יעדן מענטשן בכלל.

די לעצטע יאָרן האָט זי זיך פיל באַטייליגט אין דער געזעלשאַפט־לאַכער אַרבעט אין קיבוץ. זי איז געווען אַ חבר׳טע אין חברים־געריכט, אין דער וואוינונגס־קאָמיסיע און אין דער ערציהונגס־קאָמיסיע. זייער פיל פלעגט זי זיך אָפּגעבן מיט דער אָנפירונג פון דער מַשתֵּלה, וועלכע באַשעפטיגט אין עין־חרוד כּמעט שטענדיג פופצן־צוואַנציק חבר׳טעס און איז איינער פון די וויכטיגסטע צווייגן אין דערווירטשאַפט.

*) דער ארבעטס־לעגיאָן אויפן נאָמען פון יוסף טרומפּעלדאָר.

אין האַרבסט 1930 שטייט עין־חרוד אויפֿן שוועל פֿון אַ נייער עפּאָכע. נאָך אַכט־יאָריקע ליידן און וואַלגערן זיך אין שלעכטע באַראַקן און אין אַ סביבה פֿון מאַלאַריע, האַלט מען ביי אַריבערגיין אין די ניי־געבויטע הייזער אין קומי. דער עתיד זאָגט צו צו זיין בעסער און לייכטער ווי דער שווערער עָבר. דערווייל אָבער, אין דער איבערגאַנגס־צייט, דער־גרייכט די וואוינונגס־נויט איר העכסטע מדרגה. און אָט רוקן זיך אָן די האַרבסט־ווינטן און וועטער־קאַפּריזן, און אין עין־חרוד כאַפּט זיך אַריין די גריפּע. די העלפֿט חברים ליגן קראַנק, די געזונטע מוזן אַרבעטן איבער די כּוחות כּדי אָפּטאָן די דרינגענדסטע ווירטשאַפֿטלאַכע אַרבעט. אויך אין די קינדערהיימען כאַפּט זיך אַריין די עפּידעמיע און רחל אַרבעט איבער די כּוחות אין קאַמף מיט די שווערע איבערגאַנגס־באַדינגונגען. אין אָוונט איז זי באַשעפֿטיגט ביי זיצונגען און אַנדערע געזעלשאַפֿטלאַכע ענינים. ענדלאַך ווערט זי אַליין קראַנק און ס'ווערט גיך קלאָר אַז איר קערפּער, וועלכער איז שטאַרק אָפּגעשוואַכט פֿון פֿיל מאַלאַריע אָנגריפֿן און אָנגע־שטרענגטער אַרבעט, וועט די קראַנקייט ניט איבערטראָגן.

זי אַליין האָט זיך ניט געריכט אויפֿן טויט. אַ שעה פֿאַרן סוף האָט זי נאָך שטאַרק געדאגה'ט פֿאַר די קינדער. נאָכדעם איז זי איינגעשלאָפֿן, מיט אַ רואיקן געזיכט פֿון אַ מענטשן וועלכער קען זיין זיכער אַז ער האָט געטאָן אַלץ כּדי ווערט צו זיין דעם נאָמען מענטש.

פֿרייטאָג דעם 7־טן נאָוועמבער האָט דער פֿינף־הונדערט קעפּיקער עולם פֿון עין־חרוד און תּל־יוסף שטיל־שווייגנדיק באַגלייט די יונגע חבר'טע צו איר אייביקער רו. אויף איר קבר האָט מען פֿאַרזעצט יונגע בוימער וועלכע זי האָט אַליין געהאָדעוועט און ניט ווייט פֿון בית־הקברות האָט עין־חרוד אין פֿרילינג פֿאַרפֿלאַנצט אַ גרויסן פּרדס וועלכן מ'האָט אַ נאָמען געגעבן פּרדס־רחל.

אונזער באַוועגונג, וועמענס העכסטע שטרעבונג איז צו שאַפֿן דעם נייעם מענטשן, האָט אין איר געפֿונען די ריינסטע פֿאַרקערפּערונג.

שכונת־ברוכוב לא־נוחם

רָחל׳ס טויט

וועט ווער פון אונז קענען דערציילן וועגן רָחל׳ען, אָדער קיינער ניט? און אפשר דערווייל נאָך ניט, ווייל דערווייל ריידן מיר נאָך מיט זיך אַליין וועגן אונזער גרויסן אומגליק.

פונדעסטוועגן דוכט זיך מיר אָפטמאָל אַז מען טאָר ניט שווייגן. ווייל די גאַנצע אַרבעטערשאַפט טרויערט ניט מיט אונז. ווייל זי האָט אונזער רחל׳ען גאָר ניט געקענט, ווייל רחל האָט אירע גאַנצע אַרבעטס־יאָרן אין לאַנד פאַרלעבט צווישן אונז.

און דַוקא וועגן איר איז דאָ אַזוי פיל צו דערציילן — דעם מאָלער, דעם שריפטשטעלער, דעם חבר אין דער אַרבעט, דער מוטער. אָבער אונטער דער לאַסט פונם אומגליק רעדט זיך נאָך דערווייל ניט. בלויז אֲבֵלים זיינען מיר, אֲבֵלִים.

און אויב מיר קענען ניט גוֹבר זיין אונז אַליין און דערציילן עס אַנדערע, לאָמיר לְכָל הַפָּחוֹת זיין ערלאַך מיט אונזערע אייגענע געפילן. וואָרים די גרויסע ערשיטערונג פון רחל׳ס טויט האָט ניט נאָר אָנגערירט דעם יסוֹד פון אונזער הויז, נאָר האָט אויך צושטערט זיין שיינקייט. אַ פרעמד אויג וועט עס גאָר ניט מערקן, אָבער מיר, וואָס קענען יעדן שטריך פון אונזער קיבוץ׳ישער היים, מיר ווייסן אַז רחל׳ס פּערזענלאַכקייט האָט באַשיינט אונזער הויז. איצט וועלן מיר זיך דאַרפן צוגעוואוינען צום גע־דאַנק אַז נעבן שטוב שטייט אַ קבר.

לאָמיר אים רופן: רחל׳ס קבר.

בַּתיה

עין־חרוד

די ליכטיגע

אַז איך בין צום ערשטן מאָל אַריין אינם גרויסן עין־חרוֹד׳ער עס־צימער, וואו ס׳האָבן דאַן געגעסן איבער צוויי הונדערט מאַן, בין איך שטיין געבליבן אַ צוטומלטע פונם שרעקלאַכן רַעש. אַלע — כִּמְעַט באָרוועס, די טישן שמוציגע, אָן אַ טישטוך. די פאַדלאָגע — אָן ערדענע.

דאַן איז אַריין אין עס־צימער אַ יונגע פרוי און האָט דורכגעשניטן, ווי מיט אַ געראַדער ליניע, דעם וועג פון טיר ביז צום צווייטן עק צימער. זי איז דורכגעגאַנגען ווי אַ שטראַל — אַ שלאַנקע און אַ ליכטיגע. מיינע אויגן זיינען איר נאָכגעגאַנגען, ביז איך האָב זי פאַרלאָרן.

— וואָס קוקסטו זיך אַזוי איין? — האָט מיך אימיצער אַ פרעג געטאָן.

— ווער איז דאָס? — און ביי זיך האָב איך געטראַכט — „אויב אַזעלכע קענען דאָ לעבן, איז ניטאָ וואָס מוֹרא צו האָבן אַריינוואַרפן זיך אין דעם פרעמדן אומבאַקאַנטן יַם פון מענטשן, און אָנהויבן אַלץ פון דאָסניי".

אַ ליכטיגע.

ווען איך פלעג זען, ווי אַזוי זי שטייט אַן איינגעבויגענע איבערן קאַסטן מיט יונגע, נאָר וואָס אויפגעגאַנגענע פלאַנצעלאַך, אָדער ווען זי האָט אפילו געשלעפט שווערע וועגלאַך זאַמד — און וויפיל זי פלעגט זיי שלעפּן! — האָט זיך מיר תּמיד געדוכט, אַז אַ יונגע מוטער האָדעוועט אַזוי פינקטלאַך, ליב און טריי, איר איין־און־איינציקן קינד.

צו אַלץ וואָס זי האָט געטאָן האָט גאָר ניט געפּאַסט דאָס וואָרט „אַרבעט", ווייל ניט די פיזישע אָנשטרענגונג האָט זיך געפילט אין איר, נאָר די שְכִינָה פון שאַפנדיגן גייסט. און פונדעסטוועגן, — ווי האָט זי געציטערט איבער יעדן טאָג אַרבעט!

די רואיגע ליכטיקייט וואָס האָט זי באַגלייט אין דער מַשְתֵּלָה, פלעגט אין קינדערהיים פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ לויטערע פרייד, וואָס האָט אַלעמען געלויכטן און געוואַרעמט.

אויפן גאַס רעגנט. יעדע מוטער וואָס קומט אַריין אין זויג־קינדער־היים, ברענגט מיט זיך דעם שמוץ פון דרויסן גלייך אינעם צימער וואו מען זויגט. ס'איז ענג און טומלדיג. רחל גייט אַריין אין אירע אַרבעטס־הויזן מיט איר קלענסטן — מיט הֶלֶל'ן אויף די הענט. זי וויקלט זיך איין אינעם ווייסן פאַרטוך און זעצט זיך אַוועק אין אַ ווינקל אויף דער ערד. און ביידע— די מאַמע און דאָס קינד — גיסן זיך צונויף אין איין שטראָם שִׂמחה און מענטשלאַכן גליק... דעם קינד'ס הענטלאַך נעמען אַרום איר קאָפּ. זיין ליכטיגער פְּנִימ'ל טוליעט זיך צו איר געזיכט. זי ענטפערט אים מיט איר צאַרטן, זינגעדיגן קול, מיט איר קלינגענדיגן געלעכטער, און צווישן ביידן הויבט זיך אָן אַן ערנסטער שמועס פול מיט לעבנס־פרייד, האַרמאָניע און ליבע.

דאָס זיינען געווען די ליכטיגסטע מינוטן אינעם קינדערהיים.

עווא טאַבענקין

עין־חרוד

רָחֵל װיסלע־לעװקאָװיטש

בריוו

I

הײנטיגן אָװנט װידמע איך דיר. איך האָב באַשלאָסן ניט גײן צו דער באַראַטונג און דערצײלן דיר אַלצדינג װאָס ס׳האָט זיך אָנגעזאַמלט בײ מיר פאַר דער גאַנצער צײט. — —

פאַר די נײַנצן חדשים װאָס איך בין אין לאַנד, האָב איך שױן איבער־געטאָן אַ סך מלָאכות: געאַרבעט בײ פלאַנצונגען (אין חֶדֵרָה, אין חֶפצי־בָה), בײ גרינס (אין כַּרכּור), אין קראַנקנהױז (אין מִגדָל), בײ בױ־אַרבעט (אין כּפַר גִלעָדי), אין סעקרעטאַריאַט פונם גדוד הָעֲבודה, אין קיך, אין מַשְׁתֵּלָה און װידער בײ פלאַנצונגען (אין עֵין־חַרוֹד). איך װיל דיר דערצײלן װי אַזױ דאָס איז אַלץ געשען און דו טראַכט װעגן מיר װי דו װילסט.

קומענדיג אין לאַנד האָב איך ניט געװאָלט גײן ניט אין קײן קלײנער קבוצה און ניט אין גרױסן קיבוץ — כ׳האָב געװאָלט גײן אַרבעטן צו אַ קאָלאָניסט. כ׳האָב מיר פאָרגעשטעלט, אַז דער קאָלאָניסט װעט מיר געבן װאָס ס׳איז נױטיג צום לעבן און נאָכן אַרבעטסטאָג װעט מיר נאָך בלײבן גענוג פרײע צײט אַרומצוקוקן זיך אינם נײעם לאַנד, זען די קבוצות, די קיבוצים, דאָס פּערמער־לעבן, געפינען מײן אָרט צװישן דאָס אַלץ און אַרײן אַהין, װאוהין איך װעל האָבן אַ אינװײניגסטע נײגונג.

מיר האָט זיך געװאָלט לעבן אַלײן, כּדי קלאָר אַרײנטראַכטן זיך אין אַלץ װאָס איך זע. מיר האָט זיך געדאַכט אַז דאָס הױז פונם קאָלאָניסט װעט מיר געבן די געװינשטע אײנזאַמקײט. איך האָב געמײנט אַז איך װעל דאָרט אַרבעטן אין שטאַל בײ די בהֵמות, אין גאָרטן בײ די גרינס און אין הױף בײ די עופות. איך האָב אָבער אַ טָעות געהאַט. ס׳האָט זיך אַרױס־געשטעלט אַז אױב אַ קאָלאָניסט איז מַסכּים צו נעמען אַ אידישע אַרבעטאָרין, װײל ער זי זאָל זײן בײ אים אַ דינסט אין הױז. איך האָב זיך באַדאַנקט און בין אַװעק מיט אַ גרופּע חברים קײן חדרה.

דער חֵשֶק צו לעבן אַליין האָט מיך אָבער ניט אָפּגעלאָזן, האָב איך זיך דעריבער איינגעאָרדנט אין חפצי־בה. דאָרט האָבן געאַרבעט סך־הכּל דריי־פיר מענטשן ביי פּלאַנצונגען. די אַרבעט אין חֶפְצִי־בָּה האָט מיר געגעבן אַסך מער איידער איך האָב ערוואַרט. דער דאָרטיגער אויפפּאַסער וואָס קען זייער גוט די פּלאַנצונגען, האָט מיר ענדעקט די וועלט פון באָטאַניק. כ׳האָב אָנגעהויבן צו פאַרשטיין און דער עיקר צו פילן דאָס גרעזל און דאָס בוימל. איך בין אויפמערקזאַם געוואָרן אויף יעדע ענדערונג און יעדע נייס אין זייער לעבן. איז מיר דאָס אַלץ נאָענט און ליב געוואָרן און איך האָב זיך אַרויפגעוואָרפן אויף דער אַרבעט און אויף ביכער וועגן דער אַרבעט. איך האָב זיך אויסגעלערנט צו גרעפן מאַראַנצן און האָב די דאָזיגע אַרבעט זייער ליב באַקומען.

האָבן זיך אָבער באַלד אָנגעהויבן די רעגנס. צוליב די גרויסע בלאָטעס האָב איך ניט געקענט גיין יעדן טאָג דעם לאַנגן וועג קיין חפצי־בה. די חברים מיינע זיינען אַוועקגעפאָרן קיין מגדל, אין גדוד, און האָבן מיר פון דאָרטן געשריבן לאַנגע בריוו. לויט די בריוו האָב איך געהאַט אַ גוטע מיינונג וועגן גדוד, ווייל זיי האָבן געשריבן נאָר גוטס. מיך אָבער האָט די גרויסע געזעלשאַפט פונדערווייטנס געשראָקן. בין איך געבליבן אין חדרה.

דאָס לעבן אין חדרה איז געווען זייער שווער. קיין דירות זיינען ניט געווען. די רעגנס זיינען געווען גרויסע. און פון אויפפּאַסער האָבן מיר געהאַט אויסצושטיין צָרוֹת צרורות. די באַציהונגען מיט אים זיינען געווען זייער אָנגעשטרענגטע און ס׳איז קיין שום האָפנונג ניט געווען אַז די לאַגע וועט ווערן בעסער. דערווייל האָט מען מיך איינגעלאַדן קיין כַּרכּור און איך בין דאָרטן געבליבן. איך בין אַריין אַלץ מער אינם ארץ־ישראל׳דיגן לעבן, כ׳האָב זיך באַקאַנט מיט דער קליינער קבוצה און מיט אַלע אירע דעפעקטן. איך האָב אין כרכּור זיך באַגעגנט מיטן אַרבעטער פון דער צווייטער עֲלִיָּה און מיט דער עלטערער אַרבעטאָרין. כ׳האָב פאַרשטאַנען וואָס עס פעלט אינם דאָזיגן לעבן: ס׳פעלט ווילן, ס׳פעלט פרייקייט, ס׳פעלט שטרעבן. מען לעבט מיטן כּוֹח פון אַמאָל. און די קליינקייט פון דער קבוצה דערווייטערט זיי פונם צענטר. קיינער גייט ניט און קיינער קומט ניט. ס׳איז ניטאָ קיין שום נייע זאַך וואָס זאָל פאַרשענערן דאָס לעבן. די אַרבעט שלינגט איין. ביסלאַכווייס ווערט דער מענטש קלענער און פלוצלינג דערפילט ער זיך שטייענדיק מִחוּץ פון לעבן. די קליינקייט פילט זיך אויף יעדן שריט, ס׳ווערט איינג, ס׳פעלט אויס לופט און מען מוז אַנטלויפן.

די אַרבעט אין דער קליינער קבוצה איז טאַקע פיל אינטענסיווער, אַלע טראָגן דעם יאָך, אָבער וואָס העלפט עס? דער עיקר איז דאָך דער מענטש און ניט די אַרבעט. מיר דוכט זיך אַז אַ מענטש טאָר ניט ווערן קיין אַרבעטס־טיר. אין גרויסן קיבוץ קען מען פרייער פאַרטיילן די אַרבעט, און הַגם זי שטייט נאָך דאָרטן ניט אויף דער געהעריגער הויך, אָבער דאָס קומט דערפון, וואָס עס פעלן נאָך מענטשן מיט אַ גרויסן פאַרנעם און ווייטן אויסבליק. איך בין זיכער אַז מיט דער צייט וועלן פון דער אַרבעט אַרויסוואַקסן אויך די געהעריגע מענטשן. זייענדיג אין כּרכּור און זעענדיג פאַר זיך די חסרונות פון דער קליינער קבוצה, האָב איך אַ סך געטראַכט וועגן גרויסן קיבוץ. און קומענדיג שפּעטער אין גדוד, האָב איך זיך געוואונדערט ווי גענוי כ׳האָב מיר פונדערווייטנס אָפּגעמאָלט אַלע איינצלהייטן.

די אַרבעט גופא איז מיר אין כּרכּור זייער געפעלן געוואָרן. איך האָב געאַרבעט אין אַ פערמע פון אַן ענגלישן אידן, וואָס האָט זיך ערשט אָנגעהויבן בויען. איך האָב געפלאַנצט אַן עקאַליפּטוס וואַלד. כ׳האָב אים דאָ ניט לאַנג פון דאָסניי באַזוכט און כ׳האָב געפונען בוימלאַך וואָס זיינען אָנדערטהאַלבן מעטער הויך. שטעל זיך פאָר מיין פאַרגעניגן!

דערווייל האָב איך זיך דערוואוסט אַז אַהרן איז קראַנק אויף טיפוס.

בין איך געפאָרן צו אים. כ׳האָב אים געטראָפן שוין צום סוף פון דער קראַנקייט, איידער ער איז אַרויס פון שפּיטאָל. איך בין געגאַנגען מיט אים קיין מִגדַל, וואו ס׳איז געשטאַנען דער גדוד, און האָב דאָרט פאַר־בראַכט אַ וואָך צייט. כ׳האָב זיך צוגעקוקט צו זייער לעבן און בין צוגע־צויגן געוואָרן. און באמת, אין פאַרגלייך מיט כּרכּור איז דאָרט געווען פול לעבן און פרישקייט. דענסטמאָל האָט דאָרטן געלעבט אויך י. ח. ברענער. און אין אָוונט האָט געבראַוזט די געזעלשאַפטלאַכע און קולטורעלע אַרבעט. מיט וואָס פאַר אַ דורשט מען האָט געשלונגען אַ רעפעראַט אָדער סתּם אַ וואָרט פון ברענערן. אויסער ברענערס רעפעראַטן איז נאָך געווען אַ שפּראַך־קורס, אַ קורס פאַר באָטאַניק, אַ קורס פאַר ארץ־ישראל קענ־טעניש. דאָס אַלץ האָט מיך זייער באַגייסטערט.

קומענדיג צוריק קיין כּרכּור, פלעג איך אין די אָוונטן חָלוֹמ׳ען וועגן גדוד. ס׳האָט מיר נאָר געשראָקן די אַרבעט פון די חבר׳טעס אין גדוד — זיי אַרבעטן בלויז אין קיך. כ׳האָב געפילט, אַז איך וועל ניט קענען אַריבער פון מיין גאָרטן און פעלד־אַרבעט צו אַזעלכע שטוביגע אַרבעטן,

וואָס האָבן פאַר מיר קיין שום אינהאַלט ניט. איך האָב נאָך אויך ניט געוווּסט געננוי דעם אידעאָלאָגישן מהות פון גדוד, הגם איך האָב פאַרשטאַנען אַז די אידעאָלאָגיע האָט זיך נאָך ניט אויסקריסטאַליזירט אין גאַנצן. ביז חברים האָבן אָנגעהויבן שרייבן בריוו, איך זאָל קומען און איך בין אַוועק אין גדוד. ווייל איך האָב ניט געוואָלט די קיך־אַרבעט בין איך אַריין אַרבעטן אין שפּיטאָל. אַרום האָט געהערשט טיפוס־עפּידעמיע. האָט זיך פאַר מיר געעפנט אַ נייע פעלד פאַר אַרבעט און איניציאַטיוו. די דאָקטוירים זיינען געווען מיט מיר צופרידן און האָבן מיך געבעטן בלייבן.

די אַרבעט אין קראַנקנהויז האָט מיר אַ סך געגעבן. איך האָב זיך אויסגעלערנט פילן מענטשלאַכע ליידן, דערקענען דעם קראַנקן בעת ס׳איז אים שלעכט און דעם דאָקטאָר בעת ער היילט. איך האָב זיך אויסגעלערנט אָפּשאַצן דעם ווערט פון איבערגעגעבנקייט און איך האָב טאַקע געגעבן דעם מאַקסימום וואָס איך קען. אַרומגייענדיג אַרום די קראַנקע האָב איך מיר ערוואָרבן פריינד. אָבער די אַרבעט האָט געווירקט שלעכט אויף מיין געזונט, דער עיקר אויף מיינע נערוון. וואָרים, הגם איך האָב געגאַשט אַ ביסל תּורה אין מעדיצין, איז אָבער מיין באַציהונג נאָך אַלץ געווען „ניט קיין וויסנשאַפטלאַכע״, און יעדער אומגליק אין שפּיטאָל פלעגט מיך פון דאָסניי ערשיטערן. אַז די טיפוס־עפּידעמיע איז אַריבער און די לאַגע איז געוואָרן בעסער, האָב איך ערשט דערפילט מיין מידקייט. מיינע חברים האָבן אין מיר אַריינגעטענה׳ט, איך זאָל אַוועק פון דער אַרבעט. דער דאָקטאָר האָט ניט געלאָזן. איך האָב אים אָבער ניט געפאָלגט און בין „אַנטלאָפן״ קיין כּפר־גלעדי, און ווייל איך האָב אויך דאָרטן ניט געוואָלט אַרבעטן אין קיך, האָב איך זיך געשטעלט צו בוי־אַרבעט. און איך האָב דערביי אויך מַצליח געווען.

און ווייסט, יעדעס מאָל ווען מען האָט הצלחה אין אַרבעט, הויבט מען אָן טראַכטן: אפשר טאַקע בלייבן דערביי, אפשר ספּעציאַליזירן זיך אינם פאַך?

אַרבעטנדיג ביי בוי־אַרבעט האָב איך אָבער ניט פאַרגעסן מיין ציל — לאַנדווירטשאַפט, און איך האָב באַשלאָסן צוריקצוקערן זיך צו איר ביי דער ערשטער געלעגנהייט. דאַן האָט מיר האַרצפעלד פאָרגעשלאָגן צו קומען קיין נַחלת־יהודה און אָנפירן מיטן מֶשֶק הַפּוֹעֲלוֹת. איך האָב מַסכּים געווען, אָבער אַלס חבר׳טע פון גדוד האָב איך דאָרט ניט געקענט זען מיין צוקונפט. בין איך געקומען קיין עין־חרוד. איך האָב געהאָפט דאָרט פאַרווירקלאַכן מיין חָלוֹם — צו אַרבעטן ביי פלאַנצונגען. בין איך אָבער מִאוס אַריינ־

געפאַלן. יהודה ק. האָט מיך געבעטן אַריין אויף עטלאַכע טעג אין סעקרע־טאַריאַט צו העלפן אים. ס׳איז גראָד געווען פאַר דער קאָנפערענץ פון גדוד און צו טאָן איז געווען אַ סך — בין איך אַריין. אָבער ער האָט באַלד אַרויפגעלייגט אויף מיר די גאַנצע אַרבעט, און אָנשטאָט עטלאַכע טעג האָב איך דאָרט אָפּגעאַרבעט עטלאַכע חדשים. דעם אֶמֶת זאָגנדיג, האָב איך איצט קיין חרטה ניט וואָס איך האָב געאַרבעט אין סעקרע־טאַריאַט. דאָרט האָט זיך פאַנאַנאַדערגעוויקלט פאַר מיינע אויגן דער גדוד אין זיין גאַנצן פאַרנעם, מיט אַלע זיינע באַציהונגען, פון אינווייניג און דרויסן.

איצט אַרבעט איך ענדלאַך אין מַשתֵּלָה, ביי די פלאַנצונגען. אַרבעט און האָב הֲנָאָה. די אַרבעט אינטערעסירט מיך אויך טעאָרעטיש. בייטאָג אַרבעט איך און ביינאַכט לערן איך. איך האָב אויך גוטע באָטאַנישע ביכער. איך לעב נאָר אין איין אֵימָה, טאָמער נעמט מען מיך צוריק אין סעקרעטאַריאַט. דאָס וואָלט איצט געווען פאַר מיר פָּשוט אַן אומגליק.

דוב, ליבער. זעסט, כּדי צו ערקלערן דיר פאַרוואָס איך האָב געביטן אַזוי פיל אַרבעטן האָב איך געמוזט שרייבן דיר אַ גאַנצע היסטאָרישע מגִלה. ניט יעדער חבר געפינט באַלד זיין אָרט אין דער אַרבעט. וויפיל חברים בענקען ביי אונז נאָך לאַנדווירטשאַפט און אַרבעטן די גאַנצע צייט ביי הייזער־בויען און שטיינערהאַקן.

II

— — — דו פרעגסט אין דיין בריוו, פאַרוואָס בין איך געקומען צוריק אין קיבוץ. אָבער פריער דאַרף איך דערציילן, פאַרוואָס איך בין לכַתחילה אַוועקגעפאָרן פון קיבוץ.

איך ווייס אַז זייט דו ביסט אַוועק פונם קיבוץ, האַלסטו די גאַנצע קיבוצ׳ישע לעבנספאָרם פאַר פאַלש. דו מיינסט אַז די מענטשלאַכע נאַטור איז קעגן דער קבוצה און דיר דוכט זיך אַז די גאַנצע מִלחָמָה וואָס מען האַלט מיט זיך, כּדי צוגעוואוינען זיך צום קאָלעקטיוון לעבן, איז אַן אומזיס־טע. דו ווייסט אָבער, אַז איך האָב אַן אַנדער מיינונג. דאָס באַדערפעניש צו לעבן אין אַ קאָלעקטיוו איז פאַר מיר, ווי אויך פאַר אַנדערע הונדערטער חברים, אַ טיפע און ערנסטע.

— — מיר האָבן דאָ דורכגעלעבט אַ שטיקל צייט פון אַ שווערן ויכּוח. אָנשטאָט אַ חבר׳שע אויפקלערונג האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף, אַ מלחמה פון צוויי אֱמונות. יעדער צד וויל אויפן טרײַסטן אופן פאַרווירקלעכן זיין אמונה אין דער געזעלשאַפט אין וועלכער ער לעבט, אָט דער ווילן האָט גע־פירט צו אַ שאַרפער מַחלוקת. צוליב דער מַחלוקת בין איך אַוועקגעפאָרן.

איך געדענק פאַרזאַמלונגען. דאָס זיינען שוין מער ניט געווען קיין רייד, דאָס זיינען געווען געשרייען, זודיגע לאַווע; ניט קיין ויכּוח איז עס געווען, נאָר שפיכות דָמים. און איך בין געזעסן אין אַ פינסטערן ווינקל אין גרויסן עס־צימער ווייט פונם טומל און דאָס האַרץ האָט מיר געציטערט יעדעס מאָל ווען אין מיטן ויכּוח האָט זיך אַ האַנט אויפגעהויבן. איך וויל פליען, אַנטלויפן — און איך קען זיך פון אָרט ניט רירן. איך וויל שרייען, וויינען — און איך זיץ שטום.

איינמאָל נאָך אַזאַ אָוונט האָב איך מיר געזאָגט: „ניין. אַזוי קען איך ניט. איך וועל באַלד ניט קענען מער אַכטן די חברים. בעסער אַוועקגיין״. און ביי דער ערשטער געלעגנהייט בין איך אַוועק. איך בין ניט געגאַנגען זוכן אַן אַנדער וועג אין לעבן. ניט איך האָב געוואָלט און ניט איך האָב געקענט גיין מיט אַן אַנדער וועג. איך בין בלויז געגאַנגען פון ווייטאָג אויף דעם שטרעבן וואָס ווערט פאַרשוועכט. אָבער דאָס שטרעבן צום קאָלעק־טיוון דאָרפס־לעבן האָט מיך באַגלייט אומעטום וואוהין איך בין געגאַנגען.

אינם ויכּוח האָב איך באַשולדיגט ניט אַזוי די פירער פון דער מחלוקת, ווי דעם גרויסן עולם חברים. יענע האָבן געהאַט גרויסע כּוחות צום שאַפן, האָבן זיי אויך אין דער גלייכער מאָס געהאַט פייאיקייטן צום צושטערן. און אַזוי ווי די שוועריקייטן פונם אויפבוי האָבן זיי ניט אָפּגע־שראָקן, אַזוי האָבן זיי קיין מורא ניט געהאַט פאַר דער געפאַר פון חורבן. אָבער דעם דורכשניטס־חבר האָב איך ניט געקענט באַגרייפן. איך האָב געוואוסט אַז אונזער קאָלעקטיוויסטישע לעבנס־פאָרם איז פאַר די חברים טייערער פאַר יעדער פּאָלעמיק וואָס פירט צום רואין, און פונדעסטוועגן האָבן זיי זיך אַלע באַטייליגט אין דער צושטערונגס־אַרבעט און האָבן זי געשטיצט.

ס׳איז אויסגעבראָכן אַ שטורם־ווינט אין דער מַחנה, און דער שטורם וואָס האָט זיך אויפגעהויבן האָט אין די הערצער פון אַ סך איבערגעגע־בענע חברים פאַרשטעלט דעם שיין פון אונזער געמיינזאַמען לעבן. אַלע האָבן געפילט: אַזוי קען עס ווייטער ניט גיין. אַזוי וועלן מיר ניט קענען

שאַפן ניט קייןווירטשאַפטלאַכן און ניט קיין געזעלשאַפטלאַכן לעבן. ביז ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן ספֵקות. די לופט איז פול געוואָרן מיט צווייפל. די פאַרזאַמלונגען האָבן אויפגעהערט. נאָכן גרויסן שטורם האָט זיך אויסגעגאָסן אַ שטילקייט. חברים האָבן אָנגעהויבן ריידן מיט זיך אַליין, מיט זייער געוויסן. יעדערער האָט זיך פאַררוקט אין זיין ווינקעלע. און אַז זיי האָבן דערזען וואוהין זיי זיינען דערגאַנגען מיט זייער מחלוקת, האָבן זיי דערפילט אַז מען שטייט פאַר אַ חורבן. און חברים האָבן זיך דערשראָקן פאַרן גורל פון זייער געמיינזאַמען לעבן און געמיינזאַמער ווירטשאַפט. עס איז ביסלאַכווייס אָפּגעפרישט געוואָרן דער באַוואוסטזיין אַז דאָס לעבן ליגט נאָך אין אונזערע הענט. פון טיפן האַרצן האָט אַרויסגעשטראָמט די נויט׳קייט אין דעם קיבוץ־לעבן און אַ נייע באַגייסטערונג פאַר דער אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן.

מיר איז נאָר שווער געווען צו וואַרטן אויף דער נייער באַגייס־טערונג. איך האָב אָבער די גאַנצע צייט קלאָר געוואוסט אַז זי וועט קומען.

III

— — — איך וויל זיך מודה זיין פאַר דיר, אַז לכתחילה האָט מיר באַגייסטערט ניט די אַרבעט און ניט דאָס לעבן וואָס אַרום מיר, נאָר דער בוך. ווי איך פלעג ענדיגן די אַרבעט פלעג איך לויפן צום בוך. און ווייל זייענדיג אויסגעמאַטערט נאָך אַ שווערן אַרבעטסטאָג האָב איך פון בוך ווייניג וואָס געקענט נעמען — האָב איך געפילט אַ אינווייניגסטע פוסטקייט. און ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן וועבן ספֵקות. אָפטמאָל פלעגט זיך טראַכטן, צי וועל איך טאַקע קענען זיין אַ אידישע אַרבעטאָרין?

אַז איך בין אַריין אין דער לאַנדווירטשאַפט, האָב איך פון אָנפאַנג ניט געוואוסט ווי צו קוקן גלייך אויף אַ גרעזל, אויפן פעלד. איך האָב אַלץ געקוקט אויף זיי דורך דער שפּאַקטיוו פונם בוך. און דאָס האָט מיר זיי ניט באַוויזן ווי זיי זיינען אין דער׳אֱמֶת׳ן. אָבער וואָס טיפער איך בין אַריין אין דער אַרבעט, אַלץ ווייניגער האָב איך געפילט די נויטיקייט פונם בוך. ביז די וועלט און די נאַטור, וואָס איז פריער געווען פאַר מיר טויט און שטום, האָט זיך פּלוצלינג אַן עפן געטאָן ווי לעבעדיג, האָט אָנגעהויבן ריידן צו מיר און איך האָב זי פאַרשטאַנען און דערשפּירט. זי איז מיר מורא׳דיג נאָענט און היימיש געוואָרן און איך האָב מיך אָנגעהויבן פילן ווי אַ טייל פון איר. ניט מיין הויז און ניט מיין

צעלט איז געווען מיין היים, נאָר דיווילדע פעלדער און די שטיינערנע בערג. און מיין געזעלשאַפט זיינען געוואָרן די בלומען און די פעלזן, די ביימער און די פויגעלאַך. (ביי אונז פליען די פויגעלאַך צו זייער נאָענט צו אַ מענטשן).

אַסך אַלטע פראַגן זיינען מיר מיט אַמאָל ווי פאַרענטפערט געוואָרן און אַסך קאָנפליקטן ווי אויסגעגליכן. מיר האָט זיך געדוכט אַז איך בין נײַ געבוירן, אַז כ׳האָב נײַע קלאָרע באַגריפן באַקומען און אַז ס׳איז מיר גוט אין דער שיינער וועלט, אין דער גרויסער, טיפער, אומענדלאַכער וועלט. און וואָס מער איך גיב זיך איבער צו דער דאָזיגער וועלט, אַלץ אינטערעסאַנטער ווערט זי. די לעצטע צייט האָב איך געאַרבעט ביי בינשטאָקן. און די רירעווודיגע, פלייסיגע, מוסטערהאַפטע בינען, וואָס פילן אויס מיט זייער זשומען די גאַנצע לופט אַרום, האָבן נאָך פאַרפול־שטענדיגט דאָס בילד פון דער נאַטור אַרום מיר, די האַרמאָניע, אין וועלכער עס גיסן זיך צוזאַמען אַלע טיילן אין איין איינהייטלאַכער גאַנצקייט.

טייערער ברודער דוב! ס׳איז גוט צונויפגיסן זיך מיט דער נאַטור און פילן זיך ווי אַן אָרגאַנישער חלק אין אָט דער פעסטער האַרמאָניע. ס׳איז גוט צו לעבן מיט דער זון, מיט דער לבֿנה, מיטן בוים און מיטן בלום... איצט איז ביי אונז סוף רעגן־צייט. אַלץ וועקט זיך אין דער נאַטור, וואַקסט, ווערט שיין און גרייט זיך צום נייעם לעבן. און מיר הויבן שוין אָן דערפילן די השפּעה פון זייער שיינקייט.

IV

— — — היינט בין איך געווען אין דער מַשתּלה פון דער עקספּערימענ־טאַל־סטאַנציע. כ׳האָב דאָרט פאַרבראַכט אַ סך צייט. ס׳איז מיר געווען אַ שאָד אַוועקצוגיין. ווען איך פאָר אַוועק אויף אַ שטיקל צייט פון עין־חרוד, נעמט מיר אָן אַזאַ בענקשאַפט נאָך לאַנדווירטשאַפטלאַכער אַרבעט און לאַנד־ווירטשאַפטלאַכער סביבה. די שעה׳ן וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין דער מַשתּלה האָבן מיך אָפּגעפרישט, כ׳בין אַרומגעגאַנגען צווישן די בייטן און האָב הנאה געהאַט פונעם חלק, וואָס דער מענטש האָט אין דער נאַטור, און האָב זיך געפרייט וואָס איך העלף איר אין איר אַרבעט. איז עס ניט אַ כּבֿוד פאַר אַ מענטשן?

ווייסט, מיין ליבער, בעת איך רייד וועגן דער מַשתּלה מיט קענער, דערזע איך, אַז איך האָב גאָרניט וואָס אַראָפּצופּאַלן פאַר זיי. פאַרקערט,

זיי זאָגן מיר גאָר קיין נייס ניט און איך זאָג נאָך זיי נייע זאַכן. איך האָב זיך איבערצייגט אַז כ׳האָב אַ גוט אויג פאַר אַזעלכע זאַכן און באַמערק אָפט אין דער מַשׂכּלה ערשיינונגען וואָס אַנדערע זעען ניט.

V

— — — ערשט איצט, זייענדיג ווייט פון אייך שוין עטלאַכע טעג דערפיל איך ווי שטאַרק ס׳איז די ווירקונג פון קינדערלאַך אויף אַזאַ מאַמע ווי איך. אַז איך דערמאָן זיך אָן זיי, ווערט מיר פלוצלינג מיין האַרץ פול מיט ליכט, ליבע און פריילאַכקייט. מיר דוכט זיך אַז די גאַנצע וועלט ווערט אַנדערש. אַלץ פרייט זיך, און יעדע באַגעגענונג איז מיר נאָענט און ליב. ווי די שיין פון דער זון און דער געזאַנג פון די פויגעלאַך וואָלט נאָר צוליב מיר עקזיסטירט. — איך רעכן אַז נאָר צוליב די קינדערלאַך האַלט זיך אין אונז אויף די פרישקייט פון דער ליבע. ווען איך וואָלט געקענט אַ ווײַלע אַ קוק טאָן אויף זיי! ווען דו וואָלסט געוואוסט, ווי איך נויטיג זיך אין זיי. איך רעכן, אַז די גרעסטע שטראָף פאַר אַ מענטשן איז — קינדערלאָזיקייט. און איך דאַנק גאָט יעדן טאָג פון גאַנצן האַרצן וואָס ער האָט פון מיר ניט אָפּגעטאָן די דאָזיגע מַתָּנָה.

אין דער ליטעראַטור

* * *

די פרוי באַטייליגט זיך אין דער יונגער ארץ־ישראל׳דיגער ליטעראַטור ניט ווייניגער ווי אין דער נייער ליטעראַטור פון אַנדערע פעלקער. ביי אידן איז אָבער פיל בולט׳ער דער איבערגאַנג, ווייל ביז איצט איז אונזער פרוי געווען כּמעט אויסגעשלאָסן פונם גייסטיגן שאַפן, צוליב דעם מיטלאַלטערלאַכן כאַראַקטער פון דער אָריגינעלער אידישער קולטור.

די גייסטיגע אויפלעבונג פון דער פרוי אין ארץ־ישראל איז פאַרבונדן מיט דער גאַנצער פרילינגס־באַוועגונג אינם פאָלק: מיטן ציוניזם, מיטן חלוצישן שטראָם, מיט דער אַרבעט ביי דער ערד, מיטן געפינען די אַלט־נייע היימלאַנד און די אַלט־נייע שפּראַך, מיט די סאָציאַליסטישע אידעאַלן. צוליב דעם טאַקע זיינען ביי אונז דאָס רוב פרויען, וואָס באַטייליגן זיך אין דער ליטעראַטור, אינערלאַך פאַרבונדן מיט די גייסטיגע ווערטן, וואָס די ארץ־ישראל׳דיגע אַרבעטערשאַפט האָט גע׳ירש׳נט פון דער אידישער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַוועגונג און וואָס זי האָט אַליין געשאַפן אין איר שווערער דרייסיק־יאָריגער מלחמה אין לאַנד.

אַ באַזונדערע פרישקייט צייכנט אויס דאָס שאַפן פון דער ארץ־ישראל׳דיגער פרוי: עס ווירקט דאָ די נייקייט פון דער עצם זאַך, די ניט געוואוינטקייט אונזערע צו הערן ווי אַ פרוי דערציילט וועגן זיך אַליין אין א קינסטלערישער פאָרם, און אפשר מער פאַר אַלץ — די ניט־געוואוינטקייט אונזערע צו דער אַרט ווי אַזוי אַ פרויען־האַנט באַהערשט די העברעאישע שפּראַך.

די העברעאישע שריפטשטעלערין אין ארץ־ישראל שרייבט מייסטנס לידער אָדער ערציילונגען. די לידער־זאַמלונגען וואָס זיינען ערשינען די לעצטע יאָרן — פון רָחֵל, בַּת־מִרְיָם, אֶסְתֵּר ראַב, אֱלִישֶׁבַע, אַנדאַ פינקערפעלד — האָבן אַריינגעפירט די פרוי אין דער העברעאישער ליריק. אין דער פּראָזע איז דבוֹרָה באַראָן די איינציגע, וואָס האָט נאָך אין גָלוּת געהאַט איר אייגענעם אָרט אין דער העברעאישער ליטעראַטור. אויסער איר באַטייליגן זיך נחמה פוכאַטשעווסקי, בְּרָכָה חַבַּס, שוּלַמִית קאַלוגאַי, ד. אַברהמִית און נייע וואָס האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן דרוקן.

ניט האָבנדיג קיין מעגלאַכקייט צו געבן אַן אַנטאָלאָגיע פון דער העברעאישער פרויען־ליטעראַטור, האָבן מיר נאָר געוואָלט ברייגען עטלאַכע מוסטערן פון אירע וויכטיגערע ערשיינונגען — פון רָחֵל אַלס ליריקערין און דבורה באַראָן אַלס ערציילערין, ביידע עכטע און אַנערקענטע קינסטלערינס.

פון רָחֵל׳ס לידער זיינען שוין אייניגע געדרוקט געוואָרן אין אידיש (אין „צוקונפט“). קיין שום יונגער העברעאישער דיכטער קען זיך ניט מעסטן אין צאַרטקייט און פּשוט׳קייט מיט אירע צוויי העפטען לידער („סְפִיחַ“ און „מִנֶּגֶד“), וואָס זיינען ערשינען די לעצטע פאָר יאָר. דער גרויסער נצחון וואָס די פרויען־נאַטור האָט דאָ אָפּגעהאַלטן איבער דער העברעאישער שפּראַך און איבער

דער שווערער לאַסט פון אירע טויזנטער שטומע יאָרן — איז דער דיכטערין ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן. אפשר ווי אַ מַתָּנה דערפאַר וואָס קומענדיג אין ארץ־ישראל אָן אַ וואָרט העברעאיש און אפילו אָן אַ וואָרט אידיש, האט זי ערשט אויסגעפאַלן... האט זי עראָבערט די נייע שפראַך אינם אידישן דאָרף, אין דער אַרבעטער־קבוצה, ביי דער מאַמע־ערד און ביים תנ״ך. די לייכטקייט, די זעלבסטפאַרשטענדלאַכקייט און זאַפטיקייט פון אירע צניעות׳דיקע ווערטער דערמאָנען אַ סך מער אָן די גוטע רוסישע און אייראָפּייאישע ליריקער, איידער אָן דער טיפּיש העברעאישער דיכטונג. דוקא אַ פרוי און אַ „גר״ האָט באַוויזן אַריינצוהויכן אין דער העברעאישער ליריק דעם פרישן אָטעם פון דער נאַטור.

רחל איז אַ טאָכטער פון אַ רייכער הויז, וואָס איז געבוירן אין צענטראַל־רוסלאַנד און איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אין אַ גרויסער שטאָט אין אוקראַינע אויף דער רוסישער קולטור. דבורה באַראָן איז אַ טאָכטער פון אַן אָרימאַן און אַ יַחסן — פון אַ גרויסן רב אין אַ קליינער ליטווישער שטעטל, און האָט איינגעזאַפּט די אידישקייט נאָך ליגנדיג אין וויג. זי פאַרמאָגט אַ טיפע אידישע בילדונג וואָס זעלטן ווען אַ אידישע פרוי האָט זוכה געווען צו באַקומען. רחל׳ס דיכטונג איז אין גאַנצן ארץ־ישראל. אין דבורה׳ס זאַמלבוך וואָס איז ערשינען נאָך א סך יאָרן לעבן אין ארץ־ישראל, איז ניטאָ קיין איין איינציגע דערציילונג פונם לאַנד גופא. זי איז געווען און געבליבן איינע פון די בעסטע דיכטער פון דער אידישער שטעטל און פון איר קולטור. אין אירע פאָלקאָמענסטע ערציילונגען קען זי זיך מעסטן מיט דאָס שענסטע, וואָס עס פאַרמאָגט פּרֶץ, רייזין און אַש. איר אמת׳ע, איינגעוואָרצלטע „זשוזשיקאָוועקער״ פאָלקסטימלאַכקייט ענטפלעקט זיך אין איר שִׂנְאָה צום זאַטן און גביר׳ישן לעבן און אין איר מוטערלאַכער רַחְמָנוּת אויף אַלץ וואָס איז פאַר׳יָתומ׳ט, אומשולדיג און אומבאַהאָלפן. ווי אַ קינסטלערין, איז איר העכסטע מַדְרֵגָה די אידעאַלע געשטאַלטן וואָס זי האָט געצייכנט פון פאָטער און מוטער.

דאָס סימבאָלישע בילד פון פאָטער און פון דער אידישער מיסטעריע האָט זי אויפגעוויקלט אין איר ערציילונג „די גניזה״ — איינע פון די טיפסטע זאַכן איבער מענטש און רעליגיע וואָס עס פאַרמאָגט אונזער שיינע נייע ליטעראַטור.

אויסער דער שיינער ליטעראטור, באַטייליגט זיך די ארץ־ישראל׳דיגע פרוי פונם נייעם דור אויך אין דער פובליציסטיק. כּמְעט אַלץ, וואָס ס׳איז געשריבן געוואָרן אין דער אַרבעטער־פרעסע וועגן די פראַגן פון פרויען־אַרבעט און אַרבעטאָרינס־באַוועגונג שטאַמט פון דער פרויען־האַנט. וועגן דער „געשיכטע פון דער אַרבעטאָרינס־באַוועגונג״ איז ערשינען אַ כּפעציעלער סֵפֶר — פון ח׳ ע ד ה פ י ש מ אַ ן. פון צייט צו צייט שרייבט אויך די חבר׳טע אין דער אַרבעטער־ליטעראַטור, סיי אין דער אַלגעמיינער פרעסע און סיי אין די לאָקאַלע און העקטאָגראַפישע אויסגאַבן, דאָס רוב וועגן געזעלשאַפטלאַכע פראַגן און וועגן ערציהונגס־ענינים. פון דער פובליציסטיק ברענגען מיר דאָ אַן אַרטיקל פון רָ חֵ ל כּ צ נ ע ל ס אָ ן „פון שפראַך צו שופראַך״ וואָס איז געווען געדרוקט אינם אַרבעטער־זאַמלבוך „בָּעֲבוֹדָה״, אַרויסגעגעבן פון דער לאַנדווירטשאַפטלאַכער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין יאָר 1918.

רחל

אידיש פון ז. ר.

לידער

נעכטיגע טעג...

ס׳איז דער טאָג נאָך ניט טויט, ס׳איז דער הימל נאָך רויט,
אַ פאַרנאַכטיגע שטילקייט איז פּרוכטלאָז פאַרשפּרייט.
פאַר מַעשׂה׳לאַך פוסטע די ריכטיגסטע צייט:
„אַמאָל איז געוועזן אַ מיידעלע ווייט...

אַמאָל איז געוועזן אַ מיידל אַ בּריאה,
געאיילט נאָכן אַקער, די האַנט פול מיט זריעה.
ניטאָ שוין די צייטן. די וועגן צום פעלד
האָט דער גורל פאַרשטעלט...

האָט דער גורל פאַרשטעלט, נאָך אַ ווייל און ס׳איז אויס.
פון אַלע פיר זייטן אַ שטורם ברעכט אויס...״
הער אויף שוין, דו אומעט! זאָל נעמען אַ ברעג
צו מַעשׂה׳לאַך פוסטע פון נעכטיגע טעג.

אֶפשר איז די גאַנצע זאַך אַ ליגן?

אֶפשר איז די גאַנצע זאַך אַ ליגן?
ווער ווייס?
אֶפשר האָב איך גאָר זיך ניט געפּעדערט
באַאַרבעטן דעם גאָרטן מיט מיין שווייס?

אֶפשר אין די לאַנגע הייסע שניט־טעג
האָט גאָר קיינמאָל
אויבן, אויף אַ וואָגן פול מיט סנאָפּעס
ניט געקלונגען הויך מיין קול?

אֶפשר האָב איך גאָר זיך ניט גערייניגט
אינם בלאָען שוים
פון מיין כִּנֶרֶת... אָ, כִּנֶרֶת מיין,
ביסטו אין וואָר געוועזן, אָדער גאָר אין טרוים?

אין גאָרטן

ס׳איז ראָז די וועלט און בלאָ און גוט
אין אַן אֱלול׳דיג פֿאַרטאָג.
אָפשר זיך פון שטויב אויפהויבן,
אָנהויבן אין מאָרגן גלויבן?
פרום אַ קוש געבן די רוט,
אָננעמען דעם גזר פֿאַר גוט?

אינם גאָרטן צווישן בייטן קומט אַ מיידל פון דערבײַ.
דער קראַן ברויזט פריי.
שפּריצט זי לעבן אומעטום, קומט פון דורשט
קיין גראָז ניט אום.
נישט פאַרזען און נישט פאַרלאָרן.
אָפשר שענקען גאָט זיין צאָרן,
אָפשר אָנהויבן פון ס׳ניי?

נעם מיין האַנט

נעם מיין האַנט אין דיינעביידע גוטע הענט,
דו, ברודער מיין.
מיר ווייסן ביידע: עס וועט די שטורמיש שיף
אין האַפן ניט אַריין.

טרייסט מיר, איינציגער, מיט גוטע רייד,
ס'איז ביטער מיר.
מיר ווייסן ביידע: עס וועט דאָס בלאָנדזשענד קינד
ניט זען דער מאַמעס טיר.

קראַנקערהייט

אַריינשרויפּן אין פינסטער בליקן ווי געשרייען,
אויסשטרעקן אין פוסטקייט בענקענדיקע הענט,
אויפהאָרכן אין ציטער ווען ערגעץ בלעטער ווייען,
און האַרן אויף אַ וואונדער, אַ וואונק פון שטומע ווענט.

און זיבן מאָל פאַרצווייפלען, און זיבן מאָל צו גלויבן
אין סודות זוכן טרייסטן, אַז אָט אַ ווײַלע נאָך –
פאַרזינקען אין ניט־וויסן און פלוצלינג זיך אויפהויבן
און שילטן דעם פּסק־דין און אָננעמען זיין יאָך.

און אין זכרונות אַלטע זוכן רו געניסן –
אין זייער אָנריר־ליב, אין זייער מילדן שיין.
פון ביטערקייט פאַרשיכּורט און פון איר רייץ דעם זיסן
צאַפּלען זיך אין ווייטאָג, ביז אין טאָג אַריין.

* * *

בייטאָג און ביינאַכט וועגן דיר און צו דיר,
וועגן דיר און צו דיר זינגט און זינגט אַלץ מיין שיר.
שטורם און שטילקייט און פינסטער און שיין,
וואונדונג און היילונג און נחת און פיין.

עס טרעפט — און איך ווייס ניט צי הער איך דיין רייד.
עס טרעפט — און עס דוכט זיך, אַ ריס איז אין קייט.
אַ וויל נאָר, און ווידער די לידער פון ס׳ניי,
וועגן דיר און צו דיר זינגען האַסטענד און טריי.

וועגן דיר און צו דיר, וועגן דיר און צו דיר —
טויזנט די פידלען און איינציג דער שיר;
שטורם און שטילקייט און פינסטער און שיין,
וואונדונג און היילונג און נחת און פיין.

עֲקָרָה

אַ זונעלע וויל איך! אַ יינגעלע קליין,
מיט שוואַרצינקע לאָקן, מיט שֵׂכֶל און חֵן,
אים האַלטן ביים הענטל, פּאַוואָלינקע פירן
אין גערטל שפּאַצירן,
אַ קינדעלע.
קליין.

איך וועל רופן אים „אורי". אורי׳לע מיין.
צאַרט איז דער נאָמען און לויטער און פיין
ווי אַ טראָפּן פון שיין.
דער נאָמען פון שוואַרצינקן יינגעלע מיין
„אורי!"
וועט זיין.

איך וועל אים דערוואַרטן ווי רָחל די מאַמע.
ווי חַנה אין שִׁלֹה אים אויסבעטן שטום,
וואַרטן און בעטן:
קום!

מיין לאַנד

איך האָב דיך, לאַנד מיינס, ניט באַזונגען
און דיין נאָמען ניט באַשיינט.
מיט קיין גבורות און נצחונות
דיינע שלאַכטן ניט געקריינט.
בלויז אַ בוים — מיין האַנט געפלאַנצט האָט
אויפן יַרדֵנ׳ס שטילן ברעג,
בלויז אין פעלדער אויסגעטראָטן
האָט מיין פוס אַ שמאָלן שטעג.

ס׳איז אַן אָרימע מַתָּנָה,
יאָ, איך ווייס עס, מאַמע לאַנד,
גאָר אַן אָרימע מַתָּנָה
האָט געבראַכט דיין טאָכטערס האַנט.
בלויז אַ יובל שריי פון שמחה,
ווען עס טוט דיין זון אַ שיין,
בלויז אַ שטיל פאַרשטיקטער וויינען
אויף דיין פיין.

דבורָה באַראָן

די גְבִיזָה

אין אַ זומערדיגן שַבת־טאָג איז דער זשושיקאָווקער רָב געשטאַנען אין בית־מדרש אויפן בימה נעבן אָרון־קודש, און האָט געהאַלטן אַ דרָשה וועגן דער סֶדרה, וואָס מען האָט גראָד יענעם שבת געלייענט, אין סֵפֶר בַּמִדְבָּר.

גערעדט האָט ער וועגן בָּלָק דעם זון פון צִפּור דעם קֵיסר פון מואָב, וואָס, אַז ס׳איז אויף אים אָנגעפאַלן דער פַּחַד פאַר די בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וועלכע האָבן אויף אַזאַ וואונדערלאַכן אויפן מנַצֵחַ געווען סִיחון דעם מלך פון אֶמורי און עוג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן, איז ער ניט אַרויס אַנטקעגן זיי מיט אַן אָפענער מלחמה, אַזוי ווי עס שיקט זיך פאַר אַ קיסר, נאָר ער האָט געלאָזט אַראָפּ־ברייגגען פון פתור דעם כִשוף־מאַכער בִלְעָם, ער זאָל זיי שילטן.

און פאַר דעם עולם איז ווי לעבעדיג אויסגעוואַקסן דער מאָדנער אייזל פונם גוי׳אישן נָביא, וואָס האָט אין רעכטן מיטן שמאָלער געסעלע, וואו ס׳שטייט אַ פּאַרקאַן פון איין זייט און אַ פּאַרקאַן פון דער צווייטער זייט — גראָד ווי אין דער גוי׳אישקער געסל אויסן שטאָט — דערזען פאַר זיך פלוצלינג שטיין אַ מַלאך פון הימל און האָט זיך אַזוי צוגעדריקט צום וואַנט, אַז בִלְעָמ׳ס פוס איז שיר ניט צוגעקוועטשט געוואָרן.

געווען איז עס, ווי געזאָגט, זומער צייט, אין אַ הייסן לויטערן שבת בייטאָג. דורך די ווייט פאַנאַנדערגעעפנטע פענסטער פונם בית־מדרש האָט אַריינגעקוקט די נאָענטע לאָנקע, אָפן און גרין און עפּעס יונגער ווי אַלעמאָל, ווייל גראָד הייַנטיגע וואָך האָט מען אָפּגעשניטען דאָס היי. און אַז דער רָב האָט געמאָלט די זיבן מִזְבְּחות וואָס זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן אויפן פעלד אַנטקעגן דער מַחְנֶה פון יִשְׂרָאֵל, האָבן זיך ניט ווילנדיג געטראָגן די בליקן פונם עולם צו די הויכע סטאָגעס היי, וואָס זיינען געשטאַנען קיילעכדיגע אונטער גאָטס הימל.

אָבער „כָּל כְּלִי יוֹצַר עָלֶיךָ לֹא יִצְלָח״, — האָט דער רב אַ געשריי געטאָן מיט זיין לייבן־שטים און די פאַלדן פונם טַלית האָבן זיך ביסלאַכווייס אַראָפּ־

גערוקט פון די אַקסלען און האָבן זיך צעוואָרפן, יִחוס׳דיג און תַּקיף, איבער דער גאַנצער לענג פון דער זיידענער זשופּיצע, רעכטס און לינקס.

און אַז דער רב האָט שאַרף אַרומגערעדט דעם כּוח פון פאָלק ישראל און פון זיין תּורה, וואָס איז אַ „עֵץ חַיִּים לַמַּחֲזִיקִים בָּהּ", איז ער ביסלאַכווייס צוגעקומען צום עיקר עִנין וואָס ער איז אויסן געווען מיט זיין הייניטיגער דרשה, — צו די צוויי נייע פּלענער זיינע, וואָס ער וויל פאָרלייגן דער שטאָט: גוֹנֵז זיין די „שֵׁמוֹת" און די פְּסוּל׳ע סֵפֶר־תּוֹרוֹת בריינגענדיג זיי צו קְבוּרָה, און צווייטנס — און דאָס איז דער וויכטיגסטער פּלאַן — עפענען אין זשוזשיקאָווקע אַ קליינע ישיבה.

די פְּנִים׳ער פונם עולם האָבן אַזוי העל אויפגעלויכטן, נאָך איידער דער רב איז צוגעגאַנגען אַרומריידן גענויער די פְּרָטים פון זיינע פּלענער, אַז די צוויי קנייטשן וואָס האָבן זיך באַוויזן אויפן רב׳ס שטערן — אַ קנייטש פאַר יעדן פּלאַן — זיינען גיך אויסגעגלעט געוואָרן.

אין ווייבערשן בית־מדרש האָט זיך אויפגעהויבן אַ אומגעוויינלאַכע זשוזשעריי בשעת דער רב האָט פאַרבייגייענדיג דערמאָנט מִכּחַ די „טעג" וואָס די פרעמדע ישיבה־לייט וועלן דאַרפן עסן ביי די בעלי־בית׳טעס פון שטאָט. עטלאַכע מינוטן נאָכאַנאַנד האָט זיך געטראָגן דער גערויש פונם אַלטן אַטלאַס איבער דער גאַנצער לענג פון דער מִזרח־וואַנט:

— ס׳איז עפּעס אַ קלער? וואָס?!

דער־מיר און וואָלאָזשין זיינען דאָך אויך ניט קיין כּרכ׳ן. סך־הכּל קליינינקע שטעטעלאַך אין דער אָרימער ליטע.

„אִם יְהִיֶה רֵאשִׁיתְךָ מִצְעָר — אַחֲרִיתְךָ יִשְׂגֶּה מְאֹד" — שטאַרקט דער רב דעם עולם מיט אַ פלאַמענדיגן קול, צונויפנעמענדיג צוזאַמען אַלע עקן פונם ברייטן טלית. און טיף־אָפּאָטעמענדיג, ווייל ער איז מיד געוואָרן — די זון איז דערוויל אונטערגעגאַנגען און האָט זיך אָפּגעשטעלט נידעריג, הינטער דעם טייך זשוזשיק — איז ער איבערגעגאַנגען צום לעצטן און צום שענערן טייל פון דער דרשה, צום מָשל, און דער עולם, אַן אויפ־געציטערטער, האָט זיך צוזאַמענגערוקט און פרייער אָפּגעאָטעמט.

מיט אַן עכטער ליבשאַפט האָבן די ווייבער אָנגעקוקט די יונגע רביצין וואָס איז געשטאַנען אין דער באַטיסטענער קלייד, מיטן לאַנגן סטאָן, וואָס איז איר צוגעפאַלן איינג צו דער טאַליע — בשעת דער רב האָט זיך צעוונגען מכּח דער שיינער בַּת־מַלכּה וואָס אַלע האָבן איר „ליב געהאַט מיט גרויס ליבשאַפט".

ביים שיין פונם זון־אונטערגאַנג האָט געלויכטן דער גאָלד־געקרוינטער פּאַרוק אויף איר קאָפּ, און אַז זי איז נאָך מִנחה פּאַמעלאַך אַראָפּ פון די טרעפּ פונם ווייבערשן בית־מדרש, און די לאַנגע שלעפּע פונם קלייד האָט זיך נאָכגעצויגן נאָך איר, טרעפּ נאָך טרעפּ, אויפהויבנדיק אַ דינינקן שטויב אַרום, איז בֶּאֱמֶת געווען אויסגעגאָסן אַ מין מַלכות־גלאַנץ אויף איר געשטאַלט.

צוגייענדיג צום געסל וואו עס געפינט זיך דער אייז־קעלער, האָט זי מיט חֵן צונויפגענומען די פאַלדן פון איר קלייד, און האָט זיך אַראָפּ־געלאָזן – ווי אַלע אַנדערע ווייבער – אַרויפטראָגן די מילכיגע מַאֲכָלים צו שלוש־סעודות, בשעת דער רב, אַרומגעגאַרטלט מיטן גאַרטל, האָט זיך אויפגעהאַלטן נעבן ברונעם, אַרומגערינגלט פון זיינע מקוֹרָבים, וואָס האָבן שמועסנדיג זיך אָפּגעשטעלט נעמען אַ טרונק וואַסער.

איצט האָבן זיך אויסגעלאָשן די לעצטע זון־שטראַלן און האָבן איבער־געלאָזן נאָך זיך בלויז אַ לייכטע רויטקייט אויפן ברעג דאַך פונם בית־המדרש. די לאָנקע פון דערביי האָט בלויז אַרויסגעקוקט, אַ נעבל האָט זיך געטראָגן פון דער טייך זשוזשיק, און די ציגן מיט פולע אייטערס האָבן פויל אַראָפּגענידערט פון דער פּאַשע אָנטרינקען זיך פונם טייך־וואַסער.

ווי אמת'ע בַּר־דַעת'ן האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אין עק לאָנקע, ביים ראָג פונם מֶרחץ, כּדי אַראָפּצולאָזן זיך אין דער שמאָלער געסל אין אַ גלייכער שערענגע, און אַליין, אָן אַ פּאַסטוך און אָן אַ וועגווייזער, איז יעדע ציג אַוועק צו זיך אַ היים, מעקענדיג גלייך אַנטקעגן דעם גרויסן צובער, וואו זי האָט גוט געוואוסט, – ווייקט זיך אינם וואַסער די שאָלעכץ פונם גרינס וואָס איז צוגעגרייט געוואָרען פּאַרן שלוש־סעודות.

און הַגַם די זומער־צייט איז נאָך געווען אין סאַמע אָנהויב, און אין דער סביבה אַרום זיינען די גרינס ערשט צייטיג געוואָרן און האָבן זיך נאָך ניט באַוויזן אויפן מאַרק, איז אָבער פאַר שלוש־סעודות געווען גענוג דאָס ביסל, וואָס וואַקסט אין דער גוי'אישער געסל: רויטע רעטעכלאַך אָדער ווייסע, אַז מען צעשנייט זיי אויף פּענעצלאַך און מען טוט זיי אַריין אין זויער־מילך און מען באַשיט מיט אַ ביסעלע זאַלץ – איז עס גאָר נישט קיין שלעכטער מַאכל אין ליטע.

אָן שווערקייטן קען מען אויך קריגן גרינע ציבעלע, וואָס מען עסט רויערהייט – גאַנצע אָדער געהאַקטע, איינגעטונקט אין עסיג – אַ יונגינקן אוגערקעלע, וואָס מען בראָקט אַריין פון טַעם וועגן, אינם בוריקעס־באָרשטש, פּאַרווייסט מיט סמעטענע און מיט אַ געלכל פון אַן איי. און וואָס זאָל

מען זיך קלאָגן? וואויל איז דעם, וואָס עסט שלוש־סעודות אין זשושי־קאָווקע, אפילו שבת פּרשה „חוקת" אָדער „בָּלָק".

אין אַ שעה אַרום, אַז די יונגע רביצין איז געשטאַנען ביים אויוון און האָט צוגעגרייט די „מלוה־מלכּה", האָט זי טאַקע געשמועסט מיט דער שכנה וועגן די דאָזיגע ליטווישע מאכלים, וואָס מיט יאָרן צוריק, — און איר אייגנטימלאַכער שמייכל האָט זיך צעגאָסן איבער איר געזיכט — אַז זי איז צום ערשטן מאָל אָנגעקומען אין שטעטל אַריין, האָט זי אויף זיי ניט געקענט קוקן, און איצט זיינען זיי איר געשמאַקער ווי אַלע פּאַטראַוועס פון קרוין־פּוילן.

זי האָט נאָך געטראָגן די באַטיסטענע קלייד מיט דעם לאַנגן סטאָן און האָט בלויז אָנגעבונדן אַ שטוביגן פאַרטוך אַרום גאַרטל, און מיט אַ רַחמָנות־געפיל פון אַ מאַמען האָט די שכנ׳טע געקוקט אויף דער רביצינס קליינינקע הענט, וואָס האָבן זיך גיך באַוועגט און געשיינט מיט זייער ווייסקייט, שיילנדיג די גרויסע אַמעריקאַנער קאַרטאָפל.

אַז די קוילן אַרום דעם דרייפוס האָבן זיך אויפגעזשאַרעט, האָט זי פלינק אַרויפגעוואָרפן אַ פּאָר האָלענדישע הערינג צום בראָטן און נאָכדעם ווי זי האָט צוגעגרייט צו די קאַרטאָפל די רייגן פון די הערינג, — ווארים דער פאַראַיאָריגער אוגערקעס־ראָסל איז שוין אויסגעגאַנגען, — האָט זי פאַרשפּרייט אַ וואָכעדיגן טישטוך איבערן ברעג טיש און האָט זיך אַוועק־געזעצט שמועסן מיט דער שכנ׳טע וועגן דער „גניזה" — דער לויָה פון די שֵמות — וואָס מען וועט פראַוועון אִם יִרצֶה הַשֵם אין גיכן, טאַקע באַלד נאָך די „ניין־טעג".

דינסטאָג פאַרטאָג אַז דער רב האָט זיך אַראָפּגעלאָזן צווישן די גערטענער צום אַלטן מֶרחץ, איז נאָך אַ שווערער טונקעלער נעבל געווען אויסגעשפּרייט אויפן געסעלע.

איינגעוויקלט אין דער זיידענער זשופּיצע און אַרומגעגאַרטלט מיטן גאַרטל איז ער דורכגעגאַנגען — אַ הויכער און אַ וואונדערלאַכער — דורך דער גאַנצער לענג פונם גרויסן באָד־הויז, צווישן די צוויי שורות איבער־געקערטע בענק מיט די קראַנען וואָס קאַפּען אין די בעזימער אַריין און איז צוגעקומען צום קליינעם חדר׳ל, וואו עס שטייען די פאָר וואַנעס און וואו עס געפינט זיך די מִקוֶה.

דאָ האָט ער זיך אַ פּאָרע געטאָן ביים אויוון, האָט אָנגעצונדן אַ קינעלע

און האָט ווי מיט ספקות באַטראַכט דאָס טונקעלע וואַסער אונטן. און שפּעטער, נאָך דער טבילה, אַז ער האָט זיך ביים שיין פון דער זעלביקער קינעלע איינגעוויקלט אינם ליילאַך, זיינען אויפגעקומען — הגם דער אָרט איז דערצו גאָר ניט פּאַסיק — אין זיין לויטער געוואָרענעם מוח די געדאַנקען, וואָס ער וועט היינט אַרויסברייינגען אין דער דרשה, בשעת דער גניזה.

איצט זיינען שוין די פענסטער פונם מרחץ, וואָס האָט קיין לאָדן ניט געהאַט, ניט געווען אַזוי טונקל, און ס׳האָבן זיך כּמעט קלאָר אַרויס־געזען די סטאַגעס היי, וואָס אויף דער דערבייאיגער לאָנקע.

אין דעם שמאָלן דורכגאַנג, וואו ס׳גייען אַלע טאָג די ציגן אין דער שערענגע, האָט זיך קלאָר באַוויזן דאָס געזיכט פונם איינבינדער וואָס האָט געטראָגן אין ביידע הענט אַ בינטל פריש אָנגעריסענע אַיִיר, אויף אויסצופוצן זיין געסל לכבוד יום־טוב. און אַלע באַמיהונגען פון די טרויער־פּסוקים אַריינצופלעכטן זיך אין דער דרשה פונם רב זיינען צורונען געוואָרן ווי גאָרנישט.

דער רב האָט אָנגעצונדן די ליולקע, וועלכע ער פלעגט רויכערן שבת־צו־נאַכטס, האָט אָנגעלייגט אַביסל וועג, איז דורכגעגאַנגען דורכן הקדש־געסל און איז געקומען אין פּאָליש פון בית־מדרש, וואו ס׳האָט געוואַרט אויף אים אין דער פינסטער, אַרומגערינגלט פון קופּעס שמות און קעסטלאַך, דער אַלטער שמש.

— האָט מען שוין געבראַכט די ליימענע טעפּ? — האָט אַ פרעג געטאָן דער רב און האָט אַ צי געטאָן די ליולקע, אַזוי אַז זיין געזיכט און די ראַנדן פון זיין הויט זיינען באַלויכטן געוואָרן, און איז צוגעגאַנגען צו די קאַסטנס וואָס אינם עק פּאָליש.

דאָ, צווישן די פאַרמעטענע יריעות, איז געלעגן אַ פּעקל, וואָס ער האָט נעכטן ביינאַכט געבראַכט פון קהל־שטיבל, פון זיינע ספרים־אַלמערס. איצט האָט ער אָנגעצונדן אַ ליכט, האָט אויפגעבונדן דעם פּעקל „שמות״ און האָט זיי אָנגעהויבן סאָרטירן: שמות פון קבלה־ספרים באַזונדער און שמות פון חקירה־ספרים באַזונדער. אפילו די בלעטער פונם רמב״ם האָט ער געלייגט באַזונדער פון די בלעטלאַך פון ראב״ד, צוליב דער מחלוקת וואָס זיי האָבן געפירט צווישן זיך, הגם דאָס איז אים אַליין אויסגעקומען מאָדנע.

נאָכדעם האָט ער אַליין אָנגעהויבן אַרויפקלעטערן אויפן בוידעם, וואו ס׳איז געלעגן באַהאַלטן אַ קליינע, פּסול׳ע ספר־תורה און עטלאַכע שטיקלאַך

פּאַרמעט, וואָס זיינען פּאַראומריינינגט געוואָרן בשעת׳ן פּאָגראָם אין דעם דערבייאיגן דאָרף סעמיאָנאָווקע. אַז ער איז אַרויף אויפן לעצטן שטאַפּל, און דער שמש וואָס האָט אים באַגלייט איז אַביסל שוואַך געוואָרן און דאָס ליכט וואָס אין זיין האַנט האָט אָנגעהויבן צו ציטערן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט וואַרטן אויפן ראָג פונם דאַך, האָט אויסגעלאָשן די ליולקע און האָט זי באַהאַלטן אין קעשענע אונטערן גאַרטל.

— ר׳ מאָטע, האָט מען שוין אַמאָל געפּראַוועט אַ גניזה אין אייערע יאָרן? — האָט ער אַ פרעג געטאָן. און האָט זיך פאַרוואונדערט, זעענדיג פּלוצלינג אַזוי געדיכט נעבן זיך דעם פון זון־שטראַלן באַגאָסענעם סאָסנאָוון וואַלד, וואָס אויסערן־שטאָט.

— פאַר מיינע צייטן ניט, אָבער פאַר מיין זיידנס צייטן, — האָט אָפּגעזיפצט מאָטע, טאַפּנדיג דעם לעצטן שטאַפּל. און נאָכגייענדיג נאָך זיין וועגווייזער איז ער אַדורך דעם שמאָלן גאַנג, פון וואַנען עס האָט זיך אַ טראָג געטאָן אַן אייגנטימלאַכער ריח פון אַלע פאַרשטויבטע הייליקייטן, האָט הויך אַ הויב געטאָן דאָס חלב׳נע ליכטל און האָט באַלויכטן דעם גאַנצן אַלטן אָרון־קודש, פון וועמענס הילצערנע שניצערייען עס האָט אַרויסגעקוקט ווי לעבעדיג דאָס צעשראָקן געשטאַלט פון דער שטומער טויב און די ציין פונם לייב — אַ משל צום פאָלק ישראל צווישן די אומות־העולם.

„אָט אַזוי, פּלְאֵי פּלָאִים״, האָט שטיל געפּליסטערט דער רב אויסגלייכנדיג זיך, ניט ווייסנדיג אייגנטלאַך וואָס איז דאָ אַזוי פלאים׳דיג, און פילנדיג ווי דער שוידער וואָס גייט אים דורכן רוקן איז ניט אַריבערצוטראָגן. און די ווערטער פון דער אגדה: „אַזוי ווי די טויב שטרעקט אויס די האַלדז צום חלף און צאַפּלט זיך ניט, אַזוי זיינען אידן מקריב זייער לעבן פאַר זייערע הייליקייטן״ האָבן זיך נעבלדיג געפּלאָנטערט פאַר זיינע אויגן בשעת ער האָט זיך איבערגעבויגן איבערן שופלאָדל פונם עמוד, וואו ס׳זיינען געלעגן די פּאַרמעטענע יריעות פון סעמיאָנאָווקע.

פּלוצלינג איז דער שמש אַ פאַרציטערטער אָפּגעשפּרונגען פונם קאַסטן און האָט אַ געשריי־געטאָן:

— רבי, זי איז דאָך נאַקעט?

— ווער? — האָט זיך דערשראָקן דער רב, און האָט אַליין ניט דערקענט זיין אייגענעם קול, וואָס האָט זיך טעמפּ, אָן אָפּקלאַנג, דערהערט צווישן די פאַרשטאָפּטע ווענט.

— די ריי׳ניקייט! — האָט דער שמש אַראָפּגעלאָזט דאָס ליכט אינם קאַסטן

אין וועלכן ס׳איז געלעגן אַ קליינינקע סֵפֶר־תּורה׳לע, — טאַקע אַ נאַקעטע, אָן אַ מענטעלע און אָן אַ מַפּה און דער רב, נעמענדיק זי פֿאַוואָלינקע פֿאַר די עֵץ־חַיִים׳ס, האָט ער זי איינגעוויקלט אונטער זיין זשופּיצע, ווי אַ טאַטע זיין עוֹפה׳לע, און איז מיט איר אַראָפּגעגאַנגען, אויפגערעגט און זוכנדיק מיט די פיס די טרעפּ פונם לייטער, ביי וועמענס אונטערשטע שטאַפּלען, אין פּאָליש ביים זייט, זיינען שוין געשטאַנען און געוואַרט די ערשטע וָתיקין־דאַוונער.

מינע, די אַלטע קינדערלאָזע אַלְמָנָה מינע, וואָס שטאַמט פון אַ מִשְפָּחָה פון כּוֹהֲנִים, איז היינט מיט אַ כִּיוון אויפגעשטאַנען פרי פֿאַרטאָג, כּדֵי אַרויסצופירן די ציג צו דער פּאַשע נאָך איידער דער ערשטער מִנין וועט ענדיקן דעם דאַוונען.

אָבער ביז זי איז אַריין אין שטעלכל און ביז זי איז צוריקגעקומען, און ביז זי האָט דורכגעזייט די מילך און אָפּגעבריט, זיינען שוין די שטראַלן פון דער זון דערגאַנגען ביז צום סאַמע ראַנד פון דער קופּערנער טאַץ וואָס שטייט אויף דער פּאָליצע. דענסטמאָל האָט זי אָנגעטאָן איר האַרטע אַטלעס־סענע קלייד, פון וועלכן עס טראָגט זיך אַ גערויש פון אַן אור־אַלטן יִחוס, האָט אַרויפגעזעצט אויפן קאָפּ די הייבל, אָנשטעלנדיג די ביידע שפּיצן, בערך אַנטקעגן שטערן — קיין שפּיגל איז אין איר גבול ניט געווען — און האָט אַרויסגענומען פון אונטערן באַלקן — אַז אָך און וויי איז איר, נעבאַך, מער ניט ווי אַ אידענע — אַ בינטל בלעטלאַך פון אַן אַלטן „צְאֶינה וראֶינָה״ וואָס איז איר נאָך געבליבן בירושה פון די באָבעס, איז אַרויס פון שטוב און האָט צוגעשלאָסן די טיר.

זי האָט באַלד געזען אַז די צייט איז אַ שלים־שלים־מַזל׳דיגע. פון דער אַנטקעגנדיגער שטוב איז גראָד אַרויס דער גַבּאַי פונם בית־מדרש, מיט אַ צוגעשפּיליעטער וואָלענער קאַפּאָטע און זיינע ביידע בנים האָבן אויף צוויי שטאַנגען געטראָגן נאָך אים אַ פולן קויש מיט „שֵמוֹת״ — בלעטער פון אמת׳ע ספָרים.

שטאַרק אַראָפּגעפאַלן ביי זיך האָט די אַלטע מינע געהאַלטן אין האַנט דעם שטריק וועלכן זי האָט פאַרוואָרפן איבער די הערנער פון דער ציג, און האָט זי געשלעפּט נאָך זיך, ביים וואַנט פון געסל, טראָגנדיק דעם פּעקל צווייפלהאַפטע „שֵמוֹת״ אונטערן אָרעם, ביז זי איז צוגעגאַנגען צום ברונעם. דאָרטן האָט זי צוגעבונדן דעם שטריק פון דער ציג צו דעם סלופּ

און האָט זיך אַ צונויפגעקאָרטשעטער אַוועק געלאָזן גיין צום ווייבערשן בית־מדרש.

חֶבְרָה באַד־יונגען האָבן איר פאַרשטעלט דעם וועג, געסטראַשעט אָפּבינדן די ציג און אַוועקפאָרן אויף איר רייטנדיג.

— אָט איז מינע מיט דער תּחינה! — האָבן זיי געשריען.

אין בית מדרש האָט זיך שוין געענדיגט דער צווייטער מנין און די דאַוונער זיינען אַרויס אין דרויסן. פון נויט האָט זיך מינע געזוכט צו ראַטעווען אינם פּאָליש און האָט דאָרט אָנגעטראָפן דעם רב וואָס איז געשטאַנען ביי די קאַסטנס אויסגעפּוצט אין דער זשופּיצע. און ס'האָט זיך איר געדוכט, אַזוי ווי זי וואָלט זיך אַרויסגעכאַפּט פון אַ ברענענדיגן מדבר אין אַ שאָטנדיג וועלדל.

— מאַכט אַ וועג פאַר מינע פון דער מִשפּחה כֹּהֲנִים — האָט אויסגערופן דער רב, אויסשטרעקנדיג די האַנט נאָכן בינטל.

פאַר זיינע אויגן האָט זיך בליץ־שנעל אַ טראַג געטאָן דאָס געשטאַלט פון דער אִשה, וואָס האָט פאַרצייטנס געבראַכט איר הייפל זעמל־מעל אַ קָרבן אויפן מִזבֵּחַ, און ס'איז געזאָגט געוואָרן דעם כֹּהן: „לאָך ניט פון איר, ס'איז גלייך אַזוי ווי זי וואָלט געבראַכט איר נשמה פאַר אַ קָרבן". און זיינע אויפגעהויבענע ברעמען האָבן עפּעס אַ ציטער געטאָן און האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אינם קאַסטן „שמות" אַריין.

אין אַ שָעה אַרום האָט שוין געהאַלטן אַזוי ווייט, אַז מען האָט געמוזט שיקן די בַעלי־עֲגָלוֹת איינשפּאַנען די פערד, וואָס אויף דער פּאַשע.

אַז די דרייסיק ליימענע טעפּ זיינען אָנגעפילט געוואָרן מיט שֵמות, אויסגעשטעלט געוואָרן אין אַ שורה און צוגעדעקט מיט דעקלאַך, האָט דער אַלטער שַמש אַריבערגעוואָרפן איבער זיי אַן אַלטן פּרוֹכֶת. פּלוצלינג האָט זיך ברוך ברען — דער עלטסטער און שענסטער בעל־הבית אין שטאָט, און טאַקע, אַחוצ'ן רב, דער גרעסטער לַמדן אויך — דערמאַנט אַז הינטער זיין הויז־שראַנק ליגט נאָך אַ פּעקל שאֵלות־ותשובות וואָס זיין זיידע עליו השלום האָט דאָרט אַריינגעשטעקט און ער האָט צעלאָזן די פּאָלעס און זיך געלאָזט לויפן אַזוי פלינק און התלַהבות'דיג צו זיך אין שטוב, אַז קיינער פון זיינע אייניקלאַך האָט אים ניט געקענט אָניאָגן.

איצט האָט מען געהייסן די כְּלֵי־זֶמֶר אויסשטעלן זיך פאָרוייס אין צוויי שורות און די בעלי־עגלות — אַ טאַטע מיט אַ זון — אָנגעטאָן אין קאַמלעטענע קאַפּאָטעס, אָן קיין רוט און אָן קיין בייטש, האָבן אַ פיר

גערטאָן די וועגענער צו דער געסל־צו, וואָס צווישן דעם בית־מדרש און צווישן דעם מאַרק.

אַ פֿאַרשעמט שמייכל האָט זיך באַוויזן אויפֿן געזיכט פֿון דער רֶביצין, בשעת זי איז אַראָפּ פֿונם שול־הויף אָנגעטאָן אין אַ וואָלענע קלייד און אין אַ לייכטן, דורכזיכטיקן מאַנטעלע אויף די אַקסלען. דאָס רוֹב ווייבער, די אמת'ע בעלי־בית'טעס פֿון שטאָט, זיינען געגאַנגען אָנגעטאָן אין דעם ספּעציעלן קאָסטיום פֿון זשושיקאָווקע, ד. ה. אַ האַרטע, אַטלעסענע קלייד, אַ קורצן געשטרייפֿטן פֿאַרטוך מיט פֿאַלבאָנעס, אַזוי אַז די שטרייפֿן ציהען זיך איבער דער לענג פֿונם שטאָף, און אַ שוואַרצע גלאַטע הייבל מיט צוויי שפּיצן וואָס שטעקן אַרויס און טרייסלען זיך ביים גיין.

אָבער אַז דער עוֹלם איז צוגעגאַנגען צום מאַרק און די כּלי־זמר פֿון ביידע זייטן האָבן אָנגעהויבן שפּילן אויף זייערע כֵּלים — צוויי פּייקלאַך, איין טרומייטער און איין דין פֿידעלע וואָס האָט פֿאַרנומען ביים האַרצן — איז שוין אַרויס פֿון קאָפּ יעדער געדאַנק וועגן קליידונג.

מיט אַן ערנסטקייט און מיט דעם באַוואוסטזיין פֿון זייער גרויסער וויכטיקייט, וועלכע ס'האָבן אפשר פֿאַרמאָגט סיידן די יונגע קי פֿון שמואל הנביא'ס צייטן בשעת זיי האָבן געטראָגן דעם הייליגן אָרוֹן פֿונם פֿעלד פֿון פּלשתּים קיין בית־שֶמֶש, האָבן געשפּרייזט די פֿערד, שריט פֿאַר שריט, גלייך איבערן מאַרק, צווישן די צוויי שורות הייזער און צוגעמאַכטע קראָמען, דורך אַ וואָלקן פֿון שטויב און צווישן דעם צוהיצטן עוֹלם, צו דער גרויסער פֿאַרוואונדערונג פֿונם פּאָסטמייסטער און פֿון די שרייבער פֿון דער אופּראַווע וועלכע האָבן זיך נאָכגעשלעפּט מיט אָפּגעדעקטע קעפּ און מיט אַן אויסדרוק פֿון ערשטוינונג אויף זייערע גוי'אישקע שטערנס, ביז צום סאַמע בית־עַלמין, וואו דעם רב'ס קול — בלויז דער קול אַליין — האָט אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף זיי אַ מאָדנע אומפֿאַרשטענדלאַכע אֵימָה.

און דעם רב'ס קול האָט באמת פֿאַרציטערט. איינגעוויקלט אין טַלִית, מיט אַ שיין פֿון גרינקייט אויף זיין בלאַסן פָּנים, האָט ער גערעדט וועגן דעם וואונדערבאַרן אייביגן זיווג וואָס צווישן אידן און דער תּורה וועלכע קענען זיך קיינמאָל ניט צושיידן. און וועגן דעם, אַז ס'איז מִמֵילא מוּבן אַז ווען ס'וועט קומען אָם יִרצֶה הַשֵם דער טאָג פֿון גאולה און אַלע טויטע וועלן לעבעדיק ווערן, וועלן אויך אויפֿשטיין תּחִיַת הַמֵתִים די הייליגע שֵמוֹת וואָס מיר לאָזן היינט אַראָפּ אין קֶבֶר.

„און איך וועל עפֿענען אייערע קְבָרים און וועל אייך אויפֿהויבן און

וועל אייך ברייגען אין דאָס לאַנד פון ישראל" — האָט אויסגעשטרעקט דער רב די האַנט אויף די קברים און אוהל'ס פון די טאַטעס, און אַמאָל צו די מַצֵבות און ברעטלאַך פון די קליינע קינדער — און ווי אַ קרעכץ וואָלט אַדורך צווישן די בוימער וואָס האָבן געשאָקלט זיך און איינגעבויגן זייערע קעפּ.

דאָס איז שוין ניט געווען דאָס קליינע שטעטעלע זשוזשיקאָווקע, פון וואַנען דער יונגער עולם רייסט זיך אין דער גרויסער ווייטער וועלט אַריין שוין צענדליגער יאָרן. דאָס איז געשטאַנען אַן עֵדה אידן פון פיר הונדערט יאָר, מיט אַ לאַנגער שורה פון פופצן רבנים־מופלגים אין דער שפּיץ, מיט מִשפּחות פון כֹּהֲנים און פַּרנסים און אומגעקומענע קדושים וואָס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן אויף קדוש השם — און אַן אויסערגעוויינלאַכער יאָמער וואָס האָט קיין שום ענלאַכקייט ניט צו אַ יאָמער פון אֲבֵלים האָט זיך מינוטן־לאַנג אָן אַן אויפהער געטראָגן איבערן עולם אויפן גאַנצן הייליגן אָרט.

ברוך ברען, דער גרעסטער למדן פון די שטאָט־בעלי־בתים האָט אויסגעשפּרייט זיין געקעסטלטע פּאַטשיילע איבערן דאַך פון זיין טאַטנס אוהל און האָט באַהאַלטן אין איר זיין פאַרכליפּעטן פָּנים, און מינע, פונם הויז פון די כהנים, האָט זיך דורכגעשלאָגן ביז צו איר „נחלה", צו די פיר איילן קַרקַע, וואָס זי האָט זיך געקויפט נעבן דעם קבר פון איר מאַן, און ווי זי איז געשטאַנען האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד און האָט זיך איינגעקלאַמערט אינם גראָז, אַזוי ווי זי וואָלט גאָר ניט געהאַט קיין הייזל מיט אַ שטעלכל ביי דער זייט אין מיטן שטאָט, און קיין מעלקעדיגע ציג אויף דער פּאַשע הינטערן בית־מדרש.

אָבער דַוקא איצט האָט דער רב פאַרענדיגט זיין דרָשה מיט אַ געוויינלאַכן „וּבָא לצִיון" און האָט אָנגעהויבן דער ערשטער פאַרשיטן דעם קבר.

קופּקעסווייס האָט זיך דער עולם אַראָפּגעלאָזן הינטער די כלי־זמר צום פאַראָם־צו, און דאָ, אויפן ראָג, ביים שאַלן פון טרומייט און ביים קלאַנג פון פידל, האָבן אַלע געזען ווי דער רב איז צוגעגאַנגען צום אַלטן בעל־עגלה און האָט אים אָפּגעגעבן אַ ברייטן „פאָרט־געזונט".

— דאָס פאָרט ער קיין טוכאַנאָווקע אַראָפּברייגען ישיבה־לייט — איז פאַר אַלעמען געוואָרן קלאָר, זעענדיג ווי ס'האָט אויפגעשיינט דעם רב'ס געזיכט, בשעת די פּאָלעס פון זיין קאַפּאָטע האָבן האָפּערדיג געפּאָכעט אין דער לופטן. און ווי צוגעשמידטע זיינען אַלע שווייגנדיג געבליבן קוקן אויפן בעל־עגלה, וועלכער איז שטייענדיג אין וואָגן, ביסלאַכווייס פאַרשוואונדן צווישן די פעלדער תּבואה וואָס פון ביידע זייטן וועג, רעכטס און לינקס.

רחל כּצנעלסאָן

פון שפּראַך צו שפּראַך

אין כּנֶרת זיינען פאָרגעקומען עטלאַכע חבר׳ישע שמועסן. האָב איך מיר דאַן קלאָר געמאַכט די באַגריפן: רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג און רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור. מיר איז דאַן אויפגעגאַנגען דער רעוואָלוציאָנערער כאַראַקטער פון דער העברעאישער ליטעראַטור און ס׳איז מיר געוואָרן פאַרשטענדלאַך, פאַר וואָס האָבן מיר פאַרלאָזן די אידישע שפּראַך און איבערגעגאַנגען צו דער העברעאישער און אין וואָס באַשטייט אייגענטלאַך פאַר אונז דער חילוק צווישן די ביידע שפּראַכן.

פאַר צען־פופצן יאָרן האָבן מיר אָנגעהויבן ריידן אידיש לויט פרייען ווילן, פונקט אַזוי ווי מיר האָבן שפּעטער אַליין, לויט פרייען ווילן, באַשלאָסן אָנצוהויבן ריידן העברעאיש. ביז היינט האָבן מיר נאָך ניט ריכטיג אָפּגעשאַצט די באַדייטונג פון יענער שטיקל צייט אין אונזער לעבן. מיר זיינען געווען אַ קליינער הייפל מענטשן (אויך אין א״י האָבן מיר עס געלערנט ניט נתְפָּעֵל צו ווערן פון צאָלן), וועלכע האָבן געפילט אַז זיי מוזן אָנהויבן ריידן אידיש. די דאָזיגע שפּראַך איז אונז געווען ווי אַ היימאַטלאַנד אין דער פרעמד. יעדער וואָרט וואָס מיר האָבן אַרויסגערעדט אין אידיש האָט ווי געוואונקען און דערמאָנט אַז ס׳איז פאַראַן אַ היים — אַ גאַס, אַן אַרבעטערשאַפט. די גאַנצע מיסטעריע פון אידישקייט האָט געלעבט פאַר אונז נאָר אין די קליינינקע און אָרימע הייזלאַך. ס׳האָט זיך ניט געלייגט אויפן שֵׂכֶל, אַז אין די גבירישע הייזער וואוינען אויך אידן. דעם גאַנצן סוד און די גאַנצע שיינקייט פון דער ראַסע האָבן מיר געזען אין די קינדישע פּנים׳לאַך אויף די אָרימע גאַסן. אין די זומערדיגע פאַרנאַכטן פלעגן מיר גיין איינהערן זיך אינם רויש פונם אַרבעטס־עולם, גלייך ווי מיר פלעגן גיין איינהערן זיך אינם טומל פונם וואַלד אויסן שטאָט, ווייל דאָ איז געווען לעבן. דאָס ערשטע וואָרט וואָס מיר האָבן געלייענט — אָדער וואָס מען האָט אונז פאָרגעלייענט — אין אידיש האָט אונז ענטדעקט די דאָזיגע וועלט, און

ווער ס׳האָט געלעבט אין איר, דער האָט זיך אַליין ענטדעקט. דענסטמאָל האָבן מיר אויך געפונען אונזערע שריפטשטעלער — מאָריס ראָזענפעלד, פרץ. און אויך אונזערע יונגערע, קינדער פון אונזער דור. רייזינ׳ס פּשטות האָבן מיר באַגריפן ערשט שפּעטער. און צום סאַמע לעצט האָט אונז אָנגעהויבן קלאָר ווערן די רעטעניש שָלום עֲלֵיכם.

יעדער וואָרט וואָס איז געשריבן אָדער געזאָגט געוואָרן אין אידיש און האָט געהאַט אין זיך אַ פונק פון געפיל, יוגנט, קונסט האָבן מיר אויפגענומען מיט דאַנק, אַזוי ווי מען נעמט אויף אַ גרוס פון דער היים. אונז האָבן קיין מאָל „ניט געפעלט״ קיין ווערטער, הגם די שפּראַך איז געווען פאַר אונז ניי און אָרים. דאָס איז אֶפשר געווען די איינציגע שטיקל צייט אין אונזער לעבן ווען אין אונזער ריידן האָט געוועלטיגט דער אמת. די שפּראַך איז טאַקע געווען אָרים. יעדער פון אונז האָט געקענט נאָך איינע אָדער נאָך צוויי רייכערע שפּראַכן, אָבער אונזער גאַנצער אינווייניגסטער לעבן האָט געפונען פון־זיך אַליין, ניט זוכנדיג, אַן אויסדרוק אין אידיש. דאָס איז געווען דאָס איינציגע מאָל, ווען מיר האָבן געפילט דעם שטאָלץ און דעם גליק אַרויסצוהערן די מוזיק פון יעדן וואָרט, וויסן, אַז נאָר דו און דיין פאָלק פאַרשטייען זיין אמת׳ן זין און קלאַנג, און אַז פאַר יעדער רעגונג אין דיר האָט שוין איינער פריער צוגעגרייט אַן אויסדרוק, און ער איז באַהאַלטן, דער דאָזיגער אויסדרוק, אין דיין נְשָמָה, און רופט זיך אָפּ תּיכּף ווי דו דאַרפסט אים. און ווי האָבן מיר געליטן, ווען איינער פלעגט ריידן אַ שלעכטן, אַ געקינסטעלטן אידיש. מיר האָבן פּשוט ניט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי הערט מען עס ניט אַרויס אַז דער טאָן איז אַ פאַלשער, בשעת ס׳איז פאַראַן אַזוי פיל גוטע רֶביים, וואָס לערנען דעם ריכטיגן שפּראַך־טאַקט.

אַ סך פון אונז, יעדנפאַלס די יונגערע, האָבן כּמְעט אַלע געקענט אויך העברעאיש. דער אינטערעס פאַר העברעאיש האָט זיך אויפגעוועקט כּמעט גלייכצייטיג מיטן אינטערעס פאַר אידיש. אַ סך האָבן געקענט העברעאיש, אָבער זייערע קענטעניש איז געלעגן אין זיי טויט, ווי אַ פאַרגליווערטער פאַרמעגן. אפילו די וואָס האָבן ניט געקענט העברעאיש האָבן אויך געוואוסט, אַז אין העברעאיש איז פאַראַן אַ נאַציאָנאַלער אוֹצר, און זיי האָבן געוואָלט עס קענען. דאָס איז געווען די צייט פון ביאַליקן. ס׳איז דענסטמאָל געשריבן געוואָרן „מַשָא נֶמִירוֹב״ און „הַבְּרֵכָה״. אפילו די וואָס האָבן ניט געקענט לייענען האָבן געהערט אַז ס׳איז פאַראַן אַ טשערניכאָווסקי, אַ פייערבערג,

אַ שאָפּמאַן, מ׳פֿלעגט זיי איבערזעצן, דערציילן. אָבער קיינעם פֿון אונז איז ניט איינגעפֿאַלן צו וועלן ריידן העברעאיש. דאָס נאַטירלאַכע איז פֿאַר אונז געווען דאָס וועלן ריידן אידיש. און ווי האָבן מיר געקענט פֿאַרלאָזן דאָס נאַטירלאַכע און זוכן דאָס געקינסטלטע?

און אָט די טיפֿע פֿאַרבינדונג אונזערע האָבן מיר איבערגעריסן קומענדיג קיין ארץ־ישראל. קיינער פֿון אונז פֿילט זיך דאָ מער ניט אַלס קינד פֿון יענער שפּראַך. און אַז מיר ריידן אַמאָל אידיש אָדער הערן מיט הנאה ווי זיכער עס קלינגען די אידישע ווערטער, איז עס אַ הנאה פֿון איינעם וואָס רעדט זייער גוט אויף אַ שפּראַך, קען אַלע אירע סודות, אָבער איז צו איר ניט אינטים צוגעבונדן. קיין דבֿקות צו אידיש איז ביי אונז מער ניטאָ. מיר באַהערשן די שפּראַך, אָבער זי באַהערשט ניט אונז.

פֿאַר אָט דעם פֿאַראַט האָבן מיר טייער באַצאָלט, ווי מען באַצאָלט פֿאַר יעדן פֿאַראַט. אָבער מיר האָבן עס געמוזט טאָן. און ס׳איז פֿאַראַן אַ באַדערפֿעניש צו פֿאַרענטפֿערן זיך און קלאָר מאַכן אונז אַליין ווי אַזוי איז דאָס געשען.

דאָס וואָס העברעאיש איז די אַלטע אידישע נאַציאָנאַלע שפּראַך, האָט אויף אונז ניט געקענט מַשפּיע זיין. צוליב אַזעלכע טעמים האָבן נאָך מענטשן קיינמאָל ניט פֿאַרלאָזן זייער לעבעדיגע שפּראַך. און אויך דער פֿאַקט, אַז ס׳זיינען פֿאַראַן אידן אויף דער וועלט וואָס קענען ניט קיין אידיש, אָדער אַז אידיש גייט אונטער — האָט אונז ניט געקענט אַנדערש מאַכן. פֿאַראַן אַ סך אידן וואָס קענען קיין העברעאיש אויך ניט. און אויב איינע פֿאַרגעסן אידיש, זיינען פֿאַראַן ווידער אַנדערע וואָס הויבן גראָד איצט אָן ליב צו האָבן אידיש. און אַחוץ דעם, זיינען מיר דאָך עפּעס קינדער פֿון אונזער דור, און דער עיקר איז פֿאַר אונז — דער באַוואוסטזיין פֿון אונזער אייגענעם אמת און די אינווייניגסטע רוּאיקייט. אַי מיר זיינען ווייניג (אין אונזער באַציהונג צו אידיש זיינען מיר דענסטמאָל געווען נאָך אַ קלענערער מיעוט ווי היינט אין אונזער באַציהונג צו העברעאיש), — האָט עס אונז אַוודאי ניט געקענט אָפּשרעקן. מיר האָבן געזען מיט אונזערע אויגן ווי פֿון אַ מינאָריטעט ווערט אַ מאַיאָריטעט. און די רייכקייט פֿון העברעאיש האָט אונז זיכער ניט געקענט אונטערקויפֿן. ערשטנס, וואָס איז געוואָרן פֿון דער דאָזיגער רייכקייט? וואָס פֿאַר אַ העברעאיש האָבן מיר עס דען גערעדט דאַן? איז עס ניט געווען אַ טויטע שפּראַך, אָן אַ נשמה, פֿול מיט פֿרעמדע אויסדריקן און פֿרעמדן גייסט, וואָס יעדער שיינער העברעאישער

אויסדרוק אין איר איז געווען ווי אַ וואונדער? און צווייטנס, — אָרימ־קייט איז דאָך קיין שאַנדע ניט, און יעדער אָרימאַן האָט ליב זיין ביסל דלות.

ווי אַזוי האָבן מיר עס פאָרט אַזוי גיך פאַרלאָזן דאָס וואָס עס איז געווען פאַר אונז דער אינהאַלט פון אונזער לעבן?

II

אייגנטלאַך, לויט די האָפנונגען וואָס אונזער דור האָט געלייגט אויף אידיש און לויט אונזער דרך־ארץ וואָס מיר האָבן געהאַט פאַר העברעאיש, האָט די צוטיילונג פון די שרייבער געדאַרפט זיין אַן אַנדערע ווי זי איז באמת געווען. ברענער האָט זיינע ערציילונגען פונם לעבן פון דער אידישער גאַס געדאַרפט שרייבן אויף אידיש, און אַש האָט זיין אידילישע „שטעטל" געדאַרפט שרייבן אויף קלאַסישן העברעאיש. געשען איז אָבער דער היפוך. און דאָס איז באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש פאַרן דור יונגע שריפטשטעלער, העב־רעאישע און אידישע, וואָס זיינען פאַר צוואַנציק־דרייסיק יאָרן אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אויף דער זעלביגער גאַס, אָפטמאָל אַלס נאָענטע חברים, און האָבן באַהערשט אי אידיש אי העברעאיש, און פונדעסטוועגן זיינען זיך זייערע וועגן צוגאַנגען: ברענער, שאָפמאַן, גנעסין האָבן געשריבן בלויז העברעאיש; רייזין, איינהאָרן, נסתּר — בלויז אידיש. דער חילוק הויבט זיך אָן, ווען דער שרייבער קלייבט אויס די אידישע אָדער די העברעאישע שפּראַך לויטן אינווייניגסטן דראַנג. און דאָס איז נויטיג האָבן אין אויג בשעת'ן באַהאַנדלען די פראַגע.

וואָרים אַ שפּראַך האָט איר אייגענע אַטמאָספערע. מען קען ניט לערנען ריכטיג אַ שפּראַך און ניט ווערן באַאיינפלוסט פון איר גייסט. די שפּראַך איז אַן אוצר פון דער פאָלקס־ענערגיע. די גאַנצע געשיכטע פון פאָלק, ניט נאָר די געשריבענע, נאָר די געלעבטע און דורכגעפילטע געשיכטע, אַלע פאַרלאַנגען און איבערלעבענישן און אַלע וויכטיגסטע ערשיינונגען, בלייבן אין דער שפּראַך אויף אייביג. אַן אמת'ער קענער פון פאָלק, פון זיין געשיכטע און פון זיין שפּראַך־בילדונג, וועט גלייך דערקענען וועלכן אייגענעם קלאַנג עס האָט יעדער וואָרט אין זיין שפּראַך און האָט ניט אין דער אַנדערער שפּראַך. און אָט דעם באַזונדערן קלאַנג האָט דאָס וואָרט באַקומען צוליב אַ באַשטימטער אייגנשאַפט פון פאָלק, אָדער צוליב

אַ געוויסער היסטאָרישער מַעֲשֶׂה שֶׁהָיָה, אָדער אינם מויל פון אַ באַשטימטן פֿאָלקס־העלד אין אַ געוויסן היסטאָרישן מאָמענט. אינם זכּרון פון פֿאָלק זאַמלען זיך אָן אָט די אַלע אויסדרוקן, וואָס זיינען באַשאַפן געוואָרן אין אויסטערלישע שָׁעה׳ן, בשעת אַ גרויסער פֿאָלקס־דערשיטערונג, אין מאָמענטן פון רעליגיעזן עקסטאַז, פון נאַציאָנאַלער סכּנה, פון שעפּפערישן גייסט. און ווען אפילו נאָר ווייניגע האָבן געהערט צוערשט דאָס וואָרט און דעם קלאַנג פונם וואָרט, — צעטראָגן זיי עס צווישן אַלעמען.

און ניט נאָר דַוקא אויסערגעוויינלאַכע מאָמענטן בלייבן אין דער שפּראַך, נאָר אויך דאָס טאָג־טעגלאַכע לעבן. און דעריבער הערט ניט אויף אַ שפּראַך צו ענטוויקלען זיך כָּל זמַן מענטשן ריידן און טראַכטן אין איר. און וואָס רייכער עס איז אונזער אינווייניגסטער לעבן, אַלץ רייכער איז די ירושה וואָס מיר לאָזן איבער דער שפּראַך, אַלץ רייכער איז די אַטמאָס־פֿערע, וועלכע מיר שאַפן פאַר אונז און פאַר די וואָס וועלן קומען נאָך אונז. יעדער וואָרט וואָס מיר ריידן אַרויס מיט געפיל און מיט געדאַנק האָט שוין געווירקט אויף אימיצן, און ער וועט שוין מער ניט קענען באַנוצן דאָס דאָזיגע וואָרט ניט אַרויסהערנדיג פון אים דעם מיין וואָס מיר האָבן אין אים אַריינגעלייגט. און פאַרקערט. יעדער געדאַנקלאַכער שאַבלאָן מאַכט דאָס וואָרט ביליג און אָרים און דערנידעריגט דעם ניוואָ פונם נאַציאָ־נאַלן גייסט.

יעדע שפּראַך האָט איר צויבער־קרייז. און ווער עס טרעט אַריבער דעם שוועל פונם דאָזיגן קרייז, יענער מוז לאָזן ווירקן אויף זיך די אָפּקלאַנ־גען וואָס טראָגן זיך צו אים פון יעדן וואָרט. ווער עס האָט געלערנט עטלאַכע שפּראַכן גוט, יענער וויים ווי אַזוי אַ מענטש ענדערט זיך מיט יעדער ענדערונג פון זיין שפּראַך. ווייל אַ שפּראַך איז ניט נאָר אַ זאַמלונג פון ווערטער און אויסדרוקן. די פאַרגאַנגענהייט האָט איר נשמה איבער־געלאָזן דער שפּראַך בירושה. אַ גאַנצע געשיכטע לעבט אין אַ שפּראַך.

„אין צייטן פון ספקות, אין טעג פון שווערע געדאַנקען וועגן דעם גורל פון מיין פאָטערלאַנד — ביסטו, מיין שפּראַך, מיין איינציגער אָנלען. נאָר דו, אונזער גרויסע, מעכטיגע, אמת׳ע, פרייע רוסישע שפּראַך! ווייל ס׳איז אוממעגלאַך אַז אַזאַ גרויסע שפּראַך זאָל ניט געגעבן ווערן צו אַ גרויסן פֿאָלק!״ (טורגעניעוו — „די רוסישע שפּראַך״).

יעדע שפּראַך האָט אירע אייגענע גרעניצן, לויט דער אינטעלעקטועלער און עמאָציאָנאַלער רייכקייט וואָס זי פאַרמאָגט. און אָט די גרעניצן באַשטימען

די הויך פון יעדן אויסדרוק, וועלכער איז מעגלאַך אין דער באַ־טרעפנדער שפּראַך. איבער דער גרעניץ וואָס די שפּראַך ערלויבט, קען דער קינסטלער וואָס שרייבט אין דער דאָזיגער שפּראַך ניט אַריבערגיין. און פאַרקערט, קיין קינסטלערישער אויסדרוק קען ניט זינקען נידעריגער פונם ניוואָ וואָס ס׳האָט די גאַנצע שפּראַך.

און וואָס די ירושה איז רייכער, אַלץ שווערער איז דאָס לעבן. פעל־קער וואָס האָבן אַ גרויסן עָבר לעבט זיך זיי ניט גרינג. וואָרים אַ שפּראַך שענקט און אַ שפּראַך פאָדערט. אידן האָבן זיך אָבער קיינמאָל פון אָט דער שווערקייט ניט אָפּגעזאָגט. זיי האָבן זייער ירושה ווייטער געוועבט.

די נאַציאָנאַלע ענערגיע וואָס רוט אין העברעאיש האָט ניט אויפגע־הערט צו לעבן אויך אין די טויזנטער יאָרן, וואָס אידן האָבן ניט גערעדט העברעאיש. די רעליגיע האָט זי געהיט. אפשר צוליב איר איז עס מעגלאַך געוואָרן אַז נאָך צוויי טויזנט יאָר זאָל אַ טשערניכאָווסקי ווידער קענען שרייבן העברעאיש. דאָס רעליגיעזע לעבן וואָס האָט אויסגעפילט דאָס אידישע האַרץ שטענדיג מיט נייעם און לעבעדיגן אינהאַלט און איז ביי אונז אַריינ־געדרונגען אין אַלע ווינקלאַך פון מענטשלאַכן גייסט, האָט געגעבן דער העברעאישער שפּראַך יענע אינטימיטעט וואָס ס׳האָט איר געפעלט דערפאַר, ווייל די אַנדערע שפּראַך — פון דער היים און פון דער גאַס — האָט עס ביי איר צוגענומען. און פון דער אַנדערער זייט האָט דער רעליגיעזער געדאַנק — סיי פילאָזאָפיע, סיי וויסנשאַפט, סיי פּאָעזיע, אַלץ איז דענסטמאָל געווען רעליגיע — געשעפּט פולע עמערס פון דעם אוֹצר פון דער העב־רעאישער שפּראַך. געשעפּט פון איר און באַרייכערט איר מיט אָן אַ שִׁעור באַגריפן און כַּוָנות און סודות, אין וועלכע ס׳האָט זיך אויפגעהיט דאָס לעבן פון דער לאַנגער שורה דורות.

און אָט רעדט אונזער פאָלק שוין עטלאַכע הונדערט יאָר אידיש. כּמעט ווי מען קען זאָגן — אונזער פ אָ ל ק. און אויך אין איר איז אַן אוצר פון נאַציאָנאַלער ענערגיע אָנגעזאַמלט געוואָרן. און מיר לעבן אינם דאָזיגן אוצר. די רייכטימער וועלכע זיינען אין איר אַריינגעלייגט געוואָרן, — די מאַמע, די קינדהייט, די געשיכטע פון אידן אין גָלוּת, דאָס לעבן פון דער פאָלקס־נשמה, — דאָס אַלץ איז טייער און אמת און געהערט אונז. און אָט דיביידע וועלטן האָט געפונען פאַר זיך דער יונגער דור שרייבער.

נאָר אין אונזער צייט, אין דער צייט ווען יעדער נאַציאָנאַלער קנין איז טייער און ליב און דער כּבוֹד־געפיל לאָזט ניט פאַרשעמען אַן אייגענעם ווערט נאָר דער־

פאַר ווייל ער איז ניט קיין האַרמאָנישער און פאָלקאָמער ווערט — נאָר אין אַזאַ צייט האָט ביי אונז געקענט אויסברעכן די שפּראַכן־פראַגע אין דער פאָרם אין וועלכער זי איז אויסגעבראָכן. און אויב אַ שריפטשטעלער, אָדער סתּם איינער האָט געפּסק׳נט ביי זיך אויסצוקלייבן דוקא די שפּראַך און ניט די אַנדערע, איז דאָס ניט געשען על פּי צופאַל. דאָס איז געשען לויט אַן אינווייניגסטן געבאָט, לויט דער שייכות וואָס יעדער פון זיי האָט צו דער טראַדיציע וואָס לעבט אין דער שפּראַך. יעדער פון אונז שפּינט ווייטער די טראַדיציע פון דער שפּראַך, אין וועלכער ער לעבט, ניט וויסנדיג און אפשר אפילו ניט ווילנדיג.

III

אַז מיר פלעגן וועלן באַצייכענען דעם באַזונדערן כאַראַקטער פון דער אָריגינעלער ליטעראַטור אין אידיש — פלעגן מיר זאָגן: „די אידישע ליטעראַטור איז נאַציאָנאַלער ווי די העברעאישע״. מיר האָבן געוואָלט דערמיט זאָגן, אַז די וואַרימקייט וואָס איז פאַראַן אין דער אידישער ליטעראַטור פעלט אין דער העברעאישער. אין אידיש האָט מען אונז ליב געהאַט אַזוי ווי מיר זיינען, אונז און אונזער גאַס און אונזער שטעטל. דאָס איז געווען איינע פון די הויפּט עיקרים אין אידיש.

אַ אידישער שריפטשטעלער פון אַ וואַרשעווער צייטונג איז אַמאָל אַרומגעפאָרן פון שטעטל צו שטעטל פונם אידישן תּחום און וואוהין ער איז געקומען האָט ער אומעטום ענטדעקט אוצרות פון פּאָעזיע — אינם לעבן פון דער שטעטל, אין איר פאַרגאַנגענהייט, אין אירע מענטשן. אין דער העברע־אישער ליטעראַטור וואָלט אַזאַ זאַך געווען אוממעגלאַך. אפילו לעווינסקי וואָלט בשום אופן אַזוי ניט געקענט זען.

דער איינדרוק וואָס ס׳האָבן געמאַכט אויף אונז פּרץ׳עס „פאָלקסטימלאַכע געשיכטן״ איז אין אַ געוויסער מאָס געווען ניט קלענער פונם איינדרוק וואָס ס׳האָט געמאַכט ביאַליק׳ס „מַשָׂא נֶמִירוֹב״. אין האַרצן האָבן מיר גערופן אַלע „געשיכטן״ מיט איין נאָמען: „מסִירַת נֶפֶש״. ווייל דאָס איז געווען די פּאָעזיע פון מסירת נפש, די פאַרהערלאַכונג פון אונזער פאָלק און פון זיין „קִדוּש הַשֵם״ אין גלות. ווייל נאָר אין גלות האָבן געקענט פּאַסירן אַזעלכע וואונדער.

ווי אַ מאַמע וואָס קען פון גרויס ליבשאַפט צו איר קינד גאָר ניט

תּוֹפס זיין זיינע אינוויינינגסטע מלחמות, זיינע פּעלערן און זיינע קאָמפּלי־צירטקייטן, ווייל סוף כּל סוף איז עס דאָך איר קינד און זי איז דאָך ניט מער ווי אַ מאַמע — אַזוי האָט זיך די ליטעראַטור אין אידיש פֿאַרהאַלטן צו אונז און צו אונזער לעבן.

און דענסטמאָל, באַלד נאָך די רוסישע רעוואָלוציע־יאָרן, בשעת אונזער לאַגע איז געווען אַזוי געשפּאַנט, האָט די ליטעראַטור אין אידיש געהאַט אין זיך עפּעס אַזעלכעס וואָס שלעפּערט איין, וואָס האַקט אָפּ די פֿליגלען, און ס׳איז אונז איינג געוואָרן צו אָטעמען אין איר לופט.

אַמאָל איז פֿאַר אונז די שטעטל אויך געווען דאָס וואָס זי איז געווען פֿאַר אַשן: אַ וועלט פֿאַר זיך, וואָס איז איינגעשלאָסן אין זיך און דערנערט זיך פֿון איר אייגענער שיינקייט. אָבער ניט דאָס איז אונז דענסטמאָל געווען נויטיג. וואָלטן מיר באמת געקענט זען די אידישע וועלט בלויז אין דער געשטאַלט אין וועלכער זי פּלעגט ערשיינען אין דער אידישער ליטעראַטור, וואָלטן מיר זיך בשום אופן ניט געקענט האַלטן פֿאַר אַ גרויסן פֿאָלק.

עס הערט זיך אַ ביטערקייט אין דעם וואָס איך וויל זאָגן וועגן אידיש. אַ ביטערקייט וואָס קומט נאָך אַן ענטוישטער יוגנט־ליבע, וועלכע לאָזט איבער צוזאַמען מיטן ווייטאָג אויך אַ קלאָרן באַוואוסטזיין אַז די אמת׳ע יוגנט־פרישקייט אין באַציהונגען, וואָס איז פֿאַראַן נאָר איין מאָל אין לעבן — איז שוין אַוועק. און אפילו דער באַוואוסטזיין אַז אידיש האָט אונז צוגעפּגעבונדן מיטן פֿאָלקסלעבן און האָט אונז געהאָלפן צו בלייבן אים טריי — קען אויך ניט טרייסטן.

טאַלאַנטן, אמת׳ע און ערלאַכע, האָט דאָך אידיש פֿאַרמאָגט. פֿאַר־וואָס אָבער האָט נאָר די העברעאישע ליטעראַטור באַוויזן אומצוקערן אונז דעם געפֿיל פֿון אַכטונג צו אונז אַליין? פֿאַרוואָס האָט אידיש ניט געהאַט קיין שום זכר פֿון יענעם היפּנאָז וואָס ס׳האָבן פֿאַרמאָגט אַ ביאַליק, אַ פֿייערבערג, אַ גנעסין? ס׳איז ניט קיין פֿראַגע פֿון טאַלאַנט, ס׳איז אַ פֿראַגע פֿון פּער־זענלאַכקייט. מיט איר פרישן מענטשן האָט אונז די העברעאישע ליטעראַטור באַצויבערט. מיר האָבן געבענקט נאָכן מענטשן. און פֿאַר אונז איז ביאַליקס ליד „צָנַח לוֹ זַלְזַל״ און טשערניכאָווסקיס הקדמה צו לאָנגפעלאָס „האַיאַוואַטאַ״, און די פּראָבלעמען פֿון פֿייערבערגן און די נאַטור און די פּרוי ביי גנעסינען — געווען מענטשלאַכע לידער. און וואו ס׳איז פֿאַראַן מענטש — דאָרט איז פֿאָלק. אין דער אידישער ליטעראַטור האָט אָבער

געהערשט באַשיידנקייט, פאָלקסטימלאַכקייט, ווייכקייט, און די פיינע עראָטיק וואָס איז אַריינגעדרונגען אין דעם גאַנצן פוילישן צווייג פון דער אידישער ליטעראַטור, אָט די עראָטיק וואָס אין די חסיד׳ישע מעשׂיות אויף אידיש, וואָס אין אַש׳ס „שטעטל״, פון וואַנען עס נעמט זיך אָפשר דער צויבער פון „די פאָלקסטימלאַכע געשיכטן״, — די עראָטיק וואָס איז אויך בּיכולת צו ענט־דעקן די סודות פונם לעבן און צו העלפן שאַפן אַ וועלט־אַנשויאונג. אָבער ס׳זיינען פאַראַן צייטן אינם לעבן פון אַ מענטשן און פון אַ פאָלק, ווען דאָס סאַמע געפערלאַכסטע פאַר זיי איז אידיליע און אינטעלעקטועלע באַגרעניצט־קייט. און אַזאַ צייט איז עס גראָד דענסטמאָל געווען, בשעת מיר האָבן געדאַרפט געבן זיך אַליין אַ תשובה אויף דער שפּראַכן פראַגע.

און אַ תהום איז געווען צווישן דער שווערער לאַגע פון אידישן יחיד און צווישן דעם ווי די דאָזיגע לאַגע איז אָפּגעשאַצט געוואָרן אין דער אידישער ליטעראַטור און פובליציסטיק. (דערביי מיין איך דעם אייגנטלאַכן הויפּט־שטראָם פון אידיש און ניט דאָס וואָס ס׳איז געווען אויף אידיש אַן אָפּקלאַנג פון דעם, וואָס עס האָט געהערשט אין דער העברעאישער ליטעראַטור און פובליציסטיק). פון איין זייט פלעגן די רעפאָרמען, וואָס אַ טייל אידישיסטישע שרייבער האָט געוואָלט אַריינטראָגן אין אונזער לעבן, פאַרוואונדערן מיט זייער טאַקט־לאָזיקייט און פאַרפרעמדקייט, ווי איינער וואָס מישט זיך אין פרעמדע אינטימע ענינים. ווער געדענקט דען ניט, למשל, די ערנסטקייט מיט וועל־כער ס׳איז געפירט געוואָרן די דעבאַטע וועגן פאַרבייטן דעם אידישן אלף־בּית אויף אַ לאַטיינישן, אָדער וועגן אַרויסטרייבן העברעאיש פון דער פאָלקס־שול? און פון דער אַנדערער זייט איז געווען אויסגעגאָסן אַ מין צושראָקנקייט בשעת מ׳פלעגט ריידן אין אידיש וועגן אַ נאַציאָנאַלן ענין. עפּעס אַ אומבאַהאָלפנקייט צו מאַכן אַ פרייען שריט, טאָמער וועלן צוריסן ווערן די געלאַטעטע בגדים. אידיש איז געווען קאָנסערוואַטיוו, און האָט געזען פאַר זיך נאָר דאָס, וואָס עס פאַרמאָגט דער היינטיגער טאָג.

נאָר אין דער העברעאישער ליטעראַטור, נאָר אינם בעסערן טייל פון דער העברעאישער ליטעראַטור האָט געפעלט די נאַציאָנאַלע צענזור, וועמענס יאָך מיר האָבן געשפּירט אויף יעדן שריט און טריט אין אידיש. דאָ האָבן זיך מענטשן ערלויבט טראַכטן פריי וועגן זיך, וועגן אידן, וועגן דער וועלט, ווי ס׳האָבן געטראַכט אַחד העם, בערדיטשעווסקי, ביאַליק.

אונז האָט אונזער נאַציאָנאַליזם געשטערט צו לעבן. דער געדאַנק און דער געפיל איז געווען שטענדיג קאָנצענטרירט אַרום איין זאַך, און ס׳האָט

געפעלט די פרייקייט פאַר אַנדערע מענטשלאַכע באַשטרעבונגען. יעדע באַגייסטערונג פאַר אַלגעמיינע ענינים האָט שטענדיג געפירט אָדער האָט געשטרעבט צו פירן צו דערנענטערונג צו אַ פרעמדער וועלט. ס'איז געווען אוממעגלאַך צו זיין אַ סאָציאַליסט, אַ טאָלסטאָיאַנער, אַ קינסטלער, אַ פּאָליטיקער, אַ וויסנשאַפטס־מענטש, ניט האָבנדיג מורא טאָמער פאַלסטו אַ קרבן פון דער אַסימילאַציע. איין טראָט צו מענטשלאַכער פריי־הייט — און פאַרפרעמדונג, איין געזעלשאַפטלאַכער ריר — און פאַרפרעמדונג. דערפאַר, אַז מיר האָבן זיך געריסן קיין ארץ־ישראל, האָבן מיר געוואָלט פּטור ווערן פונם נאַציאָנאַליזם ווי פון אַ אידעע־פיקס. דאָ ווילן מיר זיין ממילא אידן, און דאָס האָבן מיר געוואָלט. און אַזאַ מין זיכערקייט האָט אונז אויך געגעבן די העברעאישע שפּראַך. אין איר פילט זיך דער שרייבער מער וועלט־בירגער ווי אין אידיש. אין איר איז זיין נאַציאָנאַלע זיכערקייט אַ פעסטערע און דער באַוואוסטזיין פון זיין אייגנאַרט אַן איינגעפונדעוועטערער — און דערפאַר די פרייקייט אַ ברייטערע. אין איר פילט ער, אַז אויף געהיימניספולע וועגן וועבט ער ממילא דעם פאָדים פון „נצח ישראל".

IV

דער רעוואָלוציאָנערער כּוח פון דער העברעאישער ליטעראַטור ענטפּלעקט זיך סיי אין דעם, צו וואָס זי באַציט זיך פּאָזיטיוו, סיי אין דעם וואָס זי פאַרניינט.

צוויי יאָר נאָך דעם ווי ס'זיינען אַרויס די „פאָלקסטימלאַכע געשיכטן", איז ערשינען „מכּאן ומכּאן" פון ברענער. האָט דען ברענער געוואוסט אַז זיין בוך וועט זיין פאַר אונז אַ קוואַל פון בּטחון, כּוח און האָפנונג, מער ווי די „פאָלקסטימלאַכע געשיכטן"? ווער ווייס? מיר האָבן אָבער געפילט, אַז אויב מען קען ריידן וועגן אונז אָן אַ ברעקל רחמנות, איז אַ סימן אַז מיר לעבן נאָך. און די האָפנונג וואָס ער האָט אונז דערלאַנגט אין „מכּאן ומכּאן", — דער אַלטער לפּידות, וואָס דערמאָנט אָן א. ד. גאָרדאָן, און זיין פאַר־יתום'טער אייניקל עמרם ווען עמענס פאָטער איז געפאַלן אין ארץ ישראל, ווי זיי שטייען ביידע באַלויכטן פון דער פאַרגייענדיגער זון אינם אידישן דאָרף — זי איז טאַקע אונזער איינציגע האָפנונג, אָבער אונזער אמת'ע האָפנונג. און גראָד ווען דער בוך איז אַרויס, האָט אין דער גאַנצער אידיש־נאַציאָנאַלער פּובליציסטיק — אין דער אידישער, אין דער רוסישער, און אין אַ טייל פון דער

העברעאישער — געהערשט אַזאַ דֶרֶך־אֶרֶץ, אַזאַ פּאַרזיכטיקייט און אַפּאָלאָגעטיק, אַז אָפּט האָט זיך אויסגעדוכט אַז ס׳האַלט שוין מיט אונז זייער שמאָל, אַז מיר זיינען שוין גאָר ניטאָ, אַז דאָס איז דער חֶסֶד שֶׁל אֱמֶת, וואָס מען טוט אַ טויטן.

אָבער ניט נאָר אין דער פאַרניינונג האָט געשטעקט דער כּוח פון זיכערקייט אין העברעאיש. פאַראַן ניין־זאָגער וואָס האָבן מיט זייער לעבן געזאָגט: יאָ. און פאַראַן אַזעלכע זיכערע אין זיך וואָס דאַרפן גאָר די פאַר־ניינונג ניט. אַזאַ איז א. ד. גאָרדאָן וואָס איז אַרויס קעגן ברענערס אַכזריות׳דיגן אַנאַליז פון דער אידישערווירקלאַכקייט.

און אַ גרויסער יאָ־זאָגער איז געווען אויך פייערבערג, וועלכער איז פאַר אונז מער ווי אַ וועגווייזער. ווייל דאָס רוֹב זיינען מיר נאָך גאָר ניט דערגאַנגען צו אים. און ס׳איז טאַקע שווער אים תּופס צו זיין. ווען ביאַליק, למשל, וואָלט געשריבן סך־הכּל דריי יאָר, וואָלטן מיר עפּעס געוואוסט וועגן אים? אָבער שוין אינם שטאַמלען פונם יונגן פייערבערג — וואָרים פייערבערגס ווייניגע רייד, אין וועלכע ס׳איז קאָנצענטרירט דער פייער פון געדאַנק און געפיל, איז בלויז אַ שטאַמלען אין פאַרגלייך מיט דעם וואָס ער האָט אונז נאָך געהאַט צו זאָגן — איז באַהאַלטן עטוואָס וואָס האָט זיין גלייכן ניט אין דער גאַנצער העברעאישער ליטעראַטור. זיינע ערציילונגען האָבן אַ נאַטירלאַכן אָנציהונגס־כּוח. ווייל צווישן אים און דער אידישער געשיכטע זיינען געווען פאַרבינדונגען, וועלכע די אַנדערע האָבן ניט געהאַט. וואָלט ער כאָטש באַוויזן אָנצושרייבן דעם ראָמאַן פונם לעבן פונם בעש״ט, וואָס ער האָט געהאַט בדעה צו שרייבן, וואָלט ער אונז אויף אַ נייעם אופן ענטפּלעקט אונזער חסידיש און אונזער געשיכטע, ניט ווי די אויסגעקליגלטע און קונציגע חסידישע מעשׂיות פון פּרצ׳ן. ווייל אין פאַרגלייך מיט פייערבערגס באַציהונגען צו אידישקייט — איז פּרצ׳עס אַ געקינסטלטע.

אַזוי האָבן זיך געטיילט די גייסטער. וואָלט כאָטש ברענער געשריבן אידיש, וואָלט דאָס בילד געווען אַנדערש, ניט דערפאַר ווייל ס׳וואָלט צוגעקומען צו דער ליטעראַטור אין אידיש נאָך אַ גרויסער טאַלאַנט, נאָר ווייל דאָס וואָלט געווען סימפּטאָמאַטיש. האָט זיך אָבער די פאַרטיילונג פון די טאַלאַנטן געמאַכט אַזוי קלאָר און בולט: די גאַנצע אומצופרידנקייט מיטן היינט און די גאַנצע פאָדערונג צו אומאַנדערשונג האָט זיך אַ בויג געטאָן ניט צו דער לעבעדיגער שפּראַך, -- נאָר צו דער „טויטער״.

אידיש איז געווען די שפּראַך פונם פאָלק, פון דער דעמאָקראַטיע. אָבער אין דער אידישער ליטעראַטור האָט געוועלטיגט דער באַגרעניצטער געדאַנק, דער אינערטער און לויטן זין פון אונזער דור — דער רעאַקציאָנערער גייסט. די געדאַנקען־שטרעמונג וואָס איז פאַר אונז געווען רעוואָלוציאָנער האָט געפונען איר אויסדרוק אין דער העברעאישער ליטעראַטור. און יעדן לעבעדיגן מענטשן בכלל, — און אונזער דור, ביי דער לאַגע פון אונזער פאָלק, אַודאי, — ציט עס צום רעוואָלוציאָנערן מקור.

ירושלים, תרע״ח

פאַר זיך

(פון טאָגביכער און בריוו)

I

ר. כּ. — מיין באַציהונג צו דער פרויען־פראַגע האָבן פריער פאַר אַלץ באַשטימט מיינע יוגנט־ערינערונגען. דאַן — איינדרוקן פונם משפחה־לעבן ביי קרובים און באַקאַנטע. שפּעטער — ביכער, בענקשאַפט נאָך נאַטור, שטודיען־יאָרן אין דער רוסישער שטאָט. ניט־קוקנדיק אויפן צויבער פון אַ סך סטודענטקעס, דאָס רוב רוסישע, ניט קוקנדיג אויף די פּאַרלעזונגען פון חשוב׳ע פּראָפעסאָרן, אויף דער שייכות צו קונסט, אויף דעם געפיל פון פרייהייט אין דער גרויסער שטאָט, און ניט קוקנדיג אויף דער נאָענטקייט צו דער העברעאישער קולטור, האָב איך שטענדיג געפילט די חרפּה פון אָט די הונדערטער טויזנטער, וואָס טוען קיין שום זאַך נישט, נאָר זיי לערנען. ס׳איז געוועזן אוממעגלאַך צו פאַרגעסן, אַז נאָר ווייניגע פון זיי זיינען באמת שאַפנ־דיגע גייסטער און די גרויסע מערהייט חזר׳ט נאָר איין כל מיני קענטעניש און בטל׳ט אָפּ די גאַנצע צייט. דענסטמאָל האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דער וועג פונ׳ם מענטשן איז דער וועג פון אַרבעט. און אַז דאָס איז אויך דער וועג, וואו איך וועל געפינען זיך אַליין.

*

מיין יוגנט־חלום, וועלכן איך האָב מיר אַליין ניט אויסגעזאָגט, איז געוועזן — קולטור. מיר האָט זיך געדוכט, אַז דעם אֶמֶת׳ן גליק קען פאַר־שאַפן נאָענטקייט מיט אַ זון פון אַ פאָלק וואָס איז דער טרעגער פון דער רייכסטער אייראָפּעאישער קולטור און פון אַ קלאַס וואָס איז דער הויפּט־יורש פון דער קולטור אינם דאָזיגן פאָלק.

שפּעטער האָט זיך מיר געדוכט, אַז דער אֶמֶת׳ער סוד פון קולטור, דער סוד פונם מענטשן — איז פאַרבאָרגן אין דעם קאָמפּליצירטן לעבן פון די קינסטלער, ווי כ׳האָב אים אַרויסגעשפּירט אין דער מוזיק פון די גרויסע שפּילער און פון די בילדער אין די מוזעאומס. איך האָב געוואוסט אַז אַזאַ אַרט לעבן וויל איך.

דעמאָלט איז איינער פון די גרעסטע רוסישע מאָלער, וורובעל, געוואָרן גייסטיק קראַנק און בלינד. און אין פּעטערבורג איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ מוזיק־אָוונט, כּדי אויסצוהאַלטן דעם קראַנקן מאָלער אין קליניק.

און אינם קאָנצערט האָט זיך אויך באַטייליגט וורובלס פרוי.

דאָס האָט מיר דאַן אויפגעטרייסלט. זי האָט געזונגען עטלאַכע קליינע וואונדערפולע לידער. איך האָב מיר קיינמאָל ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז ס׳איז פאַראַן אויף דער וועלט אַזאַ ליריק.

ווי האָבן זיי עס געלעבט, דער בלינדער וורובעל און זיין זינגענדע פרוי? אין זייער לעבן האָט געמוזט זיין עפּעס אומגעוויינלאַכעס.

און אינם ערשטן יאָר פון מיין אַרבעט אין ארץ ישראל האָב איך געוואוסט, אַז מיר לעבן דאָ אַזאַ קאָמפּליצירטן לעבן, ווי דאָס לעבן פונם יענעם מאָלער און זיין פרוי.

*

די לעצטע צייט איז פאַראַן אין מיין אַרבעט עטוואָס וואָס דערמאָנט מיר די מינוטן פון גרעסטער באַפרידיגונג וואָס איך האָב געהאַט אין מיין לעבן: מוזיק, בילדער. אָבער וואָס איז דער חילוק פון דעמאָלט ביז איצט? דעמאָלט איז אַלץ געווען צוגעגרייט פאַר מיר, כּדי איך זאָל באַקומען אַן איינדרוק: דער פאָרהאַנג גייט אויף און איך געניס. היינט גרייט איך מיר אַליין צו דעם קוואַל פון מיין לעבן.

אַז ס׳איז מיר גוט אין דער אַרבעט, בין איך גליקלאַך, אָבער פּונקט אַזוי ווי אַ מענטש האָט האָלט צו באַהאַלטן זיין גליק פון לייטישע אויגן, אַליין ניט וויסנדיג צוליב וואָס, אפשר צוליב מורא פאַר עין־הרע, — אַזוי בין איך גרייט צו פאַרלייקענען מיין גליק און ריידן וועגן די שוועריקייטן פון דער אַרבעט.

און שטענדיג ווען איך טראַכט וועגן דעם וואונדערבאַרן לעבן פון אַרבעט, וועגן די טיפע באַציהונגען צווישן מענטשן, וואָס די אַרבעט שאַפט, וואַקסט אויס אין האַרצן דער פאַרגלייך צווישן דעם לעבן פון דער שטאָט, פון איר קינסטלערישן שאַפן און פון איר פּאָליטיק, מיטן לעבן פון מיין דאָרף דאָ.

און עס ציט מיך אַלץ וואָס די אַרבעט גיט, און איך נעם פון איר אַלץ וואָס זי קען מיר געבן — אויך די מאָראַלישע ירידות, אויך די באַליידיגונגען פון נאָענטע און דעם גאַנצן צער.

אין שטאָט טרעפֿן זיך מענטשן זעלטן, און דאָס רוב זײַנען זיי אַ לאַסט איינער אויפֿן אַנדערן. דאָ לעבן מיר אַלע צוזאַמען און שטענדיק געפֿינען מיר אַ אינטערעס איינער אינעם אַנדערן.

אַזאַ טאָג ווי ס׳איז הײַנט געווען, עפּנט מיר אויף אַלע טיפֿענישן פֿון לעבן. שפּעט בײַנאַכט, נאָך אַ שווערן אַרבעטסטאָג האָט מיר מיקעל־אַנזשעלאָ ענדעקט דאָס, וואָס איך האָב אין אים פֿריער קיינמאָל ניט באַמערקט.

*

איין בילד, וואָס איך האָב געזען אין מײַן יוגנט אויף דער בינע, קען איך ניט פֿאַרגעסן.

ס׳איז געווען אַ יונגע פֿרוי וואָס האָט ניט געהאַט קיין שטים. און איינער אַ היפּנאָז־קינסטלער, סוועננאַלי, האָט זי באַהערשט מיטן כּוח פֿון זײַן ווילן און האָט זי געצוואונגען זינגען. און זי איז געוואָרן אַ באַרימטע זינגערין. זי פֿלעגט לײַדן בשעת׳ן היפּנאָז אויסערגעוויינלאַכע יסורים, אָבער ער פֿלעגט שטיין הינטער איר אויפֿן בימה און זי פֿלעגט זינגען.

פֿאַראַן צווישן אונז מענטשן וואָס זײַנען אַזוי מסוגל צום אַרבעטער־לעבן, אַזוי ווי יענע פֿרוי איז געווען פֿייאיק צו זינגען. און פֿונדעסטוועגן אַרבעטן זיי און טוען אויף וואונדער.

לאָמיר זיך נאָר דערמאָנען, ווער פֿירט בײַ אונז דיווירטשאַפֿט, ווער לעבט מיט אַ סך מענטשן אין איין חדר, ווער אָרדנט בײַ אונז איין קאָנפֿערענצן, — און דער גאַנצער וועג אונזערער, די גאַנצע מַשׂא, די ניט־מענטשלאַכע, וואָס מיר האָבן אויף אונז אַרויפֿגעלייגט, ווערט אונז אויסזען ווי יענע בילד פֿון סוועננאַלי.

אַ כּישוף־כּוח — אַ גורל פֿון אַ פֿאָלק, אַ באַפֿעל פֿון אַ דור — שטייט הינטער אונז און הייסט, און מיר „זינגען".

II

א. — דאָס ערשטע בלאַט אין אַ נײַער העפֿט. יאָ, עס פֿעלט נאָר די פֿרייד, צוליב וועלכער מען האָט געגרייט די העפֿט.

דאָס מאָל האָב איך זיך שוין צופֿיל געגרייט. די העפֿט האָט מיר געשיקט י. און אַז איך האָב זי גענומען אין האַנט, האָט מיר אַ ציטער פֿון וואַרטן און בענקען דורכגענומען דאָס האַרץ.

די ערשטע העפֿט איז שוין געווען פֿול, בעת מײַן זון איז אַלט

געוואָרן צוויי יאָר. די צווייטע האָט זיך געריכט אויף אַ נייעם ליבן גאַסט — און ס׳איז געשען דאָס וואָס איז געשען.

איך בין נאָך ניט געקומען צו זיך. און ס׳איז נאָך אפשר צו פרי נעמען די פען. דאָס איבערגעלעבטע דריקט אויף מיר אָבער אַזוי שווער, אַז איך קען עס ניט מער אַריבערטראָגן — טאָמער וועט דאָס שרייבן פאַרט פאַרגרינגערן דעם ווייטאָג. איך זוך ניט קיין דערלייכטערונג. איך באַנעם אָבער נאָך אַלץ ניט דעם מוראדיגן שרעק וואָס האָט מיר אַרומגעכאַפּט אין יענעם שטומען מאָמענט, ווען ס׳זיינען אַנטשוויגן געוואָרן מיינע געשרייען און ס׳האָט זיך ניט דערהערט די תשובה פון קינד.

איך האָב אַזוי ווי געוואַרט אויף אַן אומגליק, און ס׳איז מקויים געוואָרן. איך האָב ניט געגלויבט קיין איין מינוט אַז דאָס קינד וועט לעבן.

שטיל אַרום. ס׳הערן זיך נאָר די באַפעלן פון דאָקטאָר. דאָס לעצטע מאָל אויסגעהערט דאָס האַרץ — און אַ סוף.

פון פענסטער לויכט אַריין דער באַגינען. אַרום מיר זיינען אַלע וואַך, און דער טויט איז אין אונזער הויז, אין מיין ליבן צימער, וואָס אַלץ אין אים האָט זיך געריכט אויף דאָס נייע לעבן.

וואו איז נאָך אַ קינד אַזוי וואַרים באַשיצט און באַוואָרנט ווי אין דער מוטערס לייב? און איצט? — גלייך פון אונטערן האַרצן אין קבר.

אַלץ זעט אויס אַזוי קלאָר, נאַקעט און העל. דאָס אויפכאַפּן זיך יעדן פרימאָרגן, די שטילקייט אַרום. און עס פייניגן די ניט־נויטיגע אומזיסטע זאָרגן פון די נאָענטע.

אַ סוף. איך בין אויפגעשטאַנען. אַלע זיינען זיך צופאָרן, איינער נאָכן צווייטן, — י. אויך. אַלץ אין הויז איז ווי געווען. איך בין אַליין מיט מיין יינגעלע — ווי פריער, און דאָס האַרץ איז פוסט.

אַזוי ווי דער באָדן וואָלט זיך אויסגעגליטשט פון אונטער די פיס. איך גלויב ניט מער אין מיינע אייגענע כוחות — אין אונזערע ביידנס כוחות. און נאָך אין יענער שרעקלאַכער נאַכט איז געקומען דער געדאַנק — געגנוג, איצט קיין כנרת, צו דער אַרבעט. איך ווייס ניט וואו דער אמת איז, קיין גרינגגן לעבן זוכן מיר דאָך ניט, אָבער וואו איז דער אמת אונזערער? און איך הער דעם קול: מען דאַרף גיין צוריק צו דער אַרבעט. און דאָס האַרץ ציטערט.

און אַ וואונדער — איך פיל ווי יעדער אַטאָם אין מיר וואַכט אויף פון דאָסניי און גאַרט און רופט.

*

ס׳איז שוין האַרבסט. די זון איז אַ צאַרטע, ניט ווי אין גליל. שטאַרקע ווינטן. און די בוימער הערן ניט אויף צו רוישן און צו דערמאָנען.

דער אומעט נאָגט מיך. איך קען ניט פאַרגעסן, אַז איצט וואָלט אונזער מיידעלע שוין אַלט געווען צוויי חדשים. ווי איך וואָלט זי גענערט און ווי זי וואָלט געוואַקסן פון טאָג צו טאָג! און דער וועג מיינער וואָלט דענסטמאָל געווען אַזאַ קלאָרער.

תמיד איז דאָך דאָס זעלבע: אין אָנהויב יאָר וועקן זיך נייע האָפ־נונגען אויף אַ נייעם לעבן, — און יעדעס מאָל ווערט פון דעם גאָרנישט. און היי־יאָר האָב איך אַזוי געהאָפט אויסגעלייזט צו ווערן פון דער אייביגער זוכעניש! ווען ניט דער אומגליק — וואָס פאַר אַ קלאָרן, רואיגן יאָר וואָלט איך עס געהאַט דאָ, אינם שטילן דאָרף, האָדעווענדיג מיין קליין קינד, און וויסנדיג ווי וויכטיג ס׳איז די אַרבעט וואָס איך טו! און איצט, וואוהין גייט מען?

און דאָס האַרץ גייט אויס פון בענקעניש נאָך דער פאַרלוירענער פרייד, נאָך דער טויטער מיידעלע. אַלץ וואָס איך האָב געקלערט און אויף וואָס איך האָב זיך געריכט — איז געווען אומזיסט. און ס׳טרעפט אַז איך גיי צו צו מיין זון און קער זיך אום צוריק אַ ניט־באַפרידיגטע.

איך געדענק גוט די ספקות וואָס האָבן זיך דערוועקט, ווען איך האָב צוערשט דערפילט אַז ס׳וואַכט אין מיר אויף אַ נייער לעבן. איך האָב אַזוי מורא געהאַט, טאָמער בין איך נאָך ניט גרייט, טאָמער זיינען מירביידע נאָך ניט גרייט. צי האָב איך גענוג אָפּגערוט נאָכן ערשטן קינד? צי וועלן סטייען כוחות — פיזישע און גייסטיגע — אויף אָנצונעמען דעם נייעם עול מיט אַזאַ ליבע ווי דעם ערשטן?

און אַזוי זיינען פאַרביי די ערשטע חדשים — אין ספקות און אין ליידן. ביז איך האָב דערשפּירט אין זיך דאָס ערשטע פּולסירן פונם נייעם לעבן. און דענסטמאָל איז געקומען יענער געפיל, וואָס אים אויסצודריקן פעלן ווערטער — דער געפיל פונם טיפן אין דיר באַהאַלטענעם סוד און פון דיין אַבסאָלוטער פאַרבונדנקייט מיט דער עקזיסטענץ פונם צווייטן מענטשן. פון יענעם מאָמענט אָן איז געוואָרן אויס ספקות, אויס שרעק — ס׳איז געבליבן נאָר האָפנונג און וואַרטן.

*

דריי וואָכן בין איך שוין אין יפו און האָב נאָך ניט געהאַט קיין איין גוטע מינוט. אַן „איבעריגע״ – דאָס איז מיין לאַגע ביי היינטיגן טאָג, מען דאַרף מיך ניט. אַז איך בין דאָס ערשטע יאָר געוועזן מוטער – פלעגט די שווערע פאַראַנטוואָרטלאַכע אַרבעט אַרום קינד איינשטילן דאָס בענקען נאָך דער ברייטער וועלט. אָבער איצט, ווען דאָס קינד פאַרלאַנגט פון מיר ווייניגער, רייסט דאָס האַרץ און ציט ערגעץ ווייט.

ווי אָרים וואָלט געוועזן מיין לעבן אָן מיינע ליבע! אָבער ס׳איז מוראדיג צו טראַכטן, אַז דאָס איז אַלץ. איך מוז זיך ראַטעווען פון דעם איינגן לעבן, פון די טאָג־טעגלאַכע זאָרגן, וואָס פאַרמאַטערן נאָר און גיבן גאָרנישט. נאָר ס׳איז אוממעגלאַך אַרויסצוגיין פונם פאַרשלאָסענעם קרייז – ס׳איז אַ גזירה אויף אייבּיג.

*

דריי חדשים בין איך אין יפו. און די גאַנצע צייט – שווער. איצט האָט זיך געפונען אַן אויסוועג. ווער ווייס אָבער צי דאָס איז דער ריכטיגער? ווי אָבער עס זאָל ניט זיין – אַ סוף צו מיין יפו׳ער לעבן. איך קער זיך אום צוריק צו דער אַמאָליגער אַרבעט מיט די אַמאָליגע פריינד. די לעצטע דריי יאָר האָב איך געוויס ניט גרינגער געאַרבעט ווי פריער אין דער קבוצה. פאַרקערט – דער לעבן אונזערער איז צו שווער פאַר אַן איינצלנעם מענטשן און נאָר מיט פאַראייניגטע כּוחות איז עס מעגלאַך צו טראָגן.

צי וועל איך זיך אָבער באַרואיגן ביי דער אַרבעט? איצט, אַז איך דאַרף באַשליסן – דערזע איך פלוצלינג די גרויסע געפאַר: דאָס זאָרגן און בענקען נאָך י. און דעם קינדס לעבן אָן דעם פאָטערס ליבע און אָן זיין גוטער השפעה.

מיין איינציג קינד! דאָס בעסטע, וואָס מיין האַרץ פאַרמאָגט בין איך דיר גרייט צו געבן! ווייל איך ווייס, אַז דו ביסט דאָס טייערסטע פון אונזער ביידנס לעבן.

*

שער איז דער׳הרג׳ט געוואָרן אין תל־חי! י. איז אַוועק אַהין. וועט ער נאָך אַמאָל קומען צוריק?

אָט דאָס איז אונזער וועג. לעבן אַנדערש איז אַ חרפה.

י. זאָגט אַז ער האָט געפּרובט אָפּריידן שער׳ן ניט גיין קיין תל־חי. אַזוי ווי דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט. און איך? וואָס האָב איך געטאָן? –

איך האָב אים אַליין אַוועקגעשיקט, אָן ווערטער. צי בין איך רואיג? ניין. אָבער ניט לאָזן אים גיין האָב איך ניט געקענט. איך זע קלאָר דעם סוף וואָס וואַרט אויף אונז אַלעמען, און אַ אינווייניגסטע שטים רופט און הייסט צו גיין אים אַנטקעגן.

*

נעכטן בין איך געווען אין טבריה. מאָרגן פאַרטאָג גייט אַרויס די הילף פון טבריה קיין אויבערשטן גליל. איך ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר ס׳איז עפּעס גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן. אפשר ווייל דאָס קינד האָט זיך אַזוי ליכטיג צוזעגנט מיטן פאָטער.

נאָר וואָס פאַר אַן אימה דאָס איז! איינער פון אונזערע חברים איז געפאַלן, די ליידיגע ווייסע בעט זיינע שטייט נאָך אין צימער, און דער אומגליק האָט זיך געפילט נאָר איין טאָג. אויף מאָרגן איז ווי קיינמאָל גאָרנישט געשען. אַלע איילן זיך צוריק צו דער אַרבעט — צום פּאָסטן. דער בליק טרעפט אַפּנים נאָר די נאָענטסטע מענטשן.

איך געדענק וואָס י. האָט געזאָגט איידער מיר זיינען געקומען אַהער: „דער גאַנצער דור אונזערער וועט נאָר באַמיסטיגן די פעלדער פון ארץ־ישראל״... ס׳איז שווער צו זיין די ערשטע — די טיף־באַהאַלטענע, אומ־באַקאַנטע וואָרצלען פון בוים, אָבער דאָס איז אונזער איינציגער אמת! די לאַנד איז אונזערע און מיט אונזער בלוט וועלן מיר באַצאָלן פאַר יעדן טריט באָדן!

מיר זיינען אָבער נאָר אַ הויפן, און ווער ווייס אויב ניט קיין הויפן משוגעים? און דאָרט, אין דער גרויסער וועלט זיינען פּאָגראָמען. מיר „פּראָ־טעסטירן״. וואָס פאַר אַ בזיון! אונזערע איינזאַמע קבֿרים דאָ — אויב זיי וועלן ניט באַפרייען דאָס פאָלק — טאָ זאָלן זיי אים כאָטש אויסלייזן פון דער חרפה פאַר דער וועלט!

*

דעם גאַנצן טאָג געפּאַקט די זאַכן. מיט מיינע אייגענע הענט צושטער איך אונזער נעסט. פאַרן קינד איז דאָס זיכער אַ נעסט.

און וויפיל כּוחות עס נעמט צו. דעם פערטן מאָל וואַנדערן מיר היי־יאָר פון אָרט צו אָרט. און ווער ווייס אויב איצט איז עס שוין אויף לאַנג? ווי איך ציטער פאַר דאָס אייביגע נע־ונד זיין, און פונדעסטוועגן, בין איך גרייט מפקיר צו זיין אַלץ צוליב מיינעם אַ חלום.

צי וועט כאָטש מקויים ווערן דער חלום?

איך וויל אַ פולן לעבן — ניט נאָר ליבע, נאָר אויך אַרבעט. איך וויל שטענדיג בלייבן פאַרבונדן מיט מיין וועלט, מיט מיין עָבר.

צי וועלן אָבער סטאַיען כּוחות אויף אויסצוטראָגן אַלץ? איינע אַליין צווישן פרעמדע. י. איז ווייט און אין געפאַר, די אַרבעט — אַ שווערע.

*

שוין. נאָך דער אַרבעט. איבערמאָרגן פאָר איך פון דאַנען אַוועק. די אַרבעט האָט מען פאַרקלענערט, אַ טייל מענטשן האָט געמוזט פאַרלאָזן דעם פּלאַץ, און איינע פון זיי — בין איך מיטן קינד. איך האָב צושטערט מיין הויז, האָב מיר דורכגעבראָכן אַ וועג און דאָס אַלץ צוליב דריטהאַלבן חדשים אַרבעט. און איצטער וואָס? ווייטער דאָס לעבן אין תּל־אביב? י. מונטערט אויף. ווי גוט ער איז! ער גלויבט אין מיר און אין אונזער גערעכטיגקייט זיין מער איידער איך. און אפשר איז דאָס נאָר אַן אָנשטעל, כּדי מיך צו טרייסטן?

*

ווי אַ מענטש בייט זיך! ווען דאָס קינד איז אין געפאַר, פאַרגעס איך אָן אַלץ און לעב נאָר צוליב אים. און ווען ער איז געזונט — קען ער מיך ניט אינגאַנצן באַפרידיגן. דעמאָלט גאַר איך נאָך אַ גרויסער אַרבעט, צוזאַמען מיט חברים, און די קליינינקע היימישע זאָרגן מאַכן פון מיר אַ תּל.

איך בין אַזוי מיד פונם שטענדיגן וואַרפן זיך אָן אַן אויסוועג, אַז אַמאָל דוכט זיך מיר — די גאַנצע זאַך איז ניט כּדאַי. בעסער אַוועקלייגן זיך ביינאַכט אויפן ברעג יַם, אומקערן דעם פּנים אַנטקעגן ים־ווינט און מער ניט אויפכאַפּן זיך...

ווי נאָר איך פאַרמאַטער זיך — גלייך ווילט זיך מיר אַרויסרייסן זיך פונם צימער. איך ווער אומגעדולדיג און ערגער זיך אויפן קינד. ער קוקט אויף מיר מיט דערשראָקענע פאַרוואונדערטע אויגן. און פון זיין קוק דערשרעק איך זיך אַליין. אָבער וואָס טוט מען אין די שווערע אונטער־טרעגלאַכע מאָמענטן? שוין זשע קען מען זיך שטענדיג גובר זיין און רואיג בלייבן צוליבן קינד?

ניין, ווען די מוטער מוז זיין רואיג, הגם זי קען עס ניט, דאַן איז שלעכט איר און שלעכט דעם קינד. זיי שטערן נאָר איינער דעם צווייטן, און פון אַזעלכע באַציהונגען וועט קיין גוטס ניט אַרויס.

*

די שטימונג — אַ געדריקטע. י. איז אויף דער ציוניסטישער קאָנפערענץ אין לאָנדאָן. דאָס קינד נעמט ביי מיר צו די גאַנצע כּוחות — יעדעס מאָל זינדיג איך קעגן אים און די חרָטה עסט אויף דאָס האַרץ. די לאַגע אַרום איז אַ מורא׳דיגע. פאַלשטענדיגע אַרבעטסלאָזיקייט. ס׳קומען נייע חלוצים, אַ טאָג־צוויי פרייט מען זיך מיט זיי און נאָכדעם זאָלן זיי טאָן וואָס זיי ווילן. אַ ברענענדיגע באַליידיגונג. און העלפן עפּעס קאָנסטו ניט. זיי זיינען דאָך געקומען אַהער כּדי אַוועקצוגעבן אַלץ וואָס זיי האָבן — און ווי מורא׳דיג איז דער געדאַנק, אַז „דיין קָרבן דאַרף קיינער ניט״.

און וואָס וועט זיין מיט אונז אַלעמען? און אונזערע קינדער, דאָס טייערע הייפּעלע קינדער, — וואָס וועט זיין מיט זיי?

צי זיינען מיר טאַקע נאָר אַ הויפן משוגעים, וואָס זיינען גרייט אויף אַלץ? און די יוגנט וואָס קומט איצט, איז אויך אַזוי. זיי וועלן אפשר ניט קענען טראָגן ווי מיר די טאָג־טעגלאַכע ליידן, אָבער דאָס לעבן אַוועקצוגעבן זיינען זיי אַלע גרייט. ווען מען וואָלט אויסגערופן אין פאָלק, אַז די לאַנד וואַרט אויף מענטשן, וואָלטן זיך דאָך אָפּגערופן טויזנטער!

היינט איז תּשעה באָב. מאָרגן וועל איך בעטן מיין לערערין לייענען מיט מיר ירמָיָהו.

תרע״ט—תר״פ

III

ח. ז. — ...עטלאַכע טעג איידער איך בין קראַנק געוואָרן, איז געוואָרן קראַנק מ. און איך בין געבליבן אין דער היים אַכטונג געבן אויף אים. קיין גרינגע זאַך איז עס ניט געווען.

מיר האָבן געוואוינט ביים ברעג פון ים און יעדעס מאָל ווען כ׳האָב עפּעס געדאַרפט האָבן, האָב איך געמוזט לויפן אַרויף צו דער קבוצה.

דער טאָג פלעגט זיך אָנהויבן מיט אַ לויפעניש צו דער חבר׳טע וואָס פירט אָן מיטן הויף — אויסצובעטן אַן עוֹף. אַמאָל פלעגט זי געבן, אַמאָל פלעגט זי שיקן קויפן ביי די אַראַבער. און אַז כ׳האָב שוין באַקומען דעם עוֹף, פלעג איך ערשט אָנהויבן זוכן אַ חבר וואָס זאָל מסכּים זיין אים קוילענען. נאָכדעם דאַרף מען אַראָפּטראָגן געשיר, קוילן און מילך פון דער קבוצה ביז אונטן צום ים, און ערשט דאָרט אָנהויבן קאָכן.

עטלאַכע מאָל אַ טאָג פלעגט מען אויך דאַרפן ברייגנען דעם פעלדשער בייטן די קאָמפּרעסן. פון גרויס האַוועץ און צער פלעג איך פאַרגעסן אָן עסן און פלעג טעג נאָכאַנאַנד אַרומגיין הונגעריג און אויפגערעגט. דער עיקר פלעגט מיך אויפרעגן יעדער שמועס מיט די חבר׳טעס. ווען כ׳פלעג עפּעס דאַרפן בעטן.

דענסטמאָל האָט מען געוואָרט אויף די ענגלענדער. דאָס טערקישע און דייטשע מיליטער איז אַנטלאָפן און די געגנט איז געבליבן גאָר אָן אַ רעגירונג. מ׳האָט מורא געהאַט טאָמער הויבן זיך אָן בעדואינישע איבערפאַלן. און כּך הוה. איין נאַכט זיינען אָנגעפאַלן בעדואינער אויף דגניה און די חברים פון דגניה האָבן געמוזט אַריבער קיין כּנרת.

מיר האָבן זיך איינגעשפּאַרט אין הויף און געוואַרט אויפן איבערפאַל פון די בעדואינער. ס׳איז געווען אַ נאַכט וואָס האָט דערמאָנט די נעכט פון חאַסאַן־בעקס צייטן. אין יענער נאַכט איז דער געזונט־צושטאַנד פון מ. אַ סך ערגער געוואָרן. דער פעלדשער האָט געהאַלטן אַז זיין לאַגע איז געפערלאַך און מיר האָבן באַשלאָסן איבערפירן אים קיין טבריה אין האָספּיטאַל.

אין טבריה איז יענעם טאָג געווען אַן איבערקערעניש. מ׳האָט געוואַרט אויף די ענגלענדער. די קראָמען זיינען געווען פאַרמאַכט, נאָר די שפּייכלערס פון דער רעגירונג זיינען געשטאַנען אָפן, פראַנק און פריי, און די שטאָטישע אָרימע לייט האָבן געשלעפּט פון זיי דעם גאַנצן טאָג זעקלאַך מעל, בלעכן מיט בוימל און וואָס זיי האָבן נאָר געקענט. די גאַסן זיינען געווען פול מיט מענטשן. אַלע האָבן געהאַלטן אין איין ריידן וועגן די ענגלענדער וואָס קומען. צו קלאַנגען איז קיין עק ניט געווען.

— די ענגלענדער זיינען שוין אין צמח.

— די ענגלענדער זיינען שוין אונטערוועגס פון כנרת.

דער עולם איז אַרויף אויף די דעכער זען צי עס קומען שוין די ענגלענדער. איך בין אויך אַרויף אויף אַ דאַך. פּלוצלינג איז געוואָרן אַ געשריי: אַראָפּ פון די דעכער, ענגלענדער גייען!

ווי אַ היישעריק האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן ענגלישע סאָלדאַטן פון אַלע בערג וואָס אַרום טבריה.

אין אַ ווײַלע אַרום, אַז איך בין אַריין אין צימער, האָב איך שוין געזען דורכן פענסטער פאַרבייגיין די ענגלישע מיליטער. דאָס איז אַריין די קאַוואַלעריע, כמעט אַלע — אויסטראַלישע סאָלדאַטן. אייניגע פון זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביים פענסטער פון מיין אַכסניה. די בעל־הבית׳טע האָט

זיי מכבד געווען מיט ווײַן. איינער פֿון זיי האָט אַראָפּגענומען פֿון היטל די מיליטערישע קאָקאַרדע און האָט עס געגעבן אַ מתּנה דער טאָכטער פֿון דער בעל־הבית׳טע. אַלע האָבן זיך געפֿרייט, און איך בין געשטאַנען און געטראַכט: איז שוין באמת געקומען די גאולה? זײַנען שוין טאַקי אויף אייביק אַוועק די צייטן פֿון חאַסאַן־בעק און די נעכט פֿון די אַראַבישע איבער־פֿאַלן? און איך האָב געטראַכט — אפֿשר וועט די לאַגע פֿון די אַרבעטער אויך ווערן בעסער? ס׳האַרץ האָט ניט געוואָלט גלויבן אין די גוטע האָפֿנונגען. פֿונדעסטוועגן זײַנען עס דאָך פֿאָרט סאָלדאַטן און זיי קענען מאַכן מיט אונז וואָס זיי ווילן און מיר זײַנען אַזוי שוואַך!

איך בין געקומען צו לויפֿן צו מ. אין שפּיטאָל. מ. האָט מיך באַגעגנט מיט די ווערטער: „מאָרגן פֿאָרן מיר צוריק קיין כּנרת, איצט איז קיין צייט ניט צו ליגן אין שפּיטאָל. יהודה איז שוין פֿריי און איך מוז זײַן דאָרטן!״

איך האָב געפּרוּווט אים בעטן צו בלײַבן נאָך עטלאַכע טעג, ביז ער וועט ווערן געזינטער, אָבער כ׳האָב ניט געפּועל׳ט. אויף מאָרגן פֿאַרנאַכט זײַנען מיר געקומען קיין כּנרת. מיר זײַנען געבליבן נעכטיגן אינם הויף. ווײַל מוֹרא האָבנדיק פֿאַר אַן איבערפֿאַל, האָט מען אַריבערגעפֿירט אונזערע זאַכן פֿון ברעג ים אויף אויבן, אין הויף. דער גרויסער צימער איז געווען ליידיק. די מיידלאַך זײַנען אַלע געשלאָפֿן אין דרויסן. איך האָב אַרײַנגעלייגט מ. אין בעט און אַליין האָב איך זיך געלייגט אויף דער ערד. איך בין געווען זייער מיד און צובראָכן און האָב ניט געקענט אײַנשלאָפֿן. כּל מיני מחשבות זײַנען מיר געקומען אין קאָפּ אַרײַן. מ. וועט אַוועקפֿאָרן — האָב איך געטראַכט — און איך וועל בלײַבן אַליין אין קבוצה. און איך האָב ניט געוואוסט, צוליב וואָס זאָל איך אײַגענטלאַך בלײַבן דאָ? ס׳איז מיר דאָ אַזוי שווער... איך קען דאָ ניט אַרבעטן בײַ די היגע באַדינגונגען. גענוג. און פֿונדעסטוועגן וועל איך פֿון דאַנען ניט אַוועק, ווײַל ס׳איז ערגעץ ניטאָ קיין ווינקל וואָס זאָל מיך מער צוציִען. און אפֿשר, ווײַל ס׳אַרט מיר בכלל קיין זאַך ניט. איך רעכן אַז מײַן לעבן וועט שוין לאַנג ניט דויערן. נאָך אַ יאָר, נאָך צוויי יאָר. און ס׳אַרט מיר ניט, אויב איך וועל דאַרפֿן דאָ לעבן נאָך אַ יאָר אָדער צוויי.

אַזוי בין איך געלעגן און געטראַכט ביז האַלבע נאַכט. פּלוצלינג איז מיר שלעכט געוואָרן. איך בין אַרויס אויפֿן גאַס און האָב אָנגעהויבן ברעכן. ס׳איז מיר פֿינסטער געוואָרן אין די אויגן. עפּעס אַ מוֹרא׳דיגע שוואַכקייט האָט מיך באַהערשט. ניט ווייט פֿונם פֿאַרקאַן האָב איך דערזען אַ ראָגזשע.

איך האָב זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער ראָגזשע און האָב זיך מער ניט געקענט אויפהויבן. ס׳איז מיר געוואָרן זייער קאַלט. איך האָב אָבער ניט געקענט אויפשטיין נעמען אַ קאָלדרע. אַרום זיינען אַלע געשלאָפן אין די בעטן און איך האָב ניט געוואָלט וועקן אימיצן. זיי האָבן דאָך געאַרבעט דעם גאַנצן טאָג, און איך פיבער בלויז. איך האָב ניט געגעסן די לעצטע טעג און זיך אויפגערעגט אַ סך, — איז, פאַרשטייט זיך, געקומען דער פיבער.

מיט יעדער מינוט איז מיר געוואָרן ערגער. וואָלט איינער צוגעגאַנגען מיך צודעקן און געבן מיר אַ קישן צוקאָפּן! אייניגע האָבן ווי דורכן שלאָף געהערט ווי איך ברעך, האָבן זיך ווי אויפגעכאַפּט און זיינען ווידער איינגעשלאָפן. און איך וואַרט ס׳זאָל ווערן ליכטיג און ווי אויף צו להכעיס ציט זיך און ציט זיך די נאַכט. ביסלאַכווייס הויבט אָן ווייס ווערן דער הימל. העגער הויבן אָן קרייען. אַ הונגעריגע קעלבל פאַרגייט זיך אין שטאַל און איר מאַמע ענטפערט איר.

נאָך אַ שעה, און אַרום מיר הויבט זיך אָן דער טאָג. רחל דערזעט מיך ליגן און דערשרעקט זיך פון מיין אויסזען. זי לויפט ברייגגען דעם פעלדשער ח. מ׳בעט מיר אויס אַ בעט אין גרויסן צימער, און מען לייגט מיך אַריין. דער פעלדשער קומט און זאָגט: כאָלערינאַ. איך טראַכט מיר: אין טבריה זיינען שוין עטלאַכע מענטשן געשטאָרבן פון כאָלערע, מסתּמא האָב איך זיך אָנגעשטעקט. ח. האָט מיר געמאַכט עטלאַכע איינשפּריצונגען. מיר ווערט אַלץ ערגער און ערגער. מ. האָט מען דערווייל איבערגעפירט אין אַ צווייטן צימער. איך בין געבליבן מיט רחל און ח. גייט פון מיין צימער ניט אַוועק. אַלע ווײַלע איינשפּריצונגען. רחל באַגייט זיך מיט מיר ווי אַ מוטער. זי פאַרגעסט גאָר צו טראַכטן טאָמער וועט זי זיך אויך אָנשטעקן. וואָס פאַר אַן איבערגעגעבנקייט! זי זעצט זיך ניט צו. זי לויפט ברייגגען הייסע פלעשער צו די פיס. און מיר ווילט זיך קאַלטע וואַסער אויפן געזיכט. גיט זי מיר ביידע זאַכן.

ווען רחל גיסט מיר דאָס קאַלטע וואַסער אויפן געזיכט, אָדער ווען ח. מאַכט די איינשפּריצונג ווערט אַ ווײַלע גרינגער, אָבער נאָר איין ווײַלע.

נאָך מיטאָג ווערט מיר גאָר שלעכט. שווער צו אָטעמען. ס׳האַרץ קלאַפּט, ווי ס׳וואָלט אָט־אָט וועלן צוריסן ווערן. דער קאָפּ ווי אין אַן אייזערנעם רייף. עס ווערט שווער צו ריידן. ווינק איך מאַכטלאָז צו רחל׳ען— וואַסער! און זי שפּריצט מיר קאַלטע וואַסער אויפן געזיכט. און איך קען ניט אַ ריר טאָן מיט אַן אבר.

ביינאַכט וועל איך געוויס שטאַרבן — טראַכט איך.

אַז ס׳איז מיר געוואָרן זייער שלעכט, איז רחל געלאָפן אין עסצימער רופן הילף. דאָרטן האָט מען איר דערציילט אַז שער איז געפאָרן קיין טבריה ברייענגען דעם דאָקטאָר. איך בין ווייטער געבליבן מיט רחל און ח. רחל׳ס געזיכט איז באַדעקט מיט שוויס. ח. איז נערוועז און האַלט אין איין מאַכן קאָמפּער־איינשפּריצונגען. ביידע זיינען זיי זייער. מיד און מיר ווערט קלאָר אַז זיי וועלן זיך אָפּפּלאָגן מיט מיר ביז איך וועל שטאַרבן. און ס׳נעמט מיר אַרום אַ מוֹרא׳דיגער כּעס אויף מיין גאַנצן שרעקלאַכן לעבן אין כּנרת און אויף דעם מאוס׳ן טויט וואָס איך דאַרף דאָ שטאַרבן.

ווען איך וואָלט נעכטן געוואוסט אַז איך וועל היינט אַזוי קראַנק ווערן, וואָלט איך אַריבער דעם ירדן, וואָלט אַוועק אין די וויסטע בערג אויף יענעם זייט כּנרת, וואָלט זיך דאָרט אַוועקגעלייגט און געשטאָרבן.

און מ. ליגט ערגעץ אין אַ צימער אין הויף אַ קראַנקער. איך וועל אים אפילו ניט זען פאַרן טויט. און איך וויל גאָרניט, ער זאָל אַריין צו מיר. ער קען זיך נאָך אָנשטעקן. איך בין דאָך סיי ווי ניט דער עיקר ביי אים אין לעבן — טראַכט איך מיר. דער עיקר איז ביי אים ארץ־ישראל און זיין אַרבעט אין ארץ־ישראל. אַז איך וועל שטאַרבן, וועט ער זיך נאָך מער אַריינוואַרפן אין זיין כּלל־אַרבעט. וואָס פאַר אַ חילוק צווישן אונזביידן: ער איז געקומען קיין ארץ־ישראל צו מַקריב זיין זיין לעבן פאַרן פאָלק און פאַרן לאַנד, און ער לעבט שיין און וועט מסתּמא שטאַרבן שיין. און איך בין געקומען אַהער זוכן לעבן און שיינקייט און האָב געפונען פאַר מיר אַ מאוסן לעבן און אַ מאוסן טויט.

ווי איך טראַכט, אַזוי עפנט זיך די טיר און ס׳גייען אַריין עטלאַכע מענטשן און צווישן זיי איינער אין אַ ענגלישן מיליטערישן מונדיר. זיי גייען צו צו מיין בעט. דער ענגלענדער הויבט מיר אָן אויסהערן. איך פאַרשטיי אַז ער איז אַ דאָקטאָר. ווייס איך אָבער אַז שער איז געפאָרן ברייענגען דעם ד״ר פּ. פאַרשטיי איך ניט ווי קומט אַהער דער ענגלישער דאָקטאָר. ער הערט מיך אויס, פרעגט וואָס. איך קען ניט ענטפערן און אָנשטאָט מיר ענטפערט רחל. מ׳צינדט אָן אַ לאָמפּ. דער ענגלישער דאָקטאָר מאַכט אָן איינשפּריצונג פון זאַלץ, הייסט מאַכן אַ וואַנע און גייט אַוועק. איך דערפיל זיך נאָך דער איינשפּריצונג בעסער און הויב אָן צו אָטעמען פרייער.

אין אַ האַלבע שעה אַרום קומט אַריין דער ד״ר פּ. ער הערט מיך ניט

אויס אַזוי ווי דער ענגלענדער, גייט גיך אַרויס פון צימער און זאָגט צו די וואָס פרעגן אים וועגן מיר, אַז איך וועל געוויס שטאַרבן.

אין אַ ווײַלע אַרום, ווי דער ד״ר פּ. איז אַוועק, זייט איר אַריין — דו און שער *). דו ביסט געווען אָנגעטאָן אין אַן אַרבעטס־כאַלאַט און אין אַ פאַרטוך. אויף די פיס הילצערנע סאַנדאַלן. אויפן קאָפּ אַ ווייס טיכל. דאָס געזיכט ערנסט און ווי אין כּעס.

דו האָסט אַ גאַנצן טאָג געאַרבעט אויפן פעלד, אין אָוונט אַז דו ביסט אַריין אין קיך עסן, האָסטו געוויס געהערט אַז מ׳דאַרף אָפּבייטן רחל׳ען, און ס׳איז ניטאָ ווער, און דו האָסט עס פאַרשטייט זיך איבערגענומען.

ס׳איז דעמאָלט ניט געווען קיין איין שווערע זאַך, וועלכע דו זאָלסט ניט קענען טאָן. דו האָסט אויף זיך גענומען די שווערסטע אַרבעטן אין שטאַל און אין קיך. און וואָס האָסטו אָפּגעטאָן אין די טעג פון חאַסאַן־בעק!

רחל האָט געוואָלט אַרומגיין אַרום מיר, ווייל זי איז אַ גוטע און האָט אויף מיר רַחמנות געהאַט. און דו — ווייל דו ביסט געווען אַ גליקלאַכע און אַ שטאַרקע. נאָר ווייל דו ביסט געווען אַזוי גליקלאַך, האָסטו געהאַט דעם כּוח אַרויפצולייגן אויף זיך אַזאַ מַשׂא, ווי דו האָסט עס געטאָן דעמאָלט, ווען דו ביסט אַריין צו מיר אָפּבייטן רחל׳ען.

און שער איז אַריין אין צימער אַזוי פראָסט און גרינג. אַזוי ווי ער וואָלט געגאַנגען אַרבעטן און ניט אַרומגיין אַרום אַ כאָלערע־קראַנקן, ביי וועלכן מען קען זיך אָנשטעקן.

בייטאָג האָט מען אים אַרויסגערופן פון פעלד צו ברענגען דעם ד״ר פּ. פון טבריה. איז ער געפאָרן און האָט געבראַכט דעם דאָקטאָר. איצט דאַרף מען אַרומגיין אַרום מיר אַ נאַכט, איז ער געקומען צו מיר. ער איז בּכלל גרינג גרייט צו ברענגען זיך פאַר אַ קָרבן. אין די טעג פון חאַסאַן־בעק אַז מען דאַרף ראַטעווען כנרת, רופט זיך אַרויס שער נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטונג פאַר די גאַנצע געווער פון כנרת. און זאָל איצט זיין אַן איבערפאַל, וועט שער זיין דער ערשטער ביי דער פאַרטיידיגונג, און אין דער אַרבעט נעמט ער אויך שטענדיג אויף זיך דאָס סאַמע שווערסטע. אַזאַ מענטש איז ער.

אַז איר ביידע זייט אַריין, דו און שער, איז מיר מיט איין מאָל אַזוי פריילאַך געוואָרן. כ׳האָב זיך געפרייט וואָס איר זייט אַזעלכע שיינע און אַזעלכע גוטע. איר האָט אין מיר אַריינגעבראַכט אַ ליכטיקייט. ס׳איז מיר פָּשוט ליב געווען צו זען אייך נעבן מיר. איך האָב זיך געסטאַרעט

*) זע באמערקונג ז. 90.

צו זיין רואיג און גוט צו אייך. מיר איז נאָך אַלץ געווען זייער שלעכט. האָב איך דיר געבעטן, דו זאָלסט אויף מיר שפּריצן קאַלטע וואַסער. האָט ח. געזאָגט, דו זאָלסט עס ניט טאָן און דו האָסט אים געפאָלגט. איז מיר נאָך ערגער געוואָרן. איך האָב אָבער שוין מער קיין קאַלטע וואַסער ניט געבעטן.

איך האָב זיך געסטאַרעט צו פאָלגן דיר, מיט אַלע מיינע כּחות. שער האָט פּאַרטיג געמאַכט די וואַנע. ח. האָט געמאַכט נאָך אַן איינשפּריצונג. נאָך יעדער איינשפּריצונג פלעג איך זיך פילן בעסער.

איך בין אַנדרעמלט געוואָרן. און אַז כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין געווען גרויסער טאָג אין צימער. שער איז ניט געווען און דו האָסט צוגעקליבן דעם צימער. האָסט אויסגעשטעלט די רפואות אויפן טיש. נאָכדעם האָסטו אויסגעווישט די וואַסער וואָס נעבן דער וואַנע און האָסט אויסגעקערט די שטוב. און דו האָסט עס אַלץ געמאַכט מיט אַזאַ רואיקייט. דיין געזיכט איז געווען בלאַס פון דער ניט־געשלאָפענער נאַכט, אָבער אַזוי ריין און איידל, אַז איך האָב ניט געקענט אַראָפּנעמען פון דיר מיינע אויגן. דו האָסט דערפילט מיין בליק און האָסט מיר געזאָגט: נו, וואָס מאַכסטו? וועסט שוין ניט שטאַרבן! אַזוי האָסטו געזאָגט, און דיין געזיכט האָט געשיינט פון פרייד.

מיר איז ניט געווען פריילאַך.

איך בין געבליבן לעבן.

און וואָס וואַרט אויף מיר? אַ שרעק איז מיר באַפאַלן. איך האָב מיר ניט געקענט פאָרשטעלן, ווי וועל איך עס קענען אָנהויבן לעבן פון דאָסניי. אַז ס'איז מיר דאָ אַזוי שווער געווען צו שטאַרבן, ווי וועל איך דאָ קענען לעבן?

וואָס וועל איך טאָן מיטן לעבן? איך האָב זיך געפילט אַזוי ווייט פון אים.

איך בין געלעגן אַ רואיגע און אַ אומעטיגע.

דו ביסט געווען נעבן מיר נאָך אַ גאַנצע שעה. ס'איז געקומען רחל. געקומען אויך ח. אַלעמענס פּנים'ער האָבן געלויכטן, פריילאַכע און גליקלאַכע, דער עיקר דיין געזיכט און דאָס געזיכט פון רחל'ען. האָסט נאָך אויפגע־ראַמט דעם צימער און ביסט געגאַנגען זיך צולייגן.

אָפּאַרבעטן אַ טאָג אויפן פעלד, נאָכדעם אָפּאַרבעטן אַ גאַנצע נאַכט ביי אַזאַ שווערן קראַנקן און אויף מאָרגן אינדערפרי אויפראַמען דעם צימער

מיט אַזא רואיקייט! און ווי איך האָב שפּעטער געזען, ביסטו גאָר ניט געגאַנגען שלאָפן, ווארים איך האָב דיר נאָך עטלאַכע מאָל געזען נעבן מיר אין מֶשֶך פונם טאָג.

שער׳ן האָב איך געזען, ווי ער גראָבט נעבן פענסטער גריבער צוליב דעזינפעקציע. נאָך דער שווערער נאַכט איז ער ניט געגאַנגען שלאָפן, נאָר זיך געשטעלט גראָבן גריבער, כּדי די קראַנקייט זאָל זיך ניט פאַרשפּרייטן.

ריינע נשמות — האָב איך וועגן אייך געטראַכט. ניט דערפאַר ווייל איר האָט מיר געראַטעוועט דעם לעבן, נאָר דערפאַר ווייל איר זייט דעמאָלט געווען אַזעלכע שיינע און ריינע!

תרע״ט

IV

ר. כּ. — די קאָנפערענץ *) האָט זיך געענדיגט באַגינען. איך האָב געהאַט אַ געפיל אַזוי ווי מיר וואָלטן געווען ערגעץ אין אַן אַנדער וועלט און מיר האָבן זיך אויפגעכאַפּט. עס איז געווען זייער אַ וויכטיגער חלום, אַ סך אַ וויכטיגערער ווי די ווירקלאַכקייט. מיר זיינען געווען אויסערגעוויינלאַך מיד. אָבער דער מוֹח האָט געאַרבעט פלינק און מוֹרא׳דיג טריי און ס׳איז געווען אַ שאָד יעדער געדאַנק וואָס איז אַוועק לאיבוד, אָן אַ זֵכֶר.

די קאָנפערענץ איז געווען ווי אַ געריכט. ווי אַ מין פייער־לייטערונג. איך האָב מיר ניט פאָרגעשטעלט צו טרעפן אַזאַ הויכקייט. מיר האָבן גע׳משפּט איינער דעם אַנדערן. אָפּט שווער גע׳משפּט. איך האָב געפילט, אַז איך ווער געטראָגן אויף כוואַליעס, וואָס הויבן מיר אין דער הויך און שליידערן מיר אַראָפּ אין טיפענישן.

*

איך וויל פאַרגלייכן די פרויען־פראַגע ווי זי איז געשטאַנען אויף אונזער קאָנפערענץ און אויף זייערער **). ניט די פראַגע וועגן וועלכער מ׳האָט גערעדט, נאָר די, וואָס האָט אַרויסגעשיינט פון יעדנס בליק און פון יעדנס ריר.

אַז די חברים האָבן גערעדט וועגן דער פראַגע, האָב איך זיך געוואונדערט, וואָס יעדער פון זיי האָט זיין אייגענעם צוגאַנג צו דער זאַך. און אַז מיר

*) פון די ארבעטער אין גליל, וואס איז געווען אין יאר 1915, אין כנרת. (רעד.)

**) פאר דער כנרת׳ער ארבעטער־קאנפערענץ איז געווען א קאנפערענץ פון ארבעטארינס. אויף איר האבן די חבר׳טעס צום ערשטן מאל פארמולירט אויף אן ארגאניזירטן אופן זייערע פאדערונגען אין דעם ווירטשאפטלאכן און אין דעם געזעלשאפטלאכן לעבן. (רעד.)

מיידלאַך, זיינען געזעסן צווישן זיי, האָבן מיר געקענט מאַכן דעם איינדרוק, אז מיר האָבן גאָר קיין מאָראַלישן קריטעריום ניט, וואָס נאָר ער גיט אַ רעכט צו האָבן אַ מיינונג. ביי די חברים אָבער האָבן מיר געפילט אַ גייסטיגע עֲשירות, מענטשן מיט בולט'ע אינדיווידואַליטעטן, וואָס יעדערער פון זיי גייט זיך זיין וועג.

איך ווייס, אַז עפּעס אַ מאויִמ'דיגע טיפקייט האָט זיך ענטפּלעקט אין דער פּרויען־פּראַגע אויף אָט דער קאָנפערענץ. און כ'האָב מורא געהאַט פאַר אָט דער טיפקייט.

איך האָב געפילט, אַז כדי ווייטער און טיפער צו טראַכטן, פעלן מיר די קוועלן. אונזער נאַציאָנאַליזם האָבן מיר באַגרינדעט אויף אַ גרויסער פאַרגאַנגענהייט, אויף דער געשיכטע און ניט אויף צופאַלן פון טעגלאַכן לעבן. אָבער אונזער וועלט, די פרויען־וועלט, — ווי זאָלן מיר זי ערקלערן און ווי זאָלן מיר זי פאַרטיידיגן? די ערפאַרונג פונם פּריוואַט־לעבן איז ווייניג און מ'טאָר זיך אויף איר ניט פאַרלאָזן. אָבער ניט שוין־זשע מוזן מיר זיך אָפּגעבן מיט אונזערע ענינים און מיט דער „פּסיכאָלאָגיע" פון די באַציהונגען צו פרויען, אַזוי ווי מיר גיבן זיך אָפּ מיט דער פּסיכאָלאָגיע פון די באַציהונגען צו אונזער פאָלק?

צום סוף איז געווען אַ געפיל פון ענטוישונג, פון פאַרביטערטקייט און חרָטה: צוליב וואָס האָבן מיר עס באַדאַרפט אַרויסגיין עפנטלאַך פאַר אַ פרעמדער וועלט? און אַז מיר זיינען שוין יאָ אַרויסגעגאַנגען, פאַרוואָס האָבן מיר ניט אויפגעדעקט אַלץ וואָס מ'וואָלט געדאַרפט אויפדעקן? און איז דען מעגלאַך אַלץ צו זאָגן?

בשעת ס'זיינען אָנגענומען געוואָרן אונזערע פאָרשלאַגן, האָט זיך אַרויסגעוויזן עפּעס אַ קאָמפּליצירטע באַציהונג: ס'איז געווען קלאָר, אַז אַלע ווילן, אַז די רעזאָלוציעס זאָלן אַדורך שיין, אַז דער עסטעטישער געפיל זאָל ניט ליידן. און ס'איז געווען עפּעס אַ באַליידיגונג דערין.

און די גאַנצע אומנאַטירלאַכקייט, דער רַעש און די אַבסטראַקציע פון אַ ויכּוח! בשְעַת פאַר מיר איז תּמיד געווען נאָר וויכטיג אַז איך מיט מיין חבר'טע זאָלן איינע די אַנדערע ריכטיג פאַרשטיין.

*

איך בין אַריין אויף עטלאַכע מינוט אין צימער פון דער רעזאָלו־ציאָנס־קאָמיסיע. דער פאַרנעם פון די ענינים האָט מיר צוגעגעבן מוט. זייער

ברייטקייט האָט געמאַכט פאַרגעסן אונזער באַגרעניצטקייט. מיר איז געווען גוט. און פונדעסטוועגן איז די דאָזיגע ברייטקייט אי אונזערע, אי ניט אונזערע.

די הויכקייט פון זייער ניווא, וואָס האָט ווי געדריקט אויף מיר, און אויך זייער באַציהונג וועלכע איז געווען אַ גרינגערע צו אונז ווי צו זיך אַליין — דאָס אַלץ האָט געוועקט דעם זעלבסטגעפיל.

און מיר האָבן אונז אַליין געגאַרט בשעת מיר האָבן געזאָגט, אַז מיר האָבן זיך ניט גענוג באַטייליגט אין דער קאָנפערענץ, ווייל מיר זיינען געווען פאַרנומען. אַ טָעות, מיר האָבן זיך ניט באַטייליגט אין דער קאָנפערענץ, ווייל מיר האָבן זיך ניט באַטייליגט אין לעבן.

און צו דער ערשטער זיצונג פונ׳ם מֶרְכָּז, צו וועלכן מיר זיינען געווען איינגעלאַדן, זיינען מיר געגאַנגען ווי פאַר׳משפט׳ע. מיר האָבן געזען, אַז מיר קענען נאָך ניט באַהאַנדלען צוזאַמען אונזערע פראַגן, ווי צוויי נאָענטע און גלייכע כּוחות.

איך גלויב אינ׳ם אינסטינקט פון אמת, וואָס באַגלייט אונז, אָבער וואו נעמט מען כּוחות תּופס צו זיין אַלץ, ערקלערן און אויסדריקן? און אפשר איז גאָר דער גאַנצער ליידן אומזיסט, און מיר קענען געפינען דעם וועג צו אַרבעט מיט אונזערע כּוחות אַליין?

V

א. ס. — אַזוי ווי אין אַלץ, אַזוי אויך אין בריוו — מיר, די לאַנג־אָנגעקומענע אין לאַנד, מיר שווייגן. דאָס הייסט ניט, אַז מיר האָבן ניט וואָס צו זאָגן. אפשר שווייגן מיר גאָר דערפאַר, ווייל ס׳איז דאָ צופיל צו זאָגן. מיר גלויבן פשוט מער ניט אין קיין וואָרט, מיר גלויבן אין דער טאַט. און ווי משונה׳דיג עס קלינגען ניט די ווערטער פאַר אונז אַליין — זיינען מיר דאָך מענטשן פון טאַט, מענטשן פון פאַרווירקלאַכונג.

איך געדענק, אימיצער האָט מיך אַ פרעג געטאָן: ווי קומט עס, אַז איר, אַ כּלל־טוערין אין גלות, נעמט איצטער גאָר קיין אָנטייל ניט אין לעבן פון דער הסתּדרות? איך האָב יענעם אָפּן געענטפערט: „איך אַרבעט דאָך אין דער וועשעריי פון אונזער קבוצה. אַזאַ אַרבעט איז די וויכטיגסטע אין דער הסתּדרות, דאָס איז אונזער פּ ר אָ נ ט״. און צו מיין פאַרוואונדערונג האָט מיך יענער גוט פאַרשטאַנען.

דאָס לאַנד האַלט אונז פעסט, און מיט איר גרויסן כּוח טרייבט זי אַלעמען און בפרט אונז, פּרויען, צו דעם פּראַנט פון אַרבעט. און דעריבער פּילט מען אונז פּרויען אַזוי ווייניג אין דרויסן, אויפן שטח פון דער באַוועגונג. און דאָס טאָר מען אונז ניט מוחל זיין דוקא איצט, ווען די באַוועגונג האָט זיך אַזוי פאַרברייטערט, און אונזער קרייז פון די „ערשטע" ווערט אַלץ קלענער און קלענער אין צאָל.

עין־חרוד

VI

ברכה — דיין גאַנצער לעבן איז אַרבעט און אַרבעט. וואו הויבט זי זיך אָן און וואו לאָזט זי זיך אויס? און אַמאָל גלויבט זיך דיר אַז ס׳וועט קומען אַ צייט, אַז מיר וועלן אויפשטיין זינגענדיג צו דער אַרבעט, און זינגענדיג וועלן מיר איינשלאָפן.

ס׳איז ניין דער זייגער אין אָוונט. אָט ערשט האָב איך געענדיגט די אַרבעט אין קיך און ס׳איז מיר אַזוי גוט. אַנדערע וועלן געוויס לאַכן פון מיר: — אַרבעטן אין קיך און פילן זיך גליקלאַך! ס׳איז אָבער פאַרט אַזוי. דאָס רוב דאַרף מען זיך צופּאַסן צו דער אַרבעט, און ס׳איז גאָר ניט לייכט. אָבער אַמאָל שיינט אַריין אַ שטראַלענדע ליכט אין דיין לעבן. ס׳איז גוט אויפ־צושטיין ביינאַכט, בעת דער שומר וועקט דיך, איידער עס לעשן זיך אויס די שטערן צווישן די וואָלקנס, און דיינע אויגן דערקענען נאָך ניט די ווייטעניש אַרום. ס׳איז גוט איינצוזאַטעמען די ריינע לופט, כאָטש דערצו האָסטו גאָר קיין צייט ניט, ווייל דו מוזט זיך איילן צוגרייטן דאָס עסן פאַר די, וואָס גייען אינדערפרי צו דער אַרבעט. און אַמאָל טרעפט זיך, אַז ניט האָבנדיג אפילו קיין צייט, קוקסטו דאָך אַרויס פון פענסטער, צי עס ווערט שוין ליכטיגער דער הימל — פאַר דיינע אויגן דרעמלען די צעלטן; טרייע הינט דרייען זיך צווישן זיי.

אָט באַלד וועק איך אייך אויף, טייערע חברים! דערווייל שלאָפט רואיג נאָך עטלאַכע מינוט!

און אין אָוונט, איידער מען ענדיגט די אַרבעט, קומען די הערלאַכע שָעה׳ן פון איינזאַמקייט. איך זינג, איך וואַש דאָס געפעס, איך הער זיך צו, ווי עס רוישט דער וואַסער־מאָטאָר אין דאָרף, הער לידער פון די שכנישע אַראַבער, און ס׳דוכט זיך, אַז עפּעס קומט צו אין דער נאַטור, אין דער גאַנצער וועלט אַרום.

פּתח־תקוה, קבוצת פּינסק

VII

רבקה – זאַלבעדריט זיינען מיר, דריי אַרבעטאָרינס אין אַ קליינער יונגער קאָלאָניע. באַהויכט מיט שטילקייט אַרום און אַרום. איין לאַנגע, אויסגעצויגענע גאַס און פון ביידע זייטן פונם ברייטן און גיט־גלייכן וועג קוקן אַרויס צוויי שורות קליינע שטומע הייזער. הינטער די הייזער – ברייטע ווילדע פעלדער, מיט דערנער באַדעקט.

היי־יאָר האָט מען אָנגעהויבן פלאַנצן גרויסע שְטָחִים, מייסטנס מאַראַנצן. איין שֶטַח נאָכן צווייטן ווערט איינגענומען דורך די יונגיטשקע פלאַנצונגען, און אַן אויסגעגלייכטע, אַ פּאַראַקערטע, שוואַרצלט זיך דאָ און דאָרט די ערד, איינגעראַמט אין דאָרניקע פעלדער און אַרומגעצאַמט מיט אַ מְיוּשָב׳דיקן פּאַרקאַן.

אינוויייניג – אַ גרינער, פרישער און צערוישטער ישוב: די יונגע בוימעלאַך. צו זיי, צו די בוימער האָבן מיר עס אַ שבועה פון טרייהייט געשוואָרן. ס׳גייט זיי דער צווייטער יאָר, זייער קריזיס־יאָר: זיי ווערן געגרעפּט. אין די קלאָרע האַרבסט־טעג שטעקט מען אַריין אין שטאַם פונם ווילדן בוים אַ מאַראַנצן־צווייגעלע. ווינטער־לאַנג שטייען זיך די בוימער רואיג. די ווינטן שפּילן זיך מיט זייערע קרוינען און די וואָרצלען גראָבן זיך אַלץ טיפער אַריין אין דעם אָנגעזאַפּטן באָדן, אָבער עס קומט דער פרילינג און מיט אים הויבט זיך אָן די לאַנגע סֶדרה פון אָפּעראַציעס.

מיר אַלע זיינען ווי צוגעשמידט צום גרעפּן.

קודם כָּל וואַרפן מיר אַראָפּ די קרוין. זי איז אַ צו גרויסער נִצְרך, פּאָדערט אַ סך און כָּל זמַן זי וועט באַצירן דעם בוים, וועט דער געגרעפּטער צווייג קיינמאָל ניט זיין בכּוֹח אַרויס אויף דער ליכטיגער וועלט. דער שטאַם וועט אַ צייט שטיין אָרים־נאַקעט, ביז עס וועט זיך באַווייזן אַ קליין צווייגעלע.

פון איצט אָן איז עס אונזער ציטעריג קינד. אַזוי פיל סַכָּנות דאַרף ער אויסשטיין! פון אַלע זייטן וועלן באַלד אַרויסשפּאַרן ווילדע און קרעפטיגע צווייגן און ווען ניט די אום׳בּרַחמָנות׳דיגע שער, וואָלטן זיי דערשטיקט דעם צאַרטן יוֹרש זייערן. די ווינטן ווערן אויך ווייניג וואָס נִתפָּעֵל פון אים און ווען מיר בינדן אים ניט צו ווי עס באַדאַרף צו זיין און גיבן זיך מיט אים ניט אָפּ, וואָלט ער קיין תקומה ניט געהאַט.

אין פּרדס איז שאַ־שטיל. די זון גליט. עס טריקנט אין האַלדז פון דורשט. אָבער די בוימער מאָנען, מען מוז אַכטונג געבן אויף זיי נאָכן

גרעפן – און מיר פאַרגעסן, ווי מיד מיר זיינען, ווי עס רינט אונז אַראָפּ דער שווייס, ווי מיר גייען אויס נאָך אַ ווינקעלע שאָטן און נאָך אַ טרונק קאַלטע וואַסער.

אין אַ צייט אַרום זיינען שוין די אָרימע שטאַמען געטרייסט. בויגעוו־דיגע און שטאָלץ־גלייכע צוגעגרעפטע צווייגן באַדעקן זייער טונקל־נאַקעטן גוף. שוין אַוועק די צאַרטע, קינדערשע תּקופֿה. הויך און קרעפטיג הויבן זיי זיך געזיכערטע, אַלע צוגעבונדן אָן די שטאַנגען, און אפילו די ווילדע צווייגן וואַגן שוין ניט אויפצוהויבן דעם קאָפּ. באַווייזט זיך איינער – ווערט ער גלייך באַזייטיגט.

די געגרעפטע צווייגן ווערן רייף, שטעלן זיך אַ ווײַלע אָפּ אין וואוקס און דאַן שניידן מיר זיי אונטער. יעדער צווייג לאָזט אַרויס דריי נייע צווייגלאַך אין אַלע זייטן, אַ שטייגער ווי אַ קליין קרוינדעלע – און מיר שניידן זיי ווידער אונטער, ווי נאָר זיי וואַקסן גענוג אויס. אנזער קרוין דריטלט זיך און אָט האָט זי שוין ניין שטראַלן.

אַלץ איז פאַרטאָן איצטער מיט איר, מיט דער צו׳חנ׳דלטער קרוין. מיר בינדן זי צו אויף אַלערליי אופנים, מיר שפּאַרן זי אונטער מיט וואָס איר ווילט נאָר: מיט הילצערנע שטאַנגען, מיט רייפלאַך פון עקאַליפּטוס צווייגן, מיט דיקן אייזערנעם דראָט צונויפגעדרייט אין אַ דריי־עק. מיר ווילן אַז די קרוין זאָל וואַקסן שטייף, גלייך און שיין, אַז איין צווייג זאָל ניט שטערן דעם צווייטן.

אין דאָרף איז שטיל־רואיג. און אין די יונגע פּרדסים רוישט און וויגט זיך. מיר קוקן אויף די שורות בוימער און דאָס האַרץ קוועלט אָן.

רעננה

VIII

י. א. גאָט האָט מיר צוגעשיקט אַ לייכטע קראַנקייט. קיין וואַרימקייט האָב איך ניט. דער קאָפּ איז קלאָר. ליג איך אין בעט אָן אַ שטאָך אַרבעט. נעם איך זיך לייענען די שריפטן פון א. ד. גאָרדאָן. צום ערשטן מאָל. ביז היינט האָב איך זיך אַלץ ניט געקענט אויסקלייבן. פריער זיינען געווען יאָרן ווען איך האָב נאָך ניט געקענט לייענען קיין העברעאישן ספר. שפּעטער אַז איך האָב שוין ערגאָבערט אָט דעם טייערן אייגנס – קענען לייענען העברעאיש – האָב איך אַלץ געטראַכט: גאָרדאָן. אַוודאי זיינען זיינע שריפטן ערנסטע און שווערע און מ׳דאַרף האָבן צו זיי אַ פּאַסיגע צייט, ווען דער

קאָפּ איז אויסגערוט פון היץ און פון אַרבעט. דאָס קען געמאָלט זיין נאָר שבת. דאַרף מען אָבער דערצו אַז איך זאָל יענעם שבת קיינעם ניט פאַר־בייטן ביי דער אַרבעט, און אַז גראָד זאָלן די איבעריגע דריי חבר׳טעס, וואָס וואוינען מיט מיר אין צימער, ניט זיין אין דער היים. ווען זשע טרעפן זיך אָט די אַלע נסים מיט איין מאָל?

עַל כֵּן — לייען איך איצט גאָרדאָנס שריפטן. בעצם, זיינען די זאַכן באַוואוסט און קלאָר. טיילמאָל דוכט זיך אַז איצט וואָלט אפשר גאָרדאָן גאָר אַנדערש געשריבן. גאָרדאָן האָט אויך טעות׳ן געהאַט... און פונדעסט־וועגן, ווי נאָענט זיינען זיינע ווערטער, און וויפיל מוט גיבן זיי צו! די האָפנונגען ווערן שטאַרקער און די ספֵקות ווערן ווי פון זיך בָּטל.

אָבער צווישן אָט די אַלע, ביי אונז אין דער גרויסער ווירטשאַפט, וואָס צווייפלען אין אונזערע מעגלאַכקייטן אין לאַנד, און דער עיקר אין אונזער פייאיקייט צו אָנפירן אַליין „דעם גאַנצן גרויסן עֵסֶק״, — וויפיל פון זיי האָבן געלייענט גאָרדאָנען? צווישן די בחורים איז נאָך ווי עס איז, אָבער צווישן מיידלאַך? אַ סָפֵק אויב מ׳וועט זיי אָנציילן אויף די פינגער פוןביידע הענט...

עין־חרוד

IX

ח. כ. — היינט האָב איך געהאַט אַ שמועס מיט ש., פון יענעם מין שמועסן וואָס זויגן אַרויס די גאַנצע נשמה.

איך האָב געזען אַז ניט איך אַליין לייד. ש. איז ווי איך געקומען זייער יונג אין לאַנד און ווי איך איז זי אַריין אין דער אַרבעט — אַ קינד. מיר האָבן געאַרבעט זייער שווער, מיר זיינען געווען איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן. מיר האָבן אָבער געהאַט נאָך באַדערפענישן: לערנען, לייענען, באַגעגענען זיך מיט נאָענטע. די טיף באַהאַלטענע כּוחות אונזערע האָבן פאַרלאַנגט, געזוכט און האָבן קיין אויסוועג ניט געפונען.

כּדי צו זיין חלוצים — דאַרף מען כּוחות, גייסטיגע און פיזישע. און ווי קומען כּוחות צו קינדער?

די קראַפט פון דער אידעע אַליין — רייכט ניט אויס. אַן אמת — מיר האָבן נאָך זייענדיג קינדער געמוזט ווערן חלוצים. ווייל מיר זיינען מענטשן וועלכע ווילן דווקא טרינקען גלייך פונם קוואַל און אַנדערש לעבן קענען מיר ניט. אָבער צו יונג זיינען מיר געקומען צום קוואַל, אָן

וויסן און אָן לעבנס־ערפאַרונג. דער קוואַל האָט געברויזט צו שטאַרק און מיר האָבן קיין כּוח ניט געהאַט פון אים צו שעפּן. חברים — אונזער־גלייכן האָבן מיר ניט געהאַט. און די דערוואַקסענע זיינען געווען פאַרטאָן אין דער אַרבעט, אינם ישוב און אין דער הסתדרות. פון זיי האָבן מיר נאָר געקענט אַ ביישפּיל אַראָפּנעמען, ווי אַזוי מען דאַרף זיך איבערגעבן אינגאַנצן.

מיר האָבן ניט געהאַט קיין צייט און קיין כּוח צו לערנען דאָס וואָס איז נויטיג געווען פאַר אונז, פאַר אונזער אַרבעט. און ווער אויסער יחידים האָט עס כּוח צו לערנען נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט? איז אונז נאָר געבליבן צו שעפּן פון זיך אַליין דאָס אַלץ וואָס איז נויטיג פאַר אַ לעבן פון אַ חלוץ.

די מסוכּנ׳סטע יאָרן, דעם איבערגאַנג פון אַ קינד צו אַ פרוי — האָבן מיר דורכגעלעבט אָן דער הילף פון אַ פאַרשטענדיגער מוטער.

און ס׳איז גאָר קיין וואונדער ניט וואָס ניט איינמאָל האָבן מיר געמאַכט פעלערן און ניט איינמאָל האָבן מיר צוזייט אונזערע כּוחות אויפן ווינט. און נאָך יעדן פעלער פלעגן מיר אויפשטיין און גיין ווייטער אונזער וועג, האָפנדיג אַז דאָס איז דער לעצטער. ס׳איז אָבער ניט געווען דער לעצטער.

אונזערע פאָדערונגען צו זיך אַליין זיינען געווען גרויסע — מיר האָבן געוואָלט זיין שאַפנדע, האַרמאָנישע מענטשן און האָבן זיך ניט געקענט באַגנוגענען מיט דעם וואָס מיר זיינען געווען באמת. און דערפון איז געקומען די פאַרצווייפלונג און דער ניט גלויבן אין די אייגענע כּוחות. ניט איינמאָל האָט זיך אונז געוואָלט פאַרגעסן אָן זיך, אויפהערן צו פילן זיך. און ס׳איז געווען אַזוי שווער אַז ס׳פלעגן קומען די רואיגע מינוטן — נאָך אַ קראַנקייט אָדער נאָך אַ גרויסער מידקייט. און אומקערנדיג זיך צו דער אַרבעט — האָבן מיר אין איר, נאָר אין איר, געפונען אי רו, אי פאַרגעסן.

ירושלים.

X

פּ. — וואָס ענטפערט מען דיר אויף דעם, וואָס דו שרייבסט מיר, מאַמע? אויף דעם וואָס דער טאַטע איז קראַנק, וואָס דער קליינער ברודערל באַדאַרף אַ גרעסערן שכר־לימוד, וואָס די שוועסטער גייט אַרום מיט אַ שווער געמיט?

איך האָב ניט פאַר דיר יענע איינציגע תּשובה, וואָס דו גאַרסט פון מיר צו הערן — די תּשובה אַז איך וועל זיך אומקערן אַ היים. פאַרקערט, ביז

איצט האָט איר נאָך געקענט גלויבן אַז איך וועל זיך אומקערן, ווייל איך האָב זיך ניט צוגעבונדן צו קיין שום פּלאַץ, בין געוועזן נע ונד אין לאַנד. איצט אָבער פאַרבינד איך אויף שטענדיג מיין לעבן מיטן קיבוץ.

און אויב איך וועל דיר זאָגן אַז כּלל־ענינים ציען מיך צום קיבוץ, וועסטו מיר סיי ווי ניט גלויבן. דו ווייסט, אַז ס'איז שוין פאַרביי די צייט פון אידעאַליזם; יענע צייט, ווען זין און טעכטער האָבן פאַרלאָזן עלטערן, היים, לימודים, און זיינען געגאַנגען „בויען ארץ־ישראל". טאָג איין, טאָג אויס הערסטו זיך אָן די גוטע בשורות וועגן הונדערטער אידן, וואָס פאַרלאָזן דאָס לאַנד. דו זעסט מיט דיינע אויגן, ווי פילע פאַרלאָזן די קבוצות און קערן זיך אום צו די עלטערן, צו „זייער" לאַנד און צו זייערע לימודים. און דו קלערסט אַז דאָס לאַנד וועט אויסגעבויט ווערן אָן די קבוצות און אָן דיין טאָכטער, דו און דער ברודערל אָבער נויטיגן זיך אַזוי שטאַרק אין מיין הילף!

ס'איז מיר זייער שווער פאַרענטפערן זיך פאַר דיר, מאַמע. אָבער איך וויל דו זאָלסט מיך פאַרשטיין און זאָלסט מיר מוחל זיין. איך גיי פון דיר אַוועק ניט ווי אַ באַפרייטע פון דורות־אַלטער טראַדיציע, ניט ווי אַ העלדין, וואָס גייט אויסלייזן איר פאָלק. איך וויל אויסלייזן זיך אַליין — דאָס, נאָר דאָס וויל איך, מאַמע.

און דו מיט דיין לעבן האָבן מיך געבראַכט אויף דעם וועג. אַז איך פלעג זיך צוקוקן צו דעם, ווי אַזוי דו דרייסט זיך אַרום אין דעם קרייז פון דיינע קליינינקע זאָרגן, שטענדיג פאַרצאָרנט און אָן אַ טראָפּן הנאָה פון לעבן, פלעגט מיר פאַרקלעמען דאָס האַרץ, פאַרוואָס פרעגסטו ניט ביי זיך אַליין, צי דאַרף עס אַזוי זיין? און ס'פלעגט מיר קאַלט ווערן פון דעם געדאַנק, אַז דיין גורל וועט מוזן זיין אַמאָל מיינער...

יענע רעגנדיגע האַרבסט־נאַכט, ווען דו האָסט ענטפּלעקט פאַר מיר דיין צובראָכענע נשמה — האָט אומגעענדערט מיין גאַנצע באַציהונג צו דיר.

דו געדענקסט דאָך יענע רעגנדיגע נאַכט אין רוסלאַנד, בשעת דו ביסט געזעסן אין ווינקל אין אונזער חרוב'ער שטוב, האָסט פאַרריכט אַן אַלטע זאָק ביים ליכט פון פאַררויכערטן לעמפּל און האָסט געגאָסן מיט טרערן אויף דיין מזל, אויפן מזל פון אַ דינסט ביי דעם מאַן, ביי דעם מאַנס אָרימער קרעמל, ביי דיינע קינדער — די אייביגע מאָנער. דענסטמאָל שוין האָסטו געפילט דעם גאַנצן בזיון און דעם עלנט פון אַ מאַמע, וואָס

איז פאַרלאָזן געוואָרן פון אירע קינדער; האָסט געפילט די טיפע באַליי־דיגונג פון אַ מענטשן, וואָס זיין גאַנצע פיין און מי זיינען געווען אומזיסטע.

צי געדענקסטו ווי איך האָב זיך אַריינגעריסן אין דיין צימער, און מיינע באַקן האָבן געפלאַמט פון דעם שטאַרקן ווינט אין דרויסן און פון די שטורמישע דעבאַטן אויף דער ניט־לעגאַלער פאַרזאַמלונג?

דאַן, אַ קוק טוענדיג אויף דיר, בין איך געבליבן שטיין ביי דער טיר, אַ פאַרשעמטע, דאָס האַרץ פול חרטה, וואָס איך בין אַזוי שלעכט געווען, וואָס איך האָב דיך אַזוי פאַרלאָזן.

און איך ווייס עד היום ניט ווי אַזוי ס׳איז געשען, אָבער דאַן איז איינ־געפאַלן די הויכע וואַנט, וואָס האָט צווישן אונז צושיידט. דאַן האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דו האָסט מסכים געווען חתונה צו האָבן מיט דיין צווייטן מאַן, דעם ניט געליבטן, צוליב מיר, כדי צו באַוואָרענען דאָס קינד פון דיין יונגער ליבע מיט אַ היים, מיט ליכט און מיט וואַרימקייט. האָסט גענומען אויף זיך דעם גרויסן יאָך, ווייל ביסט ניט זיכער געווען אין דיינע אייגענע כּוחות, ווייל ווי אַזוי קען אַ שוואַכע פרוי אַוועקשטעלן זיך אַליין קעגן דעם בייזן לעבן, ווען פאַרדינען קען זי דאָך ניט, און ווען ס׳פעלט דער, וועלכער זאָל איר ביישטיין אין נויט?

דאַן, מאַמע, האָב איך פאַרשטאַנען דיין שטומע גבורה, וואָס ציט איר יניקה פון דיין גרויסער פרויען־שוואַכקייט.

אין יענער רעגנדיגער נאַכט האָב איך דיר דערציילט אויף מיינע חלומות — אַ באַנייט לאַנד, אַן אַלגעמיינע קאָמונע אין לאַנד, און די פרוי אין דער קאָמונע, די פרוי וועלכע שאַפט מיט איר אייגענער מי, האַנט ביי האַנט מיטן מאַן.

און דאַן האָסטו געגלויבט, מאַמע, אַז ס׳איז כּדאַי מיר זאָלן זיך שיידן אויף אַ צייט צוליב ארץ ישראל, צוליבן נייעם לעבן. האָסט געהאָפט, אַז אין דער קאָמונע וועסטו אויך דיין פּלאַץ געפינען.

און אָט ביסטו אין ארץ ישראל. וויפיל מאָל האָסטו פאַרשאָלטן יענעם טאָג! מיט דיינע אויגן האָסטו געזען, וואָס הייסט בויען אַ נייע שטאָט אין עמק. אויף דיין אייגן לייב האָסטו דערפילט, וואָס הייסט האַנדלען מיט הויכע געדאַנקען; האָסט געזען, ווי די, וואָס זיינען געקומען זיך באַזעצן אין דער שטאָט, פאַרלאָזן זי. האָסט געזען, וואָס הייסט בויען אַ קאָמונע אין שטאָט: אַ הויפן פון צענדליגער מענטשן צווישן טויזנטער פרעמדע;

און דער גורל פון דער פרוי אין דער קאָמונע — דער זעלבער אייביגער גורל פון אַ באַדינערין. נאָר אַנשטאָט דעם קליינעם טעפּל איז דאָ דער גרויסער קעסל, אַנשטאָט „מיין קינד" — „אונזערע קינדער", און ווייטער דאָס־זעלביגע שטיין איבער די וועש.

האָסט אויך געזען די אַרבעטאָרינס, וועלכע האָבן אויסגעשטרעקט זייער שוואַכע פרויען־האַנט צו אַרבעטן וואָס געהערן ניט צו זיי, וואָס געהערן צו דער מלוכה פונם מאַן.

דאָס אַלץ האָסטו געזען, מאַמע, און דו גלויבסט מיר שוין מער ניט גלויבסט מער ניט אין מיין גלויבן.

און וואָס זאָגט מען דיר? איך האָב געטרונקען פון דעם זעלבן ביטערן כּוס, וואָס דו האָסט געהאַט צו טרינקען; כ'האָב געוואוסט וואָס הייסט עס, ווען דאָס לעבן באַ'גזל'ט דיך און פאַרוואַרפט אין די רייען פון אָנמעכטיגע ווי דו אַליין; איך האָב געהאַט ביטערע ספקות אין דער לעבעדיקייט פון דער טייערסטער אידעע, — איך האָב געהאַט שווערע מאָמענטן.

אָבער אין ארץ ישראל האָב איך זיך אויסגעלערנט איין תורה: די תורה פון „אַף עַל פּי כֵן" — „פונדעסטוועגן — פאָרט..."

און שטענדיג אין מינוטן פון שוואַכקייט שטעלט זיך אַוועק פאַר מיינע אויגן דאָס בילד פון דיין פינסטערן לעבן און וואָרנט מיך — ניט צו גיין אויף צוריק.

און ווי גוט איז מיר, מאַמע, וואָס פון דעם גרויסן גייסטיגן קריזיס אין לאַנד בין איך אַרויס געשטאַרקט און מיט אַ נייעם ווילן צום קיבוץ.

און איינס נאָר בעט איך, אַז אָט דער ווילן זאָל מיר בלייבן אויף מיין גאַנצן לעבן.

און דאָך, מאַמע, האָסטו מיר ניט וואָס צו מקנא זיין — כּל זמן איך וועל לעבן, וועל איך ניט אויסקויפן מיין זינד קעגן דיר.

כנרת, קיבוץ „השומר־הצעיר" פון ס.ס.ס.ר.

XI

חנה / ביי שולמית׳ס בעטעלע. — דו ביסט נאָך אַן עופה׳לע, און דיין וועלטעלע איז נאָך אַזוי טונקל. און איך טראַכט אַזוי פיל וועגן דיר.

איך בין זיכער: דיין נשמה וועט זיין אַ גאַנצע. די בערג פון לאַנד — וועלן זיין דיין איינציגע און נאַטירלאַכע היים.

די קבוצה, אירע פאָדערונגען און אירע מִנהָגים וועלן זיין פאַר דיר ניט בלויז אַן אויסדרוק פון דיין אומצופרידנקייט מיט דער בייזקייט פון דער וועלט.

און נעבן דיר וועט שטענדיג זיין דיין מוטער.

דו, עופה׳לע מיינע, דו וועסט קיינמאָל ניט דאַרפן שטיין צווישן צוויי וועלטן — לאַנד און מאַמע.

און ביינאַכט וועט דיר ניט פייניגן ווי אַ קאָשמאַר די שרעקלאַכע בילד פון דער ליידנדער, וואָס פּלאָגט זיך דאָרטן אין דער איינזאַמקייט — די מאַמע.

קליין ביסטו און גרויס זיינען די האָפנונגען, וואָס איך לייג אַרויף אויף דיר.

אין דיר זוך איך די גאַנצקייט וואָס איז ביי מיר צוגענומען געוואָרן.

דו דאַרפסט באַווייזן אַז אונזערע יסורים — מיינע און דער מאַמעס צוליב מיר — זיינען ניט געווען אומזיסט.

קלייניקע מיינע, נאַר ניט אָפּ מיין האָפנונג!

וואַרף מיך ניט אַריין אין אָפּגרונט פון יֵאוש און חרטה.

מיט וואָס וואָלט איך דאַן דער מאַמען באַצאָלט פאַר אירע שלאָפלאָזע נעכט, פאַר אירע פאַר דער צייט גרוי־געוואָרענע האָר?

דו זעסט נאָך גאָרנישט, דו פילסט נאָך גאָרנישט —

איך בויג נאָר איין מיין קאָפּ איבער דיין בעטעלע און מיינע ליפּן פליסטערן די תפילה —

און מיין האַרץ האָפט און בענטשט און מאָנט:

עופה׳לע מיינס, נאַר ניט אָפּ מיין האָפנונג

קבוצת פינסק, גבת.

XII

ר. — נעכטן איז ביי מיר געווען נ. זי האָט מיר דערציילט וועגן איר אַרבעט, וועגן אירע נאָענטע פריינד. איך האָב געהערט און געטראַכט: זי איז דאָך אַ באַגאַבטער מענטש, וואָס שטרעבט צו זעלבשטענדיקייט. פאַרוואָס־זשע לעבט איר מאַן זיין לעבן אָפן און זי בגנֵבה, מיט אונטערברעכונגען, נאָכדעם ווי זי טוט אָפּ אַלע אירע אַרבעטן פאַרן הויז און פאַר אים און פאַרן קינד? פאַרוואָס איז זיין לעבן ווי דער הויפּט־שטראָם, און איר לעבן נאָר ווי אַ קליין טייכעלע, וואָס פליסט נעבן אים? מיט וואָס איז ער וויכטיגער פאַר איר?

אָבער אַ פּנים, אַז פון זיך, אָן ווערטער, איז ווי געפּאַסט געוואָרן אַ באַשלוס נאָך ביים סאַמע אָנהויב פונם משפחה־לעבן, אַז זיין לעבן איז דער עיקר און איר לעבן נאָר אַ ביי־זאַך. און ווען אַפילו זי וואָלט געווען אַ סך אַ וויכטיגערער מענטש פאַר אים, וואָלט דער באַשלוס אויך אויסגעפאַלן אַזוי.

היינט האָב איך זי געטראָפן פאַרטאָן אין איר מאַלעריי און אין דערזעלבער צייט אין אירע זאָרגן וועגן קינד. דוכט זיך, אַז דאָס סאַמע מענטשלאַך־וויכטיגסטע וואָס ס׳איז פאַראַן אין דער באַפרייאונגס־באַוועגונג פון דער פרוי איז דאָס ראַנגלעניש פון דער מוטער צווישן דעם קינד (און דעם מאַן און הויז) און צווישן איר דראַנג צו לעבן איר אייגענעם לעבן.

תל־אביב

XIII

ש. — עס טרעפט אַז מען האָט ערנסטע באַציהונגען צו נאָענטע מענטשן איידער עס געפינט זיך נאָך אָפּ דער איינציגער מענטש, מיט וועמען מען פאַרבינדט זיך אויפן גאַנצן לעבן. און נאָכדעם, ווי ס׳הויבט זיך אָן דאָס פאַמיליע־לעבן, רייסן זיך ביסלאַכווייס איבער אַלע פריערדיגע באַציהונגען און קיין נייע ווערן ניט אָנגעבונדן. איז דאָס נאַטירלאַך? איז דאָס נויטיג? יעדע באַרירונג מיט מענטשן באַרייכערט דאָס אינווייניגסטע לעבן, און דווקא אין אַזאַ עלטער, ווען מען ווערט ערשט רייף און דער אינטערעסן־קרייז ווערט ברייטער — גראָד דעמאָלט שליסן־זיך מענטשן איין צוזווייט. קען עס זיין ריכטיג?

עס איז גאָר ניט צו האָפן און עס איז גאָר ניט צו פאַרלאַנגען, אַז

אַלץ וואָס איז נאָענט און אינטערעסאַנט פאַר איינעם זאָל זיין נאָענט און אינטערעסאַנט פאַרן אַנדערן און כּל זמן זיי נעמען אויף דאָס לעבן נאָר זאַלבענאַנד, מוז זייער לעבן זיין אָרימער ווי עס וואָלט געקענט זיין.

און פון אָט דער אָפּגעשלאָסנקייט ליידט די פרוי מער פאַרן מאַן. ווייל איר אַרבעט איז אַזאַ וואָס פאָדערט איר גאַנצע אויפמערקזאַמקייט. אָבער אויך דעם מאַנס לעבן דערגרייכט ניט צו קיין טיפקייט, אויב ער האָט ניט קיין גייסטיגע פאַרבינדונגען מיט פרויען אויך מחוץ פון זיין פאַמיליע.

און דאָ ווערט מען געפּרובט. וואָרים יעדע באַציהונג האָט איר אויסדרוק. און אויך גייסטיגע באַציהונגען צווישן מאַן און פרוי מוזן האָבן זייער אייגנטימלאַכן אויסדרוק. איך האָב דאָ ניט אין זינען יענע פאַלן ווען עס שטעלט זיך אַרויס אַז דער נאָענטער מענטש הערט אויף צו זיין נאָענט און אָנשטאָט אים פאַרבינדט זיך אַ נייע פאַמיליע־באַציהונג. איך רעכן אָבער אַז פאַמיליע־באַציהונגען — גייסטיגע און קערפּערלאַכע — זיינען אַזוי אייגנאַרטיג, אַז קיין שום אַנדער פאַרבינדונג קען זיך מיט זיי ניט פאַרבייטן. זיי קענען אפילו פון איר גאָרניט באַרירט ווערן. דערצו זיינען אָבער נויטיג גרויסע גייסטיגע כּוחות און אַ סך זעלבסטערציהונג. אָבער דערפאַר טראָגט עס אַריין אין דעם משפּחה־לעבן אַ פיל ריינערן און העלערן טאָן.

עין־חרוד

XIV

מ. — יעדע פון אונז ווייס פון איר אייגענער ערפאַרונג, אָדער פונם לעבן פון אירע נאָענטע, ווי אַזוי אַ פרוי פאַלט ביי זיך אַראָפּ אויב איר געליבטער פריינד הערט זי אויף צו ליבן.

מיר זיינען שטענדיג געוויינט פאַרשעמטערהייט צו שווייגן וועגן אַזעלכע זאַכן, ווייל די שאַנדע נעמט ביי אונז צו יעדע פרייהייט. אָבער אַ פרוי וואָס פילט זיך גלייכבאַרעכטיגט אין איר ליבע, מוז זיך דאָך פרעגן: פאַרוואָס איז ניט ווייניג וואָס זי ליידט פון איר אומגליק, פאַרוואָס דערפילט זי זיך נאָך אַזוי דערשלאָגן און בּטל ומבוטל?

עס איז טאַקע אַן אמת, אַז אַ פרוי איז אינערלאַך שטאַרקער געבונדן אָן איר סעקסואַליטעט ווי אַ מאַן. אָבער ס׳איז קיין שום ספק ניט, אַז אונזער פאַלשע ערציהונג האָט אַ גרויסן חלק אין אונזער אָפּהענגיקייט. און אַ באַזונדערע ראָלע שפּילט נאָך דערביי דער פאַרשפּרייטער ליגן, אַז אַ

פרוי איז לויט איר טֶבע „מאָנאָגאַם", בשעת דער מאַן איז לויט זיין טבע „פּאָליגאַם". דעריבער מיינט די פרוי, אַז אויב דער איינציגער מאַן, וועמען ס'איז איר ערלויבט געווען צו ליבן, האָט איר פאַרלאָזן, — האָט זיך פאַר איר געענדיגט דאָס ליבע־לעבן בכלל און זי איז געבליבן פאַראורטיילט צו איינזאַמקייט און מינדערוועדטיקייט. ס'קומט אויס, אַזוי ווי מיר וואָלטן זיך אָפּגעזאָגט פון אונזער רעכט אויף פרייער וואַל אין ליבע, און באַגנוגנט־זיך דערמיט, וואָס אויף אַ פּאַסיוון אופן נעמען מיר ניט אָן די ליבע וואָס מיר ווילן ניט.

אָבער זיך אַליין מעג איך עס זאָגן, און ווען אפילו נאָך אַ סך ליידן: פונדעסטוועגן מוז איך האָבן ליבע. איך וויל ניט אַז מיין רואיקייט,— מיינע און מיין טאָכטערס און מיין שוועסטערס און מיין חבר'טעס, — און מיין זעלבסטאָפּשאַצונג זאָל זיין שטענדיג אָפּהענגיג פון דעם מאַנס סעק־סואַליטעט. און איך פאָדער אויף מיין זון און מיין ברודער און מיין פריינד צו העלפן מיר אין מיין שטרעבן.

קלאָרער גערעדט: עס איז קיין חרפה ניט צו ווערן פאַרלאָזן אין דער ליבע. ס'איז קיין חרפה ניט, ניט צו זיין אַלעמאָל אַלט אַכצן יאָר. אָבער ס'איז אַ חרפה צו פאַרלירן די פּייאיקייט צו אַרבעטן, צו פאַרלירן דעם זעלבסטגעפיל און דעם מענטשלאַכן געשטאַלט, נאָר דערפאַר ווייל דעם מאַנסביל איז וויכטיגער דאָס וואָס עס פעלט אים היינט, איידער דאָס וואָס ער האָט געהאַט נעכטן.

אַז מיר וועלן דאָס וויסן, וועט אויך גרינגער זיין צו ערציען אונזערע טעכטער. מיר וועלן זיי העלפן אַריבערצופירן דעם שווערפּונקט פון ליבע צו לעבן, פון מענטשלאַכער פּאַסיוויטעט, וואָס הענגט אָפּ פון דער גע־שלעכטלאַכער אָפּשאַצונג, צו אַקטיווער טעטיקייט.

בית אלפא.

XV

א. ס. — איך טראַכט נאָך אַלץ וועגן אונזער שמועס, און מיר דוכט זיך אַז ער טאָר ניט בלייבן בלויז אין אונזער ביידנס ערינערונג. ווייל ער וואָלט אָפּשר אַ סך פון אונז פאַרגרינגערט ווי ער האָט פאַרגרינגערט מיר.

אויב איך זאָל צוזאַמענגעמען דאָס וואָס איך פיל, אַז מען דאַרף עס פאָדערן פון מאַן, וואָלט איך געזאָגט: „זיי דו אויך אַזוי ווי איך! זיי דו אויך אַזוי ריין און גאַנץ, כדי צוזאַמען צו שעפּן פון אַ ליבע וואָס איז

געליטערט געוואָרן אין אַ געמיינזאַמן לעבן, און וואָס איז ניט געוואָרן אַ געוואוינשאַפט, אַ זאַטקייט און אַ אייגנטומס־געפיל אויף נאָכדעם ווי ס׳זיינען אַריבערגעגאַנגען יאָרן און ס׳זיינען געבוירן געוואָרן קינדער״.

איצט איז נאָך ביי מיר אַלץ די זעלביגע פאָדערונג ווי פאַר צוואַנציק יאָרן, אין עלטער פון זיבעצן־אַכצן, בשעת ניט די מיידל האָט זיך געדאַרפט גלייכן צום יינגל, נאָר פאַרקערט: ער, דער יינגל, איז געווען פאַרפליכטעט גלייך ווי איך צו היטן זיין ריינקייט צוליב דער איין־און־איינציגער. און אויב מיר האָבן דענסטמאָל פּראָקלאַמירט פרייהייט, איז עס געשען, כּדי נאָך מער צו וואַקסן און נאָך שטאַרקער אַרויסצוקוקן אויף גליק און אומ־גליק, אָבער ניט כּדי אויסצובייטן אויף קליינגעלט די ווערטן פון דער טראַדיציאָנעלער אידישער משפחה. און דערפון נעמט זיך די ערנסטע באַציהונג צו קינדער־האָבן — אַ גרויסע מענטשלאַכע ליבע איז ניט מעגלאַך אָן אַ קינד.

דעריבער, זאָל ניט אויפקומען קיין פרוי וואָס וועט וועלן פאַרשטיין דעם מאַן וואָס פאַרלאָזט איר. אַז איך הער ווי אַ פרוי זאָגט: „וואָס קען איך העלפן? אַזוי איז אַ מאַן באַשאַפן פון דער נאַטור... אגב, איך בין דאָך אויך פריי צו גיין אין זיינע וועגן, נאָר איך וויל ניט״ — קען איך זיך ניט איינהאַלטן פון לאַכן. אַ קנעכטשאַפט פון דורות רעדט אַרויס פון אָט די ווערטער; אַ שלום־מאַכן מיט דער ווירקלאַכקייט; אַ צושטימונג, אַז אַ פרוי איז אַ נידעריגערע באַשעפעניש אינם לייטער פון דער נאַטור.

אונזער הילף צום מאַן וועט זיך אויסדריקן ניט אין דעם וואָס מיר וועלן אים „פאַרשטיין״, ניט אין ויתּורים און דערנידערונגען, נאָר אין דעם וואָס מיר וועלן אים שטיצן אין זיין קאַמף קעגן זיך אַליין.

און נאָך עטוואָס: איז אַ מאַן ניט טריי דער פרוי, באַטראַכט מען עס ווי אַ חרפּה פאַר דער פרוי. אַזוי קוקן אויף דעם פרויען גופא. דאָס איז אַ ליגן וואָס האָט זיך ביי אונז פרויען טיף איינגעוואָרצלט און מיר מוזן קעגן אים מלחמה האַלטן, ווייל ער דערנידעריגט אונזער מענטשלאַכן אָנזען. מען דאַרף אַריבערפירן די פראַגע אויף גאָר אַן אַנדער געביט. און זען אין אַזאַ פאַל די פאַרפלאָנטערסטע וועגן פונם שיקזאַל. שטייט דען ניט די אמת׳ע ליבע, מיט אַלע אירע ליידן און שטרויכלונגען, מחוץ פונם טעג־לאַכן לעבן און טעגלאַכע באַגריפן וועגן כּבוד און אומ׳כּבוד?

איך וואָלט וועלן אַז אונזערע קינדער זאָלן אויפוואַקסן אין אַ אַטמאָס־פערע פון בענקשאַפט צו איין ליבע, פון גרויסע פאָדערונגען צו זיך און צו אַנדערע.

עין־חרוד

XVI

ר. – אומבאַגרייפלאַך, זייער אומבאַגרייפלאַך זיינען די באַציהונגען צווישן מאַן און פרוי אין אונזער צייט, צווישן מאַן און פרוי וואָס זיינען פאַרבונדן צווישן זיך אין אַ ערנסטן מענטשלאַכן בונד. ווילן מיר דען זיין פאַרזיכערט אַז ס׳וועט אין אונזער לעבן קיין שום אומגליק ניט פאַסירן, און אַז דער נאָענטער מענטש וועט קיינמאָל ניט ליב באַקומען אַן אַנדער מענטשן? ניין. כּל זמן מיר לעבן, קען קיין אָרט ניט זיין פאַר קיין שום פאַרזיכערונג. און ערגעץ־וואו אין האַרצן וויל גאָר די זעלבשטענדיגע פרוי אַז איר לעבן זאָל טיפער ווערן דורך די באַציהונגען פונם מאַן צו אַנדערע פרויען, וועלכע זאָלן אויך איר זיין ליב. די פאַרגרעסערונג פון קרייז באַרייכערט דעם לעבן. און אפשר דערפאַר ווייל זי ווייס, אַז אויב אפילו זי באַנוצט זיך ניט מיט אירע קוואַליטעטן אַזוי ווי דער מאַן – מיט איר בילדונג, פאַך, באַציהונגען – איז אָבער דאָך דער וועג פאַר איר שטענדיג אָפן.

ס׳ווילט זיך אויך לייקענען אין דעם פּרימאַט פון ליבע. עס ווילט זיך אַוועקשטעלן אין מיטלפונקט דאָס קינד, דאָס פאָלק, די געזעלשאַפט, די באַוועגונג, דעם פּערזענלאַכן טאַלאַנט. דערצו העלפן אויך די שווערקייט פון דער אַרבעט, די פאַראַנטוואָרטונג, דאָס טיפערע טעגלאַכע לעבן.

און אונטער גלייכע אומשטענדן – אין דער אַרבעט, אין דער געזעל־שאַפט, אין דער באַוועגונג, – וואו איז דאַן דער פאַקטישער, דער מאָראַ־לישער יסוד פאַר דער „פאַרזיכערונג״? דאָס קינד? צוליבן קינד היטן די פאַמיליע? און אַז ס׳איז ניטאָ קיין קינד?

וואָס מיר זאָגן דאָ, האָט קיין שייכות ניט צו די באַגריפן, אַז דאָס אויסטוישן פונם מאַן און פון דער פרוי איז כּלומר׳שט אַ סימן פון העכערער פריי־הייט. מיר גלויבן אַז קינדער און יאָרן פון געמיינזאַמן לעבן מאַכן טיפער די פאַרבינדונג צווישן מאַן און פרוי און אינם „אֲרִיכוּת יָמִים״ פון די באַצי־הונגען שטעקט די אֱמֶת׳ע בְּרָכָה. און אויב אין דעם איז אויך ניטאָ קיין „גאַראַנטיע״, אויף וואָס שטיצט זיך דען אונזער מיינונג אַז דאָס פעלן פון גאַראַנטיעס איז אומנאַטירלאַך?

אין אונזער באַוואוסטזיין האָט זיך עפּעס אַ ריר געטאָן אין באַצוג אויף פאַמיליע. פון דער ענדערונג ווערט ניט לייכטער ניט דאָס ליידן פון אייפערזוכט און ניט דער אומגליק פון איינזאַמקייט — ווען זיי דען אַמאָל ווערן לייכטער? — אָבער עס דוכט זיך, אַז היינט ברייגען זיי שוין מער ניט אַזאַ פאָלשטענדיגן חורבן פאַר דער פרוי ווי אַמאָל. פאַר איר זיינען אָפן מער וועגן אויף פאָרצוזעצן איר לעבן, ווירטשאַפטלאַך און מאָראַליש — און דערפאַר האָט זי אויך מער האָפנונג אַז דער שטורם וועט אַריבערגיין, אַז ער איז אימשטאַנד אַריבערצוגיין.

תל־אביב

די פּיאָנערין־פּרויען־אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע

די ארץ־ישראל׳דיגע אַרבעטאָרינס־באַוועגונג האָט זוכה געווען צו פאַרשפּרייטן איר ווירקונג ווייט איבער יַמים: אונטער דער הַשפָּעה פון אונזער אַרבעט אין לאַנד איז אויפגעשטאַנען אין אַמעריקע אַ מַחנה פון חבר׳טעס און טרייע העלפערינס פאַר דער ארץ־ישראל׳דיגער אַרבעטאָרינס־באַוועגונג.

די באַוועגונג אין אַמעריקע, וואָס האָט זיך אַ נאָמען געגעבן „די פּיאָנערין־פּרויען־אָרגאַניזאַציע״, איז באַשאַפן געוואָרן אין יאָר 1924. איך האָב דערקענט די חבר׳טעס בעת איך האָב באַזוכט אַמעריקע און קאַנאַדע אין יאָר 1928. מאַכנדיג מיין טור פון שטאָט צו שטאָט האָב איך זיי געזען — סיי אין די גרויסע צענטרען, סיי אין די ווייטע, פאַרוואָרפענע ווינקעלאַך פון לאַנד.

די פּיאָנערין־פּרויען־אָרגאַניזאַציע נעמט אַרום איבער 3000 חבר׳טעס און איז צוזאַמענגעשטעלט פון מענטשן וואָס געהערן צו אַלערליי געזעל־שאַפטלאַכע גרופּעס און ציען זייער יניקה פון פאַרשידענע קוואַלן. דאָס רוֹב זיינען עס חבר׳טעס, וואָס האָבן עמיגרירט פון רוסלאַנד, פּוילן, ליטע און גאַליציע קיין אַמעריקע נאָך מיט פופצן־צוואַנציק יאָר צוריק, בערך אין דער זעלבער צייט ווען די צווייטע עליה איז געגאַנגען קיין ארץ־ישראל. די דאָזיגע חבר׳טעס האָבן כּמעט אַלע דורכגעמאַכט שווערע אַרבעטס־יאָרן, פאַרדינט זייער ברויט אין די פאַבריקן און געשעפטן, און האָבן זיך באַטראַכט ווי אַ טייל פון דער אידישער און פון דער אַלוועלט־לאַכער אַרבעטער־באַוועגונג. אַ סך פון זיי האָבן נאָך פון דער היים געבראַכט אַ וואַרימע באַציהונג צום ציוניזם און צו אַרבעטער־אידעאַלן, און זיינען געבליבן טריי זייער יוגנט־טראַדיציע אפילו אינם קעסל פונם אַמעריקאַנער לעבן.

דעם איינגן קרייז מענטשן וואָס האָבן מיט זיבן יאָר צוריק געשאַפן די פּיאָנערין־פרויען־אָרגאַניזאַציע — האָבן בעיקר געבילדעט די חבר׳טעס פון פּוֹעלי־ציון, און דער פּועלי־ציון גייסט הערשט אין איר ביזן היינטיגן טאָג. ס׳זיינען אָבער אויך דאָ חבר׳טעס, וועלכע האָבן זיך גאָר אין „דער היים״ באַטייליגט אין אַזעלכע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין שום שייכות צו ארץ־ישראל. ניט איין מאָל האָב איך באַגעגנט אין די קלובן פון דער אָרגאַניזאַציע חבר׳טעס וואָס זיינען אַמאָל געווען אַקטיוו אין „בונד״ אָדער אין „איסקרא״ און אין אַמעריקע — ביי די „גענאָסן״ אָדער אין „אַרבעטער־רינג״.

דאָס רוֹב זיינען עס געווען חבר׳טעס וועלכע האָבן געהערט צו דער באַוועגונג — און האָבן זי פאַרלאָזן. יעדערע האָט זיך איינגעשלאָסן אין איר פּריוואַטן לעבן און איז דערווייטערט געוואָרן פונם כּלל. די פעדים אָבער וואָס האָבן זי פאַרבונדן מיט איר יוגנט און מיטן „אַמאָל״ זיינען ניט צוריסן געוואָרן. און אַז ס׳איז געקומען די צייט און ס׳איז געגעבן געוואָרן די אויסערלאַכע מעגלאַכקייט אומצוקערן זיך צו אַן אינהאַלטספולן געזעלשאַפטלאַכן לעבן, האָט אין האַרצן אויפגעלעבט דער פריערדיגער פונק, וואָס איז ביז איצט געווען כּלוֹמר׳שט אויסגעלאָשן.

דערוויילע האָט זיך קיין אַמעריקע דערטראָגן די בשורה פונם אויפטו פון דעם אידישן אַרבעטער און אַרבעטאָרין אין ארץ־ישראל — און די חבר׳טעס האָבן דערפילט אַ באַדערפעניש צוצושטיין צו דער באַוועגונג וואָס שטיצט די ארץ־ישראל׳דיגע אַרבעטאָרין. צוזאַמען מיט די אָרגאַניזירטע פּוֹעלי־ציוניסטקעס אַרבעטן איצט אין דער „פּיאָנערין־פּרוי״ אויך אַזעלכע פרויען, וועלכע זיינען אַמאָל געווען פאַנאַטישע קעגנערקעס פון ארץ־ישראל אָדער וואָס ארץ־ישראל איז זיי בכלל ניט אָנגעגאַנגען. און דאָ און דאָרטן זיינען אויך צוגעשטאַנען געבוירענע אַמעריקאַנער קינדער, וואָס זיינען שוין אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אין אַ פרעמדער שולע, וואָס האָבן ניט געוואוסט קיין וואָרט העברעאיש און וואָס האָבן ניט געקענט עפענען קיין אידיש בוך. ביים ליכט פון דער אַרבעטאָרינס־באַוועגונג אין ארץ־ישראל האָט איינע געפונען די צווייטע און בעת זיי האָבן זיך צונויפגענומען אַלע צוזאַמען, איז באַשאַפן געוואָרן דער אָנהויב פון אַ נייער אידישער פרויען־באַוועגונג אין אַמעריקע וואָס האָט שוין איצט באַוויזן איר לעבנס־קראַפט און וואָס עס וואַרט אויף איר נאָך אַ גרעסערע צוקונפט.

ווי באַוואוסט, פאַרנעמען בכלל פרויען־אָרגאַניזאַציעס אַ בכבוד׳יגן אָרט

אינם געזעלשאַפטלאַכן לעבן פון אַמעריקע. אַ פרוי און מוטער פון אַ פאַמיליע — אפילו ווען זי געהערט ניט צום רייכערן קלאַס — באַפרייט זיך אויף עטלאַכע שעה אין טאָג פון איר טעגלאַכער אַרבעט און היימישע זאָרגן און לעבט דאַן איר געזעלשאַפטלאַכן און גייסטיגן לעבן. אויך אין דער אידישער וועלט האָבן די פרויען־אָרגאַניזאַציעס אַ גרויסע השפּעה אויף דער סאָציאַלער אַרבעט און אויף פאַרשידענע הילפס־אָרגאַניזאַציעס. די פרויען־באַוועגונג באַגנוגנט זיך אָבער מער ניט מיט צדקה. אין די נייע פרויען־אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע פילט זיך דאָס שטרעבן אַריינצודרינגען טיפער אין די געזעלשאַפטלאַכע פראָבלעמען. דער דאָזיגער פאַרלאַנג נאָך גייסטיגע ווערטן און די מעגלאַכקייט פון אַן אַחריות׳פולער פאַרבינדונג מיט דער ארץ־ישראל׳דיגער אַרבעטערשאַפט — האָבן צוגעצויגן צו דער „פּיאָנערין־פרויען־אָרגאַניזאַציע״ חבר׳טעס פון אַלערליי שיכטן און ריכטונגען.

די שליחים וואָס די הסתדרות האָט אָנגעהויבן שיקן קיין אַמעריקע האָבן אויך געהאָלפן ברייטער צו מאַכן דעם קרייז פון די חבר׳טעס. אָנשטאָט דער ערשטער צופעליגער זאַמלונג אין יאָר 1924, פאַר אַ נייעם ברונען אינם משק־הפּועלות אין ירושלים — האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטענדיגע און סיסטעמאַטישע טעטיקייט פאַר די צילן פון דער אַרבעטאָרינס־באַוועגונג אין ארץ־ישראל. די געלט־זאַמלונגען וואַקסן פון יאָר צו יאָר און עס וואַקסט אויך די אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן די חבר׳טעס. פאַר דער צייט האָט די הסתדרות געשיקט קיין אַמעריקע חבר׳טעס, וואָס האָבן דורכן לעבעדיגן קאָנטאַקט פאַרטיפט דעם גייסטיגן בונד צווישן די אַרבעטאָרינס אין ארץ־ישראל און צווישן די חבר׳טעס אין אַמעריקע.

די זעלבשטענדיגע ווירטשאַפטלאַכע טעטיקייט פון דער אַרבעטאָרינס־באַוועגונג אין ארץ־ישראל האָט געהאַט אַ טיפע השפעה אויף דער זעלבשטענדיקייט פון דער געזעלשאַפטלאַכער אַרבעט אין דער חבור׳טעס באַוועגונג אין אַמעריקע. דאָס שטרעבן צו זיין שותּפים אין דער שאַפונג און אינם טראָגן פונם עול, וואָס צייכנט אויס די אַרבעטאָרין אין לאַנד — האָט געפונען אַ טיפן אָפּקלאַנג ביי אונזערע חבר׳טעס אין אַמעריקע. מיט טרייקייט האָבן זיי זיך קאָנצענטרירט אַרום דער אידעע פונם משק הפּועלות, פון דער חבורה, אַרום דעם אָרגאַניזאַטאָרישן און קולטורעלן אויפטו פון דער ארץ־ישראל׳דיגער אַרבעטאָרין.

און מיט אַ טיפן געפיל פון אַ געמיינזאַמער אויפגאַבע איז אויס־געשטרעקט געוואָרן די שוועסטער־האַנט. זיי ווייסן, אַז זייער טייל אינם

אויפטו איז אַ קלענערער, אַז זיי העלפן נאָר, אָבער אָן דער הילף וואָלט ניט מעגלאַך געווען דער עצם אויפטו.

די חבר׳טעס פון דער פיאָנערין־פרויען־אָרגאַניזאַציע ווייסן, אַז ווי שטאַרק זיי זאָלן ניט בענקען נאָכן ארץ־ישראל׳דיגן לעבן — איז דער גורל פון די מייסטע צו בלייבן דאָרט, וואו זיי לעבן איצט. די פאַמיליע, די רגילות, די פאַרשידענע פאַרפליכטונגען וועלן זיי ניט ערלויבן פאַרלאָזן אַמעריקע און צושטיין צו די וואָס פאַרווירקלאַכן דעם אידעאַל מיט זייער אייגענעם לעבן, — זיי ווייסן אָבער, אַז זיי זיינען שוין איינגעפלאָכטן אין דער קייט. ווייל די האַנט וואָס זיי האָבן אונז אויסגעשטרעקט איז אַ טרייע האַנט, ווייל דער אויפטו אונזערער איז זיי נאָענט און טייער און אין דער פאַרבינדונג זייערער מיט אונז איז דאָ אמת און לעבן. די אויפגאַבן וואָס וואַרטן אויף זיי און די פאַרפליכטונגען וואָס זיי האָבן אויף זיך גענומען, האַלטן ערשט אין וואַקסן און זיי וועקן נייע כּוחות.

ניט נאָר פאַר דער אַרבעטאָרינס־באַוועגונג זאָרגט די אָרגאַניזאַציע — הגם דאָס איז דער עיקר פון איר אַרבעט, — זי טראָגט די אַחריות און נעמט אָנטייל אין אַלע צווייגן פון אונזער ארץ־ישראל׳דיגער אַרבעט. די חבר׳טעס־באַוועגונג צייכנט זיך אויס מיט איר ווילן לערנען און פאַרשטיין, מיט איר אינטערעס פאַר אַלץ וואָס ס׳קומט פאָר אין ארץ־ישראל און מיט איר אָרגאַנישער פאַרבינדונג מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג.

און כאַראַקטעריסטיש פאַר דער דאָזיגער באַוועגונג איז איר זאָרגן זיך פאַר דער קולטורעלער און ערציהונגס־אַרבעט אין אַמעריקע. דער תהום וואָס איז אומעטום צווישן עלטערן און קינדער, שרעקט נאָך צען מאָל מער די אידישע מוטער. עס פעלט אין דער אידישער פאַמיליע אין אַמעריקע די געמיינזאַמע גייסטיגע אַטמאָספערע. די פאָלקס־שפּראַך האַלט אין איין פאַרגעסן ווערן; די דערוואַקסענע זין און טעכטער קוקן אָפּט פון אויבן אַראָפּ אויפן עלטערן דור וואָס האַלט שוין אין פאַרשווינדן; די יונגע האָבן ניט געקענט די ליידן פון עמיגראַציע, די יסורים פון צופּאַסן־זיך צו אַ פרעמדן לעבן. זיי האָבן גענומען פון פאַרטיגן, און די ליידן וואָס עס האָבן אַמאָל געהאַט אויסצושטיין זייערע עלטערן זיינען זיי אינגאַנצן פרעמד. דער זון וויל ניט פאָרזעצן דעם פאָטערס פּרנסה און דעם פאָטערס טראַדיציע. ס׳פעלט בכלל דער המשך. און די עלטערן, וואָס פאַרטראַכטן זיך איבער דער צוקונפט פון זייערע קינדער — ווערן אָפּט פאַרצווייפלט. איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן די חבר׳טע אין דער שטאָט פ. ר. ווי אַזוי זי האָט מיר אויפגעעפנט זייער ספרים־אַלמער, אַן

אָנגעפילטן מיט העברעאישע און אידישע ביכער, און האָט געזאָגט מיט טרערן אין די אויגן: „ס׳שטייט ווי אַ לעבעדיגער קבר — ווער דאַרף זיי, די ספרים? פאַר מיר זיינען זיי געווען אַ קוואַל פון לעבן, און ווער וועט איצט צוגיין צו זיי? ווער פון מיינע קינדער וועט זיי נעמען אין האַנט?״

איז טאַקע גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס אונזערע חבר׳טעס שטיצן די אידישע שולע, וועלכע איז אויסגעבויט געוואָרן אין אַמעריקע מיט גרויסער מי און דורך וועלכער די יונגע אידישע געזעלשאַפטלאַכקייט באַשיצט זיך קעגן פרעמדן שטראָם וואָס פאַרפלייצט זי אינגאַנצן. אין דער שולע גופא שטיצן אונזערע חבר׳טעס דעם גייסט פון ארץ־ישראל און דאָס לערנען העברעאיש. וואָס מען קען נאָך ראַטעווען — זאָל געראַטעוועט ווערן!

און איין גרויסע האָפנונג גיט די חבר׳טעס מוט אין זייער אַרבעט: אויב זיי אַליין איז ניט באַשערט געווען צו לעבן אין ארץ־ישראל, דערפאַר וואַקסט אָבער אַ נייער דור, אַ יונגערער, אַ פרייערער, וואָס איז נאָך אַ בעל־הבית איבער זיין צוקונפט. אפשר וועט ער פאַרווירקלאַכן דאָס, וואָס זיי איז ניט באַשערט געווען צו פאַרווירקלאַכן.

און עס טרייסט דער באַוואוסטזיין, אַז די אַרבעט וואָס מען טוט איצט, פון דערווייטנס און מיט בענקעניש, — אַז זי איז אַ וועג וואָס פירט צו דער אמת׳ער בשותפות׳דיגער אַרבעט אין ארץ־ישראל גופא.

ירושלים — רחל ינאית



ר ח ל
בלאָוושטיין

רחל

אונזער בוך איז באַשערט צו ענדיגן זיך מיט אַ בשורה פון טויט.

דעם 29־טן ניסן, אַז דער בוך איז שוין געווען פאַרטיג אין דרוק, איז אויסגעגאַנגען אונזער דיכטערין רחל. פריער, בשעת מיר האָבן געדרוקט אירע לידער, איז שווער געווען צו שרייבן מער וועגן אַ נאָענטן מענטשן וואָס לעבט. היינט איז די מניעה ניטאָ מער!... און ווען אירע טרייע לעזער און פריינד וועלן אַרויסגעבן אַלץ וואָס איז פון איר געבליבן — דאָס געדרוקטע און ניט געדרוקטע, — וועט אויך געמאַכט ווערן דער פרוב צו באַלויכטן איר פערזענלאַכקייט און איר שיקזאַל.

אין אָנהויב איז שווער געווען צו גלויבן, אַז רחל — איינע פון אונז — איז די דיכטערין, אויף וועלכע ס׳האָט געוואַרט אונזער דור, אַזוי ווי ס׳האָט זיך צוערשט ניט געגלויבט אַז דער חבר און חבר׳טע, וואָס זיינען געקומען אַרבעטן אין ארץ־ישראל, זיינען עס די, אויף וועלכע עס וואַרט שוין דורות־לאַנג דאָס אידישע פאָלק.

רחל׳ס באַגעגעניש מיט ארץ־ישראל, — אַזוי ווי די באַגעגעניש פון דער גאַנצער צווייטער עליה — איז געווען אַ היסטאָרישע. דאָס מיידל, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין ווייטן רוסישן צָפון, אָן דעם קלאַנג פון תנ״ך און אָן אַ וואָרט מאַמע־לָשון, האָט עס באַוויזן אַריינצוהויכן נייעם לעבן אין העב־רעאישן ליד.

איינער פון די וואונדער פון לעבן איז געווען דאָס אויפבליען פון איר דיכטערישן טאַלאַנט גראָד אין דער צייט, ווען עס האָט זי באַפאַלן די אומהיילבאַרע קראַנקייט. און וואָס ליידנדער ס׳איז געוואָרן איר גוף — אַלץ מענטשלאַך־פאָלקאָמענער זיינען געוואָרן אירע לידער.

זייענדיג כמעט צוגעשמידט צום בעט, האָט זי דאָך געהאַט פילזייטיגע גרויסע פאַרבינדונגען מיט מענטשן. איר ליריק, איר פערזענלאַכקייט און איר אומגעוויינלאַכער שיקזאַל האָט זיי צו איר געצויגן.

פאַר אַ ווייטן קרייז לעזער איז זי געווען די געליבטע דיכטערין וואָס האָט פון איר צימער־תפיסה באַשענקט מיט לידער. אירע יוגנט־פריינד פון דער צווייטער עליה, האָבן געקענט די צוואַנציק־יאָריגע ווי זי איז געקומען אין לאַנד: שיין, פילזייטיג באַגאַבט און געבילדעט, אַיינעמענדיג אַלע הערצער. זיי האָבן געזען אירע וואונדערבאַרע באַציהונגען צו דער שפראַך, צום תנ״ך, צו דער נאַטור, צו דער אַרבעט, איר פריינדשאַפט מיט א. ד. גאָרדאָן און איר טרייע חבר׳שאַפט מיט יעדער גוטער מיידל וואָס האָט געאַרבעט מיט איר צוזאַמען. אַ קליינער קרייז האָט אויך פאַרשטאַנען איר טיפע און סתירות׳פולע פערזענלאַכקייט.

און די גאַנצע צייט האָט באַגלייט רחל׳ס לעבן אַ הויך פון אַ לעגענדע. ביזן סוף, ביזן קֶבר, וואָס הענגט איצט לויט איר וואונש איבערן ים כנרת.

פרייז בראָשירט 1.50 דאל.